STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06075

PESHAT

Jacob Botoshansky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב באָטאָשאַנסקי

פּשט

(פּירושים אויף יידישע שרייבער)

*

בוענאָס איירעס, 1952 — ה׳תשי״ב

משה פײגענבלום

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
J. Botoshansky

JACOBO BOTOSHANSKY

EXEGESIS

(PSHAT)

Comentarios sobre escritores Judíos

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1952
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאַלט

ה. ד. נאָמבערג — 7

לאַמעד שאַפּיראָ — 31

י. מ. ווייסנבערג — 69

משה לייב האַלפּערן — 93

מנחם באָריישאָ — 151

פּרץ הירשביין — 187

דוויד בערגלסאָן — 243

פּ. בימקאָ — 317

ש. מיללער — 355

**
*

„פשט״ איז פאַקטיש דאָס ערשטע בוך מיינס, וואָס באַשטייט פון בלויז און אויסגעשפּראָכענער ליטעראַטור־קריטיק. מיין בוך „פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער״ — וואַרשע 1933 — באַשטייט איבערהויפּט פון אינטימע בילדער פון די שרייבער מיט אַ צוגאָב פון ליטעראַטור־קריטיק און „מאַמע יידיש״ איז צום מיינסטן ליטעראַטור געשיכטע.

די לייענער האָבן זיכער אַ רעכט צו מאָנען אַ געוויסן סדר אין אַ בוך אַן ערשטלינג און אַזאַ סדר וועלן זיי אין די ניין אָפּהאַנדלונגען פון אָט דעם בוך נישט געפינען און זיי זענען בארעכטיקט צו פרעגן פאַר וואָס. און ביכדי צו געבן אַ תשובה אויף אָט דער שאלה, שרייב איך די דאָזיקע ווערטער.

מיין וועג צו דער ליטעראַטור־קריטיק איז נישט געווען קיין גלייכער. מיין חלום איז געווען: ווערן אַ בעלעטריסט. אַ זשורנאַליסט בין איך געוואָרן אויף דערוויל; דער יסוד פון מיין זשורנאַליסטישער טעטיקייט איז געווען — טעאַטער־קריטיק. אַ ליטעראַטור־קריטיקער בין איך אַ לאַנגע צייט געווען בעל פה. איך האָב געהאַלטן לעקציעס וועגן יידישער ליטעראַטור.

פון דער לעקציע וועגן ליטעראַטור בין איך געקומען צו דער רעצענזיע וועגן בוך. און איך בין זייט 1926 דער ליטעראַטור־קריטיקער פון דער טעגלעכער בוענאָס איירעסער צייטונג „די פרעסע״. און איך האָב פאַרעפנטלעכט אָפּהאַנדלונגען וועגן ליטעראַטור אויך אין פאַרשידענע אויסגאַבעס פון וואַרשע און ניו־יאָרק. די לעצטע יאָרן איז מיר ווידער אויסגעקומען צו זיין אַ לעקטאָר וועגן יידישער ליטעראַטור. און די דאָזיקע לעקציעס זענען עס געוואָרן די לעצטע סטאַדיומס פון אָט די אָפּהאַנדלונגען, וואָס זענען איצט די שיין דורך אַ בוך. און אָט די ניין אָפּהאַנדלונגען, וועלכע האָבן נישט קיין שום אַנדערע פאַרבינדונג צווישן

זיך אויסער דעם מחברס צוגאַנג, זענען געווען **די ערשטע, וואָס זענען פּאַרטיק געוואָרן.** דרוק איך דערפאַר מײַנע אָפּהאַנדלונגען אָן אַ סדר, כאָטש מײַן חלום איז צו פאַרעפנטלעכן אַ געשיכטע פון דער נײַער ייִדי־שער ליטעראַטור. אַז דער סוף וועט זײַן פאַרטיק, וועט שוין דער סדר קומען.

פון דעם דערצײַלטן וועט דער לייענער אַרויסדרינגען, אַז די אַרבעטן פון אָט דעם בוך און אַלע מײַנע אַרבעטן וועגן דער ייִדישער ליטעראַ־טור ביכלל זענען נישט ווייניקער לעקציעס ווי געשריבענע אָפּהאַנדלונ־גען. און ער וועט ריכטיק אַרויסדרינגען! אויב אָבער עמיצער וועט וועלן אַרויסדרינגען, אַז דאָס איז נאָר אַ חיסרון, אָדער נאָר אַ מעלה, וועט ער מאַכן אַ טעות. עס איז — אַן אײַגנשאַפט. לעקציעס זענען פּונקט אַזאַ לעגאַלער זשאַנר אין דער ליטעראַטור־קריטיק, ווי אָפּהאַנדלונגען אָדער עסייען.

פאַראַן אַן אומבאַקוועמלעכקייט אין דעם סדר פון מײַן ערשטן בוך „פּשט". עס זענען דאָ פאַראַן אָפּהאַנדלונגען וועגן שרײַבער, וואָס לעבן נישט און שרײַבער, וואָס להבדיל בין החיים והמתים — לעבן ברוך השם יאָ. אָבער שרײַבער זענען געווינט, אַז דאָס בוך איז די דאָזיקע היים, וווּ מען הערט קײנמאָל נישט אויף צו לעבן... מען מוז נישט צוליב שכנהשאַפט מיט פיזיש נישט־לעבעדיקע טראַכטן וועגן טויט, מען דאַרף דורך דעם טראַכטן וועגן אייביקן לעבן.

דער טיטל פון מײַן בוך „פּשט" נייטיקט זיך נישט אין קיין באַ־זונדערער דערקלערונג. מײַן פרײַנד, דער דיכטער און ליטעראַטור־קרי־טיקער נ. ב. מינקאָוו, האָט בײַ מיר אויפגעפּאָדערט, אַז איך זאָל מעלדן אין אַלע מײַנע ביכער וועגן ליטעראַטור און קונסט, אַז איך בין נישט קיין ליטעראַטור־קריטיקער, נאָר בלויז אַ קונסט־געניסער. ש. ניגער האָט דערויף געענטפערט, אַז אַ קונסט־געניסער איז בעצם אַ קונסט־קריטי־קער און ער האָט מיר פערזענלעך דערצו געגעבן עפנטלעך־שריפטלעך די פולסטע סמיכה אַלס ליטעראַטור־קריטיקער. איך וויל נישט געבן קיין רמז, דרש און סוד, מײַן ציל איז צו געבן בלויז — פּ ש ט.

איך האָב געהאַט בדעה אָנצורופן מײַן בוך „מעשות וועגן ייִדישע שרײַבער" און אייניקע פון זיי זענען טאַקע געשריבן ווי מעשות, אָבער אין כלל גענומען איז מײַן עיקרדיקע כוונה צו געבן אַ פולשטענדיקן פּירוש אויף די ווערק פון די ייִדישע שרײַבער.

דער מחבר.

ה. ר. נאָמבערג

אַזוי האָט ער אָנגעהויבן

דריי גרויסע תלמידים האָט י. ל. פרץ געהאַט. מען האָט זיי אפילו גערופן „דער דרייבונד". צוויי פון אָט די דאָזיקע דריי לעבן נאָך, ביז הונ־דערט און צוואַנציק יאָר, איינער הייסט שלום אַש און איינער אברהם רייזען. דער דריטער פון זיי איז שוין נישטאָ צווישן די לעבעדיקע. הירש דוויד נאָמבערג איז זיין נאָמען. און אָט וועגן אים דערצייל איך עס אייך דאָ היינט און זיינע ווערק פאַרטייטש איך.

51 יאָר, זיבן חדשים מיט זיבעצן טעג האָט ער געלעבט אויף גאָטס וועלט. ער איז געבוירן געוואָרן אין דער פוילישער שטאָט אמשינאָוו, וואַרשעווער געגנט, דעם 4טן אפריל 1876 און ער איז אַוועק אין דער איי־ביקייט אין אָטוואָצק — א זומער פלאַץ נישט ווייט פון וואַרשע — דעם 21טן נאָוועמבער 1927. און געשטאַמט האָט ער פון גרויסן יחוס. פון טאַטנס צד: דור־דורות רבנים, פון דער מאַמעס צד אויך דור־דורות רבנים, אָבער אויך סוחרים. זיין פאָטער האָט אָנגעהויבן ווערן אַן אַפּיקורס און ער איז יונג געשטאָרבן און ער איז דערצויגן געוואָרן ביי זיין זיידן פון דער מוטערס צד, א ייד, וואָס איז געפאָרן צום לובלינער רבין און האָט געפירט גרויסע געשעפטן מיט פוילישע פריצים און האָט זיך אליין אויפ־געפירט ווי א שטיק פוילישער פריץ, ער איז נישט בלויז געפאָרן אין אַ קאַטש, נאָר אויך רייטנדיק איז ער אַרומגעפאָרן. ער איז אויך געווען א בעל צדקה און א מכניס אורח. ביי אָט דעם זיידן האָט הירש דוויד אויס־געלערנט צו זיין פריי און נאָכגיביק און האַלטן אָפן טיר, האַרץ און האַנט. ביז 18 יאָר האָט ה. ד. נאָמבערג געלערנט תורה און ער איז געוואָרן אַ

גרויסער למדן, דערנאָך האָט ער חתונה געהאַט און ער האָט זיך פארפלאָנטערט אין השכלה און גענומען לערנען רוסיש, דייטש און פויליש און זיין גלויבן האָט זיך גענומען וואַקלען. די העברעישע ליטעראַטור, אין וועלכער ער האָט געזוכט א באשייד פאר זיינע ספיקות, האָט אים נישט באפרידיקט און ער האָט גראָד איבערגעלייענט פרצעס א ביכל העברעישע לידער און ער איז בקרוב אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע צו פרעגן ביים מחבר שאלות וועגן פראָבלעם — גאָט. געפאָרן קיין ווארשע איז ער מיט דער הילף פון א סאָציאַליסטישן סטודענטן־קרייז, וואָס האָט געהאָלפן יידישע יונגעלייט זיך צו בילדן און ער האָט געקראָגן אַ שם פון אַן אַפיקורס און ער האָט זיך געמוזט שיידן מיט זיין פרוי. 21 יאָר איז ער אַלט געוואָרן, ווען ער איז געקומען קיין ווארשע און ער איז שוין דאָרט פארבליבן. ער האָט געשריבן העברעישע שירים און אונטער פרצעס איינפלוס האָט ער גענומען שרייבן יידיש. ער האָט גיך געקראָגן א פּאָסטן אלס העברעישער לערער און אויך אַלס הויז־אַדמיניסטראַטאָר און ער האָט געקראָגן א גרויסע וווינונג, וועלכע ער האָט געלאָזט אָפן פאר א סך יונגעלייט, וואָס זענען געקומען פון קליינע שטעטלעך לערנען מאָדערנע בילדונג אין וואַרשע. און ער האָט זיך גיך באפריינדעט מיט אברהם רייזען און שלום אש און אלס דער גרעסטער פארדינער צווישן זיי איז ער געוואָרן זייער אַרויסהעלפער און אלס דער געבילדעטסטער צווישן זיי און דער שארפסטער קאָפּ איז ער געוואָרן זייער קריטיקער.

די סאמע ערשטע זאך נאָמבערגס איז געווען א לעגענדע א״נ „פון שטאָל״, וואָס זאָל געווען האָבן דעם זעלביקן מאָטיוו, וואָס מענדעלע מוכר ספרימס „קליאַטשע״, אָבער די צענזור האָט דאָס נישט דורכגעלאָזט און ס׳איז קיינמאָל נישט דערשינען אין דרוק. זיין ערשט ליד איז דערשינען אין וואָכנבלאַט „דער יוד״ און האָט געהייסן „דער נביא״ און זיין ערשט מעשהלע האָט געהייסן „דאָס גליק״ און איז דערשינען אין אברהם רייזענס זאַמלבוך „דאָס צוואנציקסטע יאָרהונדערט״.ביידע זענען דערשינען אין יאָר 1900. קנאפּע 28 יאָר איז נאָמבערג געווען א שרייבער ביי יידן און ער האָט אין די סאמע ערשטע זאכן זיינע זיך שוין באוויזן מיט זיינע עיקרדיקע אייגנשאפטן: קורצקייט, קלאָרקייט, שארפקייט און געדאנקלעכקייט. אין דעם ערשטן ליד איז געווען געדאַנק, אין דעם ערשטן מעשהלע איז געווען געזאַנג. אין ביידע האָט ער געזוכט דעם סאמע זין פון לעבן, אין ביידע האָט ער געוויזן דעם מענטשנס שוואכקייט.

אָט באַלד ווי ה. ד. נאָמבערג איז געוואָרן אַ שרייבער, האָט ער אָנגעשריבן א רעוואָלוציאָנער ליד, וואָס איז געווען געדרוקט אין אַן אומלעגאַלער זאַמלונג און איז גלייך געוואָרן זייער פּאָפּולער ביי יידישע אַרבעטער. מען האָט דאָס דעקלאַמירט און געזונגען. „עס לויפן עס יאָגן שוואַרצע וואָלקן" הייסט דאָס דאָזיקע ליד. עס האָט עכטן געפיל און פּובליציסטישע שאַרפקייט. עס איז א וויג־ליד. אַ מאַמע שלעפערט איין איר קינד און דערציילט דעם, אַז דער טאַטע שיקט אים אַ גרוס פון סיביר. דער ווינט ברענגט גרוסן פון דעם קאַלטן לאַנד, וווּ דער טאַטע שטייט מיט אַ לאָפּעטע אין דער האַנט און ער גראָבט אַלץ טיפער און טיפער. וואַרפט די ערד אַרויס און די מאַמע הייסט דעם קינד נישט זאָרגן — דער טאַטע גראָבט פאַר דעם שקר קברים אויס. ער פאַלט נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער אויף דעם פעלד, אָבער ער איז אַ גרויסער העלד. און די מאַמע זינגט, אַז איר קינד וועט אויך אויסוואַקסן א העלד און זי הייסט אים זאַמלען כוחות פאַר דער צוקונפט. מער קיין לידער פון אזא פּראָפּאַגאַנדע מין האָט ער נישט געשריבן. ער האָט צום מייסטן געשריבן דערציילונגען און סקיצן וועגן שוואַכע מענטשן און די פּאָפּולערסטע דערציילונג זיינע פון דעם דאָזיקן מין הייסט „פליגלמאַן", וואָס ער האָט אָנגעשריבן און צום ערשטן מאָל פאַרעפנטלעכט אין יאָר 1905 און וואָס איז געוואָרן דער גרעסטער שם־דבר פון זיינע ווערק. פּונקט ווי מען זאָגט „טביה", ווען מען דערמאָנט שלום עליכמען און „שטעטל", ווען מען דערמאָנט שלום אַש, אַזוי זאָגט מען „פליגלמאַן", ווען מען רעדט וועגן נאָמבערגן.

אַכט יאָר האָט ה. ד. נאָמבערג געשריבן כּימעט נאָר דערציילונגען און סקיצן. דאָ און דאָרט האָט ער געשריבן אַ ליד און אַן עסיי, אָדער אַ פּובליציסטיש אַרטיקל. זייט 1908, האָט ער שוין זייער זעלטן געשריבן בעלעטריסטיק און ער האָט איבערהויפּט געשריבן פּובליציסטיק און ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט כלל־זאַכן. אין יאָר 1908 האָט ער זיך באַטייליקט אין דער באַרימט־געוואָרענער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ און ער איז דאָרט געווען זייער אַקטיוו. ער איז געווען דער מחבר פון דער רעזאָלוציע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרן. דער לינקער צד האָט געוואָלט א שאַרפערע רעזאָלוציע אין דער שפּראַכן פראַגע, דער רעכטער צד האָט געוואָלט א גאָר מילדערע און נאָמבערגס לויטערער שכל און רואיקייט האָט געהאָלפן צו געפינען דעם ריכטיקן טאָן. און אָט־אָ דאָ קענען מיר

זיך אָפּשטעלן און געבן א פּירוש צו אונדזער שרייבערס בעלעטריסטיק, וואָס איר עיקר איז געשאַפן געוואָרן ביז 1908.

בעלעטריסטיק

דער הויפּטשטריך פון דעם לעבנשטייגער און די מענטשן, וואָס נאָמבערג שילדערט, איז היימלאָזיקייט. און נאָך א הויפּט שטריך האָבן זיינע מענטשן: פּאַסיוויטעט און פאַטאַליזם. אַפילו די קינדער זענען ביי אים פּאַסיוו און פאַטאַליסטיש. אין איינער פון זיינע סאַמע ערשטע דער־ציילונגען, וואָס הייסט „צווישן טאַטע־מאַמע”, ווערט דאָס יינגעלע יצחק געוואָרפן ווי א פּילקע צווישן די געגטע טאַטע מאַמע. די מאַמע וויל חתונה האָבן, שיקט זי דאָס קינד צום טאַטן, דער טאַטע וווינט מיט א ווייב אַן ארורה, שיקט ער אים תיכף צוריק צו דער מאַמען. און דאָס יינגעלע פּראָטעסטירט אפילו נישט, ער בייגט אָן דאָס קעפּל און ער איז אַלץ מקבל באהבה. אין דער דערציילונג „אלול” גנבעט דאָס יינגעלע געלט ביי זיין גוססדיקער באָבע און ער ווייסט, אז ער טוט שלעכט, אָבער ער קען זיך נישט באהערשן און ער טרייסט זיך מיט די ווערטער: „סיי ווי אַריינפאַלן אין גהינום”. יצחק איז פּאַסיוו, שלמהלע איז פאַטאַליסטיש. איין יינגל איז עפּעס יאָ אַקטיוו, דאָס איז חיימל אין „אויגן”. חיימל איז דאָס שלימזלדיקסטע יינגל אין חדר און ער כאַפּט אויס אלע שמיץ און אין מוח באַמבלען זיך ביי אים שוין יאָ אַקטיווע נקמה געפילן. ארויס דער שטאָט איז פאַראַן דאָס באַרימטע בערגל, וואָס האָט א טורעם, וועלכער קען חרוב מאַכן די גאַנצע וועלט, אָבער ער איז צוגעדעקט מיט א דעקל, וויל ער אויס נקמה גיין אויפדעקן דאָס דעקל. דאָס איז שוין די כלומרשטע אַקטיוויטעט.

ווער האָט נישט געשילדערט דעם שטורעם, וואָס ער האָט אַרויס־גערופן ביי די פרומע טאַטעס דאָס אפּיקורס ווערן פון די זין? ביי נאָמ־בערגן איז דער דאָזיקער קאַמף שטיל און פּאַסיוו. אין דער דערציילונג „דער רב און דעם רבס זון” פּאַקט דער רב זיין זון שרייבן אום שבת, רופט ער אים אַרויס אין פעלד אַריין, שפּאַנט מיט אים און שווייגט. ער זעט ווי דער זון טראָגט דאָס טיכל פון יענער זייט עירוב און ער שווייגט. ער דאַוונט אָפּ מינחה און שווייגט און קערט זיך אהיים און שווייגט.

„אין א פוילישער ישיבה“ איז פאַראַן אַ העלד, דער וואָלינער, וואָס האָט דערגרייכט דעם טיטול עילוי און ערשטער תלמיד פאַר דעם פרייז פון שווערער מי און ביים ערשטן אטענטאט אויף זיין פּאָזיציע, גיט ער אויף דעם קאמף איניינעם מיט דעם טיטל.

און ווען נאָמבערג האָט גענומען שילדערן מענטשן פון יענער זייט באַריערע פון פרומען יידישן לעבן, האָט ער אויך געשילדערט שוואכע, פאסיווע און פּאַטאַליסטישע מענטשן. נישט קיין מענטשן, נאָר מענטשע־לעך האָט ער געשילדערט. זיי מאכן אָפט דעם איינדרוק מער פון מאס־קעס און קאַריקאַטורן, ווי פון לעבעדיקע מענטשן. אין דער דערציילונג „אויף איין קווארטיר“ וווינען די צוויי חברים פיינער און גוטמאַן אין איין צימער און זיי שלאָפן אפילו אין איין בעט און גוטמאַן פארליבט זיך און פיינער ווערט אייפערזיכטיק. גוטמאַן פּארליבט זיך אין א בילד פון א מיידל, וואָס ער קען נישט, ער האָט די פאָטאָגראַפיע געפונען. דאָ איז פאַראַן א גאנצער ראָמאַן פון ליבע און אייפערזוכט, עס פעלט נאָר דאָס מיידל. איז דאָס נישט קיין קאַריקאַטור? און אין דער סקיצע „אין א חסידיש הויז“ פארליבט זיך דאָס שרייבערל אין זיין פרינציפּאַלס טאָכטער און ער רעדט נישט קיין וואָרט מיט איר, ווייל „דער שכל איז אַ קריכער“ און ער געפינט וועגן וואָס צו רעדן מיט איר ערשט, ווען ער זעט זי גיין מיט אַן אַנדער בחור און לאכן צו אים און ער ווערט דערפון שרעקלעך „אנטוישט“. און בעַנדער, דער „העלד“ פון די צוויי זאכן „א שפּיל אין ליבע“ און „בריוו“, האָט נישט קיין כוח צו נעמען אביסל ליבע ביי דעם שוואכן מיידל מאַניע און ער רעדט צו איר פילאָזאָפיש און ער ווארט, אַז זי זאָל אים אונטערטראָגן די ליבע און איר ווערט נימאס זיין פּאַסי־וויטעט און זי נעמט אים רייצן און אנטלויפט; אָט־אָ־דער בענדער האַלט, אַז „ער קאָן נישט לעבן, ווייל ער איז צו קלוג“ און ער באשליסט, מעשה קוהלת, אז אין דער וועלט איז נישטאָ קיין ליבע, האס און קינאה, נאָר עס זענען דאָ פארבייגייענדיקע געפילן.

און די דאָזיקע, וואָס זענען פיזיש נישט שוואך און נישט קאָמיש זענען ביי נאָמבערגן אויך פּאסיוו און מאכטלאָז, ווען עס קומט צו דער ליבע. אין דער ווונדערלעכער דערציילונג „א קורסיסטע“ זענען דר. וויינ־שטיין און די קורסיסטקע ליובא פידלער גאנץ נאָרמאלע מענטשן, אָבער די ליבע צווישן זיי איז אַ קאַלטע, אַן אויסגעמוטשטע און זיי צעשיידן זיך אָן געראנגל און אפילו אָן טרויער. און פּעליאַ אין „שוויג, שוועסטער“

איז אַ מאַכטלאָזע, אָן מוט צו לעבן. זי טראָגט זיך אַרום מיט אַ „דעמיסיע פון לעבן״ אין געשטאַלט פון אַ פלעשעלע ציאַן קאַלי, זאָגט זי, ווייל זי איז געוואויר געוואָרן, וואָס „די מענער ווילן פון איר״. ביי אַן אַנדער שרייבער וואָלט אַ מיידל רעזיגנירט פון לעבן, ווען די מענער ווילן נישט דאָס דאָזיקע, וואָס זיי דאַרפן וועלן.

אין „פליגלמאַן״ האָט נאָמבערג קאָנצענטרירט די שעמעוודיקע מאַכט־לאָזיקייט פון זיינע אַלע פּאַרשוינען. דער דאָזיקער העלד איז דער סך־הכל פון זיינע העלדן. אין דער פילאָזאָפיע איז פליגלמאַן דווקא נישט אַזוי פּעסימיסטיש, ווי זיין חבר בענדער. אדרבא, ער איז אַן אָפּטימיסט, ער האָט ליב שיינקייט. ער באַצאָלט פאַר דעם צימער מיט אַ פּאָר רובל טייערער, די לבנה זאָל אַריינקוקן אהין. אָבער אין דער פּראַקטיק איז ער מאַכטלאָז. מיט דער לבנה קומט ער ווי עס איז נישט איז דורך — ער קוקט אויף איר. אַנדערש איז מיט דער ליבע. ווען דאָס מיידל פון אַנט־קעגן קוקט אויף אים, זאָגט ער, אַז „מען דאַרף זיך באַהערשן״ און דאָס דאָזיקע „באַהערשן זיך״ פירט אים צו משוגעת. דאָס מיידל שטעקט אים אַרויס אַ לעקער.

בעל מחשבות האָט אָנגעוויזן, אַז נאָמבערג האָט ליב צו שילדערן באַציונגען צווישן שוואַכע מענער און שטאַרקע פרויען. נאָר אין צוויי זאַכן ווערן אַזעלכע פּאָרלעך געשילדערט: אין דער שוין דערמאָנטער דער־ציילונג „אין אַ חסידיש הויז״ און איבערהויפּט אין „צווישן בערג״, וואָס איז אפשר די שענסטע דערציילונג פון אונדזער שרייבער. די נאַטור־שיל־דערונגען פון די בערג אין דער שווייץ געהערן צו די סאַמע פּערל אין דער יידישער ליטעראַטור. אין אָט דער דערציילונג הייסט דער העלד שוואַרצפעלד און ער איז אַ צווייטע אויפלאַגע פון בענדערן. ער פאַר־ליבט זיך אין קרעפטיקן מיידל סאָניא און ער ווערט צעשמעטערט דורך דער דאָזיקער ליבע. בשעת אַ שפּאַציר מיט שליטלעך אין די אַלפּן, פאַלט ער אַראָפּ אין אַן אָפּגרונט. מען ווייס נישט, צי דאָס איז גורל, צי זעלבסט־מאָרד, אָבער שוואַכקייט איז דאָס אויף יעדן פאַל.

ניגער ציטירט אַ שטעל פון נאָמבערגס פּאָעמע אין פּראָזע „דאָס ביימל״ אין וועלכן ער פרעגט צו וואָס עס טויגן קליינע, דאַרע, קראַנקע ביימלעך און ער ענטפערט, אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט פאַר גרויסע, געזונטע און שטאַרקע ביימער; און דער קריטיקער וויל אויספירן, אַז נאָמבערג איז קעגן זיינע שוואַכע העלדן, אָבער ער וואָלט די דאָזיקע באַ־

הויפּטונג זיינע נישט געקענט באַשטעטיקן. נאָמבערג איז אויף אַזויפיל קאַלט־אָביעקטיוו צו זיינע העלדן, אז מ׳קען אבסאָלוט נישט ארויסנעמען זיין אייגענעם געדאַנק. און פּונקט ווי ביי זיין ראיא מאנא באַוויזט זיך באַלד נעבן טרויער־קנייטש א שמייכל, באַווייזט זיך דער זעלביקער שמייכל אויך ביי אים אַליין. גיכער איז שווין ריכטיק צו זאָגן, אַז נאָמבערג איז סוביעקטיוו־פּעסימיסטיש. ער ווייזט אין זיין לעגענדע „דאָס גליק״, אַז גליק איז אָדער פאַרפלעקט, אָדער נישטאָ, אָדער... אומגליק. דאָס נאָענטסטע צום אמת וועט זיין צו זאָגן, אַז נאָמבערג זעט אין זיינע העלדן אזעלכע טראגעדיעס, וואָס מיט קיין ווערטער קען מען זיי נישט ארויסברענגען און ווען מען דערציילט זיי מיט ווערטער, פאַרקלענערט מען זיי און מען פארשוועכט זיי. פעליא פון „שוויג, שוועסטער״ באַגייט זעלבסטמאָרד ערשט נאָך דעם, וואָס זי האָט דערציילט איר שוועסטער איר טראַגעדיע. און אין דער דערציילונג „פאַרשוועכטע הייליקייטן״ דערציילט א בחור זיינע ליידן און צום לעצט דערפילט ער, אז ער האָט גאָרנישט געזאָגט און ער האָט זיך נאָר פארשוועכט די שענסטע געפילן.

ווען נאָמבערגס באַציונג צו פיזיש־שוואַכע, איז כדאַי צו דערמאָנען, וואָס אפרים קאַגאַנאָווסקי דערציילט אין דעם פּרט. ער דערציילט, אַז נאָמבערג האָט אַמאָל געוווינט אין איין האָטעל מיט שלעגער פון אַ צירק, וואָס זענען געווען פיזישע ריזן און ער איז זיי נאָכגעגאנגען ווי א פאַרליבטער און פארשיכורטער.

אין צוויי זאכן פילט זיך נאָמבערגס נעגאטיווע באַציונג צו זיינע פארשווינען — אין „שייקער און שלימזל״ און אין „ווער איז שולדיק?״. אין דער ערשטער דערציילונג איז פאַראַן אן אָפענער חוזק, אָבער עס איז נישטאָ קיין שום אָנדייט, אז ער מיינט, אז אלע זענען אזוי. אין דער צווייטער דערציילונג ווינט פינקלמאן נישט מיט זיין ווייב, וועלכע ער האָט דווקא ליב, נאָר ווייל דער שווער האָט אים אָפּגענארט און דער מחבר ווייזט זיין העלד מיט א זייער ברודיק הארץ און דאָך פרעגט ער: ווער איז שולדיק? און עס מאכט דעם איינדרוק, אז דער מחבר אליין ווייסט נישט ווער עס איז שולדיק — דער העלד, צי די סביבה.

דער אינהאלט איז אין נאָמבערגס בעלעטריסטישע זאכן אינטערעסאַנטער ווי די פאָרם. דער אינהאַלט איז אָנגעזעטיקט מיט דעם מענטשנס שווערסטן געראַנגל צווישן טרויער און פרייד, דורשט און דערפילונג, די

פאָרם איז על פי רוב ווי פון אַן עסיי. עס ווייעט מיט פובליציסטיק. און אָט דערפאר האָבן מיר זיך אַזוי פיל אָפּגעשטעלט אויף זיין אינהאלט און אַזוי ווייניק אויף זיין פאָרם. אין דער פאָרם איז ער געווען אַן אינ־טעלעקטואל. ער האָט מער דעמאָנסטרירט ווי געשאפן. דער תמצית פון נאָמבערגס לעבן־פילאָזאָפיע איז פאראן אין זיין שענסטן ליד (וואָס ער האָט גערופן „קופלעט״) „אוי וויי און כאכאכא, אוי אוי״. אָט ווי דאָס דאָזיקע ליד הויבט זיך אָן:

אַ שאָטן איז דעם מענטשנס לעבן,
אוי, יאָ! עס איז אַזוי,
ער יאָגט דאָס גליק און טרעפט דאַנעבן
און יאָגט און פאַלט, אוי, אוי.
כאַכאַ, ער יאָגט און לויפט,
אוי וויי, דאָס גליק אַנטלויפט.

אַ מערקווירדיקע זאַך: קיין דרייסיק יאָר איז נאָך נאָמבערג נישט אַלט געווען, ווען ער האָט געשריבן זיינע בודיסטיש־קוהלתדיקע לידער־דערציילונגען־עסייען. ער איז באלד געבוירן געוואָרן אַן דעם שיר השי־רימדיקן, ער איז געווען א יונגער קוהלת...

דער פובליציסט און דער כלל־טוער

כימעט פון דער ערשטער רגע, וואָס נאָמבערג האָט זיך אָפּגעגעבן דער ליטעראַטור האָט ער זיך אָפּגעגעבן אויך דער פובליציסטיק. פרץ האָט אָנגעהויבן דעם קאמף פאר יידיש־וועלטלעכער קולטור. ער האָט דאָס ביים אָנהויב גערופן „בילדונג״, דערנאָך האָט ער געזוכט א וואָרט דער־פאַר, דערנאָך האָט ער גערופן „איז שול אַריין״, דערנאָך ער געזוכט א סינטעז צווישן מאָדערנער בילדונג און דעם פרומען יידישן לעבן. געהאָלפן אים אין דעם האָט דער גאַנצער „דרייבונד״ — אַש־נאָמבערג־רייזען, אָבער אַש האָט געהאט א קנאפן חוש פאר געזעלשאפטלעכקייט און אלץ איז ביי אים אַרויסגעקומען עגאָצענטריש. רייזען האָט געהאָלפן קעמפן פאַר יידיש און איבערהויפט פאר יידישער ליטעראַטור, אָבער פאר קיין גע־זעלשאפטלעכן קאמף האָט ער נישט געהאט קיין נטיה און ער האָט גיך אויסגעוואנדערט פון רוסלאַנד און ער איז שוין מער נישט צוריקגעקומען;

נאָמבערג איז דער איינציקער געבליבן נעבן פּרצן. ער האָט אָפּט גע־וואַנדערט, ער האָט אַלעמאָל דערלאַנגט אַ פּאָר קיין מערב־אייראָפּע, אָבער ער איז צוריקגעקומען. און ווען ער איז אין 1911 געפאָרן קיין צפון־אַמעריקע, איז ער דאָרט אויך נישט געבליבן און אין 1912 איז ער גע־וואָרן א שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „היינט״ און ער האָט דאָרט פאַר־עפנטלעכט זיין „וואָכעדיקע שמועסן״, ער האָט שוין פריער געהאַט אַ היפּשע צייט פארעפנטלעכט אין פעטערבורגער „פריינט״ ארטיקלען אונ־טערן זעלביקן נאָמען.

נאָמבערג איז צו דער פּובליציסטיק „פארשלעפּט״ געוואָרן א דאנק זיין חוש פאר געזעלשאַפטלעכקייט, אָבער אויך זיין באַרוף האָט אים „פאַרשלעפּט״ צו דעם דאָזיקן געביט. ער איז געווען א געבענטשטער פּוב־ליציסט. אויב זיינע א דערציילונג האָט געהאַט די קאַלטקייט און גלייכ־ליניעדיקייט פון אַן אַרטיקל, האָט זיינס אַן ארטיקל געהאַט דעם רייץ פון א דערציילונג. פאַראַן א סאָרט פּובליציסטיק, וואָס האָט דעם טעם און ריח פון ליטעראַטור און זי איז געשמאַק צום לייענערס גומען און אַט־אָ־די דאָזיקע פּובליציסטיק, האָט געשריבן נאָמבערג. דוויד פרישמאַן האָט אריינגעבראַכט אין העברעיש און יידיש דעם ליטעראַרישן פעליעטאָן, וועלכער האָט געגרענעצט צווישן ליטעראַרישער פּאָלעמיק (און פּאָלע־מיק מיט ליטעראַטן) און לירישן און הומאָריסטישן אויסגוס, נאָמבערג האָט געשריבן א בפירוש געזעלשאַפטלעכן פעליעטאָן, אָבער מיט א ליטעראַ־רישן טעם.

און נאָמבערג דער פּובליציסט איז געווען אינערלעך אנדערש ווי דער ליטעראַט. אויסערלעך איז ביי אים געווען א פולע קרובהשאפט צווישןביידע, אינערלעך איז ער אין דער ליטעראַטור געווען א פעסימיסט און אין דער פּובליציסטיק האָט ער אָפּטימיסטיש געקעמפט פאר אַזאַ געזעל־שאַפטלעך־יידישער און יידישיסטישער ליניע, וואָס האָט פריער געגרע־נעצט מיט סאָציאַליזם און איז מיט דער צייט באַצייכנט געוואָרן אלס פאָלקיסטישע. א שטיק צייט האָט נאָמבערג זיך געהאַלטן נאָענט צו די יידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און צום בונד, אַלצאיינס ווי פּרץ, אָבער מיט ווייניקער אויסגעשפּראָכן סאָציאַליסטישע אקצענטן, ווי ער.

אין א פּאָלעמיק, וואָס נאָמבערג האָט געהאַט מיט פרישמאַנען צוליב פּרצן און וועלכע איז פון פרישמאַנען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א זייער נישט קאָרעקטן אָנפאַל, האָט דער לעצטער געוואָרפן א וואָרט, אז נאָמ־

בערג איז אַ „מהיכי תיתיניק״ און אַז יידיש, העברעיש, טעאַטער, קולטור, האָט פאר אים די זעלביקע אימפּאָרטאַנץ, וואָס אַ פּאַפּיראָס און אַ פּאַרטיע ביליאַרד. דאָס דאָזיקע איז געווען נישט נאָר א גוזמא, נאָר א בילבול. נאָמבערג האָט א גאַנץ לעבן געפירט א קולטור־קאַמף און ער איז לחלוטין נישט געווען קיין מהיכא תיתיניק. ער האָט נאָך כימעט קיינמאָל נישט פאַרלוירן דעם קאָנטראָל פון שכל איבער זיך און ער האָט אין פערזענ־לעכע באַציונגען אָנגעהאַלטן א געוויסע טאַקטישקייט, אָבער די פראַגן, וואָס ער האָט באַהאַנדלט, האָבן אים בלוטיק אינטערעסירט.

און אין דער עפּאָכע פון דער דייטשער אָקופּאַציע אין פוילן און פון דער פוילישער זעלבסטשטענדיקייט איז נאָמבערג געוואָרן איינעם מיט נוח פרילוצקי דער גרינדער פון דער פאָלקס־פּאַרטיי, וואָס האָט געדאַרפט ווערן די פּאַרטיי פון יידישן פאָלקס־מענטש, וואָס זאָל קעמפן פאר זיין לעבן, עקאָנאָמישע און גייסטיקע אינטערעסן און זיין שפּראַך. די ווערטער „פאָלקיזם״ און „יידישיזם״ האָט נאָמבערג געשאַפן. ער איז צום פאָלקיזם געקומען נישט לייכט. ער האָט אויף דעם וועג צו אים איבערגעלעבט מיסתמא נישט ווייניקער שלאָפלאָזע נעכט, ווי אויף דעם וועג צו זיין אפיקורסות. ער איז פריער געווען היפשלעך נאָענט צום סאָציאַליזם, בכל אופן אין פרט פון סעקולאַריזם. און די ראָמאַנטישקייט פון נאָך דער רע־וואָלוציע פון 1905, וואָס האָט ווייטערן דערפירט ביז צו פרומקייט און „שטומקייט״ און האָט פרצן געמאַכט רופן צוריק אין שול אַריין און איינ־האָרענען זינגען וועגן פאַרבלייבן אין שול, האָט אָנגעקלאַפּט אויך צו נאָמבערגן אין זיין געמיש פון מוח און האַרץ. ער האָט זיינע אָט־די איבער־לעבונגען אַרויסגעבראַכט אין זיין דראַמע „די מישפחה״ — די איינציקע דראַמע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן — וואָס האָט א מער פּובליציסטישע אויפגאַבע ווי אַ ליטעראַרישע און וואָס ענדיקט זיך ממש מיט א פּראָקלאַ־מאַציע צו גיין אין פאָלק אַריין. אין אַ בריוו צו ניגערן זאָגט בערגלסאָן, אַז „די מישפחה״ איז „אַ ווערק פון אַ טאַלענטפולן פיקח און איז אינטע־רעסאַנט הן מיט איר טעמע, הן מיט איר קינסטלערישן חן, הן מיט איר דראַמע, אויף ווּעלכער מ׳קען בשום אופן נישט זאָגן: ס׳איז אַ ליגן״.

די ערשטע דריי אקטן שילדערן דעם צעפאַל און די דעגענעראַציע פון א בירגערלעכער יידישער פאַמיליע און די אנטוישונג אין סאָציאַ־ליזם פון די אינטעליגענטן, אין וועמענס אָדערן עס פליסט רבניש בלוט. אין פערטן אקט קומט דער אנטוישטער סאָציאַליסט עליאָש מיט דעם גע־

דאַנק: נישט קיין פּאַרטיי, נאָר דאָס גאַנצע פאָלק! און ער לייגט פאָר צו מאַכן אַ ליגע, וואָס זאָל הייסן „נילי״ — נצח ישראל לא ישקר, די יידישע אייביקייט קען נישט פאַרטיליקט ווערן.

און נאָמבערג ווערט נישט נאָר גרינדער, נאָר אויך פירער פון דער פאָלקס־פאַרטיי און ווען מען שליסט אויס פּרילוצקין פון סיים, ווערט ער דעפּוטאַט. פאַר דעם פיזיש שוואַכן, הילפלאָזן און נישט אָרגאַניזירטן נאָמבערג איז דאָס געווען מער ווי אַן אָנשטרענגונג, דאָס איז געווען אַ קרבן, אָבער ער האָט אים געבראַכט אַן טענות צו קיינעם, טאַקע, ווייל ער איז נישט געווען קיין מהיכא־תיתיניק. נאָמבערג איז געווען פאָרזיצער פון יידישן ליטעראַטן און זשורנאַליסטן פאַריין, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן אַלס „טלאָמאַצקי 13״ און ער איז אויך דאָרט געווען אַ קעמפער. ווען שלום אַש האָט נישט רעספּעקטירט דאָס צימער, ווו עס איז געהאַנגען פּרצעס בילד, און ער האָט זיך דאָרט געזעצט פּוצן די שיך, האָט ער מיט אים אויפגעהערט רעדן און ווען יצחק גרינבוים האָט געשטימט קעגן דער יידישער שול צוליב פּרילוצקיס אַ טרוק, וואָס האָט אויסגעשלאָסן די העברעישע שול פון זיין פאָרשלאַג צו דער מלוכה, האָט נאָמבערג אַראָפּ־געשלעפּט גרינבוימען פון דער טריבונע פון ליטעראַטן פאַריין און אים נישט געלאָזט רעדן...

דאָס פאַרקאָכן זיך אין געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט האָט נאָמבערגן אינגאַנצן אוועקגעשלעפּט פון דער ליטעראַטור, ער האָט געהאַלטן אין איין צוזאָגן זיך אומקערן, אָבער האָט זיך נישט אומגעקערט. אַן עסיי אויף אַ ליטעראַרישער טעמע האָט ער פון צייט צו צייט נאָך געשריבן, דער־ציילונגען און לידער — כימעט קיינמאָל נישט.

פון דער פּאַרטיי־טעטיקייט האָט נאָמבערג זיך אָפּגעלאָזט אין יאָר 1920. אפשר איז עס געווען דערפאַר, ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס גאַנצע פאָלק איז נישט אַריין אין דער פאָלקיסטישער פּאַרטיי, וואָס איז דווקא געבליבן די קלענסטע פּאַרטיי ביי די פּוילישע יידן. אפשר איז ער אַוועק אויך דערפאַר, ווייל ער איז געווען פון דער נאַטור אַ באָהעם, נישט קיין פּאָליטיקער און מער פון אַלץ אַ וואַנדערער. אים איז זיך נישט איינגעזעסן אויף אַ פלאַץ. ער האָט ליב געהאַט צו ווינען אין וואַרשע נאָענט צום וואָקזאַל, כּדי צו קענען אָפּט אַ פאָר טון קיין דייטשלאַנד, שווייץ, פראַנקרייך און איטאַליע. ער האָט אַמאָל געקענט, נישט האָבנדיק אום ווינטער קיין וואַרעמען מאַנטל, אַנשטאָט צו קויפן זיך אַ מאַנטל, פאָרן

קיין איטאַליע, ווו עס איז וואַרעמער... ער האָט אין משך פון די יאָרן 1919־23 געלעבט צווישן ווארשע און בערלין און ער איז מער געווען אין דער לעצטער שטאָט ווי אין דער ערשטער.

וועגן זיין באַהעמישקייט האָט מיר א יידישער לערער, וואָס איז געווען נאָענט צו אים, דערציילט א כאראקטעריסטישן פאל: ער האָט אמאָל גע־בעטן ביי נאָמבערגן א גמילת חסד, ווייל ער דארף באצאָלן דירה־געלט, האָט ער אים אָפּגעזאָגט; און ווען ער האָט אים אביסל שפּעטער געבעטן א הלוואה, ביכדי צו קענען גיין שפּאצירן מיט א מיידל, האָט ער אים געגעבן.

און זיין וואנדערלעכקייט האָט נאָמבערגן געבראכט אין יאָר 1922 קיין אַרגענטינע, ווו ער איז געווען א שטיק צייט און ווו ער איז געווען נישט נאָר דער ליטעראַט, נאָר אויך דער געזעלשאפטלעכער קעמפער. ער האָט געצוווּנגען דער „ייקא” צו ענטפערן אויף געזעלשאַפטלעכער קריטיק אין געדרוקטן יידישן וואָרט. ער האָט דאָ געגרינדעט דעם ערשטן יידישן אקטיאָרן פאריין און דעם ליטעראַטן פאריין (וואָס טראָגט עד היום זיין נאָמען). נאָמבערג האָט קיין אַרגענטינע געבראַכט פּרצישן גייסט און דער דאָזיקער גייסט פילט זיך אין אונדזער ישוב עד היום. און ער האָט אַריינגעבראכט דורך זיינע רייזע־ איינדרוקן אַרגענטינער קאָלאָריט אין דער יידישער ליטעראַטור אַריין, ערגעץ אין דער מיט צווישן בעלעט־ריסטיק און פובליציסטיק. זיינע בילדער פון דער פּאַמפּאַ וועלן פארבלייבן ווי אַ וויכטיקער טייל פון דער אַרגענטינער יידישער ליטעראַטור.

אויב אין דער בעלעטריסטיק איז נאָמבערג געווען מער לערער ווי שאַפער, איז ער אין דער יידישער פובליציסטיק געווען אי אַ לערער, אי אַ שאַפער. ער איז געווען איינער פון די הויפּט־שעפער פון דעם פובליציס־טישן סטיל אין יידיש. ער האָט גענוצט א קלאָרע פּראַזע און א קלאָרן געדאַנק. זיינס אן ארטיקל איז געווען א גאנצער בנין און ער האָט גע־רעדט אי צום מוח, אי צום הארצן און ער האָט פארייניקט געדאנק מיט בילד און ברוטאַלע רעאַליטעט מיט גלויבן. אפרים קאַגאַנאָווסקי דער־ציילט, אַז נאָמבערג האָט אַ גאַנץ לעבן געחלומט צו באַנייען דאָס שרייבן בעלעטריסטיק, אויך אַנדערע דערציילן דאָס, אָבער ווארשיינלעך האָט דער גורל אַליין אים געזאָגט, אַז ער האָט בעלעטריסטיש זיך אויסגעשריבן.

דער עסייאיסט

דער עסיי איז די מיט צווישן בעלעטריסטיק און פובליציסטיק און נאָמבערג איז וואַרשיינלעך מער ווי אַלץ געווען אַן עסייאיסט. ער איז דאָס געווען אין זיינע דערציילונגען און אַרטיקלען. ער האָט אָבער דירעקט געשריבן עסייען וועגן „מענטשן און ווערק״ (אזוי הייסט זיין ניינטער באנד, אין וועלכן עס זענען פאַראַן 39 עסייען וועגן אַריבער צוואנציק יידישע שרייבער). און ער האָט אין זיינע עסייען אַרויסגעוויזן דעם זעל־ביקן אינטערעס פאַר קונסט, ווי פאַר פראַקטישע עינינים.

מיר שיינט, אז קיינער האָט אזוי שאַרף נישט אָנגעוויזן אויף דעם אַבסורד פון גייסטיקן ציוניזם, וואָס אחד העם האָט באַגרינדעט, ווי נאָמבערג האָט דאָס געטון. אחד העם איז טאַקע געווען אַ גאַנץ גרויסער געלערנטער און אַ פיינער און טיפער פילאָזאָפישער עסייאיסט, אָבער זיין תורה, אַז ארץ־ישראל זאָל ווערן דער גייסטיקער צענטער, דער מרכז פון תורה, וואָס זאָל באשפּייזן די פעריפעריע, דעם גלות, איז געווען אַן אומזין. ארץ־ישראל עקזיסטירט, ווייל דאָרט איז פאראַן אין דער געהעריקער מאָס גייסט און קערפּער. נאָמבערג האָט אָנגעוויזן, אז גשמיות און רוחניות זענען נישט קיין באַזונדערע זאַכן, נאָר איינס. נאָמבערג נוצט לגבי אחד העמן דעם שאַרפן אויסדרוק „אומבאַוועגלעכער מוח״. אחד העם האָט געהאַט אַן אריסטאָקראַטיש־פאַראַכטנדיקע באַציונג צו יידיש און ער האָט געזאָגט, אז די גאַנצע יידישע פּאָעזיע איז פּלוידעריי און נאָמבערג ציטירט אים אָט די שורות פון אַ יידישן פאָלקסליד, בּיכדי אים צו ווייזן ווי פּאָ־עטיש אונדזער פילן איז:

> אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג,
> אין שטיבל איז אַ פאַרע,
> כ׳האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרן,
> ווי אין אַ פינצטערער כמאָרע.

מערקווירדיק, ווי נאָמבערג האָט געזאָגט אחד העמען צוריק מיט קנאַפּע דרייסיק יאָר: „אַ דרייסט, אָפן, נאַטירלעך יידישקייט ווילן מיר, אַ יידישקייט פון די בוריונים״. אין ארץ־ישראל איז די יוגנט אָפּט געגאַנ־גען אויף אָט־דעם וועג. נישט בלויז די רעוויזיאָניסטישע יוגנט, וואָס האָט בראַוורט מיט „בוריונישקייט״, נאָר אויך די מפּאַ״י און מפּ״ם־יוגנט.

נאָמבערג האָט געקענט א ביס טון. ער האָט די נעגאַטיווע זייט פון נחום סאָקאָלאָוו כאַראַקטעריזירט ווי גאָר ווייניקע. ער האָט געזאָגט, אַז עס איז שווער אויסצורעכענען, וואָס סאָקאָלאָוו איז יאָ, גרינגער איז צו אויסרעכענען, וואָס ער איז נישט. און ער איז נישט קיין מענטש פון סטיל (ער איז א מענטש פון סטילן). און ווען סאָקאָלאָוו האָט געהאַלטן צוויי לעקציעס אין פויליש און איינע אין העברעיש און מען האָט אין דעם גע־זען א מאַניפעסטאַציע קעגן יידיש, האָט נאָמבערג געשריבן, אַז סאָקאָלאָוו איז נישט קיין מענטש פון מאַניפעסטאַציעס, ער איז גרייט אַלץ צו באַ־רעכטיקן. אָבער יידיש איז צו יונג פאַר אים. ער איז אַ מענטש פון האַרבסט. ער האָט ליב צייטיקע פּירות. ווען דער ציוניזם איז נאָך געווען גריק, איז סאָקאָלאָוו געווען קעגן אים, ערשט ווען ער איז געוואָרן צייטיק און רייף, איז ער געוואָרן א ציוניסט. דאָס שאַרפסטע וואָרט איז אָט־אָ־דאָס: „סאָקאָלאָוו איז א גייסט, וואָס געניסט מער ווי ער שאַפט".

און נישט נאָר באַקעמפן האָט נאָמבערג געקענט און נעגירן, נאָר אויך באַזינגען. ער ווייזט אַרויס ממש פאַרליבטקייט אין אַזעלכע שריי־בער ווי מענדעלע מוכר ספרים, שלום עליכם, א. רייזען, י. ח. ברענער, י. מ. בערדיטשעווסקי, גנעסין, א.א. וועגן מענדעלעס סטיל זאָגט ער, אַז ער איז אַזוי מעלאָדיש און שוואַרץ־חנוודיק ווי א פּראָווינציעלע יידישע יפת תואר פון צוריק מיט פופציק יאָר. גראָד איז מענדעלעס סטיל דווקא א גרויער תלמיד חכם, אָבער נאָמבערג איז פאַרליבט אין מענדעלען, זעט ער אין אים יוגנט אָנשטאָט אַלטקייט, ווי ביים רוסישן פּאָעט פעט זעט אַ פאַרליבט מיידל בלומען אין שניי. וועגן שלום עליכען זאָגט ער, אַז אין זיינע אויגן זענען פאַרשטעמפּלט אַלע יידישע אייגנשאַפטן.

און שאַרפקייט פאַרמאָגט נאָמבערג. ער קען מיט אַן אַפאָריזם אָפּכאַ־ראַקטעריזירן א שרייבער מער ווי אַן אַנדערער מיט לאַנגע מאמרים. וועגן פרוגן זאָגט ער, אַז ער האָט געהאַט א הערלעכן פרילינג, א וואַקלענדיקן זומער און אַ טרויעריקן האַרבסט. און דערמיט דערקלערט זיך, וואָס יידישקייט איז פאַר אים געווען א פּאָעטישע פאַרגאַנגענהייט, וואָס ער האָט אויסגעזונגען אויף רוסיש אין זיין אייגענעם פרילינג און ווען ער איז געקומען צו דער יידישער קעגנוואַרט, האָט ער געהאַט נאָר חוזק אויף יידיש. וועגן אברהם רייזען זאָגט ער, אַז די מעלה פון זיין הומאָר איז, וואָס ער וויל נישט דווקא לאַכנדיק מאַכן, נאָר ער וויל דערציילן ווי שווער און ביטער ס'איז דאָס לעבן און עס דאַכט זיך, אַז ער וויל טרויעריק

מאכן, אָבער דער הומאָר ליגט צעגאָסן אין זיין גאַנצן וועזן. „אַ פּאָר גוטע שמייכלענדיקע אויגן קוקן אַרויס פון אומעטום“.

און חוש פאַר שפּראַך פאַרמאָגט נאָמבערג דער עסייאיסט. ער כאַ־ראַקטעריזירט אונדזערע דריי הויפּט־דיאַלעקטן — ליטוויש, וואָליניש און פּויליש. דער ליטווישער דיאַלעקט, האָט געגעבן ווערטער, אין וועלכע ער איז רייך, דער וואָלינישער האָט געגעבן די שטילע מעלאַנכאָלישע געמיטלעכקייט און די אויסגעהאַלטענע גראַמאַטיקאַלישע פאָרמען האָט געגעבן דער פּוילישער דיאַלעקט. נאָמבערג רעקאָמענדירט יעדן יידישן זשורנאַליסט, וואָס וויל שרייבן אַ ריינעם און לייכטן יידיש, ער זאָל איבער־לייענען אַ בלעטל מענדעלע, איידער ער זעצט זיך שרייבן. איך וואָלט געראָטן זשורנאַליסטן, וואָס שרייבן געלעגנהייט־אַרטיקלען, אַז זיי זאָלן פריער אַ לייען טון נאָמבערגס אַן עסיי פון זיין בוך „מענטשן און ווערק“. די דאָזיקע עסייען פאַרמאָגן די זיסקייט פון לידער און די וואָגיקייט פון ערנסטע שטודיומס.

אַ ביסל פּערזענלעכע זיכרונות

איך האָב לאַנג געהאַט אַ ישוב הדעת מיט זיך, צי איך זאָל דער־ציילן מיין ביסל פּערזענלעכע זיכרונות וועגן נאָמבערגן, ווייל איך בין נישט געווען זיכער, אַז זיי וועלן עפּעס צוגעבן צו זיין כאַראַקטעריסטיק. אָבער דער אינסטינקט האָט מיר אונטערגעזאָגט דעם כלל „וכל המרבה לספר, הרי זה משובח“. מען דאַרף דערציילן וואָס מער.

איך מוז מאַכן אַ קליינעם אַריינפיר. איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה פון פרומע בעסאַראַבער יידן, ווו קאָרטן איז געווען טריפה און ווען איך האָב געהערט קינדווייז, אַז אין פּוילן שפּילן אַפילו יידן מיט בערד און פאות אין קאָרטן, האָט זיך מיר נישט געגלויבט. איך פער־זענלעך בין געבליבן מיט אַ געוויסן אָפּשטויס צו קאָרטן. דעם איינציקן היתר האָב איך געמאכט צו אַ זעקס און זעכציק, וואָס איך האָב אַמאָל אויסגעלערנט אין טורמע. דאָסטאָיעווסקי האָט אויך געשפּילט אין קאָרטן, אָבער אים האָט מען ביכלל דערלויבט אומדערלויבטקייטן. און ווען איך האָב געהערט, אַז נאָמבערג שפּילט קאָרטן און אַלערליי אַזאַרט־שפּילן, האָב איך דאָס געהאלטן פאַר רכילות. האָט דער גורל געוואָלט, אַז איך

זאָל נאָמבערגן צום ערשטן מאָל זען, ווען ער האָט געשפּילט אין קאָרטן.

ס׳איז געווען סוף זומער 1923. אין בערלין זענען דעמאָלט געווען אַ סך פון די אָנגעזעענסטע יידישע ליטעראַטן, אָבער די שטאָט איז נישט געוואָרן קיין דורכאויסיקע אכסניה פאַר דער יידישער ליטעראַטור. גיכער איז זי געווען, ווי בערגעלסאָן האָט עס שפּעטער געזאָגט, אַ וואָקזאַל, ווו מען וואַרט אויף אַ צוג. איך האָב אויסגעקליבן נאָמבערגן אַלס דעם ערשטן באַרימטן שרייבער, מיט וועלכן איך האָב זיך געוואָלט באַקענען. אידעאיש איז ער מיר דעמאָלט ווייט נישט געווען נאָענט, אָבער ער איז געווען איינער פון פּרצעס „דרייבונד״. פאַר מיר האָט דאָס געמיינט אַ — פּעטער. מען האָט אויך געזאָגט, אַז נאָמבערג איז געוואָרן דער פאַרזאָרגער פון יונגע ליטעראַטן און ער האָט אין דעם פּרט פאַרנומען פּרצעס פּלאַץ. ער האָט שוין ביי פּרצעס לעבן זיך אָפּגעגעבן מיט יונגע שרייבער און צו זיי זיך באַצויגן — האָט מען געזאָגט — דעמאָקראַטישער ווי פּרץ. דערצו האָב איך געהאַט אַ שטיקל מיסיע צו נאָמבערגן צו רעדן מיט אים וועגן אַ ציקל לעקציעס אין רומעניע פאַר דער יידישער קולטור־פעדעראַציע פון טשערנאָוויץ. און חוץ דעם אַלעמען איז ער געקומען פון אַרגענטינע, וווהין איך האָב זיך געקליבן צו פאָרן.

איך האָב געוווסט, אַז די יידישע שרייבער געפינט מען אין ראָמאַנישן קאַפע, וואָס געפינט זיך אַנטקעגן דער „געדעכעניס־קירכע״ (יידן האָבן געזאָגט: „רחמנות קאַפע״ און „קדחת קירכע״). בין איך אַהין געגאַנגען און זיך געפרעגט ביי אַ פּאַרטיער, וואָס האָט געהאַלטן ביי אַוועקגיין, צי ער קען אַ יידישן שריפטשטעלער נאָמבערג. דער פּאָרטיער איז געוואָרן באַגייסטערט און ער האָט געזאָגט, אַז ער קען אים, פּונקט ווי... ער האָט געזוכט אַ וואָרט און דאָס נישט געפונען און ווייל ער האָט געהאַלטן אַ שטעקן אין האַנט, האָט ער געזאָגט, אַז ער קען אים פּונקט ווי זיין שטעקן... עס האָט זיך נאָר אַזוי גערעדט. ווי לאַנג האָט מען אים געשמיסן, צי ער האָט אים טאַקע אַזוי געקענט, אָבער מיר האָט פאַרדראָסן, וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער קען אים אַזוי גוט. דער צווייטער קלאַפּ איז געקומען, ווען דער פּאָרטיער האָט מיר געענטפערט, אַז נאָמבערג שפּילט אין קאָרטן. איך האָב אָנגעשריבן אַ צעטעלע צו אים און אים דאָס געשיקט מיט דעם זעלביקן פּאָרטיער, וואָס איז באַלד צוריקגעקומען און ער האָט מיר געבראַכט אַן ענטפער, אַז איך זאָל אים אַנטשולדיקן און קומען אין אַ שעה אַרום. מעשה־עקשן האָב איך געפרעגט דעם פּאָרטיער,

ווי ער שפּילט און פּאַר אַ טרינק־געלט האָט ער מיר אָנגעוויזן, ווי ער זיצט אין אַן אַלגעמיינעם צימער און איך האָב זיך אַנידערגעזעצט און אים נאָכשפּיאָנירט. איך וואָלט אים סיי ווי דערקענט. ער איז געווען דער עקסטער אויסדרוק פון פיזישער שוואַכקייט און הילפלאָזיקייט. ס׳איז נישט געווען שווער צו דערקענען, אַז ער שפּילט גוט, אָבער זיצן איז ער געזעסן שלעכט. דאָס אַש פון זיין פּאַפּיראָס האָט זיך אים געשאָטן אויף דעם רעקל און די הויזן. איך האָב זיך דערמאָנט זיינעם אַ פּעליעטאָן, אין וועלכן ער האָט זיך געקלאָגט, אַז מענטשן שאַצן אַ פּערזאָן נישט לויט זיין אינערלעכן ווערט, נאָר לויט זיין אויסערלעכקייט און לויט דעם ווי ער האַלט דעם גאָפּל מיטן מעסער...

געשפּילט האָט ער מיט אַ גרופּע רוסישע יידן, וואָס האָבן גערעדט דאָס טיפּישע אָדעסער רוסיש און נאָמבערג האָט מיט זיי גערעדט רוסיש. אַריינבראָקנדיק אָפּט אַ יידיש וואָרט און איבערהויפּט אַ יידיש ווערטל. — די יידן זענען לויטן אויסזען געווען בערזע־שפּעקולאַנטן, און ס׳איז געווען טאָפּלט מיאוס און פּאַרדריסיק, וואָס נאָמבערג איז אַזוי היימיש מיט זיי און שפּילט נאָך מיט זיי אין קאָרטן. קיין היציקער איז נאָמבערג נישט געווען, אָבער פּאַרטיפט איז ער געווען אין די קאָרטן איבערן קאָפּ. אַ שעה דורכאנאנד האָט ער דעם קאָפּ נישט אויפגעהויבן...

ס׳קומט מיר אויס מאָדנע דאָס צו זאָגן, נאָר איך האָב אין יענעם קאָרטנשפּיל דערקענט נאָמבערגן פון די... דערציילונגען: אַ סך קאָפּ איז געווען און ווייניק ליידנשאַפט. ער האָט געהאַט מער אינטערעס, אַז דער שפּיל זאָל זיין אַ „שיינער", ווי צו געווינען. אַז דער פּאַרטנער האָט געמאַכט אַ פאַלשן גאַנג, פון וועלכן ער האָט געוווּנען, איז ער געווען בייז און האָט געשריגן אַ נערוועזער: „עץ שפּילט דאָך ווי א פּושער"...

פּונקט צו דער שעה האָט ער דאָס שפּילן אָוועקגעלייגט און זיך אויפגעהויבן אַ פאַרשוויצטער. כ׳בין פאַר אים אַראָפּ אונטן און זיך געזעצט ביי אַ טישל, ווו ער האָט מיך באַשטעלט. ער איז צוגעקומען מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט און קוקנדיק, אויספאַרשנדיק מיך אין די אויגן, האָט ער געזאָגט: „עץ וואָרט דאָך אויף מיר. נאָמבערג"? ס׳איז מיר געווען זייער מאָדנע, וואָס ער האָט מיט מיר גערעדט מיט אַזאַ ברייטן פּוילישן דיאַלעקט. אין שרייבן איז ער דאָך געווען כימעט דער איינציקער צווישן די פּויליש־יידישע שרייבער, וואָס איז געווען אינגאַנצן פריי פון לאָקאַליזמען.

דער שמועס האָט זיך ביי אונדז לכתחילה געבונדן שווער: איך האָב אים געפרעגט אין נאָמען פון דער יידישער קולטור־פעדעראַציע אין רומעניע, צי ער וואָלט אַ בעלן געווען צו מאַכן אַ לעקציע־טורנע איבער אַלע רומענישע פּראָווינצן. ער האָט מיר געענטפערט, אַז ער פילט זיך נישט בכוח איצטער און אַז ער האָט צוריקגעוויזן אַזאַ פאָרשלאָג פון נאָרד־אַמעריקע. עפּעס האָט זיך מיר געדוכט, אַז ער זאָגט אַ נישט אמת, נישט לשם גאווה חלילה, נאָר פשוט ביכדי נוקם צו זיין זיך אין מיר: זיינע ביטערע אויגן האָבן מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז ער ווייסט, אַז איך בין געקומען צו אים נישט ביכדי איינצולאַדן אים קיין רומעניע, נאָר ביכדי זיך צו באַקענען מיט אים. און אפשר האָט ער גאָר מורא געהאַט, אַז אַט וועל איך אַרויסנעמען כתבים. איך האָב אים געפּרוווט דערווידערן: אין נאָרד־אַמעריקע זענט איר דאָך — האָב איך אים געזאָגט — שוין געווען און אין רומעניע זענט איר נאָך נישט געווען. ער האָט זיך נישט געלאָזט און אַ נערווועזער געפרעגט: „אַזוינע שיינע זאַכן זענען פאַראַן באַר ענק?” איך האָב אים צוריק געפרעגט, צי ער האָט נישט קיין באַקאַנטע בעסאַראַבער און אים צווישן יאָ און ניין גענומען זינגען לויב־געזאַנגען צו בעסאַראַביע. עס איז געבליבן, אַז ער וועט האָבן אַ ישוב־הדעת.

אים האָט אָנגעהויבן פאַרדריסן, וואָס איך לייען אים גאָרנישט גאָר. ער האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין מיסתמא אַ מאָדערניסט און איך האַלט אים פאַר אַן אָפּגעלעבטן שרייבער. איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך האָב צו אים באַציאונג ווי צו א שרייבער אַ פעטער, אָבער איך בין נישט געקומען לייענען, איך בין געקומען זיך באַקענען. איך וויל דורך אים זיך באַקענען מיט אנדערע שרייבער. און איך האָב אים אויסגע־ווײלט, ווייל דאָ איז ער איצט דער איינציקער תלמיד פון פּרצן. דאָס האָט אים געשמייכלט. ער איז געבליבן טרינקען אַ טיי און נאָך אַ היפּשער שטומער און אומגעדולדיקער פויזע האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן מער נישט זיצן און שטייענדיק שוין האָט ער מיר דערציילט לאַכנדיק, אַז ער האָט אין בערלין א באַקאַנטע פרוי, האָט זי בעסער פאַרשטאַנען זיינע ווערק, ווי אַלע לייענער און שרייבער. וועגן א דערציילונג זיינער, וואָס ענדיקט זיך דערמיט, וואָס ער גייט אַוועק פון איר, האָט זי געזאָגט: „ער איז מיסתמא געגאַנגען שפּילן אַ פּאַרטיע בילאַרד”.

פאַרנאַכט בין איך געזעסן ביי אַ טיש, האָט מיך נאָמבערג צוגערופן צו אַ גרופּע: „איר ווילט דאָך זיך באַקענען מיט ליטעראַטן, ט'האָט איר

ליטעראַטן". מיר האָט אויסגעוויזן זיין טאָן איראָניש און איך האָב אים געזאָגט: „ נישט אַזוי איראָניש, איך האָב שוין געזען ליטעראַטן". ער איז געוואָרן מלא חמה און מיר געזאָגט: „אויב ענק ווייזט אויס, אַז יאָך רעד איראָניש, קאָנט עץ מיט מיר קיינמאָל נישט רעדן"... כ'האָב זיך פאַרלוירן פון דעם דאָזיקן כעס. נאָמבערג שמט דאָך מיט זיין רואיקייט און מהיכא־תיתידיקייט... איך האָב אים געזאָגט, אז איך רעד צום ערשטן מאָל מיט אַ וואַרשעווער און „אפשר איז דאָס ביי אייך אַזאַ אופן רעדן, מיר אָבער האָט דער טאָן אייערער געמאכט אַן איינדרוק פון חוזק". ער איז פאַרשוווּנדן און איך בין געבליבן מיט דער גרופּע ליטעראַטן.

איך האָב זיך געפילט שולדיק אנטקעגן נאָמבערגן און אויף מאָרגן בין איך אים ווידער געגאַנגען זוכן אין זעלביקן קאַפע. מיין בליק האָט אים באַלד געפונען. ער איז געשטאַנען נעבן זלמן שניאור און געטענהט מיט אים. אין אַ ליד האָט ז. שניאור געזאָגט וועגן זיך, אַז ער איז „אַ קליינער, שווארצער מענטש", אָבער דאָס איז א גוזמא. ער איז דעמאָלט געווען אַ גאַנץ פעסט געבויטער מער ווי אַ מיטלוווקסיקער מאַן. און אַנטקעגן נאָמבערגן האָט ער גאָר אויסגעזען ווי א ריז. שניאור איז געזעסן און נאָמבערג איז געשטאַנען און ביידע האָבן געהאט די זעלביקע הייך... נאָמבערג האָט אויסגעזען ווי אַ קעפּל אויף ביינדלעך, אַ קעפּל, וואָס שאָקלט זיך אין אַלע זייטן און שניאור האָט אויסגעזען ווי אַ פעס־טער גוף מיט אַ באָרד. גוסטאַוו פלאָבער שילדערט אין „די ניסיונות פון הייליקן אַנטאָן" די כימערע און דעם ספינקס: די כימערע איז אַ שוועבנ־דיקע, אַ לופטיקע, זי רירט נישט אָן די ערד. און דער ספינקס שטייט פעסט און קלאַמערט זיך מיט די נעגל טיף אין דער ערד אַריין. נאָמבערג האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון דער כימערע און שניאור — פון ספינקס. פון וויכוח, וואָס איז צווישן זיי פאָרגעקומען, האָב איך גע־זען, אַז דער לייכטער נאָמבערג באהערשט דעם שווערן שניאור און ער דרייט מיט אים. נאָמבערג האָט געשמייכלט און שניאור איז געווען כימעט בייז. אין דער גרענעץ פון מענטשלעכקייט איז מנוחה שטאַרקער פון פיזישער קראַפט.

שפּעטער איז נאָמבערג צו מיר צוגעקומען און איידער איך האָב זיך פאַר אים פאַרענטפערט, האָט ער זיך פאַר מיר פאַרענטפערט. ער האָט זיך אומזיסט געכעסט, האָט ער געזאָגט, און אים איז געפעלן, וואָס איך לאָז זיך נישט שפייען אין קאשע, כאָטש איך בין נאָך אַ צוציק... און

מיר זענען געוואָרן היימיש. ער האָט מיך געלערנט ווי אַזוי צו בייטן דאָלארס און — בלייבן מיט זיי. עס איז געווען די צייט פון דער אינפֿ־לאַציע און מען האָט געקענט פאַרזעצן אַ רינגל און דאָס אַרויסנעמען מיט דעם געלט פון אַ צווייטן רינגל, פאַר וועלכן מען האָט שוין באַקומען א סך מער געלט. און אַזוי האָט מען זיך געקאָנט דרייען און לעבן א לאנגע צייט און בלייבן מיטביידע רינגלעך...

מיר איז אויסגעקומען דערנאָך צו ווינען פריער ווייט פון אים און דערנאָך טאקע אין איין קוואַרטיר מיט אים און איך האָב דערקענט זיין איינזאַמקייט און זיין הילפלאָזיקייט. ער האָט מיך נישט אָפּגעלאָזט ביז עס איז געוואָרן גרויסער טאָג און איינמאָל האָב איך אים געטראָפן ליגן אויף דער ערד און די קליידער־שאַפע אויף אים. ער האָט געוואָלט אַרויסנעמען זיין מאַנטל פון שאַפע און נישט געקענט דערלאנגען און ער איז אַריין אינעווייניק אין שראַנק און דער שראַנק איז אַרויפגעפאלן אויף אים. איך האָב אים קוים אַרויסגעשלעפּט. איך האָב קיין מער איינ־זאמען מענטשן אין מיין לעבן נישט געזען. ער האָט געקענט זיך אריינ־זעצן אין אַ דראָשקע און הייסן דעם קוטשער אים פירן, וווהין דער ווינט בלאָזט... איך וועל קיינמאָל נישט פארגעסן ווי ער האָט זיך גע־זעגנט מיט מיר. ער האָט זיך באַהערשט נישט צו האָבן קיין טרערן אין די אויגן און ווען איך בין שוין אַוועק, האָט ער מיר נאָכגעשריגן:

— געץ אַכטינג דאָרט אין אַרגענטינע. די טירן דאָרט האָבן אַזעלכע קליאַמקעס, וואָס קלעמען אָפּ די פינגער...

אַזוי רעדט אַ טאַטע צו אַ קינד. און איך האָב דערפילט, אַז נאָמבערג וואָלט געוואָלט זיין דער טאַטע פון אַלע יונגע יידישע שרייבער...

אין אַרגענטינע האָב איך געטראָפן טיפע שפורן פון נאָמבערגס זיין. ער האָט דאָ געצוווּנגען די יק״א צו ענטפערן אויף קריטיק אין דער יידישער פרעסע.

און ער האָט פאר דעם פרייז פון אַ גאַנץ שווערן און פיינלעכן קאַמף געגרינדעט דעם ערשטן יידישן אַקטיאָרן פאַריין.

...איז דאָך געבליבן אַ דינער שמייכל פון גלויבן

אין יאָר 1924 האָט ה. ד. נאָמבערג באַזוכט ארץ־ישראל און ער איז פון דאָרט געקומען מיט דער טרויעריקער בשורה, אַז דאָס לאַנד גע־

פינט זיך אויף אַ ווולקאַן. מיט קיין שטאַרק גוטער בשורה איז ער אויך נישט צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד. אין 1926 איז ער געפאָרן צום צווייטן מאָל קיין נ.־אַמעריקע. ער האָט פון די אַלע דריי לענדער געשריבן געשליפענע רייזע־איינדרוקן, בילדערישע און זינגעוודיקע. אייניקע קאַ־פּיטלען פון זיינע קורצע פּאָעמעס. ער האָט פּונקט אַזוי שיין באשריבן ים ווי יבשה און ערד ווי הימל און מענטשן ווי אַלע אינאיינעם.

קיין גבר איז ער קיינמאָל נישט געווען און ווען ער איז אריין אין די פערציקער, איז ער געוואָרן אלץ קראַנקער און קראַנקער. און קראַנ־קערהייט האָט ער געאַרבעט. ער האָט איבערגעזעצט אַ סך ווערק פון אַנ־דערע שפּראַכן. אָפּהיטן דאָס געזונט האָט ער נישט געקענט, עס איז נישט געווען אין זיין כאַראַקטער זיך אַריינצולייגן אין בעט אריין און זיך אָפּהיטן. ער האָט, פאַרקערט, געוואָלט דווקא לעבן און דער כוח האָט נישט געקלעקט. אין נאָוועמבער 1927 איז ער קראַנק געוואָרן און ער איז אַריינגעפאָרן קיין אָטוואָצק און דאָרטן האָט ער די נאַכט אויף דעם 27טן פון דערמאָנטן חודש באקומען, זייענדיק איינער אליין אין צימער, אַ בלוטשטורץ און ער איז אויסגעגאַנגען. קיינער איז דערביי נישט גע־ווען. זיין האַנט איז געפונען געוואָרן אויף דעם גלעקל. ער האָט גע־וואָלט רופן די דינערשאַפט, אָבער ער האָט דאָס שוין נישט באַוויזן.

נאָמבערג האָט א זייער אייגנאַרטיקע לעגענדע, וואָס הייסט „ראיא מאנא" און וואָס איז פאַר אים אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטיש. ער האָט זיך אויסגעטרוימט אַ לאַנד, ווו די לאָטוס־בלום בליט, די זון שיינט און וואָס איז „געבענטשט מיט נביאים". דאָס דאַזיקע לאַנד שמעקט מיט געטער אַליין און מען האָט טאַקע די געטער געשיקט אהין צו אָפּקומען פאַר זייערע זינד. זיי האָבן געטראַכט פון גייסט און זיך אָפּגעגעבן מיט קערפּערלעכע זאַכן און דאָס דאַזיקע איז געווען זייער טראַגעדיע: „די אַרבעט האָבן זיי נישט ליב געהאַט, זיי האָבן ליב געהאַט דאָס ליידיקגיין, דאָס גאָרנישט טאָן, דאָס טראַכטן און חלומען, דאָס לאַנגע ליגן אויפן גראָז, פאַרבענקט אַריינצוקוקן אין דער טיפעניש פון הימל און אין דעם אייגענעם אָפּגרונט פון דער נשמה". די דאַזיקע געטער, ווי איר זעט, זענען אייגנטלעך מער פּריצים ווי געטער. אין אָט דעם לאַנד זענען פאַראַן נביאים פון טרויער און נביאים פון געלעכטער.ביידערליי נביאים האָבן נישט געלערנט צו לעבן און שאַפן, נאָר אַז דאָס לעבן איז אַ טראַגעדיע. דער אויספיר פון אָט־די צוויי לערעס איז — אָדער זעלבסטמאָרד, אָדער

הפקרות. אין יענעם לאַנד האָט מען גלייך ביים געבוירן ווערן דערקענט ווער עס וועט זיין אַ נביא פון טרויער און ווער פון געלעכטער. דער ניי־געבוירענער האָט געמאַכט זיבן שפּאַן און אויף זיין שטערן האָט זיך געוויזן אָדער אַ קנייטש, אָדער אַ שמייכל. און אַט איז געבוירן געוואָרן ראַיאָ מאַנאָ, געמאַכט זיבן שפּאַן און געוויזן אַ קנייטש אויף דעם שטערן און מען האָט געוווּסט, אַז ער איז אַ נביא פון טרויער, אָבער ביי די ליפּן האָט זיך באַלד געוויזן אויך אַ דינער שמייכל. און ראַיאָ מאַנאָ איז געווען אַ טראַגישער נביא. אין טעמפּל פון זיין גאָט פון טרויער, האָט ער געהערט דאָס געזאַנג און געלעכטער פון גאָט פון געלעכטער. צום גאָט פון טרויער איז מען צוגעקומען דורך דער יבשה, אָבער צום גאָט פון געלעכטער האָט מען געמוזט קומען דורך וואַסער. ביכדי צוצוקומען צו אים, האָט מען געדאַרפט איינשטעלן דאָס לעבן. דאָס דאַזיקע מיינט צו זאָגן, אַז דאָס לעבן פון דער זייט האָט נישט קיין פרייד, ערשט פון יענער זייט איז פאַראַן פרייד... און ראַיאָ מאַנאָ האָט זיך איינגעשטעלט און ער איז דורך דעם וואַסער צוגעקומען צום גאָט פון געלעכטער און דאָרט האָט ער געזען, אַז גאָט האָט איין קערפּער מיט צוויי פּנימער און ביידע פּנימער זענען גלייך. ביידע פּנימער זענען אַט געווען טרויעריק און אַט האָבן זיי געלאַכט. און ראַיאָ מאַנאָ האָט געזען, וואָס קיין שום נביא האָט נאָך נישט געזען: „דאָס לאַכן און טרויערן פליסן פון קוואַל פון איין און איינציקן גאָט״. און ווען ראַיאָ מאַנאָ איז געגאַנגען רעדן צום פאָלק מיט טרויער און פרייד, האָט דאָס פאָלק געזאָגט, אַז ער איז נישט קיין נביא, נאָר אַ משוגענער און עס האָט זיך פאַר אים דערשראָקן און עס איז אַוועק. און נאָך דעם טראַגישן נביאס טויט האָט אַ קלוגער מאַן געזאָגט: „גיט אָפּ כבוד דעם נאָמען פון ראַיאָ מאַנאָ, ער האָט אין זיך געטראָגן דעם ווייטיק פון גייסט״.

און וואָרשיינלעך האָט נאָמבערג אין אָט־דער לעגענדע דערציילט וועגן זיין אייגענער טראַגעדיע. ער האָט אויך געשטאַמט פון אַריסטאָ־קראַטן־געטער און ער האָט באַלד ביים געבוירן ווערן אי געוויזן אַ קנייטש פון טרויער, אי אַ דינעם שמייכל. און ער האָט זיינע העלדן געוויזן ווי אַזעלכע, וואָס „קענען נישט אָנפילן דאָס הארץ און זעטיקן דעם גייסט״.

אַלס בעלעטריסט איז נאָמבערג געווען אַ נביא פון טרויער. ער האָט נישט געפונען עפּעס אַנדערש אין לעבן פון יחיד ווי טרויער, פאַרפלעקט גליק און אומגליק. זיינע מענטשן זענען געווען מענטשלעך און עפּעס

נישט קיין לעבעדיקע. ביים דייטשן ראָמאַנטישער לודוויג אַכים פֿאָן ארנים איז פֿאַראַן א דערציילונג, וואָס הייסט „איזאַבעלאַ פֿון עגיפּטן״, אין וועל־כער עס ווערט געשילדערט ווי אויף א וואָגן זיצן פֿאָלגנדיקע פֿיר פּאַר־שוינען: אַן אַלטע ציגיינערין — אַ כישופֿמאַכערין, אַ מת, וואָס איז גע־פּאָרן פֿאַרדינען דוקאַטן און ער איז איינגעהילט אין א בערן־פּעלץ און ער ציטערט מוראדיק פֿאַר קעלט, א גולם אין געשטאַלט פֿון א שיינער פֿרוי מיט אַ מיסטישער אויפֿשריפֿט, וועלכער מאַכט צעפֿאַלן דעם גאַנצן גולם, ווען מען מעקט אים אָפּ די אויפֿשריפֿט און עפּעס א קאַרליק, וואָס איז אַרויסגעוואַקסן פֿון דער ערד פֿון דער זרע פֿון אַ געהאָנגענעם און וואָס רופֿט זיך פֿעלדמאַרשאַל קאָרנעליוס נעפּאָס און וואָס האָט אַ גערשטן אנשטאָט אויגן און רויזנבלעטער אנשטאָט ליפּן... ווען מען לייענט נאָמ־בערגס פֿינף קליינע בענדלעך דערציילונגען, דאַכט זיך, אַז מען זיצט אויף אַזאַ־אָ מין וואָגן מיט אַזעלכע פֿאַרשוינען ווי לודוויק אַכים פֿאָן אַרנים שילדערט. און דער מחבר באַגלייט זיי אַלע מיט אַ קנייטש פֿון טרויער און ער זוכט און גֿעפֿינט נישט דעם דינעם שמייכל.

נאָמבערג דער פּובליציסט איז געווען אַנדערש. דאָס יידישע פֿאָלק איז פֿאַר אים נישט געווען אַזוי שוואַך און מאַכטלאָז ווי יעדער יחיד באַ־זונדער. פֿאַר דעם יידישן פֿאָלק האָט ער געהאַט אויך דעם דינעם שמייכל פֿון נביא פֿון געלעכטער אוןביידע געפֿילן האָבן זיך פֿאַראייניקט. און פֿון אומגלויביקסטן יידישן שרייבער איז דאָך געבליבן א דינער שמייכל פֿון גלויבן.

לאמעד שאפּירא

אויב איר זענט טרויעריק, מאכט נישט אויס. איך וועל אייך דער־ציילן אַ מעשה, וואָס וועט אייך מיסתמא מאכן מער טרויעריק און שאַדטן וועט עס אייך דאָך נישט. אזוי ווי מען קלאפּט אַרויס איין קלין מיט א צווייטן, אַזוי קלאפּט מען אַרויס איין טרויער מיט א צווייטן. איר וועט סיי ווי בלײַבן נאָך דעם, וואָס איך וועל אייך דערציילן אַט־אַ די מעשה, נאָר מיט איין טרויער און דער דאָזיקער וועט זײַן דער בעסערער.

עס איז א געשיכטע וועגן איינעם א יידישן שרייבער, וואָס האָט גע־קענט ווערן איינער פון די גרעסטע יידישע שרייבער און ער איז דאָס נישט געוואָרן און ער איז עס פאָרט געווען. לאַמעד שאַפּירא האָט ער געהייסן. לאמעד האָט ער נישט געהייסן, ער האָט זיך גערופן אַזוי. געהייסן האָט ער לווי יהושע שאַפּירא, האָט ער געלאָזט פון אָט די צוויי נעמען נאָר איינעם און דעם איינעם האָט ער געשריבן נאָר מיט א „ל״ און דער עולם האָט גענומען זאָגן „לאַמעד״. ווען ער איז אין יאָר 1904 געווען, צום צווייטן מאָל, אין ווארשע און ער האָט זיך געקליבן דאָרט צו ווערן א יידישער שרייבער און ה. ד. נאָמבערג האָט אים געהייסן זיך בייטן די פאַמיליע און זיך נעמען א נאָמען, וואָס „זאָל זיך ארײַנשנײַדן אין קאָפּ״, ווײַל שאפּיראָס זענען פאראן הונדערטער אין גאס, האָט ער אים געענטפערט: „ס׳איז איינס פון די ביידע אָדער ל. שאַפּיראָ וועט ווערן א נאָמען, אָדער עס וועט פון אים גאָרנישט ווערן״. און ל. שאַפּיראָ איז געוואָרן א נאָמען, אָבער גע־זאָגט האָט מען „לאמעד״ שאַפּיראָ.

געבוירן געוואָרן איז ל. שאַפּיראָ דעם 10טן מערץ יאָר 1878 אין רזשישטשעוו, קיעווער גובערניע, געשטאָרבן איז ער דעם 25טן אויגוסט 1948 אין לאָס אנדזשעלעס־קאַליפאָרניע. ער האָט אויף גאָטס וועלט גע־לעבט זיבעציק יאָר, פֿינף חדשים און פופצן טעג. אָבער נישט די אלע יאָרן,

טעג און וואכן האט ער געלעבט, א סך פון זיי האט ער זיך געמוטשעט. און צום טרויעריקסטן און שווערסטן האט אים מיסתמא געמוטשעט דאס דאזיקע, וואס ער האט געדארפט און געקענט ווערן א גרעסערער שרייבער, ווי ער איז געווען און ער איז פארט נישט געווארן.

אנגעהויבן זיין לעבן האט ל. שאפירא ווי אלע יידן פון יענער צייט. געגאנגען אין חדר אריין, געלערנט אלף בית, טראף, חומש מיט רשי, גמרא, און ווי א סך פון יענער צייט האט ער געכאפט א קוק אין דער זייט אריין און ער איז געווארן אויס פרום און גענומען לערנען רוסיש און איז ארויס „לתרבות רעה" און געלערנט אנדערע (געגעבן „אוראקן"), ביכדי צו קענען אליין לערנען און ער האט זיך געקליבן צו ווערן א שרייבער. ער האט געשריבן אין רוסיש, העברעיש און יידיש מיט אמאל. און אין יאר 1896 האט דער אכצן יאריקער בחור דערפילט, אז ער קען שוין ווערן א שריי־בער און ער איז געפארן, ווי ער אליין דערציילט „איינגעמען ווארשע". מיטגענומען האט ער מיט זיך גארנישט אויסער דעם ווילן צו שרייבן, וואס האט זיך אנגעהויבן ביי אים אין עלטער פון גאנצע אכט יאר. ער האט געשריבן און צעריסן און קיין ווארשע האט ער דערווייל גארנישט גע־בראכט. ער האט אויך מיטגעבראכט א נישט־גלויבן אין הארצן. צו דרייצן יאר האט ער געהאלטן אין איין בעטן גאט, אז ער זאל אים גיבן א צייכן, אז ער איז דא, און אזוי ווי ער האט דאס נישט געטון, האט ער אויפגע־הערט צו גלויבן אין אים. העברעיש און רוסיש צו שרייבן איז פאר אים געווען נארמאל און יידיש איז געווען — נאטירלעך. ער האט נאך נישט געוווסט, אז יידיש איז א שפראך, אבער זיין שפראך איז דאך יידיש גע־ווען, האט ער אין איר געשריבן, נישט פרעגנדיק קיינעם אויף קיין הכשר. דערנאך האט ער געלייענט דעם רעאליסטישן רוסישן ליטעראטור קריטי־קער פיסארעוו, וועלכער האט געהייסן אפווענדן דעם בליק פון „די מאר־גנשטערן, וואס זינגען אין כאר" צו דער ווירקלעכקייט, האט ער פאר־שטאנען, אז זיין ווירקלעכקייט איז די יידישע ליטעראטור.

דער 18 יאריקער בחור איז אנגעקומען קיין ווארשע אין א בגד, וואס איז געווען א געמיש פון א סורדוט און א פראק און מיט א היטל מיט א גלינצעריקן דאשעק, אזוי ווי עס האבן דעמאלט געטראגן גימנאזיסטן. און געגאנגען איז ער גלייך צו פרצן אויף צעגליאנע נומער איינס, ווו אויף א מעשענעם טאוול איז געווען אנגעשריבן אויף העברעיש, אז פרץ נעמט אויף פיר אזייגער נאכמיטיק. די טיר האט אים געעפנט פרץ אליין, וואס

האָט סיי ווי געהאַט גרויסע אויגן און וואָס האָט נאָך גרעסער זיי געעפנט, ווען ער האָט דערזען דעם הילוך פון זיין גאסט. און פרץ האָט מיט אים דווקא באַלד געגומען רעדן וועגן דער יידישער ליטעראַטור, וואָס האָט דע־מאָלט „אַזוי גוט ווי נישט עקזיסטירט". שלום עליכמס „פאָלקסביבליאָטעק", ספעקטאָרס „הויז פריינט", פרצעס „יידישע ביבליאָטעק" און „יום טוב־בלעטלעך". אפילו די דריי קאָפּיקע ביכלעך פון פארלאנג מונק האָבן אויפ־געהערט דערשיינען. און ווען שאַפּיראָ האָט געפרעגט פרצן: „ס'טייטש, עס איז דאָך געווען אזא אויפלעבונג צוריק מיט צוויי יאָר", האָט ער אים גע־ענטפערט: „צווישן די שרייבער, נישט צווישן די לייענער".

עס איז נישט געווען וואָס איינצונעמען. עס איז געווען נאָך פריער ווי פּאַרטאָג. פרץ אליין האָט גערעדט פויליש, רוסיש. א גרופּע שרייבער האָט געוואָלט אַרויסגעבן אַ זשורנאַל אין יידיש און פאַרגעלייגט פרצן ווערן רע־דאקטאָר, האָט פּרץ געזאָגט צו די יונגעלייט, אַז אין יידיש איז אים שווער זיך אויסצודריקן, וועט ער רעדן רוסיש, ווייל זיי זענען „ליטוואַ־קעס" און זיי פאַרשטייען נישט קיין פויליש...

יאָ, שאַפּיראָ האָט וואַרשע נישט איינגענומען. ער האָט געפּרוווט זיך אויסלערנען אַרבעטן ביי שפּילקעס פאַר ווייבערישע היטעלעך און — נישט אויסגעלערנט. ער האָט געוואָלט ווערן א זעצער און ער איז געווען זיכער אַז ער וועט גיך כאַפּן דעם שניט, האָט אים דער באַלעבאָס געהייסן אַרבעטן אַ יאָר „אומזאָנסט", האָט ער געענטפערט, אז „אומזאָנסט" קען יענער אַרבעטן ביי אים. ער האָט נישט קיין דרוקעריי, קען ער אים אָפּפּוצן די שיך. קיין זאַך האָט ער נישט אָפּגעדרוקט און ער האָט זיך אומגעקערט אהיים נאָך צוויי יאָר אונטערהונגערן.

אין דער היים האָט ער געלעבט פון לערעריי. איין זמן איז ער געווען לערער אין זייצעווס באַרימטן ציגל־זאַוואָד אין קיעוו. מען האָט זיך געריכט אויף א פּאָגראָם, א סך זענען אַנטלאָפן, ער איז געבליבן. קיין פּאָגראָם איז נישט פאָרגעקומען, אָבער יענע איבערלעבונג האָט מיסתמא געווירקט, אז שאַפּיראָ זאָל אריין אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי ער האָט זיך אליין אויסגעדריקט, ווי א „פּאָגראָמטשיק", ס'הייסט: ווי א שילדערער פון פּאָגראָם־קאָשמאַר. ער האָט זיך אין יענער צייט, ווי דער שטייגער איז, פאַרליבט און נישט געקראָגן קיין קעגנזייטיקייט און געוואָלט באַגיין זעלבסטמאָרד. ער האָט זיך געשטעלט צום פּריזיוו און ער איז באפרייט געוואָרן און ער איז אַוועקגעפאָרן קיין אַדעס, וווּ ער האָט אָפּגעדרוקט זיין

ערשטע „זאַך" אין רוסיש. עס איז געווען אַ קאָנקורס אויף וויצן און ער האָט צוגעשיקט אַ וויץ אין אַ בריוו אָן אַ מאַרקע, ווייל ער האָט קיין געלט נישט געהאַט און באַקומען אַ גאַנצן רובל אַ פּרעמיע. ווען ער האָט דעם דאָזיקן עפּיזאָד דערציילט זיין געטרייען יונגן פריינט און תלמיד ש. מיללער, האָט אים יענער געזאָגט, אַז אויב אַזוי איז ער דאָך אַ „וויצע (וויצן) קעניג", האָט ער געענטפערט, אַז ווערן אַ „וויצע" איז נישט זיין השגה. ער האָט געוואָלט ווערן אַ קעניג פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין יאָר 1903 איז לאַמעד שאַפּיראָ ווידער געקומען קיין וואַרשע. ער האָט די גאַנצע צייט געפּירט מיט זיך אַליין אַ קאַמף פאַר און קעגן יידיש. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער גראַמאַטיק, עס האָבן אים געפעלט ווערטער, ער האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי צו נעמען פרעמדע ווערטער, ער האָט געשוועבט צווישן דער גערעדטער און געשריבענער שפּראַך און געזען, אַז זיי זענען עפּעס גאָר פאַרשידן און ער האָט פאַוואָליע זיין יידיש באַפרייט, דערציילט ער, פון די פענטעס און ער האָט פאַרשטאַנען, אַז אַ שפּראַך איז אַ לעבעדיקער אָרגאַניזם, אַ באַשעפעניש, וואָס לעבט אַן אייגן לעבן און האָט אַ שטענדיקן אויסטויש פון שטאָפן.

און אין די פינף יאָר איז וואַרשע געוואָרן גאָר אַן אַנדער שטאָט. אויף דער גרעניץ צווישן די צוויי יאָרהונדערטער האָבן אויסגעוואַקסן די צוויי גרויסע באַוועגונגען, דער ציוניזם און דער בונדיזם. אין פּעטערבורג איז דערשינען דער „פריינד", אין וואַרשע איז פריער אונטער דער רעדאַקציע פון ד"ר י. לוריע און שפּעטער פון מ. ספּעקטאָר דערשינען די וועכנטלעכע „פאָלקסצייטונג", פּרץ איז געווען אַ שלאָגנדיקער פאָנטאַן פון בליציקע געדאַנקען און דווקא אין יידיש, שלום עליכם איז געווען דער געליינטעס־טער שרייבער אפילו אין פוילן. די העברעישע שרייבער ביאַליק, בערדי־טשעווסקי, יהודה שטיינבערג האָבן געשריבן אויף יידיש. אפילו פרוג האָט גענומען שרייבן אין דער שפּראַך „פון ווילנער מאַרק און דינאַבורגער יאַטקעס" און פון אַמעריקע האָט מען געהערט וועגן קאָברין, ליבין, יעקב גאָרדין, אברהם ליעסין. אין וואַרשע גופאָ — דינעזאָן, זעצער, בעל מחש־בות, רייזען, נאָמבערג, אַש, וויסנבערג, ז. שניאור, יעקב שטיינבערג, י. ד. בערקאָוויטש... וועגן איינגעמען די וועלט האָט איצטער לאַמעד שאַפּיראָ שוין נישט געטראַכט, פאַר אים איז שוין געווען אַן אַמביציע צו קענען צושטיין צו אָט דער וועלט. און דעמאָלט האָט אונדזער העלד צום ערשטן מאָל זיך געדרוקט. ער האָט אָפּגעדרוקט אין מאַנספּרידס „יום טוב בלעט־

טער״ א זאַך, וואָס האָט געהייסן „פליגל״. עס איז א סקיצעלע וועגן א קעמערל פון קאַרטאָפל און ציבעלעס, וואָס ווערט אויף סוכות אויסגע־רייניקט און עס ווערט א סוכה, ווען מען הויבט אויף די פליגל דערפון. נעמט דווקא גיין א רעגן און מען מוז אַראָפּלאָזן די פליגל, און די סוכה ווערט צוריק קעמערל — דער יום־טוב ווערט צוריק וואָך; אָבער די ריכ־טיקע ערשטע דערציילונג האָט ער אָפּגעדרוקט אין א. רייזענס יאָרבוך „פּראָגרעס״ און זי הייסט „איציקל ממזר״. איך וועל אייך א קליין ביסל דערציילן איר אינהאַלט.

מיר זעען ווי אין אַ זאַווערוכע־נאַכט, ווען דער שמש ברוך אליהו האָט שוין פאַרלאָשן דעם לאָמפּ און ער קלייבט זיך שוין צו גיין אהיים, נאָר ער פוילט זיך און ער פאַררויכערט דערווייל א ציגאַר טיטון, פאַלט אריין אין דער גרויסער שול איציקל ממזר. ער זאָגט באַלד דעם שמש, אז ער וועט אין גאַס נישט נעכטיקן. יענער גיט אים דעם שלאָס און הייסט אים פאַר־מאַכן אינעווייניק די טיר און זאָגט אים אָן, אַז ער זאָל נישט ברענען קיין האָלץ. דער ממזר גיט א פינקל מיט די אויגן, און ער גייט באַלד און נעמט עטלעכע שייטלעך פון דעם האָלץ, וואָס איז אָנגעגרייט אויף אין דער פרי און ער צעלייגט א פייער. ער נעמט די עטלעכע קאַרטאָפל, וואָס ער האָט צוגעגנבעט מיט מסירת־נפש און ער לייגט זיי בראָטן. ווען עס ברענט דאָס פייער און עס בראָטן זיך די קאַרטאָפל, דערציילט אונדז דער שרייבער ווער איציקל איז. מען האָט אים געפונען הינטער א פּלויט און ער האָט דאָס מזל פון אלע פאַרוואָגלטע קינדער. ער האָט פאַרזוכט אלע „גוטע מאכלים״, וואָס אַזעלכע קינדער פאַרזוכן — הקדש, תלמוד תורה, טראָגן שלח מנות, פאַרקויפן הושענות, סתם בעטל ברויט. דערצו איז ער נאָך געווען א שלים־מזל, דאָ האָט ער איבערגעקערט א טעפּל, דאָרט איבערגעקערט א פאָמעני־צע, רודפט מען אים און מען לאָזט אים אין ערגעץ נישט אריין. דערווייל איז ער אונטערגעוואַקסן, האָט מען שוין אויף אים גאָר קיין רחמנות נישט געהאַט. ארבעטן ביי א בעקער האָט ער נישט געוואָלט, האָט מען געזען, אַז ער שניידט זיך אויף א גנב. האָט מען אים מורא אַריינצולאָזן אין א שטוב אריין, וואַלגערט ער זיך אין שול אויף דער באַנק.

איציקל האָט הנאה געהאַט שוין פון ריח פון די קאַרטאָפליעס. האָבן טריט צעשטערט זיינע חלומות. זיין שונא אהרעלע יתום האָט זיך געבעטן ביי אים, אַז ער זאָל אים אַריינלאָזן, ווייל ער ווערט פאַרפרוירן. אהרעלע איז געווען מער מיוחס פון איציקלען, ווייל זיין טאַטן האָט מען יאָ געקענט.

ער איז געווען אַ בעל עגלה, און דערפאַר רופט ער אים „ממזר” און ער שלאָגט אים. האָט ער איצטער א געלעגנהייט זיך צו אָפּרעכענען מיט אים. און ער לאָזט אים נישט אַריין, ביז וואנען יענער שווערט זיך נישט, ווי ער איז אַ ייד, אז ער וועט אים שוין מער נישט שרייען „ממזר”. ער וויל אים ערשט נאָך דעם האלטן א פערטל שעה ביי דער טיר, אָבער ווען יענער צעכליפּעט זיך, עפנט ער אים.

און איציקל גיט דעם שונא זיינעם אויך קארטאָפּליעס, ווען יענער בעט ביי אים. אוןביידע יינגלעך ווערן אריינגעטאָן אין דער אכילה און דאָס יאָרצייט לעמפּל באלויכט זיי קוים. „אין אַ שעה ארום האָט זיך געהערט איבערן שול א שטאַרקער כראָפּען פון די צוויי פארוואָגלטע נשמות. דרייסן האָט דער פראָסט געקנאקט”.

פאר יענער צייט איז דאָס געווען א גלענצנדיק געשריבענע דערציי־לונג, כאָטש איינעמען די וועלט האָט מען אויך דעמאָלט מיט אזא „איציקל ממזר” נישט געקענט. אָבער אין דער יידישער ליטעראַטור האָט מען אין יענער צייט מיט אַזאַ דערציילונג געקענט אַריין. שאַפּירא האָט איבערגעזעצט פון אַנדערע שפּראַכן, געדרוקט אייגענע זאַכן. ער האָט געוווסט, דערציילט ער, אַז זיין אייגנטלעכער זשאַנר איז די „סטאַטישע שילדערונג און די דינאַמישע דערציילונג”, אָבער ער האָט „געזינדיקט” אויך מיט לידער, אין וועלכע עס איז געווען עכטע שטימונג.

אין יאָר 1905 איז אונדזער העלד אוועקגעפאָרן קיין נאָרדאמעריקע דורך לאָנדאָן ווו ער האָט זיך באַקענט מיט דעם העברעישן שרייבער י. ח. ברענער און זיך מיט אים באפריינדעט, כאָטש י. ח. ברענער איז גע־ווען א העברעאיסט און שאַפּירא א יידישיסט. ברענער האָט דעמאָלט אין העברעיש אויך נישט געגלויבט און דעם פארלאג, וואָס האָט אַרויסגעגעבן זיין העברעישן זשורנאל „המעורר” האָט ער גערופן „מסדה”, אויף דעם נאָמען פון דער לעצטער יידישער פעסטונג פון פארצווייפלונג. ברענער האָט שאַפּיראָן אַריינגעפירט אין דער לאָנדאָנער „פרייער אַרבעטער וועלט”, ווו ער האָט געדרוקט עטלעכע נייע דערציילונגען און זיין ליד „זעלבסט־שוץ”. דאָס דאָזיקע ליד, דערציילט ער, האָט ער געשריבן אונטער דעם איינ־דרוק פון דעם, וואָס ש. צ. זעצער האָט אים דערציילט וועגן דעם פּאָגראָם אין זשיטאָמיר. „זעלבסטשוץ” געהער צו שאַפּיראָס כאַראַקטעריסטישסטע לידער און עס איז כדאַי צו באַקענען דעם לייענער מיט דעם, ווייל עס איז אין דעם פאראן אָנזאָג אויף די פּאָגראָם־דערציילונגען זיינע, וואָס

האָבן אים באַרימט געמאַכט. דער דיכטער שילדערט א שוואַרצע נאַכט מיט א תהום א הימל, פון עק צו עק שלאָפט נישט קיין מענטש, קיין איינציק אויג פאַרמאַכט זיך אין דער נאַכט פון שאַנד און שרעק, א שוואַרצע נאַכט. מיט טויזנט אויגן קוקט דער טויט, וואָס האָט שוין געצויגן די שווערד פון שייד. און דער דיכטער רופט אכטונג געבן, עס דערגרייכט אָהער א ווילד געלעכטער, א בייז געשפעט פון שונאס זייט. און ער־דריקט אויס א תפילה און א צאָרן. אין דער תפילה בעט ער ביי גאָט נישט קיין ניצחון, נאָר אָפּווישן די גרויסע שאַנד פון פאָלק, ער זאָל דערלויבן אונדז זען דעם שונאס פּנים און שטאַרבן מיט דער שווערד אין האַנט. און אָט ווי דער צאָרן גיסט זיך אויס:

און פילסטו שרעק,
פאַרבייס די ליפּן,
פאַרקריץ די ציין —
און שווייג... און שטום!
און רינט דיין בלוט
און פלאַצט דיין האַרץ
און שטאַרבסטו — שטאַרב
און שווייג און שטום.
און שטרעקסטו דיין האַנט
און צילסטו — טרעף!
און שלאָגסטו — טויט'
און שטום! און שטום!

לאָמעד שאַפּיראָ איז אין יאָר 1906 אָנגעקומען קיין אַמעריקע און פון דאָרטן אַרויס איז ער דעמאָלט באַרימט געוואָרן אין דער גאַנצער יידי־שער וועלט. זיינע דערציילונגען „דער קינסטלער" און „די פאמיליע גע־רער", וואָס זענען געדרוקט געווען אין „צוקונפט" אין יאָר 1907 האָבן אים אַלץ מער און מער אימפּאָנירט ווי אַ שרייבער מיט אַן אייגענעם שטעל און טאָן.

לאָמיך אייך אביסל באקענען מיט דער דאָזיקער דערציילונג, וואָס הייסט „די פאמיליע גערער". זי איז די ערשטע אין דער יידישער ליטע־ראטור, וואָס פארמעסט זיך צו שילדערן א גאנצע פאמיליע. לערך אין דער זעלביקער צייט איז דערשינען פינסקיס „פאמיליע צבי". שפּעטער שלום אשס „דריי שטעט" מיט עטלעכע מישפחות און שפּעטער מיט א סך יאָרן זענען געקומען זינגערס „מישפּחה קאַרנאָווסקי" און באַ־

שעוויסעס „פאַמיליע מושקאַט". די דערציילונג האָט קרוב צו אַכציק זייטלעך און זי האָט אַזויפיל אינהאלט וויפל עס וואָלט געקענט אַריינגיין אין א גאנצן ראָמאן. עס ווערט דאָ געוויזן אַ גאנצע יידישע פאַמיליע פון אַ טאַטן, א מאמען, צוויי טעכטער, אַן איידעם, דריי זין, א שנור. יעדער ווערט געוויזן מיט זיין אויסערלעכקייט און אינערלעכקייט. אין צענטער איז פאראן א העלד. די דערציילונג הויבט זיך אָן מיט דעם העלדס געבוירן ווערן. בקולי קולות קומט אויף דער וועלט דער מוזיניק פון ר' אברהם און גאָלדע, וואָס קריגט דעם נאָמען לייבעלע. די טאַטע־מאַמע זענען נישט קיין אויסערגעוויינלעכע העלדן אין אונדזער צייט. מען האָט זיי שוין געשילדערט אין אונדזער ליטעראַטור. אָבער צוריק מיט 43 יאָר האָבן זיי זיך קוים אָנגעהויבן באוויזן. מען קען זיי געפינען ביי שלום עליכמען, ביי פרצן. זי האָט א באקאליי קראָם און ער האָט די דעה. זי איז די מילדע יידישע מאמע און ער איז דער הארטער טאַטע. געבוירן געוואָרן איז אונדזער העלד שוין נאָך דעם ווי זיינע עלטערן האָבן חתונה געמאכט זייערע עלטערע טאָכטער פרומע. אויף צו להכעיס איז דער ניי־געבוירענער געווען א שרייער און ער האָט אַריינגעבראכט צערודערונג אין דער הויז פון די מיטליאָריקע מענטשן, וואָס האָבן שוין געלעכצט נאָך מנוחה. און דער שרייבער גייט נאָך שריט ביי שריט זיינע אלע העלדן. ער ווייזט דעם איידעם שלום, וואָס האלט זיך פאר א גאנצן קנאקער און ער פאַרפלאָנטערט מיט דעם ביסל געלט, וואָס ער האָט, א געשעפט, וואָס איבערשטייגט זיינע מעגלעכקייטן און ער ווערט געבראָכן און ווי אזוי אָט דאָס ווירקט, אז זיין יונג ווייבל זאָל קריגן דאָס אויסזען פון אַ יידענע. עס ווערט דערציילט ווי אזוי דער שטורמישער מוזיניק, וואָס קריגט אַן אַם, ווייל די מאמע האָט שוין נישט קיין מילך, פאַרליבט זיך אין זיין אַם און ער וויל קיינעם נישט קענען אויסער איר און ווי אזוי מען אנטווייגט דעם יינגסטן פון די העלדן, וועלכער לעבט איבער א מוראָדיקע טראגעדיע, ווען די אַם פאָרט אַוועק. און עס ווערט געשילדערט ווי אַזוי דער פאָטער צווינגט דעם זון לייזער חתונה צו האָבן פאַר אַ מיידל מיט רויטע אויגן, וואָס איז עלטער פון אים מיט דריי יאָר. ווי אַזוי דער איידעם שלום וויל פאַרקנסן זיין שוועגערין העסקע צוליב זיין אינטערעס. ער וויל ביים חתנס צד קריגן א פאָסטן און עס ווערט געוויזן ווי אזוי אָט די העסקע ווערט זיך קעגן דעם. און מער ווי אַלץ ווערט געשילדערט ווי אזוי לייבל וואקסט א בחור מיט כאראקטער. ער ווערט זיך קעגן זיין מלמד, וואָס האָט אַ קאַנ־

טשיק, ער ווערט זיך קעגן זיין פאָטער. עטלעכערליי עטאַפּן מאַכט ער דורך
אָט דער בחור. פריער לערנט ער גאָר גוט, דערנאָך וויל ער אינגאַנצן נישט
לערנען, ווייל דער רבי שמייסט און נעמט צו דעם גאַנצן ווילן ביי די
קינדער, דערנאָך ווערט ער ווידער סטאַטעטשנע און ער לערנט ווידער,
ביז דער נאַטירלעכער בחורישער אומרו פירט אים אַוועק צו א ניי לעבן,
אַ נישט געפּענטעטס...

פאַראַן ווונדערלעכע שטעלן אין אָט דער דערציילונג. דער אופן ווי
אַזוי די כלה קומט צו איר חתן, וואָס האָט זי נישט ליב און ווי אַזוי זי
פאָרט אהיים א טרויעריקע, אָבער דאָך נישט קיין אַנטוישטע, איז גע־
שילדערט ווי פון א גרויסן מייסטער. דאָס מיידל האָט צו וויניק אויסער־
לעכן און אינערלעכן כוח, אז זי זאָל קענען טראַכטן וועגן בייטן איר
גורל. און מייסטערהאַפט ווערט געשילדערט ווי אַזוי באַלד נאָך דער חופּה
בייט זיך דער ווילנלאַזער חתן, וואָס נעמט א מיידל פאַר א ווייב, וועלכע
ער האָט נישט ליב, און ווי אַזוי ער הייבט אָן ווערן סענטימענטאַל צו איר.
יידישער שטייגער טרעפט זיך דאָ צונויף מיט יידישער פּסיכאָלאָגיע, און
יידישער „איוב" פּאַטאָס גיסט זיך צוזאַמען מיט ביטערן, שיר־נישט גיפ־
טיקן הומאָר.

און דער סוף פון דער דאָזיקער דערציילונג איז אָן אָנהויב. לייבל
טרעפט זיך אין הויז פון זיין לערער באַרוכאָוויטש מיט א שטאָטיש מיידל,
אין וועלכער ער פאַרליבט זיך און עס נעמט אים ציען צום נייעם לעבן.
דער פאָטער דערוויסט זיך, אַז דער זון רויכערט אום שבת, און עס קומט
צו א סקאַנדאַל און שיר נישט צו א געשלעג, און דער זון אַנטלויפט פון
הויז און ער שרייבט צו די עלטערן, אז עס איז בעסער זיך צו ליבהאָבן
פון דערווייטנס, איידער זיך צו קריגן פון דער נאָענט. ערשט דעמאָלט
ווערט דער האַרטער פאָטער צום ערשטן מאָל סענטימענטאַל און ער פאַר־
בענקט זיך נאָך זיין זון מיט דעם פעסטן כאַראַקטער. און דער לייענער
בלייבט א נייגעריקער. ער וואָלט ערשט איצטער געוואָלט וויסן, וואָס מיט
זיין העלד איז געוואָרן. עס איז אַ גאַנצע זאַך, כאָטש זי ענדיקט זיך דאָרט,
וווּ זי קען זיך אָנהייבן. געניטע לייענער ווילן דאָ דערקענען עפּעס פון
אינהאַלט פון בערגלסאָנס „פּענעק", וואָס ווערט דאָך אויך געבוירן, ווען
די עלטערן זענען שוין אַלט. ביי שאַפּיראָן זענען בּיכלל פאַראַן אַ סך
„בערגלסאָנישע" אָנזאָגן.

צווישן די יאָרן 1907—1909 האָט ל. ש. אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט

יינע פיר פּאָגראָם־דערציילונגען, „אין דער טויטער שטאָט", „שפוך חמתך", „דער קוש" און „דער צלם", וואָס האָבן געמאַכט א גרויסן רושם און האָבן דעם מחבר געמאַכט א גרויסן נאָמען, לאָמעד שאַפּיראָ איז דער־מאָלט א שטיק צייט געוואָרן דער צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט. דר. ח. זשיטלאָווסקי, וואָס האָט אין יענער צייט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „דאָס נייע לעבן", האָט אָפּגעדרוקט א וואָ־גיקע אַרבעט וועגן דער דערציילונג „דער צלם", וואָס איז דער ערשטער גרויסער שטורמישער פּראָטעסט קעגן דער קריסטלעכער ציוויליזאַציע און די ערשטע פאַרלייקענונג פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם פון אַ יידישן שטאַנדפּונקט. אין „צלם" ווערט דערציילט ווי אזוי א פּאָגראָמשטשיק קריצט אויס בעת דעם פּאָגראָם א צלם אויף דעם שטערן, פון דעם העלד — אַ יידישער מעדיקער און א סאָציאַליסט. דער ייד מיט דעם קריסטלעכן צייכן אויף דעם שטערן, ווערט דער וויי־געשריי קעגן דער מעגלעכקייט פון יידיש־גוישן צוזאַמענלעבן. דאָ איז שוין פאַראַן דער ערשטער רוף צוריק אין געטאָ אריין, וואָס האָט געקראָגן זיין פולסטן אויסדרוק אין יעקב גלאַטשטיינס „א גוטע נאכט, וועלט". זשיטלאָווסקי האָט אָנגעשריבן א לענגערע אַרבעט וועגן שלום אשס „אין א קאַרנאַוואַל נאכט", וואָס ווייזט, אַז ווען מען שלאָגט יידן, שלאָגט מען אויך יעזוסן און וועגן שאַפּיראָס צלם, וואָס ווייזט, אז ווען מען שלאָגט יידן, שלאָגט מען נאָר זיי...

געוועזן אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אז דער אמתער צער און צאָרן איז געקומען צום פולן אויסדרוק ניששט ביי ביאַליקן, נאָר ביי שאַפּיראָן. ביי ביאַליקן, האָט מען געזאָגט, איז פאַראַן א מאָנונג פון צאָרן און ביי שאַפּיראָן איז שוין פאַראַן דער צאָרן אַליין. אין „קוש" קומט פאָר ווי דער פּאָגראָמירטער ייד שכנאָ דערקענט אין דעם פּאָגראָמטשיק וואַסילענקאָ א זון פון זיין אַרבעטער. וואַסילענקאָ איז גרייט צו שענקען שכנאָן דאָס לעבן מיטן תנאי, אז ער זאָל אים א קוש טאָן אין פוס. און ער טוטשעט אים דעם פוס און ר' שכנאָס ציין שניידן זיך אַריין אין שמוציקן פלייש... פּאָגראָם איז אויך פאראן אין דער דערציילונג „שפוך חמתך" און אין דער סימבאָלישער דערציילונג „אין דער טויטער שטאָט", וואָס שילדערט אַ בית עולם, ווו נעבן אלטן קברות מאן דן געפינט זיך זיין אייניקל ביילקע, וואָס דערוואַכט מיט ליבע צו אַ שגץ. די דאָזיקע דערציילונג פאַרענדיקט זיך מיט א ליד, וואָס איז א חוזק־פּראָטעסט קעגן גאָט אליין, וואָס שטעלט צום טענצל מענטשעלעך, ליאַלקעלעך, פייגעלעך, פישעלעך. ער שפּילט זיך

פעלעך, שעפסעלעך, שלענגעלעך, טייבעלעך און ער שטעלט זיי אלע צום קאָן, און אליין טראָגט ער א כאלאטל אין רינגלעך און שטרייפּלעך און הויזן — האַלב געל און האַלב רויט, און מאַכט אַלערליי קונצן און ר׳איז „אַ גאָט אין אַ מיצל, אַ מיצל מיט גלעקעלעך" און ער האָט באשאפן די וועלט.

איניקע האָבן געהאלטן, אז עס איז פאַראַן עפּעס נישט־נאַטירלעכס אין דעם אופן ווי ל. שאַפּיראָ שרייבט. די פראַזן זענען צו־שאַרף און צו אקצענטירט און די חכמה רעדט אַרויס פון יעדער פראַזע. דאָס זעלביקע האָט מען געזאָגט וועגן זיין געמיש פון רייזע איינדרוקן, דערציילונגען און פּאָעמען „אויפן ים", וואָס ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן און פאַרעפנט־לעכט. פינף קאפּיטלען האָט דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס שילדערט א רייזע אויפן ים מיט אלע אינערלעכע איבערלעבונגען און מיט דער גאנצער מאַיעסטעטישער קאַלטקייט פון דער ים־מלוכה. ווען איינער א יאנקאָ ראַוויטש וואַרפט זיך אריין אין ים, איז עס אויך א טייל פון דער גאנצער מיסטעריע. דאָס אָנקומען פון אַן אייזבאַרג רופט אַרויס שרעק און רייץ. דאָס פאַרליבטע פּאָרל אויף דעם באָרד טוליעט זיך פאַר שרעק נאָך שטאַר־קער איינס צום אנדערן. דאָס ליבע און שרעק־געזאנג צום ים פאַרענ־דיקט זיך מיט אָט די שורות:

יַם, אַ יַם, אויף דיר האָט דער מענטש געדאַרפט געבוירן ווערן.
יַם, מיין יַם, כ׳קום נאָך צוריק צו דיר.

ל. שאַפּיראָ האָט געקראָגן א גרויסן נאָמען, אָבער צו קיין פּרנסה איז עס נישט געקומען. ביכדי צו קריגן א שטיקל פּרנסה, האָט ער גע־דאַרפט פאָרן קיין שיקאגאָ עפענען א רעסטאָראַן. פון דעם איז אויך קיין פּרנסה נישט געוואָרן. א שם האָט ער געקראָגן, אז ער ווערט א גביר. אפילו צו ברענערן קיין לאָנדאָן איז דערגאנגען וועגן זיין גבירהשקייט און יענער האָט אים צו וויסן געטון, אז ער וויל קומען קיין אמעריקע און ער דארף אויף הוצאות הדרך. שאפּיראָ האָט שוין געהאט אָפּגעשפּאָרט גאנצע פינף און צוואנציק דאָלער, האָט ער זיי ברענערן אוועקגעשיקט מיט אן עצה, ער זאָל נישט קומען און דאָס דאָזיקע האָט ביי ברענערן ארויס־גערופן א רוגזה. ער האָט געמיינט, אז שאַפּיראָ וויל נישט האָבן קיין קאָנ־קורענטן... שאַפּיראָ האָט וועגן דעם זיך דערוווסט שפּעטער. און דערווייל איז ברענער אומגעקומען אויף קידוש השם און אויף דער וועלט האָט

מען שוין דעם סיכסוך נישט געקענט אויסגלייכן, עס איז געבליבן, ווי שאַפּיראָ האָט שפּעטער געשריבן, אַ דין תורה פאַר יענער וועלט...

קיין צווייטן פינף און צוואַנציקער האָט שאַפּיראָ פון רעסטאָראַן נישט אָפּגעשפּאָרט און ער איז צוריקגעקומען קיין ניו־יאָרק. ער האָט געפּרוווט אַרבעטן אין „פאָרווערטס“ און ער האָט נישט געקענט שרייבן אַזוי ווי דער רעדאַקטאָר אַב. קאַהאַן וואָלט געוואָלט. אַזוי ווי ער האָט געקאָנט שרייבן, איז דעם רעדאַקטאָר נישט געפעלן. דערווייל האָט זיך אונטער־געדרוקט א שטרייק אין „פאָרווערטס“ און ל. שאַפּיראָ איז אַרויס און ער איז שוין מער נישט צוריקגעגאַנגען.

און אונדזער העלד האָט פאַרלאָזט אַמעריקע און איז ווידער געקומען קיין וואַרשע. אין 1910 איז ער געוואָרן שטענדיקער מיטאַרבעטער אין „פריינד“, וווּ ער האָט געשריבן נייס. ער האָט אויך איבערזעצט פאַר שימינס פאַרלאַג וויקטאָר הוגאָס „מיזעראַבל“ א״נ „דער גיבור אין קייטן“. ער האָט אַרויסגעגעבן „דער קוש“ און „שפוך חמתך“ אין איין ביכל און אין א צווייט ביכל זיין „אויפן ים“. ער האָט אויך אַרויסגעגעבן א בוך א״נ „נאָוועלן“ מיט ניין דערציילונגען.

דער אומרו האָט אים נישט געלאָזט איינזיצן. ער איז אַוועק אין דער שווייץ איניינעם מיט זיין פרוי. אין ציריך האָט ער געעפנט א קאָלאָניאַל געשעפט און פון דעם גאַנצן געשעפט האָט זיך אויסגעלאָזט א טייך און ער איז ווידער אוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

און אין ניו יאָרק האָט שאַפּיראָ ווידער געעפנט א רעסטאָראַן. מען האָט אים געהאָלפן. און אויסגערעכנט האָט ער, אַז איבערהויפּט וועלן קו־מען צו אים קאָלעגן־שרייבער. און זיי זענען טאַקע געקומען. אָבער עס ווייזט אויס, אַז דער רעסטאָראַן איז קיין רעסטאָראַן נישט געווען און דאָס עסן קיין עסן נישט, און ווען מען וואָלט גענדאַרפט „בענטשן מיט מזומן“, וואָלט מען טאַקע נישט געקומען. ער האָט געדאַרפט נישט נאָר שרייבן, נאָר אויך פאַרשרייבן. שרייבן האָט ער געדאַרפט, ווייל ער איז כסדר געווען א שרייבער און פאַרשרייבן האָט ער געדאַרפט חובות. ש. מיללער דערציילט, אַז ער האָט די חובות אָפּגעמעקט איניינעם מיט דעם רעסטאָ־ראַן. און ער האָט געוואַנדערט איבער אַמעריקע. אין לאָס אַנדזשעלעס האָבן אים קאָלעגן געמאַכט א באַנקעט, האָט ער געזאָגט, אַז ער וויל א שטיקל פּרנסה און זיי מאַכן אים באַנקעטן און דער חתן איז צו דער חתונה נישט געקומען. ער איז צוריקגעפאָרן קיין ניו יאָרק און דערווייל האָט ער

זיך צעבראָכן אַ פוס. ליגנדיק אין בעט, האָט ער געעפנט אַ געשעפט פון אַלטע ביכער. זיין ווייב איז אַרומגעגאַנגען מיט פּעק ביכער און פון „געשעפט פון די אַלטע ביכער איז געבליבן אַ ניי צעטל חובות". דאָס איז געווען דאָס לעצטע געשעפט זיינס. ער האָט געוואָלט נאָך פּרווון עפענען אַ רעסטאָראַן אין קליוולאַנד־אָהייאָ, האָט אַ כלל טוער צו וויסן געטון, אַז מען זאָל זיך היטן פאַר שאַפּיראָן, ווייל ער איז „אַ ייד אַן אַנזעצער"...

און אָט אין יענער צייט האָט ער זיך גענומען אַרבעטן אויף אַ דערפינדונג אויף דעם געביט פאָטאָגראַפיע. ער האָט געוואָלט געפינען אַ מיטל צו קענען פאָטאָגראַפירן די נאַטירלעכע קאָלירן פון די זאַכן. און ער האָט ביז טיף אין דער מיט פון דער ערשטער וועלט־מלחמה כמעט אינגאַנצן נישט געשריבן. אין 1916 האָט ער אָנגעשריבן אַ דערציילונג מיטן נאָמען „רויך", וואָס האָט געמאַכט אַ פיינעם רושם. עס איז אַ דערציילונג מיט שאַפּיראָשע עפעקטן און קונצן, וואָס זי נעמט אַרום אַ גאַנץ לעבן. דער לייט־מאָטיוו איז אַ טרוק, אָבער דער טרוק ווערט אַ סימבאָל. עס איז אַ געשיכטע פון אַ יינגל פון אַן אָרעמען מלמד. מנשה הייסט דאָס יינגל. ער וויל רויכערן און ער האָט נישט וואָס. ער רויכערט שטיקלעך, וואָס ער נעמט צונויף פון דער ערד. און אָט קומט אַ ייד אַ גביר און ער נעמט אים פאַר אַן איידעם. און מנשה פאַרדייעט זיין גבירהשקייט. דער קאָפּ פאַרדרייט זיך אים נישט. דער איינציקער לוקסוס, וואָס ער דערלויבט זיך איז — רויכערן דעם טייערסטן טאַבאַק. מען ווייסט, אַז מען קריגט ביי אים אַ גוטן ציגאַר־טיטון. זיין עלטערער שוואָגער האַלט צווייערליי טאַבאַקן, איינעם פאַר זיך און איינעם פאַר אַנדערע, מנשה נישט. זיין ווייב איטע פּרווט אַ צי טון פון זיין פּאַפּיראָס און פאַר איר איז עס נישט מער ווי רויך, ער זאָגט: „אָבער ס'איז גוט". שפּילנדיק מיט רויך, פאַרפּלאָנטערן זיי זיך אין ליידנשאַפט. דער שווער פירט די גרויסע געשעפטן און ווען מנשהס ווייב האָט אַ צווילינג פון צוויי יינגלעך, גיט אים דער שווער געלט צו פאָרן באַלד נאָך דעם ברית קיין דאַנציג. און ער פאָרט, כאָטש ער ווייסט נישט וואָס צו טון. ער לערנט זיך פּאַוואָליע אויס צו האַנדלען. און די שטוב ווערט אַזוי פול מיט קינדער און די קינדער ווערן גרויס. דאָס אָמאָליקע יינגל מנשה ווערט ר' מנשה. עס גייט אים אָוועק שלעכט און ער פאַרלירט די גאַנצע ירושה פון דעם שווער, וואָס ער איז שוין נישטאָ, אָבער ער אַרבעט זיך אַרויף. ער פאָרט צום דאָן און קויפט דאָרט קאַוויאַר און אָרטיקע סאַרדינען און ער פירט זיי קיין דאַנציג. און שטענדיק — דער

ריח פון טאַבאַק. און מיט דעם ווייב שפּילט ער זיך אויך מיט רויך. און ווען ר׳ מנשה דערפילט זיך, אז ער איז אלט, צעטיילט ער דאָס פאַרמעגן צווישן די קינדער און פאר זיך מיט דער אלטיטשקער לאָזט ער נאָר וויפל ער דאַרף. דער מיזיניק פארגאלאָפּירט זיך, פארלירט דאָס געלט, קומט נעמען נאָך ביים פאָטער, יענער זאָגט אים, אז איינמאָל וועט ער אים נאָך געבן און מער נישט. ער איז שוין אַלט. און ער ווערט קראנק, הוסט און שטאַרבן שטאַרבט ער א פּאָר מינוט נאָך דעם, וואָס ער פארווּיכערט דעם פיינעם פאַפּיראָס, וואָס איז, ווי דאָס ווייב זאָגט נישט מער ווי רויך, אָבער ער זאָגט, אז ס׳איז גוט...

דאָס גאנצע לעבן איז — רויך, אָבער גוט. דאָס דאָזיקע איז דער געדאַנק פון דער זאַך. נישט מער ווי רויך, אָבער גוט...

עפּעס ענלעך צו אָט דער לירישער דערציילונג איז די מעשה וועגן דעם רב מיט דער רביצין, וואָס האָבן נישט קיין קינדער און חלומען כסדר וועגן א קינד. עס גייט אוועק מער ווי צען יאָר און דער רב דאַרף זיך דאָך גטן, אָבער ער גט זיך נישט, ער חלומט אלץ וועגן דעם קינד, וואָס דאָס ווייב וועט אים האָבן. מען הייסט דעם פּאָר פאַלק צונעמען א קינד, אָבער זיי חלומען אלץ וועגן אן אייגן קינד. דאָס גאנצע לעבן זייערס גייט דורך אין א פּאָר בלעטלעך, דאָס גאנצע לעבן, וואָס איז נישט קיין רעאַליטעט, נאָר א חלום.

און כאָטש שאַפּירא האָט מער זיך נישט געוואָלט אומקערן צו די פּאָגראָם־טעמעס, וואָס זענען געשריבן, ווי ער האָט געזאָגט, מיט א קוויטש, האָט ער זיך דאָך אומגעקערט צו זיי. די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד בעת דער רעוואָלוציע האָבן אים צוריקגעפירט צו זיי. ער האָט אָנגעשריבן צוויי פון זיינע באַרימטסטע דערציילונגען „די יידישע מלוכה״ און „ווייסע חלה״. דער נאָמען „יידישע מלוכה״ איז געגעבן געוואָרן זיין גרעסטן באנד דערציילונגען, אין וועלכן עס איז אַריין דער תמצית פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעשריבן ביז אַרום 1919. די „יידישע מלוכה״ איז אַ מלוכה, ווו מען מאכט פּאָגראָמען. דעם רבס זון ווערט אן אַפּיקורס און ער פארלירט דעם גלויבן אין גאָט צוליב דעם, וואָס כוליגאנעס האָבן אים פארגוואַלדיקט די פרוי. דער רב פארטרייבט אים פאר זיין אַפּיקורסות. און נאָך מיט מער פּראָטעסט וואקסט קעגן די פּאָגראָמען דער שוחט גרשון, וואָס שאַרפט כסדר דאָס מעסער. און גרשון ווערט דער אויסדרוק פון צאָרן, ווען מען באַפאלט אים און מען וויל ביי אים געלט, וואָס ער האָט נישט. ער דער־

מאָרדעט זיין איבערפּאַלער. גרשון איז אַ רעאַלע פיגור, פונקט ווי דער מאַן פון „צלם" איז דאָס געווען. און די „ווייסע חלה" איז אויך אַ גיפטיקע דערציילונג וועגן פּאָגראָם. דער אַגיטאַטאָר וואַסילענקאָ זעט די סיבה פון אַ סך אומגליקן אין דעם, וואָס יידן עסן ווייסע חלה...

אין יאָר 1920 איז אין ניו יאָרק דערשינען דער קאָמוניסטישער חודש זשורנאַל „פונקען" און שאַפּיראָ איז דאָרט געוואָרן רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג און ער האָט געשריבן אונטער דעם פּסעוודאָנים י. זאַלאַט (זיין מאַמעס מיידלשער פאַמיליען נאָמען איז געווען זאַלאַט). וועגן שאַפּיראָס שייכות צום קאָמוניזם וועט נאָך אויסקומען צו רעדן. ער איז געווען דער נאַציאָנאַליסטישסטער פון די יידישע שרייבער און עס האָט אים דאָך געצויגן צום עקסטרעמען סאָציאַליזם. עס האָט אים געצויגן צו אַ רעזשים פון יושר.

אין 1921 איז ל. שאַפּיראָ אַוועק קיין לאָס אַנדזשעלעס צו אַרבעטן אויף זיין דערפינדונג. גאַנצע טעג האָט ער געאַרבעט צו געפינען די קאָלירטע פאָטאָגראַפיע. ער האָט זעקס־זיבן יאָר דורכאַנאַנד כימעט גאָרנישט געשריבן. פריינט האָבן אים געהאָלפן און דווקא מיט אַ סך געלט, אָבער זיי זענען מיד געוואָרן. דער שווין אַזויפיל מאָל דערמאָנטער נאָענטסטער פריינט פון שאַפּיראָן, דער טאַלאַנטירטער ש. מיללער, מיינט, אַז ל. ש. איז נישט אַזוי אויסן געווען די דערפינדונג, ווי ער האָט געוואָלט אַוועק פון דער גרויער וועלט. אין משך פון זיבן יאָר האָט ער אָנגעשריבן צוויי גאַנצע דערציילונגען, אַ דריטע האָט ער נישט פאַרענדיקט און פאַר אַ פערטער האָט ער אָנגעוואָרפן אַ פּלאַן. אין יאָר 1927 איז אים זיין געטרייע ווייב פריידל געשטאָרבן און ער איז אַוועק צוריק קיין ניו יאָרק. די אַרבעט אַרום דער דערפינדונג האָט ער אָפּגעשטעלט.

אין יאָר 1928 זענען פאָרגעקומען די פּאָגראָמען אין ארץ ישראל און ווען די גרופּע יידישע שרייבער, וואָס איז אַרויסגעטראָטן פון דער „פרייהייט" צוליב איר פאַרטיידיקן די פּאָגראָמען, האָט אַרויסגעגעבן דעם זשורנאַל „די וואָך", איז ער צוגעשטאַנען צו דער גרופּע און ער איז איינעם, מיט מ. באָריישאָ און ה. לייוויק געוואָרן רעדאַקטאָר פון דערמאָנטן זשורנאַל. ער איז אַרויס מיט זיין גאַנצער שאַרפקייט קעגן די באַיאָער פון די פּאָגראָמען. ווי שאַרף ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן משה נאַדירן, וואָס האָט זיך „געשטעלט אויף דער זייט פון די, וואָס האָבן אין זייער בלינדן מאַניאַקאַלישן לויף אַריבערגעטראָטן אַלע געזעצן, ביז צום באַגריסן די פּאָ־

לעסטינער פּאָגראָמען״. משה נאַדיר האָט דעמאָלט געוואָרפן זיין וואָרט „צער־וואקכאנאליע״ און שאַפּיראָ האָט געזאָגט, אז משה נאַדיר האָט זיך שוין ווידער באחכמהט. דאָס דאָזיקע וואָרט מיינט, אז מען פאַרכליניעט זיך מיט צער און מען האָט הנאה דערפון. „דאָס ערגסטע איז, האָט גע־שריבן ל. שאַפּירא, וואָס דערין איז פאַראַן א טייל אמת... נאָר ער — דעם טאַטן און מאמען וואָלט ער פארקויפט פאר א גלייכווערטל, א רוח אין זיין טאַטנס טאַטן אריין״...

ל. שאַפּירא האָט זיך אויך צעקריגט מיט דער גרופּע פון דער „וואָך״ און ער איז אַוועק פון איר. אָט אין יענער צייט האָט ער געגומען גרייטן זיין בוך „ניויאָרקיש״, וואָס בילדעט צוזאמען מיט דער „יידישער מלוכה״ און מיט די „כתבים״, וואָס זענען דערשינען נאָך זיין טויט, די דריי עיקרדיקע ביכער זיינע. מיר וועלן זיך באַקענען מיט אָט דעם בוך, וואָס געהער צו די סאמע אייגנארטיקסטע אין דער יידישער ליטעראַטור.

פון פינף דערציילונגען באַשטייט אָט דער באנד; די ערשטע צוויי זענען נישט פון ניויאָרקישן און נישט פון אַמעריקאַנער לעבן, נאָר פון דעם לעבן אין דער אַלטער היים אין די אַלט־פּעטערישע צייטן. זיי וואָלטן זיך נאָך גאַנץ גוט אַריינגעפּאסט אין דער „יידישער מלוכה״.

אין „ממה נפשך״ איז דער העלד א רבס א זונדל מיטן נאָמען ליפּע, וואָס איז א פירער ביי די שאָלטיקעס, כאַפּט פייגל און מאכט אָן חורבנות אין גערטנער. מען מאכט אים חתונה פאר א געזונטער מויד און ער וואַרפט זיך אויף איר, „ווילדעוועט איבער איר, ווי א וויכער ארום א ווינקל הויז״ און דערנאָך ערשט האָט ער דערזען, אז דאָס „איז נישט די אישה פון זיינע חלומות״, ווייל „דאָ איז אַלץ אזוי ווי קיילעכיק און געשטאָפּט אזוי ווי פון גומי און קיין סודות זענען דאָ נישטאָ און קאָנען נישט זיין און דאָס שלאָפט ברייט און אָטעמט געשמאַק״, בעת ער אליין איז דער סאמע היפך, זיין קערפּער איז „אַן עכטער לולב, דין און האַרט און געשפּאַנט און דראַ־טיק און אַלץ זעט אויס לענגער און געצויגענער, ווי אין דער ווירקלעכ־קייט״. און ער בלייבט גלייכגילטיק צו זיין פרוי, לעבט אין שטוב ווי א תם און טוט גאָרנישט. אַרום אים הערשט ציניזם פון רייכקייט און זאטקייט. דער שווער ליפּעס, א ייד א סוחר, א ציניקער, טרעפט אין א שבת בייטאָג דעם איידעם זיצן אויפן באַלקאָן און רויכערן א ציגאַר און זאָגט אים:

„מיר זענען אמאָל אויך געווען יונגעלייט, איז וואָס זשע מיינס־טו האָבן מיר געטון? האָבן מיר געלאָזן דעם רויך אין קוימען אַרייַן, כא, כא".

און ליפּע ענטפערט דערויף:

— „זייט זשע מוחל שווער... ס'איז דאָך „מימה נפשך". טאָר מען נישט רויכערן, טאָר מען נישט. אלה ווי דען, מ'מעג? אי׳־דאָך"...

און דער שווער האָט אזש א קרעכץ געטון:

— „מימה נפשך?! ביסטו דאָך, זאָלסטו מיר מוחל זיין — כאָטש דו ביסט עלטער פון מיר — אַ יאָלד! דאָ איז נישטאָ קיין מימה נפשך — בלאָז אין קוימען, גוטער ברודער, בלאָז אין קוי־מען"...

פארשטייט זיך, אז אין איין וועג זאָגט שוין דער שווער דעם איידעם, אז ער זאָל עפּעס א טראכט טון צום מיסחר, צי צו תורה און ווען דער איידעם ענטפערט, אַז ער האָט נאָך נישט געטראַכט, מאַכט זיך דער אַלטער ציניקער דערפון גאָרנישט. ער דארף דערוויייל נישט מער ווי אַן „ער" פאר זיין טאָכטער. דער סוף איז, אז ווען ליפּע דארף שטיין צום פּריזיוו, לאָזט ער זיך נישט באַפרייען, וויל גיין דינען און דעם שווער שרייבט ער, אַז ער איז גרייט צו שיקן א גט דער טאָכטער — וואָס האָט שוין א געשוואָ־לענעם בויך — און ער שרייבט אים דערביי:

„און מיטן מימה נפשך איז אויך די אייגענע מעשה. עס קאָן גרייַלעך זיין, אז איר זענט גערעכט און דער דין איז: בלאָז אין קוי־מען, אָבער מיין הארץ איז נישט רואיק וועגן דעם. איך מוז פונ־דעסטוועגן מודה זיין, אז עס זענען פאראן דברים שבנצנעה (זאכן מיט וועלכע מען דארף זיך באהאלטן — י. ב.): אז בושה איז די קרוין פון דער מיצווה און דער טעות פון דער עבירה".

די דערציילונג האָט לאפּסוסן. דער העלד שפּרינגט אַרויס ווי „דעוס עקס מאקינא"; אָט ערשט אַ יינגל און אָט אַ פילאָזאָף, וואָס וויל דערגרונ־טעווען די וועלט. געשריבן איז דאָ אלץ פריש און שאַרף, אָבער מיט צו־

פיל מאניר און צופיל חכמה. די קונסט גרעניצט מיט קונץ און מיט קונ־צעלעך.

די צווייטע נישט ניויאָרקישע דערציילונג אין „ניויאָרקיש״, „גענגע־סענע טעג״, איז א כראָניק פון א ישיבה־בחור, וואָס לערנט אין א ישיבה אין וואָלינער שטעטל זאַהאַריע וויטראק, ווייל עס האָט זיך געפונען צווישן בערג און ווינט־מילן. עס שמעקט מיט די גאָר אַלטע, גוטע צייטן, עס ווייעט מיט זאטקייט;

„ביים פלייש־מאַרק — דערציילט שאַפּיראָ — זענען הינט גע־לעגן מיט אַרויסגעשטרעקטע צונגען, האָבן געאָטעמט אזוי טיף און געקוקט מיט פארגלעזערטע אויגן אָן אינטערעס אויף דער וועלט און אפילו אויף די בלוטיקע זייטן פלייש אין די פענצטערלעך פון די יאַטקעס״.

זאַטע צייטן. און אפשר איז די זאטקייט געקומען פון די מילן, זאָגט מען דאָך „הונגעריק, ווי דעם מילנערס הונט״.

ל. שאַפּיראָ מאָלט אן אָפּגעקומענע ישיבה, אן אויסגעליידיקטע פון בחורים, אָבער ער ברענגט א היפּש ביסל טיפּן ארויס מיט אומגעהייערער בולטקייט. עס וואקסט אויס א גאלעריע פון ישיבהלייט און אונדז דאכט זיך, אַז מיר זעען לעבעדיקע מענטשן און מיר זעען אויך וואקסענע פיגורן אין אַ מוזיי. דעם זעלביקן איינדרוק מאכט אונדז די גאנצע גאלעריע טיפּן פון די שטעטלדיקע יידן און יידענעס.

פאראן אויך עפּעס פון א חומש־מעשה וועגן שטעטל אין אָט דער דער־ציילונג. עס איז די מעשה ווי די שלאנג כאפּט זיך אריין אין שטעטל און זי רייצט קעגן אידילישן גן עדן לעבן. אונדזער העלד דרייט זיך אַרום א קצבס א מיידל, ארום וועלכער אלע פאַדיען און ער טשעפּעט זיך צו איר גראָב און ער איז גרייט אפילו צו ליידן ביזיונות צוליב איר. ער דערפילט צום ערשטן מאָל דעם ריכטיקן טעם פון אַן עבירה, ווען ער רויכערט אום שבת. ער ווערט אַרויסגעטריבן פון גן עדן... און ווען די אמתע דולצינעא זיינע פאָרט אַוועק, פאקט ער זיך איין אביסל וועש און ער פאָרט אויך אַוועק. זי, דעם שיינעם יידן איסר טאבאטשניקס טאָכטער, קומט פלוצים אָן ייי א חלום און פאָרט אוועק ווי א חלום.

— וווהין פאָרט ער?
— אַרויף וואסער...
ווען ער פאָרט שוין, טראַכט ער ערשט.

פאַראַן איין שטעל אין דער דערציילונג, וואָס גיט אַ שטאַרקן בליץ און עפנט דעם העלדס נשמה. ער גייט אָפּנעמען דאָס ביסל וועש ביי דער אַלמנהס טאָכטער, וואָס ריכט זיך צו ווערן אַ כלה און אין איין וועג געזעגנט ער זיך און זאָגט איר, אַז ער האָט באַקומען אַ ידיעה אַז זיין פאָטער איז קראַנק און מען רופט אים אַהיים. און דאָ פרעגט אים דאָס מיידל:

— אייער פאָטער? איר האָט דאָך געזאָגט, אַז איר האָט נישט קיין פאָטער, אַז איר זענט אַ יתום?

— אַזוי האָב איך געזאָגט — ענטפערט ער — נו, אַז איך האָב געזאָגט, בין איך מיסתמא אַ יתום... איך פאָר אַוועק, צירל, איך פאָר אַוועק. זייט געזונט.

אַזוי רעדט נישט קיין ליגנער. אַזוי פּשוט זיך ענטפערן, איז אַ מדרגה, עס קאָן אָבער אויך זיין אַן עפעקט...

ל. שאַפּיראָס צוויי דערציילונגען „מימה נפשך" און „געגעסענע טעג" זענען פול מיט אַמאָליקן לעבנסשטייגער און לייענען זיך דאָך אויך איצטער מיט געשמאַק און אַ פּלאַץ קומט זיי אַ געוויסן נעבן אַ סך פון די בעסערע דערציילונגען אין אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור און איבערהויפּט נעבן פּרצעס דערציילונגען. ל. שאַפּיראָ האָט נישט פּרצעס הייסן אָטעם — אַ וואַרעמען האָט ער — און נישט פּרצעס אַריינשטעלן דעם פינגער אין סאַמע אָנגעוווייטיקסטן פּלאַץ — שאַפּיראָ האָט אַ סך אָנגעווייטיקטע פּלעצער — אָבער אַ נאָענטער קרוב פּרצעס איז ער דאָך און איז אַפילו אויך אונטער זיין השפעה.

אין דער ספרים־שאַפע, ווו עס שטייט אונדזער קלאַסישע ליטעראַטור דאַרף מען אַריינשטעלן „מימה נפשך" און „געגעסענע טעג".

די ערשטע דערציילונג פון באַנד „ניוואָרקיש" הייסט טאַקע „ניוואָרקיש". אַ דערציילונג מיט אַ סך קונצן און עפעקטן. אַ מאַן קומט אַריין אין אַן אויטאָמאַטישן רעסטאָראַן. דאָס מיידל פון דאָרט שענקט אים אַ שמייכל: „לאָמיר זיין חבר". ער איז פריער אָנגעבלאָזן, ווערט אָבער פּאַוואָליע ווייכער און צוגעצויגענער צו דער נישט שיינער מיידל מיט די שיינע אויגן און

ווען ער גייט אַוועק פון רעסטאָראַן, פרעגט ער זי, ווען זי ווערט באפרייט. אין אַ שעה אַרום האָבן זיי ראַנדעוואו, גייען צוזאַמען אין אַ קינאָ, שפּעטער אין אַ קאַפע און דערנאָך וויל ער זי אהיים שיקן. זי גייט שוין אפילו אַוועק, ער יאָגט איר אָבער נאָך און נעמט זי צו זיך. אינדערפרי שלאָפט זי נאָך און ער גייט אַרויס אין צווייטן צימער, פילאָזאָפירט. ווען זי גייט אַוועק, גיט ער איר געלט. זי וויל נישט נעמען „איך בין דאָס מאָל — זאָגט זי — אַרויס־געגאנגען פון מיינעט וועגן" זי נעמט דאָך די פּאָר פּאַפּירלעך און ער רירט צו „שפּאסיק צערעמאָניש" איר האנט צו זיינע ליפּן און „דער שטאָלצער ריטער אין שלאָפראָק און מיטן גלאַנציקן פליך אויפן קאָפּ" קושט אין דער האנט אַריין „דער דאמע אין ניו יאָרק פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט". זי נעמט נישט אָן דעם שפּאס, גיט א קוק אויף אים אזוי היימיש, אז ער גיט אזש א צאפּל און דערנאָך ווען זי איז שוין נישטאָ, שרייט ער אויס:

„מיין גאָט, וואָס אי'דאָס — וואָס אי'דאָס געווען?"

די סיבה און דער אימפּעט זענען ניויאָרקיש. ווען שאַפּיראָ מאָלט דעם פּראָגראַם אין קינאָ, דערפילט מען אויך ניו יאָרק, איבערהויפּט אין די לידלעך, וואָס מען זינגט, איידער מען ווייזט די בילדער. ביים זינגען הערט מען אַ ליד וועגן דעם, אַז „די טאבאק־בלעטער זענען גאָלד און די באַוול־בליטן זענען שניי, און די נעגערס טוען נישט מער, ווי דאָס, וואָס זיי עסן רויטע זאַפטיקע קאַווענעס און טאנצן ביי דער שיין פון דער בלויער לבנה". אָבער דער העלד אַליין איז אַן אינטעליגענט פון „שטעטל" און פּלי־גלמאַנס א חבר. ער פילאָזאָפירט וועגן ליבע ווי נאַמבערגס העלד. שילדערט ער דעם פילם, וואָס מען ווייזט, זעען מיר ווידער ניו יאָרק. אָט ווי ער מאָלט עס:

„מ'לויפט. מ'פּאַלט. מ'שטייט אויף און מ'קריגט אין די ציין אַריין. מ'לויפט ווידער. מ'פאַרלירט די הויזן און קליידלעך. א בלוי־מענטאָפּ פּאַלט פון אַ פענצטער אין קאָפּ אַריין. מ'לויפט און מען שטויסט זיך אָן מיט דער נאָז אָן — אַך! אָן אַ פּאָליסמאַן; מ'לויפט צוריק און מ'פאַלט אריין אין אַ פאַס מיט וואַסער, מ'לויפט נאָך אלץ און מ'כאַפּט איבער דאָס הארץ מיט א ציגל אין קאָפּ אריין. דער לעצ־טער לויף איז פאַטאַל. מ'טרעפט זיך אָן פּנים על פּנים מיטן אייגע־נעם ווייב. דעמאָלט פאַרגלאָצט מען די אויגן אַיף א שרעקלעכן, אומ־מעגלעכן אופן, ביז די ווייסלען פאַרנעמען די גאנצע עפענונג פון

דעקל ביז דעקל און מ׳פּאלט אויף אהינטער אין טייך אַריין. עטלעכע מאָנסטער־גרויסע לופט בלאָזענס קומען אַרויף צו דער אויבערפלאך. כא־כאכא״.

דער ריטם איבערצייגט דאָ מער ווי די ווערטער. אָבער עפּעס איז דאָ פאַראַן, וואָס שטעלט אָפּ דעם ריטם פון לעבן — דעם העלדס פילאָזאָפיע. פריער באַהעפט ער זיך מיט א פרוי׳ און דערנאָך פרעגט ער: „וואָס איז עס?״ דאָס איז נישט דאָס לעבן. ווי זאָגט זיך אין ליד פון די שניטערס:

די קאָרנזאַנג איז גרין און גאָלד,
דער מאָן איז שאַרלעך רויט
דאָס לעבן פרעגט קיין קשיות נישט,
פרעגן פרעגט דער טויט.

די דערציילונג „די נסיעה דורכן מילוועג״ איז אַ סימבאָלישע זאַך. זי שילדערט אַן אויפגעקומענעם יידישן סוחר אין אַמעריקע. ל. שאַפּיראָ הויבט אָן זיין דערציילונג מיטן אָנהויב פון יאָרהונדערט און ברענגט מיטן אַלגעמיינעם עמיגראַציע־שטראָם קיין אמעריקע א יונגנמאַן פון א יאָר 27־28 מיט „אַ זאַק חפצים אויף די פּלייצעס און מיט אַ זאַפּטיקן, גרעבלעכן יידיש״ און מיט אַ „געוויסער מאָס ליבשאַפט צו ליגן און באַרימעריי״. דער דאָזיקער בחור אַרבעט פריער אין א שאַפּ פון העמדער, שפּעטער טרייבט ער א וואָגן פון וועשעריי, דערנאָך רייסט ער ביי די פּאָלעס די פּארבייגייער ביי דער טיר פון א קליידער־געשעפט, דערנאָך עפנט ער אליין א קליידער־געשעפט קעגנאיבער זיין געוועזענעם באַלעבאָס קליידער־געשעפט, דערנאָך „האָט ער געעפנט אַ קליידער־שאַפּ (וואַרשטאַט), צוויי קליידער־שעפּער, זעקס קליידער שעפּער, צוואַנציק קליידער שעפּער, צוואַנציק ריזיקע קליידער שעפּער, אין ניו יאָרק, באַלטימאָר, און שיקאַגאָ״. און ער ווערט די באַרימטע פירמע „פּענדער און בענדער״ וואָס באַשעפטיקט 35 טויזנט אַרבעטער. דער מחבר דערציילט נישט ווי אזוי ער איז געקומען דערצו, ער גיט נאָר איבער דעם אימפּעט פון ווילדן אויפשטייג, אין וועלכן עס איז תמיד פאַראַן מער ווילדקייט ווי שכל...

מיסטער בענדער שטייגט פריער אין וואָג, ער ווערט אזוי דיק, אַז ער זאָגט מיט אַ געלעכטער „מען וועט זיך שוין באלד דאַרפן אָפּצאַפּן שמאלץ״. ער ברעכט א שטרייק מיט אזא כוח, אז ער ברענגט אום די יוניע. אָבער, אז עס קומט די מילחמה און עס פעלן אויס הענט, גיט ער נאָך אלע פאָ־

דערונגען פון דער יוניע. „איר מאכט, איכל מאכן". די מילחמה האָט אים אַריינגעבראכט א סך מיליאָנען, האָט אים אראָפּגענומען אביסל וואָג און אין אים דערוואכט אַ שינאה צו דער רוסישער רעוואָלוציע. זיין הארץ האָט ער אויסגעלאָזט צו די היימישע „רויטע" און אין אַרבעטער קאמף צווישן רעכטס און לינקס זיך געשטעלט אויפן צד פון די רעכטע. אָבער צוזאמען מיט דעם האָט ער געקראָגן א צוקער קראַנקייט. ער האָט זיך אויסגעלאכט פון די דאָקטוירים און נישט געוואָלט וויסן פון קיין דיעטע און ווייטער געפירט זיין קאמף קעגן לינקס. אָבער ער האָט גענומען ברעכן מיט דער גרינער גאל און זיך געמוזט איבערגעבן צו די דאָקטוירים, וואָס האָבן אים גענומען פּאָמפּען. ער האָט פארלוירן דעם אינטערעס צום קאמף מיט די אַרבעטער און געזאָגט גלייכגילטיק צום זון:

— גיב זיי נאָך...

— גיב זיי נישט נאָך...

און ער אַליין האָט גענומען שטודירן די אַטלאסן פון הימל און די פּלאַ־נעטן און כסדר געווען פארטיפט אין פּאָפּולערע ביכער פון עקאָנאָמיע. נאָך איין אויפשטורעם: ער פאָרט אין באַן, זעט אַ דאַמע מיט אַ רויטן שלייפל, פארליבט זיך אין איר און האלט אין איין דרוקן אַנאָנסן אין די צייטונגען וועגן איר און ער קריגט א לעצטע אַטאַקע, האָט עראָטישע חלומות און פאַר־פאָרט צו דער מילך־אַלייע און —

„אָט איז אַ שטערן, וואָס איז, דאכט, אויך א ווינקעלער".

ל. שאַפּיראָ בלייבט זיך געטריי. ער קייטלט נישט די געשעענישן, מאָ־טיווירט זיי נישט, ער גיט זיי איבער מיט מאניר, אימפעט, ער סטיליזירט די קלייניקייט, קריצט זיי אויס, שלייפט זיי אויס, גלאַנצן באַזונדערע בילד־לעך, ווי געשלייפטע שטיינער און אינגאַנצן איז דאָס אַ מאָזאיק, אַ נישט צוזאַמענגעקלעפּטער, א באַהעפטער דורך ליכט. פאראן דאָ רמז פון קאמפּס־אידעע. עס ווערט דאָ געוויזן מיט דער גרעסטער מילדקייט די וויסטקייט, פוסטקייט און נישט נוצלעכקייט פאר זיך אליין פון די דאָזיקע „אַלרייטני־קישע" מענטשן און יידן. אָבער דער מאניר טרעפט דאָ טויזנט מאָל מער, ווי דער קרן. שאַפּיראָ קאָן צו גוט די ליטעראַטור, ער האָט צו שטאַרק מורא נאָכצומאכן, האלט ער זיך אין איין היטן און באהאלטן די אייגענע געפילן אויך.

האָסטו טאַקע דעם איינדרוק, אז שאַפּיראָ וויל צו שטאַרק זיין אָריגינעל און ער היט זיך אפילו פאר דעם אייגענעם קוויטש זיינעם, וואָס ער האָט

אמאָל געגעבן אין „צלם" און ער „קוויטשעט" דאָך. ער שרייבט נישט שטיל...

די גרעסטע דערציילונג אין באנד איז „דאק". זי פארנעמט א קלייני־קייט וויניקער וויפל אַלע אַנד. פיר צוזאַמענגענומען. אין אמעריקע זאָגט מען נישט דאָקטער, נאָר „דאָקטער", אָבער ווייל אַלץ איז דאָרט „האָרי אַפּ", זאָגט מען אינגאנצן נישט דאָקטער, נאָר „דאָק". אין „דאָק" זענען פאַראַן צוויי, קוים קוים צענויפגעקלעפּטע זאכן. די לעבנס־געשיכטע פון א בחור בעני מילגרוים, וואָס איז אמאָל געווען א מיטגליד אין איינעם פון די עסע־רישע קלובן, ווו מען רעדט רוסיש „נישט ווי מען רעדט אַ שפּראַך, נאָר ווי מען עסט אייגעמאכטס". ביכדי צו קענען לערנען אויף דאָקטער, מאכט ער אַ שפּיל מיט אַן אָרעם מיידל, וואָס האָט אַ פּאָר טאָלער, אָבער די מיידל האָט אַ געזונטן ברודער און ער מוז חתונה האָבן. ער קריגט וואָס אַמאָל מער פּראַקטיק און לעבט אַ כאַאָטיש לעבן פון אַ דאָקטער אַן אָלרייטניק, אַ היפּש ביסל ענלעך צו מיסטער בעני־דערס לעבן. ווען דאָס ווייב שטאַרבט, באַווייזט זיך בעני מילגרוים ווידער אויף „איסט בראָדוויי" און ביכלל אויף דער „איסט סאַיד", ווו אַלץ האָט זיך איבערגעביטן. און ל. שאַפּיראָ פאַרגעסט אין זיינע מאנירן, חנדלעך און עפעקטן און מיט ליידנשאפט און בייזקייט שילדערט ער די איסט סאַיד, די ניו יאָרקער יידישע צייטונגס־לייט, ליטעראַטן א. א. וו. ער האָט דאָ שוין נישט קיין עפעקטפולע שפּילערייען, נאָר ליידנשאפטלעכע פאמפלעטן. די סביבה איז אזוי פארכאפּנדיק און עס ווערט דערציילט אזוי פיל רכילות־דיקס, אז מען פארגעסט אין הויפּטהעלד.

וואָס־זשע לאָזט אונדז דאָ שאַפּיראָ צו הערן?

אָט וואָס:

דער העלד בעני מילגרוים איז אַ דורכגעפאלענער אין לעבן. נישט געראָטן חתונה געהאט, נישט געראָטן געלעבט. ער קומט נאָך צען יאָר פעלן ווידער צום צענטער פון יידישן לעבן אויף איסט בראָדוויי, אָבער דער צענטער האָט זיך איבערגעצויגן אויף סעקאַנד עוועניו און אויך דאָרט איז ער נישט געבליבן. בעני הערט אויס טענות פון ליטעראַטן, אָבער נישט אַלץ פאַר־שטייט ער גוט, נישט אַלץ גייט אים אָן, אָבער איין זאך פארשטייט ער:

„נאָך עמיצער איז ערגעץ ווו און עפּעס וואָס שווער דורכגעפאלן און צו ווערמען טענות האָבן איז נישטאָ. דאָס הייסט, מ'קאָן אפשר טענות האָבן צו זיך אַליין, נאָר וואָס זשע וועט דערפון אַרויסקומען".

דאָס הייסט: דאָס גאַנצע יידישע לעבן, דער יידישער סאָציאַליזם, די יידישע ליטעראַטור און טעאַטער זענען דורכגעפאַלן... ער טיילט יעדן איין שאַפּיראָ, די מאַני לייב גרופּע צו וועלכע ער געהער אַליין רופט ער „גאַ־לעריע פון פאַרשווונדענע מענער" און „פאַרזעסענע טאַלאַנטן" וואָס „זיצן אַנגעבלאָזענע אויף דער וועלט, יעדער אין זיין ווינקל, שלייפן זיך די נעגל, קוועטשן אויס אַמאָל אין א יובל אַ לידל, אָדער א דערציילונג, מיינען, אַז זיי זענען מזכה די וועלט מיט פּאָעזיע און ווייסן נישט, אַז זיי האָבן פּשוט פאַר־לוירן די מענער קראַפט" און עס גייט א צעטל פון אַלע ליטעראַטן, פון „פאָרווערטס", וואָס האָט זיך צעלייגט, ווי א „כאַמסקע אונטערחלק" און אַלץ, וואָס איז יידיש קומט אום. און ווען איינער פרעגט: אויב אַזוי קומט דאָך אויס, אַז גערעכט זענען יענע און די יידיש־קולטור אין אַמעריקע ברעכט טאַקע צוזאַמען?

און עס קומט דער שאַרפער ענטפער פון ל. שאַפּיראָס אַלטער עגאָ, דער שרייבער פישלער, וואָס אַרבעט אין אַ צדקה־אַנשטאַלט, מאַכט רעקלאַ־מע „ניט אַזוי פאַרן אַנשטאַלט, ווי פאַר די גדולים, וואָס שטייען אַרום איר. צוויי פון די גדולים האָבן שטאַרק קאָנקורירט צווישן זיך און פון דער דאָ־זיקער קאָנקורענץ ווערן ביי אים „צוויי טיפע, שטייענדיקע קנייטשן פוןביידע זייטן פון מויל". צוויי קנייטשן פאַר צוויי גדולים איז אַן עפעקט פאַרשטייט זיך. אָבער אָט וואָס פישלער זאָגט וועגן די דאָזיקע לייט, וואָס שרייען, אַז די יידישע ליטעראַטור גייט אונטער:

> „יענע לייט זענען שטענדיק אומגערעכט, אפילו ווען זיי זענען גערעכט. יידיש איז ווי סאָציאַליזם: נישט גלויבן אין אים, הייסט — נישט וועלן אים. זיי ווילן אים נישט, אָט דאָס איז דער תוך. אייניקע פון זיי זענען העברעאיסטן, אָפענע, אָדער באַהאַלטענע; אַנדערע לעכצן נאָך אַ פּלאַץ אין די גויישע קולטורן. און ביידע האָבן זיך אָנגעפרעסן, ווי ווערים אין יידישיסטישן קעז. דער אינעווייניקסטער צושטאַנד אינטערעסירט זיי נישט".

ל. שאַפּיראָ פאַרלירט נישט פאַר טרויער דעם קאָפּ. ווען איינער פרעגט צי די אָנגערופענע פאַרשוינען און גרופּעס זענען שוין די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, ענטפערט פישלער:

— „וואָס־זשע האָט איר געוואָלט, מיר זאָלן שוין טאַקע גאָר קיינעם נישט האָבן?"

עס איז א ליידנשאַפטלעכער פּובליציסטישער פּאַמפלעט, אַריינגעפלאָכטן אין אַ בעלעטריסטישער זאַך.

דער פּאַמפלעט דאַרף זיין געוויסנהאַפט איבערהויפּט מיט דעם, וואָס דער מחבר שוינט זיך אַליין אויך נישט. ער שרייבט וועגן זיך אַליין, אַז ער לעבט.

„אין זכות פון „צלם", וואָס איז פון אלע מאָל געווען א באַמבאַסטישע זאַך, געשריבן אויף א ביי־קול. אויף דעם סמך קוקט ער איצטער אויף אלע־מען מיט גדלותדיקער עניוות, וואָס דאַרף אונדז געבן צו פאַרשטיין, אז אין תוך איז שיר־נישט דאָס געוויסן פון דער יידישער ליטעראַטור, נאָר מיר, טיפּשים, ווייסן עס נישט".

עס דאַכט זיך, אז שאַפּיראָ האָט נישט פּאַמפלעטירט אנדערע, ווייל ער האָט זיך פּאַמפלעטירט, נאָר ער האָט זיך געשטעלט אין דער קרום, ביכדי ער זאָל דאָס נאָך מער קענען טון מיט אַנדערע. און אָט דערפאַר קען מען מורא האָבן, אַז ס'איז אַ קונץ.

אין סך הכל איז „ניויאָרקיש" אַ סך מער גרויסע טעכניק און ווירטואָזי־טעט, איידער אינערלעכע קונסט. עס מאַכט דעם איינדרוק, אז א גרויסער פידלער האָט זיך אזוי אריינגעטון אין דער ווירטואָזיטעט, אז ער האָט פאַר־געסן, אז זאַכן האָבן אויך נשמה...

דער שרייבער פון אָט דעם בוך האָט זיך טאַקע אין דער צייט, ווען עס איז דערשינען „ניויאָרקיש", באַקענט מיט זיין מחבר און אָט ווי איך האָב דעמאָלט באַשריבן די דאָזיקע קענטשאַפט אין אַ פּאָרטרעט וואָס האָט געהייסן „דער רעטזלהאַפטער שאַפּיראָ":

„ער איז א שטיק רעטעניש ל. שאַפּיראָ. אַ רעטעניש מיט זיין שרייבן און מיט זיין שווייגן. ער איז שוין נישט קיין יינגעלע, שוין טאַקע מיסתמא קרוב צו חמישים און ער האָט ביז איצטער פאַרעפנטלעכט — און אָנגע־שריבן — נישט מער, ווי איין באַנד דערציילונגען — „די יידישע מלוכה" — און יאָרנלאַנג האָט מען פון אים נישט געהערט. ער האָט געשוויגן. און פלוצים האָט ער זיך געגעבן א באַוויז סיי אלס פּובליציסט און סיי אלס בעלעטריסט. עס איז געווען נאָך די טרויעריקע פּאַלעסטינע געשעענישן. די אָפּגעשפּאָלטענע פון דער „פרייהייט" האָבן גענומען אַרויסגעבן „די וואָך" און ל. שאַפּיראָ איז געוואָרן איינער פון די רעדאַקטאָרס און האָט א שיין געטון מיט א סעריע אַרטיקלען און עטלעכע דערציילונגען. אַרטיקלען רו־דערן מער אויף. ל. שאַפּיראָ האָט באַגרינדעט דעם אַזוי גערופענעם „לינקן

יידישיזם און נאציאָנאַליזם״ — די ריכטונג צו וועלכער עס זענען קרובים א סך יידישע אינטעליגענטן און שריפטשטעלער סיי אין ניו יאָרק, סיי אין ווארשע, אין ווילנע און אויך אין בוענאָס איירעס.

ל. שאַפּיראָ האָט די דאָזיקע ריכטונג באַגרינדעט לויטער, קלאָר, פיין, מיט אַ געשליפענער שפּראַך און קאָנטראָלירטן געדאַנק. פאַקטיש האָט ער דוכט זיך גאָר קיין נייעס נישט געזאָגט, א סך פון אונדז האָבן די אלע געדאַנקען שוין אַרויסגעזאָגט פריער און דאָך איז דאָרט אלץ געווען ניי. דאָס איז נישט געווען קיין סעריע געוויינלעכע אַרטיקלען, נאָר אַ גוט דורכ־געטראַכטער „אני מאמין״, מיט אביסל מער וואַרעמקייט וואָלט דאָס געקאָנט ווערן דער מאַניפעסט פון לינקן יידישיזם. אָט, אָט... א ביסל מער וואַרעמ־קייט. ל. שאַפּיראָ האָט זיך דאָ באַוויזן צום ערשטן מאָל, ווי אַ גלענצנדיקער פּובליציסט, וואָס האלט ביי ווערן עפּעס מער, ווי אַ פּובליציסט, ער האַלט ביי ווערן א לערער און ער איז געבליבן א רעטעניש. די סעריע אַרטיקלען האָט קיין טיפן שפּור נישט געלאָזט. עס איז בפירוש אַן עוולה, אָבער צי האָט דער מחבר אליין נישט א חלק אין דער שולד, ווייס איך נישט.

אין דער זעלביקער „וואָך״ האָט ל. שאַפּיראָ זיך באַוויזן מיט א פּאָר דערציילונגען. אויסערגעוויינלעכע אין אונדזער ליטעראַטור. זיי זענען אַנדערש געשריבן, ווי אלע יידישע דערציילונגען. געשליפן, קאָנצענטרירט, לאַקאָניש. זיי זענען אינגאַנצן אַן קלייען, זיי זענען דאָס דינסטע זעמל־מעל. און טאַקע אָט אָ דער פאַקט האָט אַרויסגערופן א ביסענקעלע פאַרדאַכט. ווען אַ מענטש קאָן זיך אַזוי קילן דאָס בלוט, האָט ער אפשר טאַקע אַזאַ קאַלט בלוט?...

איך האָב זיך מיט ל. שאַפּיראָן אַ סך מאָל געטראָפן אין ניו יאָרק. ער איז אין לעבן אויך א מאָדנער. א מילכוויסער, אָבער מיט א שטאַרק יידיש־אויסזען. ער איז אַ דאַרער, א טרוקענער, מיט שאַרפע שטריכן, א פאַרשפּיצ־טע גאמבע און די אביסל אויסגעלאָשענע אויגן זענען אויך שפּיציק. עס פעלן אים א פּאָר הערלעך אויף דער גאָמבע, אז ער זאָל אויסזען, ווי א „ראש הישיבה״, אָדער גאָר ווי איינער פון די באַהאַלטענע גוטע יידן, ווי: דער שפּאָלער זיידע, ר׳ לייב שרהס און אַנדערע. און ווען ער גיט אַמאָל א זאָטל אָן די ברילן אויף דער נאָז, זעט ער טאַקע אויס, ווי א „ראש הישיבה״. רעדן רעדט ער, ווי איך האָב שוין געזאָגט, מיט א דינעם בייקול און דאָס גיט אים צו גאָר מער רעטענישדיקייט.

אויפן צווייטן, אָדער דריטן אָוונט נאָך מיין אָנקומען קיין ניו יאָרק, האָב

איך מיט אים פֿאַרבראַכט אין אַ רוסישער „ספּיק־איזי“, (אַ באַהאַלטענער שענק, ווו מען רעדט שטיל). די „ספּיק־איזי“ (שושקאַרניע וועלן מיר עס רופֿן) האָט דעם מאָדנעם נאָמען „הינטישע קאַנורע“ און אַרום און אַרום איז אַזאַ ראָמאַנטישע שטימונג. מאָדערניסטישע בילדער אויף די ווענט, צאַרטע און שטימונגג־שאַפֿנדיקע. דאָס ליכט איז אַ געדעמפּטס און מען קאָן זיך דאָרט פֿאַרטרוימען. אָן קיין מיידלעך קומט כּימעט קיינמאָל נישט שאַפּיראָ. ער איז כּימעט פֿאַרבליבן דער איינציקער ליטעראַט, וואָס פֿירט זיך נאָך אַרום מיט „ליטעראַרישע ביילאַגעס“.

ל. שאַפּיראָ האָט גערעדט מיט זיין דינעם בייקול און געוואָלט פֿון מיר אַרויסבאַקומען וואַרשע, ווילנע, בוענאָס איירעס. אַליין איז ער געבליבן פֿאַרשלאָסן. אַ וויץ האָט ער אַמאָל דערציילט. און אויך זייער פֿאַרזיכטיק. איך האָב אַ שמועס געטון וועגן ליטעראַטור און קולטור־פּראָגן, ער האָט געענטפֿערט, אָבער קוים, קוים. וואָס־זשע איז מיט אים?

איז ער אַ שותק?
שווייגט ער, ווייל ער איז שטאָלץ,
ווייל אבי וואָס וויל ער נישט זאָגן
און התגלות קומט נישט תמיד?

פֿאַרוואָס שווייגט ער דאָך און רעדט נישט וועגן דער ייִנגערער ליטעראַטור און איז געבליבן שטיין ביי לייוויקן? מסתמא איז נאָך נישט צייט. אפֿשר וועט ער אין צען יאָר אַרום אַרויסשפּרינגען מיט נאָך אַ בוך און מיט נאָך אַ סעריע אַרטיקלען...

אין דער דערמאָנטער „שושקאַרניע“ האָט ל. שאַפּיראָ זיך פּלוצים גענומען אַרומקוקן. „איז דאָ נישט — האָט ער געפֿרעגט — אַ ווייסגוואַרדייאישע נעסט? עפּעס איז דאָ צו שטיל“...

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז געווען גערעכט. עס זענען געווען אַ ביסל פֿאַרדעכטיקע רוסישע בילדלעך אויף די ווענט. „זיי ליגן אונדז דאָ — האָט שאַפּיראָ געזאָגט — אין די ביינער. מען דאַרף אַכטונג געבן, אַז זיי זאָלן נישט אַריינקריכן“.

די נאָז האָט זיך אים פֿאַרשפּיצט, די אויגן אָנגעשאַרפֿט. עס האָט זיך דוכט מיר דערפֿילט אַ חוש הריח פֿון אַ שפּירהונט, אַ שאַרפֿער בליק פֿון אַ קאַץ אין דער פֿינצטער און אפֿשר —

— שכל?

פּשוט אַ שאַרפֿער קאָפּ פֿון אַ „ראש הישיבה“.

ל. שאַפּיראָ איז מיר פאַרבליבן א שטיק רעטעניש.

און ווידער ווערט ער א בעל חלומות, כאָטש ער איז שוין א ייד פון 55 יאָר. ער גרייט זיך צו אַרויסגעבן א זשורנאַל, וואָס זיין גליכן איז נאָך נישט געווען ביי יידן און ער איז איבערצייגט, אז ער וועט פון אים האָבן פּרנסה. ער איז אַרומגעפאָרן איבער דעם לאַנד און אליין געקליבן אבאָ־נענטן און אין משך פון אָנדערטהאַלבן יאָר זענען פון זיין זשורנאַל וואָס האָט געהייסן „סטודיאָ" דערשינען דריי נומערן און שוין. „סטודיאָ" האָט געהאט צווישן די אבאָנענטן, האָט ער אליין דערציילט, מענטשן פון אלע ריכטונגען, לינקע און אויסגעלינקטע און בונדיסטן און פּועלי ציון און אַלגעמיינע ציונים און קולטוריסטן און יידן פון אַ גאַנץ יאָר און אפילו א פּאָר רבנים, אָבער אלע איינינעם זענען נישט געווען גענוג. די דאָן קיכאָ־טישע אונטערנעמונג איז זיך צעפאַלן.

אָט אין יענער צייט איז שאַפּיראָ ווידער געוואָרן לינק. אויף זיין שטייגער לינק. ער האָט פאַרגעסן און נישט פאַרגעסן אין דעם באַרעכ־טיקן די פּאָגראָמען אין ארץ ישראל פון יאָר 1928. אים האָט זיך געדאכט, אז די פלאַטפאָרם פון קאָמוניזם איז איצטער געוואָרן ברייטער און אז אויף דער דאָזיקער פלאַטפאָרם קען זיך שטעלן אויך איינער, וואָס איז נישט אינגאַנצן מסכים מיט דער פּאַרטיי. ער האָט איבערהויפּט נישט מסכים געווען מיט דעם גאַנצן פּראָלעטקולטישן פּראָגראַם פאַר ליטעראַטור. אים האָט נישט איבערצייגט נישט די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק און נישט דער סאָציאַליסטישער רעאַליזם. ער האָט כסדר געזוכט דעם זין פון מענטש־לעכן לעבן. און ווען ל. שאַפּיראָ האָט גענומען אינטערווענירן אין מאָסקווע וועגן פאָרן זיך באַזעצן אהין, האָט, דערמאָנט ש. מיללער, ד"ר מוקדוני אים פיין אַריינגעקיבוצט, ער האָט געזאָגט: „שאַפּיראָ וויל קאָמוניזם, ספּעציעל געקאָכט פאַר אים אין אַ קליין טעפּעלע". שאַפּיראָ האָט געוואָלט זיין מיט אַ צימער און מיט שפּייז אין מאָסקווע פאַר זיך און צו מעגן שרייבן, וואָס ער וויל. ער האָט אָבער זיך געהאלטן נאָענט צו די קאָמוניסטן און זיך געדרוקט אין זייערע זשורנאַלן און אין „מאָרגן פרייהייט" האָט ער געדרוקט פראַגמענטן פון זיין ראָמאַן „דער אמעריקאַנער שד".

אין די יאָרן 1937־38 האָט ער געאַרבעט אויף דעם באַרימטן אמע־ריקאַנער „פּראָיעקט" אלס אַרבעטלאָזער. אין יאָר 1939 איז ער ווידער אָוועקגעפאָרן קיין לאָס אַנדזשעלעס, ווו ער איז שוין פאַרבליבן ביז דעם לעצטן אָטעם. ש. מיללער האַלט, אז מען טאָר נישט פאַרשווייגן דעם פאַקט,

אז די לעצטע ניין יאָר פון זיין לעבן האָט שאַפּירא „געטרונקען". קיין קינדער האָט ער נאָך זיך נישט געלאָזט און קיינעם וועט אָט דער ביטערער אמת נישט שאַקירן. ש. מיללער פּרוווט אויפפלאָנטערן דעם פאַרפּלאָנ־טערטן קנויל שאַפּירא, וואָס האָט א סך לויזע עקן. ער איז געווען א מייס־טער פון וואָרט און ער האָט נישט געוואָלט אויסהאקן מיט דער פּען זיין חיונה. ער איז געווען א ייד א חכם און ער איז באַגאַנגען א סך נאַריש־קייטן. די געשעפטן, די דערפינדונג זענען געווען נאַרישקייטן און דאָס טרינקען — די גרעסטע נאַרישקייט. מיללער מיינט, אז צום טרינקען האָט אים געטריבן דער פריצייטיקער טויט פון זיין פרוי פריידל און די לאַסט פון „צלם". פריידל, איז פאַר אים געווען פרוי, געליבטע און מאַמע. ווען זי איז געשטאָרבן, איז ער צום צווייטן מאָל געבליבן אַ יתום. ער פלעגט זאָגן מיט איבערגעוויינלעכן טרויער: „פריידל, פריידל, למה עזבתני?" ער האָט אין יאָר 1941 אַרויסגעגעבן א ביכעלע לידער מיטן נאָמען „פון קרבן מנחה", ער האָט אין דעם געוואָלט געפינען א רו און נישט געפונען. און זיין דערציילונג „דער צלם" איז פאַר אים געווען א מוראדיקע לאסט. ער איז אלט געווען 31 יאָר, ווען ער האָט אָנגעשריבן אָט די דערציילונג און קנאַפּע פערציק יאָר האָט ער נאָך געהערט רעדן וועגן איר. איך האָב שוין פריער ציטירט, וואָס ער אליין האָט געשריבן וועגן אָט דער זאַך, אין וועמענס זכות ער האָט כלומרשט געלעבט און וואָס איז געווען „א פאלשע באָמבאַסטישע זאַך, געשריבן אויף א בייקול". ער האָט אָנגעשריבן זייט דעמאָלט א סך פיינע דערציילונגען, אָבער קיין שטורעם האָבן זיי נישט אָנגעאַרבעט. און ווען ער האָט געכאַפּט א ביסל משקה, האָט ער פאַרגעסן אין דער ליטעראַטור. ווען ער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער ווידער געטראַכט וועגן ליטעראַטור.

אין שיכרות און אין הינער־פלעט האָט שאַפּירא געלעבט ניין יאָר. אין יאָר 1945 האָט ער אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג עסייען א"נ „דער שרייבער גייט אין חדר". 128 זייטן האָט דאָס דאָזיקע ביכל. 30 פון זיי זענען זיכרו־נות און זייער אינהאַלט איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין אָט דער אַרבעט, אלס ביאָגראַפישער שטאָף. אויך וואָס ער דערציילט וועגן זיין באַציונג צו י. ח. ברענער איז אַריינגעפלאָכטן געוואָרן אין אָט דער אַרבעט און אויך עפּעס פון זיין עסיי וועגן „פּראָלעט ליטעראַטור" און וועגן משה נאַדירס „צער־וואַקכאַנאַליע". דער עסיי „וועגן עסיי" איז א וווּנדערלעכער עסייאיסטישער פּרווו צו דעפינירן דעם עסיי, וואָס „שטייט ביים שייד־

וועג פון אלע ליטעראַרישע פאָרמען״. שאַפּיראָ האלט, אז אפילו ביי עמאַנועל קאַנט און ביי קאַרל מאַרקס איז פאַראַן עסייאיסטישעס, ווייל זיי פּרווון ביידע אָנצינדן אונדזער פאָרשטעלונג־קראַפט — זייערע איז שטענדיק אָנגעצונדן. אין דעם קליינעם אַרטיקעלע „דילענסי סטריט״ מאָלט שאַפּיראָ ווונדערלעך אויס דעם אימפּרעסיאָניסטישן שריפטשטעלער א. ראַבאָי און ער ווייזט ווי אזוי זיין בילדערישקייט גרעניצט מיט חכמה. אין דעם געמיש פון קליינע עסייעלעך און אַפאָריזמען, וואָס הייסט „וועגן שרייבערישע זאכן״ און וואָס האָט א מאָטאָ: „דער פשוטער לייענער ווערט געבעטן אהער נישט אַריינצוקוקן״, זענען פאַראַן אייניקע ווונדערלעכע באַמערקונגען, וואָס רירן אָן דעם סאמע זין פון שרייבן. איבערהויפּט איז ער אינטערעסאַנט, ווען ער רעדט וועגן דעם באַרימטן אירלענדישן שרייבער דזשאָיס, וואָס האָט געפּרווט באַשרייבן אלץ אין אַ מענטשנס לעבן. שאַפּיראָ האלט, אז די געשעענישן אין אָביעקטיווער ווירקלעכקייט זענען כאאָטיש „און אַ ווערק איז אַ רעזולטאַט פון אויסוואַל און אָרגאַניזאַציע״. אַפּנים אז דערפאר טאַקע האָט שאַפּיראָ אזוי ווייניק געשריבן. ער האָט צו גוט געוווסט, ווי אזוי נישט צו שרייבן און ער האָט נישט שטענדיק געוווסט ווי אזוי יאָ צו שרייבן...

אין דעם יאָר 1945 האָב איך ווידער געהאַט א געלעגנהייט זיך צו טרעפן מיט ל. שאַפּיראָ. איך בין געווען אין קאַליפאָרניע און ספּעציעל אין לאָס אנדזשעלעס. געקומען בין איך אהין פון סאַן פראַנציסקאָ, ווו איך האָב בייגעוווינט די גרינדונג פון דער „יון״. איך האָב אים געטראָפן אין בעט. 67 יאָר איז ער אַלט געווען און ער האָט אויסגעזען ווי פון אכציק. גערעדט האָט ער מיט א קוויטש פון אן אלטיטשקן. ער האָט מיך באַגעגנט מיט אָט די ווערטער:

— איר קומט פון סאַן פראַנציסקאָ? געווען ביי דער נייער פעלקער ליגע? פאַרוואָס האָט איר דאָרט נישט אונטערגעלייגט א באָמבע?

אין דעם באַנד „כתבים״, וואָס איז דערשינען נאָך זיין טויט, איז פאַראַן א קליין פעליעטאָנדל „פּאַקס יודאַיקאַ״, זאָגט זיך דאָרט, אַז זיינע באַדינגונגען ביים סוף פון דער צווייטער וועלט־מילחמה זענען: 1) דעם גרעסטן טייל גויים אַרויספירן אויף דער לבנה — פאַראַן צופיל, זאָלן זיי פון דאָרט „מחדש״ זיין די ערד. 2) מיר יידן פאַרנעמען אַזיע, אַמעריקע, אַפריקע, אויסטראַליע און די איבעריקע קאָנטינענטן, אויב אזעלכע וועלן אנטדעקט ווערן, אויסער איראָפּע, וועלכע ווערט אָוועקגעגעבן צו די

איבערגעבליבענע ווילדע שבטים, כדי זיי זאָלן האָבן א פּלאַץ אונטער דער זון, ווו זיך צו צעבלוטיקן די נעזער איינער דעם אנדערן".

ווען מען לייענט איבער אָט די שורות, פאַרשטייט מען די פראַגע, וואָס שאַפּירא האָט מיר געשטעלט. ווי סאַרקאַסטיש ער איז עס געווען צו די גויים, וואָס האָבן נאָך דעם אויסמאָרדן זעקס מיליאָן יידן אויך נישט גע־פונען פאַר נייטיק מיט עפּעס צו פאַרגיטיקן דעם יידישן פאָלק.

יידישע שרייבער האָבן מיר געמאַכט אַן אויפנאַמע אין האָליוווד און זיי האָבן געוואָלט, אז איך זאָל דווקא איינלאַדן שאַפּיראָן. האָב איך זיי צוליב געטון, האָט ער מיר געזאָגט:

— ווי קען איך גיין? סיידן איר זאָלט מיך נעמען אויף די הענט.

האָב איך דאָס געפּרוווט און עס איז מיר גאָרנישט שווער אָנגעקומען. ער איז שוין געווען לייכט ווי אַ פעדער. איך האָב געהאַט דעם איינדרוק, אז ער האָט שוין ניט גוט געזען. ער האָט מיר געשענקט זיין ניי ביכל „דער שרייבער גייט אין חדר", האָט ער אָנגעשריבן: „צו יעקב באָטאָ־שאַנסקי פון לאָמעד שאַפּיראָ", האָט ער ביידע נעמען נישט גאָר גוט אָנ־געשריבן.

זיין לינקיזם איז געווען אויסגעוועפּט. מיט מיר איינעם איז דע־מאָלט געווען צוגאַסט ביי אים א לינקער יידישער פּאָעט, אָדער א געווע־זענער פּאָעט. שאַפּיראָ האָט זיך צעוויינט:

— באָטאָשאַנסקי, זייט מיר האָבן זיך נישט געזען, איך דאָך חרוב געוואָרן די גאַנצע וועלט אונדזערע. אונדזער וואַרשע, אונדזער ווילנע...

— נישטאָ וואַרשע — האָט זיך אָנגערופן דער פּאָעט — איז דאָ בּיראָבידזשאַן...

האָט שאַפּיראָ זיך געגעבן א הייב אויף פון דעם אָרט, אז עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער וועט אַרויפשפּרינגען ביז אין דער סטעליע און ער האָט אויסגעשריען מיט זיין קוויטשיקן בייקול:

— מען דאַרף עס נאָך באַטראַכטן, מען דאַרף עס נאָך באַטראַכטן...

זייט פרילינג 1945 ביז ענדע זומער 1948 האָט שאַפּיראָ זיך געראַנגלט צווישן שיכרות און ניכטערקייט און צווישן וועלן שרייבן און האָבן גייסט דערצו און צווישן נישט קענען שרייבן, ווייל ער האָט נישט געהאַט קיין פיזישן כוח. און דעם 25טן אויגוסט 1948 איז עס געשען. ווי זאָגט פּרץ: קיין ניסים זענען נישט געשען.

און נאָך זיין טויט איז אין לאָס אַנדזשעלעס דערשינען זיין בוך „כתבים", אַרויסגעגעבן שוין נישט פון פארלאג „אַליין", ווי זיין „ביור־יאָרקיש" און „דער שרייבער גייט אין חדר", נאָר פון „ל. שאפּירא כתבים קאָמיטעט". דאָס בוך האָט 400 זייטן. דער שרייבער ש. מיללער, וואָס האָט דאָס בוך רעדאקטירט, דערציילט, אַז מער ווי אויף פיר הונדערט זייטן איז נישט געווען קיין געלט. דאָס בוך האָט דריי אָפּטיילונגען; אין דער ערשטער גייען אַריין מיללערס צוויי קליינע עסייען, וואָס הייסן „ביאָגראַפישע נאָטיצן" און „וועגן די כתבים" און אכצן לידער פון מחבר. די צווייטע אָפּטיילונג הייסט „דערציילונגען" און האָט זעכצן זאכן, צווישן זיי דער ראָמאַן „דער אמעריקאנער שד", וואָס איז נישט פארענדיקט. די דריטע אָפּטיילונג הייסט „קיצורים" און זי באַשטייט פון קורצע עסייען, אַפאָריזמען, באַמערקונגען, נאָטיצן פאַר פאַרטראַכטע ווערק.

דער רעדאקטאָר האָט אין באַנד „כתבים" נישט אריינגענומען שאַפּיראָס פּובליציסטישע שריפטן, ווייל דער מחבר אליין האָט געהאַלטן, אַז זיין עיקר זשאַנר איז די דערציילונג. די מייסטע פון די אַרטיקלען שאַפּיראָס האָט מיללער נישט געקענט געפינען און די דאָזיקע, וואָס ער האָט יאָ געפונען, זענען נישט געווען גענוג ווערטפול. דערציילונגען האָט ער אַריינגענומען איבערהויפּט די דאָזיקע, וואָס זענען נאָך נישט געווען געדרוקט אין בוכפאָרם. און ריכטיק ווייזט אָן ש. מ. אַז אין באַנד „כתבים" זענען פאַראַן שאַפּיראָס ערשטע און לעצטע טריט.

ווען מיר נאָך אַביסל בלעטערן אין דעם לעצטן באַנד מיט די ערשטע און לעצטע טריט פון אונדזער העלד. מיר כאַפּן אַ קוק אין די לידער. טאַקע נישט זיין זשאַנר לידער, זיין כוח האָט געשטעקט אין דער דערציילונג, אָבער אין מ. באַסינס אַנטאָלאָגיע „פינף הונדערט יאָר יידישע פּאָעזיע" איז ער אַריינגעגאַנגען און זיינס אַ ליד וועט מען דערקענען, לויט דער שאַרפקייט פון טאָן, לויט דעם אַפאָריזם. די ערשטע לידער זיינע שמעקן מיט היימווײ. ער דערנענטערט זיך צו זיין ליבהאַרציקן טייך, צו דער אַלטער מיל אויף דעם שטילן וואַסער, ער בענטשט דאָס אָרט, ווו ער האָט געעפנט צום ערשטן מאָל די אויגן, ער קומט אָן שווערד און בויגן צוריק פון אייביקן, שווערן קריג. ער וואָלט געוואָלט ווערן צוריק אַ קינד אויפסניי. אַלטע מאָטיוון, אייביקע מאָטיוון. פּונקט אַזוי אַלט און אייביק איז דער מאָטיוו וועגן שפּאַציר אין וואַלד און דעם מורא האָבן, אַז ער וועט אייביק אין ערגעץ נישט קומען און דער וואַלד וועט זיך ציען איי־

ביק... פונקט ווי אלט און אייביק עס איז דאָס געזאַנג וועגן נביא, וואָס גאָט האָט אים געבראַכט פאַר א קרבן פאַר אלע. שאַפּיראָ פּרוווט אפילו ניט געבן זיין נביא די אלטע שפּראַך, ער הייסט אים רעדן פּובליציסטיש:

אַנטפּלעקט מיינע נערוון,
פאַרשאַרפט די געפילן,

גאָט האָט אים אָנגעפילט מיט ברענענדיקן צאָרן און מיט שטילן טרויער און אים אויפגעשניטן דאָס מויל און עס פאַרפּילט מיט פעך און מיט שוועבל און אים געהייסן פלוכן. שענדן און פלוכן געבויגענע רוקנס, פאַר־לאָשענע אויגן, צעבראָכענע הערצער, צעשרויפטע נערוון, פאַרטרוקנטע העלדזער, הוסטנדיקע ברוסטן און קייכנדיקע לונגען.

און דאָרט ווו שאַפּיראָ איז שטילער אין זיין בייזן ליד, ווו ער איז נישט פּאַטעטיש, נאָר איראָניש, שניידט ער אויך מיט ליבע און שינאה. ער זינגט צו זיין פאָלק, אז ס׳איז גרויס — „ווו אַ ישוב, ווו אַ מידבר ביסטו אויס״, עס באַצווינגט די גאַנצע וועלט און אין לאַנד פון מילך און האָניק לעבט עס פון חלוקה געלט. די שיפן פון יידישן פאָלק גייען אום איבער אלע זיבן ימים, א שיף גייט און פירט האַנדל מיט דער וועלט און איז געפּאַקט מיט לוחות און לולבים. די פיש און טעכטער פון יידישן פאָלק האָבן א שם. די יידישע שיף גייט גלייך און אין אַ זייט, פירט א שטרייט מיט ווינט און כוואַליעס, פליען שדים זיך צונויף, ווערט א הילכיק פּיי־פעריי, זיי שפּילן זיך מיט דער שיף און עס פליט, „דאָס שפּילכל פון גרויס חדווה אין דער הויך און אין דער שיף״. א נישט פאַרענדיקטע פּאָעמע „סמבטיון״ האָט ער געלאָזט. עס איז א פּרוּוו צו דערציילן די געשיכטע און זינגען דאָס ליד פון דעם, וואָס מוז גיין ווייטער און ס׳איז נישטאָ פאַר אים קיין צוריק און ער מוז פאָרן אין יענעם לאַנד, וואָס איז זיכער פאַראַן, דאָס לאַנד, ווו זון, לבנה און שטערן גייען אויף נישט לויט דער צייט, וואָס איז פאַר זיי פעסטגעשטעלט. עס איז אַ לאַנד, ווו טייכן שטראָמען באַרג אַרויף, „ווו ס׳האָט דער טויט זיין שליטה גאַנץ פאַרלוירן, ווו קומען קומט דער אָנהויב נאָכן סוף״. די פּאָעמע איז נישט פאַרענדיקט. אין יענעם לאַנד איז מיסתמא אוּנדזער העלד דאָך אביסל אָנגעקומען. אָט האלט ער דאָך שוין נאָך זיין סוף און איך דערמאָן אים איצטער פאַר אַן אייביקן אָנהויב.

און אָט די דערציילונגען, סקיצן, מעשהלעך, דער נישט־פאַרענדיקטער ראָמאַן. אומעטום דער זעלביקער לאַמעד שאַפּיראָ — שאַרף, בייז, וויל

אמאָל זיין מילד און קען נישט. ווייל זיין אויפּריכטיק און מאכט קונצן. אָט איז די מעשה וועגן דעם מאלער (ווען ער האָט זי געדרוקט צום ערשטן מאָל אין יאָר 1906, האָט זי געהייסן „דער קינסטלער"), וואָס אים איז ניט געפעלן געוואָרן זיין לערערס ווייכקייט און ער האָט געזאָגט, אז ער האָט נישט ליב דעם אמת און ער האָט גענומען שילדערן מענטשן ווי חיות און דאָס איז געווען זיין אמת. אלע האָבן זיך אָפּגעקערט פון אים, נאָר דאָס איינציקע מיידל, וואָס האָט פאר אים מער מורא געהאַט, ווי זי האָט אים ליב געהאט, האָט זיך געהאלטן נעבן אים, ביז ער האָט אויסגעמאָלן א פארליבט פּאָרל. פאר אָט דעם בילד האָט זי זיך דערשראָקן און זי איז אוועק פון אים. און דאָס לעצטע בילד פון אָט דעם מאלער איז געמאָלן געוואָרן אנדערש: ער האָט אויסגעמיטן שארפע שטריכן און גראָבע פארבן. ער האָט אלץ געמאכט בלייך און דורכזיכטיק. און ער האָט געמאכט א לעצטן שפּאציר איבער דער וועלט און ער האָט געזען, אז מענטשן זענען אי שלעכט, אי גוט און ווען ער איז צוריקגעקומען צו זיך ,האָט ער געזען, אויף זיין לעצט בילד דערהויבט זיך א מענטשלעכע פיגור מיט אויפגע־הויבענע הענט אין דער אונטערגייענדיקער זון און איבער דעם מענטשנס קאָפּ, אויף דעם בלויען, עטוואָס פארגאָלדעטן הימל הענגט „אַ בלאָסער, צעפלייצטער פלעק, אָן פאָרם און אָן קאָליר". האָט נישט אמאָל שאפּיראָ דערציילט אין אָט דעם בילד זיין אייגענע מעשה? ער האָט דערציילט 42 יאָר פאר זיין טויט אלץ, וואָס וועט פּאסירן מיט אים. ער האָט געוואָלט אָנכאַפּן דעם גאנצן אמת און עס איז פון דעם געבליבן א סך מאניר און וויניק פאָרם און קאָליר — — — אמאָל, אמאָל האָט שאפּיראָ דערשפּירט, אַז אַן אַרבעטער ביים שמעלץ אויוון קען האָבן די שענסטע אילוזיעס, באַקומענדיק אַן ארכידייע פון אַן אומבאַקאַנט מיידל. אָבער, דאָס דאָ־זיקע האָט ער דערשפּירט אַזוי זעלטן. די מילדקייט איז אים געקומען אַמאָל אין א יובל, די בייזקייט איז ביי אים שטענדיק געווען צו־גאַסט. אין זיין נישט־פאַרענדיקטן ראָמאַן „דער אמעריקאנער שד" האָט ער די מיינסטע מענטשן געשילדערט מיט אויסערגעוויינלעכער בייזקייט. און די מענטשן פון דער שרייבערישער וועלט, די זשורנאַליסטקע סוואָרץ און דער זשור־נאַליסט לאַפּידעס זענען מיסתמא דירעקטע פאַמפלעטן, אין וועלכע עס איז פאַראַן א שינאה, וואָס ברענט ממש. אייניקע מענטשן, וואָס זענען בעצם גאנץ אינטערעסאנטע פערזאָנען מיט א היפשער דאָזע פערזענלעכקייט, ווערן ביי שאפּיראָן אזוי סאטיריזירט, אז דער לייענער הויבט אָן רחמנות

צו האָבן. זיי מאַכן דיר דעם איינדרוק פון לעבעדיקע מענטשן, וואָס אַ שרייבער האָט גענומען אין דער אַרבעט אַריין און ער האָט אויסגעלאָזט צו זיי כל חמתו און זיי קרעכצן אונטער די שמיץ פון איראָניע און סאַטירע, וואָס דער מחבר דערלאַנגט זיי. און זיינע מענטשן דערלאַנגען אויך גיפּט איינער דעם אַנדערן און אַמאָל לאָזן זיי אויס דעם גאַנצן צאָרן אַפילו צו דער נאַטור. זיין העלד איזי פישלער רעדט מיט איראָניע וועגן... בלומענ־שטויב, וואָס זעצט זיך טאַקע אַמאָל אוועק אויף אַ בלום, וואָס וויל אַ כלה ווערן, אָבער ער זעצט זיך אַמאָל אויך ביי אַ היי־פיבערניק (היי־פיבער איז אַזאַ קראַנקייט, פון וועלכער מען ניסט אַ געוויסע צייט פון יאָר און זי קומט פון דעם, וואָס די ניסער זענען אַלערגיש צו געוויסע זאַכן, אַ סך זענען אַלערגיש צו בלומען) אויף דער נאָז. אַמאָל, אַמאָל האָט שאַפּיראָ אויך דערפילט אַ ווייכקייט און צאַרטקייט צו זיינעם אַ העלד. ער איז געווען צופרידן איינינעם מיט זיין העלד, דעם דיכטער מאַרגאָליס, וועמ יענער האָט אָנגעשריבן אָט די צוויי שורות:

> און לאַנקדיק און ווייט איז אונדזער וועג
> אין אָט די שווערע און געשמאַקע טעג...

האָט ער דאָך יאָ געוווסט, אַז דער לאַנגער וועג איז לאַנקדיק און די שווערע טעג זענען געשמאַק ,פונדעסטוועגן האָט ער זיך געטשעפּעט אָן אויפהער צו אַלע מענטשן — — —

די סאַמע לעצטע זאַך שאַפּיראָס האָט געזאָלט זיין די דערציילונג „רחל מבכה על בניה". ער האָט אַליין דערקלערט, אַז זי איז זיין שוואַנען־ליד. ער האָט ציטירט די ווערטער פון דעם כראָניקער, דעם מאָנאַך אין פּושקינס „באָריס גאָדונאָוו": „בלויז נאָך אַן איינציקע, אַ לעצטע זאַגע און מיין כראָניק איז צו ענד". ער האָט צוגעזאָגט נאָך אָט דער דערציילונג מער נישט צו שרייבן און ער האָט באַמערקט: „און טאָמער קען איך אַמאָל זיך נישט איינהאַלטן, איז — פאַרגיט מיר די מענטשלעכע שוואַכקייט". ער האָט די דאָזיקע דערציילונג נישט פאַרענדיקט. ער האָט געלאָזט צוויי קליינע קאַ־פּיטלען און דעם פּלאַן. און מערקווירדיק איז (ש. מיללער ווייזט אָן אויף אָט דער מערקווירדיקייט), וואָס דאָס דאָזיקע, וואָס האָט ווידער געזאָלט זיין די לעצטע דערציילונג זיינע איז ווידער אַ פּאָגראָם־מעשה. אָבער אָנשטאָט צו שילדערן די ליידן פון די יידן, האָט ער געוואָלט שילדערן אַ שטאַרקן יידן, יואל באָרעץ, וואָס ווערט אַ פּאָגראָמטשיק קעגן גויים און די

באָלשעוויקעס כאַפּן אים און באַגראָבן אים לעבעדיקערהייט און די מוטער באַוויינט אים און איז מצדיק הדין. דערפאַר האָט די דערציילונג, געזאָלט הייסן „רחל מבכה על בניה“, רחל באַוויינט אירע קינדער... וואָס פאַר א גיפטיקן איינפאַל די לעצטע זאַך זיינע האָט געהאַט.

ער האָט זיך אַליין געשראָקן פאַר זיין בייזקייט. ער האָט אין א ליד זיך געבעטן ביי גאָט, אז ער זאָל אים באַשיצן פון די בייזע מחשבות אין זיינע פאַרטאָגן. און ער האָט אויסגעלאָזט זיין בייזקייט און גיפטיקייט צו גאָט אַליין און ער האָט ביי אים געפרעגט, צי אין זיין זקנישן דרימל אויף די תכלת־געהאַפּטע קישנס פון הימל שמעקט אים דאָס געוויין פון קינדער, ס׳געהייל פון די ווייבער און דער טערפּקער ריח פון געפייניקטע לייבער. ער האָט סאַדיסטעוועט איבער זיך אַליין און האָט גאָט געמאַכט פאַר א סאַדיסט און ער האָט אים געשראָקן, אז מיר וועלן זיך „יינגערע געטער אויפשטעלן“.

— וואָס איז געשען מיט אייך, שאַפּיראָ?

איך האָב אים געשטעלט אָט אָ די פראַגע אין יאָר 1945, ווען איך האָב געקראָגן די געלעגנהייט צו בלייבן מיט אים אַליין עטלעכע מינוט. ער האָט געקוקט און געשוויגן. די אויגן זענען אין איין הרף עין געוואָרן פון שיכור ניכטער. ער האָט געוווסט, וואָס איך האָב אים געפרעגט. איך האָב געפרעגט פאַרוואָס ער האָט נישט געשאַפן דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס ער איז געווען באַרופן צו שאַפן. דערציילט ש. מיללער, אז ער האָט אים געשטעלט די זעלביקע פראַגע אָפענער. ער האָט דאָס ביי אים קלאָר געמאָנט און שאַ־פּיראָ האָט אים געענטפערט:

„אז איר וועט זי באַגעגענען די מאַדאַם, די יידישע ליטעראַטור, אָדער דעם דזשענטלמען, דאָס יידישע פאָלק, זאָגט זיי, אז מיסטער לאַמעד שאַ־פּיראָ האָט אָנגעזעצט, גוט?

מיללער האָט אים געענטפערט, אז ס׳איז נישט אזוי גוט און יענער האָט אים געפרעגט, וואָס ער וויל פון זיינע „יונגע יאָרן“. „אין קאָפּ האָב איך עס — האָט ל. שאַפּיראָ געזאָגט — פונעם אָנהויב ביזן סוף, אָבער וואָס טויג דער קאָפּ, אז קיין הינטן איז נישטאָ? — ווייזנדיק אויפן אויסגע־דאַרטן קערפּער — נישטאָ קיין גוף און לא המתים יהללויה, גייסטער שרייבן נישט קיין מעשות“.

אָבער צי האָט ער נישט געשריבן נאָך דערפאַר, ווייל ער איז געווען

נאָר א גייסט, איז נאָך א שאלה. ער האָט זייער זעלטן געשריבן אויך ווען ער איז נאָך נישט געווען קיין גייסט. ער האָט נישט געשריבן, ווייל ער האָט אויף זיך געהאט די לאסט פון זיין „צלם״. ער האָט אין עלטער פון 31 יאָר א צו שטאַרקן קוויטש געגעבן און העכער האָט ער שוין נישט געקענט קוויטשען און מען האָט ביי אים געמאָנט אַ נאָך העכערן קוויטש און ער אַליין האָט, ווייזט אויס, אויך געמאָנט ביי זיך אָט דעם קוויטש און ער האָט אים מער נישט געקענט געבן און ער איז געוואָרן בייז און רישעותדיק — צו זיך אליין... די לעצטע זאך פון „דער שרייבער גייט אין חדר״ הייסט „דער נארישער מחבר״ און ל. שאַפּיראָ גיט אָן, אז עס איז אן אמתע מעשה. ער דערציילט אין אָט דער מעשה ווי צוויי ייִנג־לעך זענען געקומען צו א שרייבער אַ נאַר אין נאָמען פון דער לאָס אנדזשע־לעסער פאָלקסשול און זיי האָבן אים געבעטן א מאַנוסקריפּט פאר דעם באַזאר, וואָס זיי אָרדענען איין און אַ זאך פאר דעם זשורנאַל, וואָס זיי גיבן אַרויס, ביכדי צו פארגרעסערן די הכנסה פון דער שול. איז דער מחבר דאָך געווען א נאַר, האָט ער זיי אָפּגעזאָגט און זיי זענען אוועק מיט גאָרנישט. איז אליהו הנביא געקומען ביינאכט צו חלום צום שרייבער און אים גערופן רשע און געפרעגט פארוואָס ער האָט פארשעמט צוויי קינדער פון זיין פאָלק, האָט ער געענטפערט: „מיין האַר, איך בין נישט קיין רשע, איך בין א נאַר. מיין האַר, זאָג מיר, וואָס זאָל איך טאָן״. האָט אים אליהו געזאָגט, אז ער זאָל גיין און זיי איבערבעטן און טון ווי זיי פארלאַנגען. ער האָט זיך אויפגעכאַפּט און געזען, אז ס׳איז א חלום. און ער האָט אויף מאָרגן געטון ווי אליהו האָט אים געהייסן און ער „האָט די מעשה פאַר־שריבן מיט זיין אייגענער האַנט״.

נישט שטענדיק אָבער איז אליהו געקומען צו לאַמעד שאַפּיראָ צו חלום און ער האָט נישט שטענדיק פאַרריכט זיין רישעות־נארישקייט צו זיך אליין און צו דער יידישער ליטעראַטור און ער האָט נישט אויפגעשריבן די וואָר און די חלומות מיט דער אייגענער האַנט. און ווער עס וועט שרייבן די געשיכטע פון לאַמעד שאַפּיראָ ווי פון איינעם, וואָס האָט גע־קאָנט ווערן איינער פון די גרעסטע שרייבער ביי יידן, וועט מוזן זאָגן, אַז כאָטש ער איז געווען א גרויסער חכם, האָט ער זיך היפּש באַנאַרישט און אויב ער האָט נישט פולשטענדיק באַנקראָטירט פאר דער יידישער לי־טעראַטור, האָט ער אָבער אויך ווייט נישט געדעקט די דאָזיקע וועקסלען, וואָס זענען אויף אים געווען מיט רעכט אויסגעשטעלט...

איך פיל א נויטיקייט צו ענדיקן אָט די אַרבעט מיט אָט דעם שטעל פון שאַפּיראָס „דער שרייבער גייט אין חדר אַריין״.

„וואָס שייך יידיש און העברעיש, האָבן זיי ביי מיר אלע מאָל געפירט א לינקע ליבע און דער יצר הרע האָט דיביידע לשונות באטיילט מיט אזעלכע חנדלעך און שמדשטיק, וואָס קיין פשוטער בשר ודם קאָן זיי נישטביישטיין. די העברעישע עלעמענטן זענען געווירץ און בוימלען צו מיין יידיש, נאָר וואָס זאָל איך לייקענען? — די יידישע שפראַך האָט מיר אָפּגעטון א כישוף. זי איז סוף כל סוף מיין שענסטע געליבטע, און איך האָף צו שטאַרבן ביי אירע פיס״...

יאָ, ער איז געשטאָרבן ביי אירע פיס, אָבער — ער האָט דאָך געקענט שטאַרבן אויך ביי איר קאָפּ, אָבער אַביסל איז ער געשטאָרבן אויך ביי דעם קאָפּ פון יידיש. און אזוי וועלן מיר טאַקע פארשרייבן לדורות:

לאָמער שאַפּיראָ איז געשטאָרבן ביי די פיס און אויך ביים קאָפּ פון זיין שענסטער געליבטער...

י. מ. ווייסנבערג

אַ טראַגעדיע פאַר זיך אַליין און פאַר דער יידישער ליטעראַטור

י. מ. ווייסנבערג איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור בקולי קו־לות און אַוועקגעגאַנגען איז ער שטיל.

מען האָט ווייסנבערגס אָנקומען אָנגעזאָגט ממש מיט טרומפייטן. דער אָנערקענטסטער יידישער ליטעראַטור קריטיקער פון יענער צייט, בעל מחשבות, האָט אין אים געזען דעם קינפטיקן מחבר פון דער עכטער יידי־שער דראַמע, דער דעמאָלט יינגערער קריטיקער ש. ניגער האָט אים ממש באַזונגען אלס דעם עכטן אויסדרוק פון יידישן האַרעפּאַשניק. דער ליי־ענער איז אים אַנטקעגן געקומען מיט שטורעמדיקער פרייד.

אייניקע האָבן אים געשטעלט אויף איין שטאַפּל מיט שלום אַשן, כאָטש דער „זשעלעכאָווער" ווייסנבערג איז געווען ממש דער היפוך פון „קוט־נער" אַש. דער לעצטער האָט געוויזן די שבת יום־טובדיקייט פון יידישן לעבן און דער ערשטער האָט געוויזן די וואָכעדיקייט. מען האָט די דאָזיקעביידע געשטעלט אויף איין שוועל, ווייל מען האָט זיי ביידן געהאלטן פאַר די שטאַרקסטע יונגע טאַלאַנטן, וואָס דאָס יידישע פוילן האָט אַרויסגעגעבן.

דאָס אוועקגיין ווייסנבערגס איז געווען שטיל, נאָך אַ לאַנגער תקופה פון פיינלעכע דיסקוסיעס, פּאָלעמיקעס און קריגערייען, אין וועלכע ווייסנ־בערג איז געווען דער אָנגרייפער. די לעצטע יאָרן פון ווייסנבערגס לעבן זענען געווען פארבונדן אַ סך מער מיט קריגערייען און סקאַנדאַלן ווי מיט ליטעראַרישע ווערק. און דאָס געדרוקטע יידישע וואָרט און די יידישע עפנטלעכקייט האָבן ווייסנבערגן מספיד געווען אויף אַ מאָדנעם אופן. מען

האָט יאָ געדענקט און דאָך נישט גענוג דערמאָנט דעם י. מ. ווייסנבערג פון דער סאַמע ערשטער עפּאָכע, ווען ער האָט ממש אויפגעשטורעמט די יידישע ליטעראַטור.

ווייסנבערגס מיט און סוף זאָגן עדות, אַז אויסער וויכטיקער שריפט־שטעלער איז ער אויך אַ פּראָבלעם אין דער יידישער ליטעראַטור. (דער ערשטער, וואָס האָט אָנגעוויזן, אַז ווייסנבערג איז אַ פּראָבלעם אין דער יידישער ליטעראַטור איז געווען לעאָ קעניג.) און ווען מען האַלט ביים סך הכל פון מחבר פון „אַ שטעטל מיט בנים", מוז מען נעמען אין באַטראַכט ביידע — אי ווייסנבערג דעם שריפטשטעלער, אי ווייסנבערגן — דעם פּראָבלעם.

און עס דאַרף דאָ באַלד געזאָגט ווערן, אַז ווייסנבערג האָט זיינע וועקסלען נישט געדעקט און ער איז נישט דערגאַנגען ביז צום ריכטיקן שפּיץ פון זיין שאַפונג־וועג און ער האָט נישט רעאַליזירט זיינע אַלע שאַ־פונג־מעגלעכקייטן און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך דערפאַר איז ער געוואָרן אַ מחרחר־ריב. אין זיין סקאַנדאַלעווען איז געווען אויסדרוק פון אומצופרידנקייט מיט זיך אַליין און פון קינאה. און עס מוז אויך באַטאָנט ווערן, אַז ווייסנבערג איז נישט דערגאַנגען ביז אַהין, וווהין ער איז געווען בכוח צו דערגיין, איבערהויפּט דערפאַר, ווייל מען האָט אים צופיל געבאַלעוועט ביים אָנהייב פון זיין קאַריערע. מען האָט אים אויפ־געהויבן אויף אַזאַ הייך, ווו ער האָט זיך נישט געקענט האַלטן, און דאָס האָט אים דערפירט צו זיין „פּראָבלעם", וואָס איז בעצם געווען זיין טראַ־געדיע.

זאָל דאָ באַמערקט ווערן, אַז עס איז געווען אין יידישער ליטעראַטור קריטיקער, וואָס האָט ווייסנבערגן נישט גורס געווען באַלד ביי זיין באַ־וויזן זיך אין דער יידישער ליטעראַטור. אָבער דאָס איז געווען אַזאַ איי־נער, וואָס האָט ביכלל נישט אַרויסגעוויזן קיין צו־שטאַרקע ליבע צו דער יידישער ליטעראַטור. דאָס איז געווען שמריהו גאָרעליק, וועלכער איז געווען איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן פון דעם זשורנאַל „ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1908 אין ווילנע. די אַנ־דערע צוויי רעדאַקטאָרן זענען געווען וויטער און ש. ניגער. אין ש. ג'ס בוך „עסייען", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1947 אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַלי־פאָרניע, איז פאַראַן אַ בינטל „ליטעראַרישע זיכרונות". דערציילט דער מחבר אין אַ כטן קאַפּיטל פון אָט די „זיכרונות", אַז דער דערמאָנטער

זשורנאַל האָט אויפגעהערט צו דערשיינען נישט אַזוי צוליב מאַנגל אין געלט, ווי צוליב חילוקי דעות צווישן אים און ניגערן. מיר גיבן דאָ גאָרעליקן אַליין דאָס וואָרט:

„ניגער, למשל, האָט שטאַרק געהאַלטן פון י. מ. ווייסנבערגס גראָב־נאַטוראַליסטישער דערציילונג „דער טאַטע און די בנים", וואָס איז געווען געדרוקט אין „די ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן", בעת איך האָב זי ממש נישט געקענט לייענען. דער חילוק איז געווען זייער גרויס".

אָבער ש. גאָרעליק איז אין דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק פאַר־בליבן אַן עפּיזאָד און אַ גאַנץ עקזאָטישער. ער האָט זיך מיט דער יידישער ליטעראַטור נישט באַהעפט. ער אַליין דערציילט טאַקע אין זעלביקן קאַפּיטל פון זיינע זיכרונות, אַז די יידישע ליטעראַטור איז אים נישט געווען צום האַרצן:

„איך האָב געחלומט — שרייבט ש. ג. — פון אַ יידישן זשור־נאַל, אָבער פון אייראָפּעאישן כאַראַקטער. איך האָב געהאַט אַן אינטע־רעס פאַר יידישער ליטעראַטור, אָבער געלייענט האָב איך הויפּט־זאַכלעך די אייראָפּעאישע, ווייל די יידישע איז געווען צו אָרעם און גייסטיק האָב איך נישט געקענט אויסקומען מיט איר. ניגער אָבער איז געווען פאַרליבט אין דער יידישער ליטעראַטור און זי איז גע־וואָרן זיין לעבנס־אינהאַלט".

קומט אויס, אַז די אָרגאַנישע יידישע ליטעראַטור־קריטיק איז געווען איינשטימיק אין איר באַזינגען ווייסנבערגן, און דאָס האָט דערנאָך געהאַט פאַטאַלע קאָנסעקווענצן. מען האָט זיך צו־שטאַרק דערפרייט מיט ווייסנ־בערגס אָנקומען. עס איז געווען צווישן 1899 און 1904. עס האָבן אַלעמאָל אויפגעשיינט נייע טאַלאַנטן און זיי האָבן געבליצט מיט נייע ווערק. אברהם רייזען, ה. ד. נאָמבערג, שלום אַש... און דערנאָך איז מען אַרויס מיט אַ שיכורן שטורעם אַנטקעגן ווייסנבערגן. עס איז געווען פאַרוואָס! עס איז געווען זעלטענע גבורה אין זיינע אָנהייבן. אָבער מען האָט זיך דאָך נישט געדאַרפט איילן און מען האָט דאָס געדאַרפט מאַכן מיט פאָרזיכטיקייט און טאַקט. מען האָט געמעגט פאַרשטיין, אַז אַ מענטש, מעג ער זיין ווי שטאַרק אין זיין טאַלאַנט, קען זיך פאַרדרייען דער קאָפּ. און מען האָט

געדאַרפט איינזען, אַז ווייסנבערג איז אַ רויער בריליאַנט און מען האָט אים געדאַרפט לערנען, אַז ער זאָל זיך שלייפן דורך קולטורעלע אַנטוויקלונג. מען האָט אים מיט די צו־גרויסע שבחים טאַקע פאַרדרייט דעם קאָפּ און ער האָט געמיינט, אַז ער איז שוין אויף דעם שפּיץ...

—פאַרוואָס האָט מען זיך אַזוי צעזונגען וועגן ווייסנבערגן באַלד ביי זיין דערשיינען?

— אפשר טאַקע דערפאַר, ווייל ער האָט דער ערשטער ביי אונדז באַשריבן דעם האָרעפּאַשניק נישט פון דרויסן, נאָר פון אינעווייניק.

ווייסנבערג איז דער ערשטער האָרעפּאַשניק אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט פאַרמאָגט די עכטע און אָרגאַנישע קראַפט פון אַן אַרבעטער אַ ווילן־יונג און אַלע חנען פון אַזאַ בחור. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַ נייע שפּראַך אין אונדזער ליטעראַטור אַריין, אַ שפּראַך, וואָס איז אַזוי פולבלוטיק, און פאַרשייט, ווי די מענטשן, וואָס רעדן זי.

„אויף דער גאַס הייבט זיך אָן איינציקווייז צו באַווייזן דאָס יונגוואַרג, מיט צעלאָזטע סאַקלעך, מיט הויזן־וועסט איבער די קאַמאַשלעך, שיין פאַרשוירענע פּייעלעך און אויסגעלייגטע ווייסע קעלנערלעך. מען באַגעגנט זיך מיט שמייכעלעך אויף די פּנימער, אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מען שטעלט זיך אָפּ. באַלד ווערט אַ גאַנץ רעדל און אַז איטשעלע קאַמאַשנמאַכער קומט נאָך אויך צו, — א יונג אין אַ פּאָר לאַקירקעס, מיט א העל סאַקל און אַ גלאַטיק אָפּגעראַזירט פּנים מיט פינקלענדיקע אויגן אונטערן קליינעם דאַשיקל — ווערט שוין גאָר לעבעדיק״ (י. מ. ווייסנבערג „אַ שטעטל״).

אַזוי האָט ביז דעמאָלט קיינער נישט געשריבן אין יידיש. דאָ איז געווען קראַפט און פרייד, וואָס צעשפּאַרן וועגט און זאָגן אָן דעם אויפקום פון אַ ניי לעבן. און אַ דאַנק דעם איז מען באַגייסטערט געוואָרן און מ׳האָט זיך צעזונגען.

אָט די סיטואַציע האָט דערפירט צו דער טעותדיקער האַנדלונג פון צו שטאַרק צעזינגען זיך און די דאָזיקע האַנדלונג האָט צוגעקאָוועט אַ גרויסן טאַלאַנט צום פּלאַץ און אים זיך נישט געלאָזט רירן.

עס קען זיין, אַז שולדיק אין דעם איז געווען דער פאַקט, וואָס אונדזער ליטעראַטור האָט געפעלט אַן אויטאָריטעט, אַ פּערזענלעכקייט, וואָס זאָל אימפּאָנירן ווייסנבערגן און אויף אים ווירקן, אַז ער זאָל אויפהערן פּראָווען זיינע סקאַנדאַלן און ער זאָל בעסער אַרבעטן איבער זיך. (ס׳איז כדאַי צו געדענקען, אַז ווייסנבערג האָט אָנגעהויבן פּראָווען זיינע סקאַנדאַלן איבער־

הויפּט נאָך פּרצעס טויט). און אפשר באַשטייט די טראַגעדיע פון גורל אין דעם, וואָס אין דעם באָדן פון דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן איז געוועזן אויך צעפּוילטקייט און ס'האָט געמוזט קומען עמיצער, וואָס זאָל שרייען און געוואַלדעווען און די ווערעם פון יענער צעפּוילטקייט זענען גראָד פאַרקראָכן צו ווייסנבערגן אין האַרצן.

אפשר! אַ פאַקט איז: אין ווייסנבערגן האָט די יידישע ליטעראַטור געהאַט אַ קאָלאָסאַלן און אייגנאַרטיקן טאַלאַנט בכוח, וואָס האָט בפועל געגעבן אַ סך, אַ סך ווייניקער, ווי ער האָט געקענט און געדאַרפט געבן. אַ פאַקט איז, אַז ווייסנבערג איז געוואָרן אַ טראַגעדיע סיי פאַר זיך אַליין, סיי פאַר אונדזער ליטעראַטור בכלל.

יאַנקל סטאָליאַר האָט מודיע געווען דעם ווילן פון פאָלק

עס וואָלט אָבער געווען אַ גרויסער פעלער צו אָפּקומען ווייסנבערגן נאָר אַלס טראַגעדיע. ווייסנבערג האָט געקענט לאָזן מער, אָבער ער האָט פונדעסטוועגן גענוג געלאָזט אויף צו פאַרבלייבן אין אונדזער ליטעראַטור. און אפילו ווייסנבערגן דעם פּאַמפלעטיסט און סקאַנדאַליסט איז אויך נישט אָפּצוקומען סתם אַזוי. ס'איז גאַנץ מעגלעך, אַז ווייסנבערג האָט געהאַט אַ סאַנירנדיקע ווירקונג אויף דער יידישער ליטעראַטור אין פּוילן. ס'קען זיין, אַז ווען נישט זיינע טומלענישן וואָלט די גאַנגרענע פון דעגענעראַציע און דעמאָראַליזאַציע געווען געקראָכן טיפער. ווייסנבערג האָט אויך אַנטדעקט אַ סך וויכטיקע יונגע כוחות ווי אַ שטייגער: עוזר וואַרשאַווסקי, שימעון האָראָנטשיק, יחיאל לערער. ער האָט זיך אָפּט געבראָכן אין אָפענע טירן. ער איז זייער אָפּט געגאַנגען אויף פאַלשע וועגן. זיין ווילן איינפירן דעם פּוילישן דיאַלעקט אַלס הערשנדיקן אין אונדזער שפּראַך איז געווען נישט נאָר פאַנאַטיזם, נאָר — עם־הארצות. ער האָט למשל, דאָס וואָרט „דאָס" דווקא געוואָלט שרייבן „דוס", בעת פּוילישע יידן לייענען „דוס" — dis —. מען דאַרף דאָך זיין אַ לינגוויסט אַ פאַכמאַן אויף צו קענען שאַפן אַ טראַנסקריפּציע פאַר אַ דיאַלעקט. ווייסנבערג האָט זיך דערמיט נישט גערעכנט. ער האָט געשריבן ווי ער האָט פאַרשטאַנען און ס'איז אויסגעקומען אַ ווילדקייט. ווייסנבערג האָט דער ערשטער אַ ברום געטון קעגן שלום אַשן דעם „פּאָליטיקער" און ער האָט דער

ערשטער אָנגעוויזן, אז ער חנדלט זיך צום שטאַרקן און בייסט דעם שוואַכן. עמיצער האָט שוין אָנגעוויזן, אז וויסנבערג האָט פאַרמאָגט דאָסטאָ־יעווסקישע גבורה אין זיינע ערשטע פאַמפלעטן.

ניין! אָפּקומען וויסנבערגן נאָר אַלס טראַגעדיע, טאָר מען נישט. מען דאַרף נעמען מאַכן א סך־הכל סיי פון דעם, וואָס ער איז נישט געוואָרן און סיי פון דעם, וואָס ער איז געווען. און געווען איז ער קודם־כל דער ערש־טער עכטער אויסדרוק פון האַרעפּאַשניק אין אונדזער ליטעראַטור, דער אויסדרוק פון זיין פרייד, חן, ליידן און קאַמף. אין אַלע שטעטלעך האָבן אין באַלעמער פון דער שול געקלאַפּט שוואַכע הענט פון אַ שמש מודיע צו זיין די באַפעלן פון רב און גביר. אין וויסנבערגס „אַ שטעטל" האָבן צום ערשטן מאָל א זעץ געטון אין טיש די קרעפטיקע הענט פון יאַנקל סטאָ־ליאַר מודיע צו זיין דעם ווילן פון פאָלק.

דער ערשטער וויסנבערג

דער ערשטער וויסנבערג איז געווען דער עכטער און אויף דעם וועג צו ווערן גרויס. ער איז געווען אַנדערש נישט נאָר ווי די עלטערע יידישע שריפטשטעלער, נאָר אויך ווי די יונגע. ער האָט דעמאָלט געהאַט פון איין זייט נאָמבערגן און פון דער צווייטער זייט אַשן. נאָמבערג האָט געשילדערט טאָקע די לייט, וואָס קענען אין די ביכער, פון וועלכע וויסנבערג האָט אַזוי חוזק געמאַכט. זיי זענען געווען קליינע, שוואַכע פאַרשווינדלעך, באַדנלאָזע און שיר נישט קערפּערלאָזע יונגעלייט, וואָס חלומען רק און שרעקן זיך פאַר דעם קלענסטן שפּיץ פון דערווירקלעכקייט. שלום אַש האָט שוין גראָד געשילדערט זאַפטיקע און פליישיקע מענטשן, ער האָט געשילדערט מענטשן, וואָס לאָזן זיך באַהערשן פון תאווה און זינדיקן, אָבער ער האָט זיי געהילט אין זיידנס ממש און אין זיידנס פון יידיש־לעכקייט און האָט זיי פאַראידיליזירט און פאַרראָמאַנטיזירט און אָפּט פאַרוואַנדלט אין געזאַנג פון אייביקער שבתדיקער רו. און אַפילו ווען אַש האָט געשילדערט יאַטן פון קוילער־געסל, האָט ער זיי ליב געהאַט צו שילדערן אויסגעפּוצטע און שבתדיקע.

וויסנבערגס מענטשן זענען געווען נישט נאָר דער היפוך פון נאָמ־בערגס, זיי זענען נישט נאָר געווען פול מיט פיזישער קראַפט, נאָר זיי

זענען אויך געווען דער היפוך פון אַשס העלדן, זיי זענען געווען געהילט אין פראָסטן לייוונט און זיי זענען געווען וואָכעדיקע מענטשן אויך אין די שבת יום־טובדיקע טעג, אויך אין די דאָזיקע טעג זענען זיי פול געווען מיט וואָכעדיקע דאגהס פון פרנסה און פון דערוואַכנדיקן קאַמף. איז אַט צוליב דעם האָט מען אָפּגעפּסקנט ווייסנבערגן פאַר אַ נאַטוראַליסט. אַש האָט געשילדערט זיידענע יידן, ביי ווייסנבערגן קריכט אַרויס פון אַ בויד—

„א נידעריק פעט יידל, מיט פעטע הענט, ברייטע פלייצעס און אַ קליינעם קאָפּ, אַ דיקן, האַריקן און ברודיקן האלדז, א פּנים — ווי אַ חיה, שוואַרץ, באוואָקסן, מיט בלישטשענדיקע אויגן“. (קריינדעלע)

מ׳האָט ווייסנבערגן אַליין פאַרביטן אויף זיינע העלדן. די מענטשן זיינע זענען על פּי רוב נאַטור־מענטשן, נישט קיין געהובלטע, אָפענע און אויפריכטיקע סיי אין זייער גוטסקייט, סיי אין זייער רשעות, האָט מען ווייסנבערגן אָפּגעפּסקנט אלס א נאַטוראַליסטישן שריפטשטעלער און אַט אַ דאָ שטעקט דער טעות.

ווייסנבערג איז בשום אופן נישט געווען נאָר אַ נאַטוראַליסטישער שרייבער. וואָס אַזוינס מיינט אַ נאַטוראַליסטישער שריפטשטעלער? עס מיינט מין הסתם אַזאַ איינער, וואָס באַשרייבט נאָר די נאַטור פון דעם מענטשן, נאָר די פיזישע נאַטור, נישט דעם גייסט. נישט די פּסיכיק, נישט די פּסיכאָלאָגיע פון מענטשן, נאָר די חיהשע נאַטור. עמיל זאָלא באַטראַכט מען אַלס הויפּט־פאָטער פון נאַטוראַליזם. צי איז עס טאַקע אַזוי, צי זאָלאַ האָט טאַקע נאָר פיזיאָלאָגישע נאַטור, איז נישט דאָ דאָס פּלאַץ צו דיסקוטירן, הגם ס׳איז גאָרנישט שווער צו געפינען ביי זאָלאַן אויך גייסט און פּסיכאָלאָגיע און סימבאָליזם. אָבער — אויב א נאַטוראַליסטישער שריפטשטעלער מיינט אזא איינער, וואָס באַשרייבט נאָר די פיזיאָלאָגישע נאַטור, דאַן איז י. מ. ווייסנבערג דורכויס נישט קיין נאַטוראַליסטישער שריפטשטעלער. אדרבא, ער האָט אין גרעסטן רוב געזוכט צו באשרייבן קאָמפּליצירטע נשמה־סיטואַציעס ביכלל און ספּעציעל קאָמפּליצירטע נשמה סיטואַציעס פון פרויען.

מ׳דאַרף דענקען, אז א שריפטשטעלער איז א נאַטוראַליסט, נישט נאָר מיט דעם „וואָס“, ער שרייבט, נאָר מיט דעם „ווי אַזוי“. א נאַטוראַליסט באַשרייבט, דאַרף מען דענקען... נאַטוראַליסטיש, אָן סענטימענטן און שוין אוודאי אָן סענטימענטאַליזם און שוין אוודאי און אוודאי אָן סימבאָליזם.

אין דעם „ווי אזוי" איז וויסנבערג שיר נישט דער סענטימענטאלסטער יידישער שריפטשטעלער און ער האָט אויך געהאַט אַ נויגונג צו סימבאַליזם.

מיר וועלן נעמען אלס ביישפיל איינע פון די ערשטע דערציילונגען וויסנבערגס, א דערציילונג, וואָס האָט געהאט, דוכט מיר, דעם גרעסטן חלק אין דעם, וואָס דער פארשטאָרבענער שריפטשטעלער איז בארימט געוואָרן באלד ביי זיין דערשיינען. די דערציילונג הייסט „די משוגענע אין דאָרף". די דאָזיקע דערציילונג ווערט געפירט אין דער ערשטער פערזאָן. דער מחבר דערציילט ווי ער איז איינמאָל א ביינאכט געפאָרן אויפן לובלינער שאָסיי אינײנעם מיט א פורמאן יאָסל, אַ יונג מיט ברייטע פלייצעס, א געזונטער, פשוטער נאטור־מענטש. זיי פאָרן דורך א שטוב, פון וועלכער עס הערן זיך געשרייען און זיי גייען אַראָפּ. יאָסל ווייסט ווער עס וווינט דאָרט — אן אלמנה מיט א טאָכטער און מיט אן איידעם. דער פורמאן בלייבט שטיין, קלאַפּט אָן אין טיר און מען לאָזט אים אַריין אינײנעם מיט זיין פארשוין און יאָסל נעמט זיך נאָכפרעגן וואָס פאַר אַ קולות הערן זיך. ער איז דאָ א היימישער, דערציילט אים די אלמנה, אז דאָס משוגעת טרעט נישט אָפּ פון איר טאָכטער. און זי נעמט אים איינרעדן, אַז אין דער טאָכטער איז אַריין א דיבוק. און דער דיבוק שרייט, אַז ער וועט שעכטן די מאמע. און עס קומט בניה־וביה צו א קריגעריי צווישן דער מאמען און טאָכטער. די מוטער הויבט אָן טענהן מיט גוטן און גייט איבער צו זילזולים און קלעפּ. מיט א שטריק שלאָגט די מוטער די טאָכטער. אנטקעגן ליגט דער משוגענערס מאַן און קוקט זיך צו. ווען ער זעט ווי די שטריק שניידן זיך אַריין אין זיין ווייבס לייב, פלאַמען אים אויף די אויגן מיט נקמה און ער זאָגט: „זאָל זי וויסן, וואָס הייסט עקשנות". יאָסל מישט זיך אַריין, לאָזט נישט שלאָגן. גיט זיך צו אים א לאָז דער מאַן מיט באליידיקונגען. כאַפּט אים יאָסל מיט די פויכטן און דערהרגעט אים שיר, העלפט אים דערנאָך אַריינלייגן אין בעט אריין און גייט אַוועק. אויפן וועג דערציילט יאָסל דעם מחבר, וואָס דאָ קומט פאַר. ער דערציילט ווי אזוי ער פלעגט זיך דאָ שטענדיק אָפּשטעלן, ווי אזוי דבורהלע (אַזוי הייסט די משוגענע) האָט זיך אין אים אָנגעהויבן פארליבן און ער אין איר. גראָד איז איר עלטערע שוועסטער געשטאָרבן און געלאָזט אַ מאַן מיט צוויי קינדער, האָט די מוטער זי געוואָלט חתונה מאכן פאר דער שוועסטערס אלמן. דבורה האָט יאָסלען נישט געוואָלט אָפּלאָזן, זי איז אים איין נאכט נאָכגעלאָפן און זיך געבעטן, אַז ער זאָל זי נעמען צו זיך אַהיים, אָבער ווי נעמט עס אַ יידי־

שער בחור אהיים א פרעמד מיידל? וואָס וועט זאָגן די מאמע? און אַן עלטערע שוועסטער א נישט־חתונה געהאטע איז ביי אים אויך פאַראַן, האָט ער דבורהלען צוגעזאָגט, אז ער וועט זי קומען נעמען. סיי ווי איז דאָך נאָך פאראן צייט, די מוטער וויל זי ערשט חתונה מאכן שבת נחמו. אָבער — די מוטער האָט נאָר אַזוי געזאָגט איר אָפּצונאַרן. זי האָט זי חתונה געמאכט באלד שבת נאָך שבועות. און איצטער איז אין איר אַריין א דיבוק און זי איז משוגע און זי וויל נישט לעבן מיטן מאן און די מוטער קאטעוועט זי מיט שטריק.

דער הויפּט־געדאנק איז פאַר יענער צייט געווען גאָר שאַרף, היינט האָט ער נאָך נישט פארלוירן זיין אקטועלקייט. דער מחבר ווייזט דאָ די נישט פארשטענדעניש פון די מאמעס פאר די קינדער און די מישפחה גע־בונדנקייטן, וואָס ברענגען אום לעבנס. די מענטשן זענען דאָ פּשוטע, טאַקע נאטור־מענטשן. סיי יאָסל, סיי דבורהלע זענען, אזוי צו זאָגן, נאטור־ראַליסטישע מענטשן. אָבער דער מחבר איז דאָ בשום אופן נישט קיין נאטוראליסט, ער איז גיכער — א סענטימענטאַלער פידלער, וואָס שפּילט אויף די הערצער פון זיינע העלדן און ער זוכט אַרויסצוברענגען די צארטסטע טענער זייערע. יאָסל דערציילט ווי אזוי דבורהלע איז געווען פאַרליבט אין אים און ווי זי פלעגט אים אויפנעמען, איז עס מוזיק. זי פלעגט זיך דערפרייען מיט זיין אָנקומען, גלייך ווי דער טאַטע וואָלט איר אויפגעשטאַנען. זי האָט אים און אפילו זיין פערד נישט געוווסט ווו אָפּ־צוגעבן אן אָרט, זי פלעגט אים זאָגן, אז זי וואָלט אים געהאט פאר אַ ברודער און ער פלעגט פילן, „ווי דאָס האַרץ ווערט ווייך, אזוי ווי פוטער אויף וואַרעם ברויט". אַ יידיש מיידל, אים א גלעט צו טון האָט זי נישט געהאט קיין מוט, פלעגט זי צוגיין און א גלעט געבן זיין פערד איבערן רוקן. ער האָט אזש נישט געקאָנט קוקן, „די אויגן — דערציילט ער — ווילן זיך עפּעס צומאכן פאר גוטסקייט". ער טרינקט ביי זיי א טיי און עסט עפּעס, וויל ער באצאָלן, וויל זי נישט נעמען קיין געלט, ווערט ער ברוגז, שלאָפט זי דערנאָך נישט פון זיין רוגז א גאנצע נאכט... ניין. אַזוי האָט מען ביז דעמאָלט נישט באשריבן קיין ליבע ביי אונדז אין דער ליטעראַטור. ס'איז נאַטור־ליבע, זיכער! אָבער נאטור מיט געזאנג און נאטור מיט סענטימענט. וויסנבערג איז דאָ אַ סענטימענטאלער אידי־ליקער.

און אין פינאַל פון דער דערציילונג, ווען דבורהלע לויפט נאָך יאָס־

לען און בעט ער זאָל זי בדאַי אין ווייסל אַריינוואַרפן, אַבי אַרויסראַטעווען פון דער מאַמעס שטוב, דער דאָזיקער פינאַל איז באמת טראַגיש. דבורהלע איז כמעט אַ שטומע, זי האָט נישט קיין ווערטער, אָבער יעדע אָפּגעהאַקטע פראַזע, וואָס זי לאָזט אַרויס, איז בלוט. נישט אומזיסט האָט בעל מחשבות דערפילט דעם דראַמאַטורג אין ווייסנבערגן. דער שטומער דיאַלאָג צווישן יאָסלען און דבורהלען אין דער טרויעריקער געזעגענונגסנאַכט געהער צו די דראַמאַטישסטע שטעלן אין דער יידישער ליטעראַטור. זיי זענען שטומע געזעסן אַ גאַנצע נאַכט ביז דער מאָרגנשטערן איז אויפגעגאַנגען. ער האָט נאָכגעקוקט „אירע געשווינדע, לייכטע טריט", געהערט דאָס ריגלען פון דער טיר און ווען ער האָט איינגעשפּאַנט און איז שוין אַריין אין וועגעלע, דערציילט ער, האָט זיך די טיר נאָכאַמאָל אויפגעעפנט און „זי שטייט אויף דער שוועל, רעדט נישט אַ וואָרט — גיט נישט אַ צייכן, און מיר ווערט עפּעס זייער בענקלעך, עס לאָזט מיך נישט אָוועקפאָרן"...

און אויב „די משוגענע אין דאָרף", די ערשטע דערציילונג וואָס האָט ווייסנבערגן געמאַכט אַ נאָמען, איז נישט נאַטוראַליסטיש, איז די צווייטע זאַך, וואָס האָט געהאָלפן באַרימט ווערן ווייסנבערגן, „אַ שטעטל" — שוין אוודאי און אוודאי נישט נאַטוראַליסטיש. אמת, דאָ זענען די שילדערונגען זייער רעאַליסטישע און וואָכעדיקע. מען פרעגלט זיך נישט אין שמן זית פון שבת און יום־טוב ווי ביי שלום אַשן אין „דאָס שטעטל" און מען טוט נישט רק גוטס ווי דאָרט. ביי ווייסנבערגן קריגט מען זיך און מען שלאָגט זיך און אפילו דער יום־טוב איז פול מיט וואָכעדיקן קאַמף. אָבער דער רעאַליזם ווערט דאָ דערפירט ביז צו סימבאָל און דאָס גאַנצע שטעטל וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל פון דערוואַכונג אויף דער יידישער גאַס ערב 1905. דער הויפּט העלד איז דאָ נישט איינער פון אַ סך, נאָר איינער וואָס איז אַ סך. יאַנקל סטאָליאַר איז ער, ער איז דער ערשטער, וואָס גיט אַ פּאַטש מיט אַ שטאַרקער האַנט אין באַלעמער אַריין און לאָזט וויסן נישט די באַשלוסן פון די גבירים, נאָר דעם ווילן פון פאָלק. יאַנקל סטאָליאַר פילט, אַז ער דאַרף יום־טוב אַרויסרופן די אַרבעטער און בעלי־מלאכות אין וואַלד אַריין און זיי עפּעס זאָגן, אָבער ער קען נישט רעדן און ער לייענט זיי עפּעס. דער באַוווסטזיין וואַקסט ביי די מאַסן אין שטעטל, ער וואַקסט אַזוי נאַטירלעך, ווי אַלץ אין דער נאַטור, פונדעסטוועגן זענען דאָ די שילדערונגען נישט בלויז נאַטוראַ־

ליסטיש, נאָר זייער אָפט אויך סימבאָליש. יידן גייען אַרויס פון די שולן הערן זיי דאָס ליד:

ברידער און שוועסטער פון אַרבעט און נויט,
די אַלע, וואָס זענען צעזייט און צעשפּרייט.

דאָ באַגעגענען זיך צוויי וועלטן, אַזעלכע מאָמענטן זענען פאַראַן אַ סך אין „אַ שטעטל". ווייסנבערג אַליין איז פּונקט אַזאַ קליינער בעל־דברן ווי זיינע העלדן, ער האָט נישט קיין סך ווערטער, אָבער פּונקט ווי זיינע העלדן קען ער שטומערהייט אויסדריקן זיינע געפילן און ער קען מיט ווייניק ווערטער שאַפן אי אַ בילד, אי אַ מאָנומענט, אי אַ ליד.

ווייסנבערגס „אַ שטעטל" ענדיקט זיך מיט דעם דורכפאַל פון דער ערשטער דערוואַכונג־באַוועגונג. מען אַרעסטירט די פירער און מען פירט זיי אַוועק. די גאַס איז פאַרהאַרעוועט און עס דוכט זיך, אַז זי הערט מיט איינגעהאַלטענעם אָטעם די פערדס טריט און דעם געקלימפּער פון די שפּאָרן. עס וואַרפט אָן אַן אימה. די גאַס, דאַכט זיך, וועט הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס אויסשטאַרבן און דאָ ציט זיך עס אַזוי לאַנגזאַם ווי ביי אַ לוויה. וואָלט ווייסנבערג געווען אַ נאַטוראַליסט וואָלט ער דאָ געענדיקט, אָבער ער איז אַ סימבאָליסט און ער גייט ווייטער מיט זיין שילדערונג, ער גייט אַוועק מיט די אַוועקגעפירט אַרעסטירטע:

„דער גרויער מאָרגן־נעפּל האָט זיי פאַרהילט און אין זיך איינגעזאַפּט. און פונדעסטוועגן האָט זיך דאָס אויסגעוויזן, ווי אַ שוואַרצער וואָגלענדיקער פלעק, וואָס לאָזט זיך ערגעץ וואַנדערן אין דער ווייטער וועלט אַריין..."

ווייסנבערג איז אַ סימבאָליסט אַ כבד פּה, ער דערזאָגט נישט, אָבער מיר פילן, אַז דער „שוואַרצער וואָגלענדיקער פלעק", וואָס לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן אין דער ווייטער וועלט אַריין, וועט צוריקקומען מיט ליכט...

ווייסנבערג איז בשום אופן נישט קיין נאַטוראַליסט, ער איז געווען אַ סענטימענטאַלער שריפטשטעלער, מיט אַ דינעם הומאָר, און זיינע נוי־גונגען זענען געווען: עראָטישע אידיליע, עראָטישע טראַגיק און דערוואַכונג פון סאָציאַלן באַוווסטזיין.

י. מ. ווייסנבערגס גרויסע מעלה איז: אויפריכטיקייט. ער האָט זעלטן

ווען אָנגעשריבן אַ שורה, וואָס ער האָט נישט דורכגעפילט און דורכ־געלעבט. און אַ דאַנק דעם האָט ער נישט געקענט ליידן קיין „בלאָף״. ער האָט דערפילט ביי אַ סך יידישע שריפטשטעלער געקינצלטקייט און אָנגעבלאָזנקייט און ער האָט געקעמפט קעגן דעם מיט פּרימיטיווער אויפ־ריכטיקייט. אין דעם פּרט האָט ער טאַקע ווי אַ שטומער, נישט אָפּגעלאָזט ביז וואַנען ס׳איז נישט געגאַנגען קיין בלוט. י. מ. וויסנבערגס גרויסער חסרון — שמאָלע האָריזאָנטן און קולטורלאָזיקייט און ער האָט דערפאַר אַ סך מאָל געמאַכט דעם גרויסן טעות פון פאַרבייטן ברייטע האָריזאָנטן פון אַן עכטן, אָבער קולטורעלן שרייבער אויף בלאָף.

ס׳האָט געזאָלט קומען אַ נייער וויסנבערג

אין דער צייט, ווען וויסנבערג האָט נישט אויפגעהערט צו פּאָכען מיט דער שווערד קעגן עכטן בלאָף און אויך קעגן עכטער ליטעראַטור וואָס האָט אים אויסגעוויזן ווי בלאָף, האָט ער דאָך געשאַפן ווערק און אייניקע פון זיי האָבן עפּעס צוגעגעבן צו דעם עכטן פּרצוף פון אַן אָר־גאַנישן און גבורהדיקן שריפטשטעלער.

צום איבערצייגנדיקסטן אין דעם פּרט איז דער צווייטער באַנד פון זיינע געקליבענע ווערק, וואָס איז דערשינען אין וואַרשעווער פאַרלאַג „קולטור־ליגע״ אין יאָר 1938. דער דאָזיקער באַנד אַנטהאַלט איין גרויסע דערציילונג וואָס הייסט „דער איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג״, וואָס איז אַ באַשטימטער סיורפּריז מיט דעם, וואָס מיר שלאָגן זיך דאָ אָן אויף אַ — פּאַר וויסנבערגן — נייעם שטייגער שרייבן און אפילו אויף אַ נייעם אינהאַלט. שוין פון די ערשטע שורהס דערפילן מיר, אַז ס׳איז אַן אַנדער וויסנבערג; נישטאָ די נאַטוראַליסטישע ברוטאַליטעט און שאַרפקייטן פון אַמאָל, פאַראַן אַ ראָמאַנטישע ווייכקייט, אַן אָפּגעווישט־קייט. אונדזער נאַטוראַליסט שילדערט שוין שטילקייט, מענטשן הערן שוין ביי אים דאָס פליסן פון שטילקייט.

פון דעם נאָמען פון דער דערציילונג איז שוין לייכט צו פאַרשטיין וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. אָבער וויסנבערג האָט גענומען נישט נאָר דעם איבערגאַנג פון קינדהייט צו דערוואַקסונג (דערוואַקסנקייט?) אויפן סעקסועלן געביט, נאָר דעם איבערגאַנג בכלל. דער הויפּטהעלד, דאָס

יינגעלע דוויד ווערט רייף פאַר אונדזערע אויגן ביכלל. ער הויבט אָן פאַרשטיין דאָס לעבן, די סיבה פון די קריגערייען צווישן טאַטע־מאַמע. די ווערט פון פרנסה. אויך דאָס סעקסועלע שפּילט א ראָלע, אָבער ס׳איז נישט דער עיקר... די הויפּטזאַך איז דאָ דאָס צייטיק ווערן.

דער טיטל צייכנט אָן נישט נאָר דעם פּראָבלעם, נאָר שוין טאָקע דעם אינהאַלט. נישטאָ קיין אַנדער אינהאַלט ווי דאָס איבערגיין. מיר האָבן פאַר זיך אַ יינגעלע דוודל, אַ זון פון אַ געשלאָגענעם קליינעם סוחר. דוודל האָט געלערנט אין חדר ביי אַ גרויסאַרטיקן רבין און ער האָט געפילט אַ צאַרטקייט צו זיין טעכטערל גיטעלע. אָבער איינמאָל אין אַ שבת האָט ער זיך מיט אַנדערע יינגלעך געשפּילט אין פעלד אין „מילחמה" און דער רבי איז אָנגעקומען... פאַר דעם חילול שבת האָבן אַלע יינגלעך אַריינגעכאַפּט און דוודל אויך. די בושה איז געווען גרעסער פון ווייטיק. גיטעלע האָט געזען דאָס ווייכע פליישׁ דורכן שפּעלטיקל פון די הייזלעך, ווען מען האָט דוודלען געשמיסן... און ער גייט שוין מער נישט אין חדר. זומער איז דוודל געווען אַ שאַלטיק, נישט געפּאָלגט טאַטע־מאַמע און אַרומגעוואַלגערט זיך אומעטום. ווינטער מוז מען זיצן אין שטוב. און אין שטוב איז טרויעריק און וויסט. אַביסל האָלץ און אַביסל קאַרטאָפליעס איז אָנגעגרייט און מער נישט. ווען דער פאָטער בעט אַ שטיקל הערינג, כאַטש אַ קאָפּ, ווערט די מאַמע בייז און עס קומט צו אַ קריג. ס׳איז אַ וווּנדערבאַרע טראַגי־קאָמישע סצענע, אַ גרויס מחלוקת צווישן מאַן און ווייב, כימעט אַן אָדיסעע צוליב אַ קאָפּ הערינג... די מאַמע נעמט רעדן וועגן דעם ווי וועגן אַ גרויס פאַרברעכן. און דער פאָטער דערשרעקט זיך פאַר דער תאווה, און ער זאָגט, אַז ער האָט דאָס נישט ערנסט געמיינט, ער האָט זי געוואָלט אויספּרוון און ער האָט געוווּסט, אַז זי וועט אַזוי ענטפערן. זיי צעקריגן זיך... דערנאָך האָט יעדער אין האַרצן חרטה און מען בעט זיך איבער. ס׳איז אַ גרויס בילד פון א רייפן קינסטלער.

דוודל איז טרויעריק, ווען די עלטערן קריגן זיך, איז פריילעך און ווײנט אַזש פאַר פרייד, ווען זיי בעטן זיך איבער און עפּעס לערנט ער פון דעם גאַנצן קריג: ער דערוויסט זיך דעם סוד און דעם זין פון פרנסה. אָבער ער איז פאָרט אַ קינד, אים ווערט לאַנגווייליק און ער גייט זוכן חברים. ער וויל אַריינגיין צו זיין חבר יאָסעלע און האָט מורא. ער גיט אַ פייף און אַרבעט אָן אַ צרה. יאָסעלעס שוועסטער לאה, וואָס מ׳האָט

אין שטאָט אַ נאָמען געגעבן יאַטשע, האָט געהאַט אַ חתן בענדעט, וואָס פּלעגט זי אַרויסרופן מיט אַ פּיף. זייט צוויי וואָכן האָט ער זי איבער־געלאָזט און פּייפט שוין נישט. דוודלס פּיף האָט ווידער דערוועקט ביים מיידל, וואָס איז נעבעך נישט קיין שיינע און אַ געשטופּלטע, נייע האָפע־נונגען... יאַסעלע האָט אויף זיך געטראָגן דעם עול פון דער שוועסטערס יסורים און האָט דער שוועסטער געהאָלפן זיך בייזערן אויף דוודלען. אונדזער העלד גייט זוכן אַן אַנדער חבר, נאָך אַ גייסטיק בלאָנדזשען. אָבער אויך דער אַנדערער חבר האָט מורא איבערלאָזן די עלטערן און דוודל מוז זיך אַהיימקערן צו דער טרויעריקער שטוב און צו דער בייזקייט פון די עלטערן.

און אַזוי זיצט שוין דוודל אין שטוב. הערט מעשהס פון טאַטן, מעשהס, וואָס דערציילן וועגן גליק און זענען דאָס געחלומטע גליק פון די אין דער ווירקלעכקייט אומגליקלעכע. ער, דוודל אַליין, חלומט שוין אויך, וועגן גיטעלען חלומט ער... די שבתים זענען שוין אויך קיין טרייסט נישט, זיי זענען גרוי, וואָכעדיק און טרויעריק. און דוודל פּלאָנטערט זיך און פּלאָנטערט זיך אין חלומות, וואָס „מאַכן פון אים אַ תל און פירן אים אין שאול תחתיה אַריין". אַ גרויסער טייל פון דער האַנדלונג קומט איצט פאָר נישט אויף דער וואָר, נאָר אין חלום. ער זעט זיך כסדר אין אַ סכנה און כסדר איז דאָס פאַרבונדן מיט גיטעלען. און אַזוי געפינט ער זיך שטענדיק צווישן גזלנים, אָדער סתם ביים ברעג פון טויט. ער חלומט נישט אינגאַנצן שלאָפנדיק, ער געפינט זיך האַלב אויף דער וואָך. עס איז אַ מין קאָשמאַר און האַלוצינאַציע, אין וועלכע אַלע איבערלעבונ־גען און טראַכטענישן זיינע באַקומען גרוזמאַדיקע פאָרמען. און אין דער ווירקלעכקייט טרעפט זיך אויך אַ שווער טרעפעניש: צוליב אַ פאַרברענטן קוגל צעשלאָגן זיך טאַטע־מאַמע און ס'האַלט שוין דערביי, אַז דער טאַטע זאָל איבערלאָזן די מאַמען. דער אופן ווי וויסנבערג גיט איבער דאָס געשלעג צווישן טאַטע־מאַמע מאַכט דעם איינדרוק נישט פון קיין וואָר, נאָר פון אַ שרעקלעכן חלום. ווען די מאַמע שטעלט אַנידער דעם פאַר־ברענטן קוגל, בלייבט זי שטיין מיט אַ פאַרבראָכענער האַנט. אינעווייניק זענען געווען קויל פאַרברענט קאַרטאָפליעס און דער קוגל אינעם קוגל־שאַרבן אַן איינגעטרוקנט, איינגעשרומפּן שערבעלע, און צווישן זיי קומט פאָר אַזאַ דיאַלאָג:

— וואָס פאַר אַן אומגליק איז געשען, אַ מענטשן געהרגעט? — האָט דער טאַטע געפרעגט.

— און וואָס זאָגסטו? — האָט זי געפרעגט — נישט קיין מענטשן געהרגעט? — און דערביי האָט זי אויפן טאַטן אויסגעשאָסן מיט אַ בליק אין די אויגן.

— ווייז נאָר, — האָט ער געזאָגט — לאָמיך נאָר זען ווי אַ געהרגע־טער מענטש זעט אויס...

און דאָס וואָס ס'איז פאָרגעקומען דערנאָך איז געווען שרעקלעכער ווי דער דיאַלאָג. דער פאָטער איז צוגעגאַנגען צו דער דוניצע, ביכדי צו קענען בעסער אַריינקוקן אין איר און איידער וואָס איז זי שוין געלעגן „אַ צעשמעטערטע, מיט אַלע שאַרבנס און קאַרטאָפליעס". און איידער וואָס, איז די מאַמע —

„שוין געווען אַריינגעביסן מיט די ציין אין טאַטנס גאָמבע און אַ פייערדיקער פאַטש איז געפלויגן פון טאַטנס האַנט אויף איר באַק, נאָר זי האָט נישט אָפּגעלאָזט, נאָך שטאַרקער אַ שאָקל געטון מיט איר מויל צוריק אין זיין גאָמבע אַריין, ווי זי וואָלט זי געוואָלט אינגאַנצן אַרויסרייסן פון איר אָרט, אַזוי אַז דעם טאַטנס פּנים האָט זיך אַזש געגעבן אַ טרייסל און שוין איז ער געלעגן אַ געחלש־טער אויף דער ערד, פאַרגאָסן אין בלוט".

דאָס איז אפשר דאָס איינציקע פלאַץ אין בוך, אין וועלכן עס פילט זיך דער אַלטער, ברוטאַלער ווייסנבערג, וועלכער האָט אַמאָל שטאַרק ליב געהאַט צו באַשרייבן אַ געשלעג מיט אַלע פּרטים און אכזריותן... אָבער נאָר ברוטאַל איז דאָס דאָזיקע בילד, אָבער נישט אינגאַנצן נאַ־טוראַליסטיש, עס גלויבט זיך נישט, אַז עס איז אויף דער וואָר, פאַראַן אין דעם עפּעס אַ חלום...

דער פאָטער האלט אין פארלאָזן די מוטער. ער געזעגנט זיך שוין מיטן זון און ער גיט אים אָנצוהערן דורך א מעשה, אז ער וועט אים נישט פארגעסן און ער קערט זיך דאָך אום צו דער מוטער. דאָס קינד פארייניקט תמיד די צוויי צעריסענע צדדים און ס'איז פון תמיד א נס, ווען א פּאָרל, וואָס האָט נישט קיין קינד, צעשיידט זיך נישט און כאָטש דווידל לעבט אזוי שווער איבער די קאָנפליקטן צווישן די עלטערן, אַז ער ווינטשט זיך „הלוואי וואָלט איך אין אָט דער קאטקע דערטרונקען געוואָרן", דערוואכט

אין אים ווידער אַ געפּיל צו אַ מיידל, צו דער שכנטעס מיידל מאַשע, וואָס האָט שוין אַ חתן. וויסנבערג גיט איבער מיט אַ סך חן קינדישע ליבע און די קינדישע אייפערזוכט: ס׳איז שוין דאָס דריטע מיידל וואָס רייצט דווידלען... און אַזוי לעבט אונדזער פאַרשוין ווייטער איבער דאָס לעבן פון זיינע עלטערן, וואָס האָט אַ טראָפּן פריידן און אַ ים לייד. אָט גיט אַ שיין די זון, דער פאָטער כאַפּט אַ פאַרדינסטל און עס הערשט פרייד און ליבע און אָט גייען ווידער פינצטערע טעג אָן פּרנסה...

דאָס אַלץ האָט זיך אָפּגעטון אין איין ווינטער. און ווען דער ווינטער האָט געקראָגן די מפּלה, האָט זיך אָנגעהויבן רודערן, ס׳האָט זיך דערפילט אַ ניי לעבן... אָבער ביים באפרייען זיך פון ווינטער, האָט זיך געגעבן אַ באַווייז דלות און עלנט פון אַלע זייטן. י. מ. וויסנבערג פאַרגעסט דאָ אַ רגע אין זיין העלד און גיט אַ קאָנצענטרירט בילד פון שטעטלדיקן דלות און ווייזט דערביי דאָס ביסל „קהלעכץ", די שטעטלשע „פּאָליטיק", דווידלס טאַטע לעבט אויך אויף מיטן אָפּגייך פון ווינטער, ער גייט אַרויס אין גאַס אַריין מיט פולע קעשענעס מיט בטחון... דווידל גייט זוכן זיין חבר יאָסעלע און טרעפט זיין שוועסטער נאַטאַשע וואָס איז צו אים צאַרט און ווייך און קלאָגט זיך פאַר אים, אַז זיין חבר (איר ברודער) האָט זי צעגראַטשעט. זיי האָבן זיך ביידע אָנגעקוקט שווייגנדיק און דאָס איז געווען „אַ שווייגן פון צוויי פרעמדע מענטשן, וואָס דער עלנט מאַכט זיי נאָענט". פון יאָסעלען ווערט דווידל געוואָר, אַז די שוועסטער וועט שוין נישט קריגן קיין חתן און אַז צעגראַטשעט האָט ער זי, ווייל זי האָט אים געמאַכט בלויע סימנים ווען ער האָט געוואָלט אָנטון אירע שיך ביז מען וועט פאַרריכטן זיינע... שפּעטער בעט נאַטאַשע אַנטשולדיקונג ביי דווידלען, וואָס זי האָט אים באַליידיקט דעמאָלט, ווען ער האָט אַ פייף געטאָן. און דווידל פילט זיך שוין גאָר איבערפולט מיט גליק...

און אַזוי ווערט דווידל אַ גרויסער, ער גנבעט אַרויס ביים פאָטער דאָס שליטל און פירט נאַטאַשען שפּאַצירן. און נאַטאַשע קוקט אויף אים שוין ווי אויף אַ גרויסן און זאָגט אים:

— דו ווילסט, דווידל, זיין מיין חתן, וועל איך אויף דיר וואַרטן זעקס יאָר.

און ער האָט דערפילט צום ערשטן מאָל אַ פּאָר מיידלשע ליפּן אויף זיך און געענטפערט:

— יאָ, איך וועל זיין דיין חתן...

מיר זעען אין ווייסנבערגס דערציילונג ווי א קינד ווערט א מענטש. ער זאַמלט אָן דערפאַרונגען, איבערלעבנישן און ליידן און ער ווערט אַ מענטש. מאָדנע: ווייסנבערג שילדערט לחלוטין נישט די פיזישע ענדערונ־גען, וואָס קומען פאָר מיט צייטיקן זיך. ער שילדערט נאָר דעם גייסטיקן באַגאַזש, וואָס צעוואַקסט זיך און אָט אין דעם שטעקט דאָ דאָס נייע: ווייסנ־בערג האָט אמאָל געזען נאָר דעם גוף, נאָר גשמיות און דאָ ווייזט ער הוילע רוחניות. דווידל ווערט א דערוואַקסענער נישט פיזיש, נאָר גייסטיק. און אויך אַ חתן ווערט ער, נישט ווייל עס ציט אים פיזיש צו אַ מיידל, נאָר ווייל עס ציט אים גייסטיק. ער איז אַן עלנטער, זי איז אַן עלנטע. ער הערט, אז זי וועט שוין נישט קריגן קיין חתן, האָט ער רחמנות..

דער טאָן האָט זיך ווייסנבערגן לחלוטין איינגעגעבן. עס איז פאַראַן כסדר א ראָמאַנטישער הויך. די שפּראַך איז געצערטלט, יום־טובדיק. עס פעלט די גבורה פון אמאָל, אָבער ס׳איז דערפאַר פאַראַן שטימונג און דאָ און דאָרט פעלט אויך נישט גבורה.

און נאָך עפּעס איז צוגעקומען ווייסנבערגן: דינער הומאָר. ער האָט אויך אין זיינע אַלטע זאַכן הומאָר, אָבער פּראָסטן, דאָ איז ער געשליפן. ער שילדערט דאָ הומאָריסטיש, ווי ר׳ אברהם, דווידלס טאַטע, גייט אַרוי׳ס מיטן אָנקום פון פרילינג צום ערשטן מאָל אין מאַרק אַריין און ער ווינטשט זיך ס׳זאָל נאָר זיין כאָטש איין פויערל מיט א וואָגן תבואה. ער וועט זיך שוין אַן עצה געבן: צוגיין צו איין סוחר, צו א צווייטן, דריטן... אין שטאָט זענען דאָ זיבן סוחרים. און אויב עס וועלן שוין שטיין נאָך אַנדערע דריי מעקלערס אַרום דעם שליטעלע, ס׳הייסט צוויי פונדערווייטנס און איינער א דריטער, וואָס טענהט מיטן פויער... נו, איז וואָס, וועט ער א פערטער, אויך שטיין פונדערווייטנס... אויף נישט קאַליע צו מאַכן... אָבער פּטור אָן גאָרנישט וועט שוין נישט זיין... וועלן אַלע פיר פאַרדינען וויפל גאָט וועט געבן. ער שטעלט זיך פאָר אויך דין תורהס... ער קריגט זיך שוין אפילו אין געדאַנק מיט אַן אַנדער מעקלער. ער גייט, ווי ווייסנבערג זאָגט, „באַלאָדן מיט יושר און פול מיט ביטחון". ווי טראַגיקאָמיש ס׳איז דער יושר און ווי טראַגיש דער ביטחון... אוודאי איז דאָס מנחם מענדליש, אָבער — ווייסנבערגס א נוסח.

מיט פיינעם און דינעם הומאָר שילדערט אויך ווייסנבערג דעם פּרימי־טיוון יאַקל נאַר, וואָס איז דערהויבן געוואָרן פון גרעבער צו דער מדרגה פון שמש. ווען די נויט איז געוואָרן אומגעהייער גרויס, האָבן זיך אייניקע אָרע־

מעליט געגומען רוקן אין בית המדרש אריין. יאקל האט געפרווט נישט לאזן, האט ער געכאפט א פאר פעטש. איז ער געגאנגען דאס דערציילן ר׳ שמואל דעם דאזאר און ר׳ שמואל האט „געהאלטן" מיט די ארעמע לייט און דערלאנגט יאקלען צווי פעטש. „א שטאט וועסטו מיר אויפרייצן — זאגט ער אים — הונגעריקע, געפרוירענע וועלף? מען זאל באלד קומען שרייען, אז דער דאזאר איז שולדיק?" יאקל האט בשום אופן נישט געקענט פארשטיין פארוואס דער באלעבאס זארגט פאר אט די „שלעפערס". אין דער דאזיקער באשרייבונג איז יא עפעס פאראן פון וויסנבערגס אמאלי־קער פראסטאקישער פקחות, אבער דער טאן איז א נייער.

דאס דאזיקע ווערק איז נישט געווען קיין פולע עליה ביי וויסנבערגן. ס׳איז געווען אן אנהויב פון א נייעם וועג. לײדער איז וויסנבערג נישט געגאנגען ווייטער אויף דעם וועג. ער איז צוריקגעגאנגען צום פאמפלעט. אויך בעלעטריסטיק האט ער געשריבן פאמפלעטישע. ער האט בעלעטריס־טיש גענומען קעמפן קעגן „מאמענט", וואס איז פאר אים געווען דער סימבאל פון גרויס־קאפיטאליזם...

א ביסל פארטרעט

איך פיל פאר נויטיק ארײנצופלעכטן אין דער דאזיקער ארבעט א טייל פון מיין פארטרעט פון וויסנבערגן. (פארעפנטלעכט אין מיין בוך „פארט־רעטן פון יידישע שרייבער"). איך גלויב, אז אט דער פארטרעט באלייכט די ליטערארישע אפשאצונג.

„א מיטלוואוקסיקער, כימעט א נידעריקער, א ברייט־פלייציקער מיט א פנים פון אן ארבעטער. לחלוטין נישט אויסגעאיידלט. ער האט אפנים נישט געוואלט אויסזען ווי „די לייט, וואס קאנען אין די ביכלעך". און דערפאר טראגט ער שרייענדיקע זאקן, וואס גיבן אים צו א שקאצישן אויסזען. די באקן זענען ביי אים דרייעקעכיק און האבן שארפע שטשאקעס. איין ברעם איז ביי אים העכער, און די אנדערע נידעריקער, און דאס גיט אים צו אן אויסזען פון א שלעכטן, ווילויונגערישן פקח. די קיילעכיקע אויגן זשמור־רען זיך, זעען אויס ווי אייגעלעך. מ׳קאן זיצן און רעדן מיט אים און זיך פלוצים אנהויבן שרעקן... נאר אז מען דערזעט, ווי דער קאסטיום איז ביי אים קויטיק, און דאס העמד פארמערזשעוועט און טאקע צעריסן, הערט מען זיך אויף צו שרעקן און מען הויבט זיך אן צו שעמען.

ער רעדט בייז און פאַרביטערט, און דאָס שלאָגוואָרט זיינס איז כסדר „יעדער זוכט זיינע צען גראָשן" און דאָס דאָזיקע וואָרט דערציילט שוין וועגן זיין קליינער השגה און וועגן אָפּשטאַם פון זיין בייזקייט. עס פעלן אים בוכשטעבלעך צען גראָשן... ער איז געבליבן א רויער מענטש, קיין געזעלשאַפטלעכן פּאָסטן וואָלט ער נישט געקענט פארנעמען און פון דער ליטעראַטור גופא איז זייער שווער צו האָבן פרנסה. ער איז א צו ערלעכער ליטעראַט, ער שרייבט נאָר דאָס וואָס „גאָט האָט אין דער נשמה אַריינגעלייגט", ער קאָן נישט קיין קונצן און קאָן נישט „בלאָפן". זיינע זאכן זענען נישט פארכאפנדיק, האָבן נישט קיין טראָפּן פון שונד — דאָס איז אויך ליטעראריש אַ חיסרון, ווייל לאנגווייליקייט איז דער גרעסטער שונא פון קונסט — האָבן שמאָלע האָריזאָנטן און קליינע טעמעס און דערפאַר האָבן זיי נישט אַזאַ טיראזש ווי ס'האָבן שלום אשס, אפּאָטאָשוס און אפילו בערגעלסאָנס — וואָס מאכט אויך ווייניק קונצן, האָט שוין אָבער ברייטערע האָריזאָנטן און גרעסערע טעמעס; און ער גייט כסדר אַרום אָן פרנסה און בייזערט זיך אויף אלע, וואָס האָבן פרנסה, און פרנסה האָבן צייטונגס־מענטשן און געזעלשאפטלעכע טוער, איז פאַר אים יעדער זשורנאליסט א שווינדלער און אָפּנארער און יעדער געזעלשאפטלעכער טוער אַ גנב און „מאראָוויכער"...

שינאה, וואָס שטאַמט פון קינאה ווערט זייער אָפט פאַרוואַנדלט אין פּאטאלאָגיע. ביי וויסנבערגן איז דאָס טאַקע אַזוי געוואָרן. דערצו איז ביי אים צוגעקומען א לאָקאל פאטריאָטישער אנטאגאָניזם. ער איז געבליבן ביי די השגות פון פוילישן יידן, פאר וועלכן יעדער נישט פוילישער איז א ליטוואק און אים ווייזט זיך אויס, אז אלע „ליטוואקעס" האָבן פארכאפט דאָס יידישע פוילן: די צייטונגען, די געזעלשאפטן, די שולן... און ווען מען ווייזט אים אָן, אז צו זיין א לערער אין א יידישער שול איז גאָרנישט אַזאַ גליק, האַלט ער זיך נאָך אַלץ ביי זיינעם און ער שרייט, אַז די „ליטוואַקעס" נעמען צו אַלץ. און דער אַנטיליטוואַקעס איז ביי אים פונקט אזוי פאטאלאָגיש, ווי ביי א סך אנטיסעמיטן די שינאה צו יידן... און ער דערציילט שוין „מעשים אשר לא היו". ער האָט אמאָל רעקאָמענדירט א לערערין אין א שול, האָט מען נישט צוגענומען, נאָר ווייל זי איז א פוילישע.. ער האָט אַמאָל פאָרגעלייגט, אז אין דער שול־אָרגאַניזאציע זאָל אריין א פונקט, אז א העלפט פון די לערער זאָלן מוזן זיין פוילישע, האָט מען זיין פאָרשלאג נישט גענומען אין באטראכט. ס'האָט אים

שוין עפּעס אַ בונדיסט, צי אַ פּועלי ציוניסט באַשווינדלט. ס׳איז נאַטיר־לעך איבעריק צו זאָגן, אַז ווייסנבערגס שרעק האָט גרויסע אויגן, אַז עס זענען פאַראַן אָן אַ שיער פּוילישע אין די יידישע שולן און אויך צווישן די זשורנאַליסטן טרעפט מען אַ היפּש ביסל וואָס רעדן „בראַיט״ און זאָגן „יאַך״ און „יעך״ און דאָס זעלביקע איז פאַראַן צווישן די געזעלשאַפט־לעכע טוער.

אָבער זאָגן, אַז ווייסנבערגס בייזקייט און פאַרביטערטקייט שטאַמט נאָר פון זיין פּרנסה־לאָזיקייט און פון קינאה, וואָלט געווען אַ גרויסע עוולה. עס זענען זיכער געווען צייטן, ווען מען וואָלט אין אַ סך קרייזן מיט ווייסנ־בערגן שלום געמאַכט און ווי ס׳נישט איז פאַרזאָרגט מיט פּרנסה. איבערהויפּט וואָלט דאָס געשען דעמאָלט, ווען ווייסנבערג האָט אָנגעהויבן ווייזן זיינע נעגל און זיינע פויסטן. ער איז אַ סך אַריינגעפאָרן מיט פויסט און נעגל אַזוי, אַז עס האָט געדונען בלוט. ער האָט געשריבן פּאַמפלעטן אָן פיינע קונצן, אָבער מיט פיזישן כוח... ער האָט אָבער נישט געוואָלט שלום מאַכן, ווייל ער איז אַ דאָן קיכאָט. אין די צייטן למשל ווען יידישע ליטעראַטן האָבן געקריגן שטיצע פון נ. אַמעריקע, האָט ער נישט געוואָלט, אַז אַלע זאָלן באַקומען לערך לויט די כוחות, נאָר אַז מען זאָל שטאַרק סעלעקציאָנירן און שטיצע זאָלן באַקומען נאָר עטלעכע, ווייל די איבעריקע זענען שווינדלערס און גראַפאָמאַנען... ער האָט בלי ספק אַ נאַטירלעכ־כער חוש פאַר קונסט, ער איז אָבער קולטורעל זייער רוי און אַלץ, וואָס ער פאַרשטייט נישט איז פאַר אים שווינדל... ער אָנערקענט בשום אופן נישט קיין אַרבעט און אַז אַ ווערק האָט נאָר אַ קולטורעלן ווערט, נישט קיין קינסטלערישן, איז דאָס פאַר אים „בלאָף״. זיינע טענות זענען האַלב גע־רעכטע, האַלב (אָדער ווייניקער ווי האַלב) נישט גערעכטע און ער קעמפט פאַר זיי ווי אַ דאָן קיכאָט. ער שלאָגט זיך אַ סך מאָל נישט מיט ווינטמילן, נאָר טאַקע מיט ווינט.

איך האָב אים געפרעגט: „האָט איר באַשטימטע אידעאַלן, פאַר וועלכע איר קעמפט?״ ער האָט מיר געענטפערט: אַז אַ ווערק איז אַ ווערק, מוז עס דאָך פאַר עפּעס קעמפן, כאָטש עס האָט נישט קיין באַשטימטע טענ־דענץ. איך בין געבוירן געוואָרן צווישן די אָרימע מאַסן, געזען זייערע ליידן, זייער שווער לעבן, געזען דאָס מיאוסקייט פון די אונטערדריקער און דאָס האָב איך געוויזן. „איך האַלט, אַז אַלץ וואָס איז נישט ערלעך איז מיאוס. איך האָב אים געזאָגט, אַז די ווערק זיינע ווייס איך און אין אַ

טייל פון זיי איז פאראן אומדירעקטע טענדענץ און אפילו דירעקטע, איך וויל וויסן פארוואס ער קעמפט פערזענלעך און ער האָט געענטפערט:

„פאר געשמאַק, אָדער כאָטש ערלעכקייט.

מען זאָל נישט האנדלען מיט קיין אידייען און מיט קיין ליטעראַטור, מען זאָל נישט גענאַרן דעם עולם...״

איך האָב אים געזאָגט: אייערע העלדן ליידן פון די נישט ערלעכע, ווי אַזוי קאָנען זיי זיך באַפרייען פון זיי? דורך געזעלשאַפטלעכער, ס׳הייסט: בשותפותדיקער אַקטיוויטעט? פאַרוואָס מיינט איר, אַז באַפרייען די ליטע־ראַטור פון אומערלעכקייט און געשמאַקלאָזיקייט קאָן מען דורך יחידישן קאַמף און נישט דורך געזעלשאַפטלעכן?

וויסנבערג האָט געקלערט. ער ענטפערט ביכלל נישט גרינג. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז אים קומט אָן שווער דאָס דענקען. ער האָט פריער געענטפערט מיט זיין געוויינלעכן שאַבלאָן: אין אַלע רעוואָלוציאָנערע פאַר־טייען זיצן אויך שווינדלער, גנבים, מאַראַוויכער „ליטוואַקעס״, וואָס זוכן זייערע צען גראָשן. דערנאָך אָבער האָט ער זיך געכאַפּט און געזאָגט, אַז אַלע גרויסע אידייען און אידעאַלן ווערן אויסגעקעמפט און פאַרווירקלעכט דורך דאָן קיכאָטן.

און ווידער איז ער אַרויף אויף זיין ליבלינגס־טעמע: „ליטוואַקעס״. ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים באַשטעטיקן, אַז די „ליטוואַקעס״ האָבן גאָרנישט געגעבן דעם יידישן פאָלק און איבערהויפּט דער נייער יידישער קולטור. און ער האָט געגעבן אַ גיס אויס אַ פּאַמאַיניציע מיט אמתן און נישט אמתן. פאַראַן זייער אַ סך אמתן, וואָס זענען מיאוס און איבעריק. איך האָב דאָס אים געזאָגט. צו וואָס דעם נאַקעטן מיאוסן אמת? נעמט און טוט אויס די פרויען די שיינע קליידער, ווישט זיי אָפּ די פּודער און שמינק און טויזנטער שיינע וועלן ווערן נישט שיין. זיך פוצן איז מענטשלעך, ווער האָט דאָס דערוויזן אַז דער מענטש מוז בלייבן ווי אַזוי ער איז גע־בוירן? אָט איז איטשע מייער וויסנבערג — האָב איך געזאָגט — געבליבן אַזוי ווי ער איז געבוירן געוואָרן, טויג טאַקע נישט. ער איז געבליבן אין קינדערשע וויקעלעך און איז נישט אַוועק וווהין ער האָט געקענט און גע־דאַרפט... וויסנבערג האָט מיר געענטפערט, אַז מען קאָן אים נישט. ער האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן דריי נייע ווערק, וועלכע די גנבים האָבן נישט געלייענט און ער וויל נישט, אַז זיי זאָלן די ווערק לייענען...

און ווידער האָב איך געזען שינאה וואָס שטאַמט פון קינאה, געזען סאַנטשאָ פּאַנסאָ אין קלייד פון דאָן קיכאָט און איך האָב זיך דערמאָנט טויזנטער וויצן און עפּיזאָדן, וואָס מען דערציילט וועגן אים. און אין די דאָזיקע וויצן ווייזט מען אים נישט נאָר לעכערלעך נאָר אויך טראַגיש. מען דערציילט, אַז ווען יונה ראָזענפעלד איז געווען אין וואַרשע, איז ווייסנבערג געגאַנגען צו אים, זיך מיט אים געקריגט און אים געשאָלטן און צום סוף האָט ער געמאָנט ביי אים טויזנט גילדן. ראָזענפעלד האָט אים געקאָנט געבן נאָר 100, האָט ווייסנבערג געזאָגט: איך נעם 100 און 900 בלייבסטו מיר שולדיק... פּרווט נישט טרויעריק ווערן פון דער דאָזיקער קאָמישער געשיכטע.

מען דערציילט, אַז ביי ווייסנבערגן האָט די קאַץ אויפגעגעסן אַ פויגעלע, האָט ער גענומען די קאַץ, זיך אַנידערגעזעצט מיט איר אויף די קני, זי געגלעט און געזאָגט:

נחמן מייזל,
אַלטער קאַציזנע,
מלך ראַוויטש,
ווערסט עסן פאַיגעלעך?
ווערסט עסן פאַיגעלעך?
נאַ, נאַ, נאַ...

און ער האָט זי דערוואָרגן און אַראָפּגעוואָרפן פון דריטן שטאָק.

עס איז אַ גוזמא: די מייזילס, קאַציזנעס און ראַוויטשעס עסן נישט קיין זינג־פייגעלעך, עס זענען אַזעלכע פאַראַן זייער ווייניק נישט ווייל מען עסט זיי, נאָר ווייל זיי זענען נישטאָ. אָבער ווייסנבערגן ווייזט זיך רק אויס, אַז אַלע זענען קעץ און אַלע עסן פייגעלעך.

ווייסנבערג מאַכט אָפּטמאָל דעם איינדרוק פון אַ וואָרעם וואָס קריכט אַרום אין אַ צעפוילטן עפּל. און מען מוז מודה זיין, אַז דער עפּל פון דער יידישער ליטעראַטור אין פוילן איז אין אַ געוויסן טייל היפּש צעפוילט און דאָס וואָס ווייסנבערג האָט געמוזט ווערן אויך אַ וואָרעם, איז טרויעריק סיי פאַר דער ליטעראַטור, סיי פאַר ווייסנבערגן.

איך האָב ווייסנבערגן געזאָגט: ווען אונדזער ליטעראַטור קריטיק זאָל געווען פּראָוויזען, אַז איר זענט אָרגאַניש און בכוח אַ גרויסער קינסטלער, עס פעלט אייך אָבער אינהאַלט אין די כלים אַריין און אָנשטאָט אייך צו

זינגען לויבגעזאנגגען, וואָלט זי אייך געווען געשיקט אין דער שול פון בוך און אין דער שול פון לעבן, וואָלט געווען גאַנץ אַנדערש מיט אייך. איר וואָלט היינט געווען אַן אנטוויקלטער קינסטלער און אַלץ, וואָס איז קול־טור, וואָלט פאר אייך נישט געווען קיין בלאָף. איך האָב דאָס אים געזאָגט אין די אויגן און ער האָט פארבויגן זיין נידעריקערע ברעם, געזשמורעט די אויגן, געקוקט פיקחותדיק אויף מיר און איך האָב זיך דערמאָנט אַ וויץ, וואָס מען דערציילט וועגן אים. וויסנבערג דערציילט מען, האָט אַמאָל גע־בעטן נאָמבערגן, אז ער זאָל אים עפּעס דערציילן וועגן דער וועלט. נאָמ־בערג האָט גענומען דערציילן, אז די ערד דרייט זיך און וויסנבערג האָט זיך אָנגערופן: נאָמבערג, גענוג! בלאָפסט שוין ווי דער אַש (שלום אש). (איך האָב שטענדיק געמיינט, אַז דאָס איז אַ גוזמא, אָבער אפרים קאַגאַ־נאָווסקי, וועלכער האָט געקענט פון דער נאָענט וויסנבערגן, דערציילט, אַז וויסנבערגן איז געגאַנגען אין לעבן צו פאַרשטיין דעם שכל פון דעם, וואָס די ערד דרייט זיך און ער האָט געבעטן נאָמבערגן ער זאָל עס אים דערקלערן און יענער האָט קיין געדולד נישט געהאַט).

וויסנבערג איז נאָך ווייט נישט קיין דערגרונטעוועט קאפּיטל געשיכטע אין ליטעראַריש־יידישן וואַרשע, אָבער ווו נעמט מען דעם אָביעקטיוון מענטש, וואָס זאָל וועלן און בכוח זיין צו טרעפן אין סאַמע אמת אַריין?

פארענדיקנדיק דעם שמועס, האָט וויסנבערג ביי מיר אלץ פארלאנגט, אז איך זאָל אים באשטעטיקן, אז די ליטוואַקעס האָבן גאָרנישט געגעבן דער נייער יידישער קולטור און האָט גענומען זיין טאַש מיט ביכער און איז געגאנגען זוכן א קונה. וויסנבערג לעבט דערפון, וואָס ער גייט ארום פאַרקויפן זיינע ביכער. ס׳זאָל אונדז צו קיין חרפה נישט זיין״.

אָט דעם פּאָרטרעט האָב איך אָנגעשריבן אין יאָר 1931, אַכט יאָר פאַר דעם טויט פון דעם טראַגישסטן פון די יידישע שרייבער, וואָס איז געווען אויף דעם וועג צו גרויסקייט. ער האָט אָנגעקלאַפּט אין דער טיר פון דער גרויסקייט און זי האָט אים געהייסן אַריינגיין. צו יענעם פּאָרטרעט האָט וויסנבערג אין משך פון די אכט יאָר אפשר צוגעגעבן נייע שטריכן און א טייל פון זיי פּאָזיטיווע, אָבער — ווו זענען די דאָזיקע ווערק, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין די לעצטע יאָרן? ווער האָט זיי און ווער וועט זיי אַרויסגעבן? און ווו זענען די סאמע ערשטע ווערק זיינע, וואָס געהערן צו

די גרעסטע אויפטוען פון אונדזער ליטעראַטור? מען געפינט זיי שוין אויך נישט אין אונדזערע ביבליאָטעקן. אפילו די עטלעכע ערשטע זאַכן זיינע, וואָס זייער פּלאַץ איז אין סאַמע אויבנאָן פון אונדזער ליטעראַטור, קריגט מען נישט אין ערגעץ. ווייסנבערג איז אַוועק אין דער אייביקייט אַ קורץ שטיקל צייט איידער דאָס נאַצישע פייער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיזרח־איירָאָפּע בּיכלל און פוילן בּיפרט און דער אָנדענק פון שרייבער פון די הערעפּאַשניקעס איז פאַרדעקט געוואָרן מיט דעם אַש פון די מי־ליאָנען אומגעבראַכטע הערעפּאַשניקעס... און ס׳איז זייער נויטיק צו אויפ־דעקן ווייסנבערגס פונקען, ווייל זיי באַשיינען איבערהויפּט די דאָזיקע, וואָס זיינען נישט געלאָפן איבער די גרעניצן, זיינען געבליבן אין פוילן און דאָרט אומגעקומען. זיי לעבן אין ווייסנבערג ווערק.

משה לייב האלפערן

אַז מען וועט זוכן דאָס שפּילעוודיקסטע יידישע ליד פון אונדזער צייט, וועט מען דאָס געפינען ביים — ווי ער האָט זיך אַליין גערופן — תכשיט משה־לייב אין זיין ליד „גינגעלע מיין האַרץ". און אַז מען וועט זוכן דאָס בייסיקסטע יידישע ליד, וועט מען דאָס אַלץ געפינען ביים תכשיט משה לייב אין „אהבת ציון" און „ליד פון יידישן קאָוואַל". און אַז מען וועט זוכן דאָס יידישע ליד, וואָס איז פול מיט קרעפטיקן סאָציאַלן פּאַטאָס, וועט מען דאָס אַלץ געפינען ביי משה לייבן אין זיין ליד „סאַלוטע", וואָס שילדערט, ווי ווייסע יענקיס לינטשן אַ יונגן נעגער, ווייל ער האָט זיך כלומרשט געטשעפּעט צו אַן אַלטער מיאוסער „ווייסער" מויד... און אַז מען וועט זוכן דאָס ליד, וואָס איז פול מיט דעם אומקלאָרן און אומפאַרשטענדלעכן אומרו פון שעפערישן מענטשן אין די ערשטע 30 יאָר פון 20סטן יאָרהונדערט, וועט מען עס אויך געפינען ביי משה לייבן.

> זינגט דער פויגל פריי און פריילעך,
> ציטערט אויף זיין טראָן דער מלך,
> ציטערן איז ניט כדאי
> זינג איך ווי דער פויגל פריי...

משה לייבס געזאַנג האָט געהאַט אין זיך פון דעם פרייען פויגלישן, וואָס מאַכט ציטערן טראָנען... פון די פרייסטע פייגל אין דער וועלט־פּאָעזיע איז געווען משה לייב.

אַ קליין ביסעלע ביאָגראַפיע

דעם 2טן יאַנואַר 1886 איז משה־לייב האַלפּערן געבוירן געוואָרן אין גאַליציאַנישן שטעטל זלאָטשעוו. ער איז געווען פון די ערשטע מענטשן פון יענעם יאָר... זיין טאַטע איז געווען אַ שניטקרעמער, אָבער אַ גרויסער קבצן. דעם טעם פון הונגער און נויט האָט משה־לייב פאַרזוכט אין זיין גרינסטער קינדהייט. אין ליד „זלאָטשעוו מייז היים“ זאָגט דער דיכטער:

דיין ערד איז אַן עדות, אַז איך טראַכט נישט אויס,
ווען מיין זיידע האָט מיין מאַמען פון הויז
אַרויסגעשטעלט מיט דער פּאָליציי
האָט מיין באָבע אין דער ברייט מיט די פיס
געשמייכלט שיער אַזוי האָניק זיס
ווי אַ שיקסע, וואָס שטייט צווישן זעלנער צוויי.

און אין ליד „מיין זיידע“ דערציילט משה־לייב:

איך בין געווען אַ קינד קוים פינף יאָר דעמאָלט,
ווען כ׳האָב
ביים זיידן, אַ קראָם פון אַלדעס גוטס,
אַ הערינג צוגעגנבעט,
האָב איך דעם הערינג צוגעדריקט
צום האַרץ צום נאַקעטן פון אונטערן העמדל,
ער זאָל נישט אַפּשטיין.
עס האָט דער זיידע מיר געקענט, אַזוי ווי אַלע מאָל,
אַ קניפּ טון אונטערן העלדזל און דערזען
און צונעמען צוריק.
און מיינע האָבן דאָך געוואָרט אויף דעם,
ווי אויף משיחן,
אין הויז —
ביים קאַלטן אויוון.

די דאָזיקע לידער דערציילן קלאָר און שאַרף וועגן דעם, וויפל זאַטקייט און פרייד משה־לייב האָט געהאַט אין זיין קינדהייט. משה־לייב האָט געלערנט אין חדר, געלערנט חומש, גמרא, אָבער דער קאָפּ האָט זיך אים נישט געלייגט שטאַרק דערצו. און ווען ער איז אין יאָר 1898, אַלס

צוועלף יעריקער בחור, אַוועק קיין ווין זיך לערנען אויף שילדן מאַלער, האָט ער זיך זייער גיך אויסגעלערנט פאָרן אויף אַ מאָטאָציקלעט, שווימען און שפּילן אין פוטבאָל. משה־לייב איז געווען און פאַרבליבן דורכאויס יידיש, אָבער ער איז געווען זייער ווייניק יידישלעך.

אין ווין האָט משה־לייב געלעבט צווישן נישט יידן, האָט זיך אויסגע־לערנט דייטש און האָט אָנגעהויבן שרייבן אויף דייטש. ער האָט אפילו צוויי לידער אָפּגעדרוקט אין אַ דייטש־יידישן זשורנאַל. ער איז אָבער צוריקגעפאָרן קיין גאַליציע, זיך באַגעגנט מיט די צוויי טאַטעס פון דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע אין גאַליציע — יעקב מעסטל און שמואל יעקב אימבער און ער האָט אין עלטער פון 21 יאָר זיך אָנגעהויבן דרוקן אויף יידיש.

דאָס ערשטע ליד זיינס האָט ער געחתמעט יהודית האַלפּערן, מיטן נאָמען פון זיין קליין שוועסטערל און אַוועקגעשיקט אין פּועלי־ציוניסטישן זשורנאַל „דער יידישער אַרבעטער". דער מוטיקער משה־לייב האָט מורא געהאַט, אַז ער וועט כאַפּן אַן אָפּשניט אין פּאָסטקאַסטן פון זשורנאַל... און דערפאַר נישט געחתמעט מיטן אייגענעם נאָמען.

צו דער זעלבער צייט האָט משה־לייב געשיקט אַ ליד אין לעמבער־גער „טאַגעבלאַט". רעדאַקטאָר איז געווען משה קליינמאַן ע"ה (דער שפּעטערדיקער רעדאַקטאָר פון ציוניסטישן אָפּיציאָז „העולם"). האָט דער דאָזיקער רעדאַקטאָר מורא געהאַט, אַז דאָס ליד זאָל נישט זיין קיין געגנבעטס. ווייל פאַר אָנפאַנגער איז דאָס געווען צו גוט און צו גאַנץ. משה־לייב האָט דעמאָלט באַוויזן צום ערשטן מאָל זיין מוט און חוצפּה און ער האָט דעם רעדאַקטאָר גוט אָפּגעזידלט פאַר זיין אָפּשטויסן אַזוינע דיכ־טער, וואָס שרייבן צו גוטע לידער...

משה־לייב האָט זיך געדרייט אַ שטיק צייט צווישן ציוניסטן און דערנאָך זיך דערנענטערט צו די פּועלי־ציון, דער איינציקער לעבעדיקער עלעמענט צו יענער צייט אין דער יידישער גאַליציע. אָבער ער איז לאַנג נישט געבליבן אין זלאָטשעוו. ער האָט נישט געוואָלט גיין דינען דעם „גוטן" קייסער פראַנץ יאָזעף און ער איז אַוועק קיין ניו־יאָרק.

ווי אַזוי האָט זיך משה־לייב געפילט באַלד נאָך זיין אָנקומען קיין ניו־יאָרק? אין זיינע לידער פון בוך „אין ניו־יאָרק" קען מען דאָס דערפילן. אין זיין ליד „צווישן קוימענרויכן" זאָגט ער:

כאַפּט זיך אויף פון שלאָף דער דערפסיונג
הערט ער פויגל זינגען,
הער איך מילעך קענדלעך און רעדער
אין דעם זייגער קלינגען.
זעט דער דערפסיונג דורכן פענצטער
באַרג און הימל בלויען,
זע איך וואַקס פאַרגעלטע, גראַבע,
גענעצדיקע פרויען.

משה־לייב האָט „פאַר ברויט מיט רינדערפלייש" געדאַרפט אָפּגעבן די טעג פון זיין לעבן אין די פאַבריקן. אין ליד „דער אייביקער שפּיל" דערוויסן מיר זיך, אַז ער האָט אַ סך מאָל געוואָלט „מיט די אייגענע נעגל זיך אַליין די הענט צערייסן". ער האָט אַרבעטנדיק אין פאַבריק געזען, אַז עס גייט אָן אַ שוישפּיל „אין דעם לעבנס־קאַמף דעם שווערן" און:

„איינעם שטאַרק צו מאַכן מוזן טויזנט שוואַכע שוואַכער ווערן".

די בינע פון אָט דעם שוישפּיל איז אין דער גרויסער שטאָט די זעלבע, אָבער פינצטערער.

אָן עלעקטרישער גלי־לאָמפּ אימיטירט די זון פון הימל
און פון פרי ביז אָוונט שפּילט מען צווישן ווענט פון שטורם און שימל.

אונדזער דיכטער האָט זיך נישט געפילט גוט אין ניו־יאָרק, ער האָט געבענקט נאָך דעם קליינעם שטעטל. אָבער — ער איז געווען צו ניכטער צו ווערן אַ ראָמאַנטיקער און זינגען די בענקשאַפט לידער, וואָס זענען דעמאָלט געווען אין דער מאָדע. אין אייראָפּע האָט מען דעמאָלט זיך פאַרכליניעט מיט דוד איינהאָרנס געזאַנגען צום קליינעם שטעטל און צום „ענגן שמאָלינקן געסל" און אין ניו־יאָרק האָט אויך קינד און קייט דעקלאַמירט י. אַדלערס געבעט צו וואָלקן, אַז ער זאָל אָפּגעבן אַ גרוס דער מאַמען און געזונגען:

ביסטו דאָס טאַקע מיין ליטווישע שטעטעלע,
אָדער איך זע דיך אין טרוים?...

משה־לייבן איז באַשערט געווען צו זיין דער שטורמער פון דער ראָמאַנטיק אין אונדזער ליטעראַטור. ער האָט געוויזן, אַז נישט אַלץ איז אין שטעטל אַזוי ראָזעווע, ווי עס איז געשילדערט ביי אַשן, איינהאָרנען און זייערע נאָכזינגער. אין דעם שוין דערמאָנטן ליד „זלאָטשעוו מיין היים"

זאָגט ער, אַז עס וועקט אויף אין אים אַ ביסל בענקשאַפט צו זיין היים־שטעטל, אַזוי ווי עס וועקט אויף דאָס לעבן אין פרילינג, אָבער

אַז איך דערמאָן זיך פאַרבענקטערהייט
אָן דעם נגיד ראַפּאַפּאָרט, ווי ער גייט
מיט זיין גראָבן בויך אין שול אַריין
און אָן ישעיה הלל דעם פרומאַק,
וואָס וואָלט ווי אַ חזיר אין אַ זאַק
פאַרקויפט אפילו די זון מיט איר שיין,
איז דאָס גענוג עס זאָל אויסגייען אין מיר
אַזוי ווי אַ ליכט מיין בענקשאַפט צו דיר,
מיין היים, מיין זלאָטשעוו.

דאָס איז אַן אַנדערער צוגאַנג צום שטעטל, אַ נ כטערער. די ראָמאַנטיק האָט זיך אירס געגעבן דער יידישער ליטעראַטור. שלום אַש האָט מיט דער הילף פון דער ראָמאַנטיק אַריינגעבראַכט אַ ביסל שיינקייט, אין וועלכן מיר האָבן זיך שטאַרק געגוויטיקט. י. ל. פּרץ האָט מיט זיין ראָמאַנטיזירן דעם חסידיזם און די נאָענטע פאַרגאַנגענהייט אָנגעפילט דאָס וויסטע השכלה לעבן אונדזערס מיט הומאַניטאַרן און אפילו סאָציאַליסטישן אינהאַלט. אָבער בלייבן אין דער אַלטער שול, בלייבן לעצטע בעל־תפילות, האָט געהייסן: בלייבן אויסגעדרייט מיטן פנים צו דער פאַרגאַנגענהייט, בלייבן פּאַסיוו צום קעגנוואַרטיקן און קומענדיקן לעבן. משה־לייב האָט אַריינגעבראַכט באַציאונג צו דער קעגנוואַרט דורכדעם, וואָס ער האָט אויסגעלאַכט דעם ראָמאַנטיזם און האָט נישט געזונגען „מיין שטעטעלע״, נאָר ער האָט זיך געטרייסט, וואָס אַ פערד און וואָגן שלעפּן צו דער באַן, וואָס פליט ווי אַ שד איבער די פעלדער אַוועק און פירט אַריבער קיין ניו־יאָרק דאון טאון און מען ווערט נישט באַגראָבן אין שימל פון קליינעם שטעטל.

משה־לייב האָט אָנערקענט די גרויסע שטאָט, ער האָט זי נישט באַזונגען, אדרבא: ער האָט געזען, אַז איר לעבנס־בינע איז פינצטערער ווי די שטעטל־בינע און געזען דאָרט דעם מענטשן אין דער פרעמד און

עס רויבט די שטאָט ביי אים זיין לעבנסצייט פאַר טרוקן ברויט אַוועק
זי שליסט אים איין מיט טויזנט אַנדערע אין גלות פון אייזן־ווענט,
מאַשינען רוישן דאָרט און רעדער טרייבן רולאַז זיינע הענט
און נאָך די רעדער יאָגט זיין וויסט לעבן זיך דורך נעכט און טעג.

אָבער — בייזערנדיק זיך אויף דער גרויסער שטאָט, האָט ער זי אַק־צעפּטירט און געלערנט אַקטיוו קעמפן אין איר, נישט שטיין פּאַסיוו און בענקען נאָך דעם שטעטעלע.

אין יאָר 1908 איז משה־לייב אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. צו יענער צייט האָט זיך אָנגעהויבן אויסקריסטאַליזירן אַ גרופּע, וואָס איז אַריין אין דער יידישער ליטעראַטור אונטער דעם נאָמען „יונגע“ און האָט אַריינגעפּירט אין איר אַזעלכע דיכטער, ווי: משה־לייב, ה. לייוויק, מאַני לייב, ראובן אייזלאַנד, י. ראָלניק, זישע לאַנדוי און אַזעלכע פּראָזאַאיקער, ווי: י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, א. ראַבאָי.

די דאָזיקע גרופּע האָט אין אַ היפּשער מאָס באַפּרייט די ליטעראַטור פון דער ראָמאַנטיק, וואָס האָט שוין אָנגעהויבן ווערן פויל, האָט אַריינגע־בראַכט נייע פּראָבלעמען, אַ ביסל אַמעריקע סיי פון פעלד, סיי פון שטאָט. באַוווסטזיניקן און אָרגאַנישן סאָציאַליזם, אָנשטאָט דעם פילאַנטראָפּיש־קלאָגנדיקן סאָציאַליזם פון די עדלשטאַטס און גאָרדינס.

משה־לייב איז געוואָרן פון די הויפּט־כוחות צווישן די „יונגע“. די גרופּע האָט זיך גיך אָנגעהויבן שפּאַלטן. עס זענען פאָרגעקומען אידעאָי־שע רייבונגען און אויך פּערזענלעכע. משה־לייב איז פּערזענלעך נישט גע־ווען מיט קיינעם אַזוי שטאַרק אינטים, אַז ער זאָל זיך צוקלעפּן צו אים. דער דיכטער אפרים אויערבאַך האָט געזאָגט אַ ריכטיק וואָרט וועגן משה־לייבן: ער איז געווען פייער, און פייער קען זיך אַליין נישט אָנוואַרעמען, עס בלייבט קאַלט צו זיך אַליין. משה־לייב אַליין האָט טאַקע דאָס אַ זינג געטון וועגן זיך:

וויינט אין מיר דער מענטש, וואָס אייביק
איז ער פרעמד צו זיך אַליין...

דוד איגנאַטאָוו דערציילט, אַז ווען משה־לייב האָט געבראַכט לידער פאַר דעם זאַמלבוך „שריפטן“, האָט ער זיי אים צוריקגעגעבן ער זאָל זיי מאַכן גרעסער. עס איז ביי אַלעמען געווען דער איינדרוק, אַז משה־לייב דאַרף שאַפן גרויסע ווערק אין פּערזן, ראָמאַנען אויף דעם פּושקינישן שטייגער. זיין פּאָעמע „פּאַן יאַבלאָווסקי“, וואָס שפּיגלט אָפּ אַ לעבן פון אַ פּוילישן פּריץ, וואָס האָט פאַרלוירן זיין לעבן צוליב אַ געליבטער און ער שמאַכטעט אַלס דערשלאָגענער קוכער אין ניו־יאָרק, האָט טאַקע גע־קענט ברענגען אויף דעם געדאַנק, אַז ער וועט שאַפן אַ ראָמאַן אין פּערזן.

אָבער משה־לייב האָט געשאַפן אַ גרויסע קאָשמאַר־לירישע פּאָעמע „אַ נאַכט" (איינס פון די גרעסטע ווערק אין אונדזער פּאָעזיע). קיין גרויסע עפּישע זאַכן האָט ער נישט געשאַפן. ער האָט געשאַפן לידער, קלענערע און גרעסערע; לידער, וואָס האָבן נישט קיין גלייכן צו זיך אין אונדזער ליטעראַטור, מיט זייער קראַפט, גאַליקער טראַציקייט און — יאָ! יאָ! — מיט זייער צאַרטקייט.

ער האָט אויך געשאַפן אַ סך הומאָריסטישע לידער. אַלמי האָט גע־זאָגט מיט רעכט, אַז ווען דער איינציקער הומאָריסטישער זשורנאַל אונ־דזערער זאָל נישט געווען אָפּשטאַרבן, וואָלט משה־לייב געווען געוואָרן אויך אַ הומאָריסטישער דיכטער. הומאָר האָט ער פאַרמאָגט אַ סך.

משה־לייב האָט אין 1915 און 1916 רעדאַקטירט זאַמלביכער און זשורנאַלן. צוזאַמען מיט משה נאַדיר האָט ער רעדאַקטירט „פון מענטש צו מענטש" און צוזאַמען מיטן עסייאיסט ב. גראָבאַרד און דיכטער ז. וויינ־פּער האָט ער רעדאַקטירט דעם חודש־זשורנאַל „אָטעם".

משה־לייב איז אַ שטיק צייט געווען נאָענט צו די פּועלי־ציון. נאָך דער רוסישער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ער זיך דערנענטערט צו די קאָמוניסטן און נישט ווערנדיק קיין מיטגליד אין דער קאָמפּאַרטיי, איז ער געוואָרן אַ נאָענטער מיטאַרבעטער אין דער קאָמוניסטישער צייטונג „די פרייהייט", געשריבן דאָרט אַרטיקלען אויף ליטעראַרישע טעמעס, אין וועל־כע ער האָט זיך געוויזן אַלס שאַרפער — און אָפטמאָל גראָבריידעווודי־קער — פּאָלעמיקער. ער האָט אין אָט די אַרטיקלען פאַרלאַנגט סאָציאַלע מאָטיוון אין דער פּאָעזיע און ער האָט אויך פאַרלאַנגט אורבאַניזם, גרויס־שטעטישקייט. געטע — האָט משה־לייב געזאָגט — האָט „געזונגען ווי דער פויגל זינגט אין וואַלד", ווייל ער האָט געוווינט אין אַ קליינעם שטעטל נעבן אַ וואַלד. מיר וווינען אין גרויסע שטעט און מיר דאַרפן זינגען דאָס געזאַנגט פון מענטשן און מאַשינען... משה־לייב איז אין נאָמען פון דער קאָמוניסטישער צייטונג „פרייהייט" אַרומגעפאָרן איבער די שטעט פון די פאַראייניקטע שטאַטן און דאָרט געהאַלטן לעקציעס און געלייענט זיינע ווערק.

דער ערשטער באַנד לידער משה־לייבס הייסט „אין ניו־יאָרק", דאָרט זענען פאַראַן אַ סך סתם לירישע לידער און עראָטישע לידער, דער צוויי־טער באַנד לידער משה־לייבס, וואָס איז אַרויס אין 1924 הייסט „די גאָל־דענע פּאַווע", איז שוין דורך און דורך סאָציאַל, משה־לייב איז דאָ אַן

אַנדערער. אָנשטאָט ליריק און פּאַטעטיק, פאַרמאָגט ער דאָ חוזק, פּאַראָדיע און צומאָל אויך ציניזם.

משה־לייב איז קיין דורכאויסיקער קאָמוניסט נישט געוואָרן. ער איז געבליבן יידיש־נאַציאָנאַל און אפילו נאַציאָנאַליסטיש, ער האָט אין זיינע לידער נישט נאָר געשאָלטן די יידישע פּרויען, וואָס שלאָפן מיט „גויאישע הינט‟, ער האָט זיך נישט נאָר געבייזערט אויף דעם „שכן דעם חם‟, נאָר ער האָט אויך געזונגען וועגן דעם, אַז זיין זון וועט זיין אַ קאָוואַלטשיקל און פאַרשפּרייטן יידישע ליכט און באַוווסטזיין צווישן די גויאימלעך... דער קאָמוניזם האָט אָנגעהויבן זיין אַלץ פּאָדערנדיקער צו דער ליטעראַטור און דער רעוואָלוציאָנערסטער פון אונדזערע דיכטער, איז דערקלערט געוואָרן אַלס ראַציאָנאַליסט און אַנאַרכיסטישער קליינבירגער און כאָטש ער האָט פאַרלאַנגט פּראָלעטאַרישקייט אין ליד, איז ער דערוויטערט געוואָרן פון דער „פרייהייט‟, וואָס האָט דערנאָך אין איר „בעקראָלאָג‟ געזאָגט, אַז משה־לייב איז געשטאָרבן באַלד ווי ער איז אַוועק פון דער „פרייהייט‟ (זיין גרויס ליד „סאָלוטע‟, איינע פון די גרעסטע לידער קעגן די פאַרפאָלגונגען אויף נעגער, האָט ער, אפּנים, געשאַפן „טויטערהייט‟...).

זייט 1927 איז משה־לייב אַרומגעגאַנגען אַן איינזאַמער און אַ פאַרביטערטער. ער האָט זיך אַ צייט נישט געהאַט צו וועמען זיך צוטוליען. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער „קולטור געזעלשאַפט‟ און האָט זיך די לעצטע צייט געפונען אין לאַגער פון די רעוואָלוציאָנערע יידישיסטן. ער איז אין די לעצטע יאָרן געוואָרן אַלץ נאַציאָנאַלער און נאַציאָנאַליסטישער. אין זיין הקדמה צו ז. וויינפּערס „געקליבענע לידער‟ (דערשינען אין ניו־יאָרק אין 1932) לאַכט ער פון בערגלסאָנען, וואָס עצהט וויינפּערן פאָרן אויף אַ שטיקל צייט קיין ראַטנפאַרבאַנד „זיך לייטערן‟ און ער זאָגט:

דער עלטער־זיידע אויפן שייטער־הויפן,
דער זיידע ביי דער וואַנט מיט דער שכינה,
וואָס זיצט אויף אים און וויל נישט אַראָפּגיין,
און דאָס אייניקל, וויינפּער, דאַרף זיך לייטערן
אין סאָוועטלאַנד ביי דער רעוואָלוציע —
מער פעלט איר נישט?

משה־לייב האָט זיך אַרומגעדרייט אין ניו־יאָרק, אַ שלאַנקער און פאַרשלאָסענער. ער האָט געהאַט אַ שווער לעבן, ער האָט זיך מאַטעריעל

געפּײניקט. אָבער — ער האָט דאָס נישט אַרויסגעוויזן. אין די פֿאַרביטערטע רייד זײַנע האָט מען געקענט דערקענען, אַז אים גייט זייער שלעכט. אין דער שוין דערמאָנטער הקדמה צו ז. ווײַנפּערס „געקליבענע לידער" שרייבט משה־לייב, אַז ז. וו. זאָל אים אײַנלאַדן אויף אַ שימחה, ווײַל

„מיר, די אייביקסטע דרײַ אײַניקייט (ס'הייסט: ער, דאָס ווײַב, און זייער זון, י. ב.) זענען גענוג אויף צרות צו ווערן הערן געזאַנג, וואָס מען דאַרף נישט צאָלן קיין בילעטן דערפֿאַר.

עס בלײַבט אַ שטיקל חשד, אַז משה־לייב האָט געוואָלט שטאַרבן. אין זײַן באַרימטן ליד Momento More האָט ער אונדז מיט אַלע כוחות געוואָלט אײַנזינגען, אַז ער האָט געזען דעם טויט, האָט אים באַגריסט, געפֿרעגט ווי עס גייט, אַז דער טויט איז נישט גרוי, נאָר פֿאַרביק רייך און אַז אים האָט געצויגן צום טויט, אַזוי ווי עס ציט צו אַ פֿרוי, וואָס מען פֿאַרהייליקט. און אין דער שוין צוויי מאָל הקדמה צו ווײַנפּערס „געקליבענע לידער", וואָס ער האָט געשריבן מיט עטלעכע חדשים פֿאַר זײַן טויט, האָט ער געזאָגט:

אַז איר וועט אונטערלייגן דאָס אמתע קישעלע דערנאָך — וועלן מיר אײַך ווײַזן, ווי שיין מען גיט זיך איבער מיט אַ זיפֿץ צום שלאָף, וואָס לערנט שטאַרבן, נאָר אַפֿילו דער טויט — רעדט איר פֿון אים, וועט ער ליכטיק — אַזוי אַז מען הערט אויף כּימעט מורא האָבן...

אַזוי איז געווען אין דער ליטעראַטור. אין לעבן האָט מיסתּמא משה־לייב נישט געוואָלט שטאַרבן. משה־לייבן, ווי יעדן פֿילנדיקן מענטשן, האָט אַמאָל אַ רייץ געטון דער טויט. אַ מיאוס ווײַב צינדט אַמאָל אויך דאָס בלוט, דער גיהנום ציט אַמאָל אויך מיט טויזנט פֿעדעם. ליב געהאַט האָט משה־לייב דווקא דאָס לעבן.

אָבער — זײַן ווונטש איז דערפֿילט געוואָרן אויף דעם טרויעריקסטן אופֿן. ער איז נישט געשטאָרבן אין זלאָטשעוו, ער איז געשטאָרבן אין על־טער פֿון 46 יאָר אין ניו־יאָרק. זונטיק דעם 28סטן אויגוסט 1932 האָט ער דערפֿילט קרעמפּן אין בויך, מען האָט אים אַוועקגעפֿירט אין אַ שפּי־טאָל. דער דאָקטאָר, וואָס האָט אים „אַטענדעט" (באַהאַנדלט) האָט מיסתּמא נישט געוווּסט, ווער זײַן פּאַציענט איז, און ער האָט קיין ווען נישט גע־מאַכט. „ס'איז גאָרנישט" — האָט ער געזאָגט — און פֿון אָט דעם „גאָר־נישט" איז ער געשטאָרבן אויפֿן פֿערטן טאָג. דער דאָקטאָר האָט נישט

געפונען פּאַר נויטיק צו באַטראַכטן זיין דיכטעריש האַרץ, וואָס איז געווען שוואַך און אויפגעפּרעסן פון שטאָלצע אינערלעכע גריזעניש. דאָס האַרץ האָט די קליינע מאָגן קראַנקהייט נישט אויסגעהאַלטן...

אַ שעה פאַר זיין טויט האָט דעם דיכטער געזען דער יידישער שרייבער ראובן אייזלאַנד, אָבער ער האָט אים שוין נישט דערקענט. האַלפּערן האָט נישט דערקענט אייזלאַנדן און אויך אייזלאַנד האָט נישט דערקענט האַלפּערנען, ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אַלטער זיבעציקיעריקער מאַן. אין משך פון פיר טעג איז דער שלאַנקער און שטאָלענער משה־לייב געוואָרן זייער אַלט און געבראָכן. אפשר איז ער אַזוי אַלט געוואָרן, ווייל ער האָט זיך שווער געראַנגלט מיטן טויט...

נעבן שלום־עליכמען, מאָריס ראָזענפעלדן, מאָריס ווינטשעווסקין איז אויף אַ ניו־יאָרקער בית־עולם צוגעקומען נאָך אַ קבר. אַ קבר — ווי דוד איגנאַטאָוו האָט געזאָגט — וווּ עס ליגט דער ערשטער פון די „יונגע"... ערשט געווען אַ יונגער און שוין אויף אַן אַלטן בית־עלמין...

און אַז משה לייב וועט דעם טויט פאַר זיי מאָלן
נישט גרוי און נישט פינצטער, נאָר פאַרבן־רייך שיין,
אַזוי ווי ער האָט אים זיך באַוויזן
דאָרט וויט צווישן הימל און כוואַליעס אַלייז,
צי וועט מען דאָס גלייבן משה לייבן?

קראַפט, צאַרטקייט און צו־להכעיסדיקייט...

די דריי הויפּט־שטריכן אין משה־לייב האַלפּערנס כאַראַקטער זענען:
קראַפט,
צאַרטקייט,
צו־להכעיסדיקייט.

די קראַפט זיינע דערפילט מען כימעט אין יעדן ליד. אין זיין אַריינפיר צום בוך „די גאָלדענע פּאַווע", אין ליד „שיר־השירים" דערציילט ער, אַז עס זענען געווען דריי ברידער: איינער מיט פאַרחלומטע אויגן האָט זיך געגומען די לבנה, איינער — דער געזונטער, האָט זיך גענומען די זון און איינער מיט אויגן אַרונטער האָט געהאַלטן אין איין וויינען, ווייל

ערגעץ דאָרט, נישט ווייט פון אומעטום,
אויף דעם וועג, וואָס איז נישט גלייך און נישט קרום
זיצט עמיץ, וואָס מיט אים איז עפּעס נישט דאָס
און ער וויינט, ער ווייסט אַליין נישט פאַר וואָס...

וועלכער ברודער איז געווען משה־לייב?

אַלע דריי...

ער האָט געהאַט בלויע פאַרחלומטע אויגן און האָט זיך גענומען די לבנה. ער האָט געזונגען צאַרטע לידער וועגן אויסגעטרוימטע פּרינצעסינס. ער איז אויך געווען דער ברודער מיט די אויגן אַרונטער, וואָס האָט גע־וויינט, ווייל אַלץ איז גלייך און אַלץ איז קרום און גאָרנישט איז גלייך און גאָרנישט איז קרום און האָט געוואָלט אַוועק פון לעבן, ווייל „עפּעס איז נישט דאָס" — און אַריין אין הימל, אין די וואָלקן. ער האָט אָפט גע־פּרוווט פאַרהאַנדלען אין אַ שפּאַס זיין סקעפּטישע פילאָזאָפיע און נישט געקענט. און ער איז אויך געווען דער געזונטער און אפשר טאַקע איז ער געווען איבערהויפּט דער געזונטער — ער האָט זיך גענומען די זון. ער האָט געזאָגט אויף זיך:

האָב איך אַזוי פיל פרייד אין זיך אַליין געפונען,
ווי אין אַ מעשהלע מיט זיבן העלע זונען.

ער האָט דערפון הנאה, אָבער דער צו־להכעיסניק דערוואַכט אין אים. ער האָט פילאָזאָפירט וועגן זין פון לעבן און ער איז אין רוב פון זיינע לי־דער פול מיט קראַפט און ער גיט דיך אָפּט אַ כאַפּ אָן, אַזוי ווי עס כאַפּט דיך אָן די זון. מען דערפילט דעם הייסן אָטעם און דעם כוח פון דיכטער. נישט אומזיסט האָט יעדער, וואָס קען און וואָס קען נישט, דעקלאַמירט משה־לייבס „גאַסנפּויקער". עס זעצט ממש אַ פייער פון די ווערטער. מען מעג זיי ווי קאַלט זאָגן, ברענען זיי:

קומט אַ מיידל מכשפה
צינד זיך אָן אין מיר אַ שׂרפה,
נעם איך זיך נאָך ווילדער דרייען
און איך פּרעס צענויף די ציין
און איך ברום,
מיידל, קום,
גיב די הענט און נעם אַרום,
הייסער טאַנצט זיך עס צו צוויי,

ס'האָט אַזאַ ווי דו, אַ שלאַנג,
מיך פאַרלאָזן ערשט נישט לאַנג,
קרענקט דאָס האַרץ און פּלאַצט פאַר וויי,
פּויק איך, אַז די פּויק זאָל פּלאַצן
און איך דזשינדזשע אין די טאַצן
דזשין, דזשין, קום, קום...

און דאָס איז נישט סתם קראַפּט, ס'איז קראַפּט מיט דראַנג צו ליבע און לעבן. דער דאָזיקער דראַנג און אָט די ליבע דריקן זיך נאָך וואַרעמער אויס אין אָט די שורות:

אָט אַזוי דורכגעריסן,
דורכגעריסן, דורכגעביסן
מיטן קאָפּ, ווי דורך אַ וואַנט
איבער שטעג און וועג און לאַנד
מיט די ציין
האַק דעם שטיין
האַק דעם שטיין און בלייב אַליין!

און צוזאַמען מיט דער קראַפּט, צוזאַמען מיט זיין אומרו פון אַ וואָלף, האָט ער פאַרמאָגט אויסערגעוויינטלעכע קינדישע צאַרטקייט. אין דער אויסערלעכקייט זענען פאַראַן צאַרטערע לידער ווי משה־לייבס, אָבער אין דער טיפער אינערלעכקייט איז נישטאָ קיין צאַרטערער ליד אין יידיש ווי משה־לייבס „גינגילי". ס'איז אַ ליד, וואָס גלעט ביי דער נשמה, פּונקט ווי עס גלעטן אַמאָל אַ ברענענדיקן קאָפּ צוויי צאַרטע מיידל־הענט.

ווער איז דער יונג, וואָס טרוימט אין שניי
און שלעפּט די פּיס, ווי קלעצער צוויי
אינמיטן גאַס ביינאַכט?
דאָס איז דער תכשיט משה לייב,
וואָס וועט אַמאָל דערפרירן,
בעת ער וועט פון פרילינגס־צוויט
און בלומען פאַנטאַזירן.
און וועט ער ליגן שוין אין שניי
און זיך שוין מער נישט רירן,
וועט ער אין טרוים נאָך דעמאָלט אויך
אין זאַנגען־פעלד שפּאַצירן.

מען דאַרף זיך אַריינלעבן אין אָט דעם בילד. סאַראַ צאַרטע ליבע צום לעבן! פרירענדיק, שלעפּנדיק צוויי פּיס ווי קלעצער, זעט דער דיכטער־

וואַגאַבונד בלומען אין שניי. ביים רוסישן פּאָעט כעט זיצט אַ מיידל אין אַ ווינטער־טאָג ביים פענצטער און דערזעט בלומען אין שניי. זאָגט איר די מוטער, אַז דאָס איז, ווייל זי איז פאַרליבט. אָבער ביי פעטן איז די העלדן אַ פאַרחלומט מיידל, וואָס זיצט אין דער וואַרעם, אין שטוב ביי איר אין זומער. ביי אונדזער דיכטער איז דער העלד אַ וואַגאַבונד, וואָס קומט אום פאַר קעלט און דאַך זעט ער בלומען אין לעבן, ער קאָרטשעט זיך אין דרייען און האָפּקעט ביים לאַמטערן שיין

כדי עס זאָלן אים די פיס
נישט איינפרירן אינגאַנצן
דאַבּיי זעט ער דעם שניי אויף זיך
ווי צוויט און זונשיין גלאַנצן
און מיידלעך מיט צעלאָזטע האָר
באַצירט מיט פייער קראַנצן.

און כאָטש ער זעט און פילט אָנשטאָט שניי צוויט, זונשיין און מיידלעך מיט פייער־קראַנצן, באַווייזט זיך נישט דער טאָג און פאַרבאָרגט זיך

און ווייל אים דוכט זיך, אַז מען האָט
דעם לעצטן האָן דערוואָרגן,
צעקרייעט ער זיך אַליין און זאָגט
צו זיך אַליין גוט מאָרגן.

אַליין דער טרוימער, אַליין דער וועקער. דאָ פאַראייניקט זיך די צאַרטקייט מיט דער קראַפט. דאָ איז ער דער ברודער מיט די פאַרחלומטע אויגן, אי דער געזונטער ברודער.

די דריטע אייגנשאַפט משה־לייבס איז צו־להכעיסדיקייט. נאָכגיביקייט, נאָכזאָגן באָם אויף אַלץ, ברענגט צו פאַסיוויטעט און צו איינגעדרימלקייט. ביכדי אַ בויגן זאָל שיסן, דאַרף מען אים אָנציען, ביכדי אַ מענטש זאָל אַרבעטן און ווירקן, דאַרף ער אויך זיין אָנגעצויגן. דעם מחבר פון אָט די שורות איז אַמאָל אויסגעקומען צו לערנען אין אַ בעסאַראַביש שטעטל מיט צוויי מיידלעך, איינע אַ ווייכע, וואָס האָט אויף אַלץ נאָכגעבאָמקעט און איינע אַ צו־להכעיסניצע, וואָס האָט קעגן אַלץ ווידערשפּראָכן. און מיט אַ סך פון מיינע דערהגרייכונגען אין לעבן האָב איך צו פאַרדאַנקען דער טראַציקער. משה־לייב האָט נישט געגלעט קיינעם, האָט נישט ליב געהאַט צו גלעטן, זיך אַליין האָט ער אויך נישט געצערטלט. אין ליד „זשום זשום" הערט ער זשומען בינען און אים

דאַכט זיך, אַז שטילערהייט
ווייזט מען אָן אויף אים מיט פרייד
און מען זאָגט, אַז גאָר אין לאַנד
איז נישטאָ אַזאַ טאַלאַנט.

ער האָט דערפון הנאה, אָבער דער צו־להכעיסניק דערוואַכט אין אים און עס

דוכט זיך אים, אַז צו דיין קאָפּ
בויגט זיך עמיצער אַראָפּ
און ער זאָגט, אַז גאָר אויף דר׳ערד
איז נישטאָ אַזאַ מין פערד.
וויל ער ווער דאָס איז דערגיין,
הערט ער ברומען זיך אַליין...

ווייל מען זאָגט אויף אים, אַז „גאָר אין לאַנד איז נישטאָ אַזאַ טאַלאַנט״, זאָגט ער זיך אַליין, אַז גאָר אין ד׳רערד איז נישטאָ אַזאַ מין „פערד״. אָט אָ־דאָ איז ער דער ברודער מיט די אויגן אַרונטער, וואָס זעט, אַז עפּעס איז נישט דאָס...

קראַפט, צאַרטקייט און צו־להכעיסדיקייט דאָס זענען די דריי הויפּט אייגנשאַפטן פון משה־לייבס כאַראַקטער. מען זעט די דאָזיקע שטריכן אָן אין זיין פּאָרטרעט. ער האָט געלערנט שילדן־מאַלעריי, האָט געקענט מאָלן און צייכענען, ער האָט זיך געמאַכט עטלעכע אויטאָפּאָרטרעטן און גאָר געראָטענע, אָבער דער געראָטענסטער אויטאָפּאָרטרעט זיינער איז אָנגע־צייכנט נישט מיט ליניעס, נאָר מיט ווערטער און די דערמאָנטע דריי הויפּטשטריכן זענען פאַראַן אין ווערטערדיקן אויטאָפּאָרטרעט·

זומער שפּרענקעלעך פּיל ווי שטערן,
האָר געמישטע שוואַרץ מיט גרוי,
יאָ — איך בין נישט קיין שיינער,
דאָס איז זיכער, שיינע פרוי.
ברייטע נאָז און טייוולס ברעמען
ציין און ליפּן וועלפיש ווילד
אָבער אויגן האָב איך בלויע,
אויגן בלויע גוט און מילד.
ס׳האָבן מיינע פיס צום טאַנצן
ווייניק וואָס טאַלאַנט
און די גרויסע אויערן מיינע
הערן מוזיק ווי די וואַנט.

אָבער מיט האַרץ, וואָס האַמערט
זינג איך מיר, ווי מיר געפעלט
און צום האַמער טאַנץ פון האַרצן
טאַנצט די גאַנצע שיינע וועלט.
האָט דער אָדלער פליגל גרויסע
האָב איך ברייטע, שטאַרקע הענט,
האָט דאָס לעבן קאַמף און ליבע,
האָב איך בלוט, וואָס שרייט און ברענט.

„ציין און ליפּן וועלפיש ווילד" דאָס איז די קראַפט, „ברייטע נאָז און טייוולס ברעמען" איז די צו־להכעיסדיקייט און „אויגן בלויע, גוט און מילד" דאָס איז די צאַרטקייט.

די אויסגערעכנטע דריי אייגנשאַפטן זענען די כלים, די פאָרם. וואָס איז דער אינהאַלט, וואָס משה־לייב האָט אַריינגעטון אין אָט אָ די כלים?

געראַנגל מיט דער ראָמאַנטיק צום קליינעם שטעטל און פּאַראורטייל צו דער גרויסער שטאָט; סאָציאַלער פּראָטעסט, קרעפּטיק־צאַרטע ליבע־געזאַנגען און סקעפּטישע פילאָזאָפיע

משה־לייב האָט געלעבט אין אַ גרויסער און שווערער צייט. סיי אינ־דיווידועל, סיי אין קאָלעקטיוו האָט ער געדאַרפט דורכמאַכן שווערע און טראַגישע טראַנספאָרמאַציעס. ער האָט געדאַרפט פּערזענלעך ווערן פון אַ קליינשטעטלדיקן אַן עמיגראַנט און דערנאָך אַ גרויסשטאָטישער און ער האָט איבערגעלעבט די זעלבע פאַרוואַנדלונג ביים כלל, ביי דער מיליאָניקער יידישער מאַסע אין נאָרד־אַמעריקע.

אין משך פון זיין קורצן לעבן האָט משה־לייב געדאַרפט איבערלעבן דעם אָנהויב און די אַנטוויקלונג פון אַ שטאַרקער סאָציאַלער דיפערענצי־רונג ביי יידן. שוין אין זלאָטשעוו האָט ער איבערגעלעבט דעם בלוטיקן קאַמף צווישן אָרעם און רייך. אָרעם איז געווען זיין מאַמע און רייך זיין זיידע און ער האָט דערנאָך זיך געטרייסט מיטן טרוים, אין וועלכן ער האָט געזען זיין זיידן מגולגל ווערן אין אַ הונט... אָבער אין דער נייער היים איז די סאָציאַלע דיפערענצירונג געווען שווערער און בלוטיקער. משה־לייב האָט איבערגעלעבט די גרויסע מילחמה און די גרויסע רעוואָלו־

ציעס נאָך דער מילחמה. אין רוסלאַנד איז די רעוואָלוציע פאַר זיך גע־קרוינט געוואָרן מיט אַ פולן דערפאָלג, אָבער אויף דעם וועג צו דער רע־וואָלוציע איז חרוב געוואָרן דאָס עקזיסטירנדיקע רוסיש־יידישע לעבן. אין דייטשלאַנד איז די רעוואָלוציע דורכגעפאַלן אוןביים לעצטן טראַסק פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן פולשטענדיק חרוב ווערן דאָס נישט עקזיסטירנדיקע דייטש־יידישע לעבן.

משה־לייב האָט איבערגעלעבט אַן עפּאָכע, ווען דער שעפערישער אינטעליגענט איז געבליבן הענגען צווישן הימל און ערד און נאָך טראַגי־שער איז געווען (און איז) דער גורל פון שעפערישן יידישן אינטעליגענט. דער באַלעבאָס דאַרף אים קוים, קוים און דער רעוואָלוציאָנערער אַר־בעטער איז געפאַנגען ביי אַ הייפל סאַדיסטישע פירער און וויל דווקא אָנטון קייטן אויף די געהירן.

משה־לייב האָט איבערגעלעבט די עפּאָכע, ווען פון איין זייט איז געווען אַ ווילדע טענדענץ פון אויפלייזונג ביי די יידישע מאַסן, פון דער אַנדערער זייט איז פאַראַן אַ ווילדע טענדענץ ביי די נישט־יידן, נישט אַריינצולאָזן צו זיך די יידן און פון דער דריטער זייט זענען פאַראַן פאַר־שידענערליי נאַציאָנאַלע לייזונג טענדענצן.

ווי אַזוי האָט משה־לייב אויפגענומען אָט אַ די אַלע איבערלעבענישן? ווי אַזוי האָט ער רעאַגירט אויף זיי מיט זיין פּאָעטישער קראַפט, צאַרטקייט און טראַציקייט?

אַ לאַנגע צייט האָט ער גאָרנישט אויפגענומען. דאָס לעבן האָט אים גאָרנישט געגעבן. אין זיין היים האָט ער קיין פריידן נישט געהאַט. ער האָט זיי נישט געהאַט נישט אין שטוב, נישט אין קראָם ביים זיידן, נישט אין שול, ווו מען האָט זיך געריצט מיט אים און אים געגעבן צו קושן דאָס צלמל.

אין שקאָלע פלעגן מיר שטענדיק זען דעם לערערס בייזע אויגן,
די קינדער אין די ערשטע בענק האָט ער געגלעט,
געשאָנקען האָב איך זיי מיין שפּילגעצייג דאָס שענסטע
און זיי — זיי האָבן שטענדיק בייז צו מיר גערעדט.
דערלאַנגט האָט איינער מיר זיין גאָלדן צלמל צו קושן,
דער צווייטער האָט אַ צלם אויסגעמאָלט אויף מיר
און האָט מיין יונגעס האַרץ דאָס נישט געוואָלט פאַרטראָגן
האָט מיך אָוועקגעשטעלט דער לערער צו דער טיר.

און ווען ער איז שוין עלטער געוואָרן און איז אַוועק קיין ווין, האָט ער דאָרט אויך קיין פריידן נישט באַקומען און ער האָט זיך אין דייטשן עסטרייך, ווי אין דער פוילישער גאַליציע געפילט עלנט און פרעמד:

איך האָב קיינמאָל נישט ליב געהאַט די אַדל־לייט פון פוילן,
אָן איינזאַמער בין איך אויף דייטשלאַנס ערד געווען.
אין אַלע זייערע פּראָצעסיאָנס געזאַנגען פלעג איך שטענדיק
דאָס אַלטע יאַיזעל פון מיין קינדער־צייט דערזען...

מיט אָט דעם באַגאַזש פון האַס און פאַראַכטונג צו זיך אַליין און צום שכן האָט ער זיך געלאָזט אין וועג אַריין, פון יענער זייט ים. ער האָט גע־בראַכט מיט זיך נאָר אַ בלוט וואָס האָט געשריגן, געברענט און געזונגען. נישט אומזיסט האָט ער זיך פאַרגלייכט צו אַ ציגיינער:

עס וואָגלט אַ ציגיינער אין דער וועלט אַרום,
קיין רו געפינט ער נישט און יאָר נאָך יאָר פאַרשווינדט
און קיינמאָל איז נישט גאַנץ די טראַנטע אויף זיין לייב
און תמיד קלינגט זיין ליד אַרויס אין נאַכט און ווינט.

אָבער וואָס זאָל ער זינגען דער וואָגלענדיקער ציגיינער? ווו זאָל ער נעמען אינהאַלט פאַר זיין געזאַנג. די אַלטע היים האָט ער שוין נישט (און ער האָט זי כימעט קיינמאָל נישט געהאַט), די נייע היים האָט ער נאָך נישט. קיין זון איז אין דער גרויסער שטאָט ניו־יאָרק נישטאָ און דעם גרויסן לאָמפּ האָט ער זיך נישט אויסגעלערנט באַזינגען. קלאָגט ער טאַקע אין ליד „אַזוי איז אונדז באַשערט", אַז מיר האָבן קיין ליד נישט. יונגע פישער זינגען ווי דער ים דער פרייער, „יונגע קאָוואַלעס זינגען געזונטע, ווי דאָס פייער", קינדער זינגען דאָס געזאַנג פון דער מאַמען, אָבער מיר זענען געגליכן צו חורבות און מיר זינגען ווי די „פּוסטקייט". גלייך קיין מאַמע האָט אונדז נישט געבוירן, נאָר זינגענדיק האָט דאָס שלימזל אונדז אין „וועג פאַרלוירן". דאָס נישט געפונען קיין אינהאַלט פאַרן געזאַנג, פילט זיך שוין אין „אונדזער גאָרטן", אין ערשטן ליד פון באַנד „אין ניו־יאָרק".

אַזאַ גאָרטן, ווו דער בוים
האָט זיך זיבן בלעטער קוים
און עס דאַכט זיך, אַז ער טראַכט:
ווער האָט מיך אַהער געבראַכט?
אַזאַ גאָרטן, אַזאַ גאָרטן,

ווו מיט אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז
קאָן מען זען אַביסל גראָז
זאָל דאָס אונדזער גאָרטן זיין,
אָט אַזאַ אין מאָרגנשיין?

אוודאי אונדזער גאָרטן. וואָס דען, נישט אונדזער גאָרטן? און אָט אַ דעם גאָרטן דאַרף מען באַזינגען מיט אַזוי פיל כוח, צאַרטקייט און שטו־רעם וויפל משה־לייב האָט פאַרמאָגט... אַז ס'איז נישטאָ וואָס צו זינגען, גלוסט זיך לאַכן, חוזק מאַכן. באַווייזט זיך דער אָנהויב פון חוזק אין משה־לייבס אַ ליד וואָס הייסט „דער ערשטער פרילינגס טאָג". אַז דער פרילינג אין דער גרויסער שטאָט איז קיין פרילינג נישט, אויטאָמאָבילן פילן אָן די לופט מיט רויך און מיט גאַזאָלין געדוך, וואָס מאַכט קראַנק די לונגען, טאָ ווי קען זיין פרילינג אין דער פּאָעזיע? אָבער אַז אַ דאַרער יונגערמאַן דאַרף אַ נייעם ראָק און דאַרף גיין צום צירולניק זיך קירצן די האָר אויך און עס קלעקט נישט —

נו, וועט ער שוין במחילה מוזן שרייבן
נאָך אַ פרילינגס ליד
פאַר אונדזער וווּנדערלעכער וועלט
וואָס גאַרט אַזוי צו הערן פון אַ בלום, וואָס בליט...

פונדעסטוועגן מאַכט ער נישט נאָר חוזק פון דער יידישער פּאָעזיע, נאָר ער באַזינגט זי אויך, ער באַזינגט די גאַנצע ליטעראַטור אונדזערע און במילא אויך אונדזער וועלטלעך לעבן. אין ליד „ווי אַ שיינער זומער פויגל" באַדויערט משה־לייב אַ בחור, וואָס זיין נשמה איז אין דער אַלטער היים אַרומגעפלויגן צווישן בלעטער טויטע און וואָס האָט אויך אין דער נייער היים געפונען זיין קלויז און שטענדער. דאָס איז דער מתמיד אויף דער נייער ערד, וואָס ער —

שלאָפט אָפּ אַזוי זיין יוגנט, ווערט ער עלטער, קעלטער, בלאַסער
זיצט ער שוין אין אַ ישיבה, לעבט ער דאָרט מיט ברויט און וואַסער
און אַזוי אַ לעבט ער ווייטער עלנט דאָ אין לאַנד און אָרעם,
אַלע טאָג ביים אייזן שטייט ער, אָוונטס זיצט ער איבער ספרים.

און ער שטעלט אַנטקעגן דעם ישיבה־בחור דעם וועלטלעכן יידישן יונגערמאַן און ער זאָגט:

איך און דו, מיר האָבן ביכלעך, ליגן אין די בלעטער בלומען,
בענטשן מיר די שעה די שיינע, ווען מיר האָבן זיי באַקומען,
בענטשן מיר די האַנט די שיינע, וואָס האָט אונדז די בלום געגעבן,
ער האָט גאַרנישט, גאַרנישט, האַרבסט און גרויקייט אין זיין לעבן.

אָבער דאָס ביכל מיטן בלימל, וואָס ערשט נאָר יחידים האָבן עס, איז פאַרט נישט קיין געניגנדיקער אינהאַלט און משה־לייב האָט געניש־טערט מיטן אומרו פון אַ וואָלף, ער האָט געזוכט אין דער אַלטער היים און געזוכט אין דער נייער היים. ער איז מאָמענטנווייז געוואָרן אַ ראָמאַנ־טיקער. דאָס זיבעטע געזאַנג אין זיין פּאָעמע „אין דער פרעמד" האָט שו־רות, וואָס זענען אַ פּירוש צו דער גאַנצער ראָמאַנטיק אין אונדזער ליטע־ראַטור. מיר פאַרשטייען פאַר וואָס פּרץ, אַש, איינהאָרן א״אַ האָבן אַזוי געבענקט נאָך דעם פאַרגאַנגענעם לעבן. עס איז געווען אַ גאַנץ לעבן:

און קיינמאָל האָט גאָטס נאָמען נישט אויף יענע טירן אויסגעפּעלט,
אויף ווּעמעס שוועל עס האָט אַ קינד פון אונדז זיין פוס אַרויפגעשטעלט
קיין אָרעמאַן האָט ביים רייכנס טיש געפעלט טאָג־איין, טאָג־אויס
און גאָט געבענטשטער פרידן האָט געהערשט אין גאַס, אין יעדן הויז.
און קינדער האָבן זיך געשפּילט מיט זייער פאָטערס לאַנגע בערד
און איבער אַלטע ספרים זינגענדיק און שטענדיק טיף פאַרקלערט
געזעסן זענען טאָג ווי נאַכט פיל איידעלע יונגעלייט
און מיידלעך האָבן תפילין־זעקעלעך אויסגעניית פון גאָלד און זייד.
און אַלע מיידלעך האָבן אויסגעזען אַזוי ווי שטערן ריין.

די פובליציסטישע באַזינגער פון שטעטל, די א. גאָלאָמבס, א. מענעסעס און שלמה סיימאָנס, וואָס וואָלטן געוואָלט אונדזער לעבן אין די אַמעריקעס פאַרעמען שטעטלדיק, וואָלטן אָט די שורות געקענט נעמען אַלס מאָטאָ.

משה־לייב איז אָבער פאָרט געווען צו ניכטער צו בלייבן אַ ראָמאַנ־טיקער און ווען ער נעמט געטרייער אויפלעבן די אַלטע היים אין דער פאַנ־טאַזיע, דערזעט ער, אַז ניט אַלץ איז דאָרט געווען אַזוי אידיליש און פרום. און אין ליד „לייב בער", וואָס שיינט צו זיין דעם דיכטערס אַ שטיק אוי־טאָביאָגראַפיע, דערציילט ער, אַז זיין העלד האָט אין שטעטל אַלע טאָג נאָכן דאַווענען געמוזט אַריינגיין אין קלייט און „לערנען זיך פעלשן די וואָג" און די וווינונג זיינע איז געווען אַ פינצטערע נאָרע מיט לעכער אַנשטאָט פענצטער און גאָר קליינערהייט האָט ער קיין קינדערישן שפּיל נישט גע־ווּסט און דאָס גאַנצע לעבן איז געווען פינצטער, וויסט און אָן פרייד...

משה־לייב האָט זיך באַפרייט פון דער ראָמאַנטיק און זיין אונטערשטע שורה איז:

בענק אַהיים און האָס דיין היימלאַנד,
זיי אַן אָפּגעבראָכן צווייגל
פון אַ בוים אַ לאַנג פאַרדאַרטן.
זיי אַ קליינטשיק אַשנשטויבל
אין אַ ברענענדיקן טורעם.
כעס זיך, מענטשל, אין דיין ווייטיק,
ווען אַ לייב זאָל דאָ פאַרבלאָנדזשען,
וואָלט ער וואָנזיניק געוואָרן,
וואָלט ער זיך אַליין דערעסן.
ווייַן אויף דיינע יאָרן, מענטשל,
ווי אין ים אַריין אַ רעגן
פאַלן דיינע טרערן.

און פונקט ווי ער האָט זיך שווער געראַנגלט מיט דער בענקשאַפט אַהיים, ביז ער האָט זי באַזיגט, ווייל ער האָט פאַרשטאַנען, אַז עס קומט אַ צייט, ווען די דאַזיקע בענקשאַפט הערט אויף צו זיין שעפעריש און זי פאַלט ווי אַ רעגן אין ים אַריין, פונקט אַזוי האָט ער זיך פאַרקערטערהייט געראַנגלט מיט דער גרויסער שטאָט, האָט זי פיינט געהאַט, האָט זי געזען ווי אַ ווילדן ריז, וואָס האָט אָפּגעריסן זין פון טאַטעס און מיט אַ בייטש, וואָס זי האָט אויסגעפּלאָכטן צווינגט זי זיי איר שפּייז אַנגרייטן (זע דאָס ליד „אונדזער ערד״), ביז וואַנען ער האָט סוף־כל־סוף אַקצעפּטירט די גרויסע שטאָט און גענומען זינגען איר געזאַנג:

טראָגן זיך באַנען אַראָפּ און אַרויף,
טראָגן זיך פייגל פון גאָלד און פון גלוט
צינדט זיך מיר אַן באַגער אין מיין בלוט,
הייסער פון גלוט און נאָך העלער פון גאָלד.

אָבער זינגענדיק דאָס געזאַנג פון דער גרויסער שטאָט, האָט ער אויך מער געשריגן סאַרקאַסטיש, ווי טאַקע געזונגען. אין „דאָס ליד פון סוף זונטיק״, וואָס איז געדרוקט אין ערשטן פון די צוויי בענד „משה־לייב האַלפּערן״, וואָס דער „משה־לייב האַלפּערן קאָמיטעט״ האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1934, שוין נאָך דעם דיכטערס טויט, מיט ביאָ־ביבליאָגראַפישע נאָטיצן פון דיכטער אליעזר גרינבערג, איז פאַראַן אַ סך בייזקייט אויף

מאַנהעטן, וואָס ווערט אויסגעדרוקט אין דעם קורצן, איינשורהדיקן רע־פרען: „דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן".

די האַר — אַ דופט פון פאַרב,
די האַנט איז, ווי לעדער שטייף און האַרט,
צוויי גלייכע שותּפים, וואָס האָבן אפשר
אויף קיין בעסערס קיינמאָל נישט געוואַרט.
דאָס ביסל ליבע אין גרויסן מאַנהעטן.

ער האָט אַקצעפּטירט נאָר די גרויסע שטאָט, אָבער נישט איר אָרדע־נונג. עס הויבן זיך אָן באַווייזן ביי משה־לייבן לידער פון סאָציאַלן כאַ־ראַקטער. נישט קיין וויינענדיקע און קלאָגנדיקע ווי ביי מאָריס ראָזנפעלד, נאָר שטורמישע און שטאָלצע:

קנעכטיש בלוט, פון הינט דיין אָפּשטאַם,
טויט דיר צווישן שטיין און אייזן
בלויז אויף דיר אַ שפּיי צו געבן,
זאָל דער נביא זיך באַווייזן.

אָדער:

העי, וועכטער, העי, די פּראַצע שפּאַנט
דורך שטויב און זונענשיין
דאָס אַלטע טויער וואַרפט פאַנאַנד
און ברעכט די אַלטע מויער איין.
דער וועג אין אייגן לאַנד אַריין,
זאָל ברייטער, פרייער זיין.

עס הערט זיך קלאַנג פון מעטאַל אין די סאָציאַלע לידער משה־לייבס, נישטאָ אין זיי קיין קרעכץ און קיין געוויין.

אָבער דער סאָציאַלער פּאַטאָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג אין משה־לייבס ערשטע לידער. על־פּי־רוב זענען דאָס אינדיווידועלע געזאַנגען וועגן אייגענער ליבע און אייגענע געדאַנקען. אין דער עראָטיק איז פאַראַן ריי־טערלעכס ביי משה־לייבן, דאָס יידישלעכע פעלט לחלוטין. אין די ערשטע ליבע לידער איז ער געווען נישט זיכער, האָט זיך פאַר זיך אַליין עפּעס ווי געשעמט. אַזאַ קלוגער, אַזאַ שטאָלענער משה־לייב און ער „ליובקעט" זיך גאָר. פאַרענטפערט ער זיך אין ליד „גיי פאַרטרייב זיי" און זאָגט, אַז עס קומען לייט מיט בלאָטיקע פיס און קריכן דיר אַריין גלייך אין האַרצן, פאַרטרייבט מען זיי, אָבער וואָס טוט מען אַז ס'קומען לייט מיט בלאָנדע

האָר און הימל בלויע אויגן און פאַרוויגן דיר און שוען זינגענדיק די קליי־נע שיכלעך „אויס" און באָדן די שיינע פיסלעך אין בלוט פון האַרצן? און דער דיכטער לאַכט מיט דער צאַרטקייט פון א ליבעס־פּאַזש פון דער חכמה:

וױ קומט אין אַט דעם בלוט אַריין
אַזאַ קאַפּריז פאַרבענקט צו זיין,
פאַרליבט צו זיין און ווילד אַזוי
און דווקא נאָר אין אויגן בלוי
און דווקא נאָר און דווקא נאָר
אין קינדיש ליכטיק־בלאָנדע האָר?
אַהער, איר אַלע קלוגע לייט,
איך גיב אייך גאַנצע דריי טעג צייט
אַ דאַך מיט רענדלעך אויפן טיש,
ווער ס'לייזט מיר אויף דאָס רעטעניש.

משה־לייב דערציילט אַ מעשהלע „וועגן אַ קעניגס טאָכטער", אין וועלכער עס האָט זיך פאַרליבט אַ ווילדער וואַלד־רויבער. ווען דער רוי־בער איז געשטאַנען ביי דער פּרינצעסין, איז ער געוואָרן ווילד און ער האָט

געקניט ביי איר בעט אַלע נאַכט
געקניט און געזונגען דאָס ליד,
דאָס ליד פון אַ שטורמיש רויבעריש האַרץ
וואָס האָט זיך אין ליבע צעגליט.

און דאָס דאָזיקע ליד האָט גערירט יעדן, וואָס האָט דאָס געהערט. משה־לייב האָט אין זיך פאַרמאָגט ווילדקייט פון אַ וואַלד־רויבער, אָבער ווען ער איז געווען פאַרליבט, האָט ער געזונגען צאַרט און ער איז געוואָרן אַ ריטער. זיינע ליבעס־לידער זענען אַ נייעס אין אונדזער פּאָעזיע. זיי זענען ניי מיט זייער קראַפט, שפּילעוודיקייט און מוטיקייט. אין אַלבום אַריין צו צוויי שוועסטער שרייבט ער: „איך האָב אייךביידע ליב", אַן אַנדער ליד הויבט ער אָן מיט די ווערטער: „און דו אַ פרעמדנס פרוי, דו האָסט מיך ליב געהאַט און ביסט געווען מיין ווייב". די צאַרט־ריטערישע באַציאונג צו דער פרוי איז אין אונדזער פּאָעזיע פאַר משה־לייבן נישט געווען, קיינער האָט נישט געוווסט, אַ שטייגער, פון בענטשן אַ פרוי, אויך ווען מען שיידט זיך מיט איר.

וואָס ווילנסטו נישט? איך גיי דאָך שוין אַוועק פון דיר
זאָל זיין פון גאָט געבענטש דאָס האַרץ, וואָס וועט נאָך מיר

אַזוי דיך ליב האָבן, ווי איך האָב ליב געהאַט.
זאָל זיין פון גאָט געבענטשט דער מאַן, וואָס האָט די ווערט
צו נויגן זיך פאַר דיר — דעם שטערן — ביז צו דער ערד,
ווי איך האָב דאָס געטון אין האַרצן שטילערהייט.

אַזאַ באַציאונג איז ביי אונדז אַ רעוואָלוציע. אַ פרוי איז דאָ אַ צאַרט און דאַך זעבלסטשטענדיק באַשעפעניש, נישט עמיצנס אַן אייביקע איינגע־שאַפט... משה לייב האָט באַזונגען אויך די מאָדערנע פרוי, ער האָט באַ־זונגען, נישט נאָר די צנועהדיקע פרוי, „וואָס ציטערט גוט און פרום און נעמט דאַביי איר ליבן מאַן אַרום״, נאָר אויך די דאָזיקע פרוי, וואָס איז „אַ ליכט סיגנאַל, וואָס קומט פון ים אַרויס און טרייבט פון בעט און הויז אין מיטן נאַכט אַ גאַנצע שטאָט צום ברעג״. פאַראַן ליבעס־לידער ביי משה־לייבן, וואָס וואַרטן אויף זייער קאָמפּאָזיטאָר און זיי וועלן אַמאָל העלפן שענער און זינגענדיקער מאַכן דעם אייביקן קאַמף צווישן מאַן און פרוי, וואָס רופט זיך ליבע. משה־לייב איז אין זיין ליבע געווען אי דער ברודער מיט פאַרחלומטע אויגן, אי דער געזונטער ברודער; און דעם ברודער, וואָס „עפּעס איז מיט אים נישט דאָס״ און ער וויינט, ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס האָט אויך משה־לייב אָפּגעגעבן זיינס אין זיינע פילאָ־זאָפיש־סקעפּטישע לידער. זייענדיק יונג האָט ער ווי אַ סך יונגע געזוכט דעם זין פון לעבן און ער האָט געהאַט די נאַאיוויטעט צו גלויבן, אַז מען קען אים געפינען דעמאָלט, ווען מען זוכט אים. ער מאָלט אַ סך מאָל דאָס לעבן ווי אַ זינלאָזיקייט און ווי אַן אַבסורד.

דריי זיך באַריש, דריי זיך נוצלאָז, ביז דו ביסט פון אַלץ אַ מידער,
נאָכדעם גיי אַהיים און וואַרף זיך אויף דיין בעט אַנידער
און ווי נעכטן ליג און רויכער און טראַכט פון זיך און אַלע.

עס פילט זיך אין משה־לייבס סקעפּטישע און פּעסימיסטישע פילאָזאָ־פישע לידער אַ היפּשע השפּעה פון די אימפּרעסיאָניסטישע דייטשע דיכ־טער און מען האָט אים געזען אפילו באַשולדיקט אין פּלאַגירן דעם דייטשן דיכטער ליליענקראָן. אַזאַ דיכטער ווי משה־לייב קען ניט זיין קיין פּלאַגיאַ־טאָר, דאָס בלוט איז כסדר אייגנס און ער זינגט אויך, ווען דער מוח חקירהט. דער פּעסימיזם משה־לייבס דרייט זיך אויס און ווערט פאַר־שטאַנד און אפילו ליבע:

זאָגט צו מיר דער גאַנג פון לעבן: גריבל נישט, ס׳אַן אַלטע מעשה,
האָר פון קינדער שוואַרצע, בלאָנדע, האָר פון זקנים ווייסע

אונ דער פויגל קוים געבוירן, פּרוווט שוין אויס די קליינע פליגל
און אַ פינגערלביים מיילעכל, שטייט דאָס מיידל פאַרן שפּיגל.

אַ דיכטער אַ לאַנדסמאַן משה־לייבס האָט אַמאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז זיין „גאַסנפּויקער״ איז „גענומען״ פון דעם דערמאָנטן ליליענקראָנס „גאַסנזינגער״. און דאָס דאָזיקע איז געווען אַ ווילדע באַשולדיקונג, ווייל מער אייגענעם טעמפּעראַמענט וויפל עס איז אַריינגעטון אין „גאַסנפּויקער״ האָט קיין שום דיכטער נישט געקענט אַריינטון. עס איז אַלצאיינס ווי מען זאָל זאָגן אויף שאַליאַפּינען, אַז ער האָט פּלאַגירט געוויסע לידער, וועלכע אַנדערע זינגער האָבן געזונגען פאַר אים.

עס איז דאָ פּלאַץ צו דערמאָנען, אַז איינער אַ מאַניאַק, וואָס האָט געשריבן לידער און איז פיזיש געווען אַ ריז, האָט אַמאָל געקראָגן אַ משוגעת אָנפאַל און איז צוגעלאָפן אין אַ קאַפע און דערלאַנגט עטלעכע קלעפּ משה־לייבן דערפאַר, ווייל ער גנבעט ביי אים לידער. דער מאַניאַק האָט דעם דיכטער אויסגעזעצט צוויי ציין און אים געלאָזט אַ פאַרחלשטן. מען האָט דעם משוגע־געוואָרענעם אַוועקגעפירט אין משוגעים־הויז און ער האָט זיך, דאַכט מיר, מער נישט אומגעקערט פון דאָרטן. וואַרשיינלעך האָט זיך יענעם געדאַכט, אַז ער פאַרטראַכט די דאָזיקע לידער, וואָס משה־לייב האָט געשריבן... דער דאָזיקער פאַל האָט אין משה־לייבן געלאָזט אַ שווערן טרויער אויף לאַנג און אפשר טאַקע אויף שטענדיק. ער וואָלט אפשר געדאַרפט זיין שטאָלץ פון דעם, וואָס ער איז גראָד א־ם איבערגעפאַלן, אָבער געווען איז ער אי טרויעריק, אי איבערגעשראָקן...

אָט אַזוי איז געווען משה־לייב פאַר דעם וועלט קריג: ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער ראָמאַנטישער בענקשאַפט צים שטעטל און זי באַזיגט, ער האָט זיך געראַנגלט מיט דעם פאָראורטייל צו דער גרויסער שטאָט און אים טיילווייז באַזיגט און האָט אַריינגעבראַכט גרויסשטעטישקייט אין דער ליבעס־פּאָעזיע און אין דער סאָציאַלער פּאָעזיע. ער האָט זיך געראַנגלט מיט דער זינלאָזיקייט פון לעבן און אין דער פילאָזאָפיע זיינער איז ער אין אַ גרויסער מאָס געבליבן דער ברודער מיט די אויגן אַרונטער, וואָס האָט געזען, אַז „עפּעס איז נישט דאָס״, אָבער ער האָט שוין אָנגעהויבן פאַרשטיין, אַז דאָס וואָס איז „עפּעס נישט דאָס״, איז „פּאָרט דאָס״, קיין אַנדער לעבן איז נישטאָ...

אַ נאַכט פון מילחמה, רעוואָלוציע, פּאָגראָם און קאָשמאַר

די ערשטע וועלט־מילחמה און די גרויסע רעוואָלוציעס האָבן משה־לייבן באַפרייט פון זיין סקעפּטיציזם: אַז מען פּילט וויטיק, פרעגט מען נישט צוליב וואָס דאַרף מען לעבן, מען וויל ס׳זאָל אויפהערן ווײ טון. משה־לייב האָט געגומען שרייען פאַר וויטיק, אָבער — ער איז נישט געבליבן נאָר אַ היסטערישער שרייער, ווי אורי צבי גרינבערג אין זיין „מעפיסטאָ״, נאָר ער האָט געשריגן און געמאָלן. דאָס גרויסע געשריי משה־לייבס הייסט „אַ נאַכט״. דאָס איז אַ פאַנטאַסטישע פּאָעמע, איינע פון די קרעפטיקסטע און שוידערלעכסטע פּאָעמען אין יידיש. עס גייט דאָרט פאַרביי דאָס גאַנצע לעבן פון הײנטוועלטיקן מענטשן און יידן.

די תוכחה פון חומש בלאַסט קעגן אָט דער מאָדערנער תוכחה, באַר־ביסעס „פייער״ און אפילו דאַנטעס גיהנום זענען שוועסטער־ווערק פון האַלפּערנס „אַ נאַכט״, וואָס האַלט קוים עטלעכע און זעכציק זייטלעך.

אין האַלבער נאַכט דערזעען מיר אַ מענטשן לויפן אין גאַלאָפּ און אַ רייטער לויפט אים נאָך מיט בייטשן און ער שרייט: „אָהאָי, אָהאָ״. ווער איז דער מענטש? ווער נישט?... דער מענטש פון הײנטיקער צייט. ער האָט זיך געפונען אין אַ פרעמדן הויז, האָט דאָס הויז אָנגעהויבן ברענען מיט אים, ער האָט געזוכט אַן אויסוועג און נישט געפונען. און פּלוצלינג איז פאַרשווונדן דאַך און פּלויט און דער גאַנצער טאָל האָט געברענט. ער האָט גערופן נאָך הילף, און קיינער איז נישט געקומען און דערנאָך איז אָנגע־קומען אַ מחנה מיט ליכט און פאָנען און איינער האָט אים געשטעלט אַ ליכט, געלייגט אַ צלם און מיט אַ שוואַרץ ווייסן טלית פאַרדעקט די אויגן... (אָט אַ דאָס איז די רפואה פאַר דעם מענטשן, וואָס ברענט: אַ פאָן, אַ צלם, אַ ליכט, אַ טלית...) און אַלע האָבן שוין נאָכגעטון דעם איינעם, אים געהילט אין פאָנען און געשטעלט ליכט. אָבער אַ קול האָט צו אים אַ דונער געטון און געשריגן: פאַרשאָלטענער, עס ברענט די נאַכט, לענדער פרעסט דאָס פייער אויף, און דו הילסט זיך אין פאָנען. און ער האָט אַזאַ געשריי אַרויסגעלאָזט, אַז ס׳האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַ בליץ און „דורכגעהאַקט די ערד אויף צוויי״... און מיט גיפט האָט ער שוין געלאַכט וועגן דעם „והיה באחרית הימים״, ווען עס וועט קומען רו און פרידן און ער האָט געפרעגט:

אַ קעניג, מיין דורות פאַרהייליקטער, דו
פאַר וועמען דיין פרידן? פאַר וועמען דיין רו?
דאָס בלוט פון די דורות פאַרגאָסן פאַר דיר
וועט קומען און מאָנען אַן ענטפער פאַר מיר...

דער קאָשמאַר שטייגט... דורך פייער און בלוט קומט אום אַלץ, עס בלייבט אַ קליין מענטשעלע, ווי אַ פינגער די גרויס און —

וואָס טוט אַזאַ מענטשעלע איינער אַליין?

עס שפּילט זיך מיט פייער, מיט בלוט און געוויין. און דאָס דאָזיקע מענטשעלע קומט און וועקט דעם דיכטער. ברענגט אים אַ טויטן קאָפּ און הייסט אים פירן ווי אַ וואנדער דורך די לענדער. אַ קאָפּ פון אַ לעצטן מענטשן. און דער דיכטער דערפילט, אַז ער לעבט אַזוי אינטענסיוו איבער דאָס בלוטנדיקע און שטאַרבנדיקע לעבן, אַז ער פאַרלירט דעם זין. אים דאַכט זיך, אַז עס ליגט אים אויפן האַרצן אַ האַנט, אַ שלאַנג, אַ שטיין און אַ שפּין. אָבער די שלאַנג איז דער האַר פון לעבן, דער שטיין — „די קליפּה, די נויט" און די שפּין —

דאָס איז שוין דער אַנהויב פון וואַנזין אין דיר..."

און עס הויבט זיך אָן אַן עקספּעדיציע איבער דעם גיהנום, ער זעט זיין טאַטן אַ הענגענדיקן און ביי דעם הענגענדיקן טאַטן פּועלט ער, צו ווערן צוריק אַ קינד, און ער הערט שוין ווי ביים וויגל זינגט מען אים נישט דאָס ליד פון ראָזשינקעס און מאַנדלען און פון תורה, וואָס איז די בעס־טע סחורה, נאָר דאָס ליד וועגן עיקר פון היינטיקן לעבן — געלט:

אַז דו וועסט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו אין קאַליאַסן פאָרן,
וועסטו נישט באַצאָלן, ברודער,
וועסטו גיין אויף שטיין און דאָרן.

ער זעט דעם קאָשמאַר פון דער מלחמה און פון דעם פּאָגראָם, וואָס מאַכן אַן אַ חורבן אין יידישן לעבן. דער טאַטע שטאַרבט, דער ברודער פאַרלירט זיינע הענט אין שלאַכט, די שוועסטער ווערט פאַרגוואַלדיקט און די מאַמע פאַלט אַריין אין אַ משוגעים הויז... ווען ערנסט טאָלער האָט געוואָלט ווייזן דאָס צעשאָסענע דייטשלאַנד, האָט ער געוויזן דעם קאַסט־

רירטן הינקעמאַן, אַז משה־לייב האָט געוואָלט ווייזן דעם צעשאָסענעם
יידן, האָט ער אים געוויזן ווי ער האָט פאַרלוירןביידע הענט:

אָנגעוווירן האָט דיין ברודער
נעבעך ביידע הענט אין שלאַכט
קען ער זיך שוין שוין מער נישט קראַצן,
נעמט אים נישט קיין שלאָף ביינאַכט,
ווער וועט פאַר אים דאַוונען איצטער,
ווער וועט תפילין לייגן — ווער?
און מיט שיקסע־בריסט זיך שפּילן
קאָן ער דאָך שוין אויך נישט מער.
און וואָס טויג שוין אַזאַ לעבן,
אַז ס'איז אַזוי פּוסט און וויסט,
אַז ער קאָן שוין אויך קיין שמאַטעס
מער נישט קלייבן אויפן מיסט.

עס איז געשריבן מיט ליצנות, עס רופט אַרויס געלעכטער, עס איז
אָבער אויך געשריבן מיט גאַל און מיט האַרץ. עס איז אין די ליצנותדיקע
שורות פאַראַן אַ טראַגעדיע אַ גאַנצע. און משה־לייב בייט דעם טאָן, ער
נעמט רעדן ווי אַ פרומער ייד, די שורות ווערן ממש פאָלקסטימלעך:

און דיין שוועסטער, וויי דער מאַמען,
אוי, זי איז נאָך גאָר אַ קינד,
אוי, וואָס ווילן זיי די גויים?
אויסגיין זאָל אויף זיי די זינד.
וואָס וועט טון איר חתן איצטער,
וואָס טויג אים די כלה שוין,
אוי, אַן אומשולד איז אַ כלה,
ווי אַ מלכה אָן אַ קרוין.
אויך די מאַמע — וויי דער עלטער,
איז אין משוגעים־הויז...

ער האָט דערזען דעם פיזישן און גייסטיקן חורבן פון אונדזער לעבן.
אַזעלכע וויזיעס זענען מסוגל צו אַרויסרופן משוגעת. און מיט משוגעת
אין קאָפּ פירט אים דאָס קליינע מענטשעלע איבער ווייטערדיקע קאָש־
מאַרן.

דאָס קליינע מענטשעלע לאָזט דעם דיכטער נישט אָפּ. ער פירט אים
אַלץ ווייטער און ווען ער כאַפּט שלאָגן מיטן מענטשעלעס קאָפּ אין וואַנט,
רינט אים בלוט פון זיין אייגענעם קאָפּ, ער רייסט זיין אייגן לייב און שינדט

זיין אייגענע הויט... און אויף דער ערד ליגט אַ תורה און פון דער תורה לייענט מען די תוכחה.

דער דיכטער ווערט אָן זיין זיך, ער גייט צו זיין אייגענער לויה, און דאָ זעט ער קאַשמאַרן, וואָס שטאַמען פון יענע צייטן, ווען מען האָט יידן געוואָרפן אין ניל אַריין, מ׳האָט מיט זיי געמויערט די ווענט און אָט די צייטן ציען זיך ביז היינט. און עס קומט אים אַ ליכטיקער חלום פון רו און פרייד און מען פרעגט ביים דיכטער, צי ער וויל אַ קעניג זיין. ענטפערט ער, אַז ער וויל זיין, אָבער נישט פון דער וועלט, נויגט מען זיך פאַר אים ווי פאַר אַ קעניג און —

מען שטרעקט און ציט מיך אויס
אויף אַ צלם שוואַרץ און גרויס
שלאָגט מען מיך מיט טשוועקעס אָן
און מען רופט דאָס מיין טראָן.

דער ייד ווערט דאָ דער געקרייציקטער, ער ווערט דער גאָט און עס הויבן זיך אָן די שרעקלעכסטע פייניקונגען. פאַרוואָס?

דערפאַר, וואָס דו שלעפסט מיט דיין קעניגס טרוים אונדז
אָן אויפהער, לאַנד אויס, לאַנד איין...

און אַזוי צעררייסט מען זיין גאַנץ לעבן אויף זיבן טיילן. פון אים בלייבט גאָרנישט. און שוין נישט זייענדיק שפּירט ער אַ צייט פון דער־לייזונג, ווען מ׳וועט זיך שפּילן מיט קינדער און אַקערן די פעלדער, נאָר

איך וועל אין אַ הויז אַ פרעמדן
ליגן לעבעדיק באַגראָבן.
שטום ווי אויף אַ טויטן־אינדזל
צווישן פעלדזן — ווענט און ראָבן.

און דער דיכטער בעט זיך, אַז ווען ער וועט טויט זיין, זאָל מען אים צובינדן צו אַ פערד און לאָזן טויטערהייט, פון קיינעם נישט באַגלייט אין וועג און ס׳זאָל פאַרטיליקט ווערן דער צייכן פון דעם, וואָס איז שוין מער נישטאָ

זאָל זיין, אַז בלויז אַ טרוים פון שרעק
איז דאָ געווען און איז אַוועק.

ער האָט געמיינט, משה־לייב, אַז נאָר איין דור קומט אום, נישט דאָס גאַנצע לעבן, ער האָט געוווסט, אַז

װען די מאָרגן־זון װעט קומען,
װעלן רױשן טײך און מילן,
װעלן מאָרגן־טױ און שטראַלן
זיך מיט בױם און בלומען שפּילן.
װער ס׳עט שפּילן זיך מיט קינדער,
װער מיט אַקערן די פעלדער,
װער ס׳עט מיט די פײגל זינגען
אַטעמענדיק דעם רױש פון פעלדער.

משה־לײב האָט איבערגעלעבט די „נאַכט" און ער איז אױפגעשטאַנען פון איר, אַזױ װי מען שטײט אױף נאָך אַ פּאָלאַרער נאַכט — אַן אַנדערער. דער אַנדערער משה־לײב איז — דער חוזק־מאַכער, דער פּאַראָדיסט, דער ניכטערער חכם־נאַר „זרחי" (אַזױ הײסט זײַנער אַ הױפּט־העלד), ער איז אױפגעשטאַנען, דער מחבר פון זײַן צװײטן און — אױ װײ בײַם לעבן! — לעצטן בוך, װאָס הײסט „די גאָלדענע פּאַװע".

משה־לײב האָט קײן האָן נישט געװאָלט װערן און זיך אָנגעטון אַ לעדערן האַרץ

משה־לײבן איז נישט לײכט אָנגעקומען דאָס װערן אַ חוזק־מאַכער, אַ לץ, אַ פּאַראָדיסט. טיף אין זײַן נשמה איז ער געװען אַ ליבעס־פּאַזש, װאָס האָט געשמײכלט מיט טרערן און װען ר׳האָט געזונגען װעגן גינגילין און מירטלען (די אױסגעטראַכטע נעמען פון משה־לײבס אױסגעטרױמטע געליבטע) האָט בײַ אים דאָס האַרץ געצאַפּלט װי בײַ אַן אַכצן־יעריקן מײדעלע. זײַן קלאַנג איז דאַן געװען אַ גאָלדענער. ליגנדיק בײַם ברעג ים, שױן אַן איבערגעברענטער און איבערגעלױטערטער נאָך דער קאָשמאַרער „נאַכט" פון דער מילחמה און שױן דאַכט זיך אַ דורכאױס רױיקער לץ, האָט ער זיך שטאַרק געראַנגלט מיט דער אײגענער צאַרטקײט און זיך אפּנים, אױך געשעמט מיט איר.

אין דעם בוך „די גאָלדענע פּאַװע", איז משה־לײב שױן גאָר קעמפעריש, טענדענציעז און דערבײַ מיט שכל, מיט חוזק און מיט קונציקע אױפּטוּעכצן מערער װי מיט פּאַטאָס; אָבער — ליגנדיק בײַם ים װערט ער צוריק זינלעך, עראָטיש־בענקענדיק, זינגט װעגן אדם און חוה, װאָס טאַנצן

אַרום דער גאָלדענער פּאַווע, און ער וואַרפט זיך אַריין אַ ביסל אין ליצנות, ווייל ער שעמט זיך צו ווײַנען אויף זיין טרויעריקער ווירקלעכקייט.

פּאָעזיע און פאַנטאַזיע דערזעצן אָפּט דאָס, וואָס איז אין דער ווירק־לעכקייט נישטאָ. אין די נאַאיווע פאָלקס־מעשיות געבן טישטוכער עסן פון אַלדאָס גוטס. די דאָזיקע מעשיות ווערן געשאַפן, ווען דאָס פאָלק הונ־גערט. אין דער צייט ווען די יידן פלעגן אין פּראָג באַפאַלן ווערן און פאַ־גראַמירט ווערן פון כוליגאַנעס, האָבן זיי זיך אויספאַנטאַזירט אַ גולם, וואָס האָט געשלאָגן און געהרגעט די גויים די כוליגאַנעס. וואָס טרויערי־קער און פינצטערער דאָס לעבן, אַלץ העכער און פריידפולער זענען די מעשיות.

און ווען משה־לייב איז געלעגן אַן עלנדער אין ניו־יאָרק ביים ים, און ס׳האָבן די ווייבער מירטעלס פאַר אים די טירן פאַרמאַכט און אַריינגעלאָזט די דאָזיקע, וואָס האָבן געהאַט צו קויפן מתנות, האָט ער זיך אויספאַנטאַזירט, אַז דער זאַמד איז גראָז, אָדער גאָר בעטגעוואַנט און אײדער וואָס ווען איז ער שוין אַ סולטאַן און ער האָט שוין נישט איין מירטל, נאָר אַ גאַנצן הארעם מיט אַ סך ווייבער און ער גיט שוין באַ־פעלן אויף אַן אויסגעטראַכטן „פראַנצויזיש“, וואָס זיין הויפּט־האַר מיט די ברילן פאַרטייטשט אויף גאַליציאַנער יידיש־טייטש אַזוי צו זאָגן:

זיינע מאַיעסטעט — מאַכט ער — דער סולטאַן ווילן
עץ זאָלט אַזוי גוט זיין אויסטון ביז די לאַבער
אַלע זיינע צוויי־און־ צוואַנציק שיינע וואַבער
און עץ זאָלט צעלאַיגן זאַי
ווי זעלנער אין אַ ראַי
די איידעלע פאַרענט און די גרעבערע איין ביסכען ווייטער,
ווייל זאַ בעשטאַיט ער.

אָבער שוין לעבנדיק אין אָט דער פאַנטאַסטישער וועלט, פאַרלירט ער דעם ליצנותדיקן טאָן און ער זינגט צאַרט וועגן מירטלען, וואָס רוי־בער האָבן זי אַוועקגערויבט און — עס מישט זיך אַריין סאַטירע אין דער ליריק, אַזוי ווי ביי היינען —

אַ יידל מיט אַ הארב איז איצט איר מאַן,
ער האָט פאַר איר מיט גערשטן זיבן מאָס באַצאָלט —
און מיט אַ הארקעמל פון פאַלשן גאָלד.

און עס הערן זיך דאָ די זעלבע טענער, וואָס אין די ערשטע ליבעס־לידער זיינע און פון דער גאַנצער קלוגער רייפקייט הערט זיך אַרויס יינגלישע פאַרליבטקייט:

האָסט איבערגעלאָזט דעם ברעג און מיך
אינאיינעם מיט אייטנעמס צוויי אַלטע שיך
און דורכזיכטיק לויטער שיין און קראַנק,
אַזוי ווי די זון ביים אונטערגאַנג,
ביסט אָוועקגעגאַנגען — פאַרגאַנגען,
איז געבליבן נאַכט און גאָרנישט.

קוים נישט זי, איז נאַכט, איז גאָרנישט... אַזוי האָט אויך היינריך הייַנע געזונגען! משה־לייב האָט אַלץ געהערט, ווי דאָס לעבן וויינט, ווי עס ברענט די וווּנד „ווי אַ פייער אין פעלד אין מיטן דער נאַכט אין דער פינצטערער וועלט". ער האָט געזען און געפילט דעם ווייטיק ברענען און שיינען. נישט לייכט איז אים אָנגעקומען צו ווערן לץ. ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט אַמאָל געשריבן אין „אויפקום", אַז צאַרטע לידער געפינט ער ביי משה־לייבן נאָר „אין ניו־יאָרק", אין „דער גאָלדענער פּאַווע" נישט. ס׳איז נישט אמת. ס׳זענען פאַראַן ווייניקער צאַרטע לידער אין צווייטן בוך, אָבער פאַראַן. אין ליד „גינגילי מיין אומעט" זאָגט משה־לייב:

זיי קלאָר, מיין גינגילי,
ווען ער, דיין אָרעמער, יאהאמא, האָט דערזען
די רויטע צייכנס אויף דיינע ווייסע הענט
און ווען ער האָט דערקענט אויף זיי
דעם אָטעם פון טשאָהי טשאַהו זיין פריינט,
האָט ער אפשר געדאַרפט פאַרגויגן זיך פאַר דיר
ביז צו דעם זוים פון קלייד, וואָס נעמט אַרום דיין לייב
און מיט די אויגן בלויז אַ קוש טון דיר צום לעצטן מאָל
דיין האַרץ.

סאַראַ צאַרטקייט! סאַראַ ריטערלעכקייט! סאַראַ פאַרליבטקייט! סאַראַ איבערברענען די אייפערזוכט מיט צאַרטקייט! ער פאַרענטפערט זיך פאַר דער ליולקע פאַר זיינער, וואָס ער רויכערט זי נישט און ער פאַרדרייט אַ פּאַפּיראָס פון ציגאַר פּאַפּיר. ער טוט דאָס נישט, ווייל ער האָט פיינט די ליולקע, נאָר ווייל —

ציגאַר־פּאַפּיר האָט אַזאַ שאָרך און זייד,
וואָס קאָן דערמאָנען, שווייגנדיק, אָן רייד.

דעם אָטעם פון אַ פרוי אין שוואַרצן קלייד,
וואָס איך האָב אויסגעטראַכט — אין שוואַרצן קלייד.

און וויפל צאַרטקייט איז פאַראַן אין אַ גאַנצער ריי לידער אין די דערמאָנטע צוויי בענד, וואָס זענען דערשינען נאָך דעם דיכטערס טויט. דאָס ליד „פרויען" הייבט זיך אָן אַט אַזוי:

פאַראַן פרויען אויף דער וועלט, וואָס לויכטן אויף ווי פרייד
פון ערשטע קינדער רייד.
און ניט מען דאַרף פאַר שיינקייט אַרום זי״.
אַ גאָרטן רויט ווי בלוט און ווייס ווי שניי.
... פאַראַנען וואַרעמקייט אין זייער יעדן ריר,
אפילו פאַר דעם נאַר, ביים שליסל־לאָך פון טיר.

און אַט זענען שורות פון „לידער פאַר מיין פרוי":

ווי דער נאַכטיקער הימל, גאָלד אויף בלוי,
אַט אַזוי מיין קלייד, לאָמיר טראַכטן אַזוי —
איז שיין טאָקע נאָר אויף אַ בלאָנדער פרוי.
און מיינע איז בלאָנד, ניט אינגאַנצן בלאָנד,
נאָר אַזוי ווי אַ פעלדבלום אין האַרבסט, וואָס דערמאָנט,
בלינדע פון שרעק אין מיר ווייטיקן
אַז ווען די זון איז דאָ, וואָלט זי לויכטן געקאָנט —

משה־לייב האָט זיך געראַנגלט מיט דער אייגענער צאַרטקייט און ער האָט זי שווער בייגעקומען. אין זיין שאַפונג איז ער געווען טיף אינ־דיווידועל, און אַלץ, וואָס ער האָט געשאַפן, איז געווען אייגנאַרטיקס, ער האָט אַמאָל געזאָגט: „מיר דאַרפן פנימער, נישט קיין לידלעך". אָבער מען קען זיין אינדיווידועל און דאָך רעוואָלוציאָנער, מען קען דורך זיך וועקן אַלע. און דאָס איז משה־לייב געווען, אָבער ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער מעגלעכער פאַלשקייט אין דער פאָזע, אים איז נישט געפעלן זיך אָני־דערשטעלן ווי אַ האָן און קרייען. אין שוין דערמאָנטן ליד „גינגילי מיין אומעט" לייענען מיר:

זאָגט דער גרויסער וואַנדילייאַ:
דאָס מינדסטע פייגעלע קאָן זינגען, ווען די זון גייט אויף,
קאָן פליען ווען די זון גייט אויף,
און בלויז דער האָן, דער נאַרישער, צעשרייט זיך,
ווי נאָר פאַר אים אַליין וואָלט זיך די זון באַוויזן.

און בלויז אַ קינד אַ קראַנקס, וואָס קאָן נישט שלאָפֿן, וועקט ער
דעם וועכטער קען ער קרייען אַפילו אין אויער אַריין
ער גייט אַהיים און לייגט זיך דווקא שלאָפֿן.
און ווען צעשפּרייט דער האָן די פֿליגל זיינע?
ווען ער באַפֿאַלט אַ שוואַכן ברודער זיינעם
צוליב אַ זערנעלע, וואָס יענער האָט געפֿונען.

דעם „גרויסן וואַנדיליאַ" האָט משה־לייב זיך אַליין אויסגעטראַכט, דאָס איז געווען זיין אייגענער געדאַנק, שפּעטער מיט יאָרן האָט ער דער־זען, אַז אַ סך פֿון די העגנער זענען גאָר קיין העגנער נישט און ער האָט אין דער הקדמה צו ז. וויינפּערס „געקליבענע לידער" געזאָגט:

און די קליינע רויטע חיהלעך (אונדזערע העגנער דאָהי) וואָס זיצן
ביינאַכט אויף קעסט ביים אָרעמאַן — וועקן אויך, נאָר אויף אַן אַנדער
אופֿן — זיי בייסן וואָס דער קאַפּיטאַליסט לאָזט איבער.

משה־לייב האָט נישט געוואָלט ווערן קיין האָן. ער האָט די פּאָזע נישט געוואָלט ליידן, ער האָט זי פֿיינט געהאַט תכלית־שנאה און ער איז בעסער געוואָרן אויף אַ שטיק צייט אַ לץ און אַ ממשל. אין ליד „מיט זיך אַליין" דערציילט ער, אַז יאַהאַמאַ האָט פֿאַרלוירן זיין פֿריילעכקייט, ווייל גינ־געלי האָט אויסגענאַרט דאָס אָרעמע האַרץ ביי אים, האָט דאָס אָנגעבונדן דעם מילנערס בלאָנדן אייזל אויף דעם עק און איז דערמיט אַוועק. פֿרעגט אים משה־לייב, ווו ער וועט נעמען אַ האַרץ, ענטפֿערט יאַהאַמאַ:

דער שוסטער יאַנקל בער, וואָס מאַכט מיר מיינע שיך
איז אין זיין פֿאַך אַ וווּנדער אויף דער וועלט,
האָב איך ביי אים באַשטעלט
אַ האַרץ אַ לעדערנעם פֿאַר זיך,
וועל איך מיר שוין מסתם, ווי זאַרכי זאָגט, ביז צו מיין
לעצטער שעה
מיט אָט דעם האַרץ אַזוי אַרומגיין דאָ.

משה־לייבן האָט דער אומעט אויפֿגעגעסן אַ שטיק האַרץ און ער האָט זיך געפּרוּווט אָנטון אַ לעדערן האַרץ, אָבער דאָס אויפֿגעגעסענע האַרץ האָט זיך אַלעמאָל אַרויסגערוקט. און ביז אין דער לעצטער שעה איז ער אַזוי נישט אַרומגעגאַנגען. ער האָט די לעצטע יאָרן געשריבן אויך פּאַטע־טישע לידער, כאָטש דער חוזק נאָך־טעם איז ביי אים אויף לאַנג געבליבן. אָבער אויך אין די סאַטירעס און קאַטאָוועסן, וואָס ער האָט געשריבן מיטן „לעדערנעם האַרצן" האָט ער אַריינגעבראַכט נייעס.

משה-לייבס אַנטיגוויאַישיזם, שנאה צום יידישן באַלעבעסל און ליבע צו יידישקייט

דער סאַטירישער טאָן האָט האַלפּערינען קיינמאָל נישט געפעלט, אָבער אויסגעשפּראָכענע סאַטירעס האָט ער אָנגעהויבן שרייבן ערשט נאָך זיין קאָשמאַרער „נאַכט" (און אין אָט דער „נאַכט") ער האָט גענומען שרייבן סאַטירעס, פּאַראָדירייען און משלים. קיין גאָר קלאָרע נמשלס האָט ער צו זיינע משלים נישט געהאַט, ער איז אָפט געווען צו קאָמפּליצירט און פלעגט מיט די געדאַנקען אַמאָל פאַרקריכן ערגעץ הויך און בלייבן הענגען, ווי איינער, וואָס איז אַרויף אויף אַ בוידעם און מ׳האָט אים דעם לייטער צוגענומען. אין ליד „אין סאַבוויי" (אונטערערדבאַן), דערציילט ער, אַז אין אַ פאַרטאָג פאָרט ער אַ מידער פון „נאַכט מיט וויין און ווייבער-שיינקייט" און קעגן אים פאָרט איינער פאַרזאָרגן די וועלט מיט זיין פראַצע. שאָקלען זיי זיך ביידע אין באַן און שאָקלענדיק זיך אַזוי, זעט ער שוין אין זיין וויזאַווי זיין טאַטן זיצן איינגעהויקערט אין אַ וועגעלע און פאָרן אויף אַ יאַריד. און קוקנדיק אַזוי ווייטער אויף אים, דער-זעט ער אין אים דעם דאָרפס-מענטשן און אין זיך דעם שטעטל-מענטש. ער הערט ווי דער שטעטל-מענטש דאַוונט גיך, צו קענען אויפעסן די פאַזשימקעס מיט סמעטענע און פון זיין שכן קריכט אַרויס חזיר-פלייש און שטינקענדיקער קעז און קריכט אַריין צו אים גלייך אין שמונה עשרה. וועקט זיך אויף די „שמונה עשרה" פון שלאָף און נעמט וויינען און וויינט אַריין אין אויער אַ ליד פון דער אָפּערע, וואָס ער האָט אַמאָל געהערט, און דאָס האַרטע ברויט מיטן שטינקענדיקן קעז זינגען די מאַרסעליעזע... דער דיכטער וואָלט שוין געוואָלט אַנטלויפן, אָבער ער קען נישט.

הער איך, ווי דאָס ברויט מיט קעז
און דער שמע-ישראל און דאָס חזיר-פלייש
אינאיינעם מיט דער שמונה-עשרה אונטן
מאַכן אַ געוואַלד מען זאָל אַ לייטער ברענגען
איך זאָל צוריק אַראָפּגיין.
איז נישטאָ אַזאַ מין לייטער.

דער דיכטער בלייבט אַזוי הענגען מיט דער צונג אין דרויסן פאַר

פחד און דער עולם מיינט, אַז ער איז אַ לץ, אַ סימן: ער שטעקט אַרויס די צונג...

אָט אָ דער דאָזיקער געמיש און דער געראַנגל צווישן „שמע יש־ראל" מיט חזיר פלייש, איז פּאַר משה־לייבן זייער כאַראַקטעריסטיש. ער איז דורך און דורך נאַציאָנאַליסט, עס איז ביי אים פאַראַן אַן איינגעבוי־רענע שנאה צום „גוי", דער „גוי" האָט ביי אים אַ שלעכטן ריח, ער רויבט צו די לופט ביים יידן. ער האָט איינאיינעם מיטן זיין „יידישן קאָוואַל" גע־זאָגט:

וואָס האָט געוואָלט פון מיר דער כאַם, דער שכן מיינער?
ער האָט געהאַט אַ סאַד, אַ שטיק שוואַרצע ערד
און איך אַ ווערקשטאַט בלויז צו קאָוען אים פערד
האָט ער געזאָגט ס'איז זיינס, דער כאַם, דער שכן מיינער.
אַ העמדל פאַר זיין קינד האָט אויפגענייט מיין ווייב,
האָט ער אַראָפּגעשלעפּט דעם שפּענצער פון מיין לייב
באַגנבעט האָט ער מיך, דער כאַם, דער שכן מיינער.
קוים אויסגעלערנט אים צו האַלטן אין די הענט
אַ לעמפּל, ווי מען דאַרף... האָט ער פאַרברענט דעם דאַך
איבער מיר, דער כאַם, דער שכן מיינער.
איצט דאַר איך ווי זיין אָקס, וואָס שלעפּט נאָך זיך זיין יאָך
דורך ערד פאַרטרוקנטער אַ טויט שטיק אייזן נאָך.
און גאַרנישט טוט צו דעם דער כאַם, דער שכן מיינער.
אַ קרעטשמע האָט ער זיך, דאָרט כאַליעט ער און טרינקט,
אַ קלויסטער האָט ער זיך, דאָרט מאָדליעט ער און שטינקט
און מער באַדאַרף ער נישט דער כאַם, דער שכן מיינער.

די שלעכטע ריחות פון „גוי" רייצן תמיד אויף משה־לייבן און ער איז בייז אויף די דאָזיקע, וואָס האָבן מורא אָנצורופן זאַכן ביי זייערע נע־מען, און ער לאַכט פון זיין העלד זרחי, וואָס זוכט צו ריינוואַשן די „זיבן רויטע מערדער" און ווייל ער ווייסט, אַז זיי קענען מיט אַ הילך פאַרסמען די לופט.

וועט ער דערווייל מיט זיין קעשענע־טיכל
צעפאָכען הינטנאַרום אין די ווינטן,
אַלץ, וואָס ס'עט קומען ביי אייך פון הינטן.

אָבער ווען דער חזיר־פלייש קריכט אַריין אין דער „שמונה־עשרה", זעט משה־לייב, אַז די „שמונה־עשרה" האָט אויך נישט גאָר קיין פיינעם ריח. און ער שטעלט אַוועק דעם יידישן קליינקרעמער און יידישן פריץ,

לחלוטין נישט שענער, ווי ער שטעלט דעם גויאישן בעל־גוף. ער האָפט צו זען זיין רשעדיקן יידן מגולגל ווערן אין אַ הונט, ער לאַכט מיט גאַל פון זיין פעטער, וואָס לאָזט זיך דערנידעריקן פון לעמבערגער דייטש, וואָס באַצאָלט אים אַ ראַניש פאַר דערלאַנגען מיטן פוס אין בייכל פון זיין קליין פלימעניקל און ער האָפט, אַז דער לעמבערגער דייטש וועט ווידער קומען, ווידער דערנידעריקן און שלאָגן און לאָזן אַ ראַניש.

נמאס שטעלט אונדזער דיכטער אַרויס דעם פעטן יידישן באַלעבעסל, דעם „ליבהאָבער פון ציון", ער שילדערט אים מיט אַזוי פיל חוזק און ווייזט אים אַזוי פרעסעריש ווערעמדיק, אַז מיר פילן, אַז ער וויל דער מיט עפּעס ווי מכפר אויף זיין זינד פון אַזוי שאָוויניסטיש באַשוואַרצן דעם גוי. מיר פילן, אַז ער וויל זיין נישט בלויז סאַטיריש, נאָר אויך סאַדיסטיש. אָט ווי ער שטעלט אַוועק אין דער סאַטירע „אהבת ציון" דעם דאָזיקן באַלעבעסל:

מיט אַ בערדל ווי אַ רויטער מאַיער
שאָקלט זיך דער חכם הערשל בייער,
ער זאָגט תורה, די תלמידים הערן
און זיי פאַלן פאַר אים אויפן שטערן.
האָט ער אָפּגעזאָגט אַ שטיקל תורה.
עסט ער אויף דאָס ליכט פון דער מנורה,
און פאַרפאַסט מיט איילבירטן אַ שיסל
און ער זעצט זיך אָפּרוען אַביסל.
אָפּגערוט, באַטאַפּט ער זיך דאָס בייכל,
ווילט זיך, הייסט עס, נאָך עפּעס אַ מאכל.
ברענגט מען אים דעם קוקורוזע קוכן,
איז ער טרוקן, הויבט ער אָן צו פלוכן.
זעצן זיך אַרום אים זיינע ווייבער
גלאָנצט ביי זיי דער בוימל אויף די לייבער.
קנייפּט ער קוכן און ער טרינקט פאַמעלעך,
ווערט אים ווידער אויפן האַרצן פריילעך.
עסט ער אָפּ דער חכם הערשל בייער,
טרינקט ער אויס דראַצן, פאַרצן אייער
חישט זיך אָפּ די לעפצן מיטן בערדל
און ער חלומט פון משיח־פערדל.
וויל ער עס זאָל ווילטון אים צו ליגן
טרייבן שקלאָפן אָפּ פון אים די פליגן
און עס טאַנצט און פויקט פאַר אים זיין גנענדל

מיטן יאַמשעשטאַק אין קופּער פענדל.
איז דאָך אים, דעם חכם הערשל בייער,
טאַקע זייער גוט און זייער טייער
קראַצט ער זיך פאַר ווילטאָג מיט אַ גאָפּל
אין זיין שיינעם וויינגאָרטן ביים נאָפּל
און ער לייגט זיין גנענדל אויפן בעטל
און ער טוט איר אויס דאָס פייגנבלעטל
און ווי שלמה, אונדזער קלוגער קאָניק,
זינגט ער שיר־השירים אויסנוואָניק.

פאַראַן סאַטירע און פאַראַן ציניזם אין די דאָזיקע לידער, אָדער ווי ער אַליין האָט דאָס גערופן: גראָברײדיזם. ער האָט גאָרנישט פּרעטענדירט צו זיין שיינריידעוודיק. ער איז געווען אַ צו גרויסע און צו שטאָלצע פּער־זענלעכקייט, אַז ער זאָל וועלן „פּאָרן, ווי אַ הונט מיט אַ צויג דאָס וואָרט מיט שיינקייט" און גלעטן דעם בירגער איבערן בייכל מיט ווייכע, גלאַטע רייד. זיין חלום איז קיינמאָל נישט געווען, אַז עס זאָל שמעקן פון אים. אין זיין „תפילה פון אַ לומפּ" בעט ער, אַז עס זאָל „עקלען פון זיינע רייד, ווי פון אַ טויטער קאַץ אין מיסט". ער האָט אַריינגעבראַכט די לומפּישע און רעוואָלוציאָנערע נאַקעטקייט און אומפאַרשעמטקייט אין ליד און ער האָט דאָס געטון נאָר פאַר משה־נאַדיר (דער לעצטער האָט די זעלבע נאַקעטקייט אַריינגעבראַכט אין דער פּראָזע, אָבער ביי אים איז די נאַ־קעטקייט געמאַכט, איז אַ מאַניר, בעת ביי משה־לייבן איז זי נאַטור) ער האָט ממש געטריבן פון זיך די אַלע, וואָס ווילן נאָר שיינקייט און געפּוצטקייט אין ליד:

ווער עס גערט נאָך אַ גאָרטן, ווו אַלצדינג בליט
און נאָך רייד, ווי נאָך הורן אין די נעכט
באַשמינקט און באַצירט, זאָל ער גיין צו דעם קנעכט,
דעם באַרימטן פויגל אין פּראַק און שניפּס,
וואָס קניט ווי אַ כאַם פאַר אַ געץ פון גיפּס.

אין גראָבריידיזם אין זיינעם איז פאַראַן באַציאונג און פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, אָבער נאָר צום ייִד, צום „גוי" — נישט. אַזעלכע קסענאָפאָבישע לידער, ווי מען טרעפט ביי משה־לייבן, טרעפט מען ביי קיין שום ייִדישן דיכטער נישט. ער בייזערט זיך און שעלט די ייִדישע פרויען, וואָס שלאָפן מיט „גויאישע הינט", ער דערציילט ווי אַ ייִדיש מיידל זאָגט ווידוי אויף דעם, וואָס זי האָט נישט געפאָלגט די מאַמען און איז געגאַנגען מיט דעם

„גוי" סער דזשאַן. עס פאַרדריסט אים אַלמאַי ער האָט זיין האַס צו מלמדים מיט „מיילער ווי טכוירן אין פעלד" דערשטיקט, אָבער זיין האַס צום „גוי" האָט ער קיינמאָל נישט געשטיקט. ער האָט אים געלאָזט בושעווען און אָן אויפהער גערזידלט און געשאָלטן דעם כאַם, וואָס האָט פאַרקויפט דעם פריץ אַ טאָג פראַצע און האָט דאָס געלט פאַרזשליאָקעט און גע־גאַנגען אַהיים שלאָגן דאָס ווייב.

משה־לייב האָט שפּעטער אָנגעהויבן שלום מאַכן מיטן גוי. ער האָט זיך אין געדאַנק גענומען שטעלן אינדערמיט צווישן ייד און גוי, זיי ביי־דע אָנרופן ברידער —

ייד, מיין ברודער, זאָג אויב דו ווייסט
וואָס איז הייליק?
גוי, מיין ברודער, נישט דאָס קינד מיט דער מאַמען
אויף לייוונט געמאָלט,
און נישט אויפן פריסטער דאָס קלייד פון גאָלד,
נאָר דאָס אייביק קויטיק פאַרהאָרעוועטע לייב
פון דיר אַליין מיט דיין קינד און ווייב,
אָט דאָס איז הייליק.

ער האָט שלום געמאַכט צווישן ייד און גוי דורכדעם, וואָס ער האָט זיי ביידע געלערנט האַסן די רעליגיע, דעם טראַן אין ליבהאָבן און גלויבן אין דער אַרבעט. ער האָט ביידע רעליגיעס געשמיסן מיט גאַל און חוזק:

ווער וועט ראַטעווען די וועלט,
אַז דער הונגער ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער?
דער הויפּהאַר האָט ווייַן זיבנהונדערט פעסער
און רב און גלח, גאָטס וואונדער צו ווייזן
וועלן צונויפמישן בלאָטע מיט אייזן
און וועלן פון דעם וואַרעניקעס קאָכן.

ער האָט אויך די יידישע רעליגיע באַזונדער אַרויסגעשטעלט אַלס אַזאַ וואָס ברענגט אַריין אומגליק און פאַרוויסטונג. אין דער „באַלאַדע פון אברהם דעם קצב" דערציילט ער ווי די פרומקייט האָט אומגעבראַכט אַ פאַרליבט פּאָרל, ווילד געמאַכט אַ טאַטן, אַריינגעשלעפּט אין נעץ פון אומגליק אַ גאַנץ שטעטל און ער זאָגט מיט גאַל:

צו דעם האָט מען דאָך אויף אונדזער וועלט
אַ שול מיט אַ קלויסטער אויפגעשטעלט,

וואָס ווייזן אייבער, ווי גולמס אַרויף
צום רויך מיט פויגל, וואָס הויבט זיך אויף.

אָבער ווי ער זאָל נישט פּרווון שלום מאַכן צווישן ייִד און גוי און ווי שטאַרק ער זאָל נישט וועלן אָנצינדן אין ביידנס הערצער אַ שנאה צו דער רעליגיע און צו דער הערשנדיקער אָרדענונג, קען ער בשום אופן נישט קו־מען צו אַן אויסגלייך; ער זעט אַלץ אין יידן אַ קלאָגער און אין גוי אַ גבר און אַ מערדער. זיצט ביים ים דער ייד זאַרכי און דער אַלטער קאַפּיטאַן סיבאַס, איז סיבאַס אַ שטיק נאַטור, ער בראָט פיש

קיין שליטה האָט נישט אויף אים די נאַכט,
וואַרעמט ער זיך ביים פייער און לאַכט.

און זאַרכי רופט טויטע אבות אַרויס און ער ווייזט זיי דעם צימבל אויף זיין שויס און זיי

זעצן זיך צו אים אויפן שטיין
און זיי וויינען, ווי ער אַליין.

אויך דער משומד היינע האָט אַזוי געזונגען וועגן אדמען און יעקבן...

אין דער יידישער רעליגיע זעט משה־לייב פינצטערקייט, אָבער אין יידישקייט זעט ער אַ שיין, זעט ער דאָס ליכט פון אויסלייזנדיקן באַוווסט־זיין. אין דעם פּרט איז אומגעהויער אינטערעסאַנט דאָס ליד „דער רוי־טינקער האָן און מיין זונעלע". ער זאָגט, אַז זיין זונעלע וועט זיין אַ „קאַ־וואַלטשיקל" (שמיד), זיין קוזשניע וועט שטיין אויף דעם בערגעלע, ווו די זון קומט צוגיין און זיין זון וועט שמעלצן גאָלד און זיי שענקען די זאַנגען אין פעלד, וועלן די זאַנגען לייכטן און די גוימלעך וועלן קומען און וועלן תפילה טון צו זיין זונעלע, וועט ער פון זיי לאַכן און שרייען אויף זיי, אַז זיי זענען „בהמהלעך" און

וועט מיין זונעלע אַ שליידער טון
מיט זיין פיילנבויגן אַ שטיקעלע זון
וועלן קלויסטערלעך זיך צינדן אַזוי,
ווי טרוקענע קאָלאָטקעלעך שטרוי,
וועט ווערן די גוימלעך זייער הייס,
וועלן זיי ווערן ווי וועלפעלעך בייז,
וועלן זיי אַלע מיט אויגעלעך רויט

קומען זיך שלאָגן אויף לעבן און טויט.
וועט מיין זונעלע לאַכן: האָ, האָ,
סאַראַ לעקישלעך אויף דער וועלט זענען דאָ!
וועלן די גוימלעך שעמעוודיק
זיך וועלן אומקערן צוריק.
וועט מיין זונעלע אַ באַפעל טון זיי:
מען זאָל זיך שטעלן אין ריי,
וועלן גוימלעך שטיין אַזוי ווי מען דאַרף.
וועט מיט נעגעלעך, ווי מעסערלעך שאַרף
מיין זונעלע אָפּגראַבלען פון דער זון
פאַר יעדן אַ שטיקעלע דערפון,
וועלן גוים אַלע ליכטיקע זיין,
און די לאַפּקעלעך מיט זונענשיין,
וועט שוין קיינער נישט דאַרפן שלאָפן ביינאַכט
און שטיבלעך אויף ריגעלעך פאַרמאַכט,
ווייל די גוימלעך וועלן פאַר זיך אַליין
זיך שרעקן שוין אויף רויב צו גיין.

דער יידישער שמיד, דאָס זונעלע פון יידישן דיכטער, וועט שמעלצן גאָלד, פאַרשפּרייטן שיין און ליכט און וועט באַפרייען די גוימלעך פון זייערע קלויסטערס און פון זייער רויבערישע אינסטינקטן. און עס וועט קומען די צייט, ווען מען וועט נישט דאַרפן שלאָפן מיט פאַרמאַכטע טירן און די וועלט וועט זיין אַ פרייע. אַזוי האָט געקוקט אויף דער יידישקייט דער דאָזיקער דיכטער אונדזערער, וואָס האָט אין אונדזער פּאָעזיע אַריינגעבראַכט חוזק, גראָבריידיזם, שנאה צו בירגערלעכקייט בפרט. און דער דאָזיקער דיכטער, וואָס איז געווען דער אפּיקורסישסטער און דער רעוואָלוציאָנערסטער, איז אויך געווען אין אונדזער פּאָעזיע דער נאַציאָנאַליסטישסטער, ער איז טאַקע געווען אַ שאָוויניסט. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז פאַר זיך אַליין אַ רעטעניש און דאָך איז זיין באַציאונג צו יידישקייט נישט קיין רעטעניש, ער איז געווען דער דיכטער פון עקסטרעמען, ווייל ער איז געווען דער אויסדרוק פון אַ ווילדער צייט, וואָס איז פול מיט אָנהויב און סוף. און עקסטרעמען באַגעגענען זיך, האָט זיך ביי אים באַגעגנט גראָבקייט מיט צאַרטקייט און שנאה מיט ליבע.

איז משה־לייב אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער?

איז משה־לייב געווען אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער? איך מיין, צי איז ער אויסער זיין באַציאונג צו ייד־גוי און צו יידישקייט, געווען אַ פּראָ־לעטאַרישער דיכטער?

אויף אָט דער פראַגע קומט אויס ענטפערן יידישלעך: וואָס מיינט אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער? אויב אַזאַ, וואָס האָט געשטורעמט די אַלטע, גלאַטע, בורזשואַזע פאָרמען פון פּאָעזיע, וואָס האָט נישט געשמינקט דאָס וואָרט און וואָס האָט געשטורעמט קעגן דער הערשנדער אָרדענונג סיי אין אַלוועלטלעכן, סיי אין יידישן לעבן, דאַן איז משה־לייב זיכער געווען אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער. אויב אָבער אַ פּראָלעטאַרישער דיכטער מיינט: אַזאַ וואָס גייט אין שפּאַן, שרייבט אויף באַשטעלונג, גיט זיך נישט אַ דריי נישט רעכטס און נישט לינקס, פאָלגט וואָס מען הייסט אים, באַמיט זיך צו האָבן „איין פּנים מיט אַלע יוונים" דערלויבט נישט צוצולאָזן צו זיך קיין שום ספק און קיין שום פּיצל טרויער, דאַן איז שוין משה־לייב גאָר־נישט קיין פּראָלעטאַרישער דיכטער. ער האָט נישט געזונגען נאָר אין כאָר, ער האָט אויך געזונגען ביחידות, געזונגען לידער פון טרויער, פון פאַרליבטקייט, פון פילאָזאָפישן סקעפּטיציזם און פון פּעסימיזם. און ווען ער האָט געזונגען אין כאָר און ווען ער האָט געזונגען שטורעמדיק דאָס ליד פון כלל, האָט ער דאָס געזונגען מיט דעם אייגענעם קול.

ש. ניגער האָט אין זיין נעקראָלאָג וועגן משה־לייבן געזאָגט, אַז ווען „ער איז קראַנק געוואָרן דאָס לעצטע מאָל, האָבן דאָקטוירים נישט גע־ווּסט, וואָס אים איז און ווען ער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די לעבע־דיקע, האָבן מיר אויך נישט געוווּסט, וואָס אים איז". אַז מען וויל, קען מען זאָגן, אַז משה־לייב האָט אויך נישט געוווּסט, וואָס אים איז, ער האָט ביכלל נישט פאַרשטאַנען דאָס לעבן. אַז ער האָט נישט פאַרשטאַנען דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, אָדער ריכטיקער ווען דאָס איז אים נישט געפעלן, האָט ער געשריגן, אָבער אַז עס איז אים נישט געפעלן דאָס אָרגאַנישע און קאָסמישע לעבן, וואָס האָט ער געקענט טון? שטורמען איז געווען נאַריש, האָט ער געפרעגט קשיות...

ער איז געווען דער טראַגישער אויסדרוק פון היינטצייטיקן מענטשן. די סאָציאַלע רעוואָלוציע אין ראַטנפאַרבאַנד האָט פאַר אים צו ווייניק

זיך געדעכנט מיטן מענטשן און די בורזשואַזע אָרדענונג איז פאַר אים געווען אַ מגפה.

ער איז געווען צופיל מוטיקע און ציניש־נאַקעטע פּערזענלעכקייט, אַז ער זאָל זיך קענען אַריינפּאַסן אין לעבן אַריין און פּשוט האָבן אויף לעבן; ער האָט איינפאַך קיין פּרנסה נישט געהאַט און דאָס האָט נאָך ביי אים אַרויסגערופן מער צאָרן און ציניזם. ער האָט צומאָל גענומען קוקן אויף זיך אַליין ווי אויף אַ... פערד, אָדער אַ שלימזל. אַז ער האָט אַמאָל אַ ביסל הנאה געהאַט פון לעבן, האָט ער זיך געשראָקן דערפאַר. אין ליד „פון אַ בריוו מיינעם" שרייבט ער:

ס'זאָל זיך נאָר נישט אויסלאָזן אַ טייך
פון מיין ביסל פריילעכקייט נעבעך,
דו ווייסט דאָך, אַז איך בין אַ שלימזל

ווען משה־לייב איז געוואָרן אַ קאָמוניסט, האָט ער אָנגעשריבן אַ ליד „אַ באַנקעט רעדע", געדרוקט אין צווייטן באַנד פון דער אויסגאַבע, וואָס איז דערשינען נאָך זיין טויט. אין אָט דער רעדע דערקלערט ער פאַרוואָס ער חברט זיך מיט די „לייט, וואָס שפּרייטן גראָבקייט אַרום זיך", וואָס זענען „גאָט און קעניג מערדער". פאַראַן אין אָט דעם ליד שורות, וואָס זענען געשריבן ווי לויט באַשטעלונג, (אָבער אַלץ מיט אייגענעם טעמפּע־ראַמענט) און וואָס דערווייזן אויף אַ געוויינלעכן זשורנאַליסטישן אופן, ווי נישט יושרדיק עס איז די וועלט, אָבער אין די שטאַרקסטע און אייגנ־סטע שטעלן איז דער צאָרן דאָ אַ פּערזענלעכער און דער רעוואָלט איז אַן אינטעליגענטישער. דער דיכטער וויל נישט זיין אַ קלאָון אויף אַ רייַ־כער סעודה און פריילעך מאַכן די מאַגנאַטן מיט דעם געוויין פון די אָרעמע, וואָס פאַרשאַפט זיי אַ פאַרגעניגן. אָט ווי טיף־פּערזענלעך דאָס דאָזיקע ליד ענדיקט זיך:

איך זע אַ בוים, און איך אַליין בין ווינט אין זיינע צווייגן,
וואָס צימבלט ווי אויף מיסטגאָפּלען פון טויזנט פרעמדע שטאָלן.
און אונטער מיר מיין גאַס — מיין היים — אָ, וואָלט די זון געפאַלן,
ווי אַ לאָמפּ אויף איר — פיל גרינגער וואָלט מיר זיין די שרעק —
מיין שווייגן — —

קיין גרויער סאָלדאַט אין די קעמפנדיקע רייען איז משה־לייב נישט געווען און ער האָט נישט געקענט זיין, ער איז געווען אַ **פּערזענלעכקייט**

אַ רעוואָלוציאָנער. זיינע נאָענטע קרובים אין דער וועלט־ליטעראַטור זענען אייניקע דייטשע דיכטער בראש מיט ליליענקראָן, ריכאַרד דעמעל און איבערהויפּט דער פּוילישער ראָמאַניסט סט. פּשיבישעווסקי און דער פראַנצויזישער א. מירבאָ. פּונקט ווי די לעצטע צוויי האָט משה־לייב געגעבן אַ ברום מיט אַ „ניין" קעגן דער אַלטער וועלט און דער ברום איז געווען נאָר טיילווייז דער קאָנצענטרירטער אויסדרוק פון דער געשלאָגענער מאַסע, איבערהויפּט איז ער געווען דער וויי־געברום פון דער געפּלאָגטער פּערזענלעכקייט. און אויב משה־לייב איז געווען נישט תמיד אַזוי קלאָר און שאַרף, ווי די דערמאָנטע צוויי, איז עס, ווייל ער איז דער אויסדרוק פון אַ סך קאָמפּליצירטערע צייט און ווייל מיט דער גאַנצער לייבן־קראַפט זיינער איז ער צומאָל געווען שוואַך. ער זאָגט אַליין:

אַפּנים, אַז נישט מיט די אויגן הערט מען
ווען מען ליגט אַליין אַן שלאָף און מען טראַכט.
און אַפּנים, אַז נישט מיט די אויגן זעט מען
די וועלט אין דער פינצטער אין מיטן דער נאַכט.

און ווען עס איז געקומען צום זען און הערן נישט מיט די אויגן און מיט די אויערן, האָט אים אויסגעפעלט קאָנצענטרירונג־קראַפט און ער איז געוואָרן כאַאָטיש. פאַראַן פאָרמען ביי משה־לייבן, וואָס זענען ווי פון שטאָל, פאַראַן פערזן מיט קלאַנג, קראַפט, ריטם און נאַטירלעכקייט, ווי ביי קיין שום פון אונדזערע דיכטער און פאַראַן אינהאַלט אין אָט די פאָר־מען, וואָס איז ווי שאַרפע מעסערס, ווי ברענענדיקער פּולווער, זיי שניידן און רייסן אויף. און פאַראַן צומאָל פאָרמען צעפלאָסענע און רמזימדי־קע אינהאַלטן און מען פילט, ווי דער דיכטער איז אויך צו הויך און האָט נישט קיין לייטער... ער איז זיך אַליין אין דעם מודה:

איך זוך רייד און איך געפין
בלינדע פון שרעק און מיר ווייטיקן
און ווערעם, וואָס קריכן אַרום,
ווי אויף אַ טויטן.
וואָס זאָל איך טון? פרעגט דאָס קינד
ביי דער מאַמען.
ווען דער קרעמער האָט אָפּגענאַרט:
איך האָב נישט ביי וועמען פרעגן.

דער טרויער איז געזעסן אינעווייניק אין אים. ווען דער הימל אי־בער אים איז געווען אַ בלויער און אַרום איז שטיל געווען, דערציילט ער אין זיין ליד „דיכטונג" (אין ערשטן באַנד פון דער פּאָסטומער אויס־גאַבע), האָט זיין טרויער אויסגעלאָזט פון אים אַ געשריי, ווי פון מיטן טייך אַרויס. אַ גוי, דער ערגסטער אפילו, צלמט זיך איבער, ווען ער הערט פון זיך אַרויס אַזאַ געשריי, אָבער ער איז האַרט אין זיין פרומקייט, ווי דער שטיין.

פון וואַנען איז אָט דער טרויער געקומען?

ער אַליין מיינט, אַז די שטאָט האָט מיט אירע גלעקער אין אים איר זשאַווער אַריינגעשאָלט און זיין רו איז ווי די רו פון אַ צעפּוילטן שפּאָן אין אַן אויסגעהאַקטן וואַלד. דאָס דאַרף הייסן, אַז ער האָט זיך גע־פילט איינזאַם. און דערפאַר איז אים די זון פרעמד, ווי דער רויך פון קוימען, וואָס הייבט זיך אויף איבער אים. ער מיינט אָבער אויך, אַז דער טרויער קומט פון זיין אייגענער גריבלעניש, וואָס פרעסט אים אויף, ווי אַ וואָלף אַ שאָף.

אָבער אויך די אָרעמקייט איז געווען די סיבה פון זיין טרויער. די אָרעמקייט פון מיליאָנען און די אייגענע אָרעמקייט, וואָס האָט גע־שטאַמט פון פּערזענלעכן און פּערזענלעכקייט־שטאָלץ, זענען געווען די לאַבאָראַטאָריע פון זיין טרויער. אין דעם ביזאַרן ליד „כל נדרי" דער־ציילט ער, אַז ווייל אים איז אומעטיק, דערציילט ער זיך מיט דעם ניגון פון כל נדרי, אַז דער אַלטער קלאָון פון קאַראַכאַמבאַ פלעג אַריינבראָקן ציבעלעס אין דער קאַווע און ער האָט דאָס געגעכן מיט אַ פּראָסטן הילצערנעם לעפל.

אָון זיבן האַרבסט טעג רעגן אין פענצטער
קענען אַזוי אַן טויט נישט דערמאָנען,
ווי די אָרימקייט, וואָס האָט געיאָמערט,
פון זיין יעדן זופּ אַרויסגעיאָמערט.

דאָס אָפענע מויל פון קלאָון האָט געזאָגט צום לעפל, אַז ער וועט גיין אַהין, וווּ זיין ווייב איז שוין און וווּהין די אבות זענען געגאַנגען.

די שטיקלעך ציבעלע אויפן לעפל
האָבן אויסגעזען ווי צעבראָכענע פּערל,
נאָר זיי האָבן דערמאָנט אויך אָן טאַבאַק־פאַרגעלטע
דאַרע פינגער אויף אַ צימבל.

אינאײנעם מיט דעם טרויער פון אָרעמקייט קומט דער טרויער פון טויט. ווען ער איז געווען ייִנגער, האָט ער בראָווירט מיט זײַן ליבע צום טויט, אָבער ווען ער איז געוואָרן עלטער, כאָטש געלעבט האָט ער אײַנגאַנצן 46 יאָר, איז דער טויט געוואָרן דער מאָטיוו פון זײַן געיאָמער.

עס פעלן אים נישט קיין פריידן אויך צומאָל. ער פרייט זיך און לאַכט פון קעניג, וואָס הייסט אײַננעמען די וועלט און די וועלט קען נישט אַרײַן צו אים אין שטאַל און זי בלײַבט אין דרויסן. ער זעט דעם קעניג קומען בעטן אַ ציגאַר טיטון בײַ זאַרכין, ער זעט דעם קעניג קומען אָפּנעמען בײַם שוסטער אַ פּאָר פּאַרריכטע שיך און האָט נישט צו באַצאָלן און ער פרייט זיך דערמיט. אָבער די דאָזיקע פריידן שעפּט ער פון גערדאַנק און פון דער פאַנטאַזיע. די דאָזיקע פריידן זעט ער פון יענער זייט איצטיקע וועלט.

די אומצופרידנקייט, דער טרויער און די בייזקייט שטײַגן ווײַט אַריבער זײַנע פריידן. ער איז אַן אינדיווידועלער אויסדרוק פון מאַסן־אומצופרידנקייט און נאָך מער פון אייגענער אומצופרידנקייט. ער איז אַ רעוואָלוציאָנערער דיכטער, אָבער נישט קיין פּראָלעטאַרישער.

די פיגורן און די טעאַטראַלישקייט

דער עסייאיסט און דיכטער ב. י. ביאַלאָסטאָצקי האָט גערעדט אין זײַן נעקראָלאָג וועגן משה־לייבס פיגורן. איך האַלט, אַז פיגורן האָט אונדזער דיכטער זייער ווייניק. ער איז נישט געווען קיין שילדערער אין אָנגענומענעם זין פון וואָרט. פאַראַן בײַ אים אַ סך נעמען פון העלדן — גינגעלי, יאַהאַמאַ, מירטל, פּאַן יאַבלאָנסקי, זאַרכי, סיבאַס, דער זיידע, הערש־בער דער קצב, לייב־בער אא״וו. אָבער אַן אַבסאָלוט קאָנקרעטער העלד איז נאָר פּאַן יאַבלאָנסקי, אַ געוועזענער פּוילישער פּריץ, וואָס איז געוואָרן אַ יורד צוליב אַ פרוי. די פּאָעמע וועגן פּאַן יאַבלאָנסקי איז אַ קראַפּטפולע דערציילונג. די אַלע איבעריקע נעמען זענען אָדער פאַנטאַזיעס (גינגעלי, יאַהאַמאַ) אָדער אַבסטראַקטע סימבאָלן, ווי מירטל אַ שטייגער, וואָס איז דער סימבאָל פון דער לײַכטער פאַררעטערישער פרוי; אויך זאַרכי איז דער סימבאָל פון דעם ייִדן. די גרויסע פּאָעמע „זאַרכי בײַם ברעג ים״ רופט משה־לייב אפילו ראָמאַן, ער פרעגט אין

לעצטן קאַפּיטל ביי זיין פּרוי, „ווי אַזוי צו פאַרענדיקן דעם ראָמאַן״, אָבער פּאַקטיש איז דער העלד אַן אומקלאָרער פּאַראַדאָקסאַלער סימבאָל פון אַ יידן און קיין האַנדלונג איז אין אָט דער טשיקאַווער פּאָעמע כמעט גאָר נישטאָ; אין „געשריפט אויף זאַרכיס מצבה־שטיין״ דערציילט אונדז משה־לייב ווער זאַרכי איז און מיר ווייסן פּאָרט נישט, ווייל ער אַליין ווייסט אויך נישט, אים דוכט זיך אויס, אַז ער האָט קיין טאַטע־מאַמע נישט געהאַט, איז אַ חיה, אָבער אויך די חיות אַנטלויפן פון אים, אויך אין וואַלד בלייבט ער עלנד און ער באַוויינט זיך אַליין שוין טוי־טערהייט און זאָגט:

> דאָס איז דאָך איך אליין — איך זאַרכי,
> וואָס נישט איך בין אַזאַ, וואָס רופט זיך ייד
> און נישט איך בין אַזאַ, וואָס רופט זיך אַן גוי
> און וואָס איך בין אַזאַ אפילו נישט —
> מען זאָל מיך קענען אָננעמען כאָטש פאַר אַ חיה.

און מיר דערקענען שוין ווער זאַרכי איז — טאַקע משה־לייב אַליין, כאָטש ער רופט אים „פּעטער זאַרכי״. אַלע פּאַראַדאָקסן און תורות זאַר־כיס וועגן די גאָלדענע ביקלעך און גאָלדענע געצן, און וועגן דעם, אַז דער הינטן קען אויסזען ווי אַ שטיק הימל און וועגן דעם, אַז אפילו די פינצטערניש איז אַ געזאַנג און „איר טרויער רינט ווי די אייביקייט לאַנג אויף אַלץ, וואָס איז אייביקער אונטערגאַנג״ איז משה־לייבס; פּאַר אים איז דאָס לעבן געווען אייביקער אונטערגאַנג און אין טויט האָט ער געזען אויפגאַנג. די הויפּט פיגור זיינע איז געווען ער אַליין, דער לומפּ, וואַגאַבונד, תכשיט, שטורמער, דיכטער און פּערזענלעכקייט — משה־לייב האַלפּערן.

קיין פיגורן האָט משה־לייב נישט געהאַט. דערפאַר האָט ער פאַרמאָגט טעאַטראַלישקייט. און אפשר דוכט מיר אַזוי, ווייל טעאַטער איז מיין סטיכיע און איך זע תמיד מיינע באַליבטע דיכטער און זייערע ווערק פאַרקערפּערטע אין טעאַטער... מיר דוכט זיך, אַז משה־לייב האָט אין זיינע לידער פאַרמאָגט אַ סך טעאַטראַלע דינאַמיק און קאָמיזם. מען קען ווייניק יידישע דיכטער אויסנוצן פאַר קליינקונסט, ווי מ׳קען אויסנוצן משה־לייבן. מ׳וואָלט געקענט מיט זיין הילף דעם דאָזיקן זשאַנר אָנגיסן מיט פרישן בלוט און אים פולשטענדיק באַנייען.

איך וועל ברענגען אַביישפּיל: כימעט אין אַלע קליינקונסט טעאַ־טערס ווערט אויפגעפירט די אַלטע פראַנצויזישע באַלאַדע „ראַטאַפּלאַן“ פון בעראַנזשע, עס הויבט אָן דער ליד:

דער קעניג פויקן האָט באַפעלט,
ער גאַרט צו זען דאַמען,
געקומען איינע נאָר און שוין —
דער קעניג ברענט מיט פלאַמען.

און דער קעניג האָט אָט דעם דיאַלאָג מיטן מאַרקיז:

— מארקיז, גיך זאָג מיר ווער זי איז
— ווער איז די פרוי די שיינע
— אַך, מאַיעסטעט, דאָס איז מיין פרוי
איך האָב נישט מער ווי איינע...
— מאַרקיז ביסט גליקלעכער פון מיר,
דיין פרוי איז שיין און רייצנד
אַך גיב זי מיר דיין שיינע פרוי,
באַפעלט דיין קעניג הערשנד.
— מאַרקיז, נישט ברוגז זיי און בייז,
צו וואָס די בייזע בליקן?
דו קריגסט דעם טיטל פון מאַרשאַל
דאָס העכסטע פון די גליקן...
— ווען דו קיין מלך וואָלסט נישט זיין,
וואָלט איך געדורשט נקמה,
אַך, מאַיעסטעט, דו ביסט גערעכט
קאָנסט נעמען מיין נשמה.

און דאָ מישט זיך אַריין די קעניגין און זאָגט:

דעם קעניג באַצויבערט האָסטו מיר
איך טאָר פון צאָרן דענקען,
אָן אָרעמער קעניגין דערלויבט
אַ לעצטן אָנדענק שענקען.
די קעניגין דערלאַנגט האָט איר
אַ קראַנץ פון ווייסע ליליען,
פאַלט פלוצים די מאַרקיזע טויט
פון ריח פון די ליליען.

אין איר אינהאַלט איז די דאַזיקע באַלאַדע נישט מאַנאַרכיסטיש. אדרבה, זי ווייזט די טיראַניע פון די קעניגין. אָבער די פאָרם איז אַזאַ

גלאַטע, אַזאַ עלעגאַנטע, אַז די קעניגין קומען דאָ אַרויס שיין. און נישט אומזיסט האָט מען „ראַטאַפּלאַן" אויפגעפירט אין אַלע צאַריסטישע גימנאַזיעס.

משה־לייב האַלפּערן האָט אָן אַ שיר באַלאַדן מיט מלכים אַלס העלדן. אָבער ווי ניי זיי זענען, ווי מאָדערן און פּראָגרעסיוו! די גלאַטע און גאָרנישט זאָגנדיקע עלעגאַנץ ווערט דאָ פאַרביטן אויף דעם שאַרפן גראָטעסק, אויף סאַטירע. נעמט אַ שטייגער די באַלאַדע פון דעם קעניג, וואָס האָט אַליין געבראַכט די שיך צום שוסטער ער זאָל זיי אים פאַרריכטן. ס'אַראַ ווונדערבאַרע אינסצענירונג מ'קען דאָ מאַכן. דעם שוסטערס שטיבל נישט אַזאַ קליינס ווי אַמאָל, נאָר אַ גרויסער, גרוימער צימער. און דאָס שוסטער־בענקל זעט שוין אַ ביסל אויס ווי אַ טראָן. דער שוסטער זיצט אויבנאָן וואַזשנע. עס שטייט אַ גרויסע ריי מענטשן מיט געלעכערטע שיך. צווישן זיי אַ קעניג מיט אַ שטרויען פיגורל און פּורים־שפּיל קרוין. אַ מאָדערניזירטער לץ זינגט:

די הענט און דאָס פּנים ווי סמאָלע שוואַרץ,
אָבער דאָס ליד, וואָס ברענט אין האַרץ
טראַסציאַ טוואָיעי מאַטערי.
דער קעניג אַליין אין זיין גאַנצער פּראַכט
האָט די שיך צו פאַרריכטן געבראַכט
אַלע (צום קעניג) טראַסציאַ טוואָיעי מאַטערי.

שוסטער:

איז אָבער דער יתום געקומען פריער,
זאָל דער קעניג שטיין ביי דער טיר,
זאָל ער שטיין שטאָלץ און שטייף
איך קאָן נעבן נאָר אַ פייף
טראַסציאַ טוואָיעי מאַטערי...

שוסטער:

באַצאָלן דאַרף מען פאַר לאַטעס אויף שיך,

קעניג:

אָבער אַז ס'מאַכט זיך, מען האָט נישט ביי זיך,
עס טרעפט זיך אַפילו ביי אַ שניידער אַליין,
(וויינט): כ'וועל באַצאָלן מאָרגן, לאָזט מיך גיין!

שוסטער:

טראַסציאַ טוואַיעי מאַטערי.
כ'בין נישט קיין קעניג, כ'בין אַ שוסטער, באַצאָל מיר שוין
אַניט גיב אַהער מיר שוין דיין קרוין.
(כאַפּט אַראָפּ די קרוין).

לץ:

שטייט דער קעניג מיט די פּאַרלאַטעטע שיך
און דער שוסטער מיט אַ קרוין אויפן פּליך
קעניג איז שוין —
נישט דער, נאָר יענער פּאַרשוין
טראַסציאַ טוואַיעי מאַטערי...

די פיגורן און די קליידער גראַטעסקע און די מוזיק אַ געמיש פון קעניגלעכן הימן און פון אַרבעטער־לידער און דאָ ווערט אַ וואונדערבאַרע קליינקונסט־סצענע פון מאָדערנסטן סאָרט, וואָס קען אַרויסרופן געלעכטער און פרייד.

איך וואָלט געקענט אויף אַ סך, אַ סך משה־לייבס לידער אָנווייזן די אינסצענירונג־מעגלעכקייט, אָבער דער איינער ביישפּיל דערווייזט גענוג ווי טעאַטראַליש פאַנטאַסטיש משה־לייבס לידער זענען.

דראַמאַטורגן האָבן מיר זייער ווייניק און די ווייניקע זענען ערשט זייער ווייניק באַקאַנט מיט טעאַטער, אָבער טעאַטראַלער מאַטעריאַל איז פאַראַן אָן אַ שיר אין אונדזער ליטעראַטור, עס דאַרף נאָר קומען דער גרויסער טעאַטראַל מיט אינערלעכער באַציאונג צו אונדזער ליטעראַטור און ער וועט האָבן צו שעפּן מיט שעפל און לעפל און ער וועט אויך ביי משה־לייב האַלפּערן געפינען זייער אַ סך מאַטעריאַל.

אַזאַ איז געווען משה־לייב

איך האָב געהאַט דאָס גליק צו קענען משה־לייבן פּערזענלעך. אַט... ערשט... אין יולי, אויגוסט 1931 האָב איך זיך מיט אים אָפט באַגעגנט אין ניו־יאָרק אין קאַפע „ראַיאַל", אין „קולטור געזעלשאַפט"... אַט ערשט... איך האָב דעמאָלט פאַרעפנטלעכט זיינעם אַ שטיקל פּאָרטרעט. ער אַליין האָט זיך געמאַכט אַ בעסערן פּאָרטרעט... דאָך גיב איך אים

אומגעענדערט. איך ענדער דעם טיטל: אַנשטאָט „אַזאַ איז משה־לייב״ שרייב איך „אַזאַ איז געווען״... אַך, געווען!

„אַ הויכער... און אפשר נישט קיין הויכער, אָבער ער זעט אויס, ווי אַ שטאַרק הויכער. איך האָב אַמאָל געהאַט אַ שטיקל „אינצידענט״ מיט אַ יידישן שריפטשטעלער, אויף וועלכן מען זאָגט, אַז ער איז אַ הויכער. מיר האָבן זיך באַקענט, ווען מיר זענען בײדע געזעסן און מיר האָט זיך געדוכט, אַז ער איז אַ נידעריקער. האָב איך אים געזאָגט:

— די וועלט שרייט דאָך, אַז איר זענט אַ הויכער.

האָט ער זיך אויפגעשטעלט און זיך מיר געוויזן אין דער גאַנצער לענג. טאַקע געווען אַ שטיק „עוג מלך הבשן״, אָבער זיצנדיקערהייט באַמערקט מען דאָס אויף אים נישט. משה־לייב האַלפערינס הויכקייט וואַרפט זיך אין די אויגן. און אַ קרעפטיקער זעט ער אויס, אַ פאַר־האַרטעוועטער, אַ גלייכער. ער ווייזט אויס הוילע מוסקולן. ער איז בלאָנד, האָט אַ לענגעכיק פּנים, ווי אַן ענגלענדער, אָדער ווי אַ דייטש, וואָס טרינקט קיין ביר נישט, און אַ שאַרפן, כימעט בייזן אויסדרוק. אויגן האָט ער בלאָע, פאַראַן אין זיי ווייכקייט און האַרציקייט. ער האָט זיך אַמאָל באַרימט אין אַ ליד „מיין פּאָרטרעט״, אַז ער האָט מילדע אויגן.

בררייטע נאָז און טייוולסברעמען,
ציין און ליפּן וועלפיש ווילד,
אָבער אויגן האָב איך בלויע —
אויגן בלויע, גוט און מילד.

אָבער ער האָט אין זיינע לעצטע לידער אַרויסגעוואָרפן די מילדקייט און די אויגן שאַרפט ער אויך. דאָס דערמאָנטע ליד „מיין פּאָרטרעט״ איז געזונגען צו אַ פרוי; אפשר ווייזט ער אויך איצטער צו פרויען מילדע אויגן, צו מענטשן בכלל — צו דער וועלט בכלל — שאַרפט ער די אויגן.

„די וועלפישע ווילדקייט״ דריקט זיך אויס ביי משה־לייבן נישט נאָר אין די דיקע ליפּן און גרויסע ציין, נאָר אין אַלע באַוועגונגען. ער איז פון פאַך אַ שילדנמאָלער און ער האָט זיך נישט אויסאינטעליגענטעוועט, ער איז פאַרבליבן אין אַלע תנועות, האַוואַיעס און פאַסטעמקעס אַ קרעפ־טיקער אַרבעטער יונג. ער פוצט זיך נישט איבעריק און דאָס שטייפע העמד פון דער „לאָונדרי״ (וועש פאַבריק) וואָס אַלע ניו־יאָרקער מוזן טראָגן, האַרמאָנירט נישט מיט זיין גאַנצן וועזן.

אין שוין צוויי מאָל דערמאָנטן ליד „מיין פּאָרטרעט“ זאָגט משה־לייב, אַז ער האָט „ברייטע שטאַרקע הענט“. ביים באַקענען זיך מיט אים, האָב איך די ברייטקייט און שטאַרקייט פון זיינע הענט דערפילט. מיינע „אינטעליגענטע“ הענט — הגם קיין קטלא קניא בין איך נישט — זענען אין זיינע הענט פאַרפאַלן געוואָרן און געטרעשטשעט. איך האָב געטראָפן יידישע שרייבער מיט האַרעפּאַשנע הענט, אָבער ביי קיינעם נישט ווי ביי משה־לייבן.

ביים ערשטן מאָל, וואָס איך האָב אים געזען, האָט ער זיך געקריגט. די סאַלאָן־קונצן פון טאַקט און טאַקטיק ווייסט ער נישט, ווערט ער בייז, גיט ער אַ געשריי און אַז מען דאַרף, איז איבערן טאַטן. ער איז דאָך אין דער ליטעראַטור אַריין מיט אַ קריגעריי. ער האָט געשיקט אין אַ לעמבער־גער בלאַט אַ ליד. רעדאַקטאָר איז געווען משה קליינמאַן, האָט ער דאָס נישט געוואָלט דרוקן, ווייל עס איז צו גוט, „איז דאָס מיסתמא אַ געלקחנ־טעס“... האָט משה־לייב אַריינגעפּייערט אַ „שלום לידידי בריוול מיט שלשתן“... דאָס ערשטע מאָל האָב איך געזען משה־לייבן טאַקע אויף מיין פּאָרטראַג וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין אַרגענטינע אין ניו־יאָרקער יידישן „פּען“־קלוב. איידער איך האָב געדאַרפט אָנהויבן רעדן, נאָכדעם, וואָס ה. לייוויק האָט מיך פאָרגעשטעלט, האָט אברהם רייזען געבעטן אַ וואָרט. ער האָט געוואָלט אַ רעד טון וועגן מיר, וועגן אַרגענ־טינער יידישער ליטעראַטור בכלל, האָט משה־לייב נישט געוואָלט מען זאָל מער רעדן. ער האָט זיך אפנים געאיילט... האָט ער גענומען שרייען:

— מען דאַרף נישט! מען דאַרף נישט!

און ווען מען האָט רייזענען דאָך געגעבן אַ וואָרט, האָט משה־לייב זיך אויפגעהויבן און איז אַוועק... אַזאַ איז ער משה־לייב! ער ווייסט נישט פון קיין איינהאַלטן דעם כעס. ווען אברהם רייזען האָט געענדיקט, איז ער צוריק אַריינגעקומען און דעם רעפעראַט אויסגעהערט זייער גע־דולדיק און צום שלוס צוגעקומען און פּשוט און פּראָסט מיר געזאָגט:

— איך האָב פון אייך הנאה געהאַט.

און ער האָט דאָך געהאַט אַ טיף־אינערלעכע באַציאונג צו אברהם רייזען; ווען דער מאָדנער קריטיקער קאַליאַ טעפּער האָט אַמאָל אין אַ רעפעראַט צונישט געמאַכט אַלע קלאַסיקער און באַזונדער אברהם רייזען, האָט אים משה־לייב נישט באַדאַנקט, נאָר דווקא דערלאַנגט צוויי פּעטש...

איך האָב דאַן פאַרשטאַנען פאַר וואָס משה־לייב, וואָס איז לויט זיין

נאַטור אַ פּראָלעטאַריער און אַ לומפּן־פּראָלעטאַריער און אַלס דיכטער איז ער אינדיווידואַליסטישערהייט דער נאָענטסטער מיטלויפער צו די קאָמוניסטן — אַ סך, אַ סך נאָענטער ווי פּרץ מאַרקיש, למשל — איז אַוועק פון „די פרייהייט". ער איז אַוועק נישט צוליב די אַ־דעאישע חלוקי־דעות, נאָר ווייל ער קען נישט פאַרליידן קיין עוולות און בשעת עס גיט אים אַ קום דאָס בלוט אין קאָפּ, פאַרלירט ער זיך און קאָנטראָלירט זיך נישט און וויל זיך נישט קאָנטראָלירן און שטעלט זיך נישט פאָר, אַז נאָך עמיצער חוץ אים, קען זיין גערעכט. ער זאָגט אַליין משה־לייב, אַז ער האָט „בלוט, וואָס שרייט און ברענט".

מיר האָט אַ יונגער דיכטער אין אייראָפּע געזאָגט, אַז ער האָט בריוו פון משה־לייבן, וואָס שרייבט אים מיט אָנערקענונג. מיר איז די זאַך פּאָרגעקומען נישט גלויביק. עס האָבן זיך מיר ניו־יאָרקער דיכטער געקלאָגט, אַז משה־לייב אָנערקענט קיינעם נישט און קוקט אויף יעדן יינגערן דיכטער ווי אויף אַ קליין ברודערל. און אַ קליין ברודערל איז דאָך פאַר אַ גרעסערן תמיד אַ קינד, וואָס מען דאַרף שיקן אַ גאַנג. ער מעג שוין אַלט זיין 30 יאָר, ווייזט זיך אונדז נאָך אַלץ אויס, אַז ער האָט נאָך נישט און דאַרף נישט האָבן קיין אייגנליבע און זעלבסטווירדע. ביי אים איז דאָך אַ בוזעם קעשענע אויך אַ חריפות. דעם דיכטער ז. ווײַנפּער האָט דוד בערגלסאָן געצערטלט, חיים ליבערמאַן האָט אים געשריבן: „אַזאַ יאָר אויף מיר, וואָס פאַר אַ דיכטער איר זענט", משה־לייב האָט אים אַמאָל געפרעגט: „מיט אַ דעם פּנים ווילט איר ווערן אַ דיכטער?" און ער איז דווקא דער בעסטער גוטער ברודער מיט ווײַנפּערן. אָבער — אַזאַ איז ער. האָב איך געפרעגט משה־לייבן, צי ער האָט געשריבן יענעם יונגן דיכטער, אַז ער זאָל קומען. משה־לייב האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז ער האָט אין זיין גאַנץ לעבן קיינעם קיין בריוו נישט געשריבן.

איז דאָס מיסתמא אַ שטיקל גוזמא. דער ביאָגראַף משה־לייב האַלפּערינס וועט שוין מוזן שטודירן, צי האָט ער גאָרנישט געשריבן קיין בריוו, צי האָט ער דאָך פאָרט אָנגעשריבן אַ פּאָר בריוו.

לייוויק הייסט היינט לייוויק צוליב משה־לייבס בייזקייט. לייוויקס פאַמיליע איז האַלפּער. זיך באַוויזן האָבן די ביידע דיכטער כימעט אין איין צייט אין דרוק און אויך אין די זעלבע זאַמלביכער. איז בעל־מחשבותן אַמאָל געפעלן משה־לייב האַלפּערינס אַ ליד, האָט ער וועגן

דעם געשריבן אין אַ בריוו פון קאָוונע קיין ניו־יאָרק און ער האָט פאַר־ביטן די יוצרות. געמיינט האָט ער האַלפּערינס ליד, אָבער גרוסן האָט ער געהייסן האַלפּערן. איז משה־לייב בייז געוואָרן און געמאַכט ל. האַל־פּערן אַ סקאַנדאַל. פאַר וואָס? ווייל ער האָט די חוצפה אויך צו הייסן האַלפּער... פון דעמאָלט אָן הייסט ל. האַלפּער ה. לייוויק. עס קען זיך מאַכן אַז דער דאָזיקער נייערער נאָמען לייוויק האָט לייוויקן געהאָלפן ווערן פּאָפּולער. משה־לייבן רופט מען אויך זעלטן האַלפּערן, מען רופט אים משה־לייב. מען פלעג אים אין די ערשטע צייטן פאַרבייטן מיט מאַני לייבן, הגם קיין גרעסערער קאָנטראַסט סיי פּערזענלעך, סיי דיכ־טעריש, וואָס איז פאַראַן צווישן די ביידע „לייבס", קען שוין נישט זיין...

שמועסן וועגן ליטעראַטור איז משה־לייב נישט קיין שטאַרקער בעלן. זיצנדיק ביים טישל אין קאַפע „ראַיאַל", האָט ער ליב אַ בייזער טון זיך וועגן דער וועלט, וועגן פּאָליטיק. ליטעראַטור מאַכט ער ביי זיין שרייב־טיש. און וואָס וועט ער שמועסן וועגן ליטעראַטור, אַז פאַקטיש אָנער־קענט ער כימעט קיינעם נישט?... די גאַנצע יידישע ליטעראַטור אָנער־קענט ער, אָבער אַז עס קומט צו באַזונדערע נעמען, קומט פרי־ער אַ פּראָסט וואָרט, דערנאָך אַ בייז וואָרט און דערנאָך אַ גראָב וואָרט... פאַר־שטייט זיך, אַז עס זענען פאַראַן אויסנאַמען, עס זענען דאָך פאַראַן שריפט־שטעלער, צו וועלכע ער האָט יאָ באַציאונג, אָבער ער מוז זיך דערביי אָנטון אַ כוח.

ער האָט פיינט ליטעראַרישע נודניקעס משה־לייב. ער האָט מיר דערציילט אַמאָל, אַז ער איז געוועזן ערגעץ אין אַ פּראָווינציעלער שטאָט אין אַמעריקע און אַ חברה נודניקעס האָבן אים דאָרט צוגעגרייט אַ באַנ־קעט, האָט ער זיי איבערגעלאָזט און איז אַוועק מיט אַ שיקסע. דאָס וואָרט שיקסע זאָגט ער אַרויס באַטאָנט און מיט גאַל און איך האָב דערפילט דעם לומפּ, וואָס גיט אַ שפּיי דער בירגערלעכער „זיטלעכקייט" אין פּנים. איך האָב אים אָפּדעקלאַמירט אַ פּאָר סטראָפן פון זיין „אַ תפילה פון אַ לומפּ":

נעם מיין טאַלאַנט און גיב אים אָפּ
אַן אַלטן הונט, צי אַ באַלעבאָס,
וואָס וויל אַביסל כבוד אויך,
די ליבע שכנים צום פאַרדראָס,
אַ העלף מיר, העלף מיר, גאָט.

אָ העלף מיר, גאָט,
אַז ווען אין מיטן העלן טאָג
פאַלט אָן אויף מיר אַ גראָבער יונג,
זאָל אויף זיין מאָרדע גלייך מיין פויסט
אַ הילך טון, ווי אַ גלאָקן־קלונג.
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט.
אָ, העלף מיר, גאָט!
עס זאָלן אויך די גוטע פריינט
זיך גריבלען מיט פאַרקריצטע ציין
פון וואָס און ווי אַזוי איך לעב
און איך זאָל דווקא ליידיקגייז,
אָ, העלף מיר, העלף מיר, גאָט!

„ליידיקגיין" איז פאַרשטייט זיך אַזאַ וואָרט. איך משך פון „ליידיק־גיין" שרייבט ער זיינע קרעפטיקע, ווילדע און מאָדנע לידער, וואָס האָבן ווייניק גלייכן אין דער יידישער פּאָעזיע און טאַקע נישט אין דער יידישער אויך. געוועזן צייטן, ווען משה־לייב פלעג שרייבן אויך צאַרטע און שפּילעוודיקע לידער. ביי משה־לייבן צאַרט, איז נישט ווייך און נישט צעקראָכן, נאָר זינגנדיק. פאַראַן ווייניק אַזעלכע לידער ביי אונדז, ווי „גינגעלע", וואָס מען דעקלאַמירט עס נישט אין די גאַסן ביי אונדז, ווייל מיר האָבן אפּנים דאָך קיין יוגנט נישט. אין „גינגעלע" האָט משה־לייב געזאָגט, אַז אפילו ווען ער וועט זיך שוין ליגן אין שנײ און זיך נישט קענען רירן, וועט ער פון פרילינג און בלומען פאַנטאַזירן.

ער האָט אָבער נישט געהאַלטן וואָרט. ער האָט אויפגעהערט פאַנ־טאַזירן אין שנײ פון בלומען און פון פרילינג. ער האָט אפילו אויפגע־הערט צו קרייען ווי אַ האָן, ער ברומט ווי אַ חיה און שטשירעט מיט די ציין. אין זיינע לעצטע לידער איז פאַראַן צאָרן קעגן דער וועלט, וואָס קומט אום און ברענגט זיך אום. ער שפּילט דעם פּאַיאַץ און איז פאַקטיש אַ שטיק נביא. אין דער „וואָך" האָט משה־לייב געהאַט אַ ליד, וואָס הייסט „סאַלוט". ער שילדערט דאָרט, ווי מען לינטשט אַ יונגן, שיינעם קרעפטיקן נעגער, ווייל ער האָט זיך „געטשעפּעט" צו אַן אַלטער מיאו־סער, „ווייסער" מויד. ער שילדערט אין צוויי שורות מיט אַזאַ עקל די אַלטע, ווייסע מויד, אַז מען דערזעט די גאַנצע מיאוסע „ווייסע" ציווי־ליזאַציע.

איך האָב אים געזאָגט:

— איר ווייסט, משה־לייב, אַז אייער „סאַלוט" איז געווען דאָס בעס־טע ליד אין דער „וואָך".

עס זענען דערביי געזעסן אַ פּאָר דיכטער, וואָס האָבן זיך געדרוקט אין דער „וואָך", האָבן זיי מיך אָנגעקוקט טרויעריק און משה־לייב האָט מיר געענטפערט.

— איך האָב געוווסט, אַז אַזאַ יידן ווי איך, וועט דאָס ליד געפעלן.

און צוגעגעבן האָט ער:

— אַזעלכע לידער וואַרפט מען אַרויס אַזוי...

און ער האָט געגעבן אַ מאַך אַ סקאָסנע באַוועגונג, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט איבערהאַקן „סקאָסנע" די וועלט, אַז עס זאָל איר קיין איין גאַנצע ריפּ נישט בלייבן...

און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער האָט מיט אויסערגעוויינלעכער פּלאַסטיק און אויסדרוק איבערגעגעבן די מיאוסקייט פון דער ווייסער, האָט ער געגעבן אַ זאָג.

— יאָ אין פינף שורות...

גלייך ווי עס וואָלט נישט געווען די רייד פון זיין ליד. ער האָט זיך נישט צערעמאָניעט און נישט געמאַכט קיין קונציקע אָנשטעלן פון „טאַקטישקייט".

איך געדענק נישט ווער פון אונדזביידע האָט ציטירט אָט די דאָזי־קע פינף שורות:

> צו אַזאַ מין פליאַקע, איז בעסער — טויט.
> איך זאָג דיר צוצורירן הויט צו הויט
> די נאָז מיטן פּיסק און די הענט מיט די פיס,
> אַ פאַרזשאַווערט שלאָס אויף אַן אַלטן וואַליז
> די ווייסע אַלטע מויד האָט נישט אויסגעזען זיס.

אַזאַ איז ער, משה־לייב!

אַזאַ איז ער, משה־לייב, געווען!

אַך, אַזאַ איז ער, משה־לייב, געווען!

***

פאַראַן אַ קרעפטיק ליד ביי משה־לייבן, וואָס הייסט „יצחק לייבוש פּרץ״; אין דעם דאָזיקן ליד, וואָס הויבט זיך אָן מי׳ט די ווערטער „און דו ביסט טויט״, הערט מען ממש, ווי עס דונערט דעם דיכטערס שטימע, ווי די שטימע פון אַ נביא. ער בייזערט זיך, וואָס מען מאַכט אַ טומל אַרום פּרצס טויט, בעת דער גרעסטער טרויער איז דער שווייגנדיקער.

און מיר, די גרויסע לייט, וואָס דאַרפן שטום
און טיף געבויגן זיין — מיר רינגלען שוין דיין גייסט אַרום
ווי פויערן אין אַ שענק ביינאַכט אַ שיכורן מאַגנאַט
און טרערן האָבן מיר און רייד, ווי פּערל רונד און גלאַט,
ווי רענדלעך גרויס און ווער פון אונדז עס האָט אין מויל א צונג
קלאַפּט אויס אַ ריטמיש ווייגעזאנג, ווי ס׳קלאַפּט אַ שוסטעריונג
אַ גראָבן טשוואָק אין קנאָפּל פון אַן אַלטן שוך.

עס קומט אויס, אַז ווען טויט וואָלט מען באַדאַרפט אָנבויגן דעם קאָפּ און שווייגן. אָבער — משה־לייב האָט זיך געכאַפּט, אַז ער אַליין שווייגט אויך נישט און ער בעט ביי פּרצן ער זאָל אים פאַרגיבן און זאָגט:

ווי קען איך אַנדערש דען? איך האָב דאָך אויך דאָס לעבן ליב.
און אויגן האָב איך אויך און אָפּענע, און איך בין בלינד,
נאָכאַלעמען בין איך דאָך אויך אַ פּראָסטן קרעמערס קינד
און ווי עס בענקט נאָך רעגנגאַנג אַ שטי׳ק פאַרטרוקנטע ערד,
האָב איך זיך אין דיין ליכטיקייט צו לויטערן באַגערט.

איך וואָלט אויך געשוויגן, אָבער מ׳האָט אַזוי ווייניק געקענט משה־לייבן ביים לעבן און אַז מען וועט שווייגן, וועט מען אים דאָך ווייטער נישט קענען און מ׳דאַרף אים דאָך קענען. האַלפּערן האָט אַמאָל געזאָגט ז. ווײַנפּערן, אַז די נאַטור האָט שלעכט באַשאַפן דעם מענטשן, זי האָט אים געדאַרפט מאַכן ער זאָל שיינען און ווען ער וועט דאַרפן שטאַרבן, זאָל ער אויסגעלאָשן ווערן... ביים לעבן האָט ער געשיינט, כאָטש ער איז נישט אויסגעלאָשן געוואָרן, נאָר מ׳האָט אים פאַרלאָשן. ה. לייוויק האָט געזאָגט, אַז מ׳האָט אים דערמאָרדעט. ווער ס׳האָט אים דערמאָרדעט? די שלעכטע אָרדענונג, דאָס אומגליקלעכע יידישע לעבן...

איך וויל די דאָזיקע אַרבעט נישט ענדיקן מיט מיינע ווערטער, נאָר מיט משה־לייבס און איך ברענג דאָ זיינע ווערטער, וואָס ער האָט געזאָגט צו י. ל. פּרץ:

וואָס ביסטו דען געווען פאַר אונדז? אַ לעצטע גלאָוועניע האָלץ,
וואָס ברענט אין סטעפּ ביינאַכט אין רינג פון אַ ציגיינער־שטאַם,
אַ זעגל פון אַ שיף, וואָס ראַנגלט זיך מיט ווינט און ים,
אַ לעצטער בוים פון אַ פאַרכישופטן וואָגלענדיקן וואַלד,
אַוווּ דער בליץ האָט דעמבעס ריזן, טויזנט־יעריק אַלט
פון זייערע וואָרצלען אָפּגעהאַקט. און איצט, וואָס ביסטו איצט?
א מענטש אויף קאַלטער ערד, באַוועגלאָז שטום, ווי אויסגעשניצט
פון מאַרמאָר־שטיין אין שיין פון טויטן ליכט. אַן אָנהויב סוף —
אַ בילד — אַ רגע זעאונג בלויז פון יענעם לאַנגן שלאָף,
וואָס נעמט ביי אונדז דעם טאָג, די נאַכט, דאָס ביסל לעבן צו
מיט נאָר דער שיינקייט פון דער גאַנצער וועלט. איז דאָס די רו
אוי דאָס דער טרוים פון אייביקייט אויף אונדזער טונקלען גאַנג?

מנחם באריישא

דער יונגער דיכטער האָט געטראַכט וויזיאָנעריש

ס'איז געווען אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט פריער געהייסן מנחם און דערנאָך האָט ער זיך גערופן מנחם באַריישאַ. פון געבוירן האָט ער געהייסן מנחם גאָלדבערג און זיינע צוויי ברידער, וואָס זענען אויך געווען שרייבער ביי יידן, — איינער איז ערגעץ „פאַרפאַלן" געוואָרן אין ראַטנ־פאַרבאַנד און איינער האָט אויסגעלעבט אַ קורץ לעבן אַלס ציוניסטישער זשורנאַליסט אין ווארשע, — האָבן זיך טאַקע גערופן גאָלדבערג, אָבער אים, דעם שטענדיקן זוכער פון נישט־פּראַקטישע זאַכן, איז דער גאָלדענער פאַמיליע־נאָמען געווען צו־פּראַקטיש און ער איז אַזוי לאַנג געבליבן נאָר מיט דעם ערשטן נאָמען זיינעם, ביז וואַנען ער האָט דערפילט, אַז דער מאַמעס פאַמיליען־נאָמען באַריישאַ פּאַסט אים בעסער און ער איז פון מנחם געוואָרן מנחם באַריישאַ.

און אַז מען נעמט דערציילן די געשיכטע פון דעם דאָזיקן שרייבער, פאַרטראַכט מען זיך אַ היפּשע רגע און מען זאָגט „מנחם", ס'הייסט: „מנחם באַריישאַ", וואָס איז אייגנטלעך סיי ווי געווען מער ווי איינער; ער האָט, לויט דער יידישער צייטרעכענונג, געלעבט 61 יאָר מיט אַ טאָג און לויט דער נישט־יידישעד רעכענונג האָט ער געלעבט אַזויפיל יאָר, ווייניקער פערצן טעג (געבוירן י"ב שבט תרמ"ה — 26 פעברואַר 1888, נפטר געוואָרן י"ג שבט תש"ט, — 12 פעברואַר 1949). און ער האָט מיסתמא קנאַפּע פופציק יאָר געזוכט אַן אינהאַלט און אַן אָנהאַלט פאַר זיך אַליין און פאַר דעם יידישן פאָלק; און געשריבן האָט ער 47 יאָר. און דאָס זוכן זיינס איז געגאַנגען זיג־זאַגיש און האָט זיך געדרייט צווישן

בערג און טאָלן און אויך צווישן הימל און ערד. ער האָט אָנגעהויבן כימעט ווי אַ רעליגיעזער דיכטער, האָט געגרייכט ביז נאָענטקייט צום באַלשעוויזם און ער האָט פאַרענדיקט כימעט ווי אַ פרומער ייד. קען מען טאַקע וועגן אַזאַ־אָ לעבן נישט סתם דערציילן, מען מוז טראַכטן און דערציילן, שווייגן און דערציילן...

געבוירן געוואָרן איז מנחם אין ברעסט־ליטאָווסק, וואָס מען רופט אויף פשוטן יידיש בריסק און אויף לומדישן יידיש בריסק דליטא. דאָס איז געווען איינע פון די סאַמע עלטסטע יידישע שטעט; זי איז געווען אַ שטיק ירושלים נאָך איידער ווילנע איז דאָס געווען. כאָטש זי טראָגט דעם נאָמען „פון ליטע", איז זי דאָך נישט אינגאַנצן ליטע. דער יידישער דיאַלעקט, וואָס מען האָט דאָרט גערעדט, איז געווען אַ האַלב־וואָלינער און אַ האַלב־ליטווישער און דער קלימאַט איז דאָרט אויך געווען אַ געמישטער. און דאָס גאַנצע לעבן אויך אַזוי. שוין מיט 500 יאָר איידער אונדזער דיכטער איז געבוירן געוואָרן אין בריסק, האָט דער גרויספירשט וויטאָלד דאָרט געגעבן די יידן אַ דערלויבעניש צו בויען אַ קהלה, אַ בית־מדרש און אַ בית־עלמין. אין רבניש־לומדישן יחוס פאַרנעמט בריסק אַ חשובן פלאַץ אין משך פון אַ האַלבן יאָרטויזנט. ר' חיים בריסקער (סאָלאָווייטשיק) איז אין אונדזער צייט געווען איינער פון די שם דברס און דער מהרשל אַליין איז געווען רב אין בריסק מיט אַריבער 400 יאָר צוריק.

ר' שאול וואָל, וואָס איז געווען אַ באַליבטער ראַטגעבער פון פירשט ראַדזיוויל אין זעכצנטן יאָרהונדערט, האָט געלעבט אַ לאַנגע צייט אין בריסק. און מנחם האָט אויך געצויגן יחוס פון דורות. זיין מאַמע זאָל געווען האָבן געשטאַמט פון ווילנער גאון. נישט אומזיסט האָט ער איינעם פון זיינע סאַמע ערשטע בענד לידער אַ נאָמען געגעבן „אַ רינגעלע אין דער קייט".

דער טאַטע פון מנחם באָריישאָ איז געווען אַ העברעאישער לערער, אַ פרומער, אָבער דאָך אַן אָנגעשמעקטער מיט אַביסל השכלה. ער האָט נאָך זיך געלאָזט אַ העברעאישע פאָעמע. דעם זון האָט ער כימעט נישט געשיקט אין חדר אַריין, ער האָט אַליין געלערנט מיט אים לשון קודש. און ער האָט דעם זון געשיקט אין דער אָרטיקער רוסישער פאָלקשול, און ווי מנחם באָריישאָ אַליין דערציילט, האָט ער שוין קינדוויז איבערגעלעבט אין זיך אַ „ויתרוצצו" צווישן ישעיה הנביא און א. ס. פושקין און געצויגן האָט אים צום ערשטן. און אָנגעהויבן האָט ער שרייבן רוסיש

און ער איז דערנאָך דורך העברעאיש געקומען צו יידיש. די סאַמע ערשטע לידער זיינע זענען געווען וועגן אַן אומגליקלעכער ליבע און ווען איין ליד איז אַ געדרוקטס אין אַ וואַרשעווער בלאַט דערגאַנגען צו דער מוטער, האָט זי זיך צעוויינט. איר איז אויסגעקומען, אַז אין איר זונס ליד איז פאַראַן חילול און ניבול פה. דער פאָטער האָט איר געמוזט דערקלערן, אַז ער האָט נישט געמיינט אַ מיידל ממש, נאָר — די שכינה.

אין עלטער פון 17 יאָר איז מנחם געפאָרן קיין וואַרשע און אין אַ קורצער צייט אַרום איז אין דער צייטונג „דער וועג“, אין דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג, וואָס איז רעדאַקטירט פון י. ל. פּרץ, דערשינען דאָס ערשטע ליד פון דעם בריסקער בחור. פּרץ אַליין איז נישט געווען צופרידן מיט דעם דאָזיקן ליד, ער האָט בפירוש געזאָגט, אַז עס טויג נישט. אָבער דער דיכטער אַליין האָט אים יאָ אויסגעוויזן צו טויגן און ער האָט אים געגעבן קרעדיט. און ווען פּרץ האָט אָפּגעדרוקט אויך אַ צווייט ליד פון מנחמען, האָט בעל מחשבות פון דעם חוזק געמאַכט און ס'איז גע־קומען צו אַ „באַטאַליע“ (דאָס דאָזיקע וואָרט איז מנחמס) צווישן פּרצן און בעל מחשבותן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ווען פּרץ האָט מיטגענומען דעם יונגן דיכטער אין אַ דערבייאיקער שטאָט, וווהין ער איז געפאָרן אויף אַן אָוונט, האָט דערפאַר, בעל מחשבות זיך אָפּגעזאָגט מיטצופאָרן.

און בעל מחשבות איז שוין פאַרבליבן אַ קעגנער פון מנחמען אויף זיין גאַנצן לעבן. ער האָט אפילו געדרוקט אייניקע לידער זיינע אין דער צייטונג „טעלעגראַף“, וואָס ער האָט רעדאַקטירט און ער האָט אויך איין מאָל פאַרעפנטלעכט וועגן זיין פּאָעמע „פֿוילן“ אַ גינסטיקע רעצענזיע, אָבער וועגן די לידער, וואָס מנחם האָט גערופן „תפילות“, האָט בעל מחשבות אָנגעשריבן אַן אָפּהאַנדלונג, וואָס דער מחבר האָט באַטראַכט פאַר „אַ מוסטער פון ראַפינירטן ליטעראַרישן מאָרד“. אין אַ קורצער צייט פאַר זיין טויט האָט דער דערמאָנטער קריטיקער אָנגעשריבן אַ פּערזענלעכן בריוו צו מנחם באַריישאַ, וואָס האָט אים ווייטער „אָפּגעזאָגט דאָס לעבן“. בעל מחשבות האָט געזאָגט, אַז מנחם איז אַ „נולד מהול“, עס איז אַלץ ביי אים געווען פאַרטיק און ער קען זיך נישט אַנטוויקלען ווייטער, ווייל עס איז קאָפּ־אַרבעט. פּרץ האָט אויך געהאַט, דערציילט מנחם אויפריכטיק, פון אים מער צער ווי נחת, אָבער ער האָט דאָך געלייגט האָפענונג אויף אים. עס איז פּרצן נישט געפעלן, וואָס ביי

מנחמען איז דעמאָלט אַ צייט געווען אין זיינע ווייס־פערזנדיקע פּאָעמען נאָר טויט און ער האָט אים געוויזן אויף דעם באַרימטן מאָלער לעווי־טאַנס פּייזאַזשן, ווו עס איז פאַראַן „טויט און לעבן און אַלץ". עס איז פּרצן אויך נישט געפעלן דער עיקר פון מנחמס תּפילות, אים איז אויס־געקומען, אַז דער יונגער דיכטער שלעפּט אַראָפּ דעם יידישן גאָט אויף דער ערד און ער האָט אים געזאָגט, אַז דער דאָזיקער גאָט „שטייט נישט אויף סלופּעס, אויף דאַרפישע וועגן". און אויך וועגן זיין פּאָעמע „פוילן", וואָס געהער צו די קאָנקרעטסטע ווערק פון אונדזער דיכטער, האָט פּרץ געזאָגט, אַז די פּוילישע מאַטקאַ באָסקאַ איז אים געקומען אין חלום וואַרגן צוליב אים — „מען קען נישט אַזוי רעדן צו אַ גאַנץ פאָלק". (אין אָט דער פּאָעמע האָט מנחם אויסגעלייגט זיינע יידישע טענות צום פּוילישן פאָלק).

אָט די צוויי צוגאַנגען צו מנחמען פון בעל מחשבותן און פּרצן זע־נען אייגנטלעך אָנגענומען געוואָרן פון לייענער און שרייבער. אַ סך האָבן געהאַלטן מיט בעל מחשבותן, אַ סך מיט פּרצן. די שטאַרקסטע אָנהענגער מנחמס האָבן מודה געווען, אַז ער איז מער פּובליציסט ווי דיכטער. פּרץ אַליין האָט אויך געהאַט אַ היפּשע צאָל פּובליציסטישע דיגרעסיעס אין זיינע קינסטלערישע ווערק, אָבער מנחם איז זייער אָפט געווען דורכאויס פּובליציסטיש. שפּעטער מיט יאָרן האָט מנחם איבער־ציינגט אפילו זיינע קעגנער מיט דעם פאַרנעם און אַמאָל אויך מיט דער טיפקייט און הויכקייט פון זיינע ווערק, וואָס זענען מער אויסן צו זאָגן, ווי צו זינגען. מנחם אַליין האָט אַ יאָר דריי פאַר זיין טויט געפּרוווט דערקלערן רעטראָספּעקטיוו די שווערקייט, וואָס ער האָט באַגעגנט אויף זיין וועג צו אָנערקענונג און ער האָט אָנגעגעבן צוויי מאָטיוון: 1) אין יענער עפּאָכע האָבן יידישע דיכטער אָנגעהויבן צו זינגען, ווי די גויים, און ער איז באַלד געקומען ווי אַ יידישער זאָגער און 2) זיין דור איז אַוועק מיט אַ גרינג האַרץ פון גאָט און די מיינסטע זענען (אָדער האָבן געמיינט, אַז זיי זענען) דערמיט דערלייזט געוואָרן און ער האָט דאָס אַוועקגיין איבערגעלעבט ווי אַ ריס און ער האָט דעם ריס קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו פילן. ער האָט געגאַרט „זיך אַריינצושטעלן צוריק אין אַ גאַנצן סיסטעם פון אמונה".

דער מחבר פון אָט די שורות איז געוואָרן אַ יידישער לייענער(און טאַקע באַלד אַ שרייבער) אין יאָר 1911 און איך האָב דעמאָלט געהאַט

דעם איינדרוק, אַז מנחמס רעליגיעזקייט שטאַמט פון אַנטוישונג אין דער רעוואָלוציע און זי איז נישט קיין עכטע און קיין פולבלוטיקע, נאָר זי איז אַן אַבסטראַקטע ראָמאַנטישע און זי דערמאָנט אין דאַנטעס ליבע צו דער פאַרשטאָרבענער בעאַטריטשע...

ביכדי נישט צו בלייבן עפּעס שולדיק אין אָט דעם פּרט, וועל איך ציטירן דעם אָנהויב פון די „תפילות", וואָס האָבן בשעתם געמאַכט אַן איינדרוק פון עקזאָטישקייט. מען האָט דעמאָלט זיי נישט באַטראַכט ווי טאַקע תפילות, נאָר ווי געבעט־מאַנירן. אייניקע האָבן געזאָגט, אַז זיי זענען פּסעוודאָ־תפילות (אויף דעם שטייגער פון פּסעוודאָ־קלאַסיציזם). איך ציטיר דעם סאַמע אָנהויב, וואָס איז אַ מין לייט־מאָטיוו, וועלכער חוזרט זיך אַ סך מאָל איבער:

קליין בין איך, גאָט,
און איך קען נישט באַגרייפן דיין זיין
אין דער גרויסקייט, וואָס שפּרייט זיך
איבער וועלטן און פינצטערניש
און איך קען דיך נישט ליב האָבן
אַן אומענדלעכן, אַנגעשטאַלטיקן.

דאָס איז בפירוש נישט קיין גלויביקייט און נישט קיין תפילהדיקייט. דער גלויביקער גלויבט אין גאָט טאַקע, ווייל ער איז קליין און גאָט איז גרויס (פּונקט ווי דער מאַן גלויבט אין דער פרוי, ווייל ער איז מאַן און זי איז פרוי) און דער יידישער גלויביקער האָט טאַקע ליב גאָט, ווייל ער איז „אומענדלעך" און „אַנגעשטאַלטיק" און ווייל ער איז אומעטום דאָ און ער איז געננג גרויס פאַר דעם קלענסטן...

אויף אַלע איובס טענות ענטפערט גאָט, אַז ער איז גרויס און מעכטיק און ער מעג טון, וואָס ער וויל. דער פראַנצויזישער פּאָעט־באַנדיט פראַנסוואַ וויליאַן קניט פאַר דעם גורל, ווייל ער קען און טוט אַלץ...

די גלויביקסטע שורות, וואָס מנחם האָט אָנגעשריבן, זענען פאַראַן אין זיין רעטשיטאַטיוון 'קדוש". אָט זענען זיי:

אומעטיק, הארציקע, אויגן צעעפנט,
אין טונקעלן הימל פאַרקוקט זיך, פאַרטראַכט...
אומעטיק איז דיר? וואָס זוכסטו אין הימל?
וואָלקן אויף וואָלקן — אַ טרויער דאָרט זעסטו?
גיב מיר דיין האַנט — וואָס אַ שרעק אין די וואָלקן?

ציטער נישט, ציטער נישט, פאַרכט נישט פאַר זיי,
נענטער צו מיר, כ׳וועל דיר עפּעס פאַרציילן.
ס׳ציט זיך אַ סוד פון דער ערד צו די וואָלקן,
ס׳ציט זיך אַ סוד, א רחמנות־געבעט:
טריף אויף מיר, וואָלקן, איך וויל ווערן פרוכטבאַר!
פילסטו אים, פילסטו דעם סוד פון דער ערד?
ציטער נישט, ציטער נישט... גאָט איז אין סוד.
גלייבסט אין אים? ענטפער מיר, רוים עס מיר איין.
גלייבסטו אין אים?

מאַכן די דאָזיקע שורות פאַרט נישט קיין איינדרוק טאַקע פון איינעם, וואָס וויל לערנען גלויבן אין גאָט, נאָר זיי זענען פאַרט נאָר ווערטער פון אַ מאָדערנעם פּאָעט, אַ פאַנטעאיסט־שפּינאָזיסט.

ביכדי צו פאַרטיידיקן זיינע טעזיסן, אַז ער איז נישט אַקצעפּטירט געוואָרן צוליב זיין נישט זינגען, נאָר זאָגן און זיין גלויבן אין גאָט, וואָלט מנחם געדאַרפט ברענגען באַווייזן פון זיינע לידער, אָבער דאָס דאָזיקע האָט ער נישט געקענט. צווישן זיינע ערשטע לידער איז געווען פונקט אַזוי פיל געזונגענס ווי געזאָגטס און די אמונה איז דאָרט נישט געווען קיין געפונענע, ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, נאָר אַ געזוכטע. און געזוכט גאָט האָבן נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע אַ סך. אויך רוסישע שרייבער האָבן אים געזוכט. אַ באַוויז פאַר אָט די טעזיסן האָט מנחם באַריישאַ געפונען אין זיינעם אַן עסיי מיטן נאָמען „זינגער“, וואָס ער האָט אָפּגעדרוקט אין יאָר 1912. ער האָט אין דער עסיי גערעדט קעגן דעם, וואָס דער זינגער מאַכט אַ ליד וועגן אַן אַראָפּגעפאַלענעם האַרבסט־בלעטל, וועגן אַ קוש, אָדער אַן אָוועקוואַרפן פון אַ מיידל, וועגן חרוב ווערן פון אַ שטאָט, אָדער אויפלעבן פון אַ פאָלק. דאָס יידישע פאָלק אָבער האָט קיינמאָל נישט אונטערגעשיידט צווישן דיכטונג און געדאַנק און „איך האָב דאָס בלוט — האָט מנחם געשריבן — פון מיין פאָלק אין זיך, בלייב שטיין פאַר די לידער פון די נייע זינגער און קען נישט אָפּטרייבן פון זיך די נאַרישע פראַגע: וואָס גייט עס מיך אָן?“ ער האָט געזאָגט, אַז די יידישע דיכטער גייען אַרום אין אַ וועלט פון פרעמדע באַגריפן און זיי זינגען לויט אַ פרעמדן טאָן און זיי ווייסן נישט, אַז זיי בלאָנדזשען אַרום מיט אַ פרעמדער תורה אין קאָפּ, אָבער ער פילט דאָס.

מיט דעם עסיי האָט מנחם דערוויזן, אַז ער איז בעת זיין דעבוט

געוועזן אַנדערש, ווי אַנדערע יידישע דיכטער, אין זיינע געדאַנקען, אָבער נישט אין די שאַפונגען. ער איז אין זיינע ערשטע לידער בשום אופן נישט געווען מער ייד ווי — פּרץ אין זיינע פאַרשידנסטע שריפטן. דאַרף מען אַ שאַרפער וואָרט קעגן דעם העלעניזם, ווי פּרצס „וועגוס און שולמית"? און האָט דאָך אים פּרץ אַליין אָנגעוויזן, אַז אין זיינע תפילות הייבט זיך נישט יידיש אויף צו גאָט אין הימל, נאָר ער שלעפּט גויאיש אַראָפּ דעם יידישן גאָט אויף דער ערד. מנחם איז געוואָרן יידיש־רעלי־גיעז אין די גאָר לעצטע יאָרן און ער איז דאָס געוואָרן נישט צוליב דעם גלויבן אַליין, נאָר ווייל ער האָט זיך איבערצייגט, אַז נאָר דורך גלויבן, נאָר דורך זיין אַן עם קדוש, וועט דאָס יידישע פאָלק קענען האָבן אַ קיום אין דער צעשפּרייטקייט.

און מנחמס שווער אַריינגיין אין דער יידישער פּאָעזיע דערקלערט זיך נישט מיט דעם, וואָס ער איז דעמאָלט געווען יודאיסטיש און די יידישע פּאָעזיע איז געווען העלעניסטיש, נאָר מיט דעם, וואָס זיין גאַנ־צער אופן שרייבן איז געווען אַן אַנדערשדיקער. ער האָט געשריבן ראָ־מאַנטיש אַבסטראַקט און אינזינען געהאַט האָט ער כסדר אַ צו־קאָנ־קרעטן געדאַנק. מען איז נישט געווען גרייט דעמאָלט צו פּאָעזיע, וואָס האָט שטענדיק געוואָלט נאָר עפּעס זאָגן...

איך בין איבערצייגט, אַז אפילו די לעצטע יאָרן איז מנחם נישט געווען רעליגיעז אין דעם זין פון וואָרט, ווי ער אַליין האָט דאָס גע־וואָלט דערקלערן. און צו אָט דער איבערצייגונג האָט מיך געפירט נישט גראָד דאָס, וואָס ה. לייוויק האָט מיר דערציילט, אַז אין די לעצטע יאָרן האָט מנחם זיך געקויפט אַ טלית און אים אַריינגעלייגט אין שופלאָד פון זיין שרייבטיש, אים געוואָלט אָנטון און נישט געקענט. מיך האָט אי־בערצייגט, אַז מנחמס רעליגיעזקייט האָט געשטאַמט פון נאַציאָנאַלע קוואַלן און נישט פון אמונה טאַקע — אַ פּערזענלעכער שמועס, וואָס ער האָט געפירט מיט מיר אין ניו־יאָרק איך 1945 ביי זיך אין הויז. ער האָט מיך געוואָלט איבערצייגן, אַז איך זאָל ווערן פרום און גיין אין שול אַריין דאַווענען און אָפּהיטן שבת. און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז מיינע געדאַנקען זענען אַנדערש, האָט ער מיך געפרעגט, צי ווען איך וואָלט געדאַרפט גיין אויף קידוש השם פאַר דעם קיום פון דעם יידישן פאָלק, וואָלט איך דאָס געטון. איך האָב אים געענטפערט, אַז יאָ, און ער האָט מיר גענומען דערווייזן, אַז אויב מיר וועלן נישט ווערן

צוריק קיין עם קדוש, וועלן מיר נישט עקזיסטירן אַלס וועלט־פאָלק. פאַר מיר איז קלאָר געווען, אַז ער וואָלט געוואָלט לעבן רעליגיעז ביכדי צו ראַטעווען די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק. און אָט־אָ די איבערצייגונג האָבן זיכער געהאַט די אַלע, וואָס האָבן געקענט מנחמען אין די לעצטע יאָר סיי פּערזענלעך, סיי פון זיינע ווערק.

איך וויל דאָ דערמאָנען אַ באַרימט געוואָרענעם ווינטערדיקן אָוונט אין יאָר 1945 ביי חיים גרינבערג אין הויז אין ניו־יאָרק. עס איז געווען נאָך דעם, וואָס בן־גוריון האָט געהאַט זיינעם אַ נישט געלונגענעם אַרויס־טריט קעגן יידיש, ער האָט דעמאָלט דערקלערט יידיש אַלס „אַ פרעמדע שפּראַך, וואָס גרילצט אין אויער". חיים גרינבערג האָט געוואָלט, אַז יידישע שרייבער זאָלן זיך מיט בן־גוריונען אויסטענהן און זיך אַראָפּרעדן פון די הערצער. איינס נאָך איינס האָבן גערעדט אפרים אויערבאַך, י. אָפּאַטאָשו, יעקב באַטאַשאַנסקי, מנחם באָריישאָ, ב. י. ביאַלאָסטאָצקי, יעקב גלאַטשטיין, ה. לייוויק און אברהם רייזען. דערנאָך האָט בן־גוריון געענטפערט. און ער האָט צום מיינסטן געענטפערט באָריישאָן, וואָס האָט פאָרגעלייגט זיין אני מאמין וועגן אַ יידישן וועלט־פאָלק, אָבער אַן עם קדוש. מנחמס געדאַנקען האָבן, ווייזט אויס, שטאַרק געלאָקט דעם, וואָס איז מיט קנאַפּע דריי יאָר שפּעטער געוואָרן פרעמיער פון מדינת ישראל, אָבער ער האָט זיי געטריבן פון זיך. מיר האָבן געהאַט דעם איינדרוק, אַז ווען בן־גוריון וואָלט נישט געגלויבט אין דער מעגלעכקייט צו ראַטעווען דאָס יידישע פאָלק אין ארץ־ישראל, וואָלט ער אַקצעפּטירט מנחמס געדאַנקען. פאַקטיש זענען דעמאָלט פּנים אל פּנים געשטאַנען דער שפּעטערדיקער פרעמיער פון מדינת ישראל און דער „פרעמיער" פון גלותיזם. אויב איר ווילט איז געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן, איינער. וואָס האָט געהאַלטן, אַז גלותדיקייט איז אמתדיקע יידישקייט און איינער, וואָס האַלט, אַז „ככל הגוימדיקייט" איז אמתדיקע יידישקייט. מנחם האָט שטאַרק אַקצעפּטירט אויך ישראל אין זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן, אָבער „אויך" און נאָר אין זיין פּובליציסטיק, אין זיינע ווערק — און איבערהויפּט אין זיין לעבנס־ווערק „דער גייער" — איז ער פאַרבליבן דער גלותיסט.

מנחם באָריישאָ איז מיט זיין געדאַנק וועגן קיום פון יידישן פאָלק אָנגעקומען אין יאָר 1925 ביז צו די קאָלאָניעס פון יידישן ראַיאָן אין דרום־רוסלאַנד און ער האָט אין זיי געזען די רעאַליזירונג פון יידישן געדאַנק, כאָטש אין זיי האָט דעמאָלט געהערשט אַ פּולע „בעזבאָזשיע"

(גאָטלאָזיקייט). פֿאַר אים איז דעמאָלט דער תמצית פֿון יידישקייט געווען סאָציאַלע גלייכקייט. ער האָט דעמאָלט געגלויבט — און ער איז נישט געווען דער איינציקער — אַז דער באָלשעוויזם שאַפֿט סאָציאַלע גלייכקייט און ראַטעוועט דעם יידישן קיום. און דאָס דאָזיקע איז אויך אַ באַווייז, אַז כאָטש דער ענין יידישע אמונה האָט באַריישאָן מער אינטערעסירט ווי אַנדערע יידישע שריפֿטשטעלער, איז ער דאָך נישט שטענדיק געגאַנגען אין אירע וועגן, און אַז דער גאָט פֿון האַרצן האָט צו אים מער אַפּעלירט ווי דער גאָט פֿון שול.

...האָבן מיר געמאַכט אַ שפּאַציר איבער מנחמס אידעען־גאַנג און מיר האַלטן צוריק ביים אָנהייב פֿון זיין דיכטערישן וועג, ווען ער האָט אין יאָר 1906 אָנגעהויבן דרוקן זיינע לידער, פּאָעמען און לי׳דער אין פּראָזע, וואָס זיי זענען געווען אַנדערש, ווי מען האָט אין יענער צייט געשריבן און וועגן וועלכע בעל־מחשבות האָט געזאָגט: „נייך״ און פּרץ האָט געהייסן האָפֿן.

די ערשטע תקופֿה אין מנחמס שאַפֿן דאַרף פֿאַררעכנט ווערן פֿון 1906 ביז 1914, בעת דעם אָנהייב פֿון דער ערשטער וועלט־מילחמה, ווען דער דיכטער איז אינאיינעם מיט זיין פֿרוי שרה בערנסאָן — פֿון אַן אָנגעזעענעם יידישן הויז, פֿון אַ פֿאַמיליע, וואָס שטאַמט פֿון של״ה און האָט אַרויסגעגעבן באַוווסטע רבנים און יוריסטן — אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק. אין אָט דער תקופֿה האָט ער אָנגעשריבן זיינע סעריעס לידער „שוואַרצע רויזן״, „תּפֿילות פֿון אַ שוואַכן״, „זאַמדן״ און זיין פּאָעמע „פּוילן״. דאָס לעצט דערמאָנטע ווערק איז דערשינען נאָך אין פּוילן, אין פֿאַרלאַג א. גיטלין, אין יאָר 1914, די פֿריער דערמאָנטע ווערק זענען אין פּוילן דערשינען נאָר אין זשורנאַלן, צייטונגען און זאַמלביכער און אין בוכפֿאָרם זענען זיי דערשינען ערשט אין ניו־יאָרק, אין די צוויי ביכער „אַ רינג אין דער קייט״ (ליטעראַרישער פֿאַרלאַג — יאָר 1916) און „זאַמדן״ (פֿאַרלאַג „יידיש״ — 1920). ער איז אין משך פֿון די ערשטע אַכט יאָר פֿון זיין שרייבערישער קאַריערע אויך געווען אַ זשורנאַליסט. ער האָט געאַרבעט אין טעגלעכע צייטונגען, געשריבן איבערהויפּט וועגן טעאַטער, אָנגעשריבן אַן אָפּערעטע מיטן נאָמען „האַנקע״, וועלכע מען האָט אויפֿגעפֿירט.

וויל מען מאַכן אַ סך־הכּל פֿון די ערשטע שאַפֿונגען מנחמס, מוז מען זאָגן, אַז ס׳איז געקומען אַ מאָדנער מענטש אין דער יידישער פּאָ־

עזיע אַריין און דער דאָזיקער מאָדנער מענטש איז נישט געגאַנגען מיט דעם גלייכן וועג, מיט וועלכן עס גייען יונגע מענטשן. ער איז אַוועק אין די זייטן אַריין זוכן זין פון לעבן, זין פון וועלט, גאָט... און אפילו ווען ער האָט געזונגען וועגן ליבע איז עס אויך געווען אַנדערש, ווי ביי אַלע יונגע פּאָעטן. אין זיין „אַ ליד פון אַ מיידל" זאָגט אַ מיידל צו אירע חברטעס, וואָס גייען שפּאַצירן:

קוקט נישט, חברטעס, וואָס איך בלייב אַליין,
נישט באַשערט איז פאַר מיר דער ברייטער וועג.
פרעגט נישט, חברטעס, וווהין פירט מיין וועג —
נישט פאַר אייך געדאַכט אין דעם וועג צו גיין.

דאָס דאָזיקע מיידל בענקט נאָך איר געליבטן, וואָס געפינט זיך ערגעץ אין אַ מויערשלאָס, באַוואַכט פון אַ וועכטער, וואָס קלאַפּט מיט דער ביקס אין דער קאַלטער ערד. אוודאי איז דער בחור אַ פּאָליטישער אַרעסטאַנט, אָבער ער מאַכט אויך דעם איינדרוק פון אַ געפאַנגענעם פון זיינע אייגענע געדאַנקען.

דער דיכטער איז אין דער ערשטע עפּאָכע געווען געפאַנגען פון געדאַנקען, וועלכע האָבן אים ממש דערדריקט די עמאָציעס. וואָס ער האָט געוואָלט שילדערן, איז אַרויסגעקומען נישט קיין בילד, נאָר אַ געדאַנק וועגן בילד. אין דער פּאָעמע „שלמהס טויט" איז נישט פאַראַן דאָס לעבן, וואָס ענדיקט זיך מיט טויט, נאָר עס איז פאַראַן אַ לאַמענטאַציע וועגן טויט פון אַ קעניג, וואָס האָט בערג אויף זיך. דורך אַלע וועגן און שטעגן קומט ער, דער טויט, אָבער מען זעט אים נישט, מען הערט נאָר דעם דיכטערס טראַכטן וועגן אים.

און ווען מנחם האָט אָנגעהויבן גאָר פּאָעטיש אַ זאַך, האָט אים שטענדיק אויסגעפּעלט כוח דאָס צו פאַרענדיקן מיט דער פולער ברוסט. אַז ווי עס הייבט זיך אָן זיין „ליד פון אַ צוריקגעקומענעם":

האַלבע נאַכט, דעם קאָפּ געבויגן,
זאַק און שטעקן אין די הענט.
שפּאַנט אַ מענטש אין פינצטער געסל,
שאַרט זיך ביי די שוואַרצע ווענט.
זוכט ער אויף אַן איינזאַם שטיבל,
ס'קלאַפּט דאָס האַרץ, ער קלאַפּט אין טיר,
אוי, ווער איז דאָרט? פרעגט אַ שטימע

און דער פרעמדער ענטפערט איר.
ווערט אַ טירל האַלב געעפנט,
בלייבט דאָרט שטיין אַ בלייכע פרוי,
דו? און ס׳בלייבט איר קול פאַרציטערט,
און די האָר ווי מאָרגן טוי...

איין מאַני לייב האָט אין דער יידישער פּאָעזיע אָנגעשלאָסן אַזאַ אַ לירישן באַלאַדע־טאָן. אָבער די באַלאַדע אַליין איז דאָ לײדער נישטאָ. מער ווי אָט די באַגעגעניש איז גאָרנישט פאָרגעקומען, אויסער דעם, וואָס די יאָרן האָבן ביידן געוואַשן מיט שניי די קעפּ און וואָס דאָס קינד זייערס איז — אַ ברעטל ביים פּאַרקן.

מיט אַ פּאָעטישער שפּראַך האָט מנחם זיך מוטיק אויסגעטענהט מיט דעם פּוילישן פאָלק אין זיין פּאָעמע „פּוילן״. ער האָט געבענטשט דאָס מענטשלעכע פּוילן און געשאָלטן דאָס דאָזיקע, וואָס פירט צו באַיקאָט; ער האָט געלאָזט הערן גאַנץ מוטיקע ווערטער און ער האָט געוויזן דעם גרויסן צינז וואָס יידן האָבן געצאָלט פאַרן אָטעמען די לופט פון פּוילישע פעלדער און וועלדער; געצאָלט מיט געברענט ווערן אין שייטערס פייער אויף קלויסטער פּלעצער... געצאָלט מיט מוזן זינגען און שפּילן און טאַנצן מה יפית. ער האָט געהאַט מוט צו ווייזן די פּאָליאַקן ווי צבועקעס און דאָס גאַנצע לאַנד דאָס פּוילישע, ווי עס איז באַהערשט פון קאָמעדיע שפּילערס פון יעדן סאָרט. (אָט אפנים וועגן דעם האָט פּרץ געזאָגט, אַז צו אַ גאַנץ פאָלק רעדט מען נישט אַזוי!) דער פּריץ שפּילט אָפּ אַ ליבע־סצענעס פאַר דעם פּויער און דער פּויער שפּילט אָן אונטערטעניקייט קאָמעדיע. און אָט זענען די שאַרפסטע ווערטער, וואָס דער יונגער יידישער דיכטער האָט געזאָגט צום פּוילישן לאַנד:

פאַרגיב מיר פּוילן! ס׳איז נישט דיין געווען דאָס ליכט,
וואָס האָט די גראָע הימלען דיינע אונדז באַהעלט.
דאָס האָבן מיר פון הימלען בלאָערע געבראַכט מיט זיך
און אָנגעצונדן אויך ביי דיינער, ווי ביי יעדער שוועל.

אפשר איז אין 1914 נאָך געווען צו־פרי אַזוי צו רעדן צו פּוילן. אפשר האָט מען דעמאָלט נאָך נישט געטאָרט אַזוי רעדן צו אַ גאַנץ פאָלק, אָבער היינט קריגט די פּאָעמע „פּוילן״ פאַר אונדז אַ גאַנץ אַנדער זין. מיר וואָלטן היינט געקענט זאָגן דאָס זעלבע (און נאָך שאַרפער) צו זייער אַ סך גאַנצע פעלקער פון אייראָפּע... מנחם האָט פאַראויסגעזען אַ טאָג,

ווען פּוילן וועט זיך אויפהויבן געלייטערט און ער איז געווען גרייט צו בעטן אין יענעם טאָג צו פאַרגעסן, וואָס ער האָט געזאָגט און נישט דערזאָגט, אָבער — ווען יענער טאָג וועט קומען— וועט ער שוין דאָרט קיין יידן נישט טרעפן...

מ׳קען נישט לייקענען, אַז דער יונגער דיכטער מנחם האָט געטראַכט וויזיאָנעריש!

מאַכט גיט נישט קיין פרייהייט און נישט קיין גליק

פּוילן איז מנחמען געבליבן פרעמד, אַמעריקע איז אים נישט געוואָרן נאָענט. ער האָט אין פּוילן זיך געשראָקן פאַר דעם גייסטיקן יידישן קיום, אין אַמעריקע האָט ער אין אָט דעם פּרט דעמאָלט מיסתמא געהאַט מער מאָטיוון זיך צו שרעקן, כאָטש פיזיש האָט די ערד אין דער נייער היים נישט געברענט אונטער די פיס. ער האָט דאָרט אויך געפילט, אַז אַ פרעמדער גאָט דאַרף באַשיצן אונדזער לעבן. ער האָט דאָרטן געזען ווי עס דרייט זיך די ראָד פון דער טייוולישער מיל און דער מילנער איז נישט זאַט מיטן שפּיל.

אין פּערזענלעכן לעבן האָט דאָס אים געוואָרפן פון אַרבעט צו אַרבעט. ער איז אַריין אין „טאָג״, וואָס האָט זיך געהאַט נאָר וואָס געגרינדעט, איז אַרויס, איז אַריין אין „פירער״, אַ צייטונג, וואָס האָט קוים עקזיסטירט אַ פּאָר חדשים, געאַרבעט אין זשורנאַלן, געשריבן אָפּהאַנדלונגען וועגן פאַרשידענע שרייבער, זיכרונות וועגן פּרצן. ער גיט אַרויס אינאיינעם מיט משה־לייב האַלפּערן אַ זאַמלבוך מיטן נאָמען „איסט בראָדוויי״, קריגט אַרבעט אין „פּיפּלס רעליף״, גייט צוריק אין „טאָג״, אַרבעט דאָרט ווידער אָנדערטהאַלבן יאָר אַלס טעאַטער קריטיקער און זשורנאַליסט. און אין 1920 ווערט ער אָנפירער מיט דער יידישער פּרעסעאָפּטיילונג פון דזשאָינט און ער אַרבעט דאָרט ניין יאָר דורכאַנאַנד.

אין אַפּריל 1915 איז ביי מנחם און שרה באַריישאָ געבוירן געוואָרן זייער בת יחידה אדא. דאָס איז געשען באַלד נאָך דעם, וואָס פּרץ איז נפטר געוואָרן. נאָך דעם גרויסן טרויער איז געקומען, האָט ער געשריבן מיט 20 יאָר שפּעטער, די גרויסע פרייד. אין זיין זיכרון זענעןביידע געשעענישן פאַרבונדן, האָט ער דערציילט אויף דעם ערשטן

באַנד פון פּרצעס געזאַמלטע ווערק, וואָס ער האָט געשענקט זיין טאָכ־טער צו איר 20סטן געבוירנטאָג.

אין משך פון אָט דער גאַנצער צייט האָט מנחם גנעדיבן פּאָעמען און לידער, אין זעלבן נוסח ווי ער האָט אָנגעהויבן. ער האָט כסדר געזוכט אינהאַלט און אָנהאַלט. ער האָט כסדר געזוכט גייסטיקן אָנשפּאַר פאַר דעם לעבן פון יידן. מערקווירדיק איז זיין פּאָעמע „דער פּרעמדער“, וואָס איז פאַרבליבן — דאַכט מיר — די איינציקע הערצל־פּאָעמע אין יידיש.

די דאָזיקע פּאָעמע איז געשריבן ווייך און שטיל. נישטאָ קיין צו הויך שרייען און נישט קיין צו־טיף ברומען. עס איז געזונגען אויף דער מיטל־לאַגע. דער אָנהויב איז אַ פּראָלאָג וועגן בלייכע יונגעלייט, אָפּגע־טראָגענע פאַר דער צייט, וואָס זוכן אַרום משיחן. און די פּאָעמע גופא הייבט זיך אָן מיט אַן איינזאַם שפּאַנען פון אַ לעבעדיקן יינגל „אין לאַנד פון אַמאָלן“. דאָס יינגל קען אַלץ אין אָט דעם לאַנד, אָבער דעם זין פון די ווערטער, וואָס דער ווינט ברענגט ים, פאַרשטייט ער נישט. די ווערטער זענען:

> „נישט איצט נאָך, נישט איצט! וועט קומען אַ שעה
> און ער וועט אַליין זיין אַ היימישער דאָ“.

דאָס יינגעלע ווייסט אַז פאַר פּיין קויפט מען זיך איין די געטלעכע זכיה צו זיין היימיש. און ער וואַרט מיט שרעק אויף זיינע טעג. דאָס דאָזיקע יינגעלע איז הערצל, וואָס זיינע זיידעס זענען געזעסן פאַרטיפט אין גמראס און האָבן „סחורות געלאָדן און תורה געפלאַנצט אין לאַנד פון מאַדיאַר“. די צייט איז געווען אַ טרויעריקע פאַר יידן, אָבער מען האָט דאָס יינגעלע נישט געוואָלט מצער זיין און מען האָט אים וועגן דעם נישט דערציילט. ער האָט געהייסן בנימין, אָבער דער דאָזיקער נאָמען האָט געפּאַסט פאַר אורזיידעס; פאַרן היינט, פאַר דער דינסט, פאַר דער גאַס און פאַר דער שול איז איצטער בעסער צו הייסן טעדי. אָבער דעם צער קען מען דאָך נישט באַהאַלטן. דאָס יינגל טראָגט אַ טרויעריק גע־שטאַלט פון איינעם, וואָס טראָגט זיין צאָרן אין זיך. און ער וואַקסט אויס אַ דזשענטעלמען, אַ דענדי, אַ מענטש פון דער פּען. מ׳קען אין סאַלאָנען דעם מענטשן פון וואָרט מיט דער פּעך־שוואַרצער באָרד. ער וויקלט זיך

אין ווערטער פון זייד, ער גייט, דאַכט זיך, אַוועק פון זיין שטאַם, אָבער נישט צו וויט.

און אין דער הויפּטשטאָט פון פראַנקרייך צעשפּילט זיך די דרייפוס וואַקכאַנאַליע. און ער קען שוין מער זיך נישט וויקלען אין ווערטער ווי זייד און ער פיבערט נעכט און ער קען נישט שלאָפן און ער ווערט דערלייזט דורך אַט דעם געדאַנק:

די וועלט האָט נישט ליב דעם, וואָס האָט נישט קיין היים,
אַ פאָלק אַ צעוואָגלטס מוז האָבן אַ היים.
אַ פאָלק, האָט געהאַט אַ פאַרהייליקטע היים,
דאָס פאָלק מוז זיך אומקערן ווידער אַהיים.

צו וועמען זשע זאָל ער קומען מיט אַט דעם וואָרט? ער רעדט צו מאַגנאַטן, ווילטועד און זיי זאָגן אים, אַז ס'איז נישט פאַר זיי. און די זעאונג לאָזט אים נישט רוען. דאָס זעלבע קול, וואָס האָט גערעדט צו משהן, רעדט צו אים. און ער האָט צונויפגענומען זיינע ברידער אין פאַרשידענע קליידער און דערקלערט, אַז מיר זענען געקומען מעלדן דער וועלט, אַז מיר זענען איין פאָלק און צו דערהויבן די פאָן פון אונדזער דערלייזונג. דאָס קינד זיינס אין וויגל דערציילט אים, אַז זיי זענען יידן; דאָס קינד מיינט, אַז דער פאָטער ווייסט עס נישט. יידן נעמען אים אויף, וואַרטן אויף אַ בשורה, די בשורה קומט נישט. ער האָט טענות צו משהן, וואָס איז געקומען צו די יידן מיט אַ נס און אים האָט מען געשיקט אָן אַ נס. ער וויל אַוועקגיין און ער קען שוין נישט. פריער האָט ער געבעטן ביי מלאכים זיין חוב און דערנאָך האָט ער געבעטן חסד ביים תליון (הערצלס באַזוך ביים רוסישן צאַר). אין שול מאַכן יידן אויף אים אַ ברכה „שחלק מכבודו לבשר ודם“. ער ווערט אַ לעגענדע ביי יידן. דער דיכטער שילדערט דעם אוגאַנדע מאָמענט, ווען הערצל הויבט אויף די האַנט און ער שווערט: „אם אשכחך ירושלים“... און ערשט דעמאָלט בלייבט ער אַן איינזאַמער. די מוטער קלאָגט זיך, וואָס ער איז נאָך אַזוי יונג און ער האָט שוין אַזוי פיל זילבערנע האָר און ער ענטפערט, אַז מ'קען נישט זיין מיט אַן אַלט פאָלק און בלייבן יונג. און די פּאָעמע ענדיקט זיך מיט אַ וויזיע, ווי דער „שטאַמלער פון סיני“ פירט איינעם ביי דער האַנט און ער פירט מיט אים אַ שמועס. דער פרעמדער הערט אַ געוויין און צווישן ביידן קומט פאַר אַט דער דיאַלאָג:

— מיין רבי, דיין ווינען אַצינד, וואָס באַדייט?
— אויך איך האָב אַמאָל זיי פון קנעכטשאַפט באַפרייט.

דאָס איז דער תמצית פון דער הערצל פּאָעמע. הערצל האָט געקלאַפּט אין טירן פון וועלט־הערשער, יידישע מאַגנאַטן און יידישע מאַסן. די ערשטע צוויי האָבן געענטפערט ניין, די לעצטע האָבן טיילוויז געענט־פערט יאָ. הערצל אַליין איז אויסגעלייזט געוואָרן דורך דעם פּריצייטיקן טויט...

דאָס וויכטיקסטע ווערק מנחמס איז אויף אַ לאַנגער צייט געבליבן „זאַוול רימער", וואָס איז דערשינען אין יאָר 1923. דער דיכטער רופט די דאָזיקע פּאָעמע „אַ כראָניק אין זעכצן קאַפּיטלען". אין אַ געוויסער מאָס איז עס אַ ראָמאַן אין פּערזן. אויסערלעך איז זאַוול לחלוטין נישט ענ־לעך צו זיין מחבר. ער שטאַמט פון בעלי־מלאכות און ער איז אַליין אַ בעל־מלאכה. אָבער ער איז אינערלעך אַ פּאָעט. ער מאַכט אַליין לידער און ניגונים און ער שפּילט זיי אַליין און ער באַגלייט זיך אויף דעם פידל. און ער ווערט אַ העלד ביי די אַרבעטער־מיידלעך, ביי די דינסטן און אויך ביי די באַלעבאַטישע טעכטער; אַ דאַנק זיין פידל שפּילן גרייכט ער ביז צום הויז פון שטאָט־גביר. ער ווערט אַ שילער פון דעם גבירס שיינער טאָכטער בעקא און ער ווערט פאַרליבט אין איר און זי נעמט אויף האַרציק זיינע געפילן, אָבער חתונה האָט זי מיט עמיצן אַנדערש. און עס געשעט ווי ביי היינע — אויס ערגערניש האָט ער חתונה פאַר וועמען עס לאָזט זיך. ער האָט חתונה מיט זיין שוועסטערקינד חיה ריווע, וואָס איז אַן אלמנה און וואָס איז אים נישט קיין פּאָר. ער הויבט זיך אָן פאַרליבן אין בעקאס יינגערער שוועסטער ליזע, וואָס איז זיין שילערין און וואַקסט דערוויל אונטער, אָבער מען רייסט אים אַוועק פון איר און ער גיט זיך פּאַסיוו איבער זיין גורל. דאָ און דאָרט גיט ער אַ ברעך אויס מיט אַ שטורמישער ברוטאַליטעט צו זיין „ווייב" און ער בלייבט ווידער שטיל.

„זאַוול רימער" איז געשריבן אין ווייסן פערז, אָבער אינעווייניק אין ווערק זענען פאַראַן אַ סך לידער, וואָס זאַוול שרייבט. די דאָזיקע לידער געבן צו אַ באַזונדערן חן דער גאַנצער זאַך, וואָס נעמט אַרום גאַנצע שטיקער יידיש לעבן און יידישעליידן. מנחמען איז געלונגען אָנצושרייבן זאַוולס לידער... אַט די ווערטער קענען דינען פאַר אַ מאָטאָ פאַר אלע ווערק מנחמס און פאַר זיין גאַנצן לעבן־גאַנג:

דו זאָלסט נישט גיין אַהין און צוריק,
ווו ס׳איז געווען פרייד און גליק.
נאָר אין דער בענקעניש זיך קערן,
ווו ס׳איז געווען לייד און טרערן.

די קעגנער פון מ. ב. האָבן געמוזט ענדערן זייער באַציאונג צום מחבר נאָך דעם דערשינען פון „זאַוול רימער". עס האָט פון אָט דעם ווערק אויסגעוואַקסן אַ נייער מענטש אין דער יידישער פּאָעזיע. עס איז געווען צוזאָג אויף אַ יידישן וועלט־שמערץ אין פאַרמעסט פון בייראָן און פושקין אין עכט יידישן נוסח.

אַרום יענער צייט זענען דערשינען נייע צוויי ווערק פון מנחמען „דער גילגול" (1927) און „פּאַסטוך דוד" (1932). „דער גילגול" האָט דעם זעלבן מאָטיוו, וואָס פּוילן. צוויי העלדן האָט די דאָזיקע פּאָעמע — דעם יידן וויקטאָר בעקער און דעם פּאָליאַק וולאַדיסלאַוו מירסקי. דיביידע זענען געווען חברים אין דער יוגנט און דערנאָך טרעפן זיי זיך אין „באַפרייטן" פּוילן, ווו דער פּאָליאַק האָט די ביטש. דער מחבר האָט דאָס ווערק גערופן „פּאָעמע דיאַלאָג", פּאַקטיש איז דאָס אַ סך מער דיאַלאָג, ווי פּאָעמע. וואַרשיינלעך איז דאָ צום מיינסטן פאַראַן די „השפעה' פון יהודה הלויס „כוזרי". פאַראַן דאָ מנחמס פאַרהערלעכן די יידישע מאַכטלאָזיקייט, וואָס געפעלט אים בעסער ווי די פּוילישע מאַכטי־קייט. אין דער לידער־סעריע „זאַמד" און אין דער הערצל־פּאָעמע האָט מ. ב. גענייגט צו שרייען קעגן דעם אייביקן זיין אין דער פרעמד. איבער־הויפּט איז ער גענויגט צו שרייען קעגן דעם אין דער פּאָעמע „לאורא", וואָס איז אַ וויי־געשריי קעגן אַסימילאַציע. ער האָט אויפגעהויבן דאָס קול קעגן דעם גורל פון וואַנדערבלוט, וואָס איז פאַרטיק אָפּצוגעבן צו יעדער מינוט אַלץ, פון קאָפּ ביז די שיך און אפילו דעם יורש פון דיך. אין „גילגול" איז דאָס יידישע פאָלק פאַר דעם דיכטער נישט אַזאַ רע־טעניש, ווי עס איז פאַר אים אין די ניו־יאָרקער לידער. קיין גאָר גע־ראָטן ווערק איז „דער גילגול" נישט, אָבער אַ געוויסן ווערט האָט דאָס דאָך. עס איז אַ ווערק, וואָס וויל ווייזן, אַז מיט דער באַפרייאונג פון פּוילן, איז דער פּוילישער אינטעליגענט נאָך נישט באַפרייט געוואָרן... עס איז, אַזוי צו זאָגן, אַן אַנטי־ציוניסטיש ווערק פון דער פאַרקערטער, נישט־יידישער זייט.

אין „פּאַסטוך דוד" איז מנחם געווען אויף דעם וועג צו אַ גרויסן

ווערק. דער מחבר רופט זיין פיעסע „אַ שפּיל אויף אַ ביבלישער טעמע". עס האָט געקענט זיין די גרויסע טראַגעדיע, אָבער עס איז געוואָרן נאָר דער שפּיל. עס פעלט דער ברי און דער שטורעם פון אינהאַלט. עס איז פאַראַן די עפּאָכע, וואָס איז די אייביקייט, אָבער אומעטום הערט מען די שפּראַך פון דיכטער אָנשטאָט די שפּראַך פון די העלדן. אַ פּויער זאָגט:

מילחמות פירט ער און לענדער פאַרנעמט ער
און זוכט אַ מענטש אַ שטיקל ערד,
איז נישטאָ דאָס ווו צו קריגן.

עפּעס גלויבט זיך נישט, אַז דאָס זענען רייד פון אַ פּויער צוריק מיט 26 יאָרהונדערטער. גיכער זענען דאָס רייד פון אַ נביא אַ פּאַסטוך.

די סיטואַציע איז אַ גאַנץ אינטערעסאַנטע. די האַרן מאַכן אַ פאַר־שווערונג קעגן דעם פאָלקס־פירער דוויד, וואָס האָט ביי זיי צוגענומען די מאַכט, אָבער דאָס פאָלק איז אויך נישט צופרידן מיט דווידן, ווייל ער מוז פירן צופיל קריג, כדי צו דערהאַלטן זיין מאַכט. די האַרן העצן אויף דווידס זון אבישלום קעגן פאָטער און זיי לערנען אים אויך צו העצן די נישט־צופרידענע מאַסן. סאָציאַלער קאַמף פאַראייניקט זיך דאָ מיט פערזענלעכער טראַגעדיע. דוויד דערפילט, אַז צוליב דעם, וואָס ער קען נישט פירן קיין פרידלעך לעבן, איז ער אַ קללה פאַר דעם פאָלק און פאַר זיך. מ׳קען אין דעם קאָמפּליצירטן שפּיל זען אויך נאַפּאָלעאָנס טראַגעדיע און די טראַגעדיע פון אַלע הערשער, וואָס האָבן געוואָלט זיין באַפרייער.

מנחם האָט אַרויסגעבראַכט בולטער דווידס צורה און תוך אַ דאַנק אַן עראָטישן קאָנפליקט. ער האָט גענומען די געשעעניש, וואָס די ביבל דערציילט וועגן בת שבע, די פרוי פון אוריה החתי. ער האָט זי פון דאַך אַראָפּ זי געזען באָדן, האָט זיך פאַרליבט אין איר, האָט זי גענומען צו זיך און דעם מאַן האָט ער אַוועקגעשיקט אין דער ערשטער ריי פון שלאַכטפעלד, ווו ער איז אומגעקומען. וואָסאַראַ טאַט קען נאָך ערגער זיין? אַ טאַט פון אַ וואַלד־רויבער... מנחם זעט אין וואַלד־רויבער אויך דעם מענטשן. ווייניק מענטשן זענען געווען אַזוי אומגליקלעך, ווי דער וואַלד־רויבער און דער מלך פון ישראל. ער זינדיקט און ליידט. די פּלאַכע מענטשן אַרום אים זאָגן, אַז ער זינדיקט און וויינט. פאַר יעדער זינדיקער טאַט איז ער זיך מתוודה פאַרן פאָלק און וויינט. די פּלאַכע

מענטשן זעען נישט, אַז ער איז אַ רויבער און אַ קינד. אַז דער מענטש ביכלל איז אזאַ אומגליקלעכע קאָמבינאַציע פון קינדישקייט און רויבע־רישקייט...

דאָס קינד, וואָס בת שבע געבוירט דווידן, שטאַרבט און דער קעניג פאַרשפאַרט זיך אין זיין פעסטונג פון טרויער און דאָס לאַנד גייט כאַ־דאַראָם. אויף דעם שלאַכטפעלד כאַפט דאָס חייל מפּלות און אין לאַנד גרייט מען אַן אויפשטאַנד. און דוויד ליידט דערפון, וואָס בת שבע האָט אים און האָט נאָך אַלץ ליב דעם דערמאָרדעטן אוריהן, וואָס וואַכט ביי איר צוקאָפּנס. ער רעדט אָפן און מוטיק וועגן זיין פאַרברעכן און זיינע ליידן צום שאָטן פון אוריהן; ער זאָגט:

הער מיך אויס, אוריה,
דיין אומשולדיק בלוט האָט מיין האַרץ פאַרפלייצט
און עס טרינקט זיך אין ליבשאַפט צו דיין געליבטער.
דיין געגזלט קינד האָסטו צוגענומען,
נאָר דיין בלוט פון מיין האַרצן קענסטו נישט נעמען.
גיי צוריק, אוריה, צו דיינע טויטע ביינער,
און באַפריי די געליבטע פון בלוט, וואָס לעבט.
טו אַ קוק, אוריה,
צעשניטן האָט מיין האַרץ די שווערד פון פיין.
און אין צאָרן פון הימל ברענען די שטיקער.

עס קומט אויס, אַז דער מערדער דוויד ליידט מער, ווי דער דערמאָר־דעטער אוריה... פראַנץ ווערפל האָט געוויזן אַ מערדער, וואָס איז ווייניקער שולדיק ווי דער דערמאָרדעטער. דער מערדער, וואָס מנחם האָט גע־וויזן — ליידט מער ווי זיין קרבן.

און דער עראָטישער מאָמענט ווערט אַריינגעצויגן אין פּאָליטישן קאַמף. אחיתופל, דער ראַטגעבער פון די האַרן — אַ גרויסע פיגור פון אַן אונטערגייענדיקער קאַסטע. אַ ביסל ענלעך אפילו צו... זובאַטאָוון — איז דער זיידע פון בת שבען און ער ווייסט, אַז זי איז דער לעצטער אָנהאַלט דווידס, פאַרלירט ער זי, פאַרלירט ער אַלץ, וויל ער דווקא ווירקן, אַז זיין אייניקל זאָל אַוועק פון דווידן צו זיין רעבעלירנדיקן זון אבישלום... און אחיתופלס דיפּלאָמאַטיע העלפט נישט. בת שבע האָט שוין איינמאָל איבערגעלעבט די ליידן פון טויט, דוויד האָט שוין צוליב איר דערמאָרדעט איר מאַן אוריהן און זי וויל נישט צוזען, ווי דער זון

אבישלום וועט דערמאָרדן זיין טאַטן דוויד. און זי אַליין בעט אוריהן ער זאָל איר באַפרייען און זי זאָגט אָן דווידן די בשורה, אַז ער האָט זי באַפרייט און זי לערנט אים צו זיין דאָס, וואָס ער איז אַ קריגער, אַ באַדריקער און באַפרייער, זי זאָגט אים:

וויל נישט קיין פרידן הויז בויען,
וויל נישט זיי זאָלן נאָכגיין ווי שאָף,
צאָרענען זאָלן זיי, שעלטן און דראָען,
איבער דעם צאָרן די קללות און שטיינער,
פיר זיי וווהין דו פירסט.
(קוקט אויף אים מיט גרויס געטריישאַפט)
עס וועט איבער דורות דיין נאָמען גיין,
קיניג אין אַנגסטן, דערלייזער אין בלוט!

אפנים, אַז אַ פרוי קען בעסער און טיפער באַגרייפן דאָס געצוווּנגען זיין צו הערשן אין אַנגסטן און דערלייזן אין בלוט...

פאַראַן נאָך אינטערעסאַנטע מאָמענטן אין דעם „שפיל‟, וואָס ווייזן דווידס גוטמוטיקייט. ער איז אַ פאַסטוך וואָס איז געוואָרן אַ קריגער.

פאַראַן אַ סך אַנאַלאָגיעס צו די געשעענישן פון אונדזער צייט אין מנחמס „פאַסטוך דוויד‟, אָבער אין תוך געגומען איז עס אַן אָריענטאַלישע לעגענדע. אַ העלד, אַ קריגער, אַ פאָלק־באַפרייער איז מיד געוואָרן פון זיין לעבנס־שליחות, וויל אַנטלויפן פון זיך און אַ פרוי לייזט אים אויס. ער האָט געשריגן:

און ווילסטו דערלייזן און ווילסטו באַפרייען,
אין בלוט מוזטו גיין, מוזט גיין, מוזט גיין...

און ער דערציילט, אַז אים האָט דער טויט דורך די נעכט געוואַכט און זיין אייגן לייב איז אים פרעמד געווען. און ער בעט מען זאָל אים לאָזן זיך אומקערן ווערן צוריק אַ פאַסטוך. און בת שבע זאָגט אים:

ווילסט פון דיין גורל אַנטלויפן,
קענסט נישט, וועסט נישט,
טאָרסט נישט אַנטלויפן
ס׳וועט איבער דורות דיין נאָמען גיין,
קיניג אין אַנגסטן, דערלייזער אין בלוט.

עס איז מער אַ שפיל אויף אַ טראַגישן מאָטיוו, ווי אַ טראַגעדיע, עס איז מער אַ שטודיע צו אַ דראַמע, ווי די דראַמע גופא, אָבער אַ שטור־

דיע פון אַ גייסטרייכן מענטשן, וואָס קען דערציילן, שאַפן שטימונג, באַ־לויכטן און דערנענטערן דעם אַמאָל צום היינט און דעם היינט צום וויטן אַמאָל.

וואָרשיינלעך דאַרף מען אַ זוך טון אויך אין דעם דיכטערס אַנטוי־שונג אין ראַטנפאַרבאַנד דעם שטויס צו אָנשרייבן דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס ווייזט ווי צווישן הערשער און מאַסן מוז ווערן אַ תהום, אויך ווען דער הערשער איז געווען אַ פשוטער פאַסטוך.

און אָט דאָ פאַרענדיקן מיר די צווייטע און רייכערע תקופה אין מנחמס שאַפן. דער דיכטער האָט באַרירט אין משך פון קנאַפע צוויי צענדליק יאָר אַלע מאָטיוון פון יידישן לעבן און אַ וויכטיקן טייל פון מענטשלעכן לעבן ביכלל. הערצל ווערט אויסגעלייזט דורך אַ געדאַנק, וואָס ווערט נישט רעאַליזירט און דורך דעם פריצייטיקן טויט. נישט דער פאָלקס־דיכטער זאַוול רימער און נישט דער קעניג דוד געפינען פערזענלעך גליק, כאָטש דער ערשטער טשעפּעט נישט קיין פליג אויף דער וואַנט און דער צווייטער גרייכט ביז די ווילדסטע טיראַניעז. ביי דודן איז מאַכט טויט און ביי זאַוול שלום רימערס זון איז דאָס קלענסטע בענקען נאָך גליק — פאַרמישפּט אויף דורכפאַל... און דאָך איז זאַוול רימער גליקלעכער פון קעניג דוד און ווער ווייסט, צי וויקטאָר בעקער איז נישט גליקלעכער פון וולאַדיסלאַוו מירסקי, מאַכטלאָזיקייט גיט מער פרייהייט און גליק, ווי דאָס גיט די מאַכט. גלות און גייסט גיבן מער זי־כערקייט ווי מלוכה און אַרמיי.

אַ שטיקל פאָרטרעט פון מנחם באָריישאָ

איך נעם אַרויס אָט אַ דעם שטעל פון מיין בוך „פאָרטרעטן פון יידי־שע שרייבער", וואָס איך האָב געשריבן אין יאָר 1931:

„איך בין אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק צו מ. באָריישאָס אַ שטיקל יום־טוב. דאַרפן וואָלט דאָס געדאַרפט זיין אַ שטיק יום־טוב, אָבער די יידישע ליטעראַטור געפינט זיך אין ניו־יאָרק נישט אין צענטער, נאָר ביי די זייטן, אָדער ביי די ברעגעס פון רעכטס און לינקס. עס איז גע־וואָרן פינף און צוואַנציק יאָר זייט מ. באָריישאָ האָט אָנגעהויבן שרייבן. געפראַוועט דעם יום־טוב האָט דאָס קאָאָפּעראַטיווע הויז „שלום עליכם".

אַ הויז, וואָס באַשטייט פון 200 הייזער און איז אַ גאַנץ שטעטל. דאָס דאָזיקע הויז געפינט זיך ווייט אין די בראָנקס, אַרום זעט מען אַ סךביימער, אפילו אַ וועלדל, בערגלעך און טייכלעך. עפּעס ווי גאָרנישט ניו־יאָרק.

דער יום־טוב האָט זיך אָנגעהויבן מיט ה. לייוויקס אַ רעפעראַט וועגן מ. באָריישאָ, אַ רעפעראַט, וואָס האָט צעגלידערט מנחמס אידעען־געראַנגל און ה. לייוויק האָט אָנגעוויזן, אַז מנחם איז תמיד געווען נאָענט צום גייסט פון דער צייט. זיין ראָמאַנטיזם איז געווען פונקט אַזאַ קאָנקרעטער אויסדרוק פון אַן עפּאָכע, ווי זיין איצטיקער רעאַליזם און סאָציאַלער צוגאַנג צו פּאַסירונגען און מענטשן.

עס איז געווען אַ היימישער יום־טוב און עס האָט זיך געפילט אַ יום־טובדיקע שטימונג. דער עולם איז געווען האָפערדיק אויפגעלייגט און האָט לייוויקן דאָך אויסגעהערט זייער אויפמערקזאַם. עס זענען דאָ געווען אַ סך שריפטשטעלער, ווי ב. לאַפּין, אפרים אויערבאַך, י. ראָלניק, א. ראַבאָי און אויך די ליטעראַטן האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט. דער שטילער י. ראָלניק האָט זיך, דאַכט זיך, געקנייטשט. צו וואָס זוכן אידעען? דער עיקר איז דאָך דאָס ליד ביי אַ דיכטער. וואָס קען נאָך זיין ליכטיקער, ווי די זון... י. ראָלניק איז פאַרבליבן אַ געטרייער אָנהענגער פון דער עסטעטישער שיטה, אַז אַ ליד דאַרף אַרויסזינגען און דאַרף שיינען. קיין אידעען דאַרף קיין ליד נישט האָבן.

איך בין געזעסן נעבן מנחמען. ער האָט זיך אַריינגעהערט אין ה. לייוויקס ווערטער און ער האָט זיך אַליין דורכגעפילט אין זיין חברס ווערטער. איך האָב זיך צוגעקוקט צו דעם מיטלוווקסיקן, צאַרטן שאַטען מנחם, וואָס זעט אויס בויגזאַם און ווייך און האָט טיפע בלויע אויגן פון קאָרנבלימעלעך פאַרב, ווי אַן אומשולדיק פערצן־יעריק מיידל. ער האָט אַ בנעימותדיקן שמייכל פון אַ מענטשן, וועלכן עס איז תמיד גוט; אפילו ווען עס איז אים זייער שלעכט, איז אים גוט... ער איז עלאַסטיש און ריטמיש אין אַלע זיינע באַוועגונגען. מען טרעפט זעלטן ביי יידן מענטשן מיט אַזעלכע בנעימותדיקע אויסזעענס. און אפילו די יאָרן איז ער מנצח. אַז ער שרייבט שוין 25 יאָר, איז ער דאָך נישט אַלט קיין 26. און ער זעט אויס יונג.

מנחם איז, הערנדיק לייוויקס ווערטער, געוואָרן נאָך באַוועגלעכער און זינגעוודיקער. איך האָב איצטער פאַרשטאַנען למאַי ער שרייבט זיינע

לעצטע פּראָזע ווערק אין נאַטירלעכע, ווייסע פערזן. ער קען נישט אַנ־דערש, ער איז אַליין הוילער ריטם און ער מוז באַגלייטן די שמועסן און האַנדלונגען פון זיינע העלדן מיט אַ ריטמיש לשון און מיט אַ כוואַ־ליענדיקן קלאַנג. איך בין סיי ווי נישט געווען צווישן די דאָזיקע, וואָס האַלטן, אַז מנחם באַריישאָס „זאַוול רימער" און „דער גילגול" האָבן פאַרלירן דורכדעם, וואָס זיי זענען געשריבן נישט אין פּראָזע, נאָר אין פערזן. די פערזן שטראָמען דאָך אַזוי פשוט און נאַטירלעך, אַזוי ווי כוואַליעס אין אַ טייך און דער ריטם העלפט צו צו דער האַנדלונג, פּונקט ווי אַ גוטע צוגעפּאַסטע מוזיק צו אַ דעקלאַמאַציע־פּיעסע — דער ריטם העלפט בולטער אַרויסברענגען און אונטערשטרייכן די ווערטער און ביל־דער. זעענדיק איצטער מנחמען, האָב איך נאָך קלאָרער פאַרשטאַנען פאַר וואָס ער שרייבט אַלץ אין פערזן און גאָרנישט אין פּראָזע, הגם ער איז פון תמיד אָן טעמאַטיש און פּראַגמאַטיש און ער האָט קיינמאָל נישט אָנגעשריבן אפילו קיין קליין לידל, וואָס מען זאָל דאָס נישט קענען איבערדערציילן אין פּראָזע. זיינס אַ ליד האָט תמיד אָן אינהאַלט. אין דער היינזיכט האַלטן מנחמס לידער אויס אברהם רייזענס פּראָבע, אַז „אַ ליד מוז זיין אַ ביסל אַ דערציילונג און אַ דערציילונג מוז זיין אַ ביסל אַ ליד". אָבער זיינע לידער פון אַמאָל זענען געווען נישט נאַטירלעך, צוגעטראַכט און צוגעפאַרבט און איבערהויפּט צוגעדעמפּט און עס האָט זיך געפילט אין זיי די אומנאַטירלעכקייט פון מעלאָדראַמע. מיט „זאַוול רימער" איז די דאָזיקע אומנאַטירלעכקייט פאַרשוווּנדן, אַ דאַנק דער רע־וואָלוציע, וואָס אונדזער שריפטשטעלער האָט דורכגעמאַכט: ער איז אַראָפּ פון הימל אויף דער ערד...

ווען ה. לייוויק האָט פאַרענדיקט איז מנחם צו און ביידע האָבן זיך צעקושט. און ס'איז געווען מאָדנע צו קוקן. לויטן מהות זענען די דאָזיקע צוויי שריפטשטעלער אַזוי פאַרשידן, לויטן אויסזען אויך:

מנחם אַ קיילעכדיקער, אַ בנעימותדיקער; ה. לייוויק אַ שפּיציכינקער, אַ שפּיזנדיקער, מנחם אַ רואיקער שרייבער, וואָס ווייזט ווי דאָס שלעכטס פאַרשאַפט ליידן דעם, וואָס טוט עס! ה. לייוויק אַ בייזער שרייבער, וואָס שטורעמט קעגן שלעכטס.

און דאָך אַזאַ פריינטשאַפט... עס האָט זיי פאַרבונדן אַ קאַמף פאַר אַן אידעע און אַ שווערער קריזיס אין זייער קאַמף. אידעע און קאַמף גלייכן אפּנים אויס פאַרשידנאַרטיקע.

איך בין שוין ביז דעמאָלט געהאַט אַרומגעפּאָרן אַ פינף חדשים איבער דער וועלט און איך האָב זייער זעלטן געטראָפן פרייד. און איך האָב טאַקע אויסגעדריקט מיין צופרידנקייט און געזאָגט: מנחמס הויפּט־פּאַרדינסט איז דאָס, וואָס ער האָט געשאַפן אַ מאָדערנעם יידישן מענטשן, אַ יידישע געשטאַלט אָן אַ באָרד און פּאות. עס איז דאָך אין דער נייער יידישער ליטעראַטור נישטאָ קיין געשטאַלט אָן אַ באָרד, חוץ די צוויי גנבים „מאָטקע" (ביי אַשן) און „זיינוול" (ביי י. אָפּאַטאָשו). אפילו ה. לייוויק, וואָס איז רעוואָלוציאָנער, אָפּערירט מיט אַלטשטייגערישע יידן און רבנים, ווען ער וויל אַרויסברענגען די טראַגעדיע פון מאָדערנעם יידישן מענטשן. זאַוול רימער איז נישט נאָר דער אַרבעטער, וואָס ווערט אינטעליגענט, נאָר ער איז אַ פעסט געשטאַלט פון אַ מאָדערנעם יידישן מענטשן.

„דער גייער" — אַ משנה תורה פון אונדזער אידעען־לעבן

אין יאָר 1932 איז מנחם באַריישאַ געוואָרן לערער אין אַן אַרבעטער־רינגשול אין באָסטאָן. ער בלייבט דאָרט נישט קיין לאַנגע צייט. ער ווערט ווידער אַ געזעלשאַפטלעכער אָנגעשטעלטער און ער פירט אָן מיט דער יידישער פּרעסע־אָפּטיילונג אין אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס און ער שרייבט לייטאַרטיקלען פאַר דער ענגלישער אויסגאַבע א"נ: „קאָנגרעס וויקלי". און לערך אין דער זעלבער צייט שרייבט ער אָן זיין לעבן־ווערק „דער גייער", איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט ניין יאָר.

דאָס אַרבעטן ניין יאָר אויף אָט דעם ווערק איז געווען אַ מעלה מיט אַ חסרון. די מעלה שטעקט אין פאַרנעם פון ווערק, דער חסרון — אין דעם, וואָס מנחם האָט אין משך פון די אַלע ניין יאָר נישט געקענט טראַכטן וועגן עפּעס אַנדערש און ער האָט אַלץ, וואָס ער האָט אין יענער צייט געטראַכט און געפילט, אַריינגעפלאָכטן אין זיין ווערנדיק ווערק, אויך ווען דאָס דאָזיקע האָט זיך אַהער נישט געווען געפּאַסט. (דאָס דאָזיקע האָט ער מיר פערזענלעך דערקלערט, שוין נאָך דעם, ווי איך האָב דאָס געהאַט אַליין געטראָפן). דער חסרון איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַרבעטנדיק לאַנג איבער זיין ווערק און אָנפילנדיק עס מיט אַלץ נייע און נייע אינהאַלטן, האָט דער העלד פאַרלוירן די לעצטע ממשותדיקייט און ער איז געוואָרן אויסער „גייער" — אַ טרעגער פון דור־דורותדיקע אידעען.

מנחם ב. האָט דורך זיין העלד געוואָלט שאַפן אַ קולט פאַר גיין. איבערהויפּט האָט ער געוואָלט זאָגן, אַז אַ ייד בלייבט נישט שטיין, ער גייט כסדר. דער מאָטאָ צום ווערק איז ר׳ שניאור זלמנס אָט דער זאָג: „די וואָר קענען דורכדרינגען, פאַרשטייען דעם זין פון פסוק, אַז זיבן מאָל פאַלט דער צדיק און ער שטייט אויף, בפרט נאָך, אַז דער מענטש הייסט אַ גייער און נישט קיין שטייער און (ער) דאַרף גיין פון מדרגה צו מדרגה“.

פון דער געדיכטער אָרעמקייט שטאַמט דער גייער, וואָס וועט שפּע־טער הייסן נח מאַרקאָן. זיין פאָטער איז אַ ישיבה־בחור פון שניפּישאָק, וואָס פאַרבלאָנדזשעט קיין מאַלטשע, עסט דאָרט קעסט ביי אַ יידן, וואָס האָט אַ שוועסטער אַ יתומה מיט קרומלעכע אויגן און אַ לאַנגן בלאָנדן צאָפּ און עס ווערט אַ שידוך און די מוטער שטאַרבט אין קימפּעט. און באַלד נאָך דעם ווי מען אַנטוויינט דאָס יינגל, נעמט עס דער פאָטער אויף די פּלייצעס. אין אַ פּאָר יאָר אַרום שיקט ער דאָס יינגל אָפּ צו זיין ווייבס מישפּחה, ווייל דאָס צווייטע ווייב איז שלעכט צו אים. ער גייט שוין קינדווייז אַהין און צוריק. אַן ענערגישער און אַקטיווער איז ער. אים געפעלט נישט זיין פּריווילעגירטע סיטואַציע אַלס יתום. די יינגלעך האָבן אים מורא צו שלאָגן, גייט ער זיך שלאָגן מיט שקצים, ווען די מומע שטאַרצט אויס די אויגן,

ברעכט ער אויס אין קלאָגן:
כ׳וויל נישט זיין קיין יתומל,
כ׳וויל מען זאָל מיך שלאָגן.

פונקט ווי דער פאָטער, ווערט אויך דער זון אַ ישיבה־בחור און ער עסט „טעג“. ער דערפילט די גאווה פון די גבירים און די האַרציקייט פון די אביונים און ער, דאָס „עסערל דער גאָלדפאַהדיקער“ ברענגט גאָט מיט זיך אין די קאָמערן פון די אביונים און אין די קיכן פון משרתים. אָבער ווען דאָס זעלבע „עסערל“ ווערט גרעסער און ער האָט חתונה און ער פאָרט אַוועק אין אַן אַנדער שטאָט אַריין ווערן אַ מלמד, העלפט אים אַרויס אַ גביר, אַ האַלבער משכיל, און דער העלד דערפילט די סתירה פון זיין טראַגישן לעבן. און ביי דעם ערשטן חלוקי דעות, וואָס דער העלד אונדזערער האָט מיט זיין פּראָטעזשירער, ברענגט אים יענער אַ ראיה פון רמב״ם, וואָס איז נישט געווען קיין אביון, נאָר „אַ גביר פון גבירים און אַ שררה פון שררות“.

דער יסוד, אויף וועלכן אונדזער נוח וויל בויען זיין לעבן, איז די מאָראַל. פאַר יעדער האַנדלונג זייַנער, פרעגט ער זיך און אַנדערע, צי דאָס וועט זיין מאָראַליש. אָט אַ שטייגער, קומט אַ זעלנער אין אַ האַריקן שינעל אים נעמען פאַר אַ סאָלדאַט, ווייסט ער נישט וואָס צו טון. אַנט־לויפן, מיינט דאָך אָפּנאַרן. דעריאָגט ער דעם ערשטן זקן און ער פרעגט ביי אים, ענטפערט אים יענער, אַז ווער עס איז מקבל באהבה, נעמט אָן דעם עול פון רציחות און אכזריות, אָבער ווען יעדער בשר ודם וואָלט רק מקדש השם געווען, וואָלט די אכזריות פון דער וועלט שוין לאַנג פאַרטיליקט די רעשט פון אונדז. דער פּחד האָט געבוירן דאָס גע־נאַרן, ביכדי צו קענען איבערקליגן די אכזריות. נאָך אָט דער דערקלע־רונג פאַרשטייט דער בחור, אַז ער מעג ראַטעווען זיין לייב. אפילו דאָס זאָגן אַ דרשה צו זיין חתונה רופט אַרויס ביים גייער אַן אינערלעכע גע־ראַנגל. ער וויל, ווי אַ מוסרניק, זיך נישט אַרויסשטעלן מיט קיין דרשה, ווייל ד׳אָס וואָלט געמיינט פראַוועון גאווה. דער כלהס חלום איז דווקא צו הערן איר חתנס אַ דרשה. און זי גיסט „טרערן פולע בעקנס אונטערן באַדעקנס״. קען ער נישט זען אירע טרערן און ער האַלט אַזאַ דרשה, אַז מען זאָגט: „נישט אַבי אַ חתן האָט אויסגעקליבן דוואָשע״.

אויף אַלע געביטן פון מענטשלעכן לעבן גייט אונדזער העלד פון מדרגה צו מדרגה. ער גייט אין קאַמף אַריין פאַר דעם אמת. ער גייט זוכן אַ לייזונג פאַר דער יידישער פראַגע און אַ לייזונג צו די פּאַגראָ־מען. ער לאָזט זיך שיר־נישט אין די הייזער נאָך פּרנסה. חתונה האָט ער יידיש־פּאַסיוו. ר׳ יאָסלס מוזינקע נעמט אים אַ סך מער, ווי ער זי. נאָך דער חתונה באַווייזט זיך אים דער פאָטער, וועלכן ער האָט כימעט נישט געקענט און ער ברענגט אים דעם „תניא״ דעם ליובאַוויטשער רבינס ספרל, דעם קאַטעכיזם פון „חבד״ און ער וואָרנט אים קעגן נסיונות און קעגן דרויסנדיקער, אפּיקורסישער חכמה. ער לערנט אים זיין אַ „בינוני״. ער הייסט אים אויך פאָרן צום רבין און זיך אָנשפּאַרן אויף אים. מיר פילן, אַז דער זון וועט אויף דעם פאָטערס אויסגעטראָטענעם וועג נישט גיין. ער וועט נישט אַוועק פון גלויבן, אָבער ער וועט אַוועק פון רוטין און צביעות און ער וועט זוכן דעם ריינעם גלויבן.

די מענטשן פון עולם השקר ווילן אים דווקא מאַכן פאַר זייער שותף. ער קען דאָס אָבער נישט, ער קערט איבער די פולע בעכערס, וואָס זיי רוקן אים אונטער און ער אַנטלויפט. און אינאיינעם מיט די מאָראַלישע

נסיונות לעבט ער איבער אידעאישע גרענאַנגלעניש. ער גייט אַוועק צו דער השכלה, אָבער אַנדערש ווי עס טוען דאָס די גבירים, וואָס ער טרעפט אין זיין וועג. זיי גייען אַוועק צו דער השכלה צוליב באַקוועמ־לעכקייט און ער זוכט אין דער השכלה דעם אמת. ער וויל נישט קיין משיח און אַ יענע וועלט, ער וויל דורך יידישקייט אַ גוט לעבן פאַר אַלעמען. אונדזער העלד לעבט אויך איבער די פּאָגראָמען פון די אַכצי־קער יאָרן און ער פילט, אַז כאָטש די האַק איז געפאַלן אויף הונדערט און הונדערט טויזנט האָט זי אויסגעמיטן, האָט זי נישט געמיינט נאָר די הונדערט. צי דאָס האָט טאַקע שוין נח געקענט דעמאָלט פילן, צי דאָס דאַזיקע האָט דער מחבר דערפילט שפּעטער, פון דער דערפאַרונג — איז מער ווי אַ שאלה.

דאָס לעצטע קאַפּיטל הייסט „לויפער און גייער" און דאָס דאַזיקע איז אייגנטלעך אַ גאַנץ ווערק פאַר זיך. דאָ ברענגט דער מחבר אַרויס זיין העלדס (און זיין אייגענע) שטעלונג צו דער גאַנצער יידישער פראַגע און נחס (און מנחמס) גלויבן, אַז דאָס יידישע פאָלק קען זיין אַ גייער, נישט קיין לויפער און ער קען דערגרייכן זיין דערלייזונג נישט דורך דעם פאַנישן לויפן, נאָר דורך דעם נאַטירלעכן גיין.

נח קומט פון ווו ער האָט אַ לאַנגע צייט געאַרבעט. די שנאה פון די פויערים האָט אים פון דאָרט פאַרטריבן. אין שטאָט האָבן די פּאָגראָמען פון די אַכציקער יאָרן געשאַפן אַ פּאַניק, פאַרפרעמדטע אינטעליגענץ וויל זיך אומקערן צו יידישקייט, וויל לויפן איבער דער גרענעץ, וויל לויפן קיין ארץ־ישראל. דוואָשע מאַכט חוזק פון די נגידישע טעכטער, וואָס לערנען תנ"ך, נח נעמט אַלץ ערנסט און ער גריבלט זיך אין אַלץ. ער האַלט, אַז די יידן און די פויערים דאַרפן אינאיינעם אַריינקלאַפּן טשוועקעס אין האָרץ פון דער וועלט און אויף אָט די טשוועקעס אויפהענגען זייער בשותפותדיקן גורל. מען גיט אים צו לייענען דעם ציוניסטישן ראָמאַן „דניאל דעראָנדאַ" פון דער ענגלישער שרייבערין דזשאָרדזש עליאָט. אים געפעלט ער נישט, ווייל לויט אָט דעם ראָמאַן בלייבט דער שטאַרקער דער גערעכטער. פון דער מעשה וועגן דעם דערלייזטן יידן קריסטוס און פון ישעיהס מעשה וועגן שלום צווישן לאם און שאָף, קלייבט ער אויס די צווייטע. ער שוועבט צווישן ציוניזם און סאָציאַליזם, צווישן דעם מאַן פון קרייץ און מאַן פון דער תליה (דעם פרימיטיוון רעוואָלוציאָנער). ער גלייבט ביכלל

נישט אין משיחן און ער גלייבט נאָך ווייניקער, אַז משיח איז שוין געקומען.

נח זוכט דאָס גאולה־לאַנד פאַר אַלע יידן, און אפשר טאַקע פאַר אַלע מענטשן. נח מאַרקאָן רעדט נישט ווי קיין אַנטי־ציוניסט, אָבער ער רעדט מיט צאָרן וועגן דעם ציוניסט, וואָס איז נישט זיין ברודער, ווייל ער האָט פיינט דעם גלות. ער איראָניזירט דעם ציוניסט, וואָס שיקט אַנדערע אין יידישן לאַנד אַריין און ער אַליין בלייבט אין גלות. און נאָך אַ שאַרפער דיסקוסיע מיט דעם ציוניסט קופער, שווערן ביידע, אַז וווהין איינער וועט גיין, וועט גיין אויך דער צווייטער. און דאָס דאַזיקע ווייזט זיך אַרויס פאַר אַן אומזין, וואָס דער פחד האָט אַרויסגערופן. נחן איז שווער צו אַנטלויפן און איבערלאָזן די יידישע האָרעפּאַשניקעס, כאָטש ווען ער לייענט מענדעלעס „קליאַטשע", קרימט ער מיט דער נאָז. ער זעט ביי זיי די ליידן, אָבער ער זעט נישט די דערהויבונג, ער זעט נישט דעם שבת, די תורה, די מחשבה, די קדושה. און אפילו די פּויערים, וואָס האָבן אים געוואָלט דערהרגענען, לאָזט נח שווער איבער.

און נח וואַנדערט. ער קומט קיין גאַליציע אין דער צייט, ווען דער ענגלישער שרייבער לאָרענס אליפאַנט אַגיטירט, אַז מען זאָל יידן אומ־קערן ארץ־ישראל. ער זאָגט, אַז פאַר אים זענען די יידן ברידער פון קריסטן און „די אומברענגגער זיינע זענען מיר געווען, מיר קרייצן אייך שוין באַלד צוויי טויזנט יאָר". אָבער די יידישע מאַגנאַטן ווילן קיין געלט נישט געבן אויף ארץ־ישראל. די „אַליאַנס איזראַעליט" שיקט יידן קיין אַמעריקע. אים ווערט קלאָר, אַז די מערסטע יידן דאַרפן פאָרן קיין אַמעריקע. זיין פאָטער באַווייזט זיך אים אין חלום, ער רופט אים הפקר־יונג און ער דראָעט אים מיט דעם שטעקן און ער זאָגט אים, אַז ער האָט געוואָלט „דוחק את הקץ" זיין און ער טרייבט אים צוריק צום „תניא". ער זיצט אָפּ אַ גאַנצע נאַכט איבער אָט דעם ספר אין בית־המדרש און ער קומט צוריק מיט נישט קיין באַנייטע כוחות. ער האַלט אַלץ, אַז מען דאַרף זיך רירן. ער עקספּעדירט די ייִנגערע חברים קיין אַמעריקע און אַליין פאָרט ער קיין ארץ־ישראל. אָבער עס איז נאָך נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט צו קריגן ארץ־ישראל פאַר יידן און אַזוי ווי זיין שבועה האָט ער געהאַלטן, קען ער זיך איצטער אומקערן אַהיים. ער קען נישט לויפן און נישט מאַכן קיין קפיצת הדרך. ער פילט נישט, אַז ער גייט צוריק, ווייל „ס'איז נישטאָ קיין גאַנג צוריק, דו גייסט אַלץ

ווייטער, וווּהין דו זאָלסט זיך נישט קערן". און ער קערט זיך אום אַהיים און ער טרעפט זיין מישפּחה אַרום זיין קלענסטן קינד, וואָס ליגט געפּער־לעך קראַנק און זיי וואַרטן אַלע אויף דעם אויסגאַנג פון קריזיס. זיין צוריקקער איז שוין אַליין אַ ניצחון. ער טרעפט ביי זיך אויך דעם „איבערבלייב פון חדר", די דאַזיקע, וואָס האָבן נישט געוואָלט פאָרן קיין אַמעריקע. דער דאַזיקער „איבערבלייב" זאָגט, אַז —

ס'איז אַ נביא אויפן ים אַנטלאָפן,
אַז ער זאָל נישט דאַרפן גיין צו די גוים שטראָפן
און צו גוטע מעשׂים זיי באַקערן.

נח האַלט דאָס געזונט־געוואָרענע קינד אויף די הענט און ער „לערנט דעם פּשט וועגן ים און גרויסן פיש און שאָטן־בלאַט, וואָס האָט איבער יונהן אויסגעטריקנט, ווייל ער האָט זיך נישט געלאָזט אין גאָטס שליחות שיקן". מיט אָט די ווערטער ענדיקט זיך דאָס בוך.

דער דיכטער וויל זאָגן, אַז די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין אַמעריקע, זענען געווען לויפערס, נישט קיין גייערס און זיי האָבן אויס־געמיטן גאָטס שליחות און דאָס שאָטן־בלאַט טריקנט אויס איבער זייערע קעפּ. פּאַקטיש איז דאָס אַ רעליגיעז־סאָציאַליסטישער פּראָגראַם. דער מחבר האָט געוויזן אַ מענטשן, וואָס גייט דורך יידישער טראַדיציע און דורך אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם צום אייביקן נאַציאָנאַלן לעבן. עס איז אַ פּראָגראַם פאַר אַ יושרדיק יידיש וועלט־פאָלק, וואָס דינט גאָט, דער גערעכטיקייט און זיך אַליין...

דער ווערט פון ווערק קען בשום אופן נישט רעדוצירט ווערן נאָר צו דעם דירעקטן אינהאַלט. די דיגרעסיעס שטייגן היפּש איבער דעם אינהאַלט. פּונקט ווי זאָגט רימער האָט אַ נייגונג צו שאַפן לידער, פּונקט אַזוי האָט נח מאַרקאָן אַ נייגונג צו שאַפן זיך שפּילן. ער רופט זיי „משל־שפּילן" און „פּורים־שפּילן" און ער שאַפט זיי צו פאַרטרייבן די שלעכטע געדאַנקען און איינהאַלטן „די פרומע מאַמע, די כשרע אמונה", וואָס „צאַפּלט זיך אין אַנגסטן אין די שקצישע רעיונות".

די רעאַליטעט ווייזט בלויז בלוטיקן קאַמף, אָבער — מען דאַרף גלויבן. דער „מען דאַרף גלויבן" גייט דורך ווי אַ רויטער פאָדעם דורך אַלע פּאָעטישע און פּאַבוליסטישע דיגרעסיעס פון ווערק. ער פאַנטאַזירט זיך אויס אַ מוראדיקן טומל אין הימל קעגן געוויסע אפּיקורסישע גע־

דאַנקען. ער פֿאַנטאַזירט אויס משה מענדעלסאָנס לוויה אויף צו קענען ווייזן, אַז זיין השכלה פֿירט צו שמד. מענדלסאָן איז געווען זיכער, אַז ער האָט מפֿקיר געווען דעם טאַטנס קאַפּאָטע, ביכדי צו קענען אַריין אין הויף פֿון קעניג און דערהויבן דעם טאַטנס גאָט, אָבער ווען ער קומט אויף יענער וועלט, קומט זיין מאַמע פֿון קבֿר אים מקבל־פּנים זיין און זי זאָגט אים, אַז זיינע קינדער טראָגן אַ צלם. אָט אָ די געשעעניש פֿירט שוין צו אַ דיאַלאָג צווישן נחן און דעם משכּיל און סוחר חיים דוד, וואָס שרייבט אין „המליץ" און אַרבעט, אַז יידישע קינדער זאָלן גיין אין די „שקאָלעס" און ער פֿרעגט אים — פֿאַר וועמען ער שרייבט די שירים, אַז עס וועט נישט זיין ווער עס זאָל זיי לייענען. נח רעדט דאָ אי ווי יהודה־לייב גאָרדאָן, אי ווי אַ יידישער שרייבער פֿון אונדזער צייט...

און דער העלד שוינט נישט אויך דאָס חסידות, וואָס הייסט גלייבן אין רבין און זיך אָנשפּאַרן אויף פּיס, וואָס זענען קיין פּיס נישט. ער איז נישט נאָר קעגן געטער, נאָר אויך קעגן רביים. מען דאַרף לערנען די מאַסן נישט ווי קיין רבי, נאָר ווי אַן אייגענער. דאָס איז זיין ריינער גלויבן.

די צוויי גרויסע פּאָעמען־משלים פֿון ווערק זענען באַגעגעניש צווישן ר' מאיר און אלישע בן אבויה און דער געראַנגל צווישן נחן, דעם שוואַכן יידן און דעם היידאַמאַק סיטש, מיט דער ווילדער קראַפֿט און דעם היידאַמאַקישן אינסטינקט.

די ערשטע פּאָעמע האָט קיין שייכות נישט צו דער גאַנצער זאַך און דער מחבר האָט זי מיסתמא טאַקע אָנגעשריבן באַזונדער און ער האָט זי צוגעטשעפּעט אויף אַ פּשוטן אופֿן. ער ברענגט דאָרט אַרויס דעם עיקר־דיקן לעבן־געדאַנק:

> פֿון דיין פֿאָלק פֿאַרשטייגט ווערן — איז לעבן,
> פֿון די שונאים זיינע דערהויבן ווערן — איז טויט.

דער אַפּטריניקער אלישע איז גרייט זיך צו לאָזן פֿאַרשטיינען, אָבער קיינער וויל נישט זיין בלוט. און ער פֿילט, אַז דערמיט האָט ער פֿאַר־שפּילט צו ר' עקיבאַן, וועלכער האָט אָפּגעגעבן אַ פֿרעמדן פֿאָלק זיין בלוט און מען האָט דאָס גענומען און ער האָט געוואָלט זיין אייגענעם פֿאָלק אָפּגעבן זיין בלוט און מען האָט דאָס נישט געוואָלט נעמען... אלישע גייט אַוועק מיט זיינע געדאַנקען וועגן אַבסטראַקטער יידישקייט, אַן

נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער דיסציפּלין און ער בלייבט נישט ביי די רוימער און נישט ביי די יידן, ר׳ מאיר זאָגט, אַז מען דאַרף גיין דאַווענען מנחה. דווקא מנחה.

אַנדערש איז די נח־סיטש פּאָעמע. סיטש איז דער שטאַרקסטער און ווילדסטער היידאַמאַק אין וואַלד, וווהין נח גייט אַרבעטן. נח האָט מיט דעם גבור באַלד אַ צוזאַמענשטויס. דער היידאַמאַק לאָזט אים, אַ הונ־געריקן, נישט צו צום עסן. דער ייד דערלאַנגט אַ פּאַטש דעם גרעסטן שלעגער און יענער צעלאַכט זיך און הייבט אים אויף איין מאָל און צוויי מאָל, און זעצט אים אָפּ אַ פאַרחלשטן און מאַכט מיט אים שלום. דער ייד איז געוועזן דער איינציקער, וואָס האָט באַוויזן מוט קעגן דעם ווילדן און יענער גיט אַ באַפעל, אַז קיינער זאָל אים נישט טשעפּען. דער קאָזאַק האָט געגעסן מיט דעם יידן קרויט פון איין שיסל און ער האָט זיי געצויגן איינעם צום אַנדערן און זיי זענען געוואָרן איינס.

איז די שנאה פון די זיידעס —
ווערעמדיקער בראַק,
אויף צעהאַקט, צעמאַלט געוואָרן
צווישן מאַך און פּניאַק
ביי נח דעם חבדניק
און סיטש דעם היידאַמאַק.

אָבער צו קיין שלום קומט עס נאָך אַלץ נישט. סיטש פרעגט נחן פאַרוואָס ער האָט פאַרקויפט זיין גאָט און ער פרעגט אים צוריק, צי ער וויל פרעגן, אָדער שלאָגן. פאַקטיש וויל ערביידע. נח ווייזט אים אָן, אַז סטענקא ראַזינס קאָפּ האָט אויך פאַרקויפט דעם צאַר איינער, ווייל ער האָט זיך געוואָלט צו עפּעס דערדינען. ער פרעגט סיטשן, צי דאַרף ער אים רופן ווילדע חיה, ווייל זיינע זיידעס האָבן אָנגעשטאָכן אויף זייערע פּיקעס פּיצלעך קינדער און טראָגנדיקע ווייבער. סיטש האָט נישט וואָס צו ענטפערן און ער שרייט נאָר: „איר האָט אַ גאָט דערהרגעט״. און ער זעט, אַז דער ייד קען ווערן אי אַ גאָט, אי אַ סטענקאַ ראַזין און ער זאָגט, אַז וואָס מער ער זאָגט אים דעם אמת, אַלץ מער האָט ער אים פיינט, ווייל גלייבן קען ער אים נישט.

דאָס משל מיט סיטשן האָט אויך דעם נמשל — „איינשטעלן די פרו־מע מאַמע די אמונה״. ווען נח פאָרט קיין ארץ־ישראל, קומט סיטש אַ בעסדיקער און ער זאָגט:

מיט מיר איז דיר נישט אָנגעשטאַנען
אין פראַצע אויפן פעלד זיך איינשפּאַנען,
איך בין גרייט געווען מיט הוילע ציין דריבלען שטיינער.
אַבי מיט גאָט אין דיר זיך איינלעבן אינאיינעם...

דאָס לעבן האָט געוויזן, אַז די סיטשעס זענען נאָך ווייט נישט גרייט אויף דעם!

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

ביים סך־הכל פרעגן מיר זיך: וואָס איז נח מאַרקאָן — אַ רעאַלער העלד, וואָס וואָרצלט אין דער ווירקלעכקייט, צי בלויז אַ סימבאָל, וואָס דער מחבר האָט אויסגעטראַכט?

אונדזער ווירקלעכקייט קען אַזעלכע דאָן קיכאָטן און עקשנים, וואָס האָבן אין די זעכציקער און אַכציקער יאָרן פון פריערדיקן י״ה אָן אויפ־הער געזוכט די פערזענלעכע מאָנערס זייערע — די דאָזיקע, וואָס האָבן גע־מאָנט ברויט און אַ מלבוש פאַר דעם אייגענעם גוף און אַ דאַך פאַר דעם קאָפּ — דווקא צו אַריינגעאַרן אין דעם עולם הדמיון און האָבן זיי באַ־פרידיקט מיט רעיונות. אייניקע זענען גאָר אַוועק צו קבלה. אַנדערע האָבן געזוכט די וועלט בלויז דורך ספרים. עס האָבן שוין אוודאי און אוודאי נישט געפעלט אין אונדזער רעאַליטעט אַזעלכע פאַנאַטיש־ערלעכע, ווי נח, וואָס האָבן געליטן נויט און נישט געוואָלט ווערן קיין שותּפים צו די דאָזיקע, וואָס רויבן צייט און אַרבעט ביי די אָרעמע לייט און פּועלים. עס האָבן אין אונדזער רעאַליטעט נישט געפעלט קיין לירישע נאַטורן, ווי נח מאַרקאָן, וואָס האָבן נישט געוואַגט צו אַרויסברענגען זייערע פרייע געדאַנקען אין דער פרומער סביבה און זיי זענען אין אָט דעם פּרט איינגעגאַנגען אויף פּשרות און הנחות.

אין סך־הכל אין דער „גייער“ נישט קיין משכיל, נישט קיין פּאַל־קיסט, נישט קיין ציוניסט, נישט קיין בונדיסט, נאָר אַ רעליגיעזער סאָ־ציאַליסט, וואָס איז יידיש נאַציאָנאַל און ער האַלט, אַז יידן האָבן דורכ־צופירן אַן אינטערנאַציאָנאַלע מיסיע.

נח איז אַ גלות־ייד, אָבער נישט אַזאַ ווי דאָס האַרציקע און הכנעה־דיקע גלות־יידעלע יחיאל, וואָס האָט שלום געמאַכט מיט דעם געדאַנק,

אַז יוסף וועט קיינמאָל נישט דערגרייכן צו דער מדרגה פון פרעהן. נח וויל אין גלות קענען דערגרייכן די מענטשלעכע מדרגה.

אָבער כאָטש נח איז אידעאיש היפּשלעך צוגעטראַכט און זיין אידע־ען־גאַנג איז היפּש אָנגעוויעט פון אונדזערע איבערלעבונגען אין צוואַנ־ציקסטן י״ה און כאָטש אין כאַראַקטער איז ער אויך נישט אינגאַנצן קיין רעאַלער, פאַרמאָגט אָבער דער דיכטער אַזאַ מאַגנעט, אַז ער באַהעפט אונדז מיט זיין העלד ווי מיט אַ גאַר אייגענעם און ווען מיר לייענען די פּאָעמע, פילן מיר אַן אַנטפּלעקונג פון שיינעם עסטעטישן און עטישן אמת. מיר לייענען און מיר זאָגן זיך: וואָלט עס געווען אַזוי!... און מיר דערפילן, אַז ס׳איז דאָך געווען!... עס איז נישט שווער צו דערקענען, אַז דער דיכטער האָט אָפט צו הילף דעם קאָפּ און אַז ער טראַכט אַ סך מאָל אויס שורות, אָבער די אויסגעטראַכטע זענען פּאָעטיש. מיר לייענען:

וואָס איז זינד?
דער פאַל פון שוואַכע,
וואָס קענען אין די הימלען זיך נישט אָנכאַפּן;

און מיר פילן, אַז דאָס איז נישט נאָר אַ געדאַנק, נאָר אויך פּאָעזיע. סיי דער דיכטער, סיי דער העלד האָבן אַ כוח צו פאַרוואַנדלען געדאַנקען אין פּאָעזיע. ווען נח איז וועכטער זאָגט ער:

ער לערנט די נאַכט איר משנה אַזוי צו זאָגן:
אויב דו האָסט אין דער האַנט
אַ דעמבענעם שטעקן געקראָגן,
איז נישט אויף צו קענען די עלנטע ליבע פאַריאָגן,
נאָר צו היטן פון גנבה דאָס פרעמדע האָב.

דאָס גאַנצע ווערק איז רייך אין בילדער און אין געדאַנקען און עס גייט אין דעם דורך פּאָעטיש דער גאַנצער תמצית פון יידישקייט און די וויכטיקסטע לעצטע באַוועגונגען אונדזערע — דאָס חסידות, די השכלה, דער סאָציאַליזם, דער פאָלקיזם און דער ציוניזם.

„דער גייער״ איז אין אַ גרויסער מאָס אַ מין „משנה תורה״ פון אונדזער אידעאישן לעבן אין משך פון די לעצטע אַכציק יאָר!

דער זוכער פון גאָט, מענטש און דערלייזונג

אין יאָר 1947 איז אין פאַרלאַג „מתנות" דערשינען מ. ב.'ס „אָפּ־קלייב פון לידער און פּאָעמעס 1907—1933" א"נ: „אַ דור" מיט אַ הקדמה און אַ נאָכוואָרט פון מחבר. דאָס דאָזיקע בוך איז דערשינען פערציק יאָר נאָך דעם, וואָס דער מחבר האָט פאַרעפנטלעכט זיין ערשט ליד און ער האָט אין זיין אָפּקלייב אַריינגענומען די מערסטע זאַכן פון זיינע זאַמ־לונגען „אַ רינג אין דער קייט" און „זאַמד", ווי אויך די געשריבענע לידער און פּאָעמעס ביז 1933, וואָס זענען פריער נישט געהאַט אַריינגע־גאַנגען אין קיין בוך. די אַמאָל אַזוי באַרימטע „שוואַרצע רויזן" האָט מ. ב. אינגאַנצן אויסגעלאָזט, ווייל ער איז דעמאָלט, דערציילט ער, געהאַט איבערגעגאַנגען פון רוסיש צו יידיש און ער האָט זיך אין יענע לידער געלאָזט פאַרשיכורן פון די יידישע ווערטער. די „תפילות" און „שלמהס טויט" האָט ער געמוזט אויסשיילן פון זייער ווערטער־אָנלאָדונג און זיי זענען כימעט ניי. דער דיכטער וויל דערקלערן, אַז ער איז שווער אויפ־גענומען געוואָרן אין דער מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, ווייל ער איז גע־קומען אַ פאַרשפּעטיקטער. ער געהער צו די פריערדיקע דורות פּייטנים. וועגן די לידער און פּאָעמעס וואָס מנחם האָט געשאַפן אין דער צייט צווישן 1924—1933 וואָלט מען געקענט רעדן מיט מער אריכות, אָבער עס איז נישט נויטיק. אַזוי לאַנג דאָס זאָגן איז אין זיי וויכטיקער ווי דאָס זינגען, איז דאָס געזאָגטע אין זיי שוין באַטאָנט געוואָרן אין אָט דער אַרבעט. ער איז בעצם, נוצנדיק אַ מעטאַפאָר פון זיינס אַ ליד, אַ זעלנער וואָס שטייט אויף דער וואַך און וואַרט, אַז דער קריג זאָל זיך ענדיקן. ער איז אַ זאָגער פאַר אַ וועלט פון שלום, אַ זאָגער אין גאָטס נאָמען, אַ גרייטער צו זאָגן „אהיה שלחני אליכם".

אין יאָר 1950 איז דערשינען מנחם באַריישאָס בוך „דורך דורות". דאָס דאָזיקע בוך איז פלאַנירט און אַרויסגעגעבן געוואָרן שוין נישט פון מחבר, נאָר פון זיין פרוי — צו לענגערע יאָר איר — שרה דורך דעם פאַרלאַג „מתנות". דאָס דאָזיקע בוך האָט אויסער לעאָ פינקלשטיינס אַרבעט „מנחם באַריישאָס שאַפונגס־וועג", אַ „ביבליאָגראַפיע" פון זעלבן און פינף בילדער — צוויי זאַכן פון פאַרשניטענעם דיכטער: „משה" און „חשבון אויפן אַש" (י. ל. פרץ). עס ווערט נישט אָנגעוויזן צי עס זענען געבליבן נאָך פאַרענדיקטע, אָדער נישט־פאַרענדיקטע זאַכן.

„משה“ איז, ווי מ. ב. אַליין האָט פאַרצייכנט, אַן ערשטע זאַך, וואָס דאַרף עפּענען וועגן און פירן „אַ ליניע פון יידישע מחשבות דורך דורות“. אויב אין „גייער“ האָט דער דיכטער געוואָלט געבן אַ משנה תורה פון יידישן אידעען־גאַנג אין משך פון אַ קנאַפּן יאָרהונדערט, האָט ער זיך דאָ פאַרמאָסטן צו איבערדיכטן דעם גאַנצן יידישן אידעען־גאַנג, הגם ער האָט נאָך נישט געוווסט ווי אַזוי ער וועט דאָס מאַכן. ער האָט אויך נישט געוווסט, צי עס וועלן אים סטייען יאָרן. דעם וועג ווי אַזוי צו פירן ווייטער די דאָזיקע ליניע, האָט ער אָנגעהויבן געפינען, וועגן יאָרן, האָט ער זיך אַליין געענטפערט: „וויפל יאָרן עס וועלן געשאָנקען ווערן, אַזוי פיל אַרבעט וועט אָפּגעטון ווערן“. עס ווייזט אויס, אַז מיט דער ערשטער אַרבעט האָבן זיך די געשאָנקענע יאָרן געענדיקט...

„משה“ איז געשריבן אין ווייסן פערז און האָט נישט קיין אייגן אויסגעטראַכטן אינהאַלט. דער מחבר האַלט זיך ביי דער פאַבול פון חומש. ער הייבט אָן מיט דעם מאָמענט, ווען משה געפינט זיך שוין אין מדבר אַלס פאַסטוך און ענדיקט מיט דעם מאָמענט, ווען ער גייט שטאַרבן. פאַראַן שטעלן אין אָט דעם ווערק, וואָס האָבן אַ שייכות צו ליטעראַטור. פאַראַן שטעלן, וואָס שילדערן דאָס לעבן פון די מענטשן, וואָס ווערן דערמאָנט. פאַראַן אפילו פשוטע פאַמיליען־סצענעס. דער כהן פון מדבר יתרו ברענגט זיין טאָכטער צפורה צו איר מאַן, וואָס איז אוועק מיט די שאָף ווייט אין דער וויסטע. זי זאָגט אים: „איך בענק נאָך דיר, מיין האַר“ ער זאָגט איר, אַז ער האָט איר שוין געגעבן צוויי זין און ער פרעגט, וואָס זי וויל נאָך. בכלל אָבער איז עס אַ ווערק, וואָס האָט מער אַ שייכות מיט פילאָזאָפיע, ווי מיט ליטעראַטור. די אַלע דיסקוסיעס, וואָס ווערן געפירט (צווישן משה און יתרו, צווישן משה און אהרן, צווישן משה און די זקנים אאַ"וו) זענען וועגן גאָט און מענטש־דערקענטעניש. און ווען משה קומט באַפרייען די יידן אַלס מענטשן, ווייסט פרעה אייגנטלעך נישט, וואָס עס מיינט מענטש, פונקט ווי יתרו פאַרשטייט נישט, וואָס עס מיינט גאָט. פרעה פאַרשטייט נישט, וואָס עס מיינט פרייע מענטשן, וואָרום מענטשן זענען דאָך אָדער האַרן, אָדער קנעכט. האַרן דאַרף מען נישט באַפרייען און קנעכט קען מען נישט באַפרייען. און פונקט אַזוי פאַרשטייט נישט יתרו, וואָס עס מיינט אַ גאָט. ער קען אַ סך געטער, אָבער נישט איינעם...

די מערסטע קינסטלער האָבן געשילדערט משהן, ווי דעם בייזן,

שטרענגן קריגספּירער און אויסהאַקער פון געזעצן, מנחם ווייזט אים ווי דעם פּאַסטוך, וואָס וויל זיין גוט צו די דאָזיקע, וואָס ער פירט און ער וויל זיין זייער ברודער.

איך בין זיך מודה, אַז אויב איך האָב זיך געפּרעגט אויף מנחמס אַ ווערק פאַרוואָס דאָס איז געשריבן אין פערזן און נישט אין פּראָזע, ווי אַ סך האָבן דאָס געטון, איז עס געווען בעת איך האָב געלייענט זיין „משה". פאַראַן אין אָט דעם ווערק דיסקוסיעס, וואָס וואָלטן אַרויסגע־קומען קלאָרער און שאַרפער אין פּראָזע. און דער גאַנצער געדאַנק וועגן דעם ערשטן גאָט, וואָס זאָרגט פאַר דעם מענטשן איז מער טעמע פאַר אַ פילאָזאָפיש, ווי פאַר אַ פּאָעטיש ווערק. אָבער ביי מנחמען אין מוח האָבן פילאָזאָפישע געדאַנקען אָנגענומען פּאָעטישע פאָרמען. ער האָט געזען פּאָעטיש און פילאָזאָפיש די אָנפירנדיקע געשטאַלטן פון אונדזער לעבן. ווען מען טראַכט לאַנג, דערטראַכט מען זיך, אַז נח מאַרקאָן דער „גייער" האָט אַ ווייטע קרובהשאַפט מיטן משהן און ער ציט זיין פאָדעם — —

„חשבון אויפן אַש" (י. ל. פּרץ) איז אַ חשבון הנפש פון אַ לעבנגע־בליבענעם און אַ טראַגישע ווידוי. עס איז דער צאָרנדיקער געזאַנג קעגן זיך אַליין למאי מיר, די יידן פון די אַמעריקעס, האָבן צוגעקוקט פון דער ווייטן ווי מען האָט אומגעבראַכט די מיליאָנען יידן אין אייראָפּע. מיר זענען געזעסן ווי אין אַ צירק־לאָזשע און צוגעקוקט און זיך געשיצט דורך דעם אַטלאַנטיק, וואָס האָט אונדז אָפּגעטיילט. ביכדי צו מאַכן אָט דעם חשבון, האָט מ. ב. אַרויסגערופן פּרצן. ער האָט אים שטענדיק גערופן, אָבער איצטער מער ווי שטענדיק. פּרץ האָט פאַרשטאַנען, אַז זיין תלמיד וויל צו אים רעדן און ער האָט אים אַנידערגעזעצט אויף דעם אַש פון דורות און אים געהייסן רעדן. און מנחם האָט באַשולדיקט פּרצן אין דעם, וואָס זיינע תלמידים האָבן געקענט צוקוקן פּאַסיוו דאָס אומ־ברענגען די יידן. ער, פּרץ, האָט פאַר זיין דור דורכגעפירט ווי אַ ספּעק־טאַקל דעם בריסקער רב און ביאַלער רבין, ר' שלמהס הייליקע מרידה פאַר שבת, דעם שטומען ניגון פון אברהמל באַס, אָבער ער אַליין איז נישט געווען... ער איז נישט אַריינגעגאַנגען אין היכל און ער איז דאָרט נישט געבליבן. פון דער הייליקייט פון די אבות איז געבליבן „אַן אָפּ־געשטויבטער גאַרטל, אַ צוגעקלעפּטע באָרד". מנחם האָט מורא, אַז מיר האָבן געוואָלט אַריינברענגען מענטשלעכקייט און געטלעכקייט פאַר אַלע

פעלקער און אונדזער בלוט האָט געפּאַכטן די לעצטע שלאַכט און פאַר־שפּילט. אַזוי פאַרשפּילט, אַז ס'איז שוין נישטאָ וואָס צו חשבונען... און פּרץ האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט צו אים די טענה אויסגעלייגט און איצטער דאַרף דאָס פעלד מיט די טויטע שטיינער, מיט די שברי כלים ענטפערן...

אין די פעלדער ווייזן דאָס לעבן, וואָס זיי האָבן געהאַט. עס אַנט־פּלעקן זיך בילדער פון יידישער אייגנקייט און פרעמדקייט. דער עלט־סטער וואַרשעווער פּרנס באַגייט זעלבסטמאָרד, ווייל ער איז אַן אַסימי־לירטער ייד און ער ווייסט נישט, אַז דאָס איז דער היפּוך פון יידישקייט. דאָך דערלייזט ער זיך אין אַ געוויסער מאָס. איין ייד ברענגט אום דעם צווייטן פאַר אַ שטיקל ברויט, אַנדערע יידן זענען גרייט צו גיין אין פייער אַריין צו ראַטעווען יידן. דער מענטש וויל צוויי זאַכן: לעבן און אייבי־קייט. און צוליב זיי באַגייט ער הייליקע טאַטן און מאָרדן, פאַלט אַריין אין קדושה און אין טומאה. און דאָס יידישע לעבן, וואָס האָט אויסגעזען שוין נישט ווי אַ מענטש, נאָר ווי אַ צעברעכטער פורעם פון אַ מענטשן, לייטערט זיך, גייט־אויף — — — פּרץ זאָגט:

זינדיקט נישט!
צווישן בערג חללים, מיטן טויט ביים גאָרגל
זענען יידן דאָ געזעסן
און געגריבלט זיך אין סוגיאָס —
סוגיאָס פון דער אַלטער און נייע תורהס —

דערפילסט פון חשבון אויפן אַש, אַז דער דיכטער גלויבט, אַז יידן וועלן זיך נאָך אויפהייבן פון אָט דעם אַש און גייען ווייטער און ווייטער דעם וועג דורך נסיונות און ליידן צו גאָט, מענטש און דערלייזונג.

און נאָך מער ווי ער גלויבט אין דעם, וויל ער דאָס. ער האָט געוואָלט גלויבן, אַז נאָר אין ליידן און אין גייסטיקייט איז פאַראַן דער זין פון לעבן, איז פאַראַן ייד, מענטש, גאָט און דערלייזונג.

פרץ הירשביין

ביי אַ יידן אַ מילנער מיטן נאָמען ליפּע, וואָס האָט געהאַט אַ וואַסער־מיל אין אַ דאָרף נעבן שטעטל קלעשטשל, גראָדנער גובערניע, איז אין יאָר 1880 געבוירן געוואָרן אַ פּרינץ.

פּרינצן ווערן געבוירן געוויינלעך ביי מלכים, איז דאָס מאָל געשען אַן אויסנאַם. דער פּרינץ פון דער יידישער ליטעראַטור איז געבוירן געוואָרן גראָד ביי אַ מילנער.

אַ פּרינץ איז מען מיט דעם אויסזען און מיט דעם כאַראַקטער. און פּרץ הירשביין איז געווען אַ פּרינץ סיי מיט דעם אויסזען און סיי מיט דעם כאַראַקטער. ווער עס האָט אים געקענט, ווען ער האָט נאָך געהאַט אַ בלאָנדן קאָפּ און ווער עס האָט אים געקענט, ווען ער האָט שוין געהאַט אַ ווייסן קאָפּ, האָט אין אים געקענט זען דעם פּרינץ, וואָס האַלט דעם קאָפּ אין דער זון, אין דער לבנה, אָדער אין דער סטעליע אַריין. אַמאָל האָט ער אויסגעזען אויך ווי אַ קרוינפּרינץ, אָט־אָט וועט מען אים קרוינען. און ווער עס האָט אים געהערט און געזען פּאָרלייענען, רעדן, אָדער גאָר שפּילן פּיאַנאָ, האָט אוודאי אי געהערט און געזען אַ פּרינץ.

— וואָס איז דער סימן פון אַ פּרינץ?

— מיידלעך זאָגן: שיין ווי אַ פּרינץ. און שיינקייט האָט הירשביין פּאַרמאָגט אין אַלץ, וואָס ער האָט געטון. אָבער אויך אַ געוויסע אומנאַטירלעכקייט, געקינצלטקייט און מאַנעריךטקייט זענען סימנים פון פּרינציִשקייט און דאָס דאָזיקע האָט הירשביין אויך פּאַרמאָגט זייער אָפט. און עס האָט דאָך געמוזט אַזוי זיין! מה דאָך אַ פּרינץ בן מלך איז געקינצלטקייט, היינט ווי אַזוי זאָל דאָס נישט זיין אַ פּרינץ בן מילנער...

און דער מילנערישער פּרינץ האָט טאַקע געפילט, אַז ער איז נישט ווי אַלע מענטש פון זיין שניט און ער האָט געזונגען:

איך בין נישט איך,
איך בין אַן אַנדערער,
אַן אומבאַקאַנטער פון אַ ווייטן, ווייטן לאַנד,
אַ פרעמדער מענטש בין איך, אַ וואַנדערער.
און אַלצדינג, וואָס אַ וואַנדערער דערציילט,
איז ווינדערלעך אַזוי,
די ווייטע לענדער שטענדיק גרין,
דער פרעמדער הימל — אייביק בלוי.

די דאָזיקע שורות האָט הירשביין געשריבן דעמאָלט, ווען ער איז שוין געהאַט געווען אַ וועלט־וואַנדערער און ער האָט שוין געהאַט געזען די שטענדיקע גרינע לענדער און דעם שטענדיקן בלויען הימל, אָבער געפילט האָט ער זיי נאָך איידער ער איז אַוועק ווייט פון זיין היים. ער האָט אין דער דאָרפישער סביבה פון גראָדנער גובערניע, ווו עס איז געווען מער גרויקייט און זומפּיקייט, ווי גרינקייט און בלויקייט און ווו די האַרטע נאַטור האָט געפאָדערט שווערע פּראַצע, אין אַט דער סביבה, האָט ער זיך שוין געפילט ווי אַן אַנדערער און ער האָט געזען גרינקייט און בלויקייט. און עס קען זיין, אַז ער האָט גענומען וואַנדערן, טאַקע ווייל אים האָט געצויגן אין ווייטע לענדער, ביכדי צו פאַרוואַנדלען די אויסגעטרוימטע פרינצישקייט אין רעאַלער.

צו די סימנים פון פרינצישקייט געהער מיסתמא אויך אַ געוויסע איינבילדונג וועגן גרויסקייט און אַ שטענדיק טרוימען וועגן דעם. איך וואָלט געזאָגט, אַז פרינצןליידן געוויס אַלע אויף אַ יוסף־קאָמפּלעקס. און אויך דער דאָזיקער קאָמפּלעקס האָט הירשביינען נישט געפעלט. ווער עס האָט אים געזען גיין אין גאַס, זיצן, אָדער שטיין אויף אַ טריבונע, אָדער זיצן ביי זיך אין הויז ביי דער פּיאַנאָ, האָט געקענט דערפילן ווי שטאַרק ער לעבט איבער זיין גרויסקייט און ווי זיכער ער איז, אַז אָט־אָט וועט מען אים אָוואַציאָנירן און מען וועט פאַלן צו זיינע פיס. אין „דאָס ליד פון נאַר" ברענגט ער די דאָזיקע זיכערקייט אַרויס מיט דער פולער איינגעגלויבטקייט:

קלינג, מיין לויב ליד, שטאַרקער, ברייטער,
איך בין גרויס, נישטאָ קיין צווייטער,
איך געוועלטיק איבער לענדער,
איבער פעלקער, איבער ראַסן,
מיין געשטאַלט, ווען איך פאַרענדער,
פלייצן פאַר מיר מענטשן־מאַסן.

מענטשן שטראָמען ווי די טייכן,
מיינס אַ שמייכל צו דערבליקן —
ווער וועט וואַגן מיך אויסווייכן,
ווען איך גיי די וועלט באַגליקן.

הירשביין וואָלט קיינמאָל נישט געזאָגט, ווי גוסטאַוו פלאָבער וועגן זיין מאַדאַם באָוואַרי, „דער נאַר בין איך" (דער פראַנצויזישער שרייבער האָט געזאָגט: „מאַדאַם באָוואַרי בין איך"). אָבער ער האָט דאָס נישט געדאַרפט זאָגן בפועל ממש. ער האָט דאָס געזאָגט מיט טויזנטער פון זיינע הוויות. און ער האָט דאָס דערציילט אין זיינע זיכרונות, איבערהויפּט אין יענע שטעלן, ווען ער האָט דערציילט ווי אַזוי אים איז אויסגעקומען צו זיין איינעם מיט אַנדערע יידישע שריפטשטעלער און איבערהויפּט מיט שלום אַש. הירשביין איז געווען באַרימט מיט זיין פיזישער גבורה און ער האָט זיך טאַקע אַליין באַרימט מיט איר. ער האָט ביי יעדער געלעגנהייט געוויזן ווי אַזוי ער צעבייגט אַ מטבע, (דאָס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע גבורה). ווען עמיצער איז אַמאָל געזעסן נעבן אים בעת אַ באַנקעט, האָט ער אים געוויזן ווי ער קען צעבייגן געשיר. און אויך אין זיינע גבורה־דעמאָנסטראַציעס איז ער געווען דער פּרינץ און אין „ליד פון נאַר" האָט ער נישט בלויז געזונגען וועגן זיין קרוין מיט די צוויי גינגאָלדענע גלעקעלעך, וואָס איינס קלינגט אויס גליק און דאָס צווייטע וועקט ליבעסטרוימען, נאָר ער האָט אויך געזונגען וועגן דעם, וואָס ער איז דער האַר פון אַלע צייטן און ער האָט די וועלט צום שפּיל געקראָגן און ער האָט געזאָגט:

ס׳וולען נעכט און טעג זיך בייטן,
מיך וועט קיינער נישט באַזיגן.

דערזען טויט און געפרעגט אַ קשיא

פּרץ הירשביין האָט געשריבן אַ סך זשאַנרען. אָנגעהויבן האָט ער מיט שירים אין העברעאיש. ער איז באַלד אַריבערגעגאַנגען צו דראַמען, אַלץ אין דער זעלביקער שפּראַך. דערנאָך האָט ער גענומען שרייבן אין יידיש. ער האָט געשריבן לידער און לידער אין פּראָזע און גלייכצייטיק אויך דראַמען. און שפּעטער מיט יאָרן ווען ער איז געוואָרן אַ וואַנדערער, האָט ער גענומען שרייבן רייזע־בילדער און ווען ער איז אַלט גע־

וואָרן ניין און פערציק יאָר, האָט ער גענומען שרייבן זכרונות. מיט דער צייט האָבן זיך די רייזע־בילדער צונויפגעגאָסן מיט די זיכרונות און זיי זענען געוואָרן איינס, ווייל דאָס לעבן פון מחבר איז געוואָרן איבערהויפּט קאָנצענטרירט אין די רייזעס. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט ער גענומען שרייבן דערציילונגען און ראָמאַנען. אין די ראָמאַנען אין זיינע איז געווען זיין גרעסטער פּאַרמעסט; אַזאַ גרויסער פּאַרמעסט ווי ביי שלום אַשן און ז. שניאור, אָדער גאָר ביי באַלזאַקן. זיין טרי־לאָגיע „בבל" איז אויסן צו ווייזן זעכציק יאָר יידיש לעבן אין די פּאַרייניקטע שטאַטן פון צפון אַמעריקע. ער האָט אויך געשריבן ביי געלעגנהייטן אַרטיקלען. ער האָט זיי געשריבן ליריש און אַמאָל סימבאָ־ליסטיש און ער האָט זיך, דוכט זיך, געהיט פאַר אַ שאַרף וואָרט און דאָך האָט ער זיך געקענט אַריינשניידן אין געמיט דווקא מיט אַ קיילעכ־דיק וואָרט און דאָרט בלייבן. זיין וואָרט וועגן דער שפּראַכן־פראַגע, וואָס ער האָט אָנגעשריבן בעת זיין זעכציק טאָגיקן זיין אין ארץ־ישראל. „אונדזער געשפּאָלטענע צונג"... איז פאַרבליבן... און דאָך רעדט מען וועגן הירשביינען צום מיינסטן ווי וועגן דעם דראַמאַטורג פאַר עקסע־לאַנס. דאָס דאָזיקע איז געוויס אויך דערפאַר, ווייל ער האָט מער פון אַלץ געשריבן פּיעסן. זיינע אַלע פּיעסן און איינאַקטערס גרייכן ביז אַריבער זעקס צענדליק. געוויס איז ער געווען באַרימט אַלס דראַמאַטורג אויך דערפאַר, ווייל ער איז געווען אַ באַרופענער פּיעסן־שרייבער, אָבער דאָס איז נישט נאָר דערפאַר. ער איז אַלס רייזע־ און זיכרונות־שרייבער געווען לכל הפּחות נישט ווייניקער באַרופן ווי אַלס דראַמאַטורג. דאָס דאָזיקע איז געשען, ווייל דער גורל האָט אים געשטעלט אין דער סאַמע יוגנט אין דער שפּיץ פון דעם ערשטן בעסערן יידישן טעאַטער, וואָס האָט געקראָגן זיין נאָמען. צוויי יאָר איז ער געשטאַנען אין שפּיץ פון דעם טעאַטער, וואָס האָט געקראָגן דעם נאָמען „די הירשביין טרופּע" און יאָרצענדליקער איז אים דער דאָזיקער שם נאָכגעגאַנגען. (אוודאי האָט אים דער גורל געשטעלט בראש פון דערמאָנטן טעאַטער, ווייל ער האָט געשריבן דראַמעס! גורל האָט אויך סיבות...), אָבער ער איז אַלץ באַרימט געווען ווי אַ דראַמאַטורג, ווייל טעאַטער איז אַ מער גע־אייגנטע טריבונע פאַר פּאָפּולער ווערן ווי אַנדערע ליטעראַטור זשאַנ־רען. יעקב גאָרדין האָט אַ שטיק צייט קאָנקורירט אין פּאָפּולאַריי־טעט מיט שלום עליכמען, און דאָס דאָזיקע איז געשען, ווייל מען

האָט זיינע פּיעסן געשפּילט. ווען ער וואָלט דאָס זעלביקע, וואָס ער האָט געשריבן אין די פּיעסן, געוווען אַרויסגעבראַכט אין דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָלט ער ווייט נישט געווען געוואָרן אַזוי פּאָפּולער.

עס וועט אָבער זיין אַ זינד, ווען עמיצער וועט הירשביינען פאַר־שטעלן נאָר אַלס דראַמאַטיקער — ער וואָלט אין אַזאַ פאַל פאַרגעשטעלט געוואָרן אויף ווייניקער ווי העלפט. מיר וועלן אים אַ שטיקל צייט נאָכ־פאָלגן כראָנאָלאָגיש אין אַלע זשאַנרען. און די כראָנאָלאָגיע וועט נישט זייז שווער צו געפינען, זי איז פאַראַן אין זיינע זיכרונות. און טאָקע דערפאַר וועלן מיר דאָ אַריינברענגען אַביסל ביאָגראַפיע.

אין דער סביבה פון אַ דאָרפישער וואַסער־מיל איז פּ. ה. געבוירן געוואָרן און געוואַקסן. ער האָט ליב געהאַט דאָס טייכל, אויף וועלכן די מיל איז געשטאַנען מיט סלופּעס, ער האָט ליב געהאַט דיביימער פון אַרום, וועלכע ער האָט איינגעטיילט אין טאַטעס און אין מאַמעס. די ביימער מאַמעס האָבן זיך אָנגעבויגן, אַז מען האָט געוואָלט קריכן אויף זיי, און זיי האָבן געהאַט ווייכע צווייגן און זיי האָבן נישט געדראַ־פּעט. ער האָט געהאַט אַ זיידן יהושע וואָס האָט געקענט עטלעכע ניגונים, איינעם אַ בלויען, איינעם אַ רויטן, איינעם אַ גרינעם, איינעם אַ ראָבן. פּרצן איז מער פון אַלץ געפעלן געוואָרן דער ראָבער ניגון. אין שטוב זענען געווען עטלעכע ברידער און איין שוועסטער, אַלע עלטער פון אים. און ער איז געווען אַנדערש פון די אַנדערע אויך דערמיט, וואָס ער איז געווען יינגער פון אַלע. בעת אַלע האָבן שוין געקענט די שפּראַך וואָס די גוים פון אַרום האָבן גערעדט און געלעבט אין אַ רעאַלער וועלט, האָט ער די דאָזיקע שפּראַך נאָך נישט געקענט און געלעבט מער אין זיין אינערלעכקייט. ער איז געווען אַנדערש אויך דערמיט, וואָס ער האָט געלערנט בעסער ווי אַלע קינדער און ווען ער איז געווען גאָר קליין, האָט מען שוין גערעדט וועגן דעם, אַז ער וועט זיין אַ רב. זיין שוועסטער בעבל האָט אים געזאָגט מוסר פאַרוואָס ער איז אַנדערש, פאַרוואָס ער איז אַזוי טרויעריק, פאַרוואָס ער שפּילט זיך נישט, ווי אַנדערע קינדער. אין חדר אַריין האָט מען געדאַרפט גיין אַ פּאָר קילאָמעטער. ער איז גע־ווען נישט אַ גייער, דערציילט ער, נאָר אַ לויפער. אַ גאַנץ לעבן איז ער דערנאָך דווקא געווען אַ פּאַוואָליע טוער און אַ פּאַוואָליע גייער. ער איז געגאַנגען זייער אַ סך. ער איז געווען זיכער, אַז דאָס סך גיין איז אַ סגולה צו לאַנג לעבן, אָבער קיין לויפער איז ער אין די שפּעטערדיקע יאָרן

נישט געווען: און כאָטש ער איז אין חדר אַריין געלאָפן, האָט ער דאָך דעם וועג געקענט דורך און דורך. ער האָט געקענט דיביימער, די שטי־בער, די מענטשן.

עפּעס איז געווען פּאַראויסגעזען, אַז ער, דער מיזיניק, דאַרף ווערן דער לערנער אין דער מישפּחה. אין עלטער פון צען יאָר איז ער אַוועק־געפאָרן קיין בריסק לערנען. מיטן קערפּערל איז ער געווען אין בריסק, אָבער מיטן גייסט איז ער געווען אין דער היים. ער דערציילט, אַז ער געדענקט קיינעם נישט פון בריסק, ווייל פאַר די אויגן זענען אים כסדר געשטאַנען די היים און די אייגענע. ער געדענקט אָבער יאָ, אַז ווען ער האָט געזען אין בריסק די קינדער וויזן קונצן, האָט ער געזאָגט, אַז ער קען צעמאָלן גלאָז מיט די ציין און זיך נישט צעבלוטיקן. און ער האָט טאַקע אויפגעהויבן אַ שטיקל גלאָז פון דער ערד און דאָס צעמאָלן און אויסגעשפּיגן און געוויזן, אַז ער האָט זיך נישט צעבלוטיקט. די יינגלעך האָבן געשטוינט און פּרץ ה. האָט זיי דערקלערט, אַז זיין טאַטע איז אַ מילנער און ער האָט דאָס אויסגעלערנט ביי די מילשטיינער, וואָס מאָלן „אַזוי" די קערנער. דער דאָזיקער עפּיזאָד וויזט הירשביינען דעם פּרינץ: ער האָט נישט געקענט צוקוקן ווי אַנדערע וויזן קונצן און ער נישט. דאָס איינציקע נישט פּרינצישע איז דאָ געווען דאָס אַריינגעמען גלאָז פון דער ערד אין מויל אַריין. דער צען יאָריקער פּרינץ האָט וואַרשיינלעך נאָך נישט געוווסט, אַז מען דאַרף דאָס נישט טון.

פון בריסק איז נאָך פּ. ה. צוריקגעקומען זיין אַ קינד ביי די עלטערן און ער איז געוואָרן בר־מיצווה, האָט איבערגעלעבט זיין הונדערט דריי יאָריקן זיידנס טויט און אינאיינעם מיט דעם די ערשטע ספיקות און טענות צו גאָט.

דער פּרינץ האָט דערזען טויט און געפרעגט קשיות.

געוואַנדערט איבער ישיבות און געוואָרן אַ העברעאישער משורר

צופוס האָט די האָרעפּאַשנע מאַמע געפירט איר זון דעם פּרינץ צו איר טאַטן, וואָס האָט געוווינט אין מעלייטשיטש, אַז ער זאָל אין בית־המדרש לערנען תורה. הירשביין דערציילט, אַז זי האָט צו אים געזאָגט בזה הלשון:

— איה׳ש, נאָך יום־טובים, מיין קינד, וועל איך אַליין דיך אָוועקפירן צום זיידן, מיר וועלן גיין צופוס, מיין קינד, פּאַמעלעכקע וועלן מיר גיין, אויסקלייבן אַ שיינעם טאָג, ווען מען אַרויסגיין באַגינען.

אַ פאַמיליען־ראַט איז געווען, דער פאָטער,ביידע ברידער, די על־טערע שוועסטער, אפילו די יינגערע פינפיאָריקע שוועסטערל, האָבן גע־זוכט אַ מער פּאַסיקן שטעג, וואָס זאָל דעם וועג אי פאַרקירצן, אי פאַר גרינגערן. אין וועג האָט די מאַמע גערעדט צום זון פונקט אַזוי אַ, ווי אַ האָרעפּאַשנע מאַמע רעדט צו אַ זון אַ פרינץ, אָדער ווי אַ פרינץ דער־ציילט, ווי אַזוי די מאַמע רעדט צו אים. זי האָט אים גערעדט וועגן דעם, וואָס מען זיצט אויף אַ פּלאַץ, ווי אַ וואָרעם אין כריין און זי האָט אים דערציילט, אַז אין דער יוגנט האָט עס זי אויך געריסן אין דער ווייטער וועלט אַריין, אָבער „האָט מען נישט קיין פליגל, היניעט מען אָפּ דאָס ביסל יאָרן" און זי האָט אים דערציילט, ווי שווער עס איז איר אָנגע־קומען דאָס גטן זיך מיט דעם ערשטן מאַן, אָבער וואָס האָט זי געקענט טון, אַז קיין קינדער זענען נישט געקומען און זי האָט אים גערעדט וועגן די סאָסנעס, וואָס שמעקן און וועגן דעם וואַלד, וואָס מעליטשיטש האָט. זיי זענען ביידע געגאַנגען באָרוועס און אײדער זיי זענען אָנגעקומען אין שטעטל, האָבן זיי אויסגעזוכט אַ וואַסערל צו אָפּוואַשן די פיס, צו קענען אָנטון שיך און זאָקן.

זעקס וויאָרסט האָבן מאַמע און זון דורכגעמאַכט פון קלעשטשעל קיין מעליטשיטש און עפּעס האָט מען דאָס געפיל, אַז זיי האָבן דורכגע־מאַכט אַ גאַנצע אָדיסייע, וואָס איז דערציילט אי עכט־פּאָעטיש, אי פרינ־ציש־מאַנערירט. און נישט אומזיסט האָט הירשביין שפּעטער, אין רעט־ראָספּעקטיוו, געזען אין יענעם גאַנג דעם אָנהויב פון זיינע וועלט־רייזעס.

אין זיידנס שטעטל האָט הירשביין זיך געפילט ווי אַ יונג ביימל, וואָס מען האָט עס אַרויסגעריסן מיט די וואָרצלען. אין בית־המדרש האָט ער זיך געפילט אומהיימלעך, דערצו האָט ער גערדאַרפט עסן „טעג", יעדן טאָג אין אַן אַנדער שטוב. צוריקקומענדיק אין בית־המדרש אַריין פון זיין „פּאַרשעמטן מאָלצייט", פלעג ער זיך פילן נאָך אומהיימלעכער. דער אַלטער רב מיט דער שניייווייסער, זילבערנער באָרד, וואָס האָט געהאַט אַ ווייכן בליק אין די בלויע אויגן, איז פאַר אים געווען אַ געוויסע טרייסט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז די ספרים אין די פּאָליצעס באַמערקן זיין

אָנקומען און לאָזן אַרויס אַ געמורמל. דער שמש איז געווען גוט צו אים און ער האָט אים געגעבן אַ פּאָסטן, דעם ערשטן פּאָסטן אין זיין לעבן. ער זאָל יעדן אָוונט אַריינשטעלן די ספרים, וואָס ווערן דורך דעם טאָג אַרויס־גענומען, יעדער ספר זאָל זיין אויף זיין פּלאַץ. ער האָט דערפאַר באַקומען זעקס גראָשן אַ וואָך. אָבער די דאָזיקע אַרבעט זיינע איז אַן עלטערן, בייזן יידן, אַ שוחט נישט געפעלן געוואָרן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז צוליב דעם סדר געפינט ער נישט דאָס ספר, אין וועלכן ער לערנט און ער האָט אים אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. ער האָט זיך דערפון געפילט שלעכט; און דאָ איז אונטערגעקומען אַ מוכר ספרים, וואָס האָט געהאַט אויך „זשאַרגאָנישע ביכלעך" און וועלכער האָט אים דערציילט, אַז עס איז דאָ אַ גרויסע וועלט און אַז מען ווערט אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן.

די מעשות פון עוזר בלאָשטיין, אייזיק מאיר דיק, יהושע מזח און די לידער פון אליקום צונזער האָבן אין אים אָנגעצונדן אַ בענקשאַפט; און נאָך דעם, וואָס ער איז ווידער געווען אין דער היים, איז ער געפאָרן קיין וויסאָקע ליטאָווסק, דערנאָך קיין אָרלע און ער האָט זיך געקליבן צו לערנען תורה און מלאכה, תורה און השכלה. ער האָט געלייענט נ. סאָקאָלאָווסקיס „האסיפה", סמאָלענסקיס „התועה בדרכי החיים", לי־ניעצקיס „דאָס פּוילישע יינגל", י. ל. גאָרדאָנס שירים און ער האָט אַליין אָנגעהויבן בלאָנדזשען און ער איז ווידער געפאָרן קיין בריסק און ווידער אין אַנדערע שטעטלעך און ער האָט זיך דערנענטערט צום ציוניזם און געזונגען דאָס ליד פון ציון און ענדלעך האָט ער זיך אַ לאָז געטון קיין ירושלים דליטאָ, קיין ווילנע.

אין ווילנע האָט דער יונגער וואַנדערער געליטן אַזוי פיל הונגער, אַז אַ דאָקטאָר האָט אים געדראָט, אַז ער וועט שטאַרבן, אויב ער וועט נישט אַהיים פאָרן זיך דערנערן. און ער איז צוריק געפאָרן אַ קראַנקער אַהיים. פון דאָרט האָט ער געדאַרפט פאָרן קיין וויסאָקע ליטאָווסק, ווו ער האָט איבערגעלעבט זיין ערשטע ליבע. טאָקע זיינס אַ שוועסטערקינד איז זיין ערשטע ליבע געווען. די טאָכטער פון זיין מומע שרה, די ענער־גישע שיינע, וואָס איז געווען אין איינע יאָרן מיט אים, האָט אין אים דערוועקט די ליבע. זי האָט געהאַט שוואַרצע האָר און טונקעלע אויגן און ער בלאָנדע האָר און בלויע אויגן. זי איז געווען גרייט צו וואַרטן אויף אים ביז נאָך דעם, וואָס ער וועט אויסדינען. זי האָט געמאַכט אַלע פּלענער. אָט אָ די איבערלעבונג האָט, מיינט ב. ריווקין, באַווירקט הירש־

ביינען און דערפאַר זענען אין זיינע שריפטן פאַראַן אַ סך פאַלן, ווען די מענער זענען די פאַסיווע און די פרויען די אַקטיווע. ווען פּ. ה. איז געווען אין דער היים, האָט ער זיך דערוווסט, אַז שיינע האָט זיך דורך אַ טעות פאַרסמט און ער איז נישט געווען זיכער, אַז דאָס איז טאַקע געווען אַ טעות... אין ווילנע זייענדיק האָט ער באַוויזן צו אָפּדרוקן זיין ערשטן שיר אין דוד פרישמאַנס „הדור". „געגועים" (בענקשאַפט) האָט דער שיר געהייסן. אים האָט זיך געדאַכט, אַז צו גרינג איז אים אָנגעקומען, אַז זיין נאָמען זאָל מפורסם ווערן און טאַקע דערפאַר האָט ער אים געוואָלט אָפּהיטן און מער אַזוי גיך נישט געוואָלט שיקן צום דרוקן. ער האָט זיך געזאָגט: „זאָל דיין נאָמען נישט אַרויס אַזוי גרינג אין דרויסן".

אין ערשטן באַנד זיכרונות א. נ. „אין גאַנג פון לעבן" ברענגט הירשביין די ערשטע סטראָפע פון זיין ערשטן העברעאישן ליד אין זיין אייגענער איבערזעצונג. אָט איז זי:

קום, אוי קום, דו פרילינג גלוסטיקער,
קום און ברענג מיר רו,
גרינע פעלדער, ליכטיק באַחנטע,
צווישן זיי ביסטו.

ער ברענגט די דאָזיקע סטראָפע צוליב דעם, וואָס דוד פרישמאַן, דער רעדאַקטאָר פון „הדור" האָט אים זי אינגאַנצן איבערגעמאַכט און אויסגעלאָזט דעם פרילינג און אויף זיין פלאַץ אַריינגעשטעלט אַ „גרויסן טאָג". בענקען סתם נאָך פרילינג איז אין יענער צייט, און נאָך אין העברעאישן, געווען אַ צו פּריוואַטער ענין. בענקען האָט מען געדאַרפט נאָך עפּעס, וואָס איז גוט פאַרן כלל, נאָכן גרויסן טאָג. דעם פרילינג אַלס סימבאָל האָט מען נאָך נישט געמומען.

און אָט אַזוי איז דער בחור, וואָס האָט געוואַנדערט אין משך פון אַריבער אַ צענדליק יאָר פון איין שטעטל אין צווייטן און פון איין ישיבה אין דער צווייטער, געוואָרן אַ העברעאישער משורר, וועלכער האָט אין פרילינג פון זיין לעבן אויסגעגאָסן זיין בענקשאַפט נאָך דעם פרילינג. ער האָט אין די אַלע בתי־מדרשים און ישיבות, ווו ער האָט געלערנט, זיך אַ סך אָנגעליטן, אָבער ער האָט אָנגעזאַמלט אויסער תורה אויך געפיל. ער האָט דערפילט אַ זין אין יידישן לעבן. און ווען ער האָט זיך באַזעצט אין ווילנע, ווו ער האָט ערשט רעכט געליטן הונגער און נויט, האָט ער געלערנט העברעאיש מיט אָרעמע יינגלעך און מיידלעך.

דער העברעאישער דראַמאַטורג און דער „משורר המרתף"

דאָס ערשטע ליד הירשביינס איז געווען — אַ פּערזענלעכס, די ערשטע דראַמען זיינע זענען דווקא געווען זייער אומפּערזענלעך. עס האָט זיי געשריבן נישט אַזוי דער פאַרבענקטער יונגערמאַן, ווי דער לערער הירשביין. די ערשטע צוויי דראַמען פון קלעשטשעלער פּרינץ הייסן „מרים" און „שובבים" (שפּענער — אין יידיש געשפּילט געוואָרן א. נ. „דער אינטעליגענט"). אין „מרים" איז געשילדערט אָרעמקייט און נויט אין קעלער. די נויט דערפירט אַ יידיש מיידל צו געפאַלנקייט און פּראָס־טיטוציע. פאַר אָט דער פּיעסע האָט ראובן ברײנין אַ נאָמען געגעבן דעם מחבר „משורר המרתף" — דיכטער פון קעלער. עס איז דאָ כדאי צו דערמאָנען, אַז ווען פאַני וואַדי עפּשטיין האָט די דאָזיקע פּיעסע געשפּילט אין 1909 אין ב. איירעס, האָבן יידישע גאַסן־מיידלעך זיך באַגאַסן מיט טרערן אין טעאַטער און די שאַפּשאָוויטשעס האָבן פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס מען „דעמאַראַליזירט" זייערע אַרבעטאָרינס. יענע פּאָרשטעלונג האָט געגעצן דעם ערשטן שטויס צו דעם קאַמף פון אַרגענטינער ישוב קעגן די „טמאים", וואָס איז אין 17 יאָר אַרום פאַרענדיקט גע־וואָרן מיט אַ פולשטענדיקן ניצחון. אין „שובבים" האָט הירשביין גע־וואָלט ווייזן אין אַ געוויסער מאָס די פּערזענלעכע טראַגעדיע, אָבער אַרויסגעבראַכט געוואָרן איז דאָרט — רוי און נישט זיכער — די טראַ־געדיע פון יידישן אינטעליגענט, וואָס קען נישט די פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסן און קען צו זיי נישט צוקומען און די טראַגעדיע פון די יידישע מאַסן, וואָס האָבן נישט קיין צוטרוי צו זייערע אינטעליגענטן. די דריטע פּיעסע הירשביינס, וואָס הייסט אין העברעאיש „הולכים וכבים" (אין יידיש: „ווו דאָס לעבן פאַרגייט"), איז ווידער אַ קעלער־דראַמע און איז פאַר דעם מחבר נאָך מער פאַרפעסטיקט דעם טיטל „משורר המרתף".

פּרץ הירשביין דערציילט נישט פאַרוואָס ער האָט „פלוצלינג" אָנ־געהויבן שרייבן כימעט נאָר דראַמען. און דערצו דווקא אויף העברעאיש. י. ל. פּרץ האָט דעמאָלט שוין געהאַט געשריבן פאַר טעאַטער סיי אויף העברעאיש און סיי אויף יידיש. שלום אַש האָט שוין אויך געהאַט אָנגע־שריבן דעם „זינדיקן". אָבער איין זאַך איז שרייבן אויך פאַר טעאַטער און אַן אַנדער זאַך איז שרייבן נאָר פאַר טעאַטער אין אַ צייט,

ווען עס איז נישט געווען קיין שום שאַנס צו אויפפירן אַ פּיעַ־סע. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז דעם הויפּט־שטויס צו שרייבן פּיעסן האָט הירשביינען געגעבן זיין — באַרוף ביכלל. ער איז געווען אַ דראַמאַטורג מבטן ומלידה. אַ נישט צו־טעאַטראַלישער דראַ־מאַטיקער, אַ שרייבער, וואָס האָט געהאַט מער נייגונג צו רייד, ווי צו אַקציע. ער האָט זיכער נאָך נישט געקענט דיאַניס דידעראָס טעאָריע, אַז טעאַטער דאַרף האָבן וואָס ווייניקער רייד און וואָס מער אַקציע און פּיעסן דאַרפן ווערן געמאַכט אַזוי, אַז אויך „ווילדע" זאָלן זיי פאַרשטייען, און אויב מען רעדט אין אַ פּיעסע, זאָל עס זיין אַ געשריי. „מרים" האָט נאָך דאָך געהאַט אַקציע, „שובבים" און „הולכים וכבים" האָבן געהאַט רייד און נישט שטענדיק קלאָרע. אַ געוויסער דראַמאַטישער אָטעם פעלט נישט אין קיין איינער פון די ערשטע דריי דראַמאַטישע ווערק פון אונדזער מחבר, אָבער מיר שיינט, אַז אויך זיין שטרעבן צו אַנדערשקייט האָט גע־האַט אַ חלק אין דעם, וואָס ער האָט זיך גענומען שרייבן פּיעסן. און די אַנדערשקייט איז טאַקע באַלד דערגרייכט געוואָרן. אויב מען האָט באַלד אָנגעהויבן רעדן וועגן הירשביינען, נאָך איידער ער האָט זיינע דראַמען פאַרעפנטלעכט און ביאַליק האָט זיי געוואָלט פאַר דעם „השלוח" און י. בערשאַדסקי האָט זיי געוואָלט פאַר די זאַמלביכער „הזמן", איז דאָס געווען דערפאַר, ווייל זיי זענען געווען לערך גאַנצע דראַמען מיט אַן אָנהויב, אַ מיט, אַ סוף און אַ געוויסן סיפור המעשה. ביי י. ל. פּרץ אין די דראַמעס איז דאָך דאָס נישט געווען און שלום אַש האָט ערשט גע־האַט אָנגעשריבן נאָר איין צוויי־אַקטיקע פּיעסע. הירשביין איז געוואָרן אין אַ געוויסער מאָס אַ לעגענדע נאָך איידער מען האָט זיינע ווערק פאַרעפנטלעכט. און געהאָלפן מאַכן פון אים אַ לעגענדע האָט טאַקע י. ל. פּרץ, וואָס איז שוין דעמאָלט געווען ביכלל אַ קעגנער פון רעאַליזם און שוין אוודאי און אוודאי אין טעאַטער. פּרצן איז געפעלן הירשביינס שטילער טאָן. ער האָט אים געזאָגט, דערציילט הירשביין, אַז ביי אונדז גייט מען אום מיט געשמידטע שטיוול, מען גייט אום מיט פּאַדקאָוועס אין דער ליטעראַטור, „ביי אייך מערק איך שטילקייט, וואָס קלאַפּט אין טיר, קלאַפּט אין פענצטער". אָט אָ די שטילקייט האָט אין דער וועלט־ליטעראַטור און טעאַטער אַריינגעבראַכט דער סימבאָליזם ביכלל און זיין הויפּט־טעאָרעטיקער מאָריס מעטערלינק ביפרט. און נישט אומזיסט האָט י. ל. פּרץ געפרעגט הירשביינען, צי ער האָט געלייענט מעטערלינקן.

דער ענטפער איז געווען אַ נעגאַטיווער און עס איז אויסער יעדן ספק, אַז הירשביין האָט אים נאָך נישט געהאַט געלייענט, אָבער באַאיינפלוסט פון אים איז ער דאָך געוואָרן — אויף אַן אומדירעקטן אופן, ער האָט געהאַט אַ סך תלמידים און נאָכמאַכער אין רוסיש. און פרץ איז עס טאַקע געווען דער דאָזיקער, וואָס האָט געהאָלפן מאַכן פון הירשביינען אַ לעגענדע. דעם יונגן דראַמאַטורג איז נישט געפעלן געוואָרן ווי אַזוי ביאַליק האָט אַנאַליזירט זיין „מרים". דער דיכטער פון צער און צאָרן האָט שוין גראָד געזוכט נישט דאָס שטילע און נישט־קלאָרע, נאָר דאָס שרייענדיקע. ער האָט געזוכט דאָס מעלאָדראַמאַטישע און דעם קאָמיזם. אָבער ער האָט פאָרט געזאָגט אַ פולן יאָ! דער העברעאישער ראָמאַניסט בערשאַדסקי, וואָס איז געווען איינער פון די רעדאַקטאָרן פון „הזמן" האָט די זאַך געגומען פשוט: ער שרייבט אַ זשאַנר, וואָס פעלט און ער האָט אים געזאָגט: „גוט, וואָס איר שרייבט דראַמעס". ביי דער ערשטער באַגעגעניש האָט אים שלום אַש פאָרגעשטעלט פאַר זיין פרוי אַלס דעם יונגן דראַמאַטורג, וועלכן „פרץ האָט שטאַרק גערימט".

און אַז הירשביין האָט טאַקע געציטערט איבער דעם שאַנס צו ווערן אָנערקענט אַלס דער ערשטער יידישער דראַמאַטיקער, גיט ער צו פילן אומדירעקט און דרך אגב. ער דערציילט, אַז ווען י. בערשאַדסקי האָט געלייענט זיין „מרים", האָט ער אים דערוויל געגעבן צו לייענען שלום אַש'ס „דער זינדיקער" און ער דערקלערט גאַנץ אויפריכטיק, אַז ער האָט „מיט אַ געפיל פון קנאה די זאַך געלייענט". ער האָט אינס־טינקטיוו מורא געהאַט, אַז אַש זאָל אים דעם טיטל נישט אויסכאַפּן...

און דער פרינץ אונדזערער האָט אָנגעשריבן זיין דראַמע, וואָס איז דער מאַקסימום פון דעם היפוך פון פרינצישקייט אין טיטל, אין דער סביבה און אין אינהאַלט. דאָס איז „די נבלה". אין העברעאיש האָט ער זי אָנגעשריבן. דער משורר פון קעלער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צום אומריינסטן ווינקל פון קעלער, דאָרט וווּ מען שינדט נבלות... ער האָט געוויזן אַ „פרינץ" פון ליידן, פון וועלכן עס שלאָגט דער ריח פון דער נבלה און וועלכער איז איבערצייגט, אַז ער קריגט נישט קיין ליבע, ווייל דער דערמאָנטער ריח זעצט פון אים. מענדל הייסט ער און מען רופט אים נישט ביים נאָמען, מען רופט אים נבלה. אַ מענטש אַ נבלה, וואָס ווערט אַ קיין סואי גענעריס — ער באַגייט אַ פאָטער־מאָרד. ער דער־

שטיקט זיין אייגענעם טאַטן, וועלכער האָט אים געמאַכט פאַר א נבלה־שינדער.

„די נבלה״ איז געוואָרן הירשביינס פּאָפּולערסטע זאַך און איז דאָס געווען און געבליבן לאַנג, לאַנג שיר־נישט אין משך פון אַ האַלבן לעבן. אַ פּאָר צענדליק יאָר דורכאַנאַנד האָבן אַמאַטאָרן די דאָזיקע פּיעסע געשפּילט אין אַלע שטעט און שטעטלעך. הירשביין אַליין רעדט וועגן דעם מיט אַ היפּשן פאַרדרוס. ער זאָגט, אַז ווען ער האָט דערנאָך געשריבן פּאָעזיע, האָט מען געזאָגט, אַז זיין אייגענע טינט איז אים אויסגעגאַנגען און ער שרייבט מיט פרעמדער טינט. עס איז פאַראַן אַן אַנעקדאָט, אַז אונדזער דראַמאַטורג איז אַמאָל געקומען צו אַ יידישן שניידער אין פּאַריז באַשטעלן אַן אַנצוג, איז יענער צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט אויסגעשריִען צו זיין פרוי אין צווייטן חדר אַריין: „גיכער, די נבלה איז דאָ״... דער מחבר אַליין פאַרשטייט נישט פאַרוואָס דאָס דאָזיקע איז געשען, ער גיט זיך חשבון, אַז אין דער טעכניק איז „די נבלה״ געווען די גאַנצסטע זאַך זיינע. זי האָט פאַרמאָגט דעם פערפעקטסטן דיאַלאָג. ער האָט פאַר דעם געקראָגן אַ סך קאָמפּלימענטן, אפילו פון דעם בייזן קריטיקער דוויד פרישמאַן, אונטער וועמענס רעדאַקציע די פּיעסע איז געדרוקט געוואָרן אין „הזמן״. הירשביין רעדט אויף אַ זייער טאַקטישן אופן נישט וועגן דעם עצם ווערט פון דער זאַך. אָבער יעדער ווייסט, אַז „די נבלה״ איז זייער ווייט פון צו זיין די בעסטע, אָדער אפילו איינע פון די בעסטע דראַמען זיינע. און עס איז בשום אופן נישט געווען פאַרוואָס צו אידענטיפיצירן אים מיט אָט דעם ווערק, ווי מען האָט שלום עליכמען אידענטיפיצירט מיט „טוביה דער מילכיקער״, אָדער פּרצן מיט זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״.

און אַ קורצע צייט נאָכדעם, וואָס פּרץ הירשביין האָט אָנגעשריבן זיין פאַטאַלע „נבלה״, וואָס האָט זיך אים לאַנג, לאַנג נאָכגעשלעפּט און האָט געשאַפן אַ שטימונג פון פיינלעכקייט סיי ביי אים אַליין און סיי ביי זיינע פריינט און פאַרערער, האָט ער אָנגעשריבן די לעצטע זאַך זיינע אין העברעאיש: דעם איינאַקטער „עולמות בודדים״ (איינזאַמע וועלטן). ער איז דעמאָלט שוין געווען נאָענט באַפריינדעט מיט ז. שניאור און ער דערציילט, אַז יענער איז אַזוי באַגייסטערט געוואָרן דערפון, אַז ער האָט אים געזאָגט: „אַ קלאָג צו דיר, הירשביין, ווייסט דאָך אַליין

נישט, וואָס דו האָסט אָנגעשריבן". ער דערציילט אויך, אַז ווען די זאַך איז דערשינען אין „הזמן", האָט זי אפשר געמאַכט מער רושם ווי „די נבלה", אָבער מען האָט אים צוליב איר דעמאָלט צום ערשטן מאָל צוגעטשעפּעט, ער ווייסט נישט פאַרוואָס, דעם טיטל „דער יידישער מעטערלינק". פאַרוואָס מען האָט דאָס געטון, איז נישט אַזוי שווער צו וויסן. עס איז געגוג צו איבערלייענען וואָס פאַר אַ נישט איז איינאַקטער מעטערלינקס, באַזונדערס זיין „אַריינדרינגער" (ל'ענטריס), אַז מען זאָל דערפילן ווי שטאַרק אונדזער דראַמאַטורג איז דאָ אונטער דעם איינפלוס פון פאָטער פון די סימבאָליסטן. פּונקט ווי ביי דעם בעלגישן שרייבער איז ביי הירשביינען אין דערמאָנטן איינאַקטער נישט פאַראַן קיין איין פּראָזע, וואָס זאָל נישט האָבן עפּעס אַ באַהאַלטענעם מיין. און כאָטש דער איינפלוס איז אַזוי בולט, איז דער איינאַקטער „איינזאַמע וועלטן" אַ סך, אַ סך מער ווערט ווי די טעכניש־גאַנצע און רייפע דראַמע (בעצם מעלאָדראַמע) „די נבלה" און איז דאָס בעסטע פון דעם, וואָס הירשביין האָט אָנגעשריבן אַלס העברעאישער דראַמאַטורג.

ווי דער דראַמאַטורג אונדזערער דערציילט אַליין, איז „איינזאַמע וועלטן" געווען די לעצטע זאַך, וואָס ער האָט געשריבן אין העברעאיש. ער האָט דערנאָך איבערגעזעצט פון יידיש איניקע דראַמען זיינע אויף העברעאיש, אָבער אָריגינעל האָט ער מער אין דער אַלטער שפּראַך נישט געשריבן, כאָטש ער האָט געהאַט אָפּגערעדט מיט שניאורן, אַז מען דאַרף שרייבן אין ביידע לשונות און אַז געוויסע זאַכן דאַרף מען שרייבן אין איין שפּראַך און געוויסע — אין דער אַנדערער. ער האָט גענומען שרייבן יידיש, ווייל „די האָפענונג איז דעמאָלט געווען שטאַרק אויף דער זייט פון דער פאָלקסשפּראַך". די רעוואָלוציע פון 1905 האָט אין דעם געהאַט דעם גרעסטן חלק. הירשביין האָט נאָך דעמאָלט געלערנט העברעאיש מיט תלמידים און תלמידות, אָבער „עס איז שוין נישט געווען קיין געטרייער מוט פאַר דעם". „מאַמע יידיש, דערציילט ער, האָט אויסגעשפּרייט ביידע הענט און אַלע קינדער האָבן איר געוואָלט פירן פאַרן האַנט. אפילו די ריינע העברעער האָבן צו איר אַ האַנט אויסגעשטרעקט".

לערך 25 יאָר איז פּרץ הירשביין אַלט געווען, ווען ער איז איבערגעגאַנגען פון העברעאיש צו יידיש. און ווען מיר זאָלן היינט וועלן אונטערפירן אַ סך־הכל אונטער דעם וואָס ער האָט געשאַפן אין העברעאיש,

וואָלטן מיר אין דעם קיין אייביקע ווערטן נישט געפונען. „מרים" איז אַ מעלאָדראַמאַטיזירונג פון אָרימקייט און נויט, וואָס דערפירט אַ מיידל צו פּראָסטיטוציע און האָט אין בעסטן פאַל דעם ווערט פון אַ סקיצע. טעכניש איז די זאַך געבויט נישט זיכער, דער דיאַלאָג איז אַ וואַקלענ־דיקער, די פּראָזע — זייער ווייניק אָנגעלאָדן. „שובבים" (שפּענער), וואָס איז אויף יידיש אַ סך מאָל געשפּילט געוואָרן א. נ. „דער אינטעלי־גענט" און וואָס איז געווען אַ פּרווו פון מחבר צו דראַמאַטיזירן זיין אייגן לעבן, (ער דערציילט, אַז ער האָט זיך אין הויפּטהעלד געוואָלט אינטע־ליגענטיש פאַרקליידן), האָט אַ שוואַכן אינהאַלט, איז לחלוטין נישט אויס־געבויט, פלאַטערט אין דער לופט און האַלט אין איין פאַלן און איז אין דיאַלאָג נישט זיכער; די געוועדעריי דערגרייכט דאָ ביז צום מאַקסימום פון פּאָעטישער הילפלאָזיקייט. מען וואָלט דאָ געקענט רעדן פונקט אַ צענטל און דערגרייכן דעם זעלביקן רעזולטאַט. „די נבלה" איז טעכניש אַ דערגרייכונג, אָבער דער אינהאַלט פון דער זאַך וואָלט קוים געקלעקט פאַר אַן איינאַקטער. אַ שלעכטער ריח, וואָס פאַרפאָלגט אַ יונגן בחור און איז אים יורד לחיוו איז אַן עפּיזאָד נישט קיין דראַמע. און די סביבה שילדערונג איז אַ צו־נאַטוראַליסטישע. און עס ווייעט מיט אַ פּינצטער־קייט פון דער גאַנצער זאַך און מיט אַ ביטחון־לאָזיקייט, וואָס איז מוראדיק נישט יידיש. און „הולכים וכבים" (זיי ווערן אויסגעלאָשן), וואָס הייסט אין יידיש „ווו דאָס לעבן פאַרגייט" איז ווידער אַ מעלאָדראַמע מיט אַ סך דיאַלאָג און זייער ווייניק האַנדלונג. דווקא די רייד, וואָס זענען נישט שייך דירעקט צו דער האַנדלונג, האָבן דאָ מער זאַפטיקייט און טעאַטראַ־לישקייט. דער גאַנצער שמועס צווישן דער עלטערער פרוי קיילע און דעם ניינצן־יאָריקן ווייבל צביה, וואָס דערפירט אַז די לעצטע זאָל אָנמעסטן איר זיידן חופּה־קלייד און זען, צי נאָך דער קימפּעט איז עס נאָך אַלץ ענג, האָט אַ סך מער אָטעם, ווי אַלע שמועסן צווישן מאַמע און טאָכטער, טאַטע און קינדער, חתן און כלה. דאָס לעבן גייט און פאַרגייט. אָרימקייט, לעבן אין קעלער, לונגען־קראַנקייט. דאָס אַלץ געשעט אין דער פּיעסע און מער נישט. די עלטערע טאָכטער, צייטל, ווערט קראַנק, שפּייט מיט בלוט, די יינגערע טאָכטער, רעשיל, ווערט קראַנק. דאָס איינציקע ביסל טעאַטראַלישקייט איז דאָ, וואָס רעשיל איז אַ צווילינג־שוועסטער פון דעם בחור קדיש. און מער ווי אויסזיכטלאָזיקייט איז דאָ נישטאָ... מען קומט אום! נאָר אין „איינזאַמע וועלטן" בויט מען לופטשלעסער. דער צו־

שויער קריגט אויך נישט מער ווי פעסימיזם, אָבער די העלדן חלומען כאַטש...

הירשביין דערציילט, אַז ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין העברעאישע דראַמאַטישע עפּאָכע, האָט ער זיך געטראָפן אין ווילנע צום ערשטן מאָל מיט שלום עליכמען, וועלכער האָט אים באַגעגנט מיט אַ גוטמוטיקן און אַביסל איראָנישן שמייכל, אים באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און גע־פרעגט, וואָס ער שרייבט אַזוינס. ער האָט אים דערציילט און ער האָט געענטפערט, אַז דאָס ווייסט ער שוין, ווייל וואָס ער האָט געדרוקט, האָט ער געלייענט, ער וויל, אַז ער, הירשביין, זאָל פאַרשטיין, אַז אַזוי ווי ער שרייבט „דאַרף מען נישט שרייבן. נישט דאָס דאַרף די ליטעראַטור". און הירשביין זאָגט, אַז אים איז שווער געוועזן תופס צו זיין, וואָס שלום עליכם האָט געמיינט. „מיינע פיעסן — שרייבט ער — זענען געווען נאָענט צום לעבן, אין מיינע יענע פיעסן האָב איך געמאָלן די טראַגישע זייט פון דער אָרעמקייט און פאַרוואָס די ליטעראַטור האָט דאָס נישט געדאַרפט האָבן, האָב איך נישט געקענט באַנעמען". מיר שיינט, אַז עס איז נישט אַזוי שווער צו פאַרשטיין שלום עליכמען. ער האָט אויך געשילדערט די טראַגישע זייט פון דער אָרימקייט, אָבער ער האָט דעם טרויער באַזיגט מיט געלעכטער און ביטחון, ביי הירשביינען איז נישטאָ עפּעס אַנדערש ווי אומקום און טויט... מוראדיק נישט יידיש איז ער געווען דער העברעאישער דראַמאַטורג פּרץ הירשביין — — —

סימבאָלישע פּיעסן מיט אומקלאָרע ניגונים אין יידיש

אויב הירשביין האָט געקענט זאָגן וועגן זיינע העברעאישע פּיעסן „מרים", „שובבים", „הולכים וכבים" און „הנבלה", אַז זיי זענען נאָענט צום לעבן, וואָלט ער נישט געקענט זאָגן וועגן די ערשטע פּיעסן אין יידיש דאָס זעלביקע. ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש, האָט ער זיך דווקא אַרויפגעלאָזט פון דער ערד אויף דעם הימל. פאַרוואָס דאָס איז געשען, דערציילט ער נישט אין זיינע זיכרונות, אין וועלכע ער דערציילט ביכלל דווקא זייער אַ סך. ער דערציילט, אַז מען האָט זיינע סימבאָלישע פּיעסן נישט גורס געווען; מען האָט געזאָגט, אַז דער משורר פון קעלער האָט גענומען שרייבן פון אַ פרעמדן טינטער און מען האָט נישט אויפגעהערט דערמאָנען מעטערלינקן; ער דערציילט, אַז ווען

ער האָט איבערגעלייענט בעל מחשבותן זיין „פון יענעם זייט טייך", האָט דער דאָזיקער קריטיקער אים אייגנטלעך געזאָגט דאָס זעלביקע, וואָס שלום עליכם: „נישט דאָס דאַרף די ליטעראַטור". און ער האָט צו־געגעבן: „איך האָט געמיינט איר זענט אַ רעאַליסט". בעל מחשבות האָט זיינע פּיעסן אין העברעאיש נישט געהאַט געלייענט, אַזיסט וואָלט ער געוווסט אויף זיכער, אַז ער איז אַ רעאַליסט. מען האָט שוין גאָרנישט געזאָגט, אַז הירשביין שרייבט סימבאָליסטיש. דערציילט ער אַליין, און עס טויג דערפאַר אויף קלאָגן, נאָר מען האָט סתם געזאָגט, אַז עס טויג נישט. ווען ער האָט געבראַכט זיין איינאַקטער „בלומען קברים" צום רעדאַקטאָר פון „יוד", ד"ר לוריאַ, האָט אים יענער געזאָגט, אַז די לייענער וועלן דאָס נישט פאַרשטיין, ווייל דאָס איז צו שיין און ער האָט אים געהייסן זיך זוכן אַן אַנדער זשורנאַל.

מיר שיינט, אַז ביים איבערגיין אין יידיש איז הירשביין אַריבער צום סימבאָליזם, טאַקע צוליב זיין פּרינציפּישקייט. ער האָט זיך געשראָקן פאַר דער פּשוטקייט פון יידיש. זיין מאַנערירטקייט, זיין אַנדערשקייט האָט אים נישט געלאָזט שרייבן אין יידיש פון רעאַלן לעבן. עס וואָלט דאָך אַרויסגעקומען נישט מעשה פּרינץ. די אַנדערשקייט פון שרייבן פּיעסן, נישט קיין פּראָזע, האָט שוין געהאַט פאַרלוירן דעם רייץ. ער אַליין האָט דאָך שוין געהאַט אַזויפיל פּיעסן און דערצו אין העברעאיש. און י. ל. פּרץ האָט שוין דעמאָלט געהאַט אַ גאַנצע רייע פּיעסן און שלום אַש האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן „משיחס צייטן" און „גאָט פון נקמה". דערפאַר האָט ער אינסטינקטיוו געוואָלט שרייבן אַנדערש. אַוודאי האָט אין דעם געשטעקט אויך די השפּעה פון דער צייט. אַ סך האָבן דעמאָלט געשריבן אַזוי. ער האָט שוין מיסתמא דעמאָלט געהאַט געלייענט מעטערלינקען. מיר שיינט אָבער, אַז ער איז מער באַאיינפלוסט געוואָרן דירעקט פון דעם רוסישן סימבאָליסט לעאָניד אַנדרייעוו ווי פון בעל־גישן. ער דערציילט, אגב, אַז אַנדרייעוו האָט געלייענט זיין „איינזאַמע וועלטן" און ער האָט געזען אַ קרובהשאַפט מיט זיין „קעניג הונגער". אָבער גרעסער פון דרויסנדיקן איינפלוס איז געווען זיין אייגענער דראַנג צו שרייבן אַנדערש, טאַקע, ווייל ס'איז יידיש. ער האָט מורא געהאַט, אַז צוליב דעם, וואָס ס'איז יידיש, זאָל עס נישט זיין וואָכעדיק. אין אַ געוויסער מאָס דערציילט ער דאָס דאָזיקע אַליין. אין צווייטן באַנד פון זיינע זיכרונות, וואָס הייסן „אין גאַנג פון לעבן", דערציילט ער:

„איך האָב זיך אַנידערגעזעצט שרייבן מיין ערשטע דראַמע אין יידיש. „אויף יענער זייט טייך". געווען ביי מיר אַ לעבנס־יום־טוב. נישט געווען קיין גרענעץ צו פאַרשענערן דעם אויסדרוק. יעדער וואָרט האָב איך געוויגן און געמאָסטן. עס מוז נישט זיין קיין דראַ־מע, נאָר אַ ליד. מענטשן מוזן רעדן מיט געזאַנג. די ווערטער זאָלן האָבן זייער אינערלעכן ריטם. לעבן און טויט — ביידע זענען דאָך שיין. טויט דאַרף מען אויך באַזינגען."

ווער עס האָט געהערט פּערזענלעך הירשביינען רעדן, אָדער פאַר־לייענען ווייסט, אַז עס איז ביי אים נישט געווען קיין גרענעץ צו פאַר־שענערן דעם מאַניר פון אַרויסברענגען דאָס וואָרט און אַז ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער נאַטירלעכקייט און ער האָט געזוכט ס׳זאָל אַרויסקומען אַ געזאַנג. די קיבעצאַרניע האָט אַזש געשאַפּן אַ וויץ, אַז אַ שאַלטיקיש קינד האָט אים אַמאָל געגעבן אַ ביס אונטערן טיש און מען האָט עס געפרעגט פאַרוואָס, האָט עס געענטפערט: „זאָל ער ריידן ווי אַ מענטש"...

הירשביין אַליין האָט געפּרוווט דערקלערן דאָס נישט גורס זיין דאָס שרייבן זיינס, ווייל מען איז געווען געוווינט, אַז דאָס שרייבן אין יידיש זאָל ברענגען באַלדיקע נוצן, ווי יעדער בשר ודם האָט ער געזוכט די סיבה אומעטום, אויסער אין זיך. ער האָט זיך נישט געגיבן חשבון, אַז זיין „פון יענער זייט טייך" באַשטייט פון אַ סך פּאָעזיע און פּראָזע און האָט גאָרנישט קיין האַנדלונג. דער אַלטער מנשה, דער בלינדער פּאָראָמ־טשיק, ווערט פאַרשלעפּט פון דער פאַרפּלייצונג און ער רעדט און רעדט, ביז ער ווערט פאַרגליווערט און שטאַרבט. און דאָס אייניקל זיינס, די יונגע מירל, וויל יאָ אים נאָכגיין און וויל נישט, און וויל צום לעבן און וויל נישט איבערלאָזן זיין טויטן קערפּער און דער אומבאַקאַנטער, דער סימבאָל פון לעבן, רופט זי און זי ציט זיך צו אים און מען מיינט, אַז זי איז משוגע געוואָרן... פאַר אַ פּאָעמע אין פּראָזע איז דאָ געווען גענוג איינפאַל, פאַר אַ פּיעסע איז דאָ געווען נאָר אויף צו קנייטשן מיט די פּלייצעס. און אַזוי ווי הירשביין האָט שוין געהאַט אַ נאָמען פון אַ גרויסן העברעאישן שרייבער, האָט מען זיין פּיעסע אויפגעפירט אין אָדעס אויף רוסיש און דער עולם האָט נישט געהאַט קיין מוט צו זאָגן, אַז אים געפעלט נישט די זאַך, האָט ער געזאָגט, אַז ער פאַרשטייט זי

נישט. אפילו אַ וויצע־פּאָליצמייסטער, דערצײלט הירשביין, האָט די זאַך אַזוי פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט חושד געווען, אַז ס׳איז אין איר פֿאַראַן רעוואָלוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע (ס׳איז געווען נאָך 1905). הירשביין זאָגט, אַז ער איז אַוועק פֿון קעלער־לעבן, אָבער נישט אַהין, וווהין דאָס באַלע־באַטישע לעבן האָט געקוקט מיט מידע אויגן. ער זאָגט אָבער נישט וווהין ער איז יאָ אַוועק. און וווהין האָט עס דאָס באַלעבאַטישע לעבן דעמאָלט געקוקט מיט מידע אויגן? קיין ציון? צו דער רעוואָלוציע? צום הימל? און מיט וואָס זענען די אַלע ערגער, וווהין דער אומבאַקאַנטער רופֿט מירלען?

אָט טאַקע דער איינאַקטער „קברים־בלומען“, וואָס לוריאַ האָט אים נישט געוואָלט דרוקן, ווייל ר׳איז צו שיין. אַ מישפּחה וווינט אין אַ געגנט, ווו בלומען זענען נאָר פֿאַראַן אויף דעם בית־עולם. די עלטערע שוועס־טער, בעלאַ האָט טאַקע מורא פֿאַר בלומען, אָבער די ייִנגערע שוועסטער, רבקה, דער סימבאָל פֿון דער שטורמישער יוגנט, רעכנט זיך נישט דער־מיט און זי ברענגט אַ שירץ בלומען. דער מאַן נחמיה, וואָס פֿלעגט קומען אָפּיציעל צו בעלאַן, ווערט פֿאַרכאַפּט פֿון רבקהן און אירע בלומען. ער גיט איר דאָס האַרץ זײַנס און זי וויל אויך דעם קאָפּ. ער פֿרעגט, צי דאָס האַרץ איז נישט גענוג. און ער דערציילט איר מיט אַ היפּער־פּאָעטישער שפּראַך אַ מעשהלע וועגן דעם מלאך, וואָס האָט געטראָגן איבערן טאָל די נשמות פֿון די שלאָפֿנדיקע קינדער און ער האָט צוויי נשמהלעך פֿאַר־לוירן און זיי זענען אַריין אין צוויי ליליעס און זיך געטוליעט איינס צום אַנדערן מיט ליבע. דער אַלטער אלחנן דערשרעקט זיך פֿאַר דער בלו־מען־רעוואָלוציע, די עלטערע שוועסטער בעלאַ שרעקט זיך נאָך מער און רבקה און נחמיה זינגען:

עס שלאָגט פֿון באַרג אַ זילבער קוואַל,
פֿאַרפֿלייצט דעם טאָל,
פֿאַרפֿלייצט דעם טאָל.
וועלט שיינע באַגראָבט דער מענטש
מיט זײַנע הענט,
מיט זײַנע הענט.

פֿון וואַנען איז געדרונגען, אַז די בלומען מוזן געבראַכט ווערן נאָר פֿון בית־עולם? און אויב הירשביין האָט געוואָלט זאָגן, אַז ווען אפֿילו עס זע־

נען נישט פאַראַן קיין אַנדערע, ווי נאָר קברים־בלומען, זאָל זיין פון טויט צום לעבן, האָט ער דאָס געדאַרפט אַרויסברענגען אויך מיט קלאָרע רייד, ער אָבער האָט מיט די אייגענע הענט פאַרפלייצט דעם אינהאַלט אין אַ טייך פון בלומען ווערטער.

עס איז כדאי דאָ צו דערמאָנען, אַז ווען ד״ר לוריאָ האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דרוקן „קברים־בלומען", האָט הירשביין געפינען פּלאַץ פאַר זיין אומנאַטירלעכן שיינגערעדעריי אין דעם טעריטאָריאַליסטישן וואָכנבלאַט „דער נייער וועג", וואָס האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין ווילנע, אונטער דער רעדאַקציע פון משה ליטוואַקאָוו, וואָס איז שפּעטער געוואָרן אַ קעגנער פון קונסט לשם קונסט און האָט געמאַכט „סאָצ(יאַלע) באַשטעלונג" ביי יידישע שרייבער און אַ שטאַלענע, פּראָלעטאַרישע שפּראַך.

און אַ לאַנגע צייט האָט שוין הירשביין געשריבן נאָר וועגן אַ מיט צווישן דער און יענער וועלט און מיט אַ נישט רעאַלער שפּראַך און ער האָט געזוכט צו שאַפן טעאַטער־פּיעסן, וואָס זאָלן זיין נישט קיין דראַמען, נאָר געזאַנגען. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּיעסע אין דריי אַקטן, וואָס האָט פריער געהייסן „דעמערונג", אַזוי ווי ס׳האָבן געהייסן אין יענער צייט אַ סך סימבאָלישע לידער אין פּראָזע (דאָס וואָרט „בין השמשות" האָט מען אָנגעהויבן נוצן שפּעטער). און דערנאָך האָט ער זי גערופן „צווישן טאָג און נאַכט". דערנאָך האָט ער אָנגעשריבן זיין פּיעסע „ערד". און ביידע פּיעסן האָט ער געוואָלט איבערגעבן די ערב־רעוואָלוציע שטימונג אין רוסלאַנד, אָבער עס איז אין זיי נישט געווען קיין האַנדלונג און די טעאַטראַלישקייט איז נישט געווען קיין קלאָרע און שיינע רייד האָבן געפלייצט. געווען, שיינט מיר, איין געדאַנק אין ביידע פּיעסן: חרוב מאַכן דאָס ערגערע אין דער וועלט, איידער מען קערט איבער די סאָציאַלע אָרדענונג — „די ערד" ווייזט טאַקע אַ גימנאַזיסטקע, וואָס ווערט דאָרפיש און ווייל לונגען־קראַנקע קומען אין דעם וואַלד אַריין, ווו זי געפינט זיך און ברענגען די קראַנקע שטאָט אַהין, רעדט זי אָן איר דאָרפישן געליבטן, אַז ער זאָל אונטערצינדן דעם וואַלד. פריער פאַרברענען, הייסט עס, די שטאָט און דערנאָך איבערקערן די וועלט...

הירשביין דערציילט, אַז טרעפנדיק זיך מיט בריינינען אין בערלין, האָט אים יענער געזאָגט, אַז ער באַדויערט למאי ער האָט איבערגעלאָזט דעם שיינעם רעאַליזם און ער איז אַוועק אויף אַנדערע וועגן. זיין „ערד", האָט ברייניין געזאָגט, איז געשריבן קראַנק, אַנאַרכיש. און ער איז געווען אויף

דעם ריכטיקן וועג, אין אינהאַלט זענען „צווישן טאָג און נאַכט" און „ערד" סאָציאַלע דעקאַדענץ, אין דער פאָרם פאַרמאָגן זיי אַזאַ שיינקייט, וואָס רייצט, מאַכט דורשטיק און שטילט נישט...

אין צענטער פון הירשביינס שאַפן אין יענער צייט דאַרף מען שטעלן „יואל" און „תקיעת כף". אין אינהאַלט איז איןביידע פּיעסן נישט פאַראַן קיין דעקאַדענץ. אדרבה: די טענדענץ, ס'הייסט דער געדאַנק, איז אין ביידע פּיעסן אַ הומאַניטאַרער. אין „יואל" ווערט געוויזן ווי פון גרויס־קייט קומט מען צו נישט אויפריכטיקייט. יואל, דער זון פון דאָרף־שניי־דער אלי, ווערט אַ גרויסער למדן, פאַרטרייבן די עלטערן זיין שוועס־טערקינד, די שיינע, זאַפטיקע און האַרציקע חוה, ווייל זיי ווילן זיך משדך זיין מיט דעם רב. און חוה זאָגט, אַז זי האָט אויך געדאַרפט זיין די תורה זיינע און ער האָט זי געדאַרפט האַלטן ווי די תורה און מען נעמט זי פון דער תורה אַוועק. אין „תקיעת כף" צווינגען הענאך און פעסיע זייער טאָכטער חנהלע צו צעשטערן דעם תקיעת כף מיט דער שכנה כאַשעס זון דוד און ווערן אַ כלה פאַר אַן אַנדערן. און דוד שטאַרבט. נאָך פאַר דעם זאָגט ער: „איך בין געשטאָרבן, חנהלע ווײנט". און חנהלע פילט כסדר דעם טויטן דוד אין זיך שיר נישט ווי אַ דיבוק. עס איז אייגנטלעך דער זעלבער אינהאַלט, וואָס אין אַנסקיס „דיבוק", אָבער הירשביין האָט זיין פּיעסע אָנגעשריבן מיט אַ קנאַפּן יאָר צענדליק פריער. ער איז געווען גענוג טאַקטיש קיינמאָל נישט צו פאָרוואַרפן אַנסקין, אַז ער האָט ביי אים גענומען זיין אינהאַלט; מיסתמא האָט ער געוווּסט, אַז אַנסקיס פּיעסע איז אַ גאַנץ אַנדערע. ער אַליין, הירשביין, האָט פאַר זיין „דאָס פאַרוואָרפענע ווינקל" גענומען אינהאַלט אין שעקספּירס „ראָמעאָ און יוליעטאַ" און פאַר זיין „שדים וויסן וואָס" אין הויפּטמאַנס „דער פאַרזונקענער גלאָק" און ער האָט דאָך אָנגעשריבן אייגענע פּיעסן. פאַקטיש צילן „יואל" און „תקיעת כף" צום זעלבן: ווען מענטשן הייבן זיך אויף און גרייכן צו אַ העכערע מאַ־טעריעלע און מאָראַלישע מדרגה, טרעטן זיי אויף די נאָענטע...

אָט די צוויי פּיעסן זענען די בעסטע צווישן די סימבאָליסטישע ווערק, וואָס הירשביין האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן, אָבער זיי ליידן אויך אַ היפּש ביסל פון געקינצלטקייט, פון פּרינציפּישער מאַנערירטקייט. יואל רעדט פּאָעטיש און זיין שפּראַך און זיינע געפילן (קיין געדאַנקען זענען נישטאָ אין זיינע לאַנגע מאָנאָלאָגן) זענען נישט פון קיין למדן און

נישט פון קיין מקובל. די שפּראַך פון חווהן, וואָס איז אויך פאַרפּאָעטע־וועט, איז אַ סך נאַטירלעכער. אין „תקיעת כף״ איז פאַראַן אַן אָנשטרענגונג צו פאַרוואַנדלען די ווערטער אין געזאַנג. פאַראַן דאָ מער ליברעטאָ פאַר אַ מוזיקאַלישער דראַמע, ווי טאַקע אַ דראַמע אַליין. הירשביין האָט זיך געמאַכט אַ קולט פון רעדן שטיל.

ווי מיר האָבן שוין דערמאָנט, איז הירשביין אין יענער צייט (1907) געפאָרן קיין בערלין. ער דערציילט אַליין, אַז ער איז געפאָרן לערנען ביי דער וועלט. עס איז דאָך געווען די צייט, ווען מיזרח־אייראָפּעאישע יידן האָבן געזוכט אַ פענצטער צו דער וועלט. ער איז געזעסן אַנטקעגן ראַ־פאַעלס „מאַדאָנע און גרין״, דערציילט ער, און ביים גרויסן מאָלער פון דער רענעסאַנס עפּאָכע געוואָלט לערנען שטילקייט. פאַקטיש האָט הירש־ביין געוואָלט ווערן אַנדערש, ווי ער איז און דאָס דאַזיקע האָט אים געמאַכט מער ווי אַנדערש, ס'האָט אים געמאַכט אומנאַטירלעך. הירש־ביין דערציילט, אַז שפּעטער מיט יאָרן איז ער געווען אין אַ יידישער שול אין קאַנאַדע און געפרעגט ביי די שילער וווהין עס קומט אַהין דאָס קינד, ווען עס ווערט גרויס, האָט איין קינד געענטפערט: „דאָס קינד בלייבט אין גרויסן״. אין הירשביינען גופא איז אויך געבליבן דאָס קינד, ווען ער איז שוין געווען גרויס, אָבער נישט שטענדיק האָט ער געלאָזט דערפון באַהערשן. ער האָט אָפט געוואָלט ווערן — צו־גרויס... אַמאָל האָט ער געזונגען פּשוט:

> אַ מלאך וויינט, אַ מלאך וויינט,
> דער טוי איז נאַס פון טרערן.

און פּלוצלינג האָט ער געזונגען אַזוי, אַז מען זאָל דווקא טרעפן, וואָס ער מיינט:

> און פאַלט ווען אַ שטערן פון הימל,
> דאַן האָט ער זיין ליכטיקן וועג
> און מענטשנס און לעבנס פאַרזייען
> אַליין אויף אַ פינצטערן וועג...
> ווער מאַכט ס'זאָל אַזוי זיין?

הירשביין האָט אין יענער צייט אָנגעשריבן נאָך אַ סימבאָלישע דראַמע. זי הייסט „אויף דעם שיידוועג״ די העלדין אין אָט דער פּיעסע

דאָראַ הייסט זי, איז נישט אַזאַ פּאַסיווע ווי חנהלע אין „תּקיעת כּף“, וואָס לאָזט זיך איינגאַנצן באַהערשן פֿון די עלטערן. זי פֿאַרמאָגט אייזערנעם ווילן און זי קען ברענגען די ריכטיקע טרייסט איר מאַן, דעם מאָלער, ווען ער איז פֿאַרצווייפֿלט וועגן זיין קונסט און זי ווייזט אים, אַז ער האָט אין רעאַלן לעבן אויך עפּעס אויפֿגעטון, ער האָט קינדער. רעאַליסטישע געדאַנקען ווערן דאָ אַרויסגעזאָגט אין אַ סימבאָליסטישער שפּראַך און ווערטער קומען דאָ אָנשטאָט בילדער און דיאַלאָג פֿאַרנעמט דאָס פּלאַץ פֿון האַנדלונג און אַלץ איז דאָ אַנדערש, פֿרעמד, אומנאַטירלעך.

הירשביין איז צוריקגעקומען פֿון בערלין צו זיין מאַמען, וואָס האָט געהאַלטן אין שטאַרבן. ער האָט געזאָגט, אַז ער איז „צוריקגעקומען פֿון אַ געפֿערלעכער עקספּעדיציע“, ער האָט זיך אַרויסגעלאָזט זוכן אַ נישט אויסגעטראָטענעם וועג, ווייט פֿון גאָט און ווייט פֿון דער יידישער נשמה. און ער האָט זיך אומגעקערט צו דער יידישער נשמה אין אַ גאַנצער ריי גוטע און עכטע פּיעסן, אָבער עס האָט נאָך געדויערט. ער האָט נאָך פֿריער דורכגעמאַכט די אָדיסייע פֿון גרינדער, דירעקטאָר, רעזשיסאָר און שוישפּילער פֿון איר אין דעם ערשטן בעסערן יידישן טעאַטער, וואָס איז פֿאַרבליבן מיטן נאָמען די „הירשביין־טרופּע“.

רעזשיסאָר, שוישפּילער און לאַסט־טרעגער פֿון ערשטן בעסערן יידישן טעאַטער

שוישפּילער איז הירשביין געוואָרן אין לאָדזש. ער האָט דאָרט געשפּילט דעם „ערשטן אָרעמאַן“ אין זיין אייגענער פּיעסע „תּקיעת כּף“, וואָס דוד הערמאַן האָט אויפֿגעפֿירט. אין דעם טעאַטער, וואָס האָט געטראָגן זיין נאָמען, האָט ער געשפּילט עטלעכע ראָלן, אָבער נאָר אין זיינע אייגענע פּיעסן.

די דראַמאַטישע טרופּע אונטער דער לייטונג פֿון פּרץ הירשביין, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין האַרבסט 1908 אין אָדעס און איז פֿאַרבליבן אונטער דעם נאָמען „די הירשביין טרופּע“, איז מער אַ קאַפּיטל אין דער געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער, ווי אין דער ביאָגראַפֿיע פֿון פּרץ הירשביין גופֿא. פּרץ הירשביין איז אויך נישט געווען דער איניציאַ־

טאָר פון אָט דער טרופּע. דאָס גאַנצע קולטורעלע יידישע לעבן איז געווען דער איניציאַטאָר פון יענער ריזיקאַלישער אונטערנעמונג. י. ל. פּרץ האָט הירשביינען „געררייצט" צו דעם; ביאַליק האָט געררייצט און צוגעזאָגט צו העלפן. די ציוניסטישע אינטעליגענץ אין אָדעס האָט צוגע־זאָגט צו העלפן. אייניקע האָבן סתם געוואָלט אַ קולטורעל יידיש טעאַ־טער, אייניקע, בראש מיט אוסישקינען, האָבן געהאָפט ,אַז דאָס טעאַטער וועט זיין אַ צענטער פאַר ציוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע. דעם סאַמע לעצטן שטויס פאַר דער דאָזיקער איניציאַטיוו האָט געגעבן אַ גרופּע אַמאַטאָרן בראש מיט ווייסבלאַט־וועריטע, וואָס איז געווען אי אַ שוישפּילער, אי אַ זשורנאַליסט.

אין די דערפאָלגן און דורכפאַלן פון יענער טרופּע האָט הירשביין געהאַט אַ גרויסן חלק, אָבער נישט דעם גאַנצן חלק. אַז הירשביין איז נישט געווען קיין באַרופענער אַדמיניסטראַטאָר פון אַ טעאַטער, איז אויסער יעדן ספק. ער איז געווען צו אומבויגזאַם. ער דערציילט אַליין, אַז ער איז רויט געוואָרן, ווען מען האָט אים געפרעגט, צי ער וועט קענען גיבן שוחד אַ פּאָליצמייסטער. ער איז אויך אין באַציאונג צו מענטשן געווען אַ צו־גרויסער עקשן. ביי רוסישע מלוכה־לייט האָט ער אַרויסגערופן חשד. זיי האָבן אין זיין סימבאָליזם חושד געווען רעוואָלו־ציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע. אָבער עס זענען געווען טויזנטער אַנדערע סיבות פאַר די דורכפאַלן פון יענעם טעאַטער. דאָס גאַנצע לעבן איז געווען די גרעסטע סיבה פון דורכפאַל.

אין אַן אָפּהאַנדלונג וועגן הירשביינען דעם שריפטשטעלער דאַרף מען אויסטיילן פון דעם קאַפּיטל „הירשביין־טרופּע" דאָס דאָזיקע, וואָס האָט אַ שייכות נאָר צו הירשביינען. עס איז געבליבן גאַנץ ווייניק מאַ־טעריאַל וועגן הירשביינען דעם רעזשיסאָר. מיר מעגן זיך דענקען, אַז צוגעגרייט צו זיין אַ רעזשיסאָר איז דער דעמאָלט 28 יאָריקער הירשביין נישט געווען. ער האָט נישט געהאַט ווו און ווען צו לערנען דאָס פאַך. אָבער ער האָט דאָך געקענט זיין א געבוירענער טאַלאַנט אַלס רעזשי־סאָר, פּונקט ווי ער איז עס געווען אַלס דראַמאַטורג. ווען ער האָט גע־נומען שרייבן פּיעסן, האָט ער געהאַט גאַנץ ווייניק געזען טעאַטער און גאַנץ ווייניק געלייענט טעאַטער פּיעסן. פון זיך אַליין קען מען נישט וויסן, צי הירשביין האָט געהאַט רעזשיסאָרישע פעאיקייטן אָדער נישט. מוז מען זוכן עדות. ד"ר א. מוקדוני זאָגט, אַז ער איז אַלס רעזשיסאָר

געווען בלאָס און גרוי. הירשביין האָט מוקדונין דערקלערט אַלס „קאַ־זאַק" און אַלס „שונא", אָבער ער דערקלערט פּאָרט נישט פאַרוואָס איז מוקדוני געוואָרן זיין שונא. די אָנצוהערענישן, אַז מוקדוני האָט גע־קוואָקעט אויף רעזשיסאָר, זענען נישט קיין באַשטעטיקטע. רוסישע קריטיקער האָבן געלויבט הירשביינען דעם רעזשיסאָר, אָבער מיט גע־צוימטקייט. קיין רעזשיסאָר מיט קיין אייגענעם דרך איז ער, ווייזט אויס, זיכער נישט געווען.

וועגן הירשביינען דעם שוישפּילער איז אויך געבליבן אַ היפּשער בלויז. וואָרשיינלעך איז ער אויך אַלס שוישפּילער נישט געווען עפּאָכע־מאַכנדיק. אָבער בעת וועגן זיין רעזשיסאָרישקייט דערציילט הירשביין ווייניק, דערציילט ער וועגן זיין שפּילערישקייט אַ סך מער. און ער דערציילט גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן דעם, וואָס ער האָט איבער־געלעבט בשעת דעם גרימירן זיך. און בשעת דעם שפּילן, ווען ער האָט געהאַט „איין גוף און צוויי נשמות". אָבער ער דערציילט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, נישט וואָס דער עולם האָט איבערגעלעבט. און אורטיילן דעם כוח און דעם ווערט פון אַ שוישפּילער קען מען נאָר, וויסנדיק, וואָס פאַר אַ ווירקונג ער האָט געהאַט אויף דעם עולם.

הירשביין דער רעזשיסאָר און שוישפּילער איז געבליבן אין היפּשער פאַרהוילנקייט און מען וואָלט אָט דאָס קאַפּיטל געקענט רעקאָנסטרו־אירן לויט דעם צייטונגס־מאַטעריאַל, אויב ער געפינט זיך נאָך ערגעץ און לויט גבית עדות. דער שוישפּילער יעקב בן עמי וואָלט דאָ מיסתמא געקענט אַ סך אַרויסהעלפן.

דער עפּיזאָד „הירשביין טרופּע" האָט, בין איך איבערצייגט, געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף דעם פּרינץ בן מילנער. די אַלע צוויי יאָר, וואָס ער האָט זיך געמוטשעט ביים טעאַטער, האָט ער נישט אָנגעשריבן קיין איין זאַך. מענדעלע מוכר ספרים האָט זיך געבייזערט אויף אים למאי ער איז געוואָרן אַן אַקטיאָרטשיק. ער אַליין האָט צייטנווייז זיך אויפגע־הערט פילן אַלס שרייבער און אים האָט דאָס ווי געטון. אָבער דאָס טעאַטער האָט אים היפּש באַפרייט פון זיין היפּער־סימבאָליזם און אומ־נאַטירלעכן טאָן. ער האָט נאָך 1910 שוין נישט געשריבן אַזוי מאַנע־רירט ווי פריער. ער דערציילט אַליין, אַז די פאָלקשפּראַך האָט מיט טויזנטער מיילער געזעצט אין געדאַנק: „זע אַ לעבעדיקער קוואַל האָט פון אַ פאָלקס לעבן זיך צום דרויסן אַ ריס געטון". און ער אַליין האָט

גענומען טרינקען פון לעבעדיקן פאָלקס־קוואַל — אַט צוליב דעם האָט געלוינט צו זיין אַ לאַסט־טרעגער אין טעאַטער און פאַרלירן צוויי יאָר אַלס שרייבער.

די טעמפּעראַמענטפולע אַנטיטעזע

מען דאַרף נישט מיינען, אַז הירשביין האָט באַלד נאָכדעם, וואָס ער האָט איבערגעלעבט די טרופּע, וועלכע האָט זיך באַלד נאָכדעם אויפגעלייזט, גענומען שרייבן אַנדערש ווי ביז איצטער. ער אַליין דערציילט, אַז ער האָט זיך דווקא געזעצט שרייבן נאָך אַ סימבאָלישע פּיעסע, וואָס הייסט „ביים ברעג". און אין סאַמע תוך האָט די דאָזיקע פּיעסע פּונקט אַזאַ נישט קלאָרן עוקץ, ווי עס האָבן די מיינסטע סימבאָלישע פּיעסן זיינע. די הויפּט־העלדין איז דאָ אַ „סימבאָלישע" יתומה. רחיל (ראַכיל) הייסט זי. זי איז טאַקע אַ יתומה אויך, איר פאָטער לעבט נישט, אָבער דער שטיפפאָטער איז צו איר אַזוי גוט, אַז אַן אייגענער טאַטע וואָלט נישט געקענט זיין בעסער. זי איז אַ יתומה ביים לעבן. איר גייט נישט אין דער ליבע, ווייל זי שטעלט צו שווערע פאָדערונגען און זי לאָזט זיך אַוועק מיט אַ שיפל „צו דער זון" און פאַקטיש אין וואַסער אַריין צום אומקום. פאַרוואָס עס מוז אַזוי געשען, ווייסט קיינער נישט. דער מחבר אַליין האָט דאָס מיסתמא אויך נישט געוווּסט, סיידן מען וואָלט אָנגענומען ניצשעס כלל: „ווען דאָס לעבן גערעכט דיר נישט, ווען אַ גיפטיקער וואָרעם פרעסט דיין האַרץ, ווייס, אַז עס וועט דיר געראָטן דער טויט". אָבער אויך דער „וואָרעם" איז דאָ נישט קיין קלאָרער, נאָר אַ „סימבאָלישער".

און דאָך איז שוין אָט די פּיעסע אַנדערש ווי די פריערדיקע סימבאָלישע פּיעסן פון הירשביינען. נישט קלאָר איז נאָר דער שלוס, די גאַנצע האַנדלונג וויקלט זיך אויס מענטשלעך און אויף אַזאַ אופן, אַז ס'איז פאַר יענער צייט געווען אַ נייעס אין יידישן טעאַטער. דריי יונגע פרויען זענען אין דער דאָזיקער פּיעסע פאַראַן, די דערמאָנטע קאַפּריזנע רחיל, איר קינדישע שטיפשוועסטער אידע און די פרעמדע, עפּיקוירעאישע גאלא. רחיל זעט פאַרבאָרגענעם שטורעם אין ים, אידע זעט דעם ים אַ שלאָפנדיקן, גאלא וויל לעבן. דער קאַמף קומט איבערהויפּט פאַר צווישן רחילן און גאלאן איבער דעם מענערישן ליאָניא, וואָס האָט

אַ גאַנץ באַטירלעכן צוגאַנג צו דער ליבע און ער וואָלט געוואָלט, אַז רחיל, וואָס זעט אומעטום אַ פאַרבאַרגענעם שטורעם, זאָל אים נישט קאָמפּליצירן דאָס לעבן. דער דיכטער לעוועגשטיין איז דיכטעריש־סענ־טימענטאַל און ער ברענגט בלומען, רעדט דיכטעריש און איבערצייגט נישט... פאַר יענער צייט איז די דאָזיקע פּיעסע געווען אַ געוויסער מוסטער פון אינטעליגענטישן דיאַלאָג וועגן ליבע און אָן דעם שלוס וואָלט זי אין אַ געוויסער מאָס געקענט דינען ווי אַ שול. די צוויי האַלבע מעשׂות, וואָס רחיל דערציילט, ווייל די דאָזיקע, וואָס האָט זי איר דערציילט, איז געשטאָרבן איידער זי האָט זיי פאַרענדיקט, ברענגען אַריין אַ פּאָעטישן הויך און דריקן אויס די בענקשאַפט פון דעם ער צו דער זי, וואָס איז אַזוי געניאַל אויסגעדרוקט אין ר' נחמן בראַסלעווערס אַ מעשׂה. אויב די העלדן פון „ביים ברעג" האָבן נאָך אַלץ נישט „גערעדט ווי מענטשן", האָבן זיי אָבער גערעדט ווי עס האָבן גערעדט מענטשן אין אייראָפּעאישע פּיעסן אין יענער צייט. הירשביין האָט דאָ געבראַכט נישט נאָר דעם וואָס האָט עפּעס געלערנט נישט נאָר אין אייראָפּע, נאָר אויך ביים עולם, וואָס איז געגאַנגען אין זיין טעאַטער אַריין.

און אַ קורץ שטיקל צייט נאָך דעם, וואָס אונדזער פּרינץ האָט אָנ־געשריבן „ביים ברעג", האָט ער זיך אומגעקערט צו די פּשוטע העלדן צו זיינע, צו די פּראָסטערע, וואָס רעדן נישט אין דער שפּראַך פון זיבן מאָל געבייטלטן מעל, נאָר אין אַ שפּראַך פון ראָזעווע ברויט. ער האָט אָנגעשריבן זיין „די פּוסטע קרעטשמע", אין וועלכער די העלדן זענען פּראָסטאַקעס, אַ פערד־הענדלער און אַ קרעטשמאַר און זייערע מישפּחות. אַ נייעם הירשביין האָבן מיר דאָ, אָן איינמאַליקן. זיינע העלדן גייען דאָ נישט שטיל, נאָר זיי טרעטן פעסט און זיכער און קלאַפּן מיט שטיוול און אפילו מיט פּאַדקאָוועס. אַ ליבע צווישן צוויי ריזן ווערט דאָ געשילדערט — דעם פערד־הענדלער בענדעטס טאָכטער מייטע און איר שוועסטערקינד איציק. בענדעט ווייסט, אַז איציק וויל זיין טאָכטער, אָבער ער איז אויף אים ברוגז, דערפאַר, ווייל ער האָט ביי אים צו גע־גנבעט צוויי פערד. שדכנט ער זי דעם אייזיק דעם קרעטשמאַרס זון, לייבוש; איציק און מייטע האָבן ביידע אַזאַ בלוט, וואָס קאָן אָנצינדן אַ וועלט־שׂרפה און די גאַנצע סביבה פון אַרום איז צו שוואַך צו באַזיגן דאָס דאָזיקע בלוט. און אַ פּוסטע קרעטשמע, וועגן וועלכער מען דער־ציילט, אַז דאָרט האַלטן זיך אויף שדים, שפּילט זיך דאָ אַריין. עס איז

אַ שאָד איבערצולאָזן די דאָזיקע קרעטשמע. צענעמען זי, וועט נישט העלפן, ווייל דאָס פּלאַץ געהער צו די שדים. דאָ קאָן מען זיגן, ווען מען גלייבט נישט אין די נישטגוטע און מען האָט נישט מורא פאַר זיי. און איציק נוצט אויס די שרעק פאַר דער פוסטער קרעטשמע און ער ברענגט צו דער חתונה קלעזמער, וועלכע זענען פאַרשטעלט פאַר סוחרים און וועלכע קאָנען איבערשרעקן ווי יענע לייט. און זיי שפּילן עס אַזאַ חתונה, אַז איציק זאָל קאָנען אַרויסגנבענען מייטען פאַר דער חופּה... בענדעט מיינט נאָך אַלץ, אַז עס ווירקן דאָ „יענע לייט", ווייל ער האָט צערודערט זייער נעסט.

דער עיקר איז דאָ די ווילדע ליבע. פאַראַן אַזוי פיל מיטרייסנדיקער טעמפּעראַמענט, אַז מען דערקענט נישט הירשביינען. מייטע זאָגט צו איציקן: „דו אַליין קאָנסט גאָרנישט ליבהאָבן אַזוי שטאַרק. דו אַליין קאָנסט נישט מיין חיות צערייסן. ווי טויזנט איציקס וואָלטן זיך אינאיינעם צונויפגענומען און מיך ליב געהאָט." מייטע שרעקט זיך צייטנווייז פאַר דער ווילדער ליבע און זי רייצט אַ פּאָר מאָל אָן דעם פּאָטער אויף איציקן, אַז ער זאָל אים דערשטיקן... זי שרייט: „דערשטיק אים, טאַטע... וואַרף אים אין פייער אַריין"... און דאָך זאָגט זי: „ווען מען וועט מיך אפילו בינדן, וועל איך די שטריק צערייסן און צו איציקן וועל איך לויפן"...

פאַראַן אין „די פוסטע קרעטשמע" אַ מאָנאָלאָג פון איציקן, וואָס האָט נישט קיין גלייכן אין דער יידישער דראַמאַטיק אין זין פון טעמ־פּעראַמענט. און ס'איז מערקווירדיק, וואָס גראָד דער טעמפּעראַמענט־לאָזער און וייכער הירשביין האָט אים אָנגעשריבן. אין קראַפט און אין עכטקייט איבערשטייגט ער ז. שניאורס ליד „כך נושקים אצלנו". אָט ווי איציק רעדט:

„איך וועל דיר דיינע אויגן די בייזע אויסרייסן, דאָס לייב צעפּאַ־סעווען. און דערנאָך וועל איך איבער דיר וויינען און דיין לייב קושן. דו ווילסט מיר פּייניקן איך זאָל מיין קאָפּ צעברעכן, מיין האַרץ צע־רייסן. וואָס ווילסטו פון מיר? איך וועל אָן דיר משוגע ווערן. דו ועסט מיך משוגע מאַכן... איך וועל אַן אָפּגעריסענער לויפן איבער די פעל־דער. ווי אַ משוגענער הונט. און אַלע וועלן אויף מיר שטיינער וואַרפן. זאָל איך דיינע הענט קושן? זאָל איך דיינע אויגן קושן? נאַ, האָסטו דיר...

נאַ דיר מיין האַרץ... צערייס עס און טרינק מיין בלוט. עס דאָס פלייש אויף... נאַ, רייס מיינע אויגן אויף און וואַרף זיי אין פייער אַריין״.

די דאָזיקע פיעסע איז טעאַטראַלישער ווי די מייכסטע פיעסן הירש־ביינס און זי האָט דעם בראַנד פון ליבע. נישט פאַראַן אין איר דער דאָזיקער מענטשלעכער תוך, וואָס איז געוואָרן דער עיקר אין די מייכסטע גרעסערע ווערק פון דער יידישער ליטעראַטור, זי האָט נאָר דאָס קער־פערלעכע, נישט דאָס גייסטיקע, אָבער זי האָט דאָס געשריי און דאָס געזאַנג פון דער פיזישער ליבע. נאָך אַזאַ טעמפעראַמענטפול ווערק איז ביי הירשביינען נישטאָ. עפּעס פון דעם דאָזיקן טעמפעראַמענט איז פאַ־ראַן אין זיין איינאַקטער „זאַווערוכע״ (יידן האָבן אַמאָל געהוליעט), וואָס מאַכט איינדרוק פון אַ באַלעט. דאָרפס יידן צעהוליען זיך צוליב אַ זאַ־ווערוכע, וואָס פאַרכאַפּט זיי און מאַכט, אַז איינער זאָל דעם צווייטן פאַרלירן. איבערהויפּט ווערט פאַרלוירן דער חתן, וועלכן מען פירט. מען געפינט אים דאָך. די זאַווערוכע ציגדט אָן זייער בלוט. און זיי טאַנצן, זינגען און פירן צונויף זייערע זין מיט זייערע טעכטער און זיי מאַכן אָפּ וועגן שידוכים צווישן גאָר מינדעריעריקע און אַלץ ווערט געטון מיט אַ ווילדן ריטם און אין אַן אייביקער טאַנץ־באַוועגונג און מיט דעם היציקן שטורעם פון אַ זאַווערוכע.

„די פוסטע קרעטשמע״ און „זאַווערוכע״ זענען אַן אויסנאַם אין הירשביינס שאַפונג און זיי זענען אפשר געוועזן דער שטורעם, נאָך וועלכן עס קומט — גאָט. נאָך אָט די צוויי זאַכן האָט זיך הירשביין געפונען און ער האָט געשאַפן די בעסטע דראַמאַטישע ווערק זיינע, די דאָזיקע, וואָס שטייען נאָענט צו די בעסטע שאַפונגען פון אונדזערע קלאַסיקער און זיי געהערן צו די נכסי צאן ברזל פון הירשביינס שאַפונג און פון דער גאַנצער יידישער ליטעראַטור.

הירשביינס תורה, עבודה און ראַזשינקעס מיט מאַנדלען

„גרינע פעלדער, „דעם שמידס טעכטער״ און „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ און אַ גאַנצע ריי איינאַקטערס, צווישן זיי „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען״, „בעבעלע״ און „אליהו הנביא״ זענען ווערק, וואָס האָבן אין זיך תמצית פון יידישקייט און פון יידישן כאַראַקטער. זיי זענען —

כ׳וועל נוצן אָט דאָס פּרעטענציעזע וואָרט — גרויס, כאָטש עס פעלט אין זיי אַלץ, וואָס מאַכט גרויס דראַמאַטישע ווערק ביי נישט־יידן. עס זענען אין זיי נישט פאַראַן קיין שטאַרקע דראַמאַטישע קאָנפליקטן, נישט קיין גרויסע כאַראַקטערס, נישט קיין גרויסע העלדן. דאָ איז פאַראַן די אַנדערשקייט פון דער יידישער ליטעראַטור.

אין וואָס באַשטייט זייער גרויסקייט? אין דער בענקשאַפט נאָך דעם ליכטיקן, שיינעם און פרידלעכן. אין אַלע דריי דערמאָנטע פּיעסן זענען די יידן האָרעפּאַשניקעס. אין צוויי פון זיי — „גרינע פעלדער״ און „אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ זענען זיי טאַקע פּויערים. און זיי זענען לע־בעדיקע מענטשן, האָבן צווישן זיך קריגערייען. אָבער זיי זענען אַזוי מענטשלעך. עס קומט נישט צו קיין בלוט־פאַרגיסונג. און די קריגערייען זענען צומאָל וועגן געהויבענע זאַכן. קומט אין די גרינע פעלדער אַ בחור לווי יצחק, וואָס ברענגט די שיין פון דער תורה, ווילן ביידע יידן וואָס האָבן דערוואַקסענע טעכטער אים פאַר אַן איידעם. און דער דאָזיקער לווי יצחק, וואָס שטראַלט מיט תורה און איידלקייט, איז אַ שטיק אליהו הנביא, וואָס ברענגט די בשורה פון פרייד און ער פילט אַלע אָן מיט פרידלעכקייט און יעדער קריגט זיין זיווג און עס גייט אויף אַ שיין פון מענטשלעכקייט. דאָס דאָרפישע ייִנגל מיט די באָרוועסע פיס ווערט באַגייסטערט פון דעם, וואָס דער מענטש קען שרייבן און וואָס דער ייד הרגעט נישט און ער שרייט אויס: „דער מענטש איז אַזאַ קלוג באַ־שעפעניש״...

אין „שמידס טעכטער״ איז אליהו הנביא אַ פּשוטער פאַקטנטרעגער. צוויי שמידער־יונגען פאַרפלאָנטערן זיך אין אַ ליבע מיט דעם שמידס צווילינג טעכטער, וואָס איינע איז די גרעסערע און די יינגערע אויף אַ פאָר מינוט און איינע איז די גרעסערע און די עלטערע; דער פאָטער פאַרשטייט קיינמאָל נישט ווער וועמען האָט ליב. און אפשר ווייסן די בחורים אַליין אויך נישט זיכער. קומט אַ פאַקטנטרעגער און ברענגט אַ מחזור אויף ימים נוראים און אין מחזור איז פאַראַן דאָס מאָרגן־געזאַנג „אודה לאל חוקר״, וואָס דעם שמידס טאַטע קאָן זיך נישט דערמאָנען און עס ווערט אַלץ אויסגעגלייכט. דאָס ליכט פון דער תורה פאַלט אויף אַלע און דאָס לעבן שיינט...

און „אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל״ איז די ליבע אַליין אליהו הנביא. אייגנטלעך איז דאָ דער זעלבער אינהאַלט, וואָס אין שעקספּירס ראָמעאָ

און יוליעטאַ" — קינדער פון צוויי שונאים פאַרליבן זיך און זיי קאָנען איינס אָן דעם אַנדערן נישט לעבן. אָבער דאָ קומט נישט צו קיין זעלבסט־מאָרד, דאָ בעט מען זיך איבער...

אין די אַלע דריי פּיעסן האָט הירשביין דערגרייכט שלימות אין זיין באַשיידענער פאָרעם און טיפן און צאַרטן אינהאַלט האָט ער געגעבן אויף דעם פּשוטסטן אופן. ער האָט געוויזן אַ זעלטענעם דראַמאַטיש־פּאָעטישן געמיש פון פּראָסטער דאָרפישקייט און זעלטענער איידלקייט. ער האָט געוויזן האַרעפּאַשנעקייט, אומוויסנדיקייט און אַזאַ בענקשאַפט נאָך וויסן, אַז שוין די בענקשאַפט אַליין מאַכט זיי אויס בהמהדיק און ברענגט אַריין שיין. דאָ איז פאַראַן נישט אַזוי דער געדאַנק פון יידישקייט, ווי דאָס געזאַנג, די פּאָעזיע פון יידישקייט. אליהו הנביא שיינט אין די דערמאָנטע דריי פּיעסן און אין די איינאַקטערס „ראַזשינקעס מיט מאַנד־לען", „בעבעלע", „אליהו הנביא" א"אַ אויף אַ נאַטירלעכן אופן. ער איז דאָ די נאַטור אַליין.

אויך אין די דערמאָנטע דריי פּיעסן און אין די איינאַקטערס איז פאַראַן סימבאָליזם, אָבער אַזאַ סימבאָליזם, וואָס דער מחבר ציט נישט ביי די האָר; ער קומט אַרויס פון זיך אַליין. בכיוונדיקער סימבאָליזם מיינט, ווען דער שרייבער (אָדער מאָלער) וויל ווייזן דאָס לעבן ווי אַ ים און ער שילדערט יאָ און נישט קיין ים. נאַטירלעכער סימבאָליזם מיינט, ווען דער קינסטלער שילדערט דירעקט דאָס דאָזיקע, וואָס ער וויל שילדערן און עס קומט אַרויס פון זיך אַליין אַ סימבאָל. לווי יצחק איז נישט אליהו און דער פאַקנטרעגער פון „שמידס טעכטער" איז אויך נישט אליהו. און די אַלטע אין „ראַזשינקעס מיט מאַנדלען" איז נישט קיין שרה בת טובים. מרדכי גדליה דער דאָרפס־ייד פאָרט אום שבת צו נאַכטס אַוועק און לאָזט זיין טאָכטער פריידעלע, וואָס איז נאָך אַליין אַ קינד מיט דעם קראַנקן יינגעלע פּיניעלע (די מוטער איז געשטאָרבן) און עס וואַקסט אויס אַן אַלטיטשקע, וואָס ברענגט אַריין מילדקייט, מו־טערלעכקייט און אַ רפואה. דערוייל פילט זיך אָן די שטוב מיט פרעמדע יידן, וואָס פאָרן דורך און עס וואַקסט אויס אַ געמיטלעכע סביבה, וואָס ברענגט האַרציקייט און פרייד. אין „בעבעלע" לויפט די כלה־מויד בע־בעלע אין בית המדרש אַריין קוקן אויף איר חתן שלום מאיר און איר חברטע איידעלע דערציילט דאָס, נישט פאַר שלעכטקייט. און דער חתן איז דאָ אַ שטיק אליהו. ער רעדט פּשוט, ער איז נאָר אַ בחור. אָבער עס

שטראַלן פון אים. ער איז די בענקשאַפט פון די מיידן. און ער גייט איינ־לאַדן די כלה צו זיין מאַמען, ברענגט ער מיט זיך אַ געזאַנג... נאָר אין דעם איינאַקטער „אליהו הנביא" איז פאַראַן נישט נאָר דאָס געזאַנג פון יידישקייט, נאָר אויך דער געדאַנק. אליהו ברענגט וויין און פרייד און גאָלדענע רענדלעך, אָבער ווען ער גייט אַוועק און מען פאַרמאַכט די טיר און מען וויל די רענדלעך נאָר פאַר זיך, רינט די פרייד אויס און די רענדלעך ווערן שערבעלעך. יידישקייט קאָן נישט פאַרטראָגן קיין פאַרשלאָסענע טיר... יידישקייט איז נישט נאָר פאַר זיך... יידישקייט איז אברהם אבינוס אָפענע טירן.

אָט די פּיעסן זענען געווען אַ ניי וואָרט און אַן עפּאָכע אין יידישן טעאַטער. אין דער פאַרביזנעוועטער צפון־אַמעריקע האָט מען נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג געשפּילט הירשביינס, וואָלט איך געזאָגט, אליהו הנביא פּיעסן. דער סאַמע היפּוך פון גאָרדינס האַרטע, אינערלעכע גוי־אישע פּיעסן זענען דאָס געווען. עס איז אין זיי געווען דאָס געזאַנג פון „המבדיל" און „אליהו הנביא", וואָס שלעפּן אַריין דעם שבת אין דער וואָך אַריין. י. ל. פּרץ האָט געוואָלט נישט מאַכן קיין הבדלה ביכדי צו פאַרהאַלטן דעם שבת אויף אַ טראַגישן און אוממעגלעכן אופן, ביי הירש־ביינען איז אין דער וואָכעדיקייט אויף אַ נאַטירלעכן אופן געווען שבת. יעקב בן עמי, מאָריס שוואַרץ, יוסף בולאָוו, ציליע אַדלער, לודוויק זאַץ, לאַזאַר פריד, בערטאַ געדסטען, ליובאַ קאַדיזאָן און אין אַרגענטינע מרים לערער האָבן געקראָגן אַ תיקון אין הירשביינס פּיעסן. די שוישפּילער האָבן אין די דאָזיקע פּיעסן מער געשפּילט ווי גערעדט. יעדער וואָרט איז אַרומגעשפּילט געוואָרן מיט טויזנטער חנדלעך און חנען. יידישקייט האָט געשיינט און געשטראַלט אין דער דאָרפישקייט. דאָס קונסט־טעאַטער פון מאָריס שוואַרץ און די „ווילנער טרופּע" האָבן אַריינגעבראַכט דאָס געזאַנג פון שבת און דעם ביטחון פון אליהו הנביא דורך אַ פּראָסטער דאָרפישער סביבה. אַ גאַנץ לעבן איז אַרויסגעוואָקסן פון אָט די פּיעסן. אַ געזונט, אַן אויסגעהאַלטן, אַ הערלעך מענטשלעך לעבן. הלוואי זאָל אין מדינת ישראל אַרויסוואַקסן אַזאַ גאַנץ און נאַטירלעך יידיש מענטש־לעך לעבן... צו דעם, וואָס פּרץ, שלום עליכם און שלום אַש האָבן גע־וויזן אין שטעטל איז צוגעקומען נאָך אַ שטיק „פּראָסטע" בענקשאַפט נאָך תורה און שיין און זייער בענקשאַפט ווערט מקוים.

הירשביין האָט נאָך געשריבן אַ סך פּיעסן. ער האָט ווידער זיך

געלאָזט באַאײַנפלוסן פון פרעמדע שאַפונגען. ער האָט אָנגעשריבן אַ פּיע־סע „שדים ווייסן וואָס", אין וועלכער עס איז פאַראַן דער הויפּטס־מאָטיוו פון הויפּטמאַנס „פאַרזונקענעם גלאָק". און טאַקע אַזאַ שדים ווייסן וואָס, וואָס איז נישט יידיש... ער האָט געפּרוווט שאַפן אַ צווייטע טייל פון „גרינע פעלדער", וואָס האָט ווייניק צוגעגעבן צום ערשטן טייל. און ער האָט ווידער געשילדערט מאָלער און מאָדערנע מענטשן, וואָס זענען נישט קיין יידן און נישט קיין גויים און וואָס גייען נישט, נאָר שוועבן און רעדן נישט, נאָר שעפּטשען, אָבער דאָס עכטע געזאַנג און דאָס עכטע ליכט פון יידישקייט איז דאָרט נישטאָ. און עס איז נישט נייטיק זיך לאָזן מיט אַן עקספּעדיציע אין די שפּעטערדיקע פּיעסן. עס איז פאַר אונדז און פאַר הירשביינען געזינטער צו בלייבן שטיין ביי די דאָרפישע פּיעסן, וואָס שטייען אין דער סאמע מיט צווישן „טביה דער מילכיקער" און „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און פאַראייביקן — יידישע אייבי־קייט — — — ער האָט אַזוי לאַנג געבלאָנדזשעט הירשביין, ביז וואַנען ער איז אָנגעקומען אין יידישן טעאַטער אַריין ווי אַ פאַקנטרעגער און ווי אליהו הנביא...

דער וועלט־רייזנדיקער

פאַרוואָס פּרץ הירשביין איז געוואָרן דער וועלט־רייזנדיקער נומער איינס צווישן די יידישע שרייבער, פאַרוואָס ער איז ביכלל געוואָרן אַ וועלט־רייזנדיקער, ס'הייסט: וועלכע סיבות האָבן אים געשטויסן צו „נע־מען" שיפן און פאָרן אין ווייטע לענדער, איז אָפיציעל נישט באַקאַנט. די סיבה דערפון האָט ער אַליין קיינמאָל נישט אָנגעשריבן. צי ער האָט עפּעס דערציילט וועגן דעם אינטים, וועט מען נאָך דערציילן אין זיכרונות. פון דער נאַטור איז ער דווקא נישט געווען קיין רייזנדיקער. אַ שיף איז פאַר אים געווען אַ פאַס און פאַסאַזשירן — הערינג. ער איז געווען דאָרפיש איינגעזעסן און זיינע העכסטע ליטעראַרישע דערגרייכונגען זענען פון איינגעזעסענעם לעבן. ער האָט שווער פאַרטראָגן די אומבאַ־קוועמלעכקייט פון דעם פאָרן. ווען אַ דייטשע שיף האָט אין יאָר 1914 געכאַפּט די ענגלישע שיף, מיט וועלכער ער איז געפאָרן פון אַרגענטינע און בראַזיל און ער האָט געדאַרפט אַ ביסל ליידן דערפון, האָט ער אויף דעם מוראדיק געקרעכצט. ער האָט זיך געפילט שלעכט, ווען ער האָט

געדאַרפט ווײַנען אין אַ גרויסער שטאָט, ווו בײַ דער טיר האָבן נישט געקאָנט זײַן קיין בלומען, האָט ער אוודאי און אוודאי זיך געפילט שלעכט, ווען ער האָט וואָכנלאַנג געדאַרפט ווײַנען אויף שיפן.

מיר שײַנט, אַז זײַן מאָדנע לעבן־גאַנג האָט אים געשטויסן צו ווערן אַ וועלט־רײַזנדיקער. ער האָט געוואָלט זײַן אַ פּרינץ, איז געווען אַ פּרינץ און אים איז נישט געגאַנגען. ער האָט געקראָגן אַ גרויסן נאָמען, וואָס האָט באַדײַט אַ וועקסל אויף אַ ריזיקער סומע און ער האָט נאָך נישט געהאַט געדעקט אפילו קיין קלײנעם טײל. זײַנע בעסטע דראַמאַטישע ווערק האָט ער נאָך נישט געהאַט אָנגעשריבן. און פּשוטן דערפאָלג האָט ער אויך נישט געהאַט. זײַנע ערשטע ווערק, אויסער „די נבלה״, האָבן אָנגעהויבן פאַרגעסן ווערן. און דאָס דאָזיקע האָט אים טאָפּלט דערקוי־טשעט. ער האָט געליטן דערפון, וואָס מען האָט די אַנדערע ווערק גאָר נישט געשפּילט און „די נבלה״ — צופיל געשפּילט. ער איז פּערזענלעך געווען דער שמעקנדיקסטער צווישן די יידישע שרײַבער און דאָ איז אים כסדר נאָכגעגאַנגען אַ פּיעסע מיט אַ נאָמען, וואָס קריכט אין דער נאָז אַרײַן... די סימבאָלישע פּיעסן זײַנע און די צו־שײַנע מעשהלעך האָבן נישט גענומען נישט דעם עולם און נישט די קריטיקער. בעל מחשבות האָט אים וועגן זיי געזאָגט דאָס זעלבע, וואָס שלום עליכם האָט אים גע־זאָגט וועגן זײַנע ערשטע רעאַליסטישע פּיעסן: „נישט דאָס דאַרף די יידישע ליטעראַטור״. לײענער האָבן געקנײטשט מיט די פּלײצעס: אַ סך פאַרבן ווי אין אַ רעגנבויגן און אײדער מען קוקט זיך אום, איז גאָרנישט... ערגעץ, האָבן די לײענער געפילט, איז יאָ פאַראַן אַ זון, ווײַל אַנישט וואָלט דאָך קיין רעגנבויגן נישט געווען, אָבער מען זעט זי נישט. עס איז אפילו שווער געווען צו וויסן, וואָס אַזוינס דער שרײַבער וויל. אַט דאַכט זיך דיר, אַז ער איז טרויעריק, דער שרײַבער, און ער וויל אויס־גיסן זײַן האַרץ און ער זאָגט אַן אײגענעם תהילים, אָבער נאָר ער אַלײן פאַרשטײט, וואָס ער זאָגט. און ער איז עפּעס געבליבן ווי אַ שרײַבער פאַר זיך אַלײן. אַ קריטיקער אַ גריבלער וואָלט אפשר יאָ געקאָנט אַרויס־דרינגען, וואָס ער וויל און וואָס ער זאָגט, אָבער ליטעראַטור באַשטײט דאָך נישט פון רעטענישן. ליטעראַטור דאַרף דאָך צו עפּעס אָנרעגן.

און דאָס טעאַטער, וואָס ער האָט אויסגעבויט, איז זיך צעפאַלן. עס איז שפּעטער אַרײַן אין די ווײַטערדיקע פּרוון, אָבער הירשבײנס טרופּע האָט מער נישט עקזיסטירט. און דאָס דאָזיקע האָט אים געגעבן דעם

שטויס צו באַגיין נייע טאַטן. און אַט דערפאַר האָט ער זיך גענומען צום רייזן, וואָס איז געווען אין אַ גרויסער מאָס קעגן זיין נאַטור. און ער איז געוואָרן רייזנדיקער נומער איינס. ער איז אַוועק קיין אַרגענטינע און בראַזיל און געזען דעם פעסטן אָנהייב פון אַרגענטינער יידישן ישוב און די קוים מערקבאַרע שפּורנס פון ישוב אין בראַזיל. ער האָט געזען שאָטנס, נאָך וועלכע עס קומען מענטשן. און ער איז דערנאָך געפאָרן אין אַנדערע קאָנטינענטן. ער איז געווען אין די דריי גרעסטע אַזיאַטישע לענדער — אינדיע, כינע און יאַפּאַן. ער האָט געגרייכט ביז דרום־אַפרי־קע. ער איז געווען אין אויסטראַליע. ער איז געווען אין די אַנדערע זייטן אַפריקע און ער איז געווען אין ארץ ישראל און ער איז דערנאָך געפאָרן קיין רוסלאַנד, ווען עס איז שוין געווען ראַטנפאַרבאַנד. און ער האָט אויסגעמאָסטן גאַנץ צפון אַמעריקע, סיי אין די פאַראייניקטע שטאַטן און סיי אין קאַנאַדע. און ער איז דורך דעם פאַרן געוואָרן דער פּרינץ. מען האָט ווידער אָנגעהויבן רעדן וועגן אים, ווי וועגן איינעם, וואָס האָט געבראַכט נייס: דער ערשטער אויסגעשפּראָכענער דראַמאַ־טורג אין יידיש און העברעאיש איז געוואָרן דער ערשטער אויסגעשפּראָ־כענער רייזנדיקער פון די יידישע שרייבער. און מען האָט וועגן זיינע רייזע איינדרוקן געמוזט רעדן. מען רעדט דאָך נישט נאָר וועגן דעם ווי אַזוי איך שרייבן, נאָר אויך וועגן דעם וואָס. און דער וואָס איז גע־ווען ניי.

דער ווי אַזוי פון הירשביינס רייזע איינדרוקן איז נישט אַנדערש ווי דער גאַנצער הירשביין, צוגערעכנט שוין אויך דעם דאַזיקן פון זיינע בעסטע פּיעסן. פאַראַן אַזאַ רעאַליזם אין זיינע רייזע איינדרוקן, ווי אין זיינע סאַמע ערשטע פּיעסן אין העברעאיש, פאַראַן אַזאַ סימבאָליזם ווי אין זיינע ערשטע יידישע פּיעסן און אין די מיינסטע פון זיינע מעשהלעך. פאַראַן אַזאַ לירישער אויסגוס, וואָס איז אָפט אומפאַרשטענדלעך, ווי אין די לידער אין פּראָזע. אָבער דער סימבאָליזם איז אין די רייזע איינדרוקן דאָך רייפער ווי אין זיינע פּיעסן. פאַראַן דאָ שטעלן, אין וועלכע דאָס נאַטירלעכע ווערט סימבאָליש. עס וואַקסט אויס די גאַנצע וועלט מיט איר הויפּט־טראַגעדיע פון אָרעם און רייך. דערצו האָט געפירט נישט נאָר דער מענטש, נאָר אויך די נאַטור אַליין, וואָס איז רייך אין איין פּלאַץ און ווילד אָרעם אין אַ צווייטן פּלאַץ. דער אָ גורל האָט געמאַכט, אַז אייניקע טיילן וועלט זאָלן פריער ווערן ציוויליזירט און אַנדערע טיילן זאָלן דאָס

שפּעטער אויך נישט ווערן. און אין מיטן שפּיל פון גורל איז דער מענטש טראַגיש, אויך ווען ער איז דער שטאַרקערער. דער אימפּעריאַליסטישער ענגלענדער, וואָס איז אומעטום פול, ליידט דאָך פון דער פּרעמדער, עק־זאָטישער און ווילדער נאַטור און פון דער שינאה פון אָרום און ער שטעלט דאָך כסדר איין זיין לעבן. ער באַגראָבט עס ממש. טוט ער דאָס נאָר ביכדי צו האָבן ברויט? האָט ער נישט קיין לייכטערע מיטלען דאָס צו באַקומען? זוכט ער מאַכט? וואָס־זשע האָט ער דערפון, אויב דאָס איז פאַרבונדן מיט אַזוי פיל ליידן? און הירשביין האָט אין ענגלישן אימ־פּעריאַליסט אויך געזען אַ טאַטן, וואָס פירט אַ קליין קינד ביים אָרעם. ער, וואָס האָט זייט שטענדיק געהאַט אַ סאָציאַליסטישע איינשטעלונג, האָט דאָס דאָזיקע געזאָגט אָן קיין שום איראָניע. הירשביין האָט גע־שריבן זיינע רייזע איינדרוקן נישט ווי אַ פּאָליטיקער, נאָר ווי אַ שריפט־שטעלער און אָפט טאַקע ווי אַ דראַמאַטורג. ער האָט געשריבן קליינע איינאַקטערס וועגן גרויסע וועלט־דראַמען... און טאַקע דערמיט האָבן זיינע רייזע איינדרוקן אויך דעם זעלבן ווערט, וואָס זיינע בעסערע פּיעסן: די נאַטירלעכקייט וואָקסט דאָ אויס צו סימבאָל, כאָטש די טעמעס זענען ווייט נישט קיין אידילישע, ווי אין „גרינע פעלדער", „שמידס טעכטער" אאַ"וו. עס האָט זיך געדאַכט, אַז אָט־אָט וועט הירשביין ברענ־גען אויף די ברייטע שליאַכן פון דער וועלט — אליהו הנביא...

עס דאַרף צוגעגעבן ווערן, אַז הירשביין האָט אַלס רייזנדיקער אָרויס־געוויזן פולע באַציאונג צו זיך. ער האָט על פּי רוב נישט געשריבן אומקאָנטראָלירט. ער האָט טאַקע נישט געשאַפן מיט זיינע רייזע־ביכער קיין „בעדעקער", אָבער די דאָזיקע אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט געגעבן איז צום מיינסטן געווען אַ זייער פּינקטלעכע. אויב ער האָט, למשל, אין אַרגענטינע געמאַכט אַ לאַפּסוס און ער האָט די אַוועניִדאַ (עוועניו) „פּלאַסאַ מאַזשאָ" גערופן „פּלאַסאַ דע לאַ מאַיאָ", וועגן וועלכן מען האָט אין בוענאָס איירעס געמאַכט אַ קאַראַהול, האָט ער אָבער צום מיינסטן געשילדערט נישט נאָר שיין דאָס לאַנד אַרגענטינע, נאָר אויך ריכטיק. ער האָט, למשל, געשריבן אַז אין דער פּראָווינץ סאַנטאַ פע זענען נישטאָ קיין פייגל און איינגעזעסענע זשורנאַליסטן האָבן וועגן דעם געמאַכט אַ „יעלה", האָט דער מחבר פון אָט די שורות קאָנטראָלירט און זיך איבערצייגט, אַז גערעכט איז געווען הירשביין. עד היום זענען אין אָט דער פּראָווינץ נישט פאַראַן קיין פייגל, אויסער דעם איינעם רויבפויגל, וואָס הייסט

„קאַראַנטשאַ” און איז פון מין קאָנדאָר, אָבער אַ זייער מיאוסער. ער האָט געוויזן עכט נישט נאָר דאָס יידישע לעבן אין אַרגענטינע, נאָר אויך דאָס לאַנד גופא. זיין בילדל וועגן דעם היישעריק אין אַרגענטינע, וואָס הייבט זיך אָן מיט אַ בליק אויף צוריק, העט ביז אין דער צייט פון פרעהן, גיט אַ וויסנשאַפטלעכן איבערבליק וועגן די פאַרשידענע היישעריקן אין לאַנד, ווו דער באַראָן הירש האָט געוואָלט אויסבויען אַ שטיק ארץ ישראל און איז אַ פאַרטיקע אַזך פאַר דער כרעסטאָמאַטיע און טאַקע פאַר אַן אַנטאָלאָגיע. פאַראַן וויניק אַזעלכע שיינע און אויס־שעפנדיקע שילדערונגען פון היישעריק אויך אין אַנדערע שפּראַכן.

הירשביין גיט אַ שילדער בקיצור דעם חילוק צווישן די בונדיסטן און די מוסולמענער אין אינדיע, זעט מען קלאָר די אויסגעלאָשנקייט פון די ערשטע און די היציקייט פון די צווייטע. די ערשטע זענען וועגע־טאַריער, וואָס דינען צו דער קו, די צווייטע באַלײדיקן זיי און עסן קי... פאַראַן פּאָראויסזעאונגען וועגן די אַלע קאָנפליקטן, וואָס זענען אַרויס־גערופן געוואָרן שפּעטער מיט דריי צענדליק יאָר, ווען אינדיע איז גע־וואָרן אומאָפּהענגיק. אַ פּאָעטיש בילד ווערט באַגלייט מיט דער נייטיקער קאָנטראָלירטער אינפאָרמאַציע. דאָס זעלבע דאַרף געזאָגט ווערן וועגן דער שילדערונג פון די בורן אין אַפריקע. דאָס איז אַן אַרטיקעלע אַ בילד, וואָס האָט דאָס מינימאַלע און נייטיקסטע פון דער ענציקלאָפּעדיע.

דער יידישער שטאָף פון הירשביינס רייזע איינדרוקן וועט דינען אַלס מאַטעריאַל פאַר דעם יידישן היסטאָריקער ביכלל און דעם יידישן קולטור־היסטאָריקער ביפרט. אין אָט דעם פרט וואָלט הירשביין גע־דאַרפט פאַררעכנט ווערן אַלס בנימין דער דריטער, ווען מענדעלע מוכר ספרים וואָלט נישט געווען אוזורפירט אָט דעם טיטל פאַר זיינעם אַן אויסגעדיכטעטן פאַרשוין.

מיר לעבן, דאַכט זיך, אין אַ צייט, ווען אַלץ ווערט פאַרצייכנט און דאָך וועט דער קומענדיקער היסטאָריקער געפינען ביי הירשביינען מאַ־טעריאַל, וואָס איז אין ערגעץ נישט פאַרצייכנט. דער אַרגענטינער קאָ־לאָניסטישער ישוב האָט געהאַט מזל צו האָבן זיין כראָניקער אין דער סאַמע ערשטער עפּאָכע אין דער פּערזאָן פון מרדכי אַלפּערסאָן, דאָך וועט דער היסטאָריקער מוזן אָנקומען צו הירשביינס „אין ווייטע לענדער”, ווען ער וועט דאַרפן אָפּשפּיגלען דאָס לעבן און די פּסיכאָלאָגיע פון אַרגענטינער יידישן קאָלאָניסט, אָבער ווו וועט דער היסטאָריקער געפינען

שטאָף פֿאַר די אָנהייבן פֿון יידישן ישוב אין אויסטראַליע? די באַשרייַ־בונג וועגן דעם ווי אַזוי דער רב פֿון סידני האָט געמאַכט אַן אויפֿנאַמע פֿאַר הירשביינען און ער האָט גערעדט וועגן די ערשטע יידישע שרייַ־בער און ער האָט געזאָגט, אַז דער גאָטס געהער צום ייִנגערן און צום לעצטן דור יידישער שרייבער, איז אַ פּאַרטיק קאַפּיטל אין אונדזער קולטור געשיכטע אַריין.

אין ראַטנפֿאַרבאַנד און אין ארץ ישראל איז הירשביין געווען שוין גאָר אין די רייפֿערע יאָרן, ווען ער האָט פֿון צייט צו צייט דערלויבט זיך שוין צו שרייבן אויך ווי אַ פּובליציסט. און נאָך מער ווי אין די פֿריערדיקע רייזע־איינדרוקן האָט ער איןביידע לענדער געקוקט אויף דעם לעבן נישט נאָר מיט אויגן פֿון אַ דיכטער, נאָר מיט רעאַלע אויגן פֿון אַ מענטשן, וואָס וויל פֿאַרשטיין דעם תּכלית פֿון לעבן. מען קאָן מיינען, אַז ער האָט אין ראַטנפֿאַרבאַנד — זייענדיק דעמאָלט פּראָסאָוויע־טיש — געזען און געוויזן מער פּאָזיטיווקייט, ווי אין ארץ ישראל, אָבער ווען מען לייענט היינט איבער זיינע ביכער „פ.ס.ס.ר.‟ און „ארץ ישראל‟, זעט מען ווי ער האָט אין ביידע לענדער געהאַט אַ שווערע האַרעוואַניע. ער האָט געקענט זען לעבן, וואָס איז שוין דאָ און אין ביידע לענדער האָט ער געמוזט זען אַ לעבן, וואָס ווערט ערשט. האָט ער אין ראַטנפֿאַר־באַנד זיך געשראָקן פֿאַר דער צו־האַרבער אידעאָלאָגיע און אין ארץ יש־ראל פֿאַר דעם צו־גרויסן גלויבן. אין ערשטן לאַנד האָט ער געפֿילט אכזריות אָדער אָנזאָג דערפֿון. ער האָט זיך געשראָקן פֿאַר אַזאַ וואָרט, ווי: „איך בענק נישט נאָך אַ טאַטן, איך בין אַן אָקטיאָבער קינד‟. און אין ארץ ישראל האָט ער זיך געשראָקן פֿאַר דעם מאַנגל אין רעאַלי־טעט. ער האָט זיך אין ארץ ישראל אָנגעשלאָגן אין דער שפּראַכן פֿראַגע און ער האָט דאָרט אָנגעשריבן זיין װוּנדערלעך קאַפּיטל „אונדזער גע־שפּאָלטענע צונג‟, וואָס האָט פֿאַראויסגעזען און פֿאַראויסגעזאָגט די גאַנ־צע שפּראַך טראַגעדיע פֿון דעם היינטיקן מדינת ישראל און דאָס וועלן דווקא פֿאַרשעמען אונדזער גאַנץ לעבן און שפּאַלטן אונדזער צונג... הירש־ביין האָט קיינמאָל נישט פֿאַרלייקנט די טראַגעדיע פֿון יידיש. ער האָט קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן זיך צו אָפּטימיסטיש וועגן אונדזער פֿאָלקס לשון און ער האָט כּסדר דערציילט וועגן ביטול באַציאונג צו יידיש, וואָס ער האָט געטראָפֿן ביי יידן אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן און אויף אַלע קאָנטינענטן (אויסער דרום אַמעריקע) און דאָך האָט ער מיט דעם פֿולסטן

אויסדרוק פון זיינע געפילן זיך געווערט קעגן דעם שפּאַלטן די צונג אין ארץ ישראל. זיין אַרטיקל „אונדזער געשפּאָלטענע צונג" איז אי אַ מין אייגענער תהילים, אי אַ פּובליציסטיש אַרטיקל, אי אַ פראַגמענט פון אַ רעאַליסטישער דראַמע, וואָס וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל. נאָך די בעסטע דראַמען הירשביינס און נאָך זיינע ווונדערלעכע מעמואַרן פאַר־דינען זיינע רייזע־איינדרוקן אַריינגעשטעלט ווערן אין אַ אָנגעזעען פּלאַץ פון אונדזער ביבליאָטעק. אויסער די אַלע אויסגערעכנטע אייגנשאַפטן האָבן הירשביינס רייזע־ביכער אַ שלל מיט וועלט־חכמה, וואָס ווערט געגעבן אין אַ קאָנצענטרירטער פאָרעם דורך ווערטלעך, רעדנסאַרטן און אַפאָריזמען פון אַלע פעלקער.

דער ראָמאַניסט

אייגנטלעך וואָלט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל געדאַרפט הייסן „דער בעלע־טריסט". וואָרום הירשביין האָט געשריבן נישט נאָר ראָמאַנען, נאָר אויך דערציילונגען. ליידער אָבער איז הירשביינס האָב און גוטס צעזייעט און צעשפּרייט איבער אַלע זיבן ימים פון דער יידישער פּרעסע און ס'איז נאָך נישט פאַראַן קיין מעגלעכקייט צו האָבן אַלע זיינע ווערק אויף דעם טיש. קומט מיר אויס זיך צורירן נאָר צום ראָמאַניסט הירשביין און ערשט נישט צום גאַנצן. צורירן וועל איך זיך נאָר צו צוויי ראָמאַנען זיינע — „רויטע פעלדער" און „בבל". פאַר די פּרטים איז דאָס אַ מאַנגל, פאַר דעם גאַנצן הירשביין וועט, דאַכט מיר גאָרנישט פעלן. אָט די צוויי ווערק זענען אַ ברעקל פון הירשביינען דעם בעלעטריסט. אַ ברעקלאָז איז אפשר נאָך נישט דאָס ריכטיקע וואָרט, ווייל אַזאַ גלאָז נעמט דאָך אַריין נאָר די שטראַלן, בעת אין אָט די צוויי ווערק גייען אַריין אויך די שאָטנס פון אונדזער פרינץ.

עס איז נישט גרינג צו שרייבן איצטער וועגן „רויטע פעלדער", וואָס ווייזט דעם אָנהייב פון — אַזוי האָט הירשביין דעמאָלט געמיינט און אַזוי האָבן מיר אַלע געמיינט — פון דעם סאָוויעטיש־יידישן לעבן. „רויטע פעלדער" שפּיגלט אָפּ דאָס יידישע לעבן אין קרים ביים אָנהייב פון דער רעוואָלוציע און די האַנדלונג טראָגט זיך דערנאָך אַריבער אויך קיין בירא בידזשאַן. ווען הירשביין האָט געשריבן אָט דאָס ווערק, האָט ער נישט געקענט וויסן, אַז דאָס לעבן, וואָס ער שילדערט, וועט אינגאַנצן

אָפּגעווישט ווערן און עס וועט פון דעם קיין זכר נישט בלייבן. און ווען מען לייענט איצטער אָט דאָס ווערק, פרעגט מען זיך: ווי אַזוי וואָלט הירשביין געווען געשילדערט דאָס זעלבע לעבן, ווען ער איילט זיך נישט און ער זעצט זיך נישט גלייך שרייבן דעם ראָמאַן באַלד ווי ער איז צוריקגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד און ער לאָזט דעם שטאָף פּאַוואָליע פאַרדייען און עס פאַרציט זיך אַזוי ביז דעם יאָר 1949? און אַ מערקווירדיקע זאַך: ווען מען לייענט זיך ווידער גוט אַריין אין „רויטע פעלדער", דערפילט מען, אַז הירשביין האָט געוויזן די אינערלעכע סיבות פון אומקום. ער האָט דאָס נישט געוואָלט ווייזן, אָבער ער האָט דאָס געוויזן! ער האָט געוואָלט ווייזן אפשר נאָר דעם אויפקום, אָבער אַן ערלעכער שרייבער איז ער געווען און ער האָט געוויזן קאָנפליקטן, וואָס האָבן געקענט פירן צו אומקום און מענטשן, וואָס זענען געווען גרייט צו אומברענגען אַלץ, וואָס איז נישט אַזוי, ווי זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז עס דאַרף זיין. דער נאָמען פון ראָמאַן, „רויטע פעלדער", זאָגט עדות אויף דער גוטער כוונה פון מחבר, אויף זיין פּאָזיטיווער טענדענץ צום געשילדערטן לעבן. ער האָט געוואָלט שאַפן דעם עקוויוואַלענט צו די „גרינע פעלדער". דאָרט איז טאַקע אַלץ געווען בליענדיק און אידיליש גרין און דאָ איז אַלץ פייערדיק און בלוטיק רויט, אָבער — פעלדער זענען עס. אַז עס וועט פון דעם אַלץ ווערן אַ „פעלד" אַ בית־עולם, האָט ער נישט געזאָגט, אָבער ער האָט דאָך געוויזן, אַז עס קען ווערן.

לאָמיר זיך אַריינלעבן אין אינהאַלט פון „רויטע פעלדער". עס וועט נישט שווער אָנקומען. ביי הירשביינען איז נישטאָ קיין צופיל אינהאַלט. עס איז ביי אים, ווי ער אַליין זאָגט: „עס געשעט און געשעט און דאַכט זיך עס געשעט גאָרנישט און עס געשעט גאָר אַ סך".

די העלדין פון ראָמאַן, לאַנע ברעזער, איז אַ באַלעבאַטישע טאָכטער. מען האָט איר מאַמען געקוילעט מיט אַ טעמפּ מעסער. זי האָט פּרוואָס צו וועלן ווערן אַ פּויערטע און זיך ווידמען דעם נייעם לעבן. און זי טוט דאָס טאַקע מיט לייב און לעבן. זי געווינט געוועטן פון אַרבעט. זי איז דאָס דאָזיקע, וואָס מען האָט שפּעטער גענומען רופן אַ שלאָגלערין. אָבער די עכטע פּראָלעטאַריער, די יחוסדיקע, גלייבן איר נישט, פּונקט ווי זיי גלייבן נישט אַלע געוועזענע באַלעבאַטים און זייערע קינדער. אויך די קינדער פון די קליינבירגער געטרויט מען נישט. די דעה־האָבער און זאָגער זענען די קינדער פון די בעלי־מלאכות.

לאַנע ברעזער איז טראַגיש אין איר לעבן און זי טראָגט מיט זיך אידעאישן קאָנפליקט, וואָס וועט ביי אַ ליבע מוזן פּאַרוואַנדלט ווערן אין עראָטיש־אידעאישן קאָנפליקט. און די האַנדלונג פון הירשביינס ראָמאַן ווערט די רעוואָלוציע אַליין. ער האָט אַרויפגעזעצט די מוזע אויף דעם וואָגן פון דער רעוואָלוציע. אין לאַנען פאַרליבט זיך בערע קאָוואַלסקי, וואָס איז אין יענער געגנט דער באַלעבאָס. ער איז, ווי דער נאָמען זיינער דערציילט עס, אַ זון פון דור־דורות שמידן. ער איז נישט נאָר דער שעף, נאָר טאָקע די רעוואָלוציע אַליין. ער איז די רעוואָלוציע אַליין, די פּראָ־לעטאַרישקייט אַליין און ער איז דאָך נישט געגוג פאַרפּאַנצערט קעגן לאַנעס שיינקייט, ווייבלעכקייט און אינטעליגענץ, וואָס זענען די קאָנ־סעקווענץ פון בורזשואַזן לעבן... פאַראַן אַרום געזונטע מוידן, וואָס פאַר־מאָגן פּראָלעטאַרישע ווייבלעכקייט, אָבער נישט אין זיי פאַרליבט זיך דער פּראָלעטאַריער בן פּראָלעטאַריער בערע!

איז עס טאָקע באַלד אַ ליבע אַ טראַגעדיע. אין אַלע זיינע דראַמען האָט הירשביין נישט אַזאַ פּאָר, וואָס זאָל באַלד ביים אָנהייב זיין אַ טראַגעדיע. דאָס פּאָר פון „פּוסטע קרעטשמע" זענען דאָ און דאָרט טראַ־גיש, ווייל זיי זענען ביידע צו שטאַרק. איז די ליבע צווישן לאַנען און בערען אַ ליבע אַ קאַמף, אַ ליבע מיט אַריינזאָגעכצן און שטעכווערטלעך. אַ ליבע פון אומצוטרוי. בערע האָט מורא, אַז לאַנע איז אויסן קאָנטררע־וואָלוציע... ער זאָגט איר: „הייסט עס, אַז דו האָסט מיך פיינט? ווי אַזוי האָסטו מיך פיינט, לאַנע?" און זי ענטפערט: „און דו האָסט מיך ליב, ווי אַזוי האָסטו מיך ליב, בערע?" דו זינדיקסט מיט דיין ליבע צו אַ בורזשויקע, כאַכאַ".

עס דאַרף געזאָגט ווערן, אַז נישט די גאַנצע צייט ווערט געוויזן קאָנפליקט. הירשביין איז אויך דאָ דער אידילישער שרייבער, וועלכער שילדערט ווי עס געשעט, געשעט און עס געשעט דאָך גאָרנישט. ער שילדערט ווי מען בויט פּאַוואָליע און מען לייגט אַ ציגל נאָך אַ ציגל. און דאָס דאָזיקע קען הירשביין צום בעסטן. ער פאַרמאָגט געמיט און געדולד. פאַר אים איז נישטאָ קיין לאַנגווייליקער שטאָף. און נישט נאָר דאָס גאַנצע לעבן ווערט צום מיינסטן געשילדערט געמיטלעך, נאָר אויך די ליבע צווישן בערען און לאַנען איז אַמאָל אויך געמיטלעך:

„זי האָט בערען אַרומגענומען און שטאַרק געקושט. פון דער נאַכט און פון פעלד האָט געקוקט מיט זיסער בליעכץ, וואָס האָט געוועלקט און

אָפּגעטראָטן דאָס אָרט פאַר קערנער. דער ווינט האָט פאַרטראָגן די בליטן־פּליטערלעך און דער זאַנג האָט געקוואָלן און געאָטעמט פאַר גרינער זאַטקייט״.

הירשביין שילדערט אין אָט דעם ראָמאַן געמיטלעך אויך געשעעניש, וואָס זענען אין זייער נאַטור ווייט פון געמיטלעכקייט. די דייטשישע און טאָטערישע שכנים האָבן זייערע שאַף אַרויפגעטריבן אויף די יידישע פעלדער. מען דאַרף זיי אַראָפּטרייבן, אָבער לויט די כללים פון דער רעוואָלוציע, נישט שאָוויניסטיש. אַנדערע פעלקער מעגן זיך נאָך דערלויבן צו זיין נאַציאָנאַליסטיש, אָבער נישט די יידן. די יידן דאַרפן זיין די כשר־סטע אינטערנאַציאָנאַליסטן און רעוואָלוציאָנערן... (און זיי זענען טאַקע געווען כשרער ווי אַלע און די דאָזיקע וצדקתכהדיקייט האָט נישט געהאָלפן) אפילו דאָס צעגייען זיך פון לאַנען און בערען ווערט געשילדערט נישט צו־שטורמיש. פאַר דעם איז פאַראַן אַ זאַווערוכע און דער געמיטלעכער הירשביין האָט זיך דאָ געלאָזט ווילגיין פון דעם טעמפּעראַמענט, וואָס איז אים אָנגעקומען אַ פּאָר מאָל אין זיין לעבן. ער שילדערט אַ זאַווערוכע מיט אַזאַ קראַפט, אַז ביים לייענען פאַרגייען דיר די זאַשפּערעס. פאַראַן אַזוי פיל מאַנערירטע, אַזוי פיל געקינצלטע און געפרינצעוועטע שטעלן אין אָט דעם ראָמאַן, אָבער די זאַווערוכע איז געשילדערט אַזוי, גלייך זי אַליין וואָלט זיך פאַרגעשטעלט... עס קען אַמאָל זיין, אַז הירשביין האָט געשילדערט אַ געפערלעכע זאַווערוכע, וואָס ער אַליין האָט איבערגעלעבט און פאַר וועלכער ער האָט זיך דערשראָקן. לאַנע קומט שיר נישט אום בעת אָט דער זאַווערוכע און בערע ראַטעוועט זי. און — זי קושט אים די פינגער און צעגייט זיך מיט אים. דער הויפּט־ראָמאַן ענדיקט זיך דאָ. דאָס געשילדערטע לעבן הייבט זיך דאָ אפשר אָן.

עס וואַקסט אויס אַ צווייטער צענטראַלער קאָנפליקט: אַ קאַמף צווישן סאָציאַל און נאַציאָנאַל. עס באַווייזט זיך יוסף ראַטנער, וואָס קומט פון ארץ ישראל, פון דעם קיבוץ תל חי. עס איז אין אָט דעם קיבוץ, וואָס איז אַ צווילינג פון עין חרוד טאַקע געווען אַ גרופּע, וואָס איז אַוועק קיין ראַטנפאַרבאַנד. ער וויל אַ נאָמען געבן דעם קיבוץ (קאָלכאָז) אין קרים „וויאַ נאָוואַ״ (דאָס נייע לעבן אויף עספּעראַנטאָ). ער וויל פאַראייניקן די סאָציאַלע באַפרייאונג מיט דער נאַציאָנאַלער דערלייזונג. בערע שפּרינגט אויף, ווען ער דערהערט דאָס וואָרט נאַציאָנאַל... און ראַטנער האַלט אָפּ

דעם ערשטן ניצחון אום ראש השנה. בערע הייסט גיין אַרבעטן, אָבער קיינער גייט נישט.

לויט דעם אָפּשטאַם איז הירשביין אַליין געווען אַ בערע, לויט דעם אויסזען און לויט זיין אויפפאַסונג איז ער זיכער געווען אַ יוסף ראַטנער. ער טוט אַלץ נישט אַרויסצווייזן קיין אָפענע געגנייגטקייט צו קיינעם, אָבער — ער חלומט דאָך, אַז ס'וועט זיין ווי ראַטנער וויל... עס קומט אויף צום ערשטן מאָל בירא בידזשאַן. ראַטנער וויל אַהין פאָרן באַצייטנס, ביכדי דאָס צו פאַרהיטן, אַז די בערעס זאָלן עס נישט קאַליע מאַכן. און בערע פאָרט אוודאי אַהין. ער דאַרף דאָך אוודאי היטן, אַז די ראַטנערס זאָלן עס נישט מאַכן נאַציאָנאַליסטיש טריף... און ביכדי צו פאָרן קיין בירא בידזשאַן האָט בערע חתונה פאַר דער רעוואָלוציע אַליין. ער האָט חתונה פאַר סימען, דעם בעקערס טאָכטער, אַ מויד ווי ראָזעווע ברויט.

לאַנע בלייבט אַליין. זי איז אַ שטאָלצע. מענער גייען איר נאָך. איר דאַכט זיך אָבער, אַז זיי ווילן זי פאַר צו ביליק, ס'הייסט — פאַר אַ צו קליינעם געפיל. ביי איר הייסט עס, אַז זיי „ווילן קויפן איר ליבע פאַר אַ קאָפּיקע". אָבער עס באַווייזט זיך אַ צווייטער פאַרטנער פאַר לאַנען — בענע. ער איז נישט אַזוי אינטעליגענטיש ווי ראַטנער און נישט אַזוי נאַציאָנאַל ווי ער, אָבער ער איז אויך נישט אַזוי ברוטאַל ווי בערע. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז הירשביין האָט בענען נישט נאָר אַראָפּגעבראַכט אַהער, נאָר ער האָט אים אויך באַשאַפן אַלס די גאָלדענע מיט, אַלס די ריכטיקע טענדענץ פאַר דעם אויפגייענדיקן לעבן. לאַנע און בענע ווערן עס די רויטע פעלדער...

בערע פאָרט אַוועק מיט סימע דעם בעקערס, ראַטנער פאָרט אַוועק מיט לאַנעס שוועסטער ביילקע, וואָס איז בלויז ווייב און גאָרנישט אידייע. אין דער צייט, ווען לאַנע האָט געפירט מיט בערען דעם עראָטיש־אידעאיש־יחוסדיקן קאָנפליקט, האָט ביילקע געלעבט פשוט און נאַטירלעך מיט בערעס ברודער.

ווען די הויפּט־העלדן פון דעם גרויסן נאַציאָנאַל־סאָציאַלן קאָנפליקט פאָרן אַוועק, ווערט דאָ עפּעס רויקער. עס הייבט אָן ווייען מיט... הירשביינישן געמיט. די רעוואָלוציע ווערט וויניקער שטרענג. זי נעמט אויף אויך יידן פון נישט פּראָלעטאַרישן יחוס, אויב זיי האָבן אַן עכטע באַציאונג צו דער רעוואָלוציע, וואָס ראַטעוועט זיי פון פּאָגראָמען.

דער ראָמאַן ענדיקט זיך מיט אַ יום־טוב. לאַנע און בענע פאָרן אַרויס מיט טראַקטאָרס. דער יום־טוב וואַקסט אויס צו אַ סימבאָל:

„און מאַמע ערד האָט איר סוד נישט באַהאַלטן. ברייט און מיט פרילינג זון אָנגעטרונקען האָט איר ברוינער מויל געלאַכט. דער זשאַוואָ־ראָנאָק האָט הויך געטרילערט און געצירקלט אונטער דעם בלויען הימל. אַ סך פון די, וואָס זענען געשטאַנען פאַרגאַפטע אין דעם אָ פרימאָרגן, האָבן געזאָגט: אַז לאַנע ברעזער און בענע פינטשיק צייכענען איצטער אָן פאַר אַלעמען דעם ברודער וועג און אוודאי וועט די ברידער זריעה זיין אָנגעלייגט ביי דער מאַמע ערד״.

וואַרשיינלעך האָט הירשביין טאַקע געמיינט, אַז עס וועט אַזוי זיין. אָבער מיסתמא האָט ער נאָך מער געוואָלט, אַז עס זאָל אַזוי זיין. סיי זיין מיין און סיי זיין ווילן זענען געווען ערלעך. דאָס גאַנצע שילדערן איז דאָ אָרנטלעך. דער פרינץ הירשביין האָט געקענט בעסער זיין אַ פויער ווי אַ רייזנדיקער. ער האָט זיין בוך נישט געשריבן פון דרויסן. ער האָט געלעבט אויף די קרימער פעלדער אַכט חדשים ווי אַ פויער און ער האָט אין זיך אַריינגעזאַפט דאָס דאָרטיקע לעבן.

...און ווען מען קוקט איצטער רעטראָספעקטיוו אויף דעם ווי דער ברודער וועג איז נישט אויסגעקלאַפט געוואָרן, נאָר אָפגעווישט ווערן — אויך פון דרויסנדיקע פאַקטאָרן — און ווי די אָנגעלייגטע ברידער־זריעה האָט קיין ווידערוווקס נישט געגעבן, גיט מען זיך חשבון אַז הירשביין האָט דעם קערן פון דעם נישט ווערן אויך געוויזן. דער קאַמף צווישן די ראַטנערס מיט די בערעס האָט זיך פריער געענדיקט מיט אַ פול־שטענדיקן ניצחון פון די בערעס. „נאַציאָנאַל״ איז געוואָרן לא יזכר ולא יפקד. דער לאָזונג האָט געמוזט זיין נאָר סאָציאַל. און ווי באַלד נישט נאַציאָנאַל איז אין וואָס איז באַשטאַנען דאָס יידישע? איז עס טאַקע געוואָרן אויס. הירשביין אַליין האָט געהאַט די פּאָזיטיווסטע באַציאונג צו ראַטנפאַרבאַנד און ער האָט טאַקע געוואָלט זען און ווייזן אויפקום, אָבער ער האָט אויך געוויזן דעם זוימען פון אומקום. אויף די „גרינע פעלדער״ איז געווען אַ יידישער גלויבן און מילדקייט, אויף די רויטע פעלדער איז נישט געווען קיין יידישער גלויבן און ס׳איז געווען אַ מורא־דיקער מידת חדין, ספּעציעל קעגן יידישקייט... הירשביינס „רויטע פעל־דער״ האָט געזאָלט זיין אַ חתונה און ווען מיר לייענען דעם ראָמאַן היינט, פילן מיר, אַז מ׳ר לייענען אויפשריפטן אויף אַ מצבה.

אַ סך מער קאָמפּליצירט און גרעסער אין פאַרנעם איז זיין טרילאָגיע „בבל", וואָס האָט אי גרעסערע מעלות, אי גרעסערע חסרונות. די דריי ביכער „בבל" הייסן: „גלות", „צעריסענע וואָרצלען" און „בבל".

דער פּאַרמעסט איז אַ באַלזאַקישער. זעכציק יאָר יידיש לעבן אין אַמעריקע פאַרנעמט זיך דער מחבר צו שילדערן און דערצו נאָך אַ רעשט פון יידישן לעבן אין רוסלאַנד. און דער כוח איז נישט שטענדיק אין הסכם מיט דעם פּאַרמעסט. הירשביין האָט געדולד און געמיט צו לייגן אַ ציגל נאָך אַ ציגל אויף צו אויסבויען אַ שטיבעלע, אָבער עס פעלט אים כוח צו אויסבויען אַ בריק... פאַראַן אַ סך שיינע, פּאָעטישע שטעלן אין „בבל", אָבער עס איז נישט פאַראַן קיין פעסטקייט.

געמאַכט איז די עפּאָפּעע שרייבעריש: עס ווערט אָנגעהויבן פון סוף און מען גייט אויף צוריק. קען מען שטענדיק זען אי דעם אָנהייב, אָי די מיט, אי דעם סוף. אָבער די געקייטלקייט איז אַ קאַפּריזנע און עס פעלט אַ סך מאָל באָדן.

ביכדי מיר זאָלן האָבן דעם איינדרוק, אַז מיר לייענען אַ כראָניק (און דאָס איז, ווייזט אויס, געווען דעם מחברס כוונה) ווערט אפילו אַ דאַטום אָנגעגעבן ביים אָנהייב־סוף ראָמאַן: דער 5טער יוני 1935. אַט דעמאָלט פּראַוועט קעראַליין סטאָון איר זיבעציקסטן געבוירנטאָג אין איר שיינעם פּאַלאַץ אין אַ רעזידענץ־געגנט. עס וועלן צו איר יום־טוב קומען אַריס־טאָקראַטן־יידן, קריסטן און געמישטע. זי גרייט זיך צום יום־טוב. זי קריגט אין בעט אַריין אַ מאַסאַזשיסטקע, אַ פריזירערין.

און מיר דערוויסן זיך באַלד, אַז קעראַליין סטאָון האָט אַמאָל געהייסן קריינדעלע לוריאַ. און מיר גיבן אַ שפּרונג אויף צוריק מיט 52 יאָר. אין יאָר 1883 איז זי געקומען קיין אַמעריקע. עס איז געווען באַלד נאָך די קיעווער פּאָגראָמען, אין דער צייט, יוען בילו איז אַוועק קיין ארץ ישראל און עם עולם קיין אַמעריקע. קריינדעלעס משפחה איז געווען אַן עם עולמדיקע. אַ מאַמע, אַ טאַטע, זעקס זין און איין טאָכטער זענען זיי געווען. זי איז אַ צווילינג שוועסטער פון יינגסטן זון. די זעקס ברידער זענען שיר נישט סימבאָלן. הלל ווערט אַ פּאַרמער, נתן ווערט אַן אַרבע־טער־פירער, דניאל ווערט שיר נישט אַ העלד פון ליבן, אשר ווערט — אַן אונטערוועלטניק, זכריה ווערט אַ דאָקטאָר. עפּעס איז דאָ פאַראַן דאָס סימבאָלישע פון טביה דעם מילכיקנס זעקס טעכטער.

באַלד ביים אָנקומען טרעפט זיך די משפחה לוריאַ צוזאַמען מיט

דער מישפּחה חלפן, וואָס קומט פון ווייסרוסלאַנד. די לוריאַס זענען איי־דעלע מענטשן און לומדים זייט דורות, די חלפנס־חלפנים. און די לעצטע וועלן אין אַמעריקע באַלד באַלעבאַטים פון די „סוועט־שעפּער" (שוויץ־וואַרשטאַטן), אין וועלכע מען יאָגט אַרויס ביי די אַרבעטער דעם מאַרך פון די ביינער. דער צוזאַמענטרעף פון אָט די צוויי מישפּחות איז נישט קיין אידיליע. פעסטע אָרנטלעכקייט און צאַרטע פאַרחלומטקייט טרעפט זיך מיט שפּיצריקע גיריקייט.

אין דער מישפּחה לוריאַ קומען טאָקע עפּעס פאַר „טביהדיקע" גע־שעענישן, אָבער — אַמעריקאַניזירטע. די ערשטע געשעעניש איז — טויט. די פרוי לוריאַ שטאַרבט. איר טויט ווירקט, אַז די פאַמיליע זאָל זיך צעפאַלן. קריינדל ווערט זיך קעגן דעם און וויל נישט דערלאָזן דערצו, אָבער איר געראָט דאָס נישט כאָטש זי פאַרמאָגט אַ באַשטימטן מאָראַלישן כוח. און וואָס קריינדל באַוויזט נישט, באַוויזט אַ פּראָסט אַרבעטער מיידל, וואָס הייסט רבקה און וועלכע מען רופט „די רויטע ליטוועטשקע". זי אַרבעט אין זעלבן שאָפּ, אין וועלכן עס אַרבעט דער פאָטער לוריאַ, דער 45 יאָריקער מאַן און זי פאַרליבט זיך אין זיין איידלקייט און שיינקייט. ער איז שווייגנדיק און שעמעוודיק און זי איז די אַקטיווע. דערנאָך זענען פאַראַן נאָך פרויען אין ראָמאַן, וואָס זענען די אַקטיווע. דאָס דאַזיקע איז אַ כאַראַקטער־שטריך אין הירשביינס שאַפן און אפשר איז דאָס געווען אַ קאָמפּלעקס. די ערשטע ליבע הירשביינס, מיט זיין שוועסטערקינד שיי־נע, האָט וויזט אויס געלייגט דעם חותם אין דעם פּרט. שיינע איז געווען די דאָזיקע, וואָס האָט אַקטיוו געמאָנט ליבע. אין יאָר 1908 איז אין אָדעס געווען אַ גרויסער ליטעראַרישער אָוונט פאַר דער אלמנה און יתומים פון יהודה שטיינבערג, האָט דער עולם צום שלוס אַרויסגעטראָגן אויף די הענט אלע באַטייליקטע. זיי זענען געווען: מענדעלע מוכר ספרים, ח. נ. ביאַליק, שלום עליכם, שלום אַש, פּרץ הירשביין, האָבן הירשביינען אַרויס־געטראָגן די פרויען... די קינדער האָבן אַלע אַ באַציאונג פון פאַראַכ־טונג צו דער רויטער ליטוועטשקע, אָבער יענע שרעקט זיך נישט און זי נוצט זיך מיט אַ גאַנץ איבערצייגנדיקן מענה לשון. זי פרעגט, צי זיי האָבן מורא, אַז זי וועט זיי „פאַרסמירן די מיספּחה". און זי פאַרמאָגט אַ זעלטענעם כוח. זי איבערצייגט אַלע מיט איר אויפריכטיקייט און מען אָנערקענט זי אפילו אַלס מאַמע. זי נעמט ווידער צונויף די מישפּחה און פאַראייניקט זי. און אויך די צווייטע פרוי פון אַלטן לוריאַ שטאַרבט גיך.

אין דער קימפּעט שטאַרבט זי און לאָזט אַ מיידעלע, וועלכער מען גיט אַ נאָמען נאָך דער מוטער — רעבעקאַ רופט מען זי. דער אַלטער לוריאַ שטאַרבט נאָך זיין צווייטן ווייב און דאָס מאָל צעפאַלט זיך די מישפּחה שוין שטענדיק. קריינדל נעמט רעבעקאַן צו זיך און ווערט אויף לאַנג איר מאַמע.

אין „רויטע פעלדער״ האָט הירשביין איינגעשפּאַנט זיין מוזע צום רייטוואָגן פון דער רעוואָלוציע. אין ברייטן אַמעריקאַנער לעבן זענען פאַראַן טויזנטער קאַמפן, אָבער איין צענטראַלע אידעאָלאָגישער קאַמף איז נישטאָ. נוצט הירשביין אויס דאָס רעאַלע לעבן און מאַכט דאָס פאַר דעם פאָן פון זיינע העלדנס געשעענישן. ער ברענגט געשעענישן פון דער כראָניק. ער שילדערט דעם באַרימטן „טרייענגעל״ פייער, שלום עליכמס לוויה. שפּעטער שילדערט ער אויך אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן היטלערן. דאָך האָט הירשביין מענטשן, וואָס פירן אידעאישע קאַמפן. נתן, דער „יו־ניאָן״ פירער איז אַ מענטש, וואָס פאַרטרעט אַן אידעע. קיין איין צענטראַ־לער עראָטישער קאָנפליקט איז נישט פאַראַן, אָבער אַלע ליבעס ווערן צענטראַלע געשעענישן, די ליבע פון דעם אַלטן לוריאַ מיט דער רויטער ליטוועטשקע איז אַ שטומער שיר השירים, וואָס ענדיקט זיך מיט אַן אויסגיין פון חיות. אַ לאַנג דויערנדיקער עראָטישער קאָנפליקט איז די ליבע צווישן לייבל חלפן און קריינדל לוריאַ. לייבל איז אַ טיפּישער חלפן, ער איז קורצגעוואַקסענער, שמאָלפּלייציקער, מיט אַ לענגלעכן קאָפּ און דינלעכן האַלדז. ער רופט זיך שוין לענאַרד סטאָון. קריינדל האָט די זעל־בע מורא, וואָס לאַנע — מען וויל זי פאַר צו ביליק, ס׳הייסט — פאַר צו שוואַכע געפילן. זי שטויסט דערפאַר אָפּ אויך אַנדערע מענער, ביז וואַנען זי באַפריינדעט זיך מיט אַן אינטעליגענטן מאַן, אַ הויקער, מיטן נאָמען אַלעקסאַנדער, וועלכער לערנט זי, אַז עס לוינט זיך נישט צו ליידן קיין נויט און ער זאָגט איר, אַז אויב זי קען זיך פון דער נויט באַפרייען, זאָל זי דאָס טון און זי וועט קענען טון טובות אַנדערע. און זי ווערט עס די מיסעס סטאָון און מיט דער צייט די גרויסאַרטיקע ליידי קערא־ליין סטאָון.

פאַראַן ביי הירשביינען אַ נייגונג צו ווייזן ווי אַז אַ מישפּחה פאַר־שדכנט זיך איין מאָל, ווערן געמאַכט אָנשטרענגונגען צו פאַרטאָפּלען דאָס פאַרבינדן זיך. מלכה חלפן, וואָס ווערט מילדרעד, נעמט לויערן אויף קריינדלס ברודער, דעם אַרבעטער־פירער נתן. מילדרעדן שילדערט הירש־

ביין שוין ווי אַ טעאַטראַלישע וואַמפּירעסע (וועמפּ אויף אַמעריקאַניש). זי איז „אַ פּאַרריסענע, אַ פאַרביסענע, האָט פאַרשנירלטע ליפּן, שפּיציקע נעגל, גרינלעכע אויגן, אַ רויב פייגעלע". און ווען איר גייט נישט ביי נתנען, פּרוווט זי ביים ייִנגסטן ברודער, ביי זכריהן... נתן האָט חתונה מיט דער טרוקענער אַרבעטער פירערקע דינה, וועלכע איז אַקטיווער פון אים. אַפילו הללן דעם קאַלאָניסט, דעם גבר נעמט אַ פרוי און זי וואַרט נישט, אַז ער זאָל זי נעמען. זי נעמט אים אָבער פאַר דער גבורה, וואָס ער באַווייזט ביים אָפּשלאָגן אַן איבערפאַל פון אירלענדער. אין די ערשטע יאָרן פון דער אימיגראַציע פלעגן ייִדן אָפט איבערפאַלן ווערן פון די „איירישע" שקצים.

אויב די ליבע צווישן אַלטן לוריאַ און דער רויטער ליטוועטשקע איז אַ שטומער שיר השירים, איז דאָס נאָך מער די ליבע צווישן דניאל לוריאַ און דער אירלענדערין לילי. דאָס איז די שענסטע ליבע אין בוך און איינע פון די שענסט־געשילדערטע ליבעס אין אונדזער ליטעראַטור. לילי איז אַ זיבעצן יאָריק מיידל מיט פלאַקסענע האָר, אַ דאַרינקע ווי אַ ריטעלע. זי האָט אַ מאַן אַ שיכור און זי ליידט פון אים. דניאל איז אַ פּעדלער, וואָס גיט אויף אויסצאָלן (אַ קוענטעניק הייסט עס אין אַרגענטינע און אין בראַ־זיל אַ קליענטעלטשיק). ער טרעפט זי מיט אַ קינד ביי דער ברוסט און ער גיט איר צירונג אויף אויסצוקלייבן. ער געטרויט איר. און ער ווערט פאַר איר דער סימבאָל פון דעם גוטן ייִדן. ער קומט צו איר אַ צווייט מאָל, ווען זי שטייט אַ האַלב נאַקעטע איבער דעם וועש. און זי ווערט זיין פרוי, נישט חלילה פאַר אויסגעלאַסנקייט, נאָר פאַר ליבשאַפט. דניאל איז אַ פרומער. ער דאַוונט, פאַסט און ער קען זיך פון איר נישט באַפרייען. ער שטייט נאַכט ביי נאַכט ביי איר פענצטער און כאַפּט נישט איינמאָל קלעפּ פון איר מאַן, וואָס קען „פייטן". דניאל קען דאָס נישט. אין אַ יאָר אַרום טרעפט ער זי אין אַן אַפּטייק און זי פרעגט אים: שלעכטער מענטש, פאַר־וואָס האָסטו נישט געוואַרט אויף מיר? ער האָט נאָך נישט פאַרשטאַנען קיין ענגליש, ווען זי האָט אים באַשטעלט און ער האָט נישט געוווסט וואָס זי מיינט. און זי איז זיך מגייר, ווייל דאָס ייִדישע פאָלק איז גרויס. אַ מאָדנע יודעאָ־אירלאַנדעזע ליבע אין דער מיט פון ניו־יאָרק.

די משפּחה לוריאַ קריגט ווידער אַ מאַמע. די קליינע לילי פאַר־אייניקט ווידער אַלע. איר שטוב ווערט אַלעמענס שטוב, איבערהויפּט פאַר רעליגיעזע און טראַדיציאָנעלע יום־טובים. זי איז ייִדישלעכער ווי

געבוירענע יידישקעס. ביי איר פּראַוועט מען יאָרצייטן, סיום התורות, בר־מיצוות. ווען דניאל ווערט רייך, הייסט זי אים גיבן אויף ציוניסטישע פאָנדן. זי איז אַזוי באַגייסטערט פאַר יידן, אַז זי רעדט איבער איר שוועסטער עליזאַבעט, אַז זי זאָל חתונה האָבן מיט נאָר מיט יידן. און יענע פאַרליבט זיך אין דניאלס יינגסטן ברודער זכריה, וואָס איז טאַקע אַ שיינער יונג אויך. און זכריה הייבט זיך אָן פאַרליבן אויך אין איר. אָבער די מישפּחה פאַרלאַנגט ביי עליזאַבעטן, אַז זי זאָל איבעררײַדן דעם בחור, אַז ער זאָל ווערן אַ קאַטאָליק, ס'זאָל זיין — אַ רעליגיע פאַר אַ רעליגיע. לילי איז געוואָרן צוליב דניאל אַ יידישקע, זאָל זכריה ווערן צוליב עליזאַבעטן אַ קאַטאָליק. פאַרשטייט זיך, אַז זכריה וויל נישט און ווען עליזאַבעט איז שוין גרייט נאָכצוגיבן, איז שוין שפּעט, דער בחור איז שוין געוועזן אַנטוישט.

עס קומט נאָך צו אַ צווייטן רעליגיעזן קאָנפליקט: דניאל האָט מיט לילין אַ זון, וואָס הייסט דייוויד. באַווייזט זיך אָן אַנטיסעמיטישער „ציוניסטישער" גלח, אַזאַ איינער, וואָס האַלט, אַז די קריסטן דאַרפן פאַרכאַפּן ציון באַצייטנס, איידער די יידן טוען דאָס און אונטער זיין ווירקונג שמדט זיך דייוויד און דער פאָטער ווייזט אים אַרויס אַ מוראדיקע שינאה. האָט לילי אַ שאַרפע טענה צו איר מאַן. עס איז דער איינציקער שאַרפער איבעררייד, וואָס זי האָט מיט אים. זי זאָגט אים, אַז די יידן זענען צו שטאָלץ. אַז זי איז געוואָרן פון קאַטאָליטשקע אַ יידישקע איז גוט און אַז דער זון איז געוואָרן פון אַ ייד אַ קאַטאָליק, איז שלעכט? די גאַנצע „זינלאָזיקייט" פון יידישקייט, וואָס איז דאָך זין, ווערט דאָ אַרויסגעבראַכט שיר נישט אויף אַזאַ אופן, ווי ביי טביהן, ווען ער פרעגט ביי גאָט, וואָס איז ייד און וואָס איז נישט ייד און פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן ייד און נישט ייד. אָבער לילי ווערט נישט ברוגז אויף די יידן און זי האָט איר מאַן ווייטער ליב. און בעת דער מאַניפעסטאַציע קעגן היטלערן גייט די אירלאַנדאָ־יודעאָ לילי לוריאַ, וואָס איז שוין דעמאָלט אַלט און האָט שוין אַ ווייסן קאָפּ, אין דער ערשטער ריי.

עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז הירשביין האָט געוואָלט פאַרביבלעווען דאָס לעבן אין אַמעריקע און אַז ער האָט פון לילין געוואָלט מאַכן אַ ניו־יאָרקער רות, וואָס פרעגט נאָר איין מאָל אַ קשיא אויף יידישקייט און אַ זייער האַרבע קשיא. אויך דאָס טשעפּען זיך פון אָשרן — די איינציקע קרעציקע שאָף די לוריאַס — צום פּאָטערס וויב, דער רויטער

ליטוועטשקע, דערמאָנט אין ראובנס איבערשטעלן די בעטן פֿון זיין פֿאָטערס ווייבער... די ליטוועטשקע גיט אים אַזש אַ שליידער: „ס'טייץ, שרייט זי, צו דיין טאַטנס ווייב?"

אין תוך אַריין איז די הויפּט־העלדין דאָ קעראָליין סטאָון, אָבער זי פֿאַרמאָגט נישט גענוג כּוח צו אויסהאַלטן דעם גרויסן בינין. זי ציט נישט איר לעבן צו עפּעס אַן אויסגעשפּראָכענעם אידעאַל. זי פֿאַרמאָגט אַפֿילו נישט קיין אייגענעם געדאַנק. זי דערגרייכט גאָרנישט פּערזענלעך. זי היט אַזוי לאַנג אָפּ איר קערפּער פֿון „אַנגרייפֿער", ביז זי האָט חתונה, בכדי זיך און אַנדערע צו באַפֿרייען פֿון נויט, לויט דער עצה פֿון אַ פּיזיש שוואַכן, אינטעליגענטן מענטשן. דאָס בעסטע אין איר לעבן איז דערנאָך, וואָס זי „יוניאָניזירט" איר מאַנס „ביזנעס" און טוט אַלצדינג צו אויסמיידן קאָנפֿליקטן מיט די אַרבעטער. עס איז אָרנטלע־כער ליבעראַליזם און גוטער ווילן. דאָס מיידעלע רעבעקאַ, די טאָכטער פֿון איר פֿאָטער און דער „רויטער ליטוועטשקע" ווערט ביי איר דער־צויגן צו זיין אַ ליאַלקע. עס פֿעלט איר אַזוי גאָרנישט, אַז עס פֿעלט איר אַלץ. און זי קריגט דעם ווילן פֿון איר מאַמען און אַנטלויפֿט פֿון איר ווילטאָג און ווערט אַן אַרבעטערין. דאָס איז די טראַגעדיע פֿון אונדזער העלדין, אָבער די דאָזיקע טראַגעדיע עפּנט איר נישט גענוג די אויגן. לילי, די אירלענדעריך האָט שוין אינטערעסאַנטערע איבערלעבונגען ווי קעראָליין, כאָטש ווילן האָט זי זייער ווייניק. זי איז די עכטע פֿרוי, וואָס איז רק דער ווילן פֿון דעם מאַן, וואָס זי האָט ליב. דאָס איינציקע מאָל, ווען זי גיט אַ שטעל פֿאָדערונגען, ווי געזאָגט, איז דעמאָלט ווען זי זעט, אַז איר מאַן נעמט פֿאַר זיין רעליגיע מער רעכט ווי פֿאַר אירער. אָבער די „רויטע ליטוועטשקע" האָט אין זיך יאָ עפּעס פֿון אַ העלדין. זי האָט יאָ גענוג כּוח אויף באַווירקן אַ סביבה און טראָגן אויף זיך אַ בינין, ליידער אָבער פֿאַרשווינדט זי נישט קיין סך שפּעטער נאָך דעם, ווי זי באַוויזט זיך. און אין צענטער בלייבט כּסדר קעראָליין, זי בלייבט דער צענטער, צו וועלכן אַלץ ציט זיך. דער מחבר שילדערט דאָך די אַלע העלדן דעמאָלט, ווען זיי גייען צו איר אויף דעם יום־טוב. און איר זיסלעכקייט און בלייכקייט ווערן אָפּט דער טעם און דער קאָליר פֿון דעם ווערק.

קעראָליינס צווילינג־ברודער זכריה ווערט אַ דאָקטאָר שיר נישט אַ העלד. ער ווערט באַליבט ביים פֿאָלק. און פּונקט ווי זיין פֿאָטער

קריגט ער גרויסע ליבע ערשט אויף דער עלטער. ווען ער איז שוין אַ מאַן אין די יאָרן, פאַרליבט זיך אין אים אַ יונג מיידל און אַ זייער סימפּאַטישס, וואָס האָט יידישע געפילן און איז אויך גרייט צו לערנען יידיש צוליב איר מאַן. די סעריע פּרויען, וואָס נעמען די מענער ווערט דערמיט אין ראָמאַן פאַרענדיקט. די צאָל פון די אַקטיווע פרויען און פאַרווייבערישטע מענער איז אַ צו גרויסע אין ראָמאַן און גיט צו דעם ווערק אַ כאַראַקטער פון מאָדנעקייט. דו ווייסט נישט, צי דאָ איז פאַראַן אַ ספּעציעלע כוונה, אָדער דעם שרייבערס אַ קאָמפּלעקס.

זייער אינטערעסאַנט ווערן געשילדערט אין ראָמאַן די אירלענדער, וואָס זענען אין ניו־יאָרק דאָס גרעסטע פאָלק — אין צאָל — נאָך יידן און מיט וועלכע יידן האָבן געהאַט אַ סך צוזאַמענשטויסן. דער ישראל בין העמים קומט ביי הירשביינען אַרויס אויפריכטיק. לאַגיש זענען מיסתמא די אירלענדער — וואָס זענען נישט וויניקער ווי יידן קרומקעפּיק — גערעכט. אויב לילי ווערט אַ יידישקע צוליב איר מאַן, פאַרוואָס זאָל איר שוועסטער עליזאַבעט נישט וועלן, אַז דער יידישער מאַן, וואָס זי האָט ליב, זאָל צוליב איר ווערן אַ קאַטאָליק? קיין מאָס, אַז דער מאַן האָט די דעה אין רעליגיעזע ענינים איז דאָך נישט פאַראַן. און יידישע פרויען, וואָס האָבן חתונה מיט קריסטן פאָדערן דאָך אויך, אַז זייערע מענער זאָלן ווערן יידן... דאָ און דאָרט זענען די אירלענדער געשילדערט מער מיט די חיסרונות, ווי מיט די מעלות, אָבער אינגאַנצן אויסגעמיטן, ווערן זייערע מעלות — נישט. ווען אַן אירלענדישער שרייבער וואָלט אַזוי געשילדערט יידן, ווי הירשביין האָט געשילדערט אירלענדער, וואָלטן יידן אויף אים געזאָגט, אַז ער איז אי אַן אוהב, אי אַ שונא ישראל. דאָס זעלבע וואָלטן מיסתמא די אירלענדער געזאָגט וועגן הירשביינען, ווען זיי ווייסן, וואָס ער האָט געשריבן וועגן זיי. לילי איז געשילדערט אַזוי סימפּאַטיש, אַז פאַר איר אַליין וואָלטן די אירלענדער געדאַרפט זיין באַגייסטערט פאַר הירשביינען.

ווען מען לייענט נאָך אַמאָל „בבל״, נאָך דעם, וואָס מען האָט דאָס אַ לאַנגע צייט שוין נישט געלייענט, גיט מען זיך חשבון, אַז הירשביין איז אין זיין עפּאָפּעע געבליבן אַ דראַמאַטורג. די חתונה פון אַלטן לוריאַ מיט דער רויטער ליטוועטשקע וואָלט געקענט ווערן אַ דראַמע, ווען הירשביין וואָלט זי נישט פאַרוואַנדלט אין אַן עפּיזאָד. און די חתונה צווישן דניאלן און לילין איז אַ טראַגיקאָמעדיע. מ׳קען נעמען און אינסצענירן

די אַלע איבערלעבונגען צווישן זיי און מען וואָלט געהאַט איינע פון די בעסטע יידישע קאָמעדיעס און מען וואָלט ממש געקענט האָבן אַ מאָ־ראַלישן אַמעריקאַנער עקיוואַלענט צו הירשביינס „גרינע פעלדער". די אַנדערע קאָנפליקטן אין ראָמאַן זענען אויך על פּי רוב שטאָף פאַר טעאַטער זאַכן — איינאַקטערס, סצענקעס, אַמאָל אויף דעם שטייגער פון „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען", אַמאָל אויף דעם שטייגער פון „זאַ־ווערוכע".

אין סך הכול האָבן מיר אַ „בבל" נישט נאָר אין אַמעריקע, נאָר אין אַ גרויסער מאָס אין דער קאָנסטרוקציע פון מחבר. דעם טורעם בבל האָט מען אָנגעהויבן בויען און מען האָט אים נישט פאַרענדיקט. הירשביינען האָבן נישט געפעלט קיין ציגל פאַר זיין בינין, האָט אויך געהאַט ליים, אָבער דער בינין איז אַזאַ גרויסער, אַז ער פאָדערט צעמענט און בעטאָן, און דאָס דאָזיקע האָט ער נישט געהאַט. זענען געבליבן ליגן די ציגל אין הויפנס, דאָ אין גרעסערע, דאָרט אין קלענערע.

אין „רויטע פעלדער" האָט הירשביין געוואָלט זען און וויזן אַן אָנגעצייכנטן וועג, אין אַמעריקע האָט ער אַזאַ וועג נישט געקענט זען. די יוגנט איז דאָ געוויזן ווייט נישט מיט בייזן ווילן. הלל האָט אַ טייערן זון, וואָס פאַרמאָגט אויך באַציאונג צום טאַטן. זיין ווייב איז אַ האַלבע יידישקע, אָבער זי וויל ווערן אַ יידישקע. רעבעקאַ איז מאָראַליש גאָר סימפּאַטיש. זי וויל לעבן פון אייגענער אַרבעט און זעלבסטשטענדיק און זי וויל נישט זיין קיין ליאַלקע. דעם אַלטן ד״ר זכריה לוריאָס יונגע ווייבל וויל לערנען יידיש. גוטער ווילן... אָבער ווו איז דאָס לעבן אַליין? און אַ מאָדנע געדאַנק פאַרגנבעט זיך דיר: אויף די רויטע פעלדער האָט מען אָנגעצייכנט אַ וועג און ס'איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן. אין אַמע־ריקע האָט מען קיין וועג נישט אָנגעצייכנט, אָבער דאָס לעבן שלעפּט זיך נאָך.

פּרץ הירשביין דער ראָמאַניסט איז צום שטאַרקסטן דאָרט ווו ער איז — דראַמאַטיקער. אַלס דראַמאַטיקער האָט ער גענוג זאַכן, וואָס וואָלט קוים געקענט זיין קליינע סקיצן, אָדער דערציילונגען און אַלס ראָמאַניסט האָט ער אַ סך טעמעס פאַר גאַנצע דראַמעס. די דאָזיקע טע־מעס וואָלטן אויך געקענט ווערן אָרגאַנישע טיילן פון ראָמאַנען, אָבער זיי זענען עס נישט געוואָרן און זיי זענען געבליבן אָפּגעזונדערט. ער איז

געווען דער ערשטער אויסגעשפּראָכענער דראַמאַטיקער ביי יידן און ער איז אַליין געווען אַלס שרייבער אַ העלד פון אַ דראַמע און אפשר טאַקע אַ טראַגעדיע.

עפּעס פּאָרטרעט און די אונטערשטע שורה

מיר איז אויסגעקומען צו זען הירשביינען אַ סך מאָל. זייט 1908, ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל, ביז 1945, ווען איך האָב אים געזען צום לעצטן מאָל אין לאָס אַנדזשעלעס, האָב איך אים אַ סך מאָל גע־טראָפן. איך האָב אים געזען, ווען איך בין נאָך געווען אַ טייל פון המון און איך האָב זיך געטראָפן מיט אים, ווען איך בין שוין אויך געווען אַ שרייבער ביי יידן. מיר איז נישט אויסגעקומען צו ווערן צו אינטים מיט אים און איך וואָלט נישט געקענט צוגיבן קיין נייע פּאָרטרעט שטריכן צו די דאָזיקע, וואָס זענען שוין באַקאַנט. איין שטריך האָט זיך מיר באַזונדער געוואָרפן אין די אויגן אַריין: ער האָט שטענדיק זיך געוואָלט באַווייזן שלאַנק און גבורהדיק. איך האָב אים געזען אַנגעבויגן צו אַ בייט בלומען און אַנגעבויגנערהייט האָט ער זיך געצויגן. אויך מענדעלע מוכר ספרים האָט כסדר געוואָלט בולט מאַכן זיין שלאַנקייט און פיזישע געזונטקייט, אָבער יענער האָט דאָס דאָזיקע געטון, ווען ער איז שוין געווען אַלט, הירשביין האָט דאָס דאָזיקע געטון, ווען ער איז נאָך געווען יונג. ביי הירשביינען איז געווען אַ קאָמפּלעקס נישט צו אויסזען ווי אַ געטאָ־ייד. דערביי אָבער האָט ער געוואָלט רעדן דווקא דאָס אָרגאַנישסטע יידיש. און ער האָט בפירוש געוואָלט האָבן נישט קיין שטאָלענע, נאָר דווקא אַ בלומענדיקע שפּראַך. ער האָט אין זיין לשון אַריינגענומען דאָס ביסל דאָרפישע לאָקאַליזמען (ווי „האָלד", „באַכסאָל"), אָבער שרייבן האָט ער געוואָלט אין דער שפּראַך פון בלומען און מלאכים. אין ריידן האָט ער צוגעגעבן דאָס טעאַטראַלישע, אָבער דאָס צאַרטע האָט ער נישט אַוועקגענומען.

אויסזען נישט ווי אַ געטאָ־ייד, — אָבער אויף איין שפּאַן נישט אַוועק־גיין פון יידישן לעבן! דאָס איז געווען זיין פּרינציפּ. ער האָט אַמאָל אין מיין אַנוועזנהייט געזאָגט צו אַ יידישן אַקטיאָר, וואָס האָט גענומען זוכן אַ וועג צו דער ענגלישער בינע: „היט אייך פאַר דעם ברייטן וועג (בראָדוויי),

וועלכער וועט אייך אין ערגעץ נישט אָנועקפירן״. ער אַליין האָט געזען די גאַנצע וועלט, אָבער אָוועקגיין מיט דעם „ברייטן וועג״ איז פאַר אים געווען אַ פאַרראַט קעגן זיך אַליין.

מיר שיינט, אַז נאָך שלום אַשן (און אַמאָל מענדעלען) האָט הירש־ביין אויסערלעך געהאַט די צוציִענדיקסטע פיגור. מען האָט געמוזט אויף אים קוקן. און אין דעם האָט געהאַט אַ חלק אויך זיין טעאַטראַ־ליזירן זיך. ער האָט געטון אַלצדינג בולט צו מאַכן זיין אימפּאָזאַנטע פיגור. און ער איז געווען אַלס רעדנער דער טעאַטראַלישסטער פון די יידישע שרייבער. איך האָב אים געהערט רעדן אינאיינעם מיט נאָך אַ סך שרייבער און צו קיינעם האָט מען זיך נישט אַזוי צוגעהערט ווי צו אים. ער האָט נישט נאָר אין דער פאָרעם גערעדט טעאַטראַליש, נאָר אויך דעם עיקרדיקן געדאַנק האָט ער צוגעגעבן אַ געוויסע טעאַטראַ־לישקייט. נאָמבערג האָט אַמאָל געזאָגט צו אַן עולם, אַז ביכדי אים צו וועלן הערן, דאַרף מען פאַרגעסן ווי אַזוי ער זעט אויס. הירשביין האָט באַלד מיט דעם אויסזען געמאַכט, אַז מען זאָל אים וועלן הערן.

איך האָב נישט געהערט צו די אומקאָנדיציאָנעלע חסידים הירש־ביינס. ער איז פאַר מיר זייט שטענדיק אָן געווען אַ פּראָבלעם. און איך האָב מיינע ספיקות אַמאָל אויסגעדרוקט אין אַן אַרטיקל אין די „לי־טעראַרישע בלעטער״. די געלעגנהייט איז געווען הירשביינס פופציק יאָריקער געבוירנטאָג. דאָס אַרטיקל האָט געהייסן „הירשביינען גוטע וואָך״. אַלע האָבן געשריבן יום־טובדיק, איך האָב געשריבן נאָר וואָכע־דיק. ס׳איז אפשר געווען אַ טאַקטלאָזיקייט פון מיין זייט. איך האָב מיינע ספיקות געקענט אַרויסברענגען נישט גראָד צום יובילײ. נאָך יענעם אַרטיקל האָב איך אומצייליקע מאָל גערעדט מיט אים און ער האָט מיר קיינמאָל נישט געגעבן קיין אָנצוהערעניש פון פאַרדרוס. איין מאָל נאָר האָט ער מיר געזאָגט, אַז מען וואָלט „וועגן אַלץ געקענט שמועסן״. ער איז געווען זייער צופרידן פון דעם, וואָס איך האָב געשריבן, אַז זיינע בעסטע פּיעסן דערפילט מען ריכטיק ערשט ווען מען זעט זיי גוט שפּילן. „פּיעסן — האָט ער געזאָגט — זענען כלים, וואָס טאָרן נישט זייך אינגאַנצן פול. עס מוז בלייבן אין זיי פּלאַץ פאַר דעם שטאָף פון דעם שוישפּילער״. און ער האָט מיר דעמאָלט געזאָגט אַ געדאַנק, וואָס אַלע ווייסן אים אפשר אָבער קיינער האָט אים אַזוי קלאָר נישט גע־זאָגט. ווען מען וואָלט געשפּילט די פּיעסן פון די יידישע שרייבער,

האָט ער מיר געזאָגט, וואָלטן די יידישע שרייבער זיך אויסגעלערנט צו שרייבן גוטע פּיעסן, זיי וואָלטן דאָס געלערנט ביי די שוישפּילער און ביים עולם... און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס ערגסטע אין די פּיעסן פון די גרעסטע יידישע שרייבער איז זייער איבערגעלאָדנקייט. עס פעלט רוים פאַר דעם שוישפּילער.

פּרץ הירשביין איז געווען אַ פּרינץ בן מילנער און ער האָט גע־וואָלט זיין אַ פּרינץ. דאָס דאָזיקע, וואָס ער איז געווען אַ פּרינץ, איז דורכאויס געווען גוט, דאָס, וואָס ער האָט געוואָלט זיין אַ פּרינץ, איז אַמאָל געווען צום גוטן און אַמאָל — נישט. פון דער נאַטור איז ער געווען אַ דאָרפס מענטש און דערפאַר האָבן די בעסטע זאַכן זיינע גע־שמעקט מיט דאָרף און פעלד. ער איז געוואָרן אַ וועלט־רייזנדיקער און אַ שטאָט מענטש און ער האָט אין אַ סך שטעלן פון זיינע רייזע בילדער געפונען די וועלט און אין אייניקע שטעלן פון „בבל" האָט ער געוויזן אויך טיילן פון שטאָט. אין די בעסטע פּיעסן זיינע האָט ער זיך צוגערירט צום סאַמע עיקר פון יידישקייט אַ ביסל ווי שלום עליכם און אַ ביסל ווי פּרץ. און נאָך מער ווי ער אַליין, אין דער ליבע צווישן דניאלן און דער אירלענדערין לילי אין ראָמאַן „בבל", האָט ער אָנגע־טאַפּט דעם „למה יאמרו הגויים", די עיקרדיקע טענה פון נישט־יידן צו יידן און די עיקר־סיבה, למאי די גויים קענען נישט פאַרשטיין קיין יידן און ער האָט געוויזן דעם גרויסן זינלאָזן זין פון יידישקייט.

פּרץ הירשביין האָט זיך זייער שווער געפונען. אפשר שווערער ווי אַלע יידישע שריפטשטעלער. אָבער דאָרט וווּ ער האָט זיך געפונען, איז ער אַליין אַ יש און ער האָט געשאַפן אַ יש, וועלכן עס קומט אַ פּלאַץ אין אויבנאָן פון דער יידישער ליטעראַטור.

דוויד בערגלסאָן

מאָטאָ:

און ביים דאָקטער האָט געשמייכלט דער שפּיץ פון דער נאָז, גלייך ער טוט אָפּ דער וועלט א שפּיצל:
און אַליין האָט ער מוראָ געהאט אַראָפּצולאָזן דעם שמייכל פון דער שפּיץ נאָז, באגלייך צוזאַמען מיטן שמייכל, קאָן ער פארלירן זיין גלייכגעוויכט אין לעבן.

דוויד בערגלסאָן (מידת הדין)

דוויד בערגלסאָן איז געקומען, זיך באוויזן און געזיגט; לכתחילה האָט ער אפילו געטראָפן צערבערס ביי די טויערן פון אָלימפּ, די יידישע און העברעאישע צייטונגען ווי אויך די פאַרלאַגן האָבן זיינע זאַכן נישט גע־וואָלט דרוקן, אָבער, אַז ער האָט זיך אַליין אַרויסגעגעבן זיין ביכל „אַרום וואָקזאַל", איז געוואָרן אַ רעש. די יידישע ליטעראַטור האָט שוין דע־מאָלט אָנגעהויבן ווערן מיט לייטן גלייך: זי האָט שוין געהאַט קריטיקער — נישט אַ קריטיקער, נאָר שוין טאַקע אייניקע קריטיקער. צום עמאָציאָנעלן בעל מחשבותן איז שוין געהאט צוגעקומען זיין נויטיקע העלפט — ש. ניגער און ש. גאָרעליק איז דעמאָלט אויך געוועזן א קריטיקער. און אלע קריטיקער האָבן געהאָלפן מאכן דעם רעש. בעל מחשבות האָט געזאָגט דאָס ענטוזיאַסטישע וואָרט „אַ וואונדער". ניגער, וואָס האָט נישט קיין טבע ניתפּעל צו ווערן, האָט אויך קיין שבח נישט געזשאלעוועט און ש. גאָרעליק האָט אויך געזונקען הלל אויף זיין געקינסטלעד און הייזערי־קער (ליטעראַרישער) שטימע. און די ליטעראַטן אליין האָבן אויך ווי געהאָלפן אַרויסרופן ענטוזיאַזם. אַ נייער טאַלאַנט האָט דעמאָלט נאָך נישט ענג געמאכט, נאָר באשיינט. מיט איין וואָרט: בערגלסאָנס דערשיינען האָט

באַגעגנט אַן איינשטימיקן ברוך הבא, און דער מאַרש איז אָפּגעשפּילט גע־וואָרן אויף אַלע כלים.

וואָס זשע איז די סיבה פון רעש? און אַ סיבה מוז דאָך זיין! אַרום גאָרנישט ווערט נישט קיין רויש. עפּעס האָט דאָך בערגלסאָן געמוזט ברענגען מיט זיך נייס, מ׳זאָל מיט אים אַזוי רויש׳ן און רעדן וועגן אים ווי וועגן א ווונדער.

דער איינציקער אויסוועג צו אַנטפּלעקן דאָס נייעס, וואָס בערגלסאָן האָט אַריינגעבראַכט אין אונדזער ליטעראַטור איז — איבערלייענען די גאַנצע יידישע ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר אים... און ס׳איז גאָרנישט אַזאַ שווערע אַרבעט. די יידישע ליטעראַטור, זייט מענדעלע, מיין איך, די ליטעראַטור פון דער נייעסטער תקופה. אַלזאָ: מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, לינעצקי, דינעזאָן, ספּעקטאָר, ד. פּינסקי, רייזען, נאָמ־בערג, וויסנבערג, אַש, — די דאָזיקע זענען בערגלסאָנס פאָרגענגער. די לעצטע קען זיין האָט בערגלסאָן נאָך נישט געהאט רעכט געלייענט. עגאָ־צענטריש און... עגאָאיסטיש איז מיסתמא בערגלסאָן נישט ווייניקער, ווי אַנדערע קינסטלער.

ווען מ׳לייענט איבער די פריערדיקע ליטעראַטור און מ׳הויבט אָן לייענען בערגלסאָנען, וואַרפט זיך דער אונטערשייד אין די אויגן אַריין. מען זעט ממש אַ גרעניץ, גלייך, ווי מען זעט דעם פּאַס, וואָס טיילט אָפּ אַ טייך פון ים, אין וועלכן ער פאַלט אַריין... בערגלסאָן האָט אַריינגע־בראַכט... ליטעראַטור אין דער יידישער ליטעראַטור אַריין. ליטעראַטור מיינט: ליטעראַרישע שפּראַך און ליטעראַרישן מאַניר. ביז בערגלסאָנען האָט מען געשריבן אויף יידיש אין פאָלקס־שפּראַך, אין אידיאָמאַטישער, אַמאָל אויך לאָקאַלער, פאָלקסשפּראַך און מיט פאָלקסטימלעכע מאַנירן. מענדעלע האָט געשליפן זיינע ווערטער און געזוכט, זיי זאָלן זיין ענלעך צו „יידלס" ווערטער, שלום עליכם האָט ניט געשליפענערהייט געשעפּט ווערטער פון פאָלקס־אוצר, ליניעצקי איז געווען אַ מיט צווישן מענדעלע און שלום עליכם, פּרץ האָט זיך אויך ניט געקענט באַפרייען פון לאָקאַלן זאַמאָשטשער יידיש, דינעזאָן האָט זיך ביטער געראַנגלט מיט דער שפּראַך און געמישט דייטשמעריש מיט העברעאיזמען, ספּעקטאָר האָט זיך אָנגעהויבן שאַפן אַ זשורנאַליסטישע שפּראַך, נאָמבערג האָט געשריבן אין אַ האַלב־בעלעטריסטישער און גאַנץ פּובליציסטישער שפּראַך, רייזען האָט זיך אין אינהאַלט פון זיינע דערציילונגען אויפגעהויבן צו אַל־

מענטשלעכקייט, די פֿאָרם און די שפּראַך זיינען אָבער ביי אים פֿאַר־בליבן קליינשטעטלדיקע. דוד פּינסקיס שפּראַך איז געווען אַ געמיש פֿון זשורנאַליסטיק און פּובליציסטיק, שלום אַש האָט געמישט לאָקאַלן פּוילישן יידיש מיט צאינה וראינה־לשון. דוד בערגלסאָן האָט דער ערשטער אַריינגעבראַכט ליטעראַרישע שפּראַך; יעדער לייענער קען זיך אין דעם איבערצייגן. ער דאַרף טאָן אָט וואָס: נעמען אַ בוך פֿון וואָסאַראַ מחבר פֿאַר בערגלסאָנען און לייענען אַ בלעטל, אָדער צוויי; ער וועט דאָרט געפֿינען פֿאָלקס־ווערטלעך, אַלגעמיינע, לאָקאַלע, ער וועט דאָרט הערן די שפּראַך פֿון גאַס, שול, מאַרק, קיך און אַז ער וועט דערנאָך לייענען בערגלסאָנען, וועט ער דאָס אַלץ ניט געפֿינען.

צי איז אַ ליטעראַרישע שפּראַך בעסער ווי פֿאָלקס־שפּראַך? פֿון בעסער לאָזט זיך ניט ריידן. אַ ליטעראַטור נויטיקט זיך אין ביידע שפּראַכן, די באַזע איז פֿאָלקס־שפּראַך, די מיט — ליטעראַרישע שפּראַך און דער שפּיץ — אַ סינטעז פֿון ביידן. ווען די יידישע ליטעראַטור זאָל זיך געווען אָנהויבן מיט בערגלסאָנען, וואָלט זי אין פֿאָלק קיינמאָל ניט אַריינגעדרונגען, אָבער, ווען בערגלסאָן האָט זיך באַוויזן, האָט שוין די יידישע ליטעראַטור זיך גענויטיקט אין אַ שפּראַך, וואָס זאָל ניט זיין קיין קאַפּולער, קאַסרילעווקער, קוטנער און קוידאַנאָווער.

און דאָס, וואָס בערגלסאָן האָט אַריינגעבראַכט שפּראַכלעך, האָט ער אויך אַריינגעבראַכט בכלל אין דער פֿאָרם: ער האָט אַריינגעבראַכט ליטעראַרישן מאַניר. אויך מענדעלע און שלום עליכם האָבן געהאַט מאַניר, דער ערשטער תלמיד חכמישן, דער צווייטער פֿאָלקסטימלעכן, בערגלסאָן האָט אַריינגעבראַכט ליטעראַרישן און אַריסטאָקראַטישן מאַ־ניר, מענדעלע און שלום עליכם האָבן געזוכט, וואָס ענלעכער זיין צו פֿאַרשידענע טיילן פֿון פֿאָלק, בעת בערגלסאָן האָט געזוכט וואָס מער ניט ענלעך זיין צום פֿאָלק. פֿאַראַן אַן עפֿעקט, וואָס איז פֿאַראַן אי ביי בערגלסאָנען, אי ביי שלום עליכמען: אָנכאַפּן זיך אין אַ פֿראַזע און זי ווידערהאָלן עטלעכע מאָל. אָבער ביי שלום עליכמען איז דאָס ראשית אַ געטרייער אָפּקלאַנג פֿון דעם פֿאָלקס אַרט ריידן, ביים פֿאָלק אַליין איז, ווי ביי אַ יידענע, אַ רענדל אַ וואָרט און ס'איז אַ קאָמישער עפֿעקט, שלום עליכם וויל דערמיט אַרויסרופֿן געלעכטער און עס געלינגט אים, אָבער אַמאָל מאַכט ער זיך דערמיט אַביסל ביליק. ביי בערגלסאָנען איז דאָס ווידערהאָלן אַן אַריסטאָקראַטישער מאַניר. „איך, דער גביר, דער

חכם, האָב געזאָגט אַ קלוג וואָרט און איך חזר עס איבער, ווייל קיין קליגערס וועט שוין קיינער ניט זאָגן״...

ער כאַראַקטעריזירט דעם שווערגופיקן אפיקורס יצחק בער (אין „אָפּגאַנג״) און זאָגט, אַז „ער האָט געקאָנט גוט לערנען, נאָר איז געוואָרן אַן אפיקורס, קיינמאָל ניט געגאַנגען אין שול און האָט שטאַרק פיינט געהאַט פרומע יידן״, חזרט ער שוין דערנאָך די דאָזיקע כאַראַקטעריס־טיק איבער אַ סך מאָל, בעת יעדן פּאַסיקן מאָמענט. די איבערחזרונגען פון דעם מין טרעפן זיך ביי בערגלסאָנען אַן אַ שיעור מאָל און כסדר אויף אַ וואזשנעם אופן.

אויך מענדעלע האָט זיך געמאַכט זייער אָפּט וואַזשנע און בערגלסאָן איז טאַקע אַ סך מער מאָל נאָכפאָלגער פון מענדעלען, ווי פון שלום עליכמען. אָבער מענדעלע שטייט דאָך נאָענט צום פאָלק, וועלכן ער דערציילט יידישלעך אַ מעשה אין אַ מעשה און אַ מעשה איבער אַ מעשה, בערגלסאָן האָט זיך פון פאָלק דערווייטערט. ער שטייט אויף דעם אָלימפּ. ביי אים איז די קאָנסטרוקציע אַ מאָדערנע, אַ דורכאויס נישט־יידישע.

פון די ערשטע יידישע שרייבער איז מענדעלע דער איינציקער קאַלטבלוטיקער, אָבער אויך ער נעמט אַ קאָנטשיק. שלום עליכם לעבט מיט זיינע העלדן, אָטעמט מיט זיי און קאָן אַ רגע ניט זיין אָביעקטיוו צו זיי, ער האָט זיי אָדער ליב, אָדער פיינט, אָדער ביידע צוזאַמען. שלום אַש ברענט ממש אויס ליבע צו זיינע העלדן. בערגלסאָן דערלויבט זיך קוים קוים אַ שמייכל צו טאָן, פונקט, ווי זיין שפּעטערדיקער העלד באַביצקי, אין „מידת הדין״, האָט ער מורא, אַז „צוזאַמען מיטן שמייכל קאָן ער פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט אין לעבן״. שרייבט ער אָן אַ ווערק און מענטשן טוען דאָרט עפּעס, טוען זיך, טוען יענעם, טוען... גאָרניט, טוען זיך און יענעם וויי, ראַנגלען זיך, קעמפן און בערגלסאָן גיט אייך נישט די קלענסטע אָנצוהערעניש, ווער ס׳איז גערעכט, ער פאַרלירט נישט דעם שמייכל פון שפּיץ נאָז, „גלייך ער טוט אָפּ דערמיט אַ שפּיצל דער וועלט״.

פון דער פאָרעם זענען מיר צוגעקומען צום אינהאַלט. בערגלסאָן איז ניט נאָר דער ערשטער ליטעראַרישער אין דער פאָרם, נאָר אויך אין אינהאַלט. מ׳האָט ביי אונדז גערעדט, אַז אין מענדעלען האָבן זיך גע־

ראַנגלט צווײ: אַ מוסר־זאָגער און אַ קינסטלער. ניט נאָר אין מענדעלען האָבן זיך די דאָזיקע צווײ געראַנגלט, אין דער גאַנצער יידישער ליטע־ראַטור ביז בערגלסאָנען (חוץ אפשר נאָמבערגן). בערגלסאָן האָט דער ערשטער באַזיגט דאָס מוסר־זאָגערײ און געשאַפן הוילע ליטעראַטור. ער איז ניט נאָר אין דער פאָרם אַ ליטעראַרישע רעאַקציע, נאָר אויך אין אינהאַלט.

איז ליטעראַרישער אינהאַלט אַנשטאָט מוסר זאָגערישען אַן עליה, צי אַ ירידה? איצטער איז שווער צו זאָגן. מיד לעבן איצט אין אַ צייט, ווען דער גאַנצער לעבנס אינהאַלט איז סאָציאַלער קאַמף און סאָציאַלער קאַמף אין דער ליטעראַטור איז אַ קרוב מיט מוסר זאָגערײ. סוף כל סוף איז דער סאָציאַליזם אין זיינע ערשטע פרימיטיווע פאָרמען — רעליגיע, אוטאָפּיע, אַנאַרכיזם — אויך מאָראַל־פּרעדיקערײ. אָבער אַ מאָמענט איז נישט מאָסגעבנדיק. פאַראַן דערשיינונגען, וואָס וועלן ערשט קענען אָפּ־געשאַצט ווערן שפּעטער, אפשר, ווען מיר וועלן שוין ניט זיין... די געשיכטע האָט צייט און געדולד. בערגלסאָנען איז דער ליטעראַרישער אינהאַלט צו לאַסט געפאַלן און ער האָט אים געפּרוווט בייטן. צו אַ בערגל־סאָן אויף דער רעכטער זייט איז איצט צוגעקומען אַ בערגלסאָן אויף דער לינקער זייט.

אָבער — מיר קאָנסטאַטירן דאָ נאָר: אָט א דאָס איז דאָס נייעס, וואָס בערגלסאָן האָט אַריינגעבראַכט צו אונדז: ליטעראַרישע שפּראַך, ליטעראַריש־אַריסטאָקראַטישן מאַניר, ליטעראַרישן אָביעקטיוון אינהאַלט און דערצו נגידישע און איידעלע סביבה, די נעסט פון די אַלע אייגנ־שאַפטן. מען האָט זיך מיט בערגלסאָנען אין דער יידישער ליטעראַטור דערפרייט פונקט, ווי אַרבעטער־בחורים דערפרייען זיך מיט אַ איידעלער צורה פון אַ נגידיש מיידל...

אַז די אַלע אייגנשאַפטן האָט בערגלסאָן נישט געירשנט פון ווינט און אַז זיי זענען אַ רעזולטאַט פון דער סביבה אין וועלכער ער איז דערצויגן געוואָרן, איז זעלבסטפאַרשטענדלעך און די ווייטערדיקע קאַ־פּיטלען שטעלן זיך די אויפגאַבע צוגלידערן די סביבה, אין וועלכער ער האָט אונדז געשילדערט די פּראָדוקטיוויטעט (אָדער עקרהשאַפט) פון דער דאָזיקער סביבה און פון איר דיכטער.

אַ ביסל ביאָגראַפיע

אין אַלע שריפטן פון דוד בערגלסאָן קען מען געפינען מאָטיוון פון זיין ביאָגראַפיע, אָבער מ׳קען זיי נישט נוצן פאַר קיין פאַקטישן שטאָף ווייל זיי זענען כסדר איבערגעדיכטעט און זיי בלייבן קיינמאָל נישט ווי בלויז וואָרהייט. אין זיין אין ראַטנפאַרבאַנד איבערגעאַרבעטער און נישט פאַרענדיקטע עפּאָפּעע „יידןביים דניעפּר״ („פּענעק״) איז פאַראַן מער ביאָ־גראַפישער שטאָף ווי אין אַלע ווערק, אָבער ער איז געגעבן אַזוי טענדענציעז און געפעלשט, אַז מ׳קען זיך מיט אים אויך גאַנץ ווייניק נוצן. איז טאַקע זייער קנאַפּ דאָס דאָזיקע, וואָס מיר ווייסן וועגן דעם לעבן פון ערשטן, אַזוי צו זאָגן, ליטעראַרישן יידישן שריפטשטעלער.

געבוירן געוואָרן איז אין יאָר 1884 דוד בערגלסאָן אין אכרימאָוואַ, נישט ווייט פון אומאַן, קיעווער גובערניע. זיין פאָטער רפאל איז געווען דער גביר פון שטעטל און אַ ייד אַ תלמיד חכם און זיין הויז איז געווען אַ בית וועד פאַר וואַלד און תבואה סוחרים, מעקלער, יידישע פּאָסעסאָרס, גוישע פּריצים. די מאַמע זיינע איז געווען פון אויסלענדישן יחוסדיקן אָפּשטאַם, איז געווען אַ צאַרטע, אַ שטילע און אַ קרענקלעכע. זלמן רייזען ווייזט אָן, אַז אין „מעשה ביכל״ האָט אונדזער שריפטשטעלער באַזונגען זיין מאַמע מיט אַ סך ליבע. דוד איז געווען אַ בן זקונים ביים פאָטער. ער איז געבוירן געוואָרן, ווען זיין טאַטע האָט שוין געהאַט אויס־געגעבענע קינדער. ער איז געקומען אַ גאַנץ־ווייניק געוווּנטשענער און אַריינגעבראַכט צערודערונג און טומל אין אַ שטוב, ווו עס האָט שוין געהערשט שיבה־טוב־שטילקייט. און כאָטש פון דער נאַטור איז ער גרייט געווען צו זיין אַ שטיפער, האָט אָבער די קעגנערישע סביבה אויף אים געווירקט מיט אומרו און אים אָנגעגאָסן מיט ערנסטקייט און ער איז געוואַקסן אומצופרידן און קאַפּריזנע.

ווי די מיינסטע באַרופענע שרייבער האָט ב. אָנגעהויבן שרייבן גאָר יונג. געקומען צום לייענער איז ער נישט קיין אָנפאַנגער, נאָר אַ רייפער קינסטלער. אין עלטער פון 22 יאָר האָט ער שוין געהאַט אָנגעשריבן אַ היפּשע און גוט־אויסגעבויטע נאָוועלע אין העברעאיש א. נ. „ריקות״ (פּוסט־קייט), וואָס איז דערנאָך געוואָרן זיין ערשט פאַרעפנטלעכט ווערק אין יידיש א. נ. „אַרום וואָקזאַל״. אַזאַ גרויסער מבין ווי דוד פרישמאַן האָט

ניט אָפּגעשאַצט דעם ווערט פון דער זאַך און זי נישט פאַרעפנטלעכט. ער האָט דאַן געפרווט זיין מזל אין יידיש מיט אַ דערציילונג „די דריטע" און מיט זיין קרעפטיקער דערציילונג „דער טויבער", וואָס ער האָט שפּעטער מיט אַ סך יאָרן איבערגעמאַכט אין אַ דראַמע, און מען האָט אויך די דאָזיקע דערציילונגען נישט געדרוקט.

עס איז גאָר קיין ספק נישט, אַז די דורכפאַלן אויף דעם ליטעראַרישן געביט, דאָס נישט קענען צוקומען צום פּסוק און צום עמוד, האָבן אויך געווירקט אויף בערגלסאָנען און אים געמאַכט נאָך מער נערוועז און נאָך מער קאַפּריזנע. ער האָט געפּרווט גרייטן זיך צו אַן אַנדער קאַריערע. ער האָט געוואָלט לערנען אויף דענטיסט און ס'איז אים אויך נישט געגאַנגען און ער האָט דאָס לערנען אויפגעגעבן. אָבער דעם גלויבן אין זיין שרייבערישן באַרוף האָט ער נישט פאַרלוירן און ער האָט אין עלטער פון 24 יאָר אַרויסגעגעבן אויף אייגענער רעכנונג זיין נאָוועלע „אַרום וואָקזאַל" און ער האָט, ווי שוין געזאָגט, אַרויסגערופן אַ שטורעם; זיין נאָמען איז דערנאָך געוואַקסן מיט יעדער נייער זאַך, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט. „דער טויבער" האָט געמאַכט אַ רושם און אַ גאַנצע ריי דערציילונגען, ווי „יעקב נתן ווידערפּאַליער", „יוסף שור", „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט", „אין פאַרטונקלטע צייטן" אא"וו האָבן כסדר פאַרשטאַרקט פאַר אים די רעפּוטאַציע פון אַ נייעם, אויסערגעוויינלעכן טאַלאַנט. זיינע צוויי ראָמאַנען „נאָך אַלעמען" (1913) און „אָפּגאַנג" (1920) האָבן אים געגעבן אַ פּלאַץ אין סאַמע אויבנאָן פון אונדזער ליטעראַטור. מען האָט אים געשטעלט נעבן שלום אַשן. זיינע פאַנאַטישע חסידים האָבן געזאָגט „אויב נישט נאָך העכער". דער פּועלי ציוניסטישער וואָרטזאָגער אַלעקסאַנדר כאַשין, וואָס האָט פאַרענדיקט זיין לעבן אַלס יידסעקישער פירער, פאַרפירטער און פאַרזינדיקטער, אין אַ סאָוויעטישער תפיסה, און וואָס האָט אויך געשריבן ליטעראַטור קריטיק מיט נישט ווייניק באַרופנקייט, האָט בערגלסאָנען געהאַלטן פאַר דעם ריכטיקן אָנהייב פון דער נייער יידישער ליטעראַטור און ער האָט געזאָגט און געשריבן, אַז שלום אַש איז — יידישלעכע מוסר זאָגעריי...

נאָך דער מערץ און אָקטאָבער רעוואָלוציע האָט בערגלסאָן זיך באַטייליקט אין דער זייער טעטיקער יידישער קולטור ליגע אין קיעוו און ער האָט געהאָלפן רעדאַקטירן זאַמלביכער און ער האָט אויך געשריבן

פובליציסטישע און ליטעראַטור קריטישע אַרטיקלען. אַ נאָענטער צו דער פּאַראייניקטער פּאַרטיי פון סיימיסטן און ס׳סאָווצעס, האָט ער נאָך דער רעוואָלוציע פאַרשטאַרקט זיין גלויבן אין אַ מעגלעכקייט פון קיום פאַר דעם יידישן פאָלק אויך אָן אַ טעריטאָריע.

אין יאָר 1922 איז בערגלסאָן אָנגעקומען קיין בערלין, ווו עס האָט זיך געפונען אַ ריזיקע מאַסע פון אַנטלאָפענע רוסן און רוסישע יידן און ער איז געוואָרן אַ טייל פון דער „עמיגראַציע״. דאָ האָט ער זיך געחברט מיט אַלע אַנטי־קאָמוניסטישע יידישע און העברעאישע שרייבער, וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען און ער איז געווען ווי אַ טייל פון זיי. ער האָט אָנגעהויבן מיטאַרבעטן אין ניו יאָרקער „פאָרווערטס״, כאָטש יעדער האָט געוווסט, אַז דאָס איז פאַר אים נישט די ריכטיקע טריבונע. ער איז אַ צו־ראַפינירטער שרייבער פאַר די פון אייב קאַהאַן דערצויגענע מאַסן. און ער איז טאַקע נישט לאַנג געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער דערמאָנ־טער צייטונג. און זיין לאַגע איז געוואָרן אַ טאָפּלט שווערע. נישט ער האָט געהאַט אַן עקאָנאָמישע פּאָזיציע און נישט ער האָט געהאַט קיין מעגלעכקייט צוצוקומען אין אַ געניגנדיקער מאָס צום לייענער. זיין מיטאַרבעטן אין איין וואַרשעווער טעגלעכער צייטונג האָט אים איןביידע פּרטים נישט געקענט צופרידנשטעלן. און עס איז פאַר קיינעם קיין סוד נישט, אַז דוד בערגלסאָן האָט אין אַ היפּשער מאָס געליטן פון אַ „שלום אַש קאָמפּלעקס״. ער האָט געהאַלטן, אַז דאָס פּלאַץ, וואָס שלום אַש פאַר־נעמט, קומט אים, ווייל ער איז דער גרעסערער קינסטלער, דער אויסגעהאַלטענער, דער בעסערער און גאַנצערער סטיליסט און דער אויפריכטי־קערער שרייבער. און עס איז מיסתמא אויך אמת, אַז בערגלסאָן איז אַ ראַפינירטערער קינסטלער ווי שלום אַש און אוודאי און אוודאי אַ בעסערע סטיליסט פון אים, אָבער ער איז אַ קאַלטער, אַ נישט־יידישער שריפטשטעלער און דעם יידישן מאַסן־לייענער איז שווער צו נעמען אָן אַ ברי און מיט גלויבן. אין זיינע ביז־דעמאָלטיקע ווערק האָט בערגלסאָן געהאַט געוויזן מיט אַ קאַלטן שמייכל בלויז אַ לעבן, וואָס האַלט שוין „נאָך אַלעמען״ און ביים „אָפּגאַנג״.

אין יאָר 1925 האָט צווישן אַ טייל רוסישע עמיגראַציע־שריפטשטע־לער און אינטעלעקטואַלן אויפגעהויבן אַ באַוועגונג פאַר איבערשאַצן די ווערן (סמיענאַ וויעך) און זיך אומקערן קיין ראַטנפאַרבאַנד. און דוויד

בערגלסאָן האָט אָנגעהויבן שאַפן אַזאַ באַוועגונג צווישן יידישע שריפט־שטעלער און ער האָט געגומען אַרויסגעבן אַ זשורנאַל א. נ. „אין שפּאַן״. רעוואָלוציע איז — בלויז פּאַטאָס. זי איז אַ פּאַטעטישער נייַן פאַר דעם אַלטן, אַ פּאַטעטישער „יאָ״ פאַר דעם נייעם, וואָס זי וויל שאַפן. און בערגלסאָן איז געווען בלויז סקעפּטיציזם. ער איז געווען דער צום ווינציקסטן צוגעפּאַסטער שריפטשטעלער פאַר ראַטנפאַרבאַנד, כאָטש קיין דירעקטע שרייבערישע חטאים קעגן דער רעוואָלוציע האָט ער ניט געהאַט. זיין ווערק „מידת הדין״, וואָס באַשרייבט די רעוואָלוציע אין איר סאַמע אָנהייב איז געשריבן געקליגערט און מיט אַזאַ שמייכעלע, וואָס לאָזט נישט פאַרלירן דעם גלייכגעוויכט, אַז מען וואָלט דאָס געקענט פונקט אַזוי טייטשן פאַר, ווי קעגן, אָבער דאָך מער פאַר...

בערגלסאָנס ווערן פּראָ־סאָוועטיש האָט געווירקט פאַרשידנאַרטיק. איינקע באַגענטע פריינט זיינע פון אַנטי־סאָוועטישן לאַגער האָבן אים דערקלערט שיר — ניט אַלס פאַרעטער. אַנדערע האָבן געהאַלטן, אַז ער מאַכט דעם ריכטיקסטן שפּאַן אין זיין לעבן. אַלע זיינען דעמאָלט געווען זיכער, אַז יידיש און יידישע ליטעראַטור האָבן אַ גרויסע צוקונפט אין ראַטנפאַרבאַנד (קיינער האָט נישט געקענט פאָרויסזען, אַז אין צוועלף, פופצן יאָר אַרום וועט אין דעם פּרט אויסגעריגען ווערן די לעצטע אילוזיע) און קיינער האָט נישט געטראַכט, אַז די רעוואָלוציע וועט איינפירן אַזאַ דיקטאַטור איבער דעם קינסטלער, אַז זי וועט אים מאַכן, אָדער פאַר אַ גולם, אָדער פאַר אַ מת, אָדער פאַר ביידע... בערגלסאָן אַליין, ווען קיין קלוג וואָרט פעלט קיינמאָל ניט, האָט געזאָגט צו די אַלע, וואָס האָבן געהאַט טענות, אַז בערלין איז געווען ניט מער ווי אַ וואָקזאַל. איצטער איז געקומען די צייט, אַז יעדער זאָל זיך נעמען זיין באַן און פאָרן אין זיין היים.

אין אַ צייט אַרום האָט דוד בערגלסאָן גענומען די באַן קיין ראַטנ־פאַרבאַנד און ער האָט דאָרט געהאַט אַ קיניגלעכע אויפנאַמע (אויב מען מעג דאָ נוצן אַזאַ קאָנסערוואַטיוון און מאָנאַרכיסטישן טערמין!). דער טאָנגעבער אין דער יידישער ליטעראַטור איז דעמאָלט געווען אין ראַטנ־פאַרבאַנד משה ליטוואַקאָוו, בערגלסאָנס אַן אומקאָנדיציאָנעלער חסיד און ער האָט עס געגעבן דעם טאָן פון דער מוזיק פאַר דעם מחבר פון „נאָך אַלעמען״. פונדעסטוועגן איז נאָך בערגלסאָן געפאָרן צוריק אין

בורזשואַזן בערלין. געהייסן האָט עס, אַז ער פאַרט „מאַכן נפשות" פאַר דער זאַך. דאָס אַרויספאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד איז נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין פאַרבאָטענער ענין. און בערגלסאָן האָט נאָך געמאַכט אַ באַ־זוך אין די פּאַרייניקטע שטאַטן און זיינער אַ פריינד האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג פאַר אים צו קריגן אַ פּאָזיציע אין אַ ניו־יאָרקער טעגלעכער יידישער צייטונג, אָבער לײדער איז דאָס נישט געקרוינט געוואָרן מיט דערפאָלג און אין יאָר 1931 איז דוד בערגלסאָן אַוועק־געפאָרן קיין ראַטנפאַרבאַנד על מנת להשתקע און זייט דעמאָלט האָט ער שוין דאָס לאַנד מער נישט פאַרלאָזט. וואָס מיט אים איז געשען אין דער גאַנצער צייט פון זיין לעבן אין לאַנד פון סאָוויעטן, איז דערווייל באַקאַנט נאָר לערך און זייער נישט זיכער. פון די ווערק, וואָס ער האָט דאָרט געשאַפן, קען מען זען, אַז ער האָט געטאָן אַלצדינג זיך צוצופּאַסן צו די נישט גאַנץ־קלאָרע און גאַנץ־נישט־קינסטלערישע פאָדערונגען פון דער רעוואָלוציע און דאָס איז אים נישט געראָטן, ווייל ער איז אין דער נאַטור געבליבן דער סקעפּטיקער. עכט איז ער געווען נאָר אין זיין סקעפּטיציזם, אין זיין סאַטירישן און פּאַניגירישן פּאַטאָס האָט כסדר געקלונגען אַ נישט־עכטער טאָן, כאָטש ער האָט מיט אַ סך חכמה און מיט אַלערליי בריה'שקייטן געפּרוווט זיך אַריינפּאַסן אין דער אַטמאָספע־רע פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָט דעמאָלט געהאַלטן אין איין אויפעסן אירע קינדער און אירע טאַטעס (איבערהויפּט די לעצטע). דאָס זיין באַפריינדעט מיט אַ פּירער איז געווען אַ סכנה, ווייל מאָרגן האָט ער געקאָנט דערקלערט ווערן אַלס אַ טראָצקיסט און פאַשיסטישער שפּיאָן און וואַרפן אַ פאַרדאַכט אויף אַלע זיינע נאָענטע. דוד בערגלסאָן האָט געדאַרפט גיין אויף אַ דראָט און דאָס גלייכגעוויכט־„שטעקעלע" איז געווען זיין שמייכל.

ידיעות וועגן בערגלסאָנען זיינען געווען ביז אָנהייב יאָר 1948. זייט דעמאָלט זיינען מער נישט פאַראַן קיין ידיעות וועגן קיין שום יידישן שרייבער אין ראַטנפאַרבאַנד און אויך נישט וועגן דעם מחבר פון „נאָך אַלעמען". אייניקע פערזאָן האָבן דערקלערט, אַז ער איז פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און דאָרטן איז געקומען דאָס פאַטאַלע... עס וואָלט זיך געוואָלט גלייבן, אַז ס'איז נישט אַזוי. און דערפאַר בלייבט בערגל־סאָנס ביאָגראַפיע נישט פאַרענדיקט, זי רייסט זיך איבער...

„אַרום וואָקזאַל" — דאָס ערשטע פּאַרעפּנטלעכטע ווערק

„אַרום וואָקזאַל" איז דאָס ערשטע פּאַרעפּנטלעכטע ווערק פון דוד בערגלסאָן. אָבער נישט דאָס ערשטע געשריבענע ווערק זיינס. דאָס ערשטע געשריבענע ווערק זיינס איז געווען, ווי שוין געזאָגט, אין העב־רעאיש און ס'האָט געהייסן „ריקות" (פוסטקייט). פּרווון פון ווערק האָט ער נאָך פריער געהאַט אין רוסיש. די ערשטע דערציילונג אין יידיש, וואָס ד. ב. האָט אָנגעשריבן איז „דער טויבער".

„אַרום וואָקזאַל" איז דערשינען צום ערשטן מאָל אין יאָר 1909. דער מחבר איז שוין דעמאָלט אַלט געווען פינף און צוואַנציק יאָר און עס פילט זיך אין דעם אַ פולע קינסטלערישע רייפקייט.

„אַרום וואָקזאַל" איז אַן עפּאָכע־מאַכנדיק ווערק אין אונדזער ליטע־ראַטור. מיט דער גאַנצקייט, אויסגעבויעטקייט, מיט דעם, וואָס ס'שטעלט דאָס פינטל נישט אויף דעם געדאַנק, נאָר אויך דער קינסטלערישקייט. און עפּאָכע־מאַכנדיק איז אַרום וואָקזאַל מיט דער קאַרגשאַפט פון וואָרט. אַזאַ צמצום, אַזאַ כסדרדיקע אָנגעלאָדנקייט איז ביז דעמאָלט נישט גע־ווען בנמצא אין יידיש.

דער פונדאַמענט איז געווען אויף דעם פּלאַץ, ווו דער פונדאַמענט דאַרף זיין און די סטעליע — אויף דעם פּלאַץ, ווו די סטעליע דאַרף זיין. און אומעטום האָט מען געפילט, אַז דער בנין האָט פענצטער. זיי האָבן נישט אַריינגעבראַכט קיין פרימאַרגן שיין, זיי האָבן בפירוש אַריינגעבראַכט פאַרנאַכטיקן שיין, — אָבער אויך קינסטלערישן שיין.

„אַרום וואָקזאַל" איז אַ נאָוועלע, ווי געזאָגט, פון עפּעס אַריבער הונדערט זייטן. ווען מען נעמט אָבער אין באַטראַכט בערגלסאָנס צימ־צום, זיין קאַרגשאַפט פון וואָרט, גיט מען זיך חשבון, אַז ביי אַן אַנדערן וואָלט דער אינהאַלט געקלעקט פאַר טויזנט זייטן.

די נאָוועלע שילדערט קאָנדענסירט די וועגן, וואָס ציען זיך צום וואָקזאַל. זיי ציען זיך דורך אָרעמע שטעטלעך און פאַרשלאָפענע דער־פער. די נאַטור פון אַרום איז דווקא פריילעכער ווי דער ישוב. די נאַטור האָט גרינע בערג און טאָלן. דער וואָקזאַל אַליין איז אַ הויכער, אַ רויטער צווייגאָרנדיקער בנין, אָבער ער שטייט אַ פאַרגליווערטער און אַ טויטער און ער מאַכט דעם איינדרוק פון אַ היטער, וואָס מ'האָט צוליב

אַ שפּיצל פּאַרכישופט און פאַרשלעפּערט. ווען דער צוג קומט אָן אין וואָקזאַל, לאָזט ער זיך אַהין מיט אימפּעט און דאַכט זיך מיט פרייד, אָבער ווען ער דערנענטערט זיך דערפילט ער די מרה שחורה פון דער געגנט און ער האַלט איין דעם אימפּעט און ער קומט צו מיט אַ געפּאַ־לענעם געמיט און ער בלייבט שטיין מיט אַ לאַנגן זיפץ.

דאָס איז דער פּאָן פון בילד. איצטער קומען די מענטשן פון בילד. אַ היפּשע גאַלעריע טיפּן פון סוחרים און מעקלער. (די בעלי־עגלות, וואָס דרימלען אויף די קאָזלעס און וואַרטן אויף דער צייט, ווען זיי וועלן דאַרפן אָפּפירן זייערע פּאַרשוינען, געהערן כימעט צו דער טויטער נאַטור.) פאַראַן אַלערליי סוחרים. פאַראַן אַזעלכע, וואָס שטייגן באַרג־אַרויף און אַזעלכע, וואָס קאַטשען זיך באַרג־אַראָפּ. פאַראַן סוחרים איידעלע לייט און סוחרים גבירים אדירים. אַ באַזונדערע נייגונג ווייזט אַרויס דער מחבר צו שילדערן די דאָזיקע, וואָס פאַלן. ער איז אַ ספּעציאַליסט צו שילדערן מענטשלעכן זונפאַרגאַנג. שוין ביים סאַמע אָנהויב זעען מיר דעם אָפּגעקומענעם סוחר פ י נ י ע ל י ס אַ ק, וואָס וויל ווערן אַ מעקלער.

ער גייט צו צו אַ סוחר מיט אַ פאַרקרומט פּנים און רעקאָמענדירט זיך און פרעגט צי ער וועט עפּעס קויפן. דער סוחר קוקט זיך נישט אום אויף אים און ביי אים פאַרבלייבט דאָס פּנים פאַרקרומט. ל יי ו י פּ י ו ו־נ י אַ ק, דער מעקלער און דער ליץ, באַמערקט באַלד, אַז ער האָט שוין „אַ פּנים פון אַ קבצן". שפּעטער וועלן מיר זיך שוין דערוויסן, אַז פּיניע ליסאַק גייט אום אין די הייזער אין אדעס און זיין ווייב קומט אַ שוואַנגערע צום וואקזאל, אַ וויינענדיקע און מען מאַכט איר אַ נדבה. די זעלביקע, וואָס האָבן געהאָלפן רואינירן ליסאַקן, זענען איצטער זייער מילד ביים געבן א נדבה זיין ווייב.

פאַראַן אַ גאַנצע גאַלעריע טיפּן. עס טיילן זיך איבערהויפּט אויס ביינעש רובינשטיין און אברהמטשיק קויפמאַן. דער לעצטער איז דער פּראָ־טאָטיפּ פון „פּארוועני", פון אויפקומענדיקן גביר. ער איז א זון פון אַ קאַרגן רייכן סוחר, אַ ברייטפּלייצעדיקער, אַ חוצפּהדיקער, א תקיף און ער כאַפּט מיט קראַפט אַלץ, וואָס מ׳קען נעמען אין לעבן. דער ערשטער איז דער פּראָטאָטיפּ פון יורד. ער איז יחוסדיקן שטאַם, אַליין אַ ווילגע־לערנטער. זיין ערשט ווייב איז געווען זייער אַ שיינע, איז זי געשטאָרבן. ביי דעם צווייטן ווייב האָט ער גענומען אַ סך נדן, אָבער זי איז אַליין אַ מיאוסע. און נישט נאָר מיאוס אין דרויסן, נאָר אינעווייניק. אַ גלייכגיל־

טיקער מענטש, איר איז אלץ איינס, צי ער קומט יאָ אַהיים, צי ניין. זי ווערט דערפון נישט טרויעריק און נישט פריילעך. אַ שוויגער האָט ער נאָך אויך אַן אַרורה, פאַרלאָזט ער אינגאַנצן די היים און ער בלייבט ביים וואָקזאַל און ער האַנדלט יאָ און נישט און פאַרלירט מער ווי ער פאַרדינט און גייט אַזוי באַרג־אַראָפּ.

פאַראַן נאָך אַ סך אינטערעסאַנטע טיפּן, וועלכע דער מחבר שילדערט מיט קאַרגע ווערטער און ברענגט זיי אַרויס אומגעהייער רעליעף. מיט אַ פּאָר ווערטער שאַפט ער אַ פּאָרטרעט און אָפט אויך אַ סימבאָל און עס פעלט נישט קיין הומאָר. עלי דערבאַרעמדיקער, דער משכיל און מיט די גוטע מידות האָט צוויי קולות: „איינס אַ גראָבס אַ מאַנסבילשס, דאָס צווייטע אַ דינס און ווייבערישס". איציק ברוך, אַ בחור, וואָס איז שוין געווען ווייט, איז געלערנט מאָדערן און איז שוין געווען אַ רעוואָלוציאָ־נער און ער מוז דאָ זיין, ביכדי צו דערנערן זיין מאַמע מיט די קינדער, פלעגט אַליין זיצן ביים וואָקזאַל מיט קיינעם זיך נישט אָנקערן און ער האָט געהאַט „אַלץ איין פּנים אי שבת, אי וואָך".

פון די ווייניקע ביישפּילן, וואָס איך ברענג דאָ, איז לייכט צו באַ־מערקן, אַז דוויד בערגעלסאָן דערשיינט דאָ אויסער קינסטלער, אויך אַלס קלוגער און קלוגעטשקער. ער שילדערט אָפט זיינע העלדן און גיט דערביי אַ פּיקחותדיק פינטל מיטן אויג. ער בלייבט דערנאָך אָביעקטיוו, כאָטש ער ווייזט איינעם בעסער און דעם צווייטן ערגער. ער ווייזט קיינמאָל נישט איינעם צו גוט און דעם אַנדערן צו שלעכט, אָבער א לץ, אַ זייער, זייער ראַפינירטער לץ, איז ער אַביסל צו אַלע.

פון דער טיפּן־גאַלעריע שאַפט זיך אַ סביבה. אַ סביבה — פון וואָס? (בפירוש פון וואָס! פון וועמען ווייסן מיר דאָך שוין: אַ סביבה פון סוחרים און מעקלער.) אַ סביבה פון האַנדלען, פּוסט־און־פּאַסעווען, זיך אַריינזאָגן, שפּילן אין קאָרטן און פון מקנא זיין. מקנא איז מען איבערהויפּט אברהמ־טשיק קויפמאַן, אים גייט עס גוט אין אַלעמען. ער ווערט רייך, די שיינע גויע, די פרוי פון וועכטער איז אויך זיינע און שיין אַ פּאָר ווייב האָט ער אויך חתונה. די סצענע אין וועלכער דוויד בערגלסאָן שילדערט ווי אַזוי אברהמטשיק קויפמאַן ברענגט זיין ווייבל און מיט וואָסאַראַ צניעותדיקע ניבל־פּה־באַוועגונגען די סוחרים נעמען זי אויף איז אַ וווּנדערלעך איראָ־ניש בילד, וואָס רופט אַרויס אַ טרויעריקן געלעכטער, איז אַ מייסטער־האַפטער מוסטער פון צמצום.

און ווען עס האַלט שוין ביים קולמינאַציע־פּונקט, ווען די טיפן־גאַ־לעריע און די סביבה איז שוין פּאַרטיק און מיר האָבן זי שוין געזען און געהערט דורכאויס, וואַקסט ערשט אַרויס ווי פון זיך אַליין אַ פאַבולע, אַ האַנדלונג. דער העלד פון דער מעשה איז ביניש רובינשטיין. ער האַלט אין איין פאַלן. און ווי ער איז מקנא אברהמטשיק קויפמאַנען, וואָס איז אי רייך, אי ער האָט אַ שיין ווייב. ער איז אי אָרעם, אי ער האָט אַ מיאוס ווייב. ביניש רובינשטיין פאַרליבט זיך אין אברהמטשיקס ווייבל, וואָס איז אַ אינטעליגענטע פרוי, האָט איר מאַן נישט ליב און פילט־מיט דעם איידלען ביניש, אָבער ליב האָבן האָט זי אים נישט, ווייל ער, ביניש, איז צו־שוואַך צו קענען אַרויסרופן ליבע ביי אַ פרוי. אייגנטלעך איז ביניש פּונקט אַזאַ בעל־כּוח אין ליבע, ווי נאָמבערגס פליגלמאַן... אַ טרויע־ריקע און אויך הערלעכע סימפּאָניע איז די ליבע פון בינישן צו אברהמ־טשיקס פרוי און די סענטימענטאַל־צינישע באַציאונג פון דער דאָזיקער פרוי צו אים.

דער מעקלער און לץ לוי פּיווניאַק, וועמען די סוחרים ציען כּסדר אָן עמיצן אַריינצוזאָגן, זאָגט שאַרף און שלעכט אַריין רובינשטיינען הינטער די פּלייצעס און יענער דערהערט עס און פאַרביטערט איז ער, דערלאַנגט ער אים עטלעכע פּעטש. און דער פּאַטשער ווערט קראַנק, ליגט־אָפּ אַ שטיק צייט, שטייט אויף אַ שוואַכער און האָט ערשט אַ פּראָצעס אויף זיך. דער פּראָצעס איז געשילדערט שיר נישט מיט גזלנישער קינסטלעריש־קייט. מיר דערפילן, אַז דער מחבר וואָלט זייער געוואָלט משפּטן די אַלע פּוסט־און־פּאַסניקעס פאַר זייער פּרוכטלאָז לעבן, אָבער ער האָט נישט קיין ריכטער פאַר אַזאַ מישפּט. זיין ריכטער איז אַן אַלטער צאַרישער גענעראַל, אַ רשע...

ביניש זיצט־אָפּ די צוויי וואָכן און קומט צוריק אַ דערשלאָגענער און פאַרשעמטער, ער קלויבט זיך צוריקפאָרן צום פאָטער, אָבער ער האָט אויך נישט דערצו קיין מוט. ער בלייבט ביים וואָקזאַל און ער לייגט פאַר אברהמטשיקן מאַכן אַ בשותּפותדיקע קניה. אברהמטשיק איז גרייט, אָבער ער זאָגט, אַז מ׳דאַרף צונעמען לוי פּיווניאַק אַלס מעקלער, אַזיסט וועט ער קאַליע מאַכן. „און אויף דעם צווייטן טאָג זענען ביניש, אברהמ־טשיק און פּיווניאַק אויף איין בעל־עגלהשער בריטשקע קיין לאָזאָווקע געפאָרן“.

דער לייענער פילט וואַרשיינלעך, אַז דער ווי אַזוי איז דאָ

גרעסער ווי דער וואָס. דאָס נייע בערגעלסאָנס דאַרף מען זוכן אין דער פאָרעם, נישט אין אינהאַלט. די טיפן זענען נייע, אָבער נישט גאָר נייע. זייער הבל־הבלימדיקייט איז שוין פאַראַן ביי שלום־עליכמען. ניי איז דאָ דער וויסטער טרויער. שלום עליכם באַוועגט צו באַפרייען פון טרויער מיטן כוח פון געלעכטער, בערגעלסאָנס איראָניע באַפרייט נישט פון דעם טרויער. דער קלוגעטשקער מחבר איז דאָ אויך אַן עלעגישער דיכטער און ער זינגט דאָס טרויעריקע געזאַנג פון זיינע העלדן. צוזאַמען מיט שאַרפע און קלוגע כאַראַקטעריסטיקס, צוזאַמען מיט דעם קענען ליקווידירן אַ מענטשן מיט איין פראַזע („ביינעש רעדט שוין צו זיך אַליין"), איז פאַראַן אויך דאָס טרויעריקע געזאַנג פון מאַכטלאָזיקייט. דער געשלאָגענער ביי־ניש האָט מאָמענטן, ווען ער ווערט שיר נישט אַ מוכיח און נביא, וואָס שטראָפט זיין סביבה פאַר דעם זינדיקן לעבן, אָבער דער מחבר געטרויט נישט זיין העלד און ער געטרויט אויך זיך נישט. ער וויל נישט זיין קיין נביא, ער וויל זיין אַ קינסטלער.

דאָס בילד „אַרום וואָקזאַל" איז דאָס ליד פון אַ לעבן, וואָס קומט אום. אז די זון פאַרגייט, זאָגט זי אַן, אז זי וועט מאָרגן אויפגיין. דוויד בערגעלסאָן האָט געוויזן נאָר דעם מערב, דעם מיזרח האָט ער נישט גע־וויזן, ער האָט נישט געוויזן פון וואַנען דאָס לעבן וועט ווידער אויפגיין.

„דער טויבער"

אָנגעשריבן האָט דוויד בערגעלסאָן די דערציילונג „דער טויבער" איי־דער ער האָט אָנגעשריבן די נאָוועלע „אַרום וואָקזאַל", פאַרעפנטלעכט האָט ער זי שפּעטער. לויט חשבון איז „דער טויבער" דאָס ערשטע ווערק פון אונדזער שרייבער. מען מוז מודה זיין, אז קיין שום יידישער שריפטשטעל־לער האָט נישט דעבוטירט מיט אַזאַ רייפער און גאַנצער דערציילונג, ווי ס'איז „דער טויבער". מיר האָבן פאַר זיך אַ קליינעם, אויסגעבויטן ביניך, אין וועלכן עס שאָקלט זיך נישט קיין ציגל, אין ביניך איז פאַראַן אַ גאַנצע סביבה. עס זענען דאָ פאַראַן מענטשן אין שאָטן און איינער אַ מענטש, אין סאַמע צענטער.

דער מענטש, וואָס געפינט זיך אין צענטער פון ביניך, האָט קיין

נאָמען אפילו נישט. ער הייסט דער טויבער. אַ מענטש, וואָס האָט אַ חיסרון, פּאַרלירט שטענדיק דעם נאָמען. מיר וועלן אונדזער אַ באַקאַנטן, וואָס הינקט, קיינמאָל נישט רופן ביים נאָמען, מיר וועלן אים שטענדיק רופן „דער קרומער" און מיר וועלן דאָס וואָרט נאָך אַרויסזאָגן מיט האַס, גלייך ער וואָלט געווען שולדיק אין דעם, וואָס ער איז קרום און גלייך ער וואָלט אונדז געטון שלעכטס דערמיט... אָבער בערגעלסאָנס העלד איז טאַקע גאָר קיין מענטש נישט, ער איז אַ שטיק פליישׁ. ער אַרבעט ביי וואָווע ביק אין מיל. ער איז אַ ברייטביינערדיקער, ער האָט אַן אָנגע־שטרענגט פּנים און בליי־קאָלירענע אויגן, ער שטופּט אומעטום זיין אָנגע־שטרענגטע, פאַרשטאָפּטע אויערן און קוקט מיט חשד אויף יעדן מענטשן. דער חשד איז נישט צוליב דעם, ווייל ער האָט מורא, אז מען וועט ביי אים אַליין נאָך עפּעס צונעמען, נאָר ווייל ער האָט אַ שיינע, צוויי און צוואַנציק יעריקע טאָכטער, זי האָט שוין יאָ אַ נאָמען — אסתר הייסט זי. אויסער דער שרעק פאַרן גורל פון זיין שיינער טאָכטער איז דאָס מענטשלעכע ביי אים אויך די בושה — ער שעמט זיך דערמיט, וואָס ער איז טויב.

דער באַלעבאָס פון דער מיל הייסט וואָווע ביק. מיר זעען אים נישט, מיר ווייסן נאָר, אַז ער איז באַלעבאָס מיט דער שטאַרקער האַנט און אַז עס ציט זיך צו אים אַ הילפלאָזער און דערשטיקטער האַס מצד אַלע אַר־בעטנדיקע און אָפּגעזאָגטע אַרבעטער. איבערהויפּט ציט זיך א שינאה צום באַלעבאָס מיצד דעם נאָמן יאָסל באָבציס, וואָס איז אַ צווייפּנימדיקער און חנפט זיך צום באַלעבאָס און אינטריגירט קעגן אים. ווען דער טויבער פאַלט אַראָפּ פון פּערטן שטאָק און צעברעכט זיך רוק און לענד, זאָגט יאָסל צו די באַלעבאַטים: „אַן אומגליק א גרויסער... דער רוח וועט אים נישט נעמען דעם טויבן..." און צום טויבן זאָגט ער שפּעטער אַ ביסל: „וואָס־זשע געזונטערהייט האָט ער געקלערט פון ביקס ידים אַרויס?" דער מחבר באַמערקט, אז עס קען זיין, אז יאָסלען אַליין האָט זיך איינגעגעסן דאָס חניפהדיקע לעבן און געוואָלט האָט ער שוין זיין לייטישער און אמתער, נאָר נישט געקאָנט. אויסער דעם טויבן איז יאָסל דער איינציקער מענטש אין דער דערציילונג, וואָס שטייט נישט פולשטענדיק אין שאָטן, נאָר ווערט טיילווייז געוויזן אין צענטער און אונטער פולן ליכט. ער איז גענוג באַוווסטזיניק צו קענען די נאַקעטע רישעות פון באַלעבאָס, אָבער ער איז דערצויגן צו זיין א הונט און ער קען נישט אַנדערש, ער מוז אי רייצן

קעגן אי חנפהנען דעם באַלעבאָס. ערשט ווען ער ווערט אָפּגעזאָגט פון זיין פּאָסטן, איז ער שוין גאָר קעגן באַלעבאָס, אָבער ער בלייבט אַלץ אַן אינטריגאַנט. קיין וועקער פון באַוווּסטזיין ווערט ער קיינמאָל נישט, ער בלייבט אַ רייצער פון אינסטינקט.

און יאָסל באָבציס איז טאַקע דער דאָזיקער, וואָס דערציילט דעם טויבן, אַז צווישן זיין שיינער טאָכטער אסתר און מענדל וואָווע ביקס זון קומט פאָר דאָס דאָזיקע, וואָס דאַרף נישט פּאַרקומען. וועגן מענדלען דער־וויסן מיר זיך, אַז ער איז אַ שיינער, ווּקסיקער בחור, ער פּרעגט, צי מען ווייסט „וואָס נאָרדוי זאָגט" און ער מיינט, צי מען ווייסט וויפל קאָ־פּיקעס עס איז דאָ אין אַ רובל. אסתר איז שוין נישט דאָס ערשטע אָרע־מע מיידל, מיט וועלכער ער האָט צו טאָן, ער האָט פריער געהאַט צו טאָן מיט אַ שיקסל און דווקא בשותפות מיט דעם דייטשן מילנער שולץ און ביידע האָבן זי ערגעץ עקספּעדירט. אסתר האָט אַלע טאָג געבראַכט מענ־דלען עסן און די אַרבעטער האָבן זיך איבערגעוווּנקען און געלאַכט. דער טויבער האָט געפילט, אַז ער דאַרף וויסן, וועגן וואָס זיי לאַכן, נאָר ער האָט נישט געקענט. יאָסל האָט אים דערציילט, אָבער ער האָט געהערט אַ וואָרט פון צען און ער האָט זיך געשעמט אויסצוזאָגן, אַז ער הערט נישט. ער האָט דאָך געהערט, אַז יאָסל האָט אים געזאָגט, אַז אסתר האָט ליב מענדלען. ער האָט די ווערטער נאָכגעזאָגט מיט אַ טויבן ברומענדיקן „מע, הע, הע"... און ער האָט זייער שטאַרק געוואָלט וויסן, וואָס עס זאָגן וועגן דעם געזונטע מענטשן, נישט אַזעלכע, וואָס האָבן צוויי גרויסע, טויבע אויערן, וואָס הענגען נאָך ווי שמאַטעס. ער האָט געוואָלט אַריינגיין אין קיך אַריין צו די ביקס, וווּ אסתר אַרבעט און זיך פּשוט מיט איר דורכ־רעדן, אָבער דערווייל האָט פּאַסירט מיט אים דאָס אומגליק, ער איז אַראָפּגעפאַלן פון פּערטן שטאָק און שוין נישט געקאָנט פרעגן; די טאָכטער קומט אים זען, זי באַדויערט אים, אָבער זי שאָקלט מיטן קאָפּ, גלייך זי וואָלט געזאָגט: „אויך אַ טאַטע... מ'שטיינס געזאָגט"... וואָס נוצט איר איצטער, ווי אָט די געשטאָרבענע מאַמע, וואָס אויפן אַלטן בית־עולם?"

דער טויבער ווערט געזונט פיזיש, אָבער ער בלייבט איין שטיק גייסטיקע ליידן און ער גייט צו דער טאָכטער אין קיך אַריין, וויל מיט איר רעדן, ער וויל איר מוסר זאָגן, אָבער ווען ער קומט אָן, לויפט מענדל אַרויס פון קיך און דער טויבער קלערט זיך, אַז מענדל איז גאָר אַ מיאוסער בחור; די טאָכטער פאַרלויפט אים דעם וועג און דערציילט

אים, אַז דער שדכן איז דאָ געווען און ער רעדט איר אַ שידוך מיט איינעם אַ יולעק, אָבער איז ער א זשוליק און דער טאַטע זאָגט נאָך „א זשוליק, געוויס א זשוליק"... און אין איינעם א פאַרנאַכט זאָגט מען אין בית מדרש דעם טויבן, אַז ער זאָל גיין צו וואָווע ביק, ער גייט אַהין און טרעפט דאָרט די טאָכטער טויט, עס ליגט נאָך דער שטריק, זי האָט זיך געהאָנגען.

דער טויבער ווערט איין שטיק גליענדיקער צאָרן. ער פּאַקט דעם ביקס א קו און האקט איר אָפּ דעם עק, ער קען נישט אויסלאָזן זיין צאָרן צום ביק, לאָזט ער אויס צו זיין בהמה. ביים באַלעבאָס פון דער מיל האָט מען זיך אָנגעשטויסן, אז ער האָט עס געטאָן און דער אוריאַדניק שיקט אים רופן, דער טויבער איז גרייט צו דערציילן שטומערהייט אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט פון ביק, אָבער דער אוריאַדניק דערשרעקט זיך פאר אים און ער שיקט אים אוועק. פּונקט ווי אין „אַרום וואָקזאַל" זוכט אויך דאָ בערגלסאָן א שופט, אָבער ער געפינט אים נישט... און דער טויבער לעבט אזוי מיט זיין טעמפּן ווייטיק און יאָסל באָבציס רייצט אים. ער גייט א סך מאָל אוועק צו וואָווע ביק מאָנען חשבון פאר זיין פאַרלוירן לעבן און זיין ווייבס און פאַר זיין טאָכטערס פאַרשניטן לעבן, אָבער ער איז נישט נאָר טויב, נאָר אויך שטום, ער געפינט נישט קיין ווערטער אים צו זאָגן. ער ליידט פון שלאָפלאָזיקייט! א טעמפּער, געזונטער, שיר נישט ריזיקער מאַן, וואָס הערט נישט און רעדט נישט און פאַרשטייט קוים, קוים, ליידט מאָראליש און איז הילפלאָז און שלאָפט נישט נעכט גאנצע און גייט פון זינען אַראָפּ. און אין איין פאַרטאָג דערזעט ער אַ קו און ער איז זיכער, אז ס'איז דעם ביקס קו און ער לויפט איר נאָך און הינט לויפן זיי ביידע נאָך און מען טרעפט אים דערנאָך א טויטן נעבן דער געהרגעטער קו פון אַן אָרעמער מילכיקערן... די אָרעמע יידענע טענהט: „אדרבא, זאָלן זיי זאָגן, וואָס איז זי דאָ שולדיק?"...

דוויד בערגלסאָן האָט אין זיין סאָוועטישער עפּאָכע א סך מאָל דערקלערט, אַז ער האָט זיך געקליבן צו ווערן א רעוואָלוציאָנערער ליטעראַט, אַז ער איז „מבטן אמו" באַשטימט געווען צו זיין א רעוואָלוציאָנערער שריפטשטעלער און ער האָט כסדר אָנגעוויזן, אַז זיין ערשטע זאַך איז געווען „דער טויבער", אָבער מען האָט די דאָזיקע זאך נישט געוואָלט דרוקן און מען האָט אים דערנאָך שוין געפירט צו ווערן דער עלעגישער באַזינגער פון אונטערגייענדיקן אַריסטאָקראַטישן גבירנטום. אַז אין „דער

טויבער״ איז פאַראַן האַס צום באַלעבאָס דעם עקספּלואַטאַטאָר און מיט־געפיל צום אונטערדריקטן אַרבעטער. דאָס דאַזיקע וועט קיינער נישט לייקענען, עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז מען האָט די זאַך נישט געוואָלט פאַרעפנטלעכן, ווייל די רעדאַקטאָרס האָבן מורא געהאַט פאַר די וואָווע ביקס, וואָס אַ סך פון זיי זיינען געווען די לייענער פון די יידישע אויס־גאַבעס, כאָטש עס זענען געווען צווישן די לייענער אויך האַרעפּאַשנע בעלי מלאכות און פּועלים. מען מוז אָבער דאָך באַמערקן, אַז האַס צום רשעותדיקן באַלעבאָס און מיטגעפיל צום אונטערדריקטן האָבן אין דער יידישער ליטעראַטור ביז דעמאָלט נישט געפעלט. די דאַזיקע מאָטיוון האָבן נישט געפעלט ביי מענדעלען און נישט ביי פּרצן און נישט ביי שלום עליכמען. אין נאָרד אַמעריקע האָבן שוין די דאַזיקע מאָטיוון נישט געפעלט נישט אין דער פּאָעזיע און נישט אין דער פּראָזע. זיי זענען געווען אויסגעדריקט ביי ווינטשעווסקי, ראָזנפעלד, גאָרדין, קאָברין און ליבין נישט אַזוי קינסטלעריש, ווי ביי די דערמאָנטע דריי, אָבער דערפאַר אַ סך בולטער אין דער טענדענץ.

דאָס רעוואָלוציאָנער באַוווסטזיניקע פעלט אויך אין „טויבן״. עס איז אין דער דערציילונג פאַראַן דער טויבער און שטומער ברום פוןליידן, אָבער נישט מער. דער דאַזיקער וואָס וועקט, יאָסל באָבציס, איז דאָ נישט מער ווי אַ צוויי פּנימדיקער, וואָס חנפהט און רייצט, ער איז אַליין אַ קרבן פון סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, אָבער ער איז דאָך מער אינטריגאַנט ווי קעמפער. בעצם איז ער מאָראַליש שוין פאַראַן ביי שלום עליכמען. קיין פּערספּעקטיוון ווייזט דאָ דער מחבר אויך נישט. פון טויבן אליין איז דאָך אָפּגערעדט, ער איז נישט מער ווי אַ הילפלאָזער רעווער, אָבער אויך דער יונגער דור קומט אום און ער פּרווט זיך אפילו נישט ווערן. אסתר ווערט נישט קיין קעמפערן, נאָר זי באַגייט זעלבסטמאָרד. דער ווערט פון „דער טויבער״ שטעקט נישט אין דער רעוואָלוציאָנערישקייט פון דער זאַך, נאָר אין דער עכטער קינסטלע־רישקייט, אין דעם נייעם טאָן אין דער יידישער ליטעראַטור, אין דער שפּראַך, וואָס איז אי פּעסטע פּראָזע, אי פּאָעזיע. מיר הערן ממש דעם טויבן געזאַנג פון די צעבראָכענע לעבנס. אידעאיש איז מען אין יידישן לעבן שוין דעמאָלט געהאַט ווייטער געגאַנגען, עס איז שוין געווען באַ־וווסטזיין און פּערספּעקטיוון און אַ צוגרייטונג צו אַ גרויסן קאַמף און גרויסע האָפענונגען. אין „טויבן״ איז קוים פאַראַן דער אָנזאָג פון דעם.

בערגלסאָן האָט דאָס אַלץ ניט געוויזן, ער האָט נאָר געוויזן דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס האַלט שוין ביי „נאָך אַלעמען" און ביי „אָפּגאַנג": דעם טויבנס טאָכטער באַגייט זעלבסטמאָרד, דער טויבער אַליין דערהרגעט אַ בהמה און ווערט געהרגעט.

„נאָך אַלעמען"

דאָס גרויסע ווערק פון דוויד בערגלסאָן איז דער ראָמאַן אין פיר טיילן, וואָס הייסט „נאָך אַלעמען". נישט פאַראַן דאָ קיין גרויסקייט אין דער טעמע, אין דער האנדלונג און אין די פּראָבלעמען, נישט פאַראַן דאָ קיין אימפּעט און שטורעם, פאַראַן אָבער גרויסקייט אין די קליינינקייטן. יעדער פּרט איז אַ בילד און אָפט אויך א ליד. נישטאָ קיין איין איבעריקער שטעל, נישטאָ קיין איין שטעל, וואָס זאָל נישט זיין אָנגעזעטיקט מיט געפילן, בילדער און געדאַנקען. און נישט נאָר קיין איבעריקער שטעל איז נישטאָ, נאָר אויך קיין איבעריקע שורה און קיין איבעריק וואָרט. א. טורגעניעוו זאָגט, אז זיין שאַפן איז דער רעזולטאט פון „שווערער און ביטערער מי", בערגלסאָנס „נאָך אַלעמען" איז זיכער אויך דער רעזולטאַט פון אַזאַ מי, אָבער עס פילט זיך דערביי נישט דער ריח פון שוויס. אַלץ איז אַזוי גלאַט און געשליפן, גלייך עס וואָלט אַזוי געבוירן געוואָרן.

דער אינהאַלט איז דאָ א קליינער; אַן אינהאַלט, דוכט זיך, נישט פאַר אַ ראָמאַן, נאָר פאַר אַ דערציילונג. מירעלע, די בת־יחידה פון שיינעם יידן ר' גדליהו הורוויץ, וואָס איז אמאָל געווען א גרויסער גביר און היינט איז ער אַ יורד, איז אַ כלה פאַר וואָווע בורנעס, וואָס איז אַ זון פון אַן אויפגעקומענעם גביר. סיי וואָווע, סיי זיין טאַטע זענען פאַר־גרעבטע, וואָס איידלען זיך. מירעלע האָט נישט ליב און נישט פיינט איר חתן און זי שיקט אים אָפּ די תנאים. עס פאַרליבט זיך אין איר אַ בחור שמואל אייזענאָווסקי, וואָס איז אויך אַ זון פון אַן אויפגעקומענעם גביר, אָבער פון אַן איידעלערן סאָרט. שמואלן האָט מירעלע נאָך ווייניקער ליב, ווי וואָווען, אָבער אין אַ מאָמענט פון פאַרלוירנקייט, ווען דער פאָטער האַלט ביים לעצטן שטאַפּל פון באנקראָט און ווען זי איז אויפגערעגט פון אַ ראָמאַנטישן דורכפאַל, צוליב איר בת יחידישער קאַפּריזנעקייט, הייסט זי שליסן דעם שידוך מיט שמואלן. זי וויל אויך אָט **דעם** שידוך אָפּ־לאָזן, אָבער דאָס קען זי שוין נישט און זי האָט חתונה **מיט דעם** בחור,

וואָס עקלט איר. עס הייסט, אז זי האָט מיט אים אָן אָפּמאַך נישט צו לעבן ווי מאַן און ווייב, אָבער נאָך דער חתונה גיט זי זיך אים איבער אָן ליידנשאַפט און אָן ווילן. זי לעבט מיט איר מאַן נישט גוט און ווען עס האַלט שוין ביי א גט, דערוויסט זי זיך, אז זי איז שוואַנגער. זי מוז מאַכן אַן אַבאָרט און דערווייל ווערט אויס גט. זי פירט דערביי ליבעס מיט גאַנצע פיר מענער. מיט דעם שיינעם גימנאַזיסט נתן העלער האָט זי טאַקע אָנגעהויבן א ליבע, אָבער זי האָט אים באַלד אַוועקגעשיקט, מיט דעם קרומען סטודענט ליפּסקיס דרייט זי זיך סתם אַרום; אין העברעישן פּאָעט הערץ פאַרליבט זי זיך קאַפּריזנע נגידיש, בת יחידיש און אביסל אויך אויף צו להכעיס איר חברטע, די אַקושאָרקע שאַץ, וואָס איז מיט הערצן באַפריינדעט און זי האָט טענות צו מירעלען למאַי זי „וויאַזשעט" זיך צו איר פריינט. און מיט דעם שוועסטערקינד פון איר מאַן, דעם צע־טראָגענעם סוחר און צאַרטן מאַן מאָנטשע זיידענאָווסקי, פירט זי אויך אַ קאַפּריטשיא פון מאַכטלאָזיקייט. אַלע פאַרליבן זיך אין איר, אין א סך פאַרליבט זי זיך און זי בלייבט מיט קיינעם נישט, ווייל נאָך איידער עס האַלט ביי עפּעס ווערן פרעגט זי: „און וואָס וועט זיין דערנאָך?" אָדער זי ווייסט שוין, אַז „עס וועט דערפון גאָר נישט ווערן". עס הויבט זיך אָן ביי איר מיטן סוף, ביים סאַמע אָנהויב איז שוין „נאָך אַלעמען". אין א בריוול, וואָס זי שרייבט צו מאַנטשיקן און וואָס זי שיקט עס נישט אוועק, זאָגט זי: „קיין פרילינג האָב איך קיינמאָל נישט געהאַט, עמיצער האָט אים פאַר מיר אָפּגעלעבט, אָט דעם פרילינג".

דאָס איז דער גאַנצער אינהאַלט פון דעם ראָמאַן אין פיר טיילן, וואָס פאַרנעמט 325 זייטן. נישטאָ דאָ קיין שוונג, קיין גרויסע קאַמפן, קיין גרויסע פלאַמען, וואָס באַלויכטן א וועג צו א נייעם לעבן.

וואָס־זשע דען איז אַזוינס „נאָך אַלעמען"? וועגן דער הויפּט־העלדין דריקט זיך אויס דער העברעישער פּאָעט הערץ, וואָס האָט ליב א גלאַנץ צו טאָן מיט אַן אפאָריזם, אַז זי איז „אַ קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע"; אַן אַנדערס מאָל זאָגט דער זעלביקער הערץ, אַז מירעלע איז אַן „איבערגאַנגס פונקט". דער גאַנצער ראָמאַן איז פאַקטיש א קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע אָדער נאָך ריכטיקער: א טראַגעדיע פון א קליין שטעטל, וואָס עקט זיך און קומט אום. אָבער קיין איבערגאַנג־פּונקט איז נישט מירל און נישט דאָס גאַנצע שטעטל. אַן איבערגאַנג־פּונקט פירט פון איין באַזע צו דער צווייטער, אין „נאָך אַלעמען" איז פאַראַן די פאַרפוילטע באַזע פון וועל־

כער מען גייט אָפּ, אָבער ס׳איז נישט פאראן קיין צייכן פון א געזונטער באַזע, צו וועלכער מען גייט. פאַראויס זעט מען נאָר פינצטערניש און תהום. מ׳קען בשום אופן נישט אויסשרייען ווי ביי קאַראָלענקאָן: „און דאָך זענען פייערלעך פאראן פאָרויס״...

נישטאָ קיין איין העלד אין גאַנצן ראָמאַן, וואָס זאָל האָבן אַ גלויבן אין אַ צוקונפט... נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל זיך פארטראַכטן וועגן א צוקונפט. זי פילט זיך איינזאַם, מירעלע, זי ווייסט, אַז זי איז אַנדערש, ווי אלע מענטשן, איר דוכט זיך, אַז

„זי לעבט נישט ווי אלע מענטשן, נאָר זי גייט איינע אליין ביי דער זייט פון לעבן, אויפן עולם התוהו, און פלאָנטערט זיך דאָרט פון קליינערהייט אין לאנג פארוואָגלטן חלום, וואָס האָט נישט קיין אָנהויב און קיין סוף״.

אָבער זי מיינט פאָרט נישט, אַז זי איז אַן איינציקע אַזאַ. זי זאָגט זיך אין דער אייגענער מחשבה אַריין:

„פאַראַן אַנדערע מענטשן, וואָס זוכן אויך יאָרנלאנג אָט דעם זעלבן אויסגאנג און אַז זיי געפינען אים נישט, נעמען זיי זיך סוף־כל־סוף דאָס לעבן און לאָזן איבער האַלב־נאַרישע, האַלב־קלוגע בריוולעך״.

מירעלע, וואָס שוויגט מער ווי אַלע און רעדט מער ווי אַלע אין איר אַרום, דערדערט זיך סוף־כל־סוף צו דעם, אַז —

„אַלע מענטשן זענען שוין אייגנטלעך צו אַלט און צו קלוג אויף ווייטער צו לעבן. צייט שוין אפשר, אַז אַלע זאָלן וואָס גיכער אויס־שטאַרבן און אויף זייער אָרט זאָלן געבוירן ווערן נייע״.

אין גאנצן בוך איז פאַראַן איין מאָמענט, וואָס רעדט וועגן דעם, אַז מען וואָלט דאָס לעבן געדאַרפט איבערמאַכן. אָבער נישט מער ווי אַ טונקעלער. בליץ טאָקע אין מירעלעס מוח איז עס. זי זעט, אַז אַלע אירע באַקאַנטע „זענען נישט צופרידן מיטן לעבן, נאָר קיינער פון זיי טוט גאָרנישט, כדי אָט דאָס לעבן איבערצומאַכן״. דאָס איז די איינציקע אינסינואַציע אין גאַנצן בוך. ביכלל מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז אלע

האָבן שוין שלום געמאַכט מיט דער אומצופרידנקייט, ווייל זיי ווייסן, אַז מ׳קען שוין נישט איבערמאַכן...

איז וואָס־זשע האָט בערגלסאָן געוואָלט מיט זיין „נאָך אלעמען״? האָט ער טאַקע נישט געוואָלט מער ווי אָפּשילדערן „א קליינשטעטלדיקע טראַגעדיע״, א קאַפּריזנע בת־יחידה, וואָס איז צו קלוג און צו ראַפינירט אויף צו קענען געניסן פון לעבן און נאָך איידער זי געניסט פרעגט זי שוין „און ווייטער וואָס?״ און זי האָט אין בעסטן פאַל כוח צו טאָן זיך און די אַנדערע שלעכטס? האָט בערגלסאָן נישט געוואָלט מער ווי אָפּשילדערן, ווי דער קרומער סטודענט ליפסקי דריקט זיך אויס, „אַ געפּעסטעט און אייגנזיכטיק מיידל״, וואָס איז „נישט פעאיק צו פאַרטראַכטן זיך וועגן א וואָסער ס׳נישט איז מענטשן, וועלכער האָט אויסער איר אייגענער בת־יחידהשער נשמהלע געלעבט״? דאָס זאָגט ליפסקי וועגן איר, די אייגענע פיגור אירע זאָגט, אז „זי איז עפּעס איינגעשפּאַרט און האָט נישט קיין רחמנות נישט אויף קיינעם״.

מירעלע איז אַ זעלטן שיינע און זי האָט אַזאַ כוח אין זיך, אַז זי פאַרסמט אַלע מענער פון איר סביבה מיט איר רייץ און מאַכט זיי ווייך און צעקראָכן און אומגליקלעך. וואָווע בורנעס איז, דוכט זיך, א געזונטער פראָסטער בחור, א פּראַקטישער עקאָנאָם און סוחר, אָבער נאָך דעם, וואָס מירעלע שיקט אים אָפּ די תנאים, פאַרזיצט ער אַן אַלטער בחור און ווייזט נישט אַרויס קיין שום אינטערעס אין לעבן. און ער קריגט זי נישט פיינט, די שלעכטע געוועזענע כלה זיינע. און וויפל צאַרטקייט ווייזט אַרויס שמואל זיידענאָווסקי צו דער פּרוי זיינער, וואָס מאַכט אים פאַר אויס מענטשן. דער נאַרישער און גוטער שמואל וויל פון קיין אַנדער פרוי נישט וויסן. און דעם רירעוודיקן סטודענט נתן שיינער מאַכט זי פאַר א גאָרנישט. און אַפילו דעם שטורמישן און ענערגישן סוחר מאָנטשע זיידענאָווסקי מאַכט זי פאַר אירער אַ ליאַלקע און דער קלוגער העברעישער שריפטשטעלער הערץ ווערט אויך א גולם אין אירע הענט און לאָזט זיך פון איר שלייערן. און דער סוף איז: זי האָט גאָרנישט פון אלע מענער און אלע מענער האָבן גאָרנישט פון איר...

וויל בערגלסאָן נאָר אָפּשילדערן א טשיקאַווע טיפּ פון א קאַפּריזנער בת יחידה, וואָס האָט אליין קיין כוח נישט צום לעבן און פאַרסמט אלע מיט איר רייצנדיקער מאַכטלאָזיקייט? טאָ פאַרוואָס־זשע האָט ער נישט אין דער גאַנצער סביבה קיין איין מאַן, וואָס זאָל זיך באַפרייען פון

מירעלעס סם און זי אַ נעם טאָן מיט שטורמישער קראַפט? ווייל ער נישט געבן אָנצוהערן, אז דאָס גאנצע לעבן אין יידישן שטעטל איז מאכטלאָז און אימפּאָטענט? נישט אימפּאָטענט אין פּשוטן פיזיאָלאָגישן זין פון וואָרט, נאָר אין פיגוראַטיוון און סימבאָלישן זין פון וואָרט? ווייל נישט בערגלסאָן זאָגן, אַז דאָס גאַנצע שיינקייט אין שטעטל איז אַ שיינקייט פון א זון־פארגאנג, א שיינקייט פון א פארגייענדיקער און גוססנדיקער יורדישער טאָכטער, וואָס „עמיצער האָט פאר איר אָפּגעלעבט איר פרי־לינג״?

עס איז מערקווירדיק, ווי בערגלסאָן בלייבט די גאנצע צייט אויף די פּאָר אויבערשטע גאסן פון שטעטל און ער פאַרבלאָנדזשעט קיינמאָל נישט אין די הינטערגעסלעך. שלום אַש בלייבט קיינמאָל נישט נאָר אויף די אויבערשטע גאסן, ער רוקט שטענדיק אַרויס אויך די געזונטע יאָטן פון די „קוילערגעסלעך״ (אויסער דעם, וואָס אויך זיינע שיינע יידן האָבן אים כוח צו לעבן, בעת ביי בערגלסאָנען האָבן אפילו די אויפקומענדיקע אויך קיין כוח נישט).

מען האָט אָנגעוויזן, אז דוויד בערגלסאָן איז באַיינפלוסט פון קנוט האמסון און ס׳איז זיכער אמת. מען קען אין „נאָך אלעמען״ דערקענען שפּורן פון „וויקטאָריא״ און „פּאַן״, אין אָט די ביידע ראָמאַנען זענען פאַראַן ליבעס פון אויפקומענדיקע בחורים צו מיידלעך פון אָפּקומענדיקע טאַטעס, אָבער ביי האמסונען האָבן די אויפקומענדיקע קראפט, כאָטש זיי ווערן אָפּהענטיק פאר די צו צאַרטע מיידלעך און די ליבעס זענען שטור־מישע געזאנגען, בעת ביי בערגלסאָנען זענען אויך די אויפקומענדיקע מאכטלאָז און זיי זינגען שטילע טרויער־לידער.

וואָס דוויד בערגלסאָן האָט מיט זיין „נאָך אלעמען״ געוואָלט ווייזן, גיט ער אין ערגעץ נישט צו פילן. ער רעדט נישט, ער „בילדעט״. גע־וויזן האָט ער אונדז נישט א קליינשטעטלדיקע טראגעדיע, נאָר די טראַ־געדיע פון א גאנץ אומקומענדיקן לעבן. פאַראַן דאָך אין שטעטל אויך שניידער, שוסטער, אָבער זיי האָט ער נישט געוויזן, נישט געוויזן אפילו אזוי פיל וויפל ער האָט געוויזן די ביימער פון שטעטל און די פעלדער פון אַרום שטעטל. דער שדכן שפּילט דאָ אַ ראָלע, דער רב שפּילט א ראָלע, דער אָפּגייענדיקער און אויפקומענדיקער סוחר שפּילן אוודאי אַ ראָלע, אָבער דער בעל־מלאכה און דער פּועל עקזיסטירן נישט. דעם סאַמע עיקר פון דער טראַגעדיע דריקט אויס דער שטילער, בנעימות־

דיקער ר׳ גדליהו הורוויץ, דער טאַטע פון מירעלען. ווען ער שטאַרבט, וויינט דער רב, זאָגט ער צו אים:

„אברהמל, וואָס וויינסטו? נאָר איינער, ווען איך פּיל, אַז איך לאָז עמיצן איבער נאָך זיך, וואָלט איך געגאַנגען אהין, ווי צום טאַנץ״.

אָט אָ די שורות קענען דינען אלס מאָטאָ צום גאַנצן בוך. אויך מירעלע איז אַ פּערזענלעכקייט, וואָס וועט נאָך זיך קיינעם נישט לאָזן...

דוויד בערגלסאָן איז אין אלע ווערק א קלוגער און קלוגעטשקער. (דאָס וואָרט „קלוגעטשקער״ נוצט ער אליין זייער אָפט). ער וועט אייך זייער זעלטן אַרויסווייזן, צי ער האלט פון זיינעם א העלד, אָדער נישט. נאָר ווען ער שילדערט א יידן און איבערהויפּט א יידענע פון אלטן דור, פאַרגינט ער זיך אפילו אָפענע לצנות אין שלום עליכמס סטיל און ער פּאָלט דעמאָלט אַפילו אַריין אין שלום עליכמס שפּראַך. וועלוול בורנע־סעס מאמע קערט זיך, פון אויסלאַנד, וווהין זי איז געפאָרן היילן די אַסטמאַ און טרעפט ווי מירעלע האָט אָפּגעשיקט די תנאים איר זון, זאָגט בערגלסאָן, אַז „שטיל האָט זי געשאָלטן די געוועזענע כלה צוזאַמען מיטן וויסטן מאַריענבאַד, וואָס האָט איר אומזיסט כוח און מוח אויסגעבראַכט״. שלום עליכמדיק, אָבער אויך בערגלסאָניש. ביי שלום עליכמען רעדט מען אויף אַ קול און שעלטן שעלט מען אוודאי אויף אַ קול, ביי בערגלסאָנען שעלט מען אפילו שטיל... אויך ווען ער שילדערט די צוויי צוריקגע־וויזענע און פאַרשטויסענע וואָווע בורנעס און שמואל זיידענאָווסקי, האלט ער אָן דאָס גלייכגעוויכט פון אָביעקטיוויטעט, זיי זענען אי לעמעכדיק, אי קאַוואַלירן פון איידלסטן סאָרט. אפילו דער העברעישער פּאָעט הערץ קומט אַרויס נישט קאַטעגאָריש, אָט שיינט ער צו זיין א פערזענלעכקייט און אָט קאָן מען גלויבן, אַז ער איז א גאָרנישט. דוויד בערגלסאָן קריגט נישט קיין קעלבערנע היתפעלות פאַר קיין העלד און ער מאַכט אים אויך נישט צו בלאָטע גליַיך. ער בלייבט כימעט שטענדיק דער ראַפינירטער לץ, וואָס ציט זיינע העלדן אויף א קוים אָנזעבאַר שטריקל.

אָבער פאַר מירעלען קריגט דוויד בערגסאָן היתפעלות, נישט קיין קעלבערנע, אָבער היתפעלות. ער שילדערט זי שטענדיק שיין און שטענ־דיק קלוג און אפילו שטענדיק געראָכט. אירע בלויע אויגן זענען שטענ־דיק רירנדיק און אַ וואָרט פעלט איר קיינמאָל נישט אויס. דער שרייבער

הערץ, וואָס איז א קאסקאדע פון אַפאָריזמען, בלייבט ביי איר אָן לשון. זי טוט איר פּאָטער א סך שלעכטס און זי קומט נישט ארויס קיין שלעכ־טע, זי צעברעכט איר מאן און זי איז נישט שולדיק און אין די שווערע מאָמענטן ווייזט זי אים אַרויס צאַרטקייט און גלעט אים די קני...

דוויד בערגלסאָן האָט זיך אליין פארליבט אין זיין הויפּט־העלדן און ער איז געוואָרן איר ריטער און איר דיכטער־פּאַזש. אוודאי איז זי אַ קינסטלערישע באַשעפעניש, אוודאי איז זי נישט איינע אַ מירעלע, נאָר דער אויסדרוק פון אַ סך מירעלעך, אָבער קינסטלעריש איז זי איינע אַ מירעלע און אין אָט דער איינער איז דער מחבר פאַרליבט, ער איז אַליין פאַרסמט פון איר פארגייענדיקער פּראַכט.

ווען מירעלע שטייט נעבן איר פאַראַדנער טיר אָנגעטאָן אין סאַק מיטן שווארצן שאַרף, דרייען אַלע די קעפּ צו איר און קענען פון איר די אויגן נישט אָפּרייסן און אלע יונגעלייט פילן, שרייבט בערגלסאָן, „אזוי מאָדנע, גלייך זיי וואָלטן נאָך קיינמאָל נישט געזינדיקט און זי וואָלט זיי יאָרנלאנג, ווי אַן אומבאַקאנטע כלה צו חלום געקומען". ווען זי זיצט אין טראַמוויי און אַן אָפיציר פּאַרט מיט זיין פּרוי, הערט ער נישט אויף קוקן אויף איר און אים דוכט זיך, אַז ער האָט מיט זיין חתונה א טעות געהאַט...

ווען דוויד בערגלסאָן האָט געשאַפן „נאָך אלעמען" איז ער אינגאנצן געווען אַריינגעלעבט אין דער וועלט פון די אָפּקומענדיקע שיינע יידן פון ר' גדליהו הורוויצס סטיל און ער איז געווען פאַרליבט אין זייער מירע־לען, וואָס זענען טראַגעדיעס פאר זיך און פאר אנדערע. ער האָט נישט געזען קיין אנדער יידיש לעבן. אַ סטעזשקע (אַ שמאָלער טעפיך) וואָס ליגט אין מירעלעס צימער „איז זיך מיתקנא אין אַ צווייטער סטעזשקע", וואָס ליגט ערגעץ ווייט אין א צווייטער חתונהדיק צוגעקליבענער שטוב, איר האָט זיך געדוכט, אז „די כלה אין יענער שטוב איז גליקלעך", „זי האָט ליב דעם חתן, יענע כלה", אָבער דאָס מיינט נאָר די סטעזשקע, דער מחבר אליין ווייסט נישט פון אַזאַ גליק...

פאַראַן אויך לעבעדיקע מענטשן אין „נאָך אלעמען", רעאלע, פּשוטע מענטשן, וואָס נעמען פון לעבן, וואָס עס לאָזט זיך, אָבער זיי מיינען אַזוי גאָרנישט מיט זייער לעבן. אָט איז דאָס שוועסטערקינד פון שמואל זיי־דענאָווסקי, די געוועזענע קורסיסטקע מרים, זי איז געווען א רעוואָלוציאָ־נערקע און מ'האָט געמיינט, אז ס'וועט פון איר ווער ווייסט וואָס ווערן,

אָבער זי האָט חתונה געהאַט און איז געוואָרן נישט מער ווי א ניאַנקע. זי איז נישט אַנדערש, ווי ליבקע די רביצן, וואָס קראַצט זיך מיט א טעמפּ שפּיזל אין פּארוק. פאראן א גאנצע גאלעריע פון פּשוטע, געזונטע מענטשן אין „נאָך אלעמען״ און בערגלסאָן שילדערט זיי אָפּ מיט זעלטענער מייס־טערשאַפט, ער שפּילט זיי ממש אַקטיאָריש אָפּ (בערגלסאָן באשרייבט נישט אַ העלד ביז וואנען ער קען אים נישט אָפּשפּילן), אָבער די אלע פּשוטע מענטשן זענען נישט מער ווי בהימות. די ביימער זינגען צומאָל לידער ביי אים און דערציילן באַלאַדן, (די ביימער זאָגן: „יאָ, זי איז דאָ אַמאָל בייטאָג אַרומגעגאַנגען מירל... זי האָט דאָ צו קיינעם נישט גערעדט, נאָר צווישן אונדז, יונגע ביימער שטאַמען, איז זי שוין אַמאָל, אָן אַ שום באדערפעניש, פאמעלעך אַרומגעגאנגען״). אָבער די פּשוטע מענטשן זינ־גען קיין לידער נישט. דער סך־הכול איז אַזאַ: דאָס, וואָס בלייבט לעבן, איז נישט מענטשלעך און דאָס, וואָס איז מענטשלעך — קומט אום...

דוויד בערגלסאָן איז נישט דער ערשטער, וואָס האָט דערפילט אזא פוסטקייט אין יידישן לעבן — אין ערשטן, העברעישן וואַריאַנט האָט נאָך אלעמען געהייסן „ריקות״, וואָס מיינט פוסטקייט — ביי די העברעישע שרייבער מ. ז. פייערבערג, בערשאַדסקי און איבערהויפּט ביי ש. גנעסין איז שוין אָט דער מאָטיוו פאַראַן, אָבער ביי די אלע זענען פאראן נאָר קלאַנגען, אפילו נאָך נישט קיין מאָטיוון, ביי בערגלסאָנען איז פאראן א גאנצע סימפאָניע.. עס מאכט דעם איינדרוק, אז דאָ האָבן זיך צונויפגענו־מען ווי אין אַ ברענגלאָז אלע מאָטיוון פון די דערמאָנטע העברעישע איינזאמקייט־שרייבער, אינקלוסיוו אויך די יידישע איינזאמקייט־שרייבער ה. ד. נאָמבערג, א. ווייטער, ז. י. אנוכי און ס׳איז אויסגעוואקסן א טרוי־עריקע, שטילע, טיפע און שיינע גסיסה־סימפאָניע, וואָס סוגערירט א מאָדנע און טשיקאווע געדאַנק: אויב מ׳קען אזוי שיין שילדערן און באַ־זינגען אָט דאָס שטאַרבן, איז דאָס לעבן דאָך שטאַרקער פון טויט. ביי מירעלע האָלט עס טאָקע ביי נאָך אַלעמען, אָבער נאָך אַלעמען איז זי דאָך נישט געשטאָרבן, זי איז געבליבן לעבן אין בערגלסאָנס „נאָך אלע־מען״, אין דעם שטילן ווערק מיטן קליינעם פאַרנעם, וואָס איז א גרויס קונסטווערק און האָט אַ שפּראַך, וואָס קלינגט ווי שאָפּענס „נאָקטורנס״ און פינקלט ווי געשליפענע בריליאַנטן.

דרויב

„דרויב“ הייסט ביי דוויד בערגלסאָן אַ בענדל, לויט אַ דערציילונג מיטן זעלביקן נאָמען. אין אָט דער דערציילונג האַנדלט זיך וועגן אַ מענטשן־דרויב, עס האַנדלט זיך וועגן אַ פרוי, וואָס איז נישט דער קאָפּ און נישט דאָס האַרץ, נאָר דרויב. מיר וועלן אַרייננעמען אונטער אָט דעם נאָמען די אַלע נאָוועלן, דערציילונגען און סקיצן, וואָס אונדזער מחבר האָט אָנגעשריבן לערך צווישן „נאָך אַלעמען“ און „אָפּגאַנג“.

„אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט“ איז די איינציקע נישט בערגלסאָנישע נאָוועלע, וואָס בערגלסאָן האָט אָנגעשריבן. מען הערט דאָ לחלוטין נישט די „פּאַמעלעכע יורדישע, אונטערטעניקע טריט“, וואָס מען הערט כּמעט אין אַלע זיינע שריפטן פון דער ערשטער עפּאָכע און מען זעט דאָ נישט די זיידענע יידן, וואָס זענען שבתדיק אויך אין דער וואָכן און זיי בענקען שטענדיק נאָך די זיידענע קאַפּאָטעס. „אין אַ פאַרגרעבטער שטאָט“ האָט טאַקע אין צענטער אַ נישט פאַרענדיקטן סטודענט, וואָס איז „קאַזיאָנע ראַבינער“, אָבער ער אַליין איז אויך נישט קיין אײדעלער מענטש, נאָר אַ היפּשלעך פּראָסטער. ער איז אַ פוילער בחור, וואָס ווערט אַביסל רירעוודיק נאָר ווען דער זכר אין אים דערשמעקט אַ פרוי. און די גאַנצע האַנדלונג דרייט זיך דאָ נישט אַרום דעם „ראַבינער“, נאָר זי דרייט זיך אין אַ סביבה פון קבצנים. עס קומט פאַר אַ קאָנפליקט צווישן דעם ענערגישן און פּראָסטן יונג אלישע, וואָס האָט געירשנט פון זיין טאַטן מלך גאָר אַ גרויס פאַרמעגן און אויך די טאַקסע. פאַר ברענגען צו קבורה דעם זיידן פאַרלאַנגט דאָס שטעטל פיר טויזנט רובל און אלישע וויל נישט געבן, רייצט אָן דאָס שטעטל די קצבים, אַז זיי זאָלן נישט קוילען און אלישע זאָל פאַרלירן 200 רובל אַ וואָך. אלישעס חבר פּרויקע טשערקיס מאַכט אַ שלום, אָבער ס׳איז קיין שלום נישט, די קצבים הערן ווידער אויף קוילען און זיי ברענגען פלייש פון אַן אַנדער שטאָט. אלישע פּרוווט שטערן דאָס אַריינברענגען „בשר חוץ“ און די קצבים שלאָגן אים אונטער די לונגען און ער שטאַרבט. דאָס איז דער סיפּור המעשה, וואָס איז דורכאויס נישט קיין בערגלסאָניש, פּונקט ווי די סביבה איז נישט קיין בערגלסאָנישע. די פרוי, וואָס געפינט זיך דאָ אין צענטער איז אויך נישט קיין בערגלסאָנישע. פּראַדאָטשקע הייסט זי, אלישעס פרוי איז זי, אַ קאָקאָטע, וואָס

האָט פריער געהאַט אָפּיצירן און פאַר אלישען חתונה געהאַט, מיסתמא ווייל ער איז רייך. זי גיט זיך דעם ראַבינער בורמאַן איבער נישט אויס ליבע, נישט אַפילו אויס ליידנשאַפט, נאָר ווייל ס'איז איר פּוסט. די איינ־ציקע בערגלסאָנישע פרוי איז דאָ די קורסיסטקע מאַני רימער, וואָס האָט חתונה פאַר דעם קלוגעטשקן פּרויקע טשערקיס, וואָס קלויבט זיך פאַרדינען געלט און פירט אַ פּוסט לעבן און זי גט זיך מיט אים, אָבער מאַני רימער בלייבט אין שאָטן. די נאָוועלע איז, ווי אַלע זאַכן פון אויס־געבויט און זי האָט דאָ און דאָרט פיינע פּסיכאָלאָגישע שטריכן. דער מחבר שפּילט אַקטיאָריש אָפּ יעדן מענטשן, וואָס ער שטעלט פאָר און גיט אים ממזריש אַ קריך אַריין אין דער נשמה; ער שילדערט אלישעס דינסט, וואָס קען נישט אויסשטיין די קאַפּריזן פון איר באַלעבאָס און ווינטשט אים דעם טויט אוז ווען ער שטאַרבט צעקוויטשעט זי זיך גלייך איר טאַטע וואָלט געשטאָרבן. אויך די לעצטע גלוסטענישן פון אלישן פאַרן טאָטן זענען אויסערגעוויינלעך כאַראַקטעריסטיש. דער מחבר ווייזט די גאַנצע פּוסטקייט פון זיין העלד, וואָס די איינציקע לעבנס חלומות זיינע זענען— מאכלים. אָבער די קראַפט פון די פאַרגרעבטע מענטשן פעלט. די דאָזי־קע קראַפט קאָנען ווייזן שלום אַש, י. אָפּאַטאָשו און י. מ. וויסנבערג. דוויד בערגלסאָן קאָן שילדערן איידלקייט און חכמה, אָבער נישט קיין קראַפט.

דערפאַר איז שוין דורכאויס בערגלסאָנישע זאַך די נאָוועלע „יוסף שור“, כאָטש אויך דאָ זענען אין צענטער נישט קיין יורדים (אָפּגעקו־מענע), נאָר — קאַנדידאַטן אויף יורדים. דער גרויסער סוחר אברהם ראַפּאָפּאָרט, דער משכיל און ציוניסט, איז נישט קיין גלוביקער און ער האַלט דאָך אָן די טראַדיציע פון זיין שטאַם. פאַראַן דאָ גייסטיקע ירידה — אַ גלויבן, וואָס איז נישט קיין גלויבן. און פאַראַן אָנזאָג אויף פינאַנ־ציעלער ירידה. אברהם ראַפּאָפּאָרט ווייסט אָפּט נישט ווו ער איז אין דער וועלט, ער געדענקט נישט פון דאַנען אהין און עס פּילט זיך, אַז אָט, אָט וועט ער גיין באַרג אַראָפּ. די סביבה אַרום איז הוילער אָנזאָג אויף אומקום. די שוועסטער זיינע, די אלמנה, האָט חתונה מיט אַ רייכן בעל־עבירהניק, די טאָכטער פון דער שוועסטער דרייט זיך אַרום מיט אַ יונגן מאָלער, וואָס איז אַ געפּעסטעטער לעב־יונג. דער גרויסער ראַפּאָפּאָרט־שטאַם פון נגידות, תורה און ייחוס צעפאַלט זיך.

די האַנדלונג אין „יוסף שור“ איז אייגנטלעך אַ שטאָף פאַר אַ קאָמע־

דיע. דער קלוגער און עזהותדיקער שדכן און למדן נתן ווידערפּאָליער דערשלאָגט זיך ביז אברהם ראפּאָפּאָרט און שלאָגט אים פּאָר א שידוך פאר זיין שיינער פּלימעניצע שרהלע לעווין. ער לייגט אים פּאָר דעם אויפגעקומענעם יונגן גביר יוסף שור, וואָס שטאַמט פון פּראָסטע מענטשן, אָבער ער האָט זיך אליין.היפּש אויסגעאיידלט. אברהם ראפּאָפּאָרט ווייסט, אז זיין טאַטע האָט קיינמאָל נישט געזאָגט ניין א שדכן, הייסט ער דעם שדכן, אז ער זאָל אַרויסרופן דעם קאנדידאט זיינעם. און יוסף שור קומט און ער ווערט איינגעלאדן צו ראפּאָפּאָרטן אין שטוב און ער פארברענגט דאָרט א גאנצן אָוונט ביי א פרעמדן טומלענדיקן טיש, ביי וועלכן קיינער קוקט זיך אפילו נישט אום אויף אים. שרהלע איז נישטאָ, זי איז אוועק שפּאצירן מיטן מאָלער. און ווען יוסף שור גייט אהיים טרעפט ער אויפן וועג שרהלען גיין גאנץ פריינטלעך מיטן יונגן מאלער. יוסף שור פאלט אַראָפּ ביי זיך, אָבער נישט גאָר שטאַרק. ער דערמאָנט זיך, אז ער האָט אין דער היים צוויי אייגענע הייזער און — „אַך, יאָ, די גרויסע אייגענע מיל, זי איז נאָך אויך עפּעס ווערט". אָבער די גאנצע צייט, וואָס יוסף איז געווען אין ראפּאָפּאָרטס הויז איז ער געווען אויסערלעך קאָמיש און אינערלעך טראגיש.

אין „יוסף שור" באגעגענען זיך צוויי וועלטן, איינע, וואָס האלט אין סאמע בלי און עס שמעקט שוין פון איר מיט פאַרוועלקן און אַ צוויטע וועלט, וואָס קומט אויף, אָבער עס שמעקט פון איר נישט מיט בלי. טרויעריקע אויגן האָט ער דוויד בערגלסאָן צום יידישן לעבן. אַזעלכע טרויעריקע אויגן ווי אנטאָן טשעכאָוו האָט געהאט צום רוסישן לעבן. אין מאַניר איז בערגלסאָן נישט ענלעך צו טשעכאָוון, אָבער אין תוך איז ער אַ סך מער טשעכאָווס קרוב, ווי קנוט האמסונס. און קלוג און קלוגיטש איז בערגלסאָן אין „יוסף שור". ער שילדערט אברהם ראפּאָפּאָרט פרוי מיט קארגע שטריכן, אָבער ווי א ממזר שילדערט ער זי. „א ווּקסיקע בלאָנ־דינקע מיט אַן אָפּגעטראָגן לענגלעך פּנים" איז זי און זי געפינט זיך ביי יענעם עלטער, „ווען פרויען הערן לחלוטין אויף צו אינטערעסירן אַרומיקע מאנסבילן און הויבן אָן שטאַרקער צובינדן צו זיך דעם טריי־געבליבענעם מאַן". און דער מאַן, אברהם ראפּאָפּאָרט געדענקט, אז „ער האָט זי אמאָל ליב געהאט" און איצטער „ האָט ער שוין נאָר געדענקט, אז ער האָט פאר איר דרך ארץ", ווייל זי שטאַמט פון גרויסן ייחוס... פאַראַן שוין ביי שלום עליכמען אַט אָ דער טיפּ ייד, אָבער שלום עליכם

האָט אים געוויזן פונדרויסן, בעת בערגלסאָן איז אים אריינגעקראָכן אין דער נשמה אַריין.

פֿאַראַן איין נייער טיפּ אין „יוסף שור" — דאָס איז אברהם ראַפּאָפּאָרטס טאָכטער נעסי. זי איז אַ סקולפּטאָרן, זי געפינט זיך די גאַנצע צייט אין פעטערבורג, דער פאָטער דערלויבט איר דאָס, ווייל זי איז אַ דאַרע און האָט אַ הויקער. זי האָט נישט דעם גבירישן שטאָלץ צוליב איר מום. זי קען אַ טרויעריקע מעשה וועגן זיך אַליין:

„ביי גוואַלדיק רייכן אַדיר, אַ טאַטן, איז געבוירן געוואָרן אַ קינד, אַ פּשוט יידיש קבצניש קינד".

דאָס איז פאַקטיש אַלץ, וואָס בערגלסאָן זאָגט וועגן איר. מיט אַ סך יאָר שפּעטער וועט פון דער טעמע אַ קבצניש קינד ביי אַ רייכן טאַטן ווערן — פּענעק. דער אָנהויב איז געמאַכט געוואָרן אין „יוסף שור"...

אַ זייער כאַראַקטעריסטישע דערציילונג, אַ זייער בערגלסאָנישע איז „דער ל'עצטער ראש השנה". מיר האָבן דאָ אַ גאַנץ שטעטל אַ יורד. מיסטיפּקע הייסט דאָס שטעטל. ס'איז קיינמאָל גרויס נישט געווען אָט דאָס שטעטל, ס'האָט נישט מער ווי אַנדערהאַלבן צענדליק יידישע הייזער און מ'האָט זיך איבער דעם שטענדיק געוויצלט. מען האָט געזאָגט „אָרעם ווי אַ מיסטיפּקער גביר". אָבער אַמאָל האָט עס געהאַלטן פּאַסאַן און ווען די דאָזיקע, וואָס זענען דורכגעפאָרן ביינאַכט דאָס שטעטל צום יאַריד, האָבן געחוזקט און געשריגן „מיסטיפּקע, מיסטיפּקע", האָט זיך נאָך געמאַכט, אַז אַ יידענע איז אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און אויסגעשריגן „מיסטיפּקע גיט אייך אַ פייג", היינט איז שוין מיסטיפּקע געוווינט צו דער אייגענער געפאַלנקייט. די מערסטע פון די איינוווינער זענען אוועקגעפאָרן קיין אמעריקע. דעם רב האָט מען שוין צוגענומען אין אַן אַנדער שטאָט און דער שוחט קנעלט שוין דעם צווייטן זמן אין אַ דאָרף. דער איינציקער פּאַטריאָט פון שטעטל איז דער אַלטער גערצנשטיין, אַן אַמאָליקער איינגעהויקערטער „דייטש", ער איז דער גביר און ער ווערט זיך מיט אַלע כוחות קעגן דעם, וואָס מען פאָרט קיין אמעריקע און ער פאַרשטייט נישט, וואָסאַרא כוח עס ציט זיי אַהין. און ס'איז שוין געקומען דערצו, אַז אויף ראש השנה האָט מען נישט געקאָנט צונויפשטעלן אַ מנין און גאַנץ מיסטיפּקע מוז אַרויספאָרן אין שטאָט אריין. אין שטעטל זענען געבליבן צוויי — גערצנשטיינס בוכהאַלטער, וואָס איז נישט קיין איבעריק פרומער און

אַ בחור, וואָס האָט זיך נישט געשטעלט צום פּריזיוו, צוליב דעם פאָרן און ער באַהאַלט זיך אויס. זיי דרייען זיך אַרום אין פאַרלאָזטן שטעטל און זעען, ווי עס וואַקסט שוין גראָז אויפן פּלאַץ, וווּ מענטשן האָבן געוווינט. דער בוכהאַלטער זאָגט: „זע נאָר, זע נאָר, גראָז ווי אויף אַ בית־עולם, אַ קבר".

אויפן ערשטן לייען מאַכט עס דעם איינדרוק, אַז דוויד בערגעלסאָן האָט סתּם באַשריבן אַ קוריאָז פון אַ קליין יידיש שטעטל, וואָס ווערט פאַרשלינגען פון אַמעריקע און ער האָט אָפּגעחוזקט סיי פון די מיסטיפּקער אַליין, סיי וועגן די דאָזיקע, וואָס מאַכן חוזק פון מיסטיפּקע, אָבער אַז מען לייענט זיך אַריין און מען טראַכט זיך אַריין אין דעם זאַכעלע, דערזעט מען: שמייכלענדיקע אויגן, וואָס זענען פול מיט טרערן און דער בעל־דבר וויל אויסבאַהאַלטן די טרערן און נאָר ווייזן דעם שמייכל, אָבער עס געראָט אים נישט און צוזאַמען מיטן אַפּיקורסישן בוכהאַלטער צעשאָקלט ער זיך און ער הויבט אָן זאָגן „ה' צבאות עמנו משגב לנו, אלהי יעקב סלה"... אַ פראַנצויזיש ווערטל זאָגט: „מיר האָבן דעם קאָליר פון די זאַכן אין די אויגן". בערגעלסאָן האָט אין זיין געמיט דאָס געפיל פון פאַרגיין און ער זעט אומעטום — סוף.

די אַנדערע דערציילונגען, וואָס דוויד בערגעלסאָן האָט אָנגעשריבן ביז אַרום יאָר 1914 זענען אייגנטלעך נישט מער, ווי וואַריאַנטן פון דעם אָפּגעזונגענעם ליד. די דערציילונג „יורדים", וואָס שילדערט אַ בלינדן טאַטן, אַן אָפּגעקומענעם גביר מיט צוויי טעכטער, עלטערע מיידלעך, וואָס פוילן לעבעדיקערהייט. די יינגערע קלאָגט זיך שוין אפילו נישט, די דאָזיקע דערציילונג מאַכט דעם איינדרוק פון אַ פראַגמענט פון „נאָך אַלעמען" און איז פּונקט אַזוי קלוג און טרויעריק געשריבן, ווי דאָס דערמאָנטע גרויסע ווערק בערגעלסאָנס.

די גרעסערע דערציילונג „אין איינעם אַ זומער" צייכנט זיך אויס מיט דער זעלביקער אַפּאַטיע, מיט וועלכער עס צייכענען זיך אויס די מערסטע מענטשן בערגעלסאָנס. קומט אַ בחור, וואָס הייסט אייזיק, אין אַ דאָרף אַריין צום פעטער און ער איז דאָרט פויל, ער טוט גאָרנישט. ער איז דאַכט זיך אַ שטאָטישער, אָבער ער האָט אין שטאָט חברים, וואָס זענען „אַזעלכע שטייפע, שוויגנדיקע און פראַ־אַדמדיקע, ווי ער, שרייבן קיינמאָל קיינעם קיין בריוו נישט און זאָגן קיינמאָל נישט איינעם דעם צווייטן, אַז זיי האָבן זיך ליב". אייזיק פאַרליבט זיך דאָ אין אַ שיין מיידל

באַסי און זי פאַרליבט זיך אין אים אויך. זי האָט אַ חתן, אַ נישט־שיינעם אינזשעניער, דאָך רופט זי אייזיקן צו זיך, קומט ער ערשט אויפן דריטן טאָג, זי איז אקטיוו, באסי, זי כאפט אים ארום און קושט אים, אָבער ער האָט קיין שום כוח נישט זי צו נעמען. זי פאָרט אוועק מיטן חתן און אים בלייבט א צאפל פון בענקשאפט אין הארצן און א ציטעריק שמייכעלע אין די ליפּן. דער יונגער ווערטער איז מיט אזויפיל דורות עלטער פון אייזיקן און ער איז ווייט נישט געווען אזוי פאסיוו ווי אייזיק. ווערטער האָט כאָטש גערעדט און געשריבן, אייזיק טוט גאָרנישט... פאראן קלוגע שטעלן אין דער דערציילונג „אין איינעם א זומער", און די מענטשן זענען דאָ עכט בערגלסאָניש געשילדערט. איין קלוגעטשיק שטריכעלע און דו דערזעסט דעם מענטשן. דער פעטער יידל איז „א רעסאָרנדיק וויכער". זיין איידעם דער אקטיאָר מוראנאָוון פּרוווט זיך אויס די „ארטיסטישע שטימע" און ער מאכט „מיאָ, מיאָ טנו־ר־". שלינגסטו די חכמה און עס גלוסט זיך דיר רייסן די האָר פון קאָפּ — אַזוי אימפּאָטענט און ווילנ־לאָז זענען טאַקע געווען די רוסישע יידן אין יענער צייט?

פאראן דערציילונגען ביי בערגלסאָנען, וואָס זענען נישט מער ווי פיינע פעליעטאָנען. די „משומדת" למשל. אַ יידישע טאָכטער האָט זיך געשמדט און חתונה געהאט פאר א „מיראָוואָי סודיאַ" (פרידן־ריכטער). די יידן דאַרפן אָנקומען צום ריכטער און זיי וואַרטן אויף אים און צו זיי לופט ארויס א קליין יאַטל, דאָס פּיריאָריקע זונדל פון דער משומדת. דאָס קינד קוקט נייגעריק אויף די יידן, גאַנץ קהל קערט זיך אָן דעם אָן מחותנים פון כלהס צד...

די יידן רופן צו זיך דאָס נפשל דווקא אויף יידיש און זאָגן דעם „קום אַהער, ממזרל, אַהער... אַהער..." דאָס קינד דערשרעקט זיך און אַנטלויפט. אַן אייגנארטיקע זאך איז די סקיצע „ביינאכט", וואָס איז געשריבן אין סימ־באָלישן טאָן. א פולגעפאקטער וואגאָן, א נאכט־ייד, וואָס ווען ער פאָרט מיט דער באן, קאָן ער נישט שלאָפן ביינאכט און ער ווערט זאנודיעט, און ער נודיעט און זוכט ביי יעדן עפּעס אין די אויגן און געפינט. אַנט־קעגן דעם יידן זיצט א רויטבאקיקער בחור מיט שטיוול, וואָס דערציילט אויס דעם נודניק אלע אומגליקן זיינע און ער דערציילט אים דערצו, אז ער קען נישט שלאָפן און ער פרעגט: „וואָס טוט מען?" און זיין פראַגע איז אי נישט־קלאָר, אי צו קלאָר... ער וואָלט אַריינגעקוקט אין א ספר, אָבער ער קאָן נישט און דער נאכט־ייד נעמט לערנען מיטן רויטבאקיקן

בחור „בראשית״. בערגלסאָן שילדערט דערוויַיל ממזריש אָפּ ווי אַזוי עס פּייפן מיט די נעז די דאַזיקע, וואָס שלאָפן אַרום. פאַראַן אַ געעזצטער פּייף, אַ לייטישער פּייף, וואָס איז גאָט די נשמה שולדיק. פאַראַן אַ יאוש־דיקער פּייף, וואָס לאָזט זיך אויף הפקר: „איך שלאָף ווארום ס׳איז א תוהו ובוהו וועלט״. אַ געציקלטער פּייף, וואָס פרעגט: „אַז אַלע וועלן שלאָפן, וואָס וועט שוין דאָ זיין?״ און פאַראַן אַ שטאַרקער פּייף, וואָס זאָגט: „וועקט נישט, ס׳וועט נישט העלפן״...

און אָט אין מיטן דעם פּייפן און שנאָרכן נעמט עס דער זאַנודיעטער ייד לערנען בראשית מיט דעם רויטבאַקיקן בחור. ער קומט צו צום מבול און ביים פאַרנודיעטן יידן האָט „אויסגעוואַקסן איינער אַ מענטש, וואָס הייסט נוח״. דער זאַנודיעטער ייד זאָגט פיר און דער רויטבאַקיקער בחור זאָגט נאָך וואָרט ביי וואָרט און ווען ס׳קומט צו צו „און נוח האָט געפונען חן אין די אויגן פון גאָט, ליגט דער מחבר און טראַכט: „א גוט וואָרט: „און נוח האָט געפונען „חן״. ס׳האָט מציל געווען די וועלט.

אין אָט דער קליינער סקיצע פינקלט בערגלסאָן מיט זיין פולן טרויעריקן חן און מיט זיין שרעק פאַר דער וועלט, וואָס האַלט ביי אומקומען און מען דאַרף זי מציל זיין מיט דער הילף פון חן...

„ביינאַכט״ האָט אין זיך די לייכטקייט פון א פעליעטאָן און די טיפקייט און וואָגיקייט פון א פּאָעמע. די זאַך איז נישט געשריבן אין קיין פערזן, אָבער זי האָט דעם ריטם און דעם אומרו פון אַ פּאָעמע. ס׳איז נישט קיין פּראָזע־ביניך, וואָס שטייט אויף די פיס, נאָר אַ פּאָעטישער פויגל, וואָס פלאַטערט. דער מחבר איז א כיטרער, ער שפּילט דעם לץ, אָבער אַן אינעווייניקסטע שרעק פאַרוואַנדלט ביי אים יעדער שפּאַס אין ערנסט. ער האָט מורא, אַז ס׳קומט א מבול אויף דער וועלט און ער זוכט דעם חן, וואָס זאָל מציל זיין. אין דעם דאַזיקן חן געפינט ער ביי א סך פון זיינע העלדן, ווייל ער אַליין האָט אים. ער האָט אים אלס קינסטלער.

הערצן זאָגט, אַז די רוסישע ליטעראַטור האָט דריי אייגנשאַפטן: טרויער, סקעפּטיציזם און איראָניע. די יידישע ליטעראַטור האָט איין אייגנשאַפט: גלויבן. ביי בערגלסאָנען איז אָט די אייגנשאַפט נישטאָ. ער איז כולו אומגלויבן. אָבער זיין חן ראַטעוועט דאָס גאַנצע אומקומענדיקע לעבן פון אומקום... בערגלסאָן האָט איין „דרויב״ אַ סקיצע, וואָס איז אַ ליד אין פּראָזע און הייסט „צוויי וועגן״. ווערן אין איר געוויזן צוויי וועגן, וואָס פירן אין ערגעץ נישט. דער לינקער וועג — אויך נישט. סוחרישע

פורן יאָגן זיך אויףביידע, דער וואַלד גיט אַ ציטער און דיביימער בעטן אפשר: „צייט, צייט, דאָס די סוחרים זאָלן אַרומיאָגן אויפהערן. דאָ ווערט דערציילט דאָס וויסטע מעשהלע וועגן אַ גרייז־גרויען סוחר, וואָס האָט שוין נישט קיין כוח געהאַט צו האַנדלען און ער האָט געבעטן אויף זיך דעם טויט, אָבער ס׳הערט זיך אויף אַ ווידערקול פון אַן ערשט געבוירן קינד... אַ פּאָרל קוקט זיך אין די אויגן און שווייגט... ביידע וועגן פירן אין ערגעץ נישט. אָבער דאָס שווייגן פירט אין דער אייביקייט...

„אָפּגאַנג“

„אָפּגאַנג“ איז דאָס צווייטע גרעסערע ווערק פון דוויד בערגעלסאָן. דער מחבר האָט עס אָנגעהויבן שרייבן אין יאָר 1913 און מיט אַ באַשטימטער כוונה: שטעלן אַ מצבה דעם חרוב געוואָרענעם יידישן שטעטל אין אוקריינע. איז שוין טאַקע דעמאָלט דאָס דערמאָנטע שטעטל געווען אַזוי חרוב, אַז מ׳האָט שוין געהאַלטן ביי אַ מצבה שטעלן? חרוב איז דעמאָלט געווען דער שיכט, וואָס בערגעלסאָן האָט געקענט און געשילדערט — דער נגידיש־אַריסטאָקראַטישער שיכט, וועלכן ער האָט אידענטיפיצירט מיטן גאַנצן יידישן פאָלק.

„אָפּגאַנג“ איז נישט קיין „מצבה“. ס׳איז אַ טיפּיש בערגעלסאָנישע עלעגיע, וואָס איז פול מיט פּעסימיזם און פּעסימיסטישע אַפאָריזמען, אַזוי ווי אַ מילגרוים מיט קערלעך. און פּעסימיסטיש איז דאָס נישט נאָר אין יידישן זין. די גאַנצע וועלט איז פאַר די העלדן — און וואַרשיינלעך אויך פאַר דעם אָביעקטיוון מחבר — גאָטס זאַך אַליין

„אָפּגאַנג“ איז אויך אַ קאַליידאָסקאָפּ מיט טיפּן, אייניקע געשילדערט ברייט, אַנדערע געשילדערט קורץ, אָבער אַלע קלאָר און שאַרף און טרעפלעך. „אָפּגאַנג“ איז אַ טרויעריק געזאַנג מיט מעלאַנכאָלישקייט, עס הערט זיך דער ריטם פון אַ וואָגן, וואָס קאַטשעט זיך אַראָפּ, אָבער נישט מיט קיין טראַסק, ער קאַטשעט זיך שטיל, ווי אַף רעסאָרן.

„אָפּגאַנג“ איז אייגנטלעך אַ מאָדערנע „קוהלת“, אָבער בעת דאָס ביבלישע ווערק איז דירעקטע פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע, איז „אָפּגאַנג“ פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע, וואָס קומט אַרויס פון טראַגיש געשילדערטע לעבנס.

ווער ברענגט די פּעסימיסטישע פילאָזאָפיע אין „אָפּגאַנג"? עס ברענגען זי איבערהויפּט די צוויי וויכטיקסטע פּערזאָנען פון בוך, דער צאַרטער מלך און דער טייוולאָנישער חבר זיינער חיים־משה. ביידע זענען קינדער פון זיידענע שטעטלשע יידן, ביידע זענען „עקסטערנס" (דעם היינטיקן יידישן לייענער דאַרף מען שוין דערקלערן, אַז אַן „עקסטערן" האָט געמיינט איינער, וואָס האָט געלערנט דעם קורס פון דער מיטלשול פּריוואַט און איז זיך דערנאָך געגאַנגען עקזאַמינירן.) וואָס זענען געבליבן שטעקן אינדערמיט און נישט געגאַנגען ווייטער. מלך איז געווען אַ שטיק צייט אַ פּאַרטיי־מענטש און ער איז געווען צוויי יאָר פּאַרשיקט אָבער דערנאָך האָט ער זיך מיט דעם געשעמט. עס איז אים געווען אַ „ביזיון", וואָס ער איז שיר, שיר נישט געוואָרן אַ „גרויסער מענטש" און ער האָט מיט דער הילף פון אַן עלטערן פריינט געעפנט אַן אַפּטייק־מאַגאַזין אין שטעטל. חיים־משה איז קיינמאָל קיין פּאַרטיי־מענטש נישט געווען, ער האָט לכתחילה אָפּגעפּסקנט די גאַנצע וועלט אַלס נישט געראָטענע און אַזוי ווי ער האָט שטאַרקע נייגונגען און פעאיקייטן צו מאַטעמאַטיק, ווערט ער אַ לערער פון מאַטעמאַטיק.

אָט די ביידע האָבן אַן עלטערן פריינט — דער וואַלד־קאַסירער יצחק־בער, אַ הויכער צעפּאַטלטער ייד, וואָס איז אַמאָל געווען אַ שוחט, צי אַ רב, אָבער ער איז געוואָרן אַ מוראדיקער אפּיקורס. ער גייט נישט צו דער לוויה פון זיין בעסטן חבר, ווייל ער קען נישט ליידן „די פּסוקים, וואָס זיי זאָגן דאָרט" און ער „טראָגט שטומערהייט דעם יאָך פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך נאָך אין די יונגע יאָרן צעקריגט מיט גאָט".

און ווי פּעסימיסטיש די אַלע דריי זענען, שטודירן זיי אינאיינעם דעם הימל מיט די שטערן און זיי שטעלן אַרויף אַן אַלטן טעלעסקאָפּ אויפן שטרויענעם דאַך און זיי דראַפּען זיך אַלע נאַכט אַהין.

די פּעסימיסטישע תורה ברענגען אַרויס מלך און חיים־משה דורך אָפּגעהאַקטע שמועסן. זיי פירן די שמועסן, ווען זיי לעבן נאָך ביידע און זיי פירן זיי אויך, ווען מלך איז שוין טויט. דער ראָמאַן הויבט זיך אָן מיט מלכס לוויה (אַזאַ טרויעריקער שריפטשטעלער ווי בערגלסאָן האָט געמוזט אָנהייבן כאָטש איין ווערק מיט אַ לוויה.) און דער מרה־שחורה־דיקער העלד קומט אַרויס רעטראָספּעקטיוו. איינער פון די ביידע זאָגט, אַז „די וועלט וואָלט נישט ווערט געווען אַ גראָשן, ווען זי לאָזט זיך נישט באַטראַכטן". אַליין, הייסט עס, איז די וועלט גאָרנישט ווערט, איר איינ־

ציקער ווערט באַשטייט אין דעם, וואָס זי קאָן זיין אַן אָביעקט פאַר פילאָזאָפיע. זיי רופן די וועלט „גאָטס באַקאַליי קלייט". גאָט איז זיך נישט לייטיש באַגאַנגען מיט זיי, ער האָט געהאַט אַ סך שיינע וועלטן אויף אויסצוקלייבן און „ער האָט זיי, ווי אויף צו־להכעיס, אַראָפּגעלאָזט דווקא אויף אָט דער, דער אומווערדיקער". קלאָגן זיי זיך נישט און מישן זיך נישט אין ערגעץ, זיי זענען גרים. און ווייל יצחק־בער האַלט אויך, אַז „די וועלט בלייבט אַזוי ווי זי איז, נישט צום איבערמאַכן, קאָן ער זיך באַגיין אָן איר און זי אָן אים און אים אַרט שוין לחלוטין נישט, וואָס קיינער רופט אים דאָ נישט אויף קיין חתונות און נישט קיין בריתן", געפעלט ער זיי און זיי רופן אים „ר' גר נומער דריי". דער מענטש איז אויף דער וועלט נישט מער ווי „אַ פּרווו, אָדער אַ צייטווייליקער צופאַל".

קוהלת, דער פּעסעמיסטישער ביבל־פילאָזאָף, זאָגט אויף זיך, אַז ער איז געווען מלך איבער ישראל און ירושלים און ער האָט געפלאַנצט גערטנער און פּאַרקן, געקויפט קנעכט און דינסטן, געזאַמלט גאָלד און זילבער, זיך איינגעשאַפט זינגערס און זינגערינס און אַלע מענטשלעכע פאַרגעניגנס און געהאַט „ווייבער און ווייבער" און ער האָט איינגעזען, אַז „אַלץ איז נישטיקייט און אַ יאָגן זיך נאָך ווינט". מלך און חיים־משה האָבן פריער גאָרנישט אויסגעפּרווט, זיי האָבן פון לכתחילה זיך איבער־צייגט, אַז די וועלט איז „גאָטס באַקאַליי־קלייט מיט אַ גלעקל" („נאָך אַ מין גלעקל") און זי איז נישט ווערט אַ גראָשן.

עס וואָלט געווען אַן עוולה צו זאָגן, אַז „אָפּגאַנג" איז נאָר „קוהלת", נאָר אַ זאַמלונג פון קלוגע און טרויעריקע פּעסימיסטישע אַפאָריזמען. מיר האָבן דאָ פיינע שילדערונגען פון מאַכטלאָזיקייט פון ציטעריקע און ציטערנדיקע אינטעליגענטע יידישע ייִנגלעך און מיידלעך פון שטעטל. דאָס ווערק איז נישט אַזוי פעסט געבויט ווי „נאָך אַלעמען". דאָ און דאָרט וואַקלט זיך אַביסל די גאַנצע געביידע צוליב דעם, וואָס דער הויפּט־העלד איז טויט נאָך איידער די האַנדלונג הייבט זיך אָן און ער לעבט אויף רעטראָספּעקטיוו פון שמועסן און דערינערונגען. דער פונדאַמענט איז נישט קיין זיכערער און דער גאַנצער בנין מאַכט דערפאַר דעם איינדרוק פון אַ שיף אויף צעשטורעמטע כוואַליעס. אָבער מיט דער גאַנצער וואַק־לענדיקייט איז די גאַנצע קאָנסטרוקציע אַ פיינע און זי פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקע אַרכיטעקטור און איך ווייס נישט, צי נאָך איין יידישער שרייבער קען אַזוי שיין קאַפּריזנע אויסבויען אַ זאַך.

ווען דוויד בערגלסאָן וואָלט פריער נישט אָנגעשריבן „נאָך אַלע־מען", וואָלט „אָפּגאַנג" געווען זיין גרויס ווערק, אָבער ווייל ער האָט פריער אָנגעשריבן „נאָך אַלעמען" איז „אָפּגאַנג" אַ וואַריאַנט פון אַ גרויס ווערק. ס'איז די זעלביקע סימפּאָניע פון פּוסטקייט, הילפלאָזיקייט, מאַכט־לאָזיקייט און באַרגאַראָפּגיקייט, ס'איז נאָר אַן אַנדערע עפּאָכע און אַנ־דערע מענטשן און אין צענטער שטייט נישט קיין פרוי, נאָר אַ מאַן. עס שטייט אַ מלך אַנשטאָט אַ מירעלע. און דער דאָזיקער, וואָס האָט גע־זאָגט, אַז מלך איז אַ „מירעלע אין הויזן" (איך ווייס נישט ווער עס האָט עס דער ערשטער געזאָגט) האָט עס זייער ריכטיק געזאָגט. מלך איז אפילו אַ סך מער ווייבלעך, ווי די זייער ווייבלעכע מירעלע. די העלדין פון „נאָך אַלעמען" איז אַמאָל אַביסל מענעריש ענערגיש, זי קריגט זיך און שטעלט זיך קעגן און זי ברענגט שלעכטס אַלע, וואָס קומען מיט איר אין קאָנטאַקט און מלך וואָלט געוואָלט ברענגען ברכה אין יעדן הויז אַריין אוודאי שטעלן די צוויי ווערק פאַר דורכאויס פאַרשידענע עפּאָכן. „נאָך אַלעמען" שפּיגלט זיך וואַרשיינלעך אָפּ סוף 19טן יאָרהונדערט, בעת „אָפּגאַנג" אָטעמט מיט דער פאַרלוירנקייט פון נאָך 1905. אין „נאָך אַלעמען" פאַרנעמט דער עלטערער דור מער פּלאַץ אין לעבן, אין אָפּגאַנג" איז דער עלטערער שוין ווייט אין שאָטן און די פאַרנאַכטיקע זונען־שטראַלן (קיין באַטאָגיקע שטראַלן זענען ביי בערגלסאָנען נישטאָ) פאַלן אויף דער יוגנט, אָבער ביידע ווערק האָבן פאָרט דאָס זעלביקע טרויער־געזאַנג און זענען אין זעלביקן ריטם. אין „אָפּגאַנג" איז דערפאַר נאָר אַ וואַריאַנט פון אַ גרויס ווערק, אַ פּרעכטיקער, אַ ראַפינירטער, אַ קלוגער און קלוגעטשקער, אָבער דאָך נאָר אַ וואַריאַנט.

פאַראַן איין עלעמענט אין „אָפּגאַנג", וואָס איז נישטאָ אין „נאָך אַלעמען". אַן אומצופרידענער עלעמענט, וואָס בונטעוועט זיך מיט ווער־טער. מיינט נישט חלילה, אַז ס'איז די רעדע וועגן אַרבעטער, אָדער כאָטש בעלי־מלאכות. דער אָנפירער פון די אומצופרידענע איז דער פאַרוואַלטער פון דער תלמוד־תורה פרעגער, און געוואָרן איז ער אַ בונטאַר, ווייל חווה פויזנער, דאָס שענסטע מיידל פון ראַקיטנע (אַזוי הייסט דאָס שטעטל), אַ טאָכטער פון אַ גרויסן גביר, עזריאל פויזנער, האָט זיך אין אים פאַרליבט און דערנאָך האָט זי אים איבערגעלאָזט. פרעגער איז דער פאַרשטוי־סענער געליבטער, וואָס פאַרלירט דעם טאַקט און רעדט אויף זיין גע־וועזענער פריינדין און באַליידיקט זי און ער וויל איר אויף צו־להכעיס

אַ חתן ווערן פאַר אַ דינסט. פרעגער איז פון דער נאַטור אַ צו־להכעיס־זונג, אַ שאַרפער קאָפּ און ער האָט אַליין פאַרשפּרייט דעם קלאַנג, אַז ער האָט ליב דעם ביטערן טראָפּ. ער ווינט ביי זיינוול פּאַטשטאַר, וואָס איז אַמאָל געווען אַ מסור און חברט זיך מיט זאַלקער דעם אַגענט פון זינגערס ניי־מאַשינען און מיט שאולקע הפקר־יונג. אָט דאָס איז די רעוואָלוציאָנערע קאָמפּאַניע בערגלסאָנס. ווען אָט די קאָמפּאַניע מאַכט אַ לחיים, ווינטש זי, אַז עס „זאָלן פּלאַצן אַלע ראַקיטנער פּיינע און לייטישע באַלעבאַטים". דער אַגענט פון די ניי־מאַשינען האָט אַ ברודער אַ רעוואָלוציאָנער, איז ער דאָך אַ קרוב מיט דער רעוואָלוציע. און פרעגער זאָגט אויף זיך, אַז ער איז אַ רעוואָלוציאָנער, „כאָטש ער האַלט אַביסל פון פּאַלעסטינע", ר'איז נישט קיין ציוניסט, אָבער ער גלויבט, אַז „אין פּאַלעסטינע קענען נישט אויסוואַקסן אַזעלכע טאַטעס ווי עזריעל פויזנער".

די גאַנצע כלומרשטע „רעוואָלוציאָנערע" שכור־באַנדע איז זייער קלוג און זייער כיטרע באַשריבן. די שיכור־סצענעס זענען ממש אָפּגעשפּילט פאַר אונדזערע אויגן. דער מחבר באַוויזט דעם ווונדער צו זיין אי אַ טראַנספּאָרמאַטאָר, אי אַ טיפער פּסיכאָלאָג. אָבער עס איז זייער מאָדנע, וואָס בערגלסאָן האָט נישט געפונען קיין אַנדערע אומצופרידענע אין אַ שטאָט מיט אַכט טויזנט איינוווינער. (אַזויפיל גיט ער אַליין צו זענען פאַראַן איינוווינער אין ראַקיטנע), דער קלוגעטשקער בערגלסאָן פון 1913 האָט נאָר געזען די קאַריקאַטור פון דער רעוואָלוציע. דאָס לעבן ביכלל האָט ער געוויזן מיט גראַציעזער, לויטער לייכטקייט, אָבער טרויעריק שווער, און די רעוואָלוציע האָט ער געוויזן ווי אַ לץ...

וואָס קומט אייגנטלעך פאָר אין „אָפּגאַנג"? ס'זענען פאַראַן זייטיקע סיפּור־המעשיות אין בוך, אָט אַ שטייגער ווי די צעשטערטע ליבע צווישן דער שיינער חווה פויזנער און דעם באָהעמיש־הפקרדיקן פרעגער, אָבער אין צענטער איז כימעט קיין פאַבול נישט פאַראַן. דאָ איז פאַראַן אַ נאָגנדיק געזאַנג פון בענקשאַפט און שווייגן. מלכן, דעם לאַנגן, בלאָנדן שעמעוודיקן בחור, וואָס האַלט אַן אַפּטייק־מאַגאַזין, האָבן אַלע מיידלעך ליב. חיים־משה זאָגט, אַז זיין פריינט מלך איז:

„בנעימותדיק קליינשטעטלדיק געטעלע; ער האָט ווייך געמאַכט די הערצער ביי די קליינשטעטלדיקע מיידלעך".

מלך שווייגט צו אַלע מיידלעך און ער שווייגט ביכלל. ער קען זייער

שיין שווייגן ווי די שטערן. אין שטעטל איז פאַראַן אַ מאָדנע קורסיסטקע, עטל קאַדיס, וואָס פאַרשפאַרט זיך אין צימער אויף צוויי חדשים און שווייגט. גייט זיך מלך מיט איר באַקענען און זיצט זיך אַנידער און שווייגט און ווען ער גייט שוין אַוועק, זאָגט ער צו עטלען: „האָט קיין פאַריבל נישט, מיר האָט זיך די גאַנצע צייט געדוכט, אַז איך האָב אייך עפּעס צו זאָגן". און ביי דער טיר גיט ער צו: „שיר, שיר, האָב איך אייך עפּעס געהאַט צו זאָגן". איז אָט פאַר דער עטלען איז מלך שיר נישט געוואָרן אַ חתן. שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אויך די שיינע חווה פויזנער האָט אים ליב געהאַט, זי איז אומישנע אַוועקגעפאָרן פון שטאָט, ביכדי אים צו קענען שיקן בריוו און זי האָט אים געשיקט אַ שטיקל פישביין פון איר ליף.. און די האַרציקע גבירישע טאָכטער כאַנקע ליובער האָט אים אויך ליב געהאַט. און מלך האָט צו אַלע געשוויגן. חיים־משה האָט אַמאָל געזאָגט: „שווייג, שווייג, וועסט סוף־כל־סוף אויסשווייגן אַ שיין לעבן". אָבער אויסגעשוויגן האָט ער דעם טויט. דער האַרטער משה־חיים איז געקומען ליקווידירן זיין חברס קראַם, האָט ער זיך גענומען פרעגן פון וואָס ער איז געשטאָרבן, און ער האָט זיך אָנגעשטויסן אויף דעם זעלבן וואָס קהל האָט זיך אָנגעשטויסן: אַז מלך איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. קהל האָט אים דערפאַר געלייגט לעבן פּלויט. דאָס בוך האָט אָט אַ דעם מאָטאָ פון יחזקאל: „ואראה והנה חור אחד בקיר... ואחתר... והנה פּתח אחד..." איך האָב געזען ס'איז דאָ אַ לאָך אין וואַנט... האָב איך געגראָבן... און אָט איין טיר... חיים־משה האָט געטראָפן אַ קליין לעכל אין וואַנט און ער האָט אַזוי לאַנג געגראָבן ביז ער האָט זיך געעפנט אַ טיר צום גאַנצן לעבן מלכס. זיין שטאַרבן איז געווען — „אַ שטומער פּראָטעסט" קעגן דעם, וואָס גאָט האָט אים געשיקט אויף אַזאַ שלעכטער וועלט... חיים־משה גייט אַלץ טיפער און טיפער אין מלכס לעבן אַריין און די צאַרטע נגידישע טאָכטער כאַנקע ליובער, וואָס איז געווען פאַרליבט אין מלכן, פאַרליבט זיך אין חיים־משהן.

אָט דאָס איז די גאַנצע צענטראַלע „פאַבול" פון „אָפּגאַנג". אַ מענטש האָט זיך איבערצייגט, אַז דאָס לעבן איז גאָרנישט ווערט נאָך איידער ער האָט געלעבט און ער איז אַוועק. חיים־משה פלעגט זאָגן, אַז פאַר דעם אַוועקגיין „וועט ער זיך נאָך אָפּרעכענען מיט גאָט מיט אַ „נו?", מלך האָט קיין „נו?" אויך נישט געפרעגט.

דוויד בערגלסאָן בלייבט לפנים דער אָביעקטיווער, אָבער באמת איז

ער צו זײַנע העלדן סוביעקטיוו און צוגעבונדן און ער װײַזט זײ אין אַן אַרעאָל פון מאַרטירער — מאַרטירער פון אַ לעבן, וואָס איז גאָרנישט ווערט. ער איז נישט נאָר פול מיט צאַרטקייט צום שווייגנדיקן געזאַנג מלך, צום „געטעלע פון די קליינשטעטלדיקע מיידלעך", נאָר אויך צום טייוולאָנישן חיים־משה. מלך זאָגט אים, אַז „ער ציילט נישט ווי אַ קרע־מער, נאָר ווי אַ טייוול". ער ציילט יענעמס גליק. מלך פאַרטייטשט עס אין אייגענעם געדאַנק:

„וואָס איז אייגנטלעך דער טייוול, וואָס האַלט, אַז איוב און גאָט נאַרן זיך איינער דעם צווייטן? דער עיקר איז, וואָס גאָט האָט איובן געבענטשט... שימחה ביי אים אין הויז. אַלע וואָך קומען זיך צונויף די קינדער. און דער טייוול גייט אַרום אין און אַרום דעם הויז, ווו ס'קומט פאָר די שימחה און ציילט און ציילט; אַ פרעמדוועלטיקער גייסט אָן ליידנשאַפטן, אָן אייגענעם באַגער ציילט פרעמדע אומגליקן און פרעמדע גליקן".

אייגנטלעך איז חיים־משה דער טייוולאָנישער ציניזם, וואָס פאַרסמט מיט גלייכגילט דעם עמאַציאָנעלן מלך, וועלכער האָט ליב יעדעס הויז, ווו ס'איז דאָ אַ יונג מיידל.

פאַראַן אין „אָפּגאַנג", ווי אין אַלע ווערק בערגלסאָנס, אַ גאַלעריע טיפּן, וואָס זענען געמאָלן מיט זעלטענער שאַרפקייט. אַ פראַזע איז ביי אים גענוג צו דערקענען אַ מענטשן. אָט שילדערט ער אָפּ די פרוי בראָמ־בערג, וואָס האָט די ערשטע אין שטעטל חתונה געהאָט „פּאָ ליובווי" (אויס ליבע) און דערנאָך האָבן איר אַלע נאָכגעטון. אָט אָ די פרוי בראָמבערג, „אַז זי זאָגט אָפּ אַ חכמה, שנירעוועט זי צונויף דאָס פּיסקל און וואַרט, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זי קומען אויסקושן"... אָט שילדערט ער אַנשל צודיק, וואָס מען האָט שוין עטלעכע מאמרים זיינע געדרוקט אין די העברעאישע זשורנאַלן, „ער איז אַ סקעפּטיקער אַנשל צודיק און שוין אַ פּאָר יאָר געווען אין פּאַלעסטינע, ער גלויבט ביכלל נישט, אַז דאָ אין גלות זאָל עפּעס אויפגעטון ווערן". כאַנקע ליובערס ברודערל מאָטיק, וואָס דערציט זיך אָן אַ מאַמען, איז אין קאַרגע ווערטער געשילדערט מיט זעלטענער בולטקייט. אַ גלענצנדיק בילד פון אַ קאַפּריזנע גביריש יתומל. מיט דער זעלבער שאַרפקייט איז געשילדערט כייקע די דינסט, מיט וועלכער פרעגער וויל דווקא חתונה האָבן. כייקע זאָגט שלום עליכמדיק,

אַז זי גלויבט אין פּרעגערן ווי אין צלם. ווען פּרעגער רעדט און דער הונט בילט איז ביי איר אַלציינס. לייכט און מיט אַ שטילן הומאָר איז געשילדערט די פּרייצוהערערין אסתר פיך, וואָס גיט אַ קום אין שטעטל אַריין מיט דעם אימפּעט און שטורעם פון אַ כלל־טוערין און ס׳מאָלט זיך אַרום איר ווי אין אַ מיל. און פּונקט אַזוי שאַרף איז געשילדערט כאַנקע ליובערס טאַטע, אַן אַלמן, וואָס לאָזט זיך ווילגיין, ווייל ער האָט געלט און חייה פּויזנערס חתן דעסנער, דער פאַרביסענער יונגער יידישער פּריץ. אָט די אַלע און נאָך אַ סך אַנדערע מענטשן זענען געשילדערט רעאַל־קינסטלעריש. די צוויי צענטראַלע פיגורן זענען אַ סך מער סימבאָליש קינסטלערישע, ווי רעאַל־קינסטלערישע. און איבערהויפּט איז סימבאָליש דער צינישער געדאַנקען־טרעגער חיים־משה. מלך איז לעבעדיק אויך, חיים־משה איז, דאַכט מיר, בלויז אַ קינד פון מחברס געדאַנקען...

צייטנוויליז לייענסטו „אַפּגאַנג" און דיר נעמט זיך דוכטן, אַז דו לייענסט נישט אַ בוך פון הײנטיקן לעבן, נאָר עפּעס אַ פאַנטאַסטישע מעשה וועגן אַ לאַנד, וווּ „עס שימערט נאָר פאַרנאַכטיקער שיין". אפילו דער געוועזענער עקסטערן פישל ריכטמאַן, וואָס האָט חתונה געהאַט און פאַרקויפט זעק, האָט אין זיין מאַטן געזיכט „עפּעס פון די יוצאי מצריים און פון דער זון, וואָס פאַרגייט". ס׳איז באמת אַ דעמאָנישע פאַנטאַס־טישע מעשה וועגן יינגלעך און מיידלעך, וואָס זענען פאַרליבט און שווייגן און שטאַרבן...

און דו נעמסט זיך דערמאָנען, אַז ערגעץ האָסטו שוין זיך באַקענט מיט ענלעכע העלדן... ביי האַמסונען? ניין ביי — בערגלסאָנס אמתן טאַטן — ביי נאָמבערגן. נאָמבערג האָט פאַקטיש פאַרטראַכט דאָס דאָזיקע, וואָס בערגלסאָן האָט קינסטלעריש פאַרווירקלעכט. אפילו די שפּראַך בערגלסאָנס האָט נאָמבערג שוין פאַרטראַכט. נאָמבערג האָט געהאַט אַ קינסטלערישן קאָפּ, בערגלסאָן איז אַ קינסטלער מיט אַלע רמ״ח אברים. אָבער איז דען חיים־משהס פאַרלאַנג זיך אָפּרעכענען מיט גאָט מיט אַ „נו?" נישט פליגלמאַניש? שוין פון פליגלמאַנען בלייבט אַ קעלט אין אַלע גלידער. חיים־משה טרעפט אין ראַקיטנע אַ יידן, וואָס ווען ער דערוויסט זיך ווער ער איז, זאָגט ער אים: „דאַרפסט שוין נישט זיין קיין יונגערמאַן, אַ פּאָר און דרייסיק, האַ?" איז אָט אָ דער ייד פאַרפאַלגט אים, חיים־משהן, מיט זיינע אויגן, וואָס זענען „גריבלעך נאַסע שטיינדלעך".

דער דאָזיקער ייד איז, קלערט ער, אַ פּיין פון אָפּגעלעבטע דורות, אַן אַלט גלייכגילטיק וועזן, וואָס אָנערקענט דיך נישט. וואָס וואָלט ער געזאָגט וועגן דיר, ווען ער זעט ווי דו פּלאָטערסט צווישן פּאַרטיי־חברים אונטער באַריקאַדעס? וואָרט, ס׳איז אַ געדאַנק, ער וואָלט דיר גאָרנישט געזאָגט. ער וואָלט נאָר אַ פּאַטש געטון איבער זיין פּושקעלע און וואָלט דיר געגעבן אַ קלוגעטשקן שמעק טאַבאַק״. אָבער איז דען חיים־משה אַליין אַנדערש? יענער ייד גלויבט דאָך מיסתמא אין אַלטן קידוש השם, בעת חיים־משה גלויבט נישט אין באַריקאַדן און נישט אין קידוש השם. פּאַקטיש האָט חיים־משה באַגעגנט זיך אַליין, ער האָט באַגעגנט דעם קוהלת, וואָס איז נישט געווען קיין מלך, האָט נישט געהאַט קיין דינסטן און דינער, זילבער און גאָלד, זינגערס און זינגערינס און ווייבער און ווייבער און האָט דאָך באַשלאָסן, אַז „אַלץ איז נישטיקייט און אַ יאָגן זיך נאָכן ווינט״. פישל ריכטמאַנס ווייב, די כימעט פּשוטע יידענע ווייסט, אַז „יעדע זאַך האָט אויף זיך אַן אויבערשלאַק און אַן אונטערשלאַק און אינמיטן איז נאָך אויך עפּעס פאַראַן״. דוויד בערגלסאָן האָט מיט „אָפּגאַנג״ געוויזן, אַז ס׳איז גאָרנישטאָ

נישט אויבן,

נישט אונטן,

נישט אינמיטן...

ער האָט אונדז דערציילט טרויעריק און טייוולאָניש, אַז ס׳איז נישטאָ ביי אונדז עפּעס אַנדערש אויסער אַ פאַרשאָלטענע שיף, וואָס גייט אָפּ אין תהום אַריין. ער האָט עס דערציילט קלוג און שיין, אָבער אָן קראַפט און האָט ביי אונדז אַרויסגערופן אַ ספק אין אמתדיק פון זיינע געדאַנקען. אָט ווי ס׳איז גאָרנישאָ אונטן, נישט אויבן, נישט אין מיטן, איז דאָ אַ טרויער און אַ חן און ביידע קענען מציל זיין.

ווען מען האָט געפרעגט פלאָבערן וועמען ער האָט געמיינט מיט זיין „מאַדאַם באָוואַר״, האָט ער געזאָגט: „מאַדאַם באָוואַרי, דאָס בין איך״. בערגלסאָן וואָלט געקענט זאָגן סיי וועגן זיין מלכן און סיי וועגן זיין מירעלען: „דאָס בין איך״... ער האָט ביידנס טרויעריקן חן און ער האָט געפילט, אַז חן קען מציל זיין. דאָס פלאַץ פון גלויבן פאַרנעמט ביי בערגלסאָנען דער חן.

אַ שטיקל פּאָרטרעט

דעם מחבר פון אָט דער אַרבעט איז אויסגעקומען אַ סך מאָל צו זען דוויד בערגלסאָן נאָך פאַר דעם ערשטן וועלט־קריג. איך האָב אים געזען קוקן טרויעריק און לאַכן מיט דעם פולן מויל און עפּעס האָט סוגערירט: אַ טרויעריקער לץ און אַ לץ פון טרויער...

אַ פיינלעכן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט אַן אָוונט אין בערלין. אַ ייוואָ־אָוונט איז דאָס געווען. בערגלסאָן איז געווען טאָסטמייסטער. און עס איז געווען טוב לבֿ המלך. פּלוצלינג איז אָנגעקומען שלום אַש. דער טאָסטמייסטער האָט אים וואַרעם באַגריסט. דער גאַסט האָט באַלד צוגע־נומען די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז בערגלסאָן פאַרשוווּנדן. דאָס איז געווען אין יענער צייט, ווען דער מחבר פון „נאָך אַלעמען" האָט זיך שוין קיין אָרט נישט געפונען. אפשר האָט ער אין יענעם אָוונט געהאַט באַשלאָסן צו אַוועקגיין אַהין, וווּהין שלום אַש וועט נישט נאָכגיין...

מיר איז אויסגעקומען אַ פּאָר מאָל זיך צו טרעפן פּערזענלעך מיט בערגלסאָנען. דאָס איז געווען אין יאָר 1930—31, ווען דער פּעסימיסטיש־סטער פון אונדזערע שריפטשטעלער איז שוין געגאַנגען „אין שפּאַן". ער פלעגט זיך אין ראָמאַנישן קאַפע נאָך טרעפן מיט אַנטי־סאָוויעטישע מענטשן. ער איז נאָך געווען זייער באַפריינדעט מיט דניאל טשאַרני און מיט דעם זשורנאַליסט י. קלינאָוו. איך האָב אויך געהאַט איין מאָל אַן אינטימערן שמועס מיט אים, טאַקע ביי אים אין הויז.

אין געזעלשאַפט האָט בערגלסאָן געשפּרודלט מיט הומאָר און ער פלעגט אַ וויץ אַזוי אָפּשפּילן, אַז האָסט זיך געמוזט פאַרטראַכטן וועגן זיינע שוישפּילערישע פעאיקייטן. ער האָט נאָכגעמאַכט ווי אַזוי אנכי איז געקומען פון ווין קיין בערלין און דערציילט, אַז ער האָט אין ווין געגעסן אַ זייער געשמאַקן מאכל, אָבער ער געדענקט נישט ווי אַזוי ער הייסט, ער געדענקט נאָר, אַז ער איז מיט אַ חיריק. מען האָט אויסגערעכנט אַן אַ שיר מאכלים מיט אַ „י" און מען האָט זיך קוים דערוווּסט, אַז דאָס איז אַ „שניצל"... און ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז די יידסעקישע פירער האָבן צו אים גאַנץ ווייניק צוטרוי, האָט ער דערציילט דעם וויץ מיט דעם שמש, וועלכן אַלע באַליידיקן ווי אַ מנוול און ווען מען פרעגט אים וויפל

ער פֿאַרדינט פֿון שמשות, האָט ער געענטפֿערט, אַז ער אַרבעט פֿון כבוד וועגן. דעמאָלט איז נאָך דער דאָזיקער וויץ געווען ניי. און בערגלסאָן האָט אָפּגעשפּילט דעם גאַסט, וואָס פֿרעגט זיך צום שמש, די אַלע יידן, וואָס ענטפֿערן און דעם שמש אַליין, איז דאָס געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער ספּעקטאַקל.

אָבער ער האָט נישט אויף לאַנג פֿאַרגעסן, אַז ער גייט אין שפּאַן. ער האָט זיינע נייע באַלעבאַטים אָפּט פֿאַרטיידיקט אויף אַ גאַנץ אייגנאַרטיקן אופֿן. ווען מען האָט אָנגעוויזן, אַז די יידסעקן באַציִען זיך טעאָרעטיש נעגאַטיוו צו יידיש און פּראַקטיש פּאָזיטיוו, האָט ער דערקלערט, אַז זיי זענען נישט שולדיק. זיי געפֿינען זיך אין אַ שווערע לאַגע. זיי האָבן נישט קיין באָדן. קיין סעקציעס זענען אין די קאָמוניסטישע פּאַרטייען נישטאָ און קיין פּאַרטיי קיין יידישע קען נישט זיין, ווייל עס איז נישטאָ קיין יידישע רעפּובליק. ער, בערגלסאָן, איז זיכער, אַז אינגיכן וועט זיין אַזאַ יידישע רעפּובליק אין קרים. זיין אופֿן רעדן איז געווען אַזאַ ערנסטער, אַז ער האָט לחלוטין פֿאַרלוירן דאָס פּיקחות. ער האָט נישט לאַנג געהאַט געזאָגט די וואַרשעווער יידישער שרייבער, אַז זיי האָבן קיין מוט נישט צו זיין נאַריש, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז בערגלסאָן אַליין האָט אויך אַזאַ מוט נישט, איצטער האָב איך דערפֿילט, אַז ער שטרענגט זיך אָן צו האָבן אַזאַ מוט. דער אייביקער סקעפּטיקער, וואָס האָט מורא געהאַט צו פֿאַרלירן דאָס שמייכל, ביכדי נישט צו פֿאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט, ווייל מוותר זיין אויפֿן שמייכל. ער האָט אַ שוואַרץ פֿינטל אונטער אַן אויג, האָט זיך ביי אים דאָס דאָזיקע פֿינטל אויך אָנגעצונדן און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט טאַקע אַ טאָפּלט ברענענדיק אויג...

איך האָב זיך צו אים דעמאָלט גוט צוגעקוקט און אַזוי איז ער מיר פֿאַרבליבן אין די אויגן: אַ מיטלוווקסיקער, אָדער טאַקע אַ כימעט נידעריקער און אַ פֿלינקער, זיין גאַנצער קערפּער באַוועגט זיך און בייגט זיך לייכט און נערוועז, ער האָט אַ קערפּער פֿון אַן עלאַסטישן שוישפּילער. און אַזוי איז אויך זיין געזיכט — באַוועגלעך און פֿול מיט נערוון. ער באַהערשט זיין פּנים דורך און דורך. ער קען באַוועגן מיט וואָסערע טייל פֿון פּנים ער וויל און אַזוי בריהש באַוועגן, אַז אַ גוטער קינאָ־שוישפּילער וואָלט אים געמעגט מקנא זיין. זיין פּנים איז ברוין און דורכזיכטיק, ווי לויטערע קאַווע, כאָטש זיינע האָר זענען גאַרנישט אַזוי שוואַרץ. אַ ברונעט מיט שאַטענע האָר. דאָס איז, דוכט זיך, אַ שטיק כאַראַקטעריסטיק זיינע

אויך אַלס שריפטשטעלער: ער איז שאַרף, שאַרף און פּלוצלינג שאַטנדיק. די אויגן זענען גרינלעך־גרוי און האָבן נאָך אַזוי פיל גלאַנץ! ער איז שוין, דוכט מיר, דעמאָלט געווען אַריבער די 45 און די אויגן האָבן געגלאַנצט ביי אים, ווי ביי אַ יונג ליידנשאַפטלעך מיידל.

געוווינט האָט ד. בערגלסאָן אין מערב־בערלין, אין אַן אָרימער אַרבעטער געגנט און אין אַ זייער באַשיידענער דירה. איך האָב געדאַרפט ביי אים נעמען אַן אינטערוויו, אָבער איך האָב דאָס נישט געטון. איך האָב אים סתם געלאָזט רעדן און ער האָט גערעדט זיצנדיק, גייענדיק, שטייענדיק לעבן דער הרובע און איך בין אים נאָכגעגאַנגען און זיך איינגעהערט. ער האָט גערעדט נישט נאָר וועגן זיך, ער האָט גערעדט וועגן אַנדערע אויך. ער האָט געזאָגט אַזעלכע שאַרפע רייד, אַז ווען איך וואָלט דעמאָלט געוואָלט מאַכן סענסאַציעס, וואָלט איך בפירוש געקענט אַרויסרופן אַ סקאַנדאַל. געדרייט האָט זיך אַלץ אַרום דעם וואָס אַנדערע יידישע שרייבער זענען קינסטלעריש נישט אויסגעהאַלטן און ער איז דער איינציקער אויסגעהאַלטענער. איך האָב דאָס דאַזיקע נישט געטון. ער האָט אויך גערעדט שאַרף וועגן אייניקע קאָמוניסטישע יידישע שרייבער. רעדנדיק וועגן מ. אָלגין, האָט ער געזאָגט: ער איז אַ פּאַנפּאַטש. איר פאַרשטייט וואָס הייסט אַ פּאַנפּאַטש? איך בין אַמאָל געליגן ביינאַכט, נישט ווייט פון אַ גרויס געשעפט פון זייגערס און איך האָב נישט געקענט שלאָפן, האָט אין זייגער געקלונגען דריי. געקלונגען לאַנגזאַם, שווער, יעדן קלונג האָט מען געקענט אָנטאַפּן. דערנאָך האָבן געקלונגען זייגערלעך אָן אַ שיר, אָבער קיין איין רעכטן קלאַנג האָט מען נישט געהערט. בערגלסאָן האָט געאַרבעט מיט אַלע כלים, געלאָזט הערן פעסטע קלאַנגען און פּאַנפּעוואַטע קלאַנגען און געטון אַלצדינג, אַז איך זאָל האָבן אָלגינען פאַר די אויגן.

אויך פּרץ מאַרקיש איז נישט געשוינט געוואָרן פון בערגלסאָנען, וועלכער האָט מיט דעם מחבר פון דער „קופּע" געהאַט אַן אייביקן סיכסוך וועגן דעם, צי דאַרף אַ קינסטלער זיין אויפריכטיק. בערגלסאָן האָט דערציילט, אַז אויף דער גרויסער אויפנאַמע, וואָס מען האָט אים געמאַכט אין מאָסקווע, איז געווען אויך מאַרקיש. דער פּראָזע־שרייבער איז צוגעגאַנגען צום דיכטער, וועלכער איז געווען אַביסל בגילופין. און בערגלסאָן האָט געגעבן אַזאַ אימיטיר מאַרקישן, אַז איך האָב אים דערזען און דערהערט און אפילו זיינע בלויע אויגן האָב איך דערזען. בערגלסאָן האָט

געזאָגט דעם דיכטער: זעסט, אַז אויפריכטיקייט באַצאָלט זיך? און דערויף זאָל מאַרקיש אים געווען האָבן געזאָגט:

— אַז ווער דאַרף זיין אויפריכטיק, ווער?

בערגלסאָן איז דעמאָלט געווען זיכער, אַז ער וועט ענדלעך באַלוינט ווערן פאַר זיין אויפריכטיקייט און מאַרקישעס שטערן וועט פאַלן. ער האָט נישט פאָראויסגעזען, דער גרויסער חכם, אַז ביידע וועלן ענדיקן אויף דעם זעלביקן אופן.

בערגלסאָן האָט אַ סך גערעדט וועגן זיין באַציאונג צום אַרבעטער. ער האָט פון תמיד אָן געהאַט געעפנטע חושים פאַר עקספּלואַטירטע, זיין כימעט ערשטע זאַך איז געווען „דער טויבער״, אָבער טאַקע דידאָזיקע, וואָס פאַרלאַנגען היינט פּראָלעטאַרישע קולטור, האָבן אים געלערנט נישט צו זיין פּראָלעטאַריש... ער האָט זייער שטאַרק באַטאָנט זיין פּראָ־לעטאַרישן באַוווסטזיין. ער האָט, ווייזט אויס, מורא געהאַט, אַז מען וועט אים נישט גלייבן...

איך האָב געוואָלט הערן עפּעס פון בערגלסאָן דעם שריפטשטעלער, נישט דעם פירער פון די יידישע „סמיענאָ וויעכאָווצעס״ און איך האָב אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט ביז צוריק מיט עטלעכע יאָר געשריבן אַזוי ווייניק און די לעצטע צייט איז ער געוואָרן אַזוי פּראָדוקטיוו. בערגלסאָן האָט געענטפערט: „איך טראַכט נישט אויס מיינע העלדן און זייער לעבן, איך שטודיר זיי לאַנג, לאַנג. ביכדי צו געבן אַ מענטשן מיט זיין לשון, מוז מען קענען זייער גאַנץ לעבן. איך האָב געשריבן ווייניק, ווייל איך האָב נאָך ווייניקער געקענט דאָס לעבן. איך האָב געוואַרט, אַז מיינע העלדן זאָלן רייף ווערן.״ און ער האָט דערנאָך גענומען רעדן וועגן זיין בן זקונים — „פּענעק״. דאָס וועט זיין אַ ראָמאַן אין זעקס גרויסע טיילן און וועט אַרומנעמען דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד אין די לעצטע דרייסיק יאָר פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. דאָס וועט זיין אַ גאַלעריע פון טיפּן, העלדן און פאַרשוינען און עס וועט דורכגיין אַלע יידישע געראַנגלענישן ביי יידן און — דער קלאַסן קאַמף. איך האָב דאָס דאָזיקע ווערק — האָט געזאָגט בערגלסאָן — אָנגעהויבן צוריק מיט אַ סך יאָרן. עס איז דעמאָלט פּרצן געפעלן, ר׳ מרדכילע האָט דאָס גאָר געלויבט. און איך האָב דאָס אַוועקגעלייגט. ר׳ מרדכילע האָט מיך דערנאָך גע־פרעגט: „וווּ איז אייער ווערק?״ איך האָב זיך נאָך נישט געפילט רייף דערצו. ווער עס האָט מיך געזען און געהערט לייענען — זאָגט ווייטער

בערגלסאָן — דער דאָזיקער ווייסט ווי ווייט איך קאָן מיינע העלדן. אַז איך לייען עפּעס דעמאָנסטריר איך מיינע העלדן. אין מיר א׳יז אפשר פאַרפאַלן געוואָרן אַ שוישפּילער״... און בערגלסאָן האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אַמאָל געשפּילט אַ ראָליע אין זיינער אַ פּיעסע... ער האָט דערנאָך ווייטער גערעדט וועגן „פּענעק״, וואָס וועט זיין דאָס גרעסטע ווערק זיינס.

מיר האָבן אַ רעד געטון וועגן סטיל, שול, מאַניר. בערגלסאָן האָט זיך געהאַלטן פאַר שלום עליכמס אַ נאָענטן. געוויסע ענלעכקייטן צו אונדזער גרויסן הומאָריסט פעלן טאַקע נישט ביים מחבר פון „נאָך אַלעמען״. איבערהויפּט שטעקט אַן ענלעכקייט אין דעם אָנכאַפּן אַ וואָרט און דאָס איבערחזרן, אָבער ביי בערגלסאָנען איז דאָס מאַניר, בעת ביי שלום עליכמען — נאַטור. און דער סאַמע עיקר איז ביי בערגלסאָנען אַנדערש, ווי ביי שלום עליכמען, דער טרויער ווערט ביי אים נישט באַזיגט, ווי ביים גרויסן הומאָריסט...

בערגלסאָן האָט גערעדט מיט אַ קאַפּעטשקע ביטול וועגן פּאָעזיע, וועלכע איז ביי אים אויסגעקומען ווי עפּעס אַ נידעריקערע מדרגה פון קונסט... און אויב שוין יאָ פּערזן, מוזן זיי זיין כאָטש (ס׳איז זיין כאָטש — י. ב.) אַן אויסדרוק פון איין עפּאָכע. פאַרוואָס אַזאַ גרויסע פרע־טענזיע צו פּאָעזיע — ווייס איך נישט. אָבער אַ משל האָט ער מיר בשעת מעשה דערציילט אַ שיינעם. ער האָט געוואָלט באַווייזן, אַז אַ דיכטער מוז האָבן כוח און אַז אַ קרוין טוט מען נישט אָן אומזיסט, האָט ער דער־ציילט, אַז עס איז געווען יום כפּור צו כל נדרי אויף דער גרענאַדיר־־גאַס (די יידישסטע גאַס אין בערלין) און האָט דאָרט געזען אַ סך שיינע יידן, שוין לאַנג נישט געזען אַזעלכע שיינע יידן און אַ סך פון זיי האָבן גע־האַט געשמאַק קול־נגינהס און פאַרן עמוד האָט דווקא געדאַוונט אַ מיאוסער ייד מיט עפּעס אַ מיאוס קול. אַלע האָבן געזאָגט שענער לדוד מזמור, ווי דער בעל־תפילה. אָבער צום סוף האָט דער בעל־תפילה געגעבן אַזאַ געשריי: „ה׳ הוא האלוקים״, אַז מ׳האָט אַ ציטער געטון, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אומזיסט מאַכט מען נישט פאַר בעל־תפילה...

און איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז בערגלסאָן גופא איז דעמאָלט געשטאַנען פאַר דעם פּרווו צו זיין נישט בלויז אַ שיינער ייד מיט אַ פיינעם קול נגינה, נאָר אויך צו ווערן אַ בעל־כוח, וואָס זאָל זיין אַ שליח ציבור און ווערן דער אויסדרוק פון אַ גאַנצער עפּאָכע.

דאָס איינשפּאַנען זיך אין סאָוויעטיזם

איז בערגלסאָנס סאָוויעטישקייט געווען נאָר אַן אומנאַטירלעך באַצווינגען זיך אַליין צוליב אומשטענדן? איז ביי אים נישט געווען קיין שום נאַטירלעכע באַציאונג צו דער אָקטיאָבער־רעוואָלוציע? איז דער גאַנצער סאָוויעטישער פּעריאָד בערגלסאָנס נישט מער ווי אַ טראַגעדיע פון איינעם, וואָס איז אַריינגעפאַלן און וואָס האָט מיט דער הילף פון זיין חכמה זיך געהאַלטן אויף דער אויבערפלאַך אַ היפּשע צייט, צי איז די רעוואָלוציע געווען טיילווייז זיין סטיכיע?

אין דער לופטן שוועבן אַרום הונדערטער עפּיזאָדן און אַנעקדאָטן, וואָס זענען אויסן צו ווייזן, אַז אינעווייניק איז בערגלסאָן געווען פריער אַסאָוויעטיש און דערנאָך אַנטיסאָוויעטיש, נאָר ער האָט זיך געבוקט, ווייל ער האָט געמוזט. אָבער די אַלע עפּיזאָדן, וואָס אַ טייל פון זיי זענען אויסגעטראַכטע און דער גרעסטער טייל זענען אויטענטיש, שטאַמען פון דער צייט, ווען ראַטנפאַרבאַנד איז שוין געווען אַ דורכאויסיקע און זייער שווערע תפיסה פאַר אַלע אירע מענטשן מיט קעפּ. מיר פרעגן, צי האָט בערגלסאָן פון לכתחילה געפּראַוועט אַ שידוך פון בלויז אינטערעס מיט ראַטנפאַרבאַנד און ביים סאַמע, סאַמע אָנהייב איז גאָרנישט געווען פון דעם, וואָס זיינע העלדן רופן אָן „פּאָ ליובווי“ — אויס ליבע?

די דאָזיקע, וואָס מיינען, אַז בערגלסאָן האָט נישט געקענט זיין אפילו כולו האי סאָוויעטיש, ווייל ער איז פּערזענלעך געווען אַ מירעלע, אָדער אַ מלך און ער האָט נישט געהאַט קיין שום אינטערעס פאַר קיין סאָציאַלע פראַגן ביכלל און פאַר קיין יידישע פראַגן ביפרט און אים האָט נאָר אינטערעסירט דאָס אינדיווידועלע פון דעם יחיד, מאַכן אַ טעות. אין פּערזענלעכן לעבן האָט בערגלסאָן געהאַט אַ גרויסן אינטערעס פאַר געזעלשאַפטלעכע — אַלגעמיינע און נאָך מער יידישע — ענינים און ער איז אַ שטיק צייט געשטאַנען נאָענט צו אַ געוויסער פּאַרטיי און ער האָט געוואָלט זיין טעטיק נישט נאָר ביי זיין שרייבטיש. און ער האָט זיך אָפּט אַרומגעטראָגן מיט פּלענער וועגן אַ פאַרלאַג. און דער באַגער צו שאַפן אַ וואָגיקן זשורנאַל איז ביי אים ממש געווען אַ מאַניע. עס זענען נישט געבליבן גענוג דאָקומענטן וועגן בערגלסאָנס געזעלשאַפט־

לעבער טעטיקייט, אָדער וועגן זיין געזעלשאַפטלעכן גאַנג, אָבער עפּעס איז דאָך געבליבן. פון זיינע בריוו צו יידישע שרייבער זעט מען, אַז נישט שטענדיק איז דער מחבר פון „אַפּגאַנג״ געווען אַ סקעפּטיקער, אָדער גאָר אַ שטן, וואָס צייַלט דאָס פאַרמעגן, ביכדי דאָס צו אומ־ברענגען. אין אָט דעם פּרט זענען די בריוו צו ש. ניגער און י. אָפּאַ־טאָשו, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין דעם אין יאָר 1952 דער־שינענעם אַכטן באַנד „זאַמלביכער״, וואָס עס רעדאַקטירן י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק — אַן אוצר.

מ׳קען פון אָט אַ די בריוו אויסשיילן בערגלסאָנס אני מאמין, וואָס איז אין סאַמע תוך נישט קיין אַנדערער ווי — פּרצעס. בערגלסאָן שרייבט צו ניגערן, אַז ער איז סוף 1912 געפאָרן קיין ווילנע צו פאַר־האַנדלען מיט ב. קלעצקין וועגן דעם זשורנאַל „די יידישע וועלט״ און זיין ציל איז קודם כל געווען נישט צוצולאָזן בן אדירן צו אָט דעם זשורנאַל, ווייל דער דאָזיקער טעריטאָריאַליסטישער פירער מאַכט צו נישט דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס. עס ווערט געבוירן, שרייבט ד. ב. „אַ נייער ייד, וואָס באַדאַרף קומען און אויפרייסן״. דאָס פייער וועגן וועלכן ב. רעדט איז אַן אינערלעכס, עס איז מעשה מרכבה. עס טראָגט זיך אַרום אין די לופטן און ס׳טוט פון צייט צו צייט אַ בליץ, אָט דאָ און אָט דאָרט. „וועט קומען, שרייבט ד. ב., בן אדיר און וועט געבן דעם סינטעז פון דעם אַלעם און וועט זאָגן וועגן „רוף צוריק אין שול אַריין״ — נאָט אייך אַ שמעק טאַבעקע, ביי די פּראָנצויזן איז נאָך דער רעוואָלוציע דאָס זעלבע געווען. „בערגלסאָן האָט געזוכט, פּונקט ווי פּרץ, „די אינדי־ווידואַליטעט פון אייביקן יידן״ און ער האָט געזאָגט, אַז דאָס אַלץ קען בן אדיר נישט באַלויכטן, ווייל ביי אים איז „קונסט אַ נאַרישקייט און די יידישע שפּראַך אַ מיטל נישט צו פאַרטונקלען דאָס באַוווסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט און יידישע ליטעראַטור — צייטזאַך, מיט וועלכער מ׳קען זיך פאַרנעמען דערווייל אין שטילשטאַנד, בשעת מען געניצט און מען וואַרט: „אָט וועט זיך נאָך אַמאָל אָנהייבן״. ניגער באַמערקט ריכטיק, אַז בערגלסאָנס כאַראַקטעריסטיק פון בן אדירן איז „אַ טיף סוביעקטיווע, אַן איינזייטיקע און אַ ביז גאָר טענדענציעזע״. אָבער אים גייט דאָ נישט אין דער כאַראַקטעריסטיק פון בן אדירן, נאָר אין דעם „הן״, וואָס מען הערט אַרויס פון דעם „מכלל לאוו״. בערגלסאָן דערשיינט דאָ ווי אַ דעצעמבער 1910 שרייבט ד. ב. צו ניגערן:

און נישט נאָר געטראַכט האָט ד. ב. וועגן דעם, אַז יידן זענען אַ וועלט־פאָלק, נאָר ער איז געווען פול מיט גלויבן אין דעם. ער האָט געהאַלטן, אַז די טעמע „צוריק אין שול אַריין" דאַרף ערנסט באַלויכטן ווערן און ער איז בכלל געווען פול מיט גלויבן. אין אַ בריוו פון 30טן דעצ. שרייבט ד. ב. צו ניגערן:

„די שטראַלנדיקע סודות, וואָס טראָגן זיך איצט צווישן דער יידישער מחנה — ס'איז עפּעס מער ווי גוט און שענער ווי שיין איז וְוייניק (אינעווייניק? י. ב.) אין דער נשמה. און ס'ווילט זיך אַרבעטן, אַרבעטן און ס'איז פשוט אַ שאָדן, וואָס מען דאַרף שלאָפן ביינאַכט".

אינאיינעם מיט זיין צוגאַנג צום גרויסן יידישן פּראָבלעם און צו זיינע אַלע קאָמפּליקאַציעס האָט בערגלסאָן, נאַטירלעך, געהאַט זיינע אייגענע אַמביציעס אַלס שרייבער. און ער האָט געוואָלט האָבן דעם לייענער און ער האָט אים געזוכט. ער האָט געחלומט, אַז אפשר די דאָזיקע פּרויען, וואָס שעמען זיך מיט יידיש, די „זינדיקע נשמות", וועלכע שמעקן אָן אין דער קונסט נאָר דאָס, וואָס האָט אַ שייכות צו זייער זינדיק זגות־נשמהלע, וועלן זיך מוזן באַהאַלטן מיט אַ (זיין) יידישן ביכל אין האַנט, אָדער בעטן די דינסט, אַז זי זאָל עס פאַר זיי דורכלייענען. זיך שעמען און בעטן (אין אַ בריוו צו ניגערן — אָן אַ דאַטום). דאָס דאָזיקע האָט וואַרשיינלעך אויך געווירקט אויף בערגלסאָנס טעטיק זיין אויף דעם געביט פון דער יידישער קולטור. ער איז געווען קינסטלעריש עגאָצענטריש און ער האָט זיך אַליין געזען נישט ווייט פון צענטער פון דער יידישער קולטור און טאַקע אַלס אירן אַ הויפּט־פאַקטאָר. אָבער דאָס דאָזיקע איז אויך אַ באַווייז, אַז ער איז נישט געווען קיין מירעלע און קיין מלך.

בערגלסאָן איז געווען טעטיק יידיש־קולטורעל פאַר דער ערשטער וועלט־מילחמה, ווען ער האָט געזען אַן אינעווייניקסט פייער ביי יידן, וואָס בליצט אויף דאָ און דאָרט און ער איז געווען טעטיק ביים אָנהייב פון דער רעוואָלוציע און ער איז געווען איינער פון די גרינדער פון דער יידישער קולטור ליגע אין קיעוו. און ווען ער האָט, אָפּלעבנדיק אַ שיינע פאָר יאָר אַלס עמיגראַנט אין בערלין, אויסלעבנדיק זיך על פּי רוב צווישן אַנטיסאָוויעטישע אינטעלעקטואַלן, זיך באַשלאָסן צו נע־

מען גיין אין שפּאַן פון דער רעוואָלוציע און ער האָט גענומען אַרויס־געבן אַ זשורנאַל, וואָס האָט טאַקע געהייסן „אין שפּאַן", האָט ער פאַר דעם אָנגעגעבן יידישע מאָטיוון אויף דעם סאַמע ערשטן פּלאַן. עס איז אויסער יעדן ספק, אַז ער האָט דערפאַר געהאַט פּערזענלעכע מאָטיוון. ער האָט נישט געהאַט קיין עקזיסטענץ מעגלעכקייטן און נישט קיין מעג־לעכקייטן צוצוקומען צו אַ לייענער. דער מחבר פון אָט דער אַרבעט האָט אַ פּערזענלעכע איבערצייגונג, אַז בערגלסאָן האָט געליטן פון אַ שלום אַש־קאָמפּלעקס און ער איז געווען פּרעדיספּאָנירט צו אַריבערגיין ביז צום ווייטסטן קעגן־פּונקט פון דעם פּלאַץ, ווו שלום אַש געפינט זיך. אָבער עס איז אויסער יעדן ספק, אַז בערגלסאָן האָט געהאַלטן דעם אוקראַינישן יידן פאַר דעם בעסטן יידישן לייענער. אין דעם בריוו צו י. אָפּאַטאָשו, וואָס ד. ב. האָט געשריבן דעם 25סטן יאַנואַר 1926 און אין וועלכן ער האָט אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער „גרויסער יידישער זשורנאַל" „אין שפּאַן" וועט אָנהייבן דערשיינען אין מערץ, האָט ער געזאָגט: „עס זעט זיך אַרויס אַ מעגלעכקייט, אַז דער זשורנאַל זאָל אויך אַריינגעלאָזט ווערן קיין רוסלאַנד. עס געווענדט זיך אין אונדזער אַלע־מענס איבערגעגעבנקייט צו דער ייד. קולטור".

היינט צו טאָג געפינען מיר אין דער לעצטער פראַזע בערגלסאָנס אַן אַבסורד אין קוואַדראַט. הערט, וואָס אַ מענטש שרייבט: עס זעט זיך אַ מעגלעכקייט, אַז דער זשורנאַל וועט אַריינגעלאָזט ווערן קיין רוסלאַנד. דער זשורנאַל הייסט „אין שפּאַן" און ער שפּאַנט זיך אײַן אין דער אידעָ־אָלאָגיע פון רוסלאַנד, זעט זיך ערשט אַ מעגלעכקייט, מען זאָל אים אַריינ־לאָזן! הייסט עס, אַז עס איז פאַראַן אַ מעגלעכקייט אויך נישט אַריינ־צולאָזן. פאַרוואָס? ווייל די רעוואָלוציע האָט זייט שטענדיק אָן געהאַלטן מער פון דעם „חשדהו", ווי פון דעם „כבדהו"... און טאָמער איז דאָס ווייניק, גיט נאָך בערגלסאָן צו ,אַז דאָס ווענדט זיך פון „אונדזער אַלע־מענס איבערגעגעבנקייט דער יידישער קולטור". דאָס דאָזיקע מיינט צו זאָגן, אַז אויב אַלע יידישע שרייבער וועלן זיך געטריי איינשפּאַנען אין וואָגן פון דער רעוואָלוציע, וועט מען דעם זשורנאַל אַריינלאָזן און מען וועט אַזוי אַרום — ראַטעווען די יידישע קולטור. דאָ איז פאַראַן אי פאַלשקייט, אי קורצקעפּלדיקייט. די פאַלשקייט איז אַ טאָפּלטע: ערשטנס האָט ד. ב. געוואָלט, אַז די יידישע שרייבער זאָלן דינען דער רעוואָלוציע, אפילו ווען זיי זענען נישט מסכים מיט איר, אַבי צו ראַטעווען די יידי־

שע קולטור. צווייטנס האָט ד. ב. געהייסן דינען דער רעוואָלוציע, נישט צוליב איר אַליין, נאָר צוליב דער יידישער קולטור (ווי יידישע נאַציאָ־נאַליסטן בראש מיט מנחם באָריישאָ האָבן געהייסן זיין פרום, ביכדי צו ראַטעווען די יידישע נאַציע, אפילו ווען מען איז אין די געדאַנקען פריי!). און די קורצקעפּלדיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס בערגלסאָן האָט געמיינט, אַז די רעוואָלוציע וועט זיך לאָזן אָפּנאַרן און זיך אויסנוצן צוליב דער יידישער קולטור. מען מוז אָבער מורה זיין, אַז אין יענער צייט האָבן אַ סך פון אונדז געדענקט אַזוי אָדער כימעט אַזוי, ווי בערגל־סאָן און מיר האָבן געמיינט, אַז פאַרזיכערן די עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק און דער יידישער קולטור קען ווערן אַן אָרגאַנישער טייל פון דער רעוואָלוציע. דעמאָלט האָט נאָך קיינער נישט פאָראויסגעזען און שוין אוודאי נישט אַרויסגעזאָגט דאָס דאָזיקע, וואָס איז געשען שפּעטער מיט אַ סך יאָרן. און געשען איז, איצטער איז עס שוין יעדן קלאָר, אַז די צווייטע וועלט־מילחמה האָט געגעבן אַ מעגלעכקייט די מיינסטע יידישע שרייבער אַרויסצווייזן, אַז זיי זענען אויסן די יידישע קולטור און טאַקע דאָס יידישע פאָלק נישט ווייניקער ווי די רעוואָלוציע און די רעוואָלוציע האָט געזאָגט: „מיר דינט מען אינגאַנצן, אָדער מען הערט אויף צו עק־זיסטירן".

בערגלסאָן האָט, זייענדיק אַ גרויסער קינסטלער און דערצו זייער אַ קלוגער, נישט געקענט פאָראויסזען, אַז די רעוואָלוציע וועט מאָנען אַלץ פאַר זיך און ער האָט זיך איינגעשפּאַנט פאַר רוסלאַנד, ביכדי צו רעאַ־ליזירן זיינע איבערצייגונגען און אַמביציעס אַלס יידישער שרייבער. אָבער אַ געגנוג ניכטערער מענטש איז ער געווען צו וויסן, אַז אויב ער האָט אויף זיך חטאים קעגן דער רעוואָלוציע, וועט מען אים דאָס דאָזיקע נישט מוחל זיין, אפילו ווען ער וואָלט געווען דריי מאָל גרעסער ווי ער איז געווען. און אויב ער האָט זיך באַשלאָסן איינצושפּאַנען אין אָקטיאָ־בער־וואָגן און צוריקפאָרן קיין רוסלאַנד על מנת להשתקע האָט ער געוווסט, אַז ער איז קעגן אים נישט באַגאַנגען קיין דירעקטע זינד. אמת, מאַקס עריק און משה קולבאַק האָבן אויך נישט געהאַט קיין זינד און מען האָט זיי אויסגעטראַכט בילבולים אויף זיי, אָבער וועגן דער מעג־לעכקייט פון בילבולים האָט מען נאָך דעמאָלט נישט געטראַכט.

זינד קעגן דער רעוואָלוציע האָט דעמאָלט געמיינט: האָבן געשריבן קעגן און האָבן געוויזן די קאָמוניסטן און זייערע טאַטן נישט אין קיין

שיין ליכט. די גאַר ערשטע ווערק בערגלסאָנס האָבן אין דעם פּרט נישט געדאַרפט גענומען ווערן אין באַטראַכט. זיי האָבן דאָך געוויזן דאָס יידישע לעבן פון די אַמאָליקע צייטן. קיין פּשטלדיקייט האָט נישט געפעלט אויך ביי די יידישע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן כסדר פאַרוואַנדלט די דיאַלעקטיק אין פּילפּול. בערגלסאָנען זענען פאַרגעשטאַנען צוויי מעגלעכקייטן פאַר די ערשטע ווערק זיינע: אָדער זיך אָפּזאָגן פון זיי, אָדער דערוויזן, אַז זיי זענען אייגנטלעך די ליקווידאַציע פון דער יידישער בורזשואַזיע. (און ער האָט טאַקע געטון ביידע: ער האָט זי געוואָלט דערוויזן, אַז זיינע ערשטע ווערק זענען כשר, אי ער האָט זיך אַרויסגעוויזן גרייט צו זיך אָפּזאָגן פון זיי. ער איז באַלד געשטאַנען ווי פאַר דעם רעוואָלוציאָנערן האַר און הערשער מיט דעם קאָפּ אַראָפּ און גרייט צו כאַפּן די שמיץ...) איז אָט אָ דאָ דאַרפן מיר נעמען בערגלסאָנס ווערק און אַריינקוקן אין זיי און זען, צי איז ער טאַקע נישט באַגאַנגען קיין שום זינד קעגן דער רעוואָלוציע. דאָס מאָסגעבנדיקע ווערק זיינס אין אָט דעם פּרט איז: „מידת הדין". דאָס דאָזיקע ווערק שילדערט די רעוואָלוציע אין דער ערשטער תקופה און איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט, ווען דער שרייבער האָט נאָך נישט געהאַט קיין שום באַשלוס ווי אַזוי צו האַנדלען אין דער צוקונפט. אפילו ווען מיר וועלן דאָ זיך גוט דערמאָנען, אַז בערגלסאָן איז שוין דעמאָלט געווען אַ רייפער מענטש, וואָס האָט געוווסט צו זיין פאַרזיכטיק און ער האָט שוין גוט באַנומען, אַז די רעוואָלוציע וועט זיין אַזאַ כוח, מיט וועלכער מען מוז זיך רעכענען, מוז מען נאָך אַלץ מודה זיין, אַז ער איז אין זיין „מידת הדין" געווען מער אויפריכטיק ווי פּאָליטיקער און אַז דאָס דאָזיקע, וואָס ער האָט דאָרט געשילדערט, איז געווען אַ סך מער אָרגאַנישער אויסדרוק, ווי דער אויסדרוק פון אַ פערזענלעכער כוונה.

מידת הדין

„מידת הדין" איז איינע פון די צוויי מאָסן מיט וועלכער מען מעסט דעם מענטשנס מעשים. די צווייטע איז „מידת הרחמים". די רעוואָלוציע איז דער מידת הדין. די מאָס פון דין, מיט וועלכער מען מעסט די מעשים פון מענטשן און לויט וועלכער מען מישפּט אים. דאָס דאָזיקע איז אייגנטלעך געווען דער געדאַנק פון בערגלסאָנען ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן

זיין ווערק, וואָס האָט געשילדערט די אַקטיאָבער רעוואָלוציע אין אירע ערשטע חדשים, ווען זי האָט געמוזט מורא האָבן פאַר יעדן שפּאָן, וואָס זי האָט געמאַכט און פאַר יעדן שאָטן, וואָס זי האָט באַגעגנט. עס איז נישט שווער צו דערקענען, אַז די רעוואָלוציע האָט אָנגעווענדט די מאָס פון דין, נישט נאָר, ווייל זי האָט געהאַלטן, אַז נאָר דורך אָט דער מאָס קען מען ברענגען אַ רעזשים פון גערעכטיקייט און גלייכקייט, נאָר איבערהויפּט, ווייל זי און די אַלע, וואָס האָבן זי געהאַלטן אין דורכ־פירן, זענען כסדר געווען אין סכנה און זיי האָבן געדאַרפט זיך נוצן מיט דעם סיסטעם פון הבא להרגך, השכם והרגו — דער וואָס קומט דיך הרגענען, פעדער זיך און הרגע אים. אָבער די רעוואָלוציע איז געווען אין סכנה, ווייל זי האָט אָנגעהויבן מיט אַזאַ מידת הדין, צו וועלכער מענטשן האָבן זיך נישט געקענט צוגעוווינען. עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געטראַכט, אַז מיט אַזאַ מידה קען מען נישט ברענגען קיין דערלייזונג, אָבער זייער אַ סך האָבן אינגאַנצן נישט געטראַכט. זיי זענען, אפילו אונטער דעם צאַרישן רעזשים נישט געווען געוווינט צו אַזאַ לעבן, ביי וועלכן יעדער שפּאָן ווערט קאָנטראָלירט פון שטרענגן געזעץ. עס איז זיכער, אַז די רעוואָלוציע איז געוואָרן אַלץ מער מידת הדין, ווייל זי האָט אָנגעטראָפן מער קעגנערשאַפט וויפל זי האָט זיך געריכט.

ביז „מידת הדין" האָט בערגלסאָן נישט געהאַט קיין ווערק, וואָס זאָל האָבן, אַזוי צו זאָגן, אַן אידעאישן טיטל. „נאָך אַלעמען", „אָפּגאַנג" זענען ווערטער, וואָס סוגערירן נישט קיין געדאַנקען, נאָר שטימונגען. אין אַ בריוו צו ש. ניגער, דאַטירט דעם 10טן יולי 1910, האָט ב. דער־ציילט, אַז ער שרייבט אַזוי:

„צום אָנהייב ווערט געבוירן די שטימונג פון דער דערציילונג מיטן הויפּט טיפּ (דער לעצטער כימעט אַלע מאָל נישט אינגאַנצן קלאָר). און ווירקן אַזוי אויף דער נשמה, אַז ס'איז פשוט אוממעגלעך איבערצוטראָגן. אַזאַ מאָדנע בענקשאַפט ווערט מיט אָט דער שטימונג געבוירן צו יענעם אייגנאַרטיקן קאָלאָריט פון דער וועלט, וועלכער טראָגט זיך אַרום דעם הויפּט־טיפּ און אין דער שטימונג. מיין גאַנ־צער ציל איז שוין נאָך דעם נאָר אַרויסצוגעבן אָט די שטימונג צוזאַמענגעבונדן מיטן לעבן און מיט די געשעענישן, וועלכע קומען

פאַר אַרום אים און (אויב ס'איז אַזוי מעגלעך צו זאָגן) אין אים.
איך גיב נאָך דעם אַרויס די שטימונג מיט בילדער פון זיין לעבן".

ווען מיר זאָלן וועלן אָנווענדן אָט דעם סיסטעם צו פיליפּאָוון, דעם הויפּט־העלד פון „מידת הדין" און אים אויספּרווון, לויט דעם ווי דער מחבר עקספּאָנירט זיך, וועט די פּראַקטיק נישט שטימען מיט דער טעאָריע. דער בייזער, גיפטיקער, טויט־ערנסטער, קראַנקער און פאַר־ביטערטער געוועזענער שאַכטיאָר פיליפּאָוו האָט קיין שום שייכות נישט מיט קיין שטימונגען. ער האָט אין זיך עפּעס פון אַ נזיר און ער איז אַ נאַקעטע אידייע, וואָס נאָיעט אַזוי ווי אַ צאָן, וואָס טוט וויי. ער האָט באַלד באַשלאָסן, אַז דער גאַנצער אמת איז ביי אים. און ווען עמיצער זאָגט אַנדערש, ווי ער דענקט, פרעגט ער „טשטאָ וויי? שוטי־טיע?" — וואָס רעדט איר? איר שפּאַסט? אויב אַן ערנסטער געדאַנק, שטעקט ער דאָך נאָר ביי אים און אויב עמיצער זאָגט אַנדערש, איז עס אין בעסטן פאַל אַ שפּאַס. בערגלסאָן ווידערהאָלט נישט סתם אין דער וועלט אַריין קיין ווערטל. דאָס איז ביי אים אַ מאַניר משנים קדמוניות, וואָס ער נוצט, ביכדי צו ווייזן דעם עיקר פון זיין העלד. און דאָ שטעקט דער גאַנצער געדאַנק פון פיליפּאָוון. עס איז נישט נאָר, וואָס יעדער אַנדערער קען קיין געדאַנק נישט זאָגן, וואָס דאָס אַליין שמעקט שוין אויך מיט אַזאַ הערשערישקייט, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן נאָר פון פאַנאַטיקער, נאָר עס איז אויך דאָס דערקלערן, אַז אויב עמיצער שפּאַסט, באַגייט ער אַ פאַרברעכן; אויב שפּאַסן, מעג אויך נאָר ער אַליין, פיליפּאָוו, נישט עמיצער אַנדערש. ער מעג חוזק מאַכן אויך, אָבער אַן אַנ־דערער טאָר נישט שפּאַסן. אויב עמיצער וועט זיך נעמען די מי און וועט נאָכגיין פיליפּאָוון טריט ביי טריט און וועט אים אַנאַליזירן, וועט ער אין אים געפינען אַ סך אייגנשאַפטן פון סטאַלינען אַליין.

עס גיט אַ ווייע מיט אַ געוויסער אומהיימלעכקייט פון פיליפּאָוון. עפּעס קען מען זיך אַמאָל דערשרעקן פאַר דער קאַלטקייט, וואָס ווייעט פאַר אים. אָבער אַנטיפּאַטיש קומט ער קיינמאָל נישט אַרויס, נאָר בפירוש סימפּאַטיש. און כאָטש ער באַגייט רישעותן איבער רישעותן, און כאָטש ער נעמט זיך אין די הענט אַריין די פולער רעכט צו שניידן טויט און לעבן פאַר יעדער באַשעפעניש, קומט ער ביי בערגלסאָנען נישט אַרויס ווי קיין רשע. על פּי שכל איז אַ רשע איינער, וואָס באַגייט רישעותן, ביי

בערגלסאָנען קען מען באַגיין רישעותן אין נאָמען פון מידת הדין און — בלייבן אַ צדיק. דו מוזט זיך דערמאָנען אין דעם יעזואיטישן געבאָט, אַז דער צוועק הייליקט די מיטל. און פּיליפּאָוו האָט טאַקע דעם אויסזען פון אַ יעזואיט, וועלכער וועט אָנווענדן די מוראדיקסטע מיטלען און ער וועט גלאָצן פרום מיט די אויגן. און ערשט איצטער גיסטו זיך חשבון, אַז בערגלסאָן האָט דער ערשטער געוויזן אַ פּרומען באָלשעוויק, אַזאַ איינעם, וואָס איז דער ראש פון אַ נייעם אָרדען. עס האָבן באַלד ביים אָנהייב פון דער רעוואָלוציע נישט געפעלט קיין נישט פרומע באָלשע־וויקעס. עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגענוצט די רעוואָלוציע צו לעבן אַ גוטן טאָג, כאָטש זיי האָבן געוווסט, אַז דאָס איז נישט אויף לאַנג. עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס האָבן אויסגענוצט די רעוואָלוציע אויף דורכצופירן פערזענלעכע נקמות און עס האָבן נישט געפעלט אַזעלכע, וואָס זענען געווען סאַדיסטן פון דער נאַטור און די רע־וואָלוציע האָט זיי געגעבן אַ מעגלעכקייט צו פייניקן מענטשן. בערגלסאָן האָט אין צענטער פון זיין ווערק אַוועקגעשטעלט אַ פרומען באָלשעוויק, אַזאַ איינעם, וואָס טוט די ערגסטע מעשים מיט די פרומסטע כוונות. און עס איז דאָך זיכער, אַז ער האָט דאָס געטון, ווייל עס האָט אים געטריבן צו ווייזן, אַז די רעוואָלוציע האָט גוטע כוונות, אַז זי איז אין תוך ערלעך...

פּיליפּאָוו איז אַ פעלז. און זיין שווייגן אָטעמט אויך מיט גבורה און מיט — געררעכטיקייט פון אייביקסטן מין. אַ סך העלדן שווייגן ביי בערגלסאָנען. אין „אָפּגאַנג" איז פאַראַן די סטודענטקע עטל, וואָס שווייגט און מלך קומט צו איר און זיצט אַ לאַנגע צייט און שווייגט. אָבער ביי אַלע אַנדערע העלדן איז דאָס שווייגן שוואַכקייט און אַמאָל אויך לעכערלעכ־קייט. ביי פּיליפּאָוון איז דאָס שווייגן — גבורה.

פּיליפּאָוו איז אַ קליין ביסל אַ טיפּ, אָבער בלויז מיט זיין קראַנק זיין; מיט דעם כאַראַקטער איז ער דורכאויס אַ העלד. אַלע אַנדערע אַרום אים זענען נאָך אויך טיילווייז כאַראַקטערפול און סימפּאַטיש, ער איז עס אינגאַנצן. אָבער די דאָזיקע, וואָס זענען קעגן אים, זענען אַלע נאָר טיפּן און פאַרשווינען און עס איז זעלטן פאַראַן איינער פון זיי, וואָס וואָלט נישט געדאַרפט גענומען ווערן אין אַ סאַנאַטאָריע פאַר גייסטיק קראַנקע. די נייטראַלע זענען סתם פּחדנים. דער פאָרשטייער פון זיי איז דער ד"ר באַביצקי, וואָס איז אינעווייניק אויך אַ קעגנער, אָבער

ער איז אַ פּחדן און ער האַלט דעם שמייכל אויף די ליפּן, ביכדי נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט און ביכדי זיין אמת זאָל נישט אַרויס ווי בוימל אויף דעם וואַסער. די אויסגעשפּראָכענע קעגנער, די דאָזיקע, וואָס באַקעמפן דעם קאָמוניזם אין נאָמען פון זייערע פּאַרטייען און זייערע אידעען, זענען פּאַטאַלאָגיש. דער מחבר איז אַ קלוגער און ער קען אַ העלד געבן אַ וואָרט, וואָס זאָל זיך געדענקען. אָבער אַזאַ וואָרט גיט ער נאָר פּיליפּאָוון, אַלע אַנדערע נישט. דעם איינציקן ד״ר באַביצקי גיט ער אַ שמייכל. פּיליפּאָוו זאָגט די אַלע, וואָס קאָנטראַבאַנדעווען ביי דער גרענעץ, אַז „מיר״, די רעוואָלוציע הייסט עס, פּילן אָן אַ זאַק און זיי קומען ווי מייז, און לעכערן דעם זאַק ביים סאַמע סוף און מאַכן, אַז אַלץ זאָל זיך אויסשיטן. זוכט אויס דאָס גאַנצע ווערק און געפינט אויס נאָך אַזאַ שאַרף וואָרט, וואָס ער זאָל זאָגן פּיליפּאָוון אַ קעגנער.

מיר האָבן פריער געזען, אַז בערגלסאָן האָט פּרציש געזוכט אַ זין פאַר יידישקייט. ער האָט אין אַ בריוו צו ניגערן, פון 17טן דעצ. 1912 גערעדט וועגן דעם, אַז „דער ייד באַשאַפט איצטער אַ גלויבן אָן אַ קאַטעכיזיס״. ער האָט געגלייבט, אַז ס׳איז אויסגעוואַקסן אַ נייער ייד, וואָס איז שוין מער נישט קיין „מאָשקאַ שענקאַר״, אָבער ער האָט אַזאַ יידן נישט געוויזן, ביי ר׳ אהרונען שפּאַרט פון אַלע זייטן מיט יידישקייט, ווען ער זיצט אין טורמע און עס ווייעט פון אים מיט בפירושער קדושה, אָבער דער מחבר לאָזט נישט. ער באַדעקט יעדע האַרציקע תפילה פון דעם צו טויט פאַרמישפּטן יידן מיט בלויז געלט־גייציקייט. ביי דעם גוי שעקספּיר האָט דער ייד שיילאָק אויך מענטשלעכע געפילן, ביי בערגלסאָ־נען האָט אהרון איין געדאַנק — געלט. אויב שוין נישט פאַר זיך, איז פאַר דער מישפּחה, וואָס בלייבט נאָך אים. די מעשים ר׳ אהרונס און זיינע רייד זענען מענטשלעך און יידיש, אָבער בערגלסאָן טוט אַלצדינג, אַז זיי זאָלן אויסזען אַנדערש. פּיליפּאָווס רישעותדיקע מעשים ווייזט ער כסדר מענטשלעך, ר׳ אהרונס שיינע געפילן פאַרטייטשט ער ווי בלויז געלטגייציקייט און פאַרברעכערישקייט...

דער מאַניר איז, דאַכט זיך, דער זעלבער, אין „מידת הדין״, וואָס אין די פריערדיקע ווערק, דאָס זעלבע ווידערהאַלן אַ ווערטל, דאָס זעלבע קליגערן זיך און זיך היטן מיט אַ וואָרט, אָבער די פאַרטיילונג פון דעם מאָראַלישן אינהאַלט פון די העלדן איז אַ נייער. אין די פריער־דיקע ווערק זענען געווען טראַגישע העלדן און קאָמישע פאַרשוינען,

אין „מידת הדין" איז פֿאַראַן איין העלד אַ צדיק און אַ גאַנצע ריי פֿאַר־שוינען, וואָס זענען רשעים און קאָמישע דערצו. און די רישעותן באַגייט דער צדיק, ער הרגעט. די אַנדערע הרגענען קוים אפשר איינעם קעגן צען.

אויב מען זאָל פֿאַרגעסן, אַז מען האָט צו טון מיט לעבעדיקע מענטשן, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז מען האָט דאָ אַ זייער שיינע סימפּאָניע, פֿון וועלכער עס קלינגט און שפּילט זיך אַריין אין דעם זעקסטן חוש און פֿון וועלכער מ'קען הנאה האָבן, אָבער — מען ברענגט דאָך אום לעבנס. און די גערעכטיקייט, אין וועמענס נאָמען מען באַגייט די הינריכטונ־גען, איז פֿאַרבאָרגן, קיינער זעט זי נישט. דער מחבר גיט זיך נישט די קלענסטע מי זי צו ווייזן. ער הייסט זיך און איר — דער רעוואָלוציע — גלייבן אויף דעם וואָרט. און ווען משה ליטוואַקאָוו, וועלכער איז צווישן די יידישע ליטעראַטור־קריטיקער געווען דער גרעסטער חסיד פֿון בערגלסאָנען און וועלכער האָט דעם מחבר פֿון „מידת הדין" געהאַלטן פֿאַר דעם בעסטן יידישן סטיליסט — ער האָט געפּסקנט שפּראַך־שאלות לויט בערגלסאָנען — האָט געזאָגט, אַז ב. האָט קעגן דער רע־וואָלוציע נישט געזינדיקט, האָט ער געוווסט, וואָס ער האָט געזאָגט. אין „מידת הדין" איז ב. געווען דער פֿולסטער מליץ יושר פֿון דער רעוואָ־לוציע. און עס איז לחלוטין נישט באַרעכטיקט דער געדאַנק, אַז דוד בערגלסאָן האָט אינערלעך נישט געהאַט קיין שום שייכות צו דער רעוואָ־לוציע און אַז זיין באַקערן זיך לינקס, איז געווען נאָר אַ טאַט פֿון אַ קאַריעריסט. געווען אין דעם אויך אַ געוויסער אויסדרוק פֿון אויפֿריכ־טיקייט. די הויפּט־פֿעלשונג איז דאָ באַשטאַנען אין דעם שילדערן ר' אהרונען, וואָס איז נישט איינער, נאָר אַ רעפּרעזענטאַנט פֿון אַ גרויסן טייל פֿון דעם אוקראַינישן יידנטום. אים האָט ב. זיכער נישט געזען אַזוי ווי ער האָט געוויזן. פּיליפּאָוון האָט ער געזען ווי אַ צדיק...

צווישן צוגווינטן און ביים ברעג פֿון אָפּגרונט

און אַז בערגלסאָן האָט אָנגעהויבן זינדיקן מיט דעם, וואָס ער האָט געוויזן אַ יידישע צענטראַל פֿיגור נישט אין קיין שענער ליכט ווי אַנטי־סעמיטן האָבן זי געוויזן, האָט ער מיט דער צייט גענומען זינדיקן אין

דער צווייטער זייט אַריין און ער האָט געוויזן אַלטמאָדישע און האַלב־אַלטמאָדישע יידן, וואָס בייגן זיך צו דער רעוואָלוציע און טוען איר ווילן, אויך דעמאָלט, ווען זי פאָדערט ביי זיי דאָס דאָזיקע, וואָס זיי קענען לויט זייער דערציאונג און גלויבן נישט טון.

מיר איז אויסגעקומען צו דערמאָנען, אַז אויף דער פראַגע, וואָס איך האָב געשטעלט ב׳ן למאי ער האָט נאָך דער רעוואָלוציע גענומען שרייבן אַזוי פיל מערער ווי פריער, האָט ער מיר געענטפערט, אַז ער האָט געוואַרט ביז וואַנען דער שטאָף וועט זיך דורכוואַרעמען. אָבער בערגלסאָן האָט געשריבן צענדליקער און צענדליקער דערציילונגען וועגן דעם לעבן בעת דער רעוואָלוציע, וואָס האָט נאָך נישט געהאַט קיין צייט זיך צו אויסוואַרעמען. און דערצו האָט ער די דאָזיקע דערציילונגען געשריבן בעת ער איז געווען אויסער רוסלאַנד, אין די יאָרן 1921—1926. ער האָט זיי נישט געשריבן געשמאַקלאָז. דער פיינער מאַניר איז שטענדיק געבליבן און אין ערגסטן פאַל האָט מען געהאַט דאָס געפיל, אַז מען לייענט נישט קיין קריסטאַליזירטע ליטעראַרישע זאַכן, נאָר פיינע אימפּרעסיעס און געשליפענע פעליעטאָנען. מען האָט געפילט, אַז די מענטשן, וואָס ער שילדערט, קען ער דורך און דורך. ער קען זייער אויסזען, זייערע באַוועגונגען, זייער שפּראַך, זייערע ריחות. צוגעטראַכט זענען נאָר די סיטואַציעס. די עפּאָכע פון „נעפ״ האָט אים צוגעשפּילט. די נייע עקאָנאָמישע פּאָליטיק (ראשי תיבות פון „נעפ״), וואָס איז באַשטאַנען אין דערלויבן פּריוואַטן האַנדל, האָט בערגלסאָנען געגעבן אַ מעגלעכקייט צו שילדערן יידן סוחרים, וואָס זענען צופרידן מיט דעם קאָמוניסטישן רעזשים און זענען גרייט צו זינגען „הנותן תשועה״ פאַר לענינען.

עס דאַרף אָבער באַטאָנט ווערן, אַז נישט שטענדיק האָט ב. געוויזן העלדן אין פאַלשע סיטואַציעס. ער האָט זיך אָפּט אַן עצה געגעבן מיט דער הילף פון זיין ראַפינירטן שכל. ער האָט דעם אַמאָליקן נאָמען „דרויב״ פאַרביטן אויף „צוגווינטן״. די נישט גרויסע העלדן זיינע האָבן זיך געפונען אין דער מיט פון צוגווינטן, וואָס האָבן געבלאָזן אויף זיי פון אַלע זייטן און דאָס דאָזיקע האָט באַרעכטיקט זייער מוזן זיך בייגן.

און דאָך האָט מען זיך געקענט פרעגן פאַרוואָס האָבן ב׳ס יידן פון נאָך דער רעוואָלוציע כסדר אין זינען די מאַכט? זיי האָבן זי אין זינען אין אַלע זייערע האַנדלונגען, סיי לגבי זיי און סיי לגבי זייערע קינדער. פאַרוואָס האָבן ב׳ס יידן נישט גערעדט אַזוי אין צאַרס צייטן וועגן מלכות,

ווי זיי רעדן וועגן איר נאָך דער רעוואָלוציע? דער תירוץ איז: פריער האָבן נישט געבלאָזן קיין צוגווינטן, איצטער בלאָזן זיי. איצטער איז רע־וואָלוציע, וואָס מוז אויף זיך שטענדיק אַכטונג געבן. אָבער די צאַרישע מאַכט איז אין די לעצטע יאָרן אויך נישט געווען געגוג זיכער מיט זיך. זי האָט זיך אויך געפּונען אונטער צוגווינטן. דער דאָזיקער פאַקט האָט געמוזט ברענגען דעם געדאַנק, אַז די צוגווינטן מאַכן אַ סוף צום אַלטן יידישן לעבן. און ווו זשע איז דאָס נייע?

אַן עכטער שריפטשטעלער, אַ ראַפינירטער, אַ קינסטלער מיט אַן אייגענעם מאַניר און מיט אַן אייגענער מעלאָדיע, האָט ער נישט געקענט שטענדיק גיין אויף אַ שטריק. איז ער טאַקע כסדר געווען אין סכנה אַראָפּצופאַלן. האָבן זיך טאַקע דאָ און דאָרט אַרויסגעכאַפּט ביי אים טע־נער, וואָס האָבן געקלונגען ווי נישט מיט זיין קול געזונגענע.

די רעוואָלוציע האָט געהאַט געגוג מענטשן ביכלל און יידן ביפרט, וואָס זענען צו איר צוגעשטאַנען און האָבן זיך אָרגאַניש באַהעפט מיט איר. דאָס זענען געווען די שווערע האַרעפּאַשניקעס, די האַלב־שטומע. אָבער זיי האָט בערגלסאָן, ווייזט אויס, נישט געגוג געקענט. ער האָט אין „נאָך אַלעמען" און „אָפּגאַנג", ווי מיר האָבן דאָס דאָזיקע שוין גאַנץ קלאָר געוויזן, נישט געשילדערט קיין בעלי־מלאכות און קיין אַרבעטער. ער האָט אַ געוויסע צאָל פון זיי, די מער באַוועגלעכע, יאָ געקענט, ווי דאָס באַווייזט „פּענעק" (ביים דניעפּר), אָבער עס ווייזט אויס, אַז יענע האָט ער זיך נישט געאיילט צו קאָנסומירן, ווייל ער האָט זיי געדאַרפט האָבן פאַר דעם דערמאָנטן ווערק פאַר זיינעם; האָט ער געוויזן דווקא שיינע יידן, וואָס שטייען צו צו דער רעוואָלוציע און ער האָט מיט זיי פּונקט אַזוי וויניק איבערצייגט, ווי מיט זיין ווייזן, אַז ר' אהרונס די וועלט און יענע וועלט איז נאַר געלט.

און די איבערצייגנדיקסטע דערציילונג, וואָס ווייזט ווי אַ מענטש באַהעפט זיך צו דער רעוואָלוציע, איז „איינעמס אַ וועג". דער „איינער" איז אַ טיפּ, וואָס איז אַ זעלטענע דערשיינונג ביי בערגלסאָנען, ער איז אַ תם, אָדער טאַקע אַ שאינו יודע לשאול. ער איז נאָך וויניקער באַ־וווסטזיניק ווי פּרצעס סאַטיע (אין ניסים אויף דעם ים) און ער דרייט זיך צווישן די צוגווינטן. מען גיט אים דורכצופירן אַ מיסיע און מען פּאַרטרויט זי אים, טאַקע, ווייל ער איז אַ תם. עס איז אַ מיליטערישע שפּיאָנאַזש מיסיע. ער דאַרף צו וויסן געבן ווו ווער עס געפינט זיך.

און מען פאַרלאָזט זיך אויף אים און מען איז זיכער, אַז מען וועט אים נישט פּאַקן, טאַקע ווייל ער איז אַזוי תמעוואַטע. און עס געראָט אים טאַקע. ביי בימקאָ איז פאַראַן אַ מעשה וועגן אַזאַ תם, וועלכן מען איז בעת דער ערשטער וועלט־מילחמה חושד אין שפּיאָנאַזש און מען הענגט אים, כאָטש ער איז גאָט די נשמה שולדיק. בימקאָ האָט געוואָלט ווייזן, אַז ווען די וועלט זינקט אין רישעות, שניידט דאָס מעסער אין אַלע זייטן אַריין בערגלסאָן האָט אויסגעטראַכט אַ נייעם גלויבן פאַר דעם תם. דער טעמפּער בחור דערפילט אַ פלאַץ אין לעבן — ער האָט דורכגעפירט אַ מיסיע און ער ווייסט, אַז ער געהער ערגעץ. און וואַרשיינלעך האָט דאָ אונדזער גרויסער און טראַגישער שרייבער אָנגעטאַפּט דעם ריכטיקן סאָרט מענטשן, וועלכן די רעוואָלוציע האָט גאָרנישט געהאַט וואָס צוצו־נעמען און זי האָט זיי בלויז געגעבן, אָבער לויט זיין גאַנצן אופן שרייבן, האָט ער נישט געקענט בלייבן ביי אָט דעם אומוויסנדיקן שיכט. ער איז פון דער נאַטור דער שרייבער פון אינטעליגענט. און די רעוואָלוציע איז כסדר געגאַנגען אַזוי, אַז דער אינטעליגענט איז פון איר אויסגע־שפּיגן געוואָרן. ער האָט אָבער געמוזט ווייזן, ווי מען באַהעפט זיך רק מיט דער רעוואָלוציע און עס איז געשען אַ מאָדנע טראַגישע געשעעניש מיט אים. אַ מענטש אַ מוזיקאַלישער ביז אין ביין, מיט אַ ווונדערלעכער שטימע, אַ געשולטער דערצו, האָט געמוזט כאַפּן פאַלשע טענער. דער תנ״ך דערציילט וועגן דוויד המלך, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ משו־גענעם. בערגלסאָן איז צווישן שרייבער אַ שטיק שלמה המלך און ער, דער חכם, האָט זיך געדאַרפט פאַרשטעלן פאַר אַ נאַר...

אָבער אויב בערגלסאָן האָט געקענט ווייזן באַזונדערע יידן, וואָס באַהעפטן זיך מיט דער רעוואָלוציע, האָט ער אָבער נישט געקענט ווייזן קיין יידיש לעבן, וואָס די רעוואָלוציע אַרבעט אויס. האָט ער זייער אָפט געמאַכט דערקלערונגען וועגן דעם, וואָס די יידישע שרייבער איז גוט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווייל זיי זיצן ביי אַ ברייטן טיש, אינאיינעם מיט די שרייבער פון אַלע סאָוויעטישע פעלקער. אויסער דעם האָט ער אין בריוו צו יידישע שרייבער נישט אויפגעהערט צו דערציילן וועגן דעם ווי מען דרוקט זיין „ביים דניעפּר״ (פענעק) אין אַ רוסישער איבערזעצונג אין צענדליקער טויזנטער עקזעמפּליאַרן. אַ ברייטן (פרעמדן) טיש האָבן טאַקע די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער געהאַט, אָבער קיין אייגענעם טיש האָבן זיי נישט געהאַט. וואָס אַמאָל איז אַלץ מער און מער אויסגערונען דאָס

יידישע לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. עס איז געווען אַ קליינער רעשט אין ווייסרוסלאַנד און מער נישט. ביכדי צו האָבן אַן אייגענעם טיש, האָט מען זיך געמוזט אַ קער טון קיין בירא בידזשאַן, וווהין עס זענען שוין געהאַט געפאָרן די מיינסטע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער און פון וואַנען אייניקע האָבן זיך שוין געהאַט צוריקגעקערט. עס זענען שוין געהאַט דערשינען אַ פּאָר ביכער וועגן בירא בידזשאַן און עס איז שוין געווען די ריכטיקע צייט, אַז דער גרעסטער פון די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער — אין וועמענס סאָוויעטיזם מען האָט נאָך אַלץ ווייניק געגלויבט — זאָל אויך אַהין פאָרן.

און דוד בערגלסאָן איז געפאָרן קיין בירא בידזשאַן אין יאָר 1935 און ער איז דאָרט געווען אַ שטיק צייט און ער איז צוריק געקומען מיט אַ בוך א"נ: „בירא בידזשאַנער". אין דעם דאָזיקן בוך האָט ער נישט געהאַט אַזעלכע „העלדן" ווי דעם תם פון „איינעמס אַ וועג", אָבער אויך נישט אַזעלכע אינטעליגענטן ווי מלך און משה חיים. אין אַ געוויסער מאָס האָט בערגלסאָן דאָ געקענט ווערן אַ נייער „איינער", וואָס געפינט זיין וועג. דער איינער איז דאָ נישט קיין אינו יודע לשאול, נאָר אַ גרויסער יידישער שרייבער, וואָס האָט פאַרלוירן זיינע העלדן. ער האָט געקענט געפינען העלדן, וואָס זענען אַריינגעלעבט אין אַ נייעם לעבן אַריין און זענען גרייט אַריבערצוטראָגן אַלע קלעפּ פון די שטורעם ווינטן און רעגנס און — וואַקסן.

אָבער — דער גאַנצער ענין בירא בידזשאַן האָט זיך אַ שאָקל געטון. עפּעס איז דאָרט פאָרגעקומען, וואָס איז נאָך ביז היינט קלאָר נישט דערציילט. יעדנפאַלס האָט יענער עפּעס געמאַכט אַ סוף צום האַרציקסטן פון די סאָוויעטיש־יידישע דיכטער — צו איז כאַריק. און אין בירא בידזשאַן גופא זענען פאָרגעקומען אַ סך אומגליקן. איינס נאָך איינס זענען ליקווידירט געוואָרן די אַלע, וואָס האָבן גענומען צו ערנסט דעם ענין „יידישע רעפובליק". דער ערשטער פאָרזיצער פּראָפ' ליבערבערג, דער צווייטער פאָרזיצער, דער געטרייער כאַווקין און ווער ווייסט ווער נאָך זענען נישט געוואָרן. בערגלסאָן אַליין האָט ביים צוריקגומען פון בירא בידזשאַן קוים זיך געראַטעוועט. דער אַנעקדאָט, דער אייביקער באַגלייטער פון אַלע גרויסע טראַגעדיעס, דערציילט, אַז ביים צוריקקערן פון בירא בידזשאַן האָט דער שרייבער אַפּגעגעבן אַ גרוס פון דאָרט און ער האָט דערמאָנט איין נאָמען נאָך דעם צווייטן, אָבער אין משך פון דער

רייזע, האָט מען די אַלע געהאַט ליקווידירט אַלס טראָצקיסטן און יאַפּאַ־נישע שפּיאָנען... און וויפל מאָל ער האָט דערמאָנט אַ נאָמען, האָט אים דער פּאָרזיצער געגעבן אַ ציביים רעקל. דער סוף איז געווען, אַז מען האָט געמוזט אָפּלייגן דעם רעפעראַט, ביכדי ב. זאָל זיך דערוויסן וועמען ער מעג יאָ דערמאָנען און וועמען — נישט...

איידער ד. ב. איז געפאָרן קיין בירא בידזשאַן האָט ער נאָך גע־פירט קאָרעספּאָנדענץ מיט יידישע שרייבער פון אויסלאַנד. פאַרשטייט זיך, אַז אין יעדן בריוו האָט נישט געפעלט די פּראָפּאַגאַנדע, אַז קיין שענערער גן־עדן ווי דאָס גוטע סאָציאַליסטישע פאָטערלאַנד איז נישט פאַראַן. קאַווקאַז האָט געקראָגן אַ באַזונדער חן, זייט ס׳איז געוואָרן סאָוויע־טיש... אָבער נאָך בירא בידזשאַן האָט שוין דער מחבר פון „בירא בידזשאַן" נישט געשריבן קיין בריוו קיין אויסלאַנד. עס ווערט בערגלסאָנען צוגע־שריבן אַ וויץ, אַז אַ ייד איז געקומען קיין מאָסקווע פון קאַנאַטאָפּ און די שטיוול זענען אים געווען פאַרשפּריצט מיט בלאָטע, האָט אים אַ בן־עיר געפרעגט, צי אין קאַנאַטאָפּ איז אַ בלאָטע, האָט זיך דער ייד דערשראָקן און געפרעגט מיט פּחד:

— איך האָב געזאָגט, אַז אין קאַנאַטאָפּ איז אַ בלאָטע?

האָט יענער געפרעגט:

— וואָס זשע דען? אין קאַנאַטאָפּ שיינט די זון?

— איך האָב געזאָגט — האָט דער ייד זיך נאָך מער דערשראָקן — אַז אין קאַנאַטאָפּ שיינט די זון?

ס׳איז געווען אַ צייט, ווען מען האָט אין קאַנאַטאָפּ, פּונקט ווי אין גאַנץ רוסלאַנד ליקווידירט טראָצקיסטן און „יאַפּאַנישע שפּיאָנען" און מען האָט מורא געהאַט צו דערציילן, צי עס איז אַ בלאָטע, צי עס שיינט די זון... בערגלסאָן אַליין איז געוואָרן אַ קאַנאַטאָפּער ייד, וואָס האָט גאָרנישט דערציילט. אין יאָר 1930 האָט ד. ב. אין אַ בריוו צו י. אָפּאַ־טאָשו גערעדט מיט סימפּאַטיע וועגן דעם זשורנאַל „די וואָך", וואָס איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1929, ווען אַ גאַנצע ריי יידישע שרייבער — י. אָפּאַטאָשו, מנחם באָריישאָ, ה. לייוויק, אברהם רייזען אא״וו — האָבן זיך דערווייטערט פון דער קאָמוניסטישער פרייהייט, פאַר מיר אַקצעפּ־טירן די פּאָגראָמען אין ארץ ישראל און ער האָט גערעדט מיט ליבע וועגן לייוויקן, וואָס מאַטערט זיך צופיל און וועלכער האָט זיך אַוועק־געשטעלט אויף אַ פּלאַץ, ווו צוגווינטן בלאָזן אויף אים פון אַלע זייטן.

אין יאָר 1936 וואָלט ער שוין אַזוינס נישט געשריבן, דער גרויסער יידישער שרייבער איז געשטאַנען נישט צווישן צוגווינטן, נאָר ביים ברעג פון סאַמע אָפּגרונט און ער האָט געדאַרפט אָנווענדן די גאַנצע חכמה זיינע און אָן שיר טריקס, אַז ער זאָל ראַטעווען דאָס ביסל לעבן. און דאָס דאָזיקע איז געשען שוין נאָך דעם, וואָס ער האָט געהאַט פאַרעפנט־לעכט די צוויי בענד פון זיין נישט פאַרענדיקטער עפּאָפּעע „ביים דניעפּר" (פּענעק), אין וועלכער ער האָט אויף דעם מוראדיקסטן אופן געשענדט דאָס דור־דורותדיקע יידישע לעבן. רוסישע שרייבער האָבן וועגן איוואַן דעם גרויזאַמען נישט דערציילט אַזעלכע גרויזאַמקייטן ווי בערגלסאָן האָט אין „ביים דניעפּר" דערציילט וועגן די פּשוטסטע באַלע־באַטישע יידן...

„ביים דניעפּר"

אַ גאַנץ לעבן האָט בערגלסאָן גערעדט וועגן דעם ווערק „פּענעק", וואָס ער קלייבט זיך אָנצושרייבן. ער האָט דאָס פּערזענלעך קיינמאָל נישט גערופן „ביים דניעפּר". עס ווייזט אויס, אַז דער נאָמען „פּענעק" איז אים געווען באַזונדער צום האַרצן. עס קען זיין, אַז ער האָט גע־חלומט, אַז דער נאָמען „פּענעק" וועט אַריין אין דער יידישער ליטע־ראַטור ווי דער נאָמען „טביה", אָדער כאָטש מאָטל פּייסיע דעם חזנס. און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער האָט זיך באַשלאָסן צו באַזעצן אין ראַטנפאַרבאַנד, ווייל ער האָט אין דעם געזען די איינציקע מעג־לעכקייט צו אָנשרייבן דאָס דאָזיקע ווערק. אויסער ראַטנפאַרבאַנד האָט ער זיך נישט געקענט זעצן אַרבעטן, ווייל ער האָט כסדר געהאַט דעם עול פון דאגות פרנסה. האָט דאָך נחום שטיף (בעל דמיון), וועלכער איז געווען אַ פאָלקיסט און אין אַ געוויסער מאָס אַ רעליגיעזער ייד, זיך באַזעצט אין ראַטנפאַרבאַנד, ווייל ער האָט געהאָפט דאָרט צו קריגן אַ מעגלעכקייט צו קענען רעאַליזירן זיינע פאַרטראַכטע פילאָלאָגישע אַרבעטן און זיי פאַרעפנטלעכן.

און אָנגעשריבן האָט ער נאָר אַ טייל פון דער דאָזיקער עפּאָפּעע. ער האָט זיין העלד דערפירט ביז דעם אָנהייב פון זיין בחורשאַפט און ווייטער איז ער מיט אים נישט געגאַנגען. און אויך אין דעם דאָזיקן טייל, וואָס ער האָט אָנגעשריבן און פאַרעפנטלעכט אין צוויי בענד,

האָט ער אַריינגעשריבן אַ סך, אַ סך שטעלן, וואָס זענען אַ מוראדיקע טענדענציעזע פעלשונג און זיי וואָלטן געפּאַסט פאַר אַ פּראָזאַאישן איציק פעפער, אָבער נישט פאַר קיין בערגלסאָן. ער האָט אָנגעשריבן אַזעלכע קאָשמאַרע שענדונגען פון דעם דור־דורותדיקן יידישן לעבן, אַז אַנטיסעמיטן וואָלטן זיך מיט זיין שטאָף געקענט נישט ערגער באַ־נוצן, ווי קאָמוניסטן...

יעדער האָט געוווּסט, אַז דוויד בערגלסאָן איז ביי זיין טאָטן געווען אַ בן זקונים. ער איז געבוירן געוואָרן פון זיין טאַטנס צווייטער פרוי און ביי איר איז ער אויך געווען דער מוזיניק. ער איז געקומען אויף גאָטס וועלט, ווען ער האָט שוין געהאַט חתונה געהאַטע שוועסטער און ברידער. און צוליב דעם, וואָס ער איז געווען אין אַ היפּשער מאָס אַ נישט־געבעטענער, האָט ער זיך געפילט ווי אַ באַליידיקטער און ער האָט דערפאַר געהערט נישט צום אויבערשטן שיכט, צו וועלכן עס האָבן געהערט זיינע עלטערן און זיינע עלטערע שוועסטער, נאָר צום אָרימערן שיכט און צו דער דינערשאַפט. עפּעס פון אָט דער טעמע איז פאַראַן ביי למד שאַפּירא, וואָס האָט געשטאַמט לערך פון דער זעלביקער געגנט וואָס דוויד בערגלסאָן און איז געווען עלטער פון אים מיט אַ יאָר זעקס. ביי שאַפּיראָן אין דער „מישפּחה גערער" ווערט אויך גע־שילדערט אַ בן זקונים, וואָס ווערט געבוירן ביי מיטליאָריקע עלטערן, וועלכע האָבן שוין אויסגעגעבענע קינדער און ער ברענגט אַריין אַ צערודערונג און אַן אומצופרידנקייט.

אַזאַ קאָנפליקט צווישן אַ קינד און די עלטערן און די עלטערע שוועסטער און ברידער איז אומגעהייער אינטערעסאַנט און ער גיט אַ מעגלעכקייט צו האַלטן די האַנדלונג אין אַ שטענדיקן טראַנס און האָבן אַ פּאַרטיקע טראַגעדיע, וואָס די נאַטור אַליין האָט באַשאַפן. און ווען בערגלסאָן וואָלט נישט געוואָלט — אָדער געמוזט — מאַכן פּענעקן דווקא פאַר דעם טרעגער פון דעם רעוואָלוציאָנערן געדאַנק און פאַר דעם דאָזיקן, וואָס האָט געגומען דורכפירן די רעוואָלוציע מיט דרייסיק יאָר איידער זי איז פאָרגעקומען, וואָלט מיסתמא „ביים דניעפּר" אויסגע־וואַקסן ביי אים צו אַ גרויס ווערק. און עס פעלן נישט קיין סך שטעלן אין „ביים דניעפּר", וואָס ווירקן ווי גרויסע קונסט. פאַראַן ברייטע בילדער און אַ גאַלעריע אינטערעסאַנטע טיפּן און אַ שפּראַך, וואָס האָט הומאָר און חן און טעם און קאָליר. ליידער אָבער איז אין אַ סך ער־

טער די פאַלשקייט און די פעלשונג גרעסער ווי די גרעסטע מעלות פון ווערק. און ס׳איז על פי רוב — יצא שכרו בהפסדו.

פאַלש איז דער קליינער העלד, ווײַלכן דער מחבר האָט געוואָלט מאַכן צו גרויס. ער האָט אים געמאַכט, ווען ער איז נאָך געווען גאָר קליין פאַר אַ צו גרויסן רעוואָלוציאָנער און פאַר אַ צו גרויסן דענקער. ווען פענעק שפּילט זיך מיט אַ קערל פון אַ קאַרש און ער לייגט דאָס אַריין אין אויער און נעמט דאָס אַרויס פון מויל, אַזוי לאַנג, ביז וואַנען עס בלייבט שטעקן אין אויער און מען מוז ברענגען דעם פעלדשער, אַז ער זאָל דאָס אַרויסנעמען, גלייבט מען אים און דעם מחבר, אָבער ווען דער קליינער יאָט רעדט און האַנדלט רעוואָלוציאָנער און פילאָזאָפיש שיר נישט ווי סטאַלין אויף דער עלטער, גלייבט מען נישט אים און נישט דעם מחבר. דאָס גרעסטע וווּנדערקינד קען נישט זאָגן און באַווייזן דאָס דאָזיקע, וואָס פענעק זאָגט און באַווייזט. דאָס איז די פאַלשקייט פון דער זאַך. און די פעלשונגען זענען נאָך גרעסער ווי די פאַלשקייט. דאָס יידישע לעבן ווערט געוויזן אין אַזאַ עקלהאַפטיקן ליכט און דער פאָטער ווייזט אַרויס אַזאַ שווידערלעכע באַציאונג צו זיין בלוט און פלייש, און מען שפּייט דעם קליינעם יאָט אַזוי מוראדיק אַריין אין סאַמע מויל אַריין, אַז עס גלוסט זיך ממש טאַקע שפּייען...

שוין דער סאַמע אָנהייב פון דעם דאָזיקן וווּנדערלעכן ווערק מיט די קאָשמאַרע מיאוסקייטן ווייזט ווי דער מחבר שוועבט צווישן קינסטלערישער עכטקייט און געמוזטער טענדענץ. אָט ווי דער ראָמאַן הייבט זיך אָן:

„אדם שת, אנוש״...

אַזוי האָט אַ טייל פון זיי געוואָלט, זאָל מען אָנהייבן וועגן זיי דערציילן: ווי וועגן אבות...

דאָך...

פון ליבע צו קורצקייט קומט אויס אָנצוהייבן אָט אַזוי:

אַ דור אַ יאָר דרייסיק פאַר דער רעוואָלוציע. שטעט אויפן רעכטן ברעג ברעג פון דניעפּר, ווייט פונעם ירדן און פון אבות, ווייט אפילו פון דניעפּר, טיף אין דער שוואַרצער, דיקער, גרינבלעטערדיקער אוקראַינע.״

דער דאָזיקער אָנהייב דערציילט, אַז דער שרייבער וואָלט גע־וואָלט מאַכן די התחלה פון זיין געשיכטע ביבליש, אָבער ער האָט דאָס געמוזט מאַכן קאָמוניסטיש. ער האָט נישט געטאָרט אָנהייבן יידיש, נאָר אַלס דאַטום האָט ער געדאַרפט נעמען די רעוואָלוציע, וואָס דאַרף ערשט קומען. און אָט אָ דער מוז איז פאַראַן און קומט צום אויסדרוק אויף שריט און טריט. אָט פאַרגעסט זיך דער מחבר און ער פילט זיך נאָר ווי אַ ייד און ער שילדערט זיינע יידן ווי מענטשן, טאַקע מיט חסרונות, אָבער אויך מיט מעלות און מיט מענטשלעכע אייגנשאַפטן און מיט זאַפטיקן הומאָר און מיט יידישן חן... דערמאָנט ער זיך אָבער, אַז ער דאַרף ווייזן ווי אַזוי די רעוואָלוציע קומט און פאַרוואָס זי קומט און וווהין זי פירט, גיט ער אַ גיס אָפּ זיינע העלדן מיט שוואַרצער טייוולאָנישער פאַרב און דאָס גאַנצע לעבן ווערט געוויזן ווי אין אַ בי־ליקער מעלאָדראַמע: פון איין זייט שוואַרצע טייוואָלים און פון דער אַנדערע זייט ווייסע מלאכים...

אוודאי איז פענעק געבוירן געוואָרן אַזוי, אַז צווישן אים און זיין טאַטן האָט געמוזט הערשן אַן אָנגעצויגנקייט און אומצופרידנקייט. ווען פענעק איז אַלט געווען זיבן יאָר, איז זיין טאַטע מיכל לעווין שוין אַלט געווען גאַנצע פינף און זעכציק יאָר און ער האָט נישט געקענט פאַר־טראָגן זיין זונס קינדישע אומרואיקייט און זיין פרייד. אָבער אַזאַ שנאה, וואָס שמעקט שיר נישט מיט רציחה־גרייטקייט פוןביידע צדדים און מיט די מוראדיקסטע באַליידיקונגען און מיט אַריינשפּייען אין מויל אַריין און מיט פרייד אויף דעם טאַטנס טויט און אפשר נאָך עפּעס ערגערס, האָט נישט געקענט און נישט געדאַרפט זיין. דער מחבר האָט דאָס געטון, ווייל ער האָט געמוזט ווייזן אין פאָטערס צד די אומקומענ־דיקע צעפוילטע בורזשואַזיע און אין מיזינעקס צד — די אויפגייענ־דיקע רעוואָלוציע.

פענעק איז מאָמענטנווייז אַזוי פאַלש, אַז ער פאַלט אינגאַנצן איין, ווי אַ קאָרטן־שטיבל פון פראַזן. שלום עליכמס מאָטל פייסיע דעם חזנס האַלט אויס אַ גאַנצן היפשן בנין, ווייל ער איז שטענדיק לעבעדיק און ער שטייט שטענדיק אויף זיינע נאַטירלעכע פיסלעך, פענעק אָבער שטייט אויף פּאַפּירענע פיסלעך פון אויסגעטראַכטע געדאַנקען און פראַזן.

און בערגלסאָן פעלשט בפועל ממש דאָס יידישע לעבן אין אַ סך

שטעלן און דורך אָט דער פעלשונג שענדעט ער דאָס יידישע לעבן. פענעק האָט נישט ליב די שול, ווהין מען שלעפּט אים דאַווענען. וואָלט דאָס דאָזיקע געקענט זיין נאַטירלעך, כאָטש מיר זענען דאָך אַלע געווען קינדער און די מיינסטע פון אונדז האָבן דווקא יאָ ליב געהאַט די שול. איז פענעק אַזאַ נאַטור, וואָס האָט נישט ליב צו זיין צווישן אַלטע, אָדער אין אַ פאַרשטיקטער סביבה. אָבער ווען פענעק האָט ביי צען־עלף יאָר פיינט די שול אין יאָר 1900, אַזוי ווי אַן אַלטער קאָמוניסטישער בעזבאָזשניק פון יאָר 1928 און ער רעדט רייד פון אַזאַ בעזבאָזשניק, קומט ער אַרויס פאַלש און דאָס גאַנצע לעבן פון אַרום ווערט געפעלשט.

בערגלסאָן שילדערט אין קאַפּיטל זעכצן כל נדרי אין שול. פענעק ווערט גראָד יאָ פאַרכאַפּט, ווייל ער האָט פריער געלייענט מעשיות וועגן אינקוויזיציע. ער קריגט אַ שטיקל חלק אין כל נדרי, ער ווערט אויס גוי. אָבער באַלד נאָך כל נדרי, ווען מען האָט זיבן מאָל אויסגעשריען „אַ נייעם פּסוק" (ה' הוא האלוקים), האָט „אַן עלטערע יידענע זיך גרויזאַם באַוויזן אויף דער שוועל פון די צעעפנטע בית מדרש טירן און מיט אַ צעבראָכן מויל, מיט אַ וואָכעדיק צעבראָכן קול — לענגאויס דער גרויסער בית־מדרש שטילקייט — אַ געשריי געגעבן צו איר מאַן אין מיזרח־וואַנט:

„אברהם, אברהם, מען האָט אונדז באַגנבעט".

מיינט נישט, אַז בערגלסאָן באַגניגנט זיך מיט דעם דאָזיקן פאַרשוועכן דעם הייליקסטן אָוונט אין דער יידישער טראַדיציע. ער געפינט פאַר נייטיק צו דערקלערן, וואָס אַזוינס ער וויל זאָגן. פענעק קוקט זיך אום און ער האָט דאָס געהאַט לאַנג צו געדענקען און פון דעם האָט ער געלערנט ערשט אין זיינע יונגע בחור יאָרן, אַז „דער פאַרמעגן איז ביי יידן באַלעבאַטים טייערער פון גאָט, פון גאַנצן יום כיפּור". דאָס דאָזיקע איז אַ בילבול. ביי אמת־פרומע באַלעבאַטים איז דעם יום כיפּור געווען טייערער פון געלט און עס איז ביכלל אַ ליגן, אַז מען האָט גראָד צו כל נדרי געגנבעט ביי יידן...

און בערגלסאָן באַגניגנט זיך נאָך מיט דעם אַליין אויך נישט. פענעק איז באַלד אַרויסגעגאַנגען אַ קוק טון, וואָס ער טוט זיך ביי דער יידענע אין שטוב און „אַז פענעק וועט אַלט זיין אַ יאָר ניינצן, וועט זיך

אים נאָך אַלץ דאַכטן, אַז אַזאַ יידענע איז גאָרנישטאָ אויף דער גאַנצער וועלט. זי האָט מיט איר קול ווי אויסגעטון נאַקעט דעם גאַנצן יום כיפור".

און פאַקטיש איז דער גאַנצער ראָמאַן „ביים דניעפּר" אַזאַ געמיש פון ווייזן פון איין זייט דאָס יידישע לעבן דורך די געבענטשטע אויגן פון אַ גרויסן קינסטלער און פון דער אַנדערער זייט אַ נייגונג צו אויס־טון נאַקעט היילקייטן, זיי שענדן און פעלשן און ווייזן זיי פּונקט פאַר־קערט ווי זיי זענען און אויסטראַכטן בפועל ממש בילבולים.

און ערשט דאַרף מען זיך דענקען, אַז בערגלסאָן האָט מיט זיין פעלשן און שענדן דאָך נישט גענוג נושא חן געווען ביי די ריכטיקע מאַכטהאָבער און זיין עפּאָפּעע איז געבליבן ביים צווייטן טייל און דער העלד איז געבליבן אין די יינגלישע הייזלעך און ער האָט נישט באַ־וויזן צו אויסוואַקסן, כאָטש אַריינגערעדט און אַריינגעטון האָט ער ווער־טער און מעשים, וואָס אַלטע שונאי ישראל האָבן נישט באַוויזן...

און אפשר איז עס געווען די האַנט פון גורל, וואָס האָט רחמנות געהאַט אויף דעם גרויסן קינסטלער בערגלסאָן און אים נישט געלאָזט צו ווייזן זיין העלד אין דער רייפקייט. עס האָט דאָך געקענט קומען דערצו, אַז פּענעק זאָל געווען אַלט ווערן דרייסיק יאָר און ווערן אַ „טשערעזוויטשייניק" און הרגענען מענטשן בכלל און יידן ביפרט און דער מחבר זאָל זיינע מערדערייען בענטשן און באַזינגען און ער וואָלט געווען אַרויסגעבראַכט אַזעלכע מחשבות, וואָס וואָלטן אים געווען גע־מיזט פאַרשריבן ווערן כמעשים און ער אַליין וואָלט געדאַרפט פאַר־בלייבן אַלס שופך דם... דאָס בלייבן ביי דער קינדישער שענדונג איז נאָך אַ מזל... וואָרים דאָס קינד פּענעק האָט אין אַ סך ערטער חן, און בערגלסאָן האָט אונדז שויר דורך יענעם יידן, וואָס לערנט בראשית אין באַן, געזאָגט, אַז דאָס וואָרט „נוח מצא חן" איז גרויס, ווייל דורך דעם חן האָט ער געראַטעוועט. פּענעקס חן ראַטעוועט ערטערווייז פון דעם שענדונג קאָשמאַר, אָבער ווען ער ווערט גרויס, פאַרלירט ער דעם קינדישן חן און ער וואָלט געווירקט אַ סך ערגער... בערגלסאָן אַליין האָט אין „ביים דניעפּר" מער פאַרלוירענעם ווי אמתדיקן חן...

יאָ יידיש, נישט יידיש

דער גאַנג פון דרייען מיטן האַרצן, דער נשמה און דעם גאַנצן מתנת אלוקים, וואָס דער קינסטלער פאַרמאָגט, איז נאָך נישט פאַרענ־דיקט געוואָרן מיט „ביים דניעפּר“. עס איז געקומען אַ מאָמענט ווען האָט מען געמיינט, עליה פאַר אַלע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער. צוליב דער „פּאַטערלענדישער מילחמה“, ס׳הייסט צוליב דעם איבערפאַל פון היטלערן אויף רוסלאַנד, האָט מען דערלויבט די אַלע פעלקער, וועלכע מען האָט נישט געקענט חושד זיין אין סימפּאַטיע צום נאַציזם, צו נעמען זינגען אויף די העכסטע טענער וועגן דעם אייגענעם לייב און לעבן. און אויך די סאָוויעטישע יידן האָט מען דאָס דערלויבט. מען האָט זיי נישט דערלויבט דעמאָלט, ווען היטלער האָט זיך אַ לאָז געטון אין יאָר 1939 קיין פּוילן און קיין טשעכאָסלאָוואַקיע און קיין רומעניע און גענומען אומברענגען מיליאָנען יידן. דעמאָלט איז געווען „פּאַקט“ און מען האָט קיין פּיפּס נישט געטאָרט אַרויסלאָזן קעגן היטלערן, וועל־כער איז דאָך געווען אַן אַליאירטער. דער נאַציזם איז געוואָרן דער אומברענגער פון יידישן פאָלק נישט אין 1933 און נישט אין 1939, נאָר אין 1941.

אָט דעמאָלט איז דערשינען דוויד בערגלסאָנס „לא אָמות כי יחיה“ — אַ פּיעסע, וואָס האָט א טיטל אַ פּסוק. און טאַקע דער געדאַנק פון פּסוק! איך וועל נישט שטאַרבן, איך וועל לעבן. דאָס איז א טאָן, וואָס איז פרעמד געווען אין דער גאַנצער שאַפונג פון דוויד בערגלסאָן. דער מחבר פון „נאָך אַלעמען“ האָט מורא געהאַט פאַר אַ פּאַטעטיש וואָרט ווי פאַר פייער. און אין „פּענעק“ האָט ער געמוזט אָנווענדן סאַטירישן פּאַטאָס, ביכדי צו ליקווידירן דאָס גאַנצע יידישע לעבן פון אַמאָל און ווייזן, אַז ס׳איז נישט ווערט געווען דאָס לעבן און עס האָט געמוזט ליקווידירט ווערן — ס׳איז נישט שטענדיק אַרויסגעקומען אַזוי! — האָט ער דאָס געטון מער דורך בילדער — און על פּי רוב אויסגע־טראַכטע און צוגעשפּיצטע, — ווי דורך ווערטער. און דאָ איז בערגלסאָן געקומען באַלד אין טיטל מיט אַ געשריי אויף די העכסטע טענער. אָבער די צווייטע טייל פון פּסוק איז ביי בערגלסאָנען שוין נישט געווען ווי אין תהילים! דאָרט זאָגט זיך „ואספר מעשי יה“ — און איך וועל

דערציילן גאָטס מעשים. אָבער דער מחבר פון דעם נייעם „לא אמות" האָט נישט דערציילט די מעשים פון דעם יידישן גאָט און דעם יידישן לעבן, די מעשים, וואָס האָבן געראַטעוועט זיינען געקומען פון ערגעץ אַנדערש און גאָט אַליין איז געווען אַן אנדערער.

ווידער האָט בערגלסאָן געהאַט די געלעגנהייט צו לאָזן הערן זיין וואָרט וועגן דעם, אַז די סאָוויעטישע יידן זיצן ביים ברייטן טיש. וועגן דעם, צי זיי זיצן אויך ביי אַן אייגענעם טיש, האָט מען נישט געהערט. אייגנטלעך האָט מען זיי געלאָזט זיצן אין ראַטנפאַרבאַנד ביים ברייטן טיש, אַזוי לאַנג מען האָט געדאַרפט, אַז זיי זאָלן ליגן און פאַלן אויף די שלאַכטפעלדער. מען האָט דערציילט וועגן בערגלסאָנס מוראדיקער פּערזענלעכער ירידה, וועגן זיין מוזן חנפענען און לעקן זיך ביכדי צו דערהאַלטן דאָס מוזן לעבן. וואָס קאָמישער די עפּיזאָדן און אַנעקדאָטן אין דעם דאָזיקן פּרט זענען, אַלץ טראַגישער ווירקן זיי. פאַר דעם כבוד פון דער יידישער ליטעראַטור לאָמיר זיי אויסמיידן. בערגלסאָן איז נישט געווען דער איינציקער מאַראַן צווישן די סאָוויעטיש־יידישע שרייבער. און ער האָט אויך געשריבן דערציילונגען ווי אַ מאַראַן. אַ יידישער זון שטעלט ביי אים אַ יאָרצייט־ליכט זיין מאַמען, דערמיט. וואָס ער מאַכט אַן אָפּעראַציע אַ סאָוויעטישן מענטשן אויף די אויגן און ער מאַכט ליכטיק. אַ זון קומט אין זיין אָפּגעווישטן שטעטל, ווו די נאַציס האָבן אומגעבראַכט אַלע יידן און ער טרעפט אַ זכר פון זיין טאַטן נאָר דערמיט, וואָס ער האָט געטראָגן א זעקל געווער אין דאָרף אַריין צו סטעפּענקאָן. די דאָרפישע סטעפּענקאָס האָבן צו די „מאָשקעס" אין שטעטל אַריין נישט געטראָגן קיין זעקלעך געווער. דער גאַנצער לוין פאַר די מיליאָנען יידישע קדושים, וואָס ווערן חס וחלילה נישט דערמאָנט, באַשטייט אין דעם אויפבויען ראַטנפאַרבאַנד. נישט יידיש לעבן, נאָר דעם סאָוועטישן רעזשים, וואָס האָט דערלויבט צו שרייען „איך בין אַ ייד" בעת דעם קריג, ווען מען האָט געדאַרפט פאַלן, אָבער נישט דערנאָך, ווען מען האָט געדאַרפט אויפבויען... דער יידיש־נאַציאָנאַלער פּעריאָד איז ביי בערגלסאָנען אַרויסגעקומען פאַלש. עפּעס איז מען ביי אים יאָ ייד און מען איז נישט ייד.

און זייט נאָוועמבער 1948 הערט מען מען אינגאַנצן נישט וועגן דוויד בערגלסאָנען, פּונקט ווי מען הערט נישט וועגן אַלע סאָוויעטיש־יידישע שרייבער. מען פאַרזיכערט, אַז בערגלסאָן איז שוין נישטאָ

צווישן די לעבעדיקע. דער דיכטער ל. פיינבערג האָט אין „טאָג" דער־ציילט, אַז אַ סאָוויעטישע פרוי, וועלכע האָט אים אָנגענומען פאַר אַ קאָמוניסטישן שרייבער און וועלכע האָט געמיינט, אַז ער איז נאָך מיט־אַרבעטער פון דער „מאָרגן־פרייהייט", האָט דערציילט, אַז זי האָט אַליין געזען ווי מען האָט בערגלסאָנען אָן אַלטן און געבראָכענעם (ער איז דעמאָלט אַלט געווען 64 יאָר), אַ בלינדן, פאַרשיקט. עס ווילט זיך נישט גלייבן, אַז ס'איז טאַקע אַזוי, אָבער — — —

...ער האָט געוואָלט אַריינברענגען די שיינקייט פון יפת אין די געצעלטן פון שם, דער אייגנאַרטיקער דוויד בערגלסאָן, האָט געוואָלט ווייזן יידישןליידן שטיל, באַהאַלטן, פאַרענדיקט זיי מיט אַ קלוגן שטאָלצן שמייכל. ער האָט אין אַ געוויסער מאָס געוואָרפן אַ נישט־יידישן שיין אויף יידישע ליידן. אָבער די ליידן האָט ער געוויזן, און ער האָט דאָס געטון אַזוי לאַנג זיין וואָרט איז נישט באַצוווּנגען געוואָרן. און דערנאָך... פון דעם אַלעמען, וואָס ער האָט געשריבן דערנאָך, וועט מען אַמאָל מוזן אָפּטיילן זיין אייגן פייער פון דעם פרעמדן מיסט (נוצנ־דיק דאָס מילדסטע וואָרט), מיט וועלכן ער האָט דאָס באַדעקט. אַז מען וועט אַמאָל קענען אויסרעכענען וויפל ער אַליין, דער קלוגער און דער שטאָלצער, האָט געליטן פון דעם, וואָס ער האָט געמוזט דרייען מיט דער נשמה, וועט מיסתמא אויך שווער זיין אים מוחל צו זיין. נישט נאָר פרץ וואָלט אַזוי נישט געטון, נאָר אויך דער ניסתר, וואָס איז אַ לעבן לאַנג געווען זיין נאָענטער חבר, האָט נישט אַזוי געטון. ער האָט נישט, ווי בערגלסאָן, געשיקט די יידן פון די פריערדיקע דורות אין תהום אַריין, מיט אַ נישט ווירדיקן שטויס, נאָר ער האָט, ווי ער אַליין דערציילט אין זיין פאָרוואָרט צו זיין „מישפּחה מאַשבער" זיי געלאָזט אַליין, „שטיל און פאַמעלעך, גיין צו זייער אָנגעצייכנטער באַשערטקייט". מיט דעם נוסח מיט וועלכן דער רבי האָט געלערנט „ואני און איך, בבואי ביי מיין טון קומען מפּדן ארם", גלוסט זיך זאָגן צו דוויד בערגל־סאָנען, וועמענס גייסט עס איז געבליבן אין דער יידישער ליטעראַטור: „ואתה און דו, האָסט נישט אַזוי געטון"... און ס'האָט דיר נישט גע־האָלפן... און דו ביסט געבליבן ווי אַ מין אלישע בן אבויה. און מיר וועלן דאַרפן טון ווי ר' מאיר: אַוועקוואַרפן די שאָלעכץ פון דיין מילגרוים און זוכן דעם תוך — — —

פ. בימקא

דער וועג פון אַ פויליש־יידישן שרייבער

פ. בימקאָ איז איינער פון די גאָר אייגנאַרטיקע יידישע שרייבער פון פוילן, וואָס איז אין זיין פוילישקייט פונקט אַזוי עכט ווי עס איז געווען י. מ. וויסנבערג ע״ה און ווי עס זענען, צו לענגערע יאָר זיי, שלום אַש און י. אָפּאַטאָשו. פונקט ווי אָט די לעצטע צוויי איז ער, לעבנדיק צענדליקער יאָרן אויסער פוילן, פאַרבליבן מיט זיין עכטער און פולער פוילישער יידישקייט. ער איז דאָס פאַרבליבן מיט זיין אינהאַלט, מיט זיינע תנועות און העיות, מיט זיין שפּראַך און מיט זיין פרייד, טרויער, חלום, גלויבן, ספיקות און שרעק. עס האָבן דעם פוילישן יידנטום נישט געפעלט נאָך גרויסע יידישע שרייבער בראש מיט דער גרעסטער שרייבעריש־יידישער פערזענלעכקייט פון אונדזער צייט י. ל. פרץ. אָבער קיינער, אויסער די דערמאָנטע פיר זענען נישט געווען קיין דורכאויסיק פוילישע. פרץ איז דאָך אוודאי און אוודאי געווען דער אוניווערסאַלער ייד, דער וועגזוכער און די זון פאַר אַלע יידן. י. י. זינגער האָט געשילדערט פוילן (און גאַליציע) אויף די ברייטסטע לייוונטן, אָבער ביי אים איז דער עיקר נישט געווען דאָס פוילישע, נאָר דאָס אוניווערסאַל־יידישע און אַלגעמיין מענטשלעכע. זיינע העלדן רעדן פוילישן (און גאַליציאַנער) דיאַלעקט, אָבער דאָס געשעט צוליב לאָקאַלן קאָלאָריט און אַראָמאַט. דער דיאַלעקט איז ביי זינגערן די שפּראַך פון די העלדן, ער אַליין שרייבט אין אַן אַלגעמיינעם יידיש. בעת די אַלע פיר דערמאָנטע שרייבן אַליין דאָס פוילישע יידיש. י. באַשעוויס, י. י. זינגערס יינגערע ברודער, דער גיפטיקער און טאַלאַנטירטער, צו לענגערע יאָר אים, האָט זיין הויפּט־כוח אין זיין סטיל און ער מאַכט אַ סך עקספּע־

רימענטן מיט דעם פּוילישן דיאַלעקט. זיינע העלדן זענען על פּי רוב פּוי־לישע יידן, אויך די דאָזיקע, וואָס לעבן אין אַמעריקע. אפילו דער יצר־הרע און דער שטן קומען ביי אים אַרויס פּוילישע יידן, אָבער מ׳קען באַשעוויסן פּאָרט נישט צורעכענען צו די פּויליש־יידישע שרייבער, וואָס אויסער דעם קינסטלערישן ווערט זייערן, האָבן זיי אַ קולטור ווערט אַלס שילדערער פון יידישן שטייגער. י. באַשעוויס איז צופיל אינדיווידואַליסטישער שריפט־שטעלער, אַז מען זאָל אים קענען פּאַררעכענען אויך אַלס כראָניקער און כלל־שרייבער. אין אַלץ, וואָס באַשעוויס האָט געשריבן, אין דעם זייער, מען נישט זוכן דאָס פּוילישע, נאָר מען מוז זוכן דאָס באַשעוויסישע. י. י. טרונק איז דורכאויס פּויליש אין זיינע ביכער „פּוילן״, אָבער ער איז בעצם אַ סך מער מעמואַרן — שרייבער און פּאָרטרייטשער, ווי בעלע־טריסט. יעדן פאַל איז טרונק אַ פּראָבלעם.

עוזר וואַרשאַווסקי און שימעון האָראָנטשיק, וואָס זענעןביידע אומגע־קומען אַלס קדושים, דער ערשטער איז פּאַריז און דער צווייטער אין וואַרשע, זענען געווען פּונקט אַזוי עכט אין זייער פּוילישקייט, ווי די דאָזיקע פיר, וועגן וועלכע איך רעד, אָבער זיי זענען ביידע געווען עפּיזאָדן. זיי האָבן ביידע אַריינגעבראַכט אין דער יידישער ליטעראַטור נאָר איין מאָמענט: די תקופה פון דער דייטשער אָקופּאַציע בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, די אַזוי גערופענע שמוגל־עפּאָכע, וואָס איז געווען אַ קאַשמאַר פון גייסטיקער ירידה און פון מענטשלעכן חורבן. עוזר וואַרשאַווסקי האָט דאָס געמאַכט אין צוויי ווערק, אָבער אַ פולן ווערט האָט נאָר דאָס איינע ווערק זיינס „שמוגלי־אַרעס״ און שימעון האָראָנטשיק, וואָס איז געווען זיינער אַ נאָכגייער, האָט דאָס אָנ־געהויבן טון אין זיין בעסטן ווערק „פּאַרפּלאָנטערטע וועגן״ און ער האָט דער־נאָך די גאַנצע דערשיינונג אויסגעברייטערט און ער האָט געזוכט אי דעם שורש, אי די קאָנסעקווענצן. ביידע האָבן אַרויסגעוויזן נאָר אחריות פאַר דער מאָמענטאַלער רעאַליטעט, אָבער נישט פאַר דעם יידישן גורל. פ. בימ־קאָ האָט, שילדערנדיק די זעלבע תקופה, אַרויסגעוויזן, ווי מיר וועלן שפּע־טער זען, אַ סך אחריות פאַר דעם יידישן גורל. און אָט דערפאַר זאָג איך, אַז אַש־אָפּאַטאָשו־וויסנבערג, פ. בימקאָ זענען די פיר גאַנצסטע פּויליש־יידישע שרייבער. און כאָטש בימקאָ האָט באַריר־פּונקטן מיט אַלע דריי, ער האָט שלום אַשס שטענדיקע שבת יום־טובדיקייט, וויסנבערגס שטענ־דיקע וואָכעדיקייט און י. אָפּאַטאָשוס שבת יום־טובדיקייט אום שבת און יום־טוב און וואָכעדיקייט אין דער וואָכן, האָט ער דאָך אָן אייגענעם וועג

אויך. ער זוכט אָפּט זייער טיף אין מענטשנס נשמה, אַלץ איינס, צי האָט דאָס אַ שייכות מיט דעם העכסטן, אָדער מיט דעם נידעריקסטן. ער גיט זיך אַ לאָז אַראָפּ ביז צום סאַמע גרונט פון זיין העלדס נשמה און ער ברענגט אַרויף אַמאָל אַ געזאַנג פון געהויבנקייט און אַמאָל — פון געפאַלנקייט.

פ. בימקאָ האָט נישט געהאַט קיין מזל צו דער ליטעראַטור־קריטיק צו אונדזערער. אים קומט דורכאויס דאָס פּערטע פּלאַץ, ווען מען שמועסט וועגן פּוילישקייט אין דער יידישער ליטעראַטור. וואַרשיינלעך איז אין דעם שולדיק נישט נאָר די ליטעראַטור־קריטיק אַליין, נאָר די קאַפּריזנעקייט און צומאָל אויך האַמעטנעקייט פון אונאַדזער שרייבערס שפּראַך. זייער אָפּט פּאַסירט, אַז די רעדער פון בימקאָס וואָגן הייבן אָן צו גיין שווער, גלייך ווי זיי וואָלטן אַריין אין סמאָלע. עס פּאַסירט זייער זעלטן אין אַזאַ פּאַל, אַז ער זאָל נישט אַרויסקריכן בשלום פון דער „סמאָלע" און ער זאָל נישט אָנקומען אויף דעם ריכטיקן פּלאַץ און דער גוטער לייענער זאָל נישט זאָגן, אַז ס'האָט זיך געלוינט דורכצומאַכן די שווערע רייזע, אָבער דאָס פאָרן אַליין קומט דאָך אָן שווער. עס איז אַ שאָד, וואָס אונדזער קריטיק האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר דער שווערקייט פון אייניקע בימקאָ־יאָזדעס און וואָס זי האָט נישט באַמערקט, אַז דער מחבר פון „דעמבעס" און „רעקרוטן" האָט אַמאָל אַזאַ שפּראַך, וואָס פאַרמאָגט אויך אַ לייכטקייט און זינגעוודיקייט, און אַז זיינע אַ דערציילונג ווערט אַמאָל פאַרוואַנדלט ממש אין אַ גוט ליד. און זייער אָפּט איז ביי אים די שפּראַך פול מיט זעלטענער פאַרביקייט און מיט אויסערגעוויינלעכער וואַרעמקייט פון מענטשלעכן אָטעם.

אָט זענען אַ פּאָר שפּראַך מוסטערן, וואָס ווייזן דעם סאַמע היפּוך פון דער אָנגענומענער בימקאָ־שפּראַך מטבע: אין דער סקיצע „דער זיידע" ווערט געשילדערט אַן אַלטיטשקער, וואָס האָט פאַרשידענע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זענען ווייט איינס פון אַנדערן, אין גייסט און אין כאַ־ראַקטער, כרחוק מזרח־ממערב, אָבער ער פאַראייניקט זיי און ווען ער וואָלט נישט געווען, וואָלטן זיי שוין זייט לאַנג זיך נישט אָנגעקערט איינס מיטן אַנדערן. און זיי קומען פון צייט צו צייט אַלע צו אים אין שטיבל אַריין, טאַקע ביכדי נישט אָפּגעריסן צו ווערן פון שורש. און אָט זענען זיי איין מאָל געקומען צו אים און קיין קינד און קייט האָט אָנגעפילט די שטוב מיט פרייד און רויש, אַז זי האָט זיך אַזש געטרייסלט און דער זיידע איז

געזעסן אין דער מיט ווי עפּעס אַ פאַרבאַלזאַמירטע פיגור און וואָס שטאַר־קער די קולות זענען געוואָרן, אַלץ מער דערווייטערט האָט ער זיך פון זיי.

ער האָט זיך דערווייטערט דער זיידע פון זיינע קינדער, איי־ניקלעך, אור־אייניקלעך, שנורן און איידעמס. זיך אָפּגעשיידט נאָכן אָפּזיצן אַ גאַנצן יובל און זיך וואַרעמען, באַקן אויף דער זון — בעת ס׳האָט געררישט אינעווייניק, ס׳האָבן געקלונגען די כוסות, זיך געגאָסן די וויינען. און גראָד ווען דער טאָג האָט זיך שוין געהאַט אויסגענומען, ס׳האָט אינעווייניק זיך געהאַט אויסגעלייטערט דאָס געמיט ביי זיי אַלעמען און די הערצער האָבן גענומען זינגען צו שקיעה... האָט זיך דער אַלטער זיידע פּלוצלינג פון זיי אָפּגעטון און זיי זענען געבליבן אַליין.

די שפּראַך אַליין פאַרמאָגט דאָ אַ געזאַנג וועגן טויט, וואָס ווערט אָפּגעשיידט פון לעבן און וועגן דעם, ווי דאָס לעבעדיקע פון טויטן בלייבט דאָך.

אַ דערציילונג וועגן אַ שרפה, וואָס ברעכט אויס אין שטוב פון אַן אַלט פאָרפאָלק, הייבט זיך אָן מיט די ווערטער:

„דער רויטער אָפּשיין פון די בלוט־רויטע הימלען, האָט אויפ־געריסן די אויגן ביי דער בלינדער קיילען אין בעט און זי האָט געוועקט אומרואיק דעם אַלטן מאַן אירן — עזריאל, עס ברענט״.

ברענענדיקער שילדערן אַזוי קורץ דאָס פייער האָט מען שוין נישט געקענט. דער לייענער דערפילט ממש דעם ברי פון פייער אין זיינע אויגן.

אין זיין באַרימטער נאָוועלע „רעקרוטן״, אַ ווערק, וואָס טוליעט זיך, לויט דעם שרייבערס קראַפט, צו שלום אַשס דאָס „שטעטל״, וויסנבערגס „אַ שטעטל״ און י. אָפּאַטאָשוס „ראָמאַן פון אַ פערד־גנב״ און דאַרף אַריינ־גענומען ווערן מיט גאַנצע שטעלן אין אַנטאָלאָגיעס אַריין און אין דער שטייגער און זיטן — געשיכטע פון פוילישן יידנטום, ווערט געשילדערט ווי בעת דער „נעמונג״ שטייט פאַר דער „פּריסוטסטוויע״ (רעקרוטירונג־ביוראָ) אַ קייט, וואָס פאַרמירט זיך פון יונגען און שקצים און וואָס איז אַ געמיש פון אַ שטיקל רוס, אַ פאַרבלאָנדזשעטן דייטש און אַ פאַרוואָגלטן ציגיינער. דער הויפּט־העלד, בערילע, שטייט גלייך מיט אַלע און —

„פאַר אים — אַ שייגעץ, וועלכן ער איז אפשר אַריינגעפּאָרן מיט די ידים צווישן די אויגן און הינטער אים אַ קיילער־שייגעץ, מיט וועלכן מ׳האָט זיך געהאַלדזט און געקושט ביי לייזערן אין שענקל. אַ ביסל ווייטער — אַ יונגערמאַנטשיקל בלויז אַטלאַס און זייד״.

יעדע פּראַזע ווייזט דאָ אַ מענטש. און די שפּראַך האָט דאָ דעם ריטם און דעם אָטעם פון יעדן באַזונדער.

און דאָרט ווו עס איז אַמאָל פאַראַן אומקלאָרקייט און אומפאַרשטענדלעכקייט אין דער שפּראַך ביי בימקאָן, איז דאָס דאָזיקע בשום אופן קיינמאָל נישט, ווייל דער מחבר האָט די כוונה צו איבערשרעקן און מאַכן דעם איינדרוק, אַז ער איז טיף.

פ. בימקאָ האָט זיכער נישט די דאָזיקע כוונה און אויב די רעדער גייען ביי אים אַמאָל שווער, איז עס ווייל ער ראַנגלט זיך מיט זיך אַליין און ער וויל עפּעס ווייזן און ער ווייזט עס, אָבער נישט צו־קלאָר. אויך אין אומפאַרשטענדלעכן איז ביי בימקאָן פאַראַן דאָס דאָזיקע עכט־קינסטלערישע, וואָס לאָזט נישט גלייכגילטיק און סוגערירט עפּעס. ווען בימקאָ גיט אַ זאָג אין אַ מעשהלע, אַז „ס׳טויבט אין די גאַסן״, ווייסט מען נישט, וואָס ער מיינט, אָבער ווען מען לייענט אויפמערקזאַמער פריער, אַז עס פלאַקערט איבער די בערג אַ שימחה, וואָס רוישט ווי „מענגעס פליגל פון באַחנטע טויבן״, פאַרשטייט מען דערנאָך, וואָס ער מיינט מיט דעם „ס׳טויבט״...

די כוונה פון אָט די שורות איז צו אַריינזיגנען בימקאָן אויף זיין ריכטיקן פּלאַץ אין דער יידישער ליטעראַטור ביכלל און באַזונדער אין דער פּויליש־יידישער ליטעראַטור. און די דאָזיקע אַרבעט איז מיר היפּש פאַרשוועכט געוואָרן דורך דעם, וואָס דער פריצייטיק פאַרשטאָרבענער ליטעראַטור־קריטיקער און קולטור־היסטאָריקער לעאָ פינקלשטיין, בימקאָס אַ בן־עיר, האָט וועגן אים אַרויסגעגעבן אין יאָר 1950, אין דער גרשון פּאָמעראַנץ עסיי ביבליאָטעק פון טאָראָנטאָ — קאַנאַדע, אַ בוך פון 190 זייטן, א״נ: „דאָרטן און דאָ״, מיט אַן אונטערקעפּל: „וועגן דעם דראַמאַטיקער און דערציילער פ. בימקאָ״. אַ געניטער לייענער, וואָס האָט אײַבערגעלייענט דאָס דערמאָנטע ווערק פון ל. פ. וועט באַלד באַמערקן, אַז איך האָב אַ גאַנץ אַנדער צוגאַנג צו בימקאָן און אַז בעת פינקלשטיין האָט

פּאַרשוויגן אונדזער שרייבערס פּאַטעטישקייט און זיין פּסיכאָלאָגיע, פּאַרנע־מען אַט אַ די בײדע אַ גאַנץ אָנגעזעען פּלאַץ ביי מיר, אָבער שטאָפּלעך האָט ל. פּ. כימעט אויסגעשעפּט בימקאָן. ער האָט איבערגעגעבן דעם אינ־האַלט פון זיינע וויכטיקסטע ווערק און ער האָט געגעבן אַ גלייכן און דירעקטן פּירוש צו זיי. אין מיין סעריע „מעשיות וועגן יידישע שרייבער" בין איך זיך נוהג קודם־כל איבערצוגעבן דעם תמצות פון די קאָמענטירטע שרייבערס ווערק און זיי דערקלערן, איך האָב דאָס דאָזיקע איבערהויפּט געלערנט ביי געאָרג בראַנדעס, אַ היפּשן טייל פון אָט דער אַרבעט האָב איך שוין געהאַט אָנגעשריבן איידער איך האָב געלייענט פינקלשטיינס „דאָרטן און דאָ" און איך האָב אַ סך שטעלן געמוזט אויסלאָזן, און איך האָב די גאַנצע קאָנסטרוקציע פון מיין אַרבעט געמוזט ענדערן, און איך האָב דעם שטודיום פאַרוואַנדלט אין אַן עסיי, וואָס איז אויסן איבערהויפּט צו זאָגן דאָס דאָזיקע, וואָס איז נאָך וועגן בימקאָן נישט געזאָגט געוואָרן, אָדער נישט דערזאָגט געוואָרן. און נישט געזאָגט געוואָרן איז איבערהויפּט, אַז בימקאָ איז אַ האַרציקער באַזינגער פון פּוילישן יידנטום און טאַקע פון פּוילן בכלל. לעאָ פינקלשטיין דערציילט, אַז ווען בימקאָ פלעג יינגלוויז, בעת די מוזע האָט זיך אָנגעהויבן אַנטפּלעקן צו אים, שפּאַצירן איבער דער „קאַרטשאַוועסקע אַלייע", האָט אים דער סודותדיקער קלויסטער פון שפּיץ באַרג „צוריקגעשטויסן מיט טונקעלער פרעמדקייט", אָבער פון זיינע ווערק זעט מען, אַז ער האָט אויך אַריינגעקוקט אין דער „טונקעלער פרעמדקייט" און ער האָט דאָרט געזען די הייליקע און זייערע גראַנגלע־נישן מיט דעם ממשותדיקן לעבן. שוין אָפּגערעדט, אַז דעם פּוילישן פּייזאַזש האָט בימקאָ — דאָס דאָזיקע ווייזט אויך אָן ל. פּ. — באַזונגען אַלץ איינס ווי שלום אַש, אָבער מיט אַ גאַנץ אייגענער שטימע. שלום אַש האָט געזונגען אויף גאָר צאַרטע טענער, בימקאָ האָט געזונגען מיט אַ האַרטערער שטימע און רעאַלער.

און די באַציאונגען פון די יידן צו די פּאָליאַקן זענען ביי בימקאָן כימעט ווי פון גלייכע צו גלייכע. די יידן ווערן צומאָל געפּלעפּט ביי אים פון דער רישעות פון די קריסטלעכע שכנים, אָבער קיין מורא האָבן זיי נישט. אין דעם שוין דערמאָנטן ווערק „רעקרוטן" ווערט דאָס דאָזיקע געוויזן מיט ממש פּיזישער גבורה. דו פילסט, אַז ווען דער מחבר אַליין וואָלט געווען אַ פּחדן, וואָלט ער נישט געשילדערט די צוויי געשלעגן צווישן די יידן און די קריסטן, אין וועלכע די יידן פילן זיך מער זיכער

ווי די שקצים, כאָטש יענע זענען ביים צווייטן געשלעג געווען אַ סך, טאַקע גאַנצע צען אויף איינעם. די יידישע יונגען האָבן זיך נישט פאַרלוירן אפילו, ווען זיי האָבן שוין געהאַט אָנגעבראָכענע זייטן, ווייל זיי האָבן „ווי עכטע, געניטע שלעגערס געשפירט אין די מינוטן, ווען זיי זענען שוין געווען דערשלאָגן צום טויט, אַז די לעצטע כוחות זייערע נעמען זיך דאָ אויס, זיי שטייען אָפּ, זיי ווילן שוין לאַנג נישט קענען האַלטן"...

דער דאַזיקער, וואָס וועט אַמאָל שטודירן דאָס יידישע לעבן אין פוילן און ער וועט קומען איבער בימקאָן, וועט זיך גאַנץ זיכער איבערצייגן, אַז דאָרט איז געווען נישט נאָר אַ יידישער גלות, נאָר אויך אַ נאָרמאַל יידיש לעבן און אַז יידן האָבן געהאַט נישט נאָר נשמות און מוחות, נאָר אויך גופים און הענט.

***

פ. בימקאָ איז געבוירן געוואָרן דעם 28סטן דעצעמבער 1890 אין דער שטאָט קעלץ, אין אַ חסידישער מישפּחה. זיין טאַטע איז געווען אַ חסיד, אַ קרעמער. דעם זון האָט נישט געצויגן נישט צו דער קראָם, נישט צו חסי־דות. פונקט ווי אַמאָל מענדעלען, האָט אויך בימקאָן געצויגן די נאַטור און ער האָט דווקא געוואָלט קוקן אויף דעם שיינעם בוים און אויף דעם שיינעם אַקער, כאָטש מען איז לויט יידישן דין דערפאַר מתחייב געווען מיתה. די נאַטור האָט אים געצויגן נישט נאָר צו קוקן אויף איר, נאָר אויך זי צו באַשרייבן. ער האָט נאָך אַלס צוועלף יאָריק יינגל געשריבן זאַכעלעך, וועלכע זענען אייגנטלעך געווען מאָלערייען פון וואָרט. ער האָט אין די דאָזיקע זאַכעלעך נישט דערציילט קיין מעשיות, נאָר געמאָלן די נאַטור. די ערשטע זאַך זיינע, וואָס האָט געהייסן „אַ מייל וועגס", און איז אַריין אין זיין בוך „העלע בליקן", דער צווייטער באַנד פון זיינע שריפטן, וואָס זענען דערשינען אין ניו־יאָרק אין יאָר 1926, א"נ: „אַ מייל ווייט", איז טאַקע נאָר אַ פּייזאַזש, וואָס ווייזט פעלדער,ביימער, אַ קריסטלעכן בית־עולם, אַ וואַלד מיט יונגע ביימער ביים אַריינגאַנג און אינעווייניק מיט עלטערע ביימער. קיין האַנדלונג איז לחלוטין נישטאָ, אויסער אַ ביסל האַנדל צווישן פויער און דעם יידן. און אויב עס געשעעט דאָ יאָ עפּעס, איז עס דאָס פאַנטאַסטישע דערוואַכן פון די פריצים און ריטער אין די פאַרלאָזטע שלעסער. ווען דער „אָצוואָרש" פון די פּוילישע הויפן בלאָזט פאַר די פּוילישע מיידלעך און בחורים אויפן האָרן, שטייען די דערמאָנטע פריצים

און ריטער אויף תחית המתים. פּאַקטיש איז אין יענעם זאַכעלע פאַראַן עפּעס פון אַ בילד פון אַן אַלטן פּוילישן מאָלער און עפּעס פון שאָפּענס אַ מעלאָדיע.

און פונדעסטוועגן איז פּ. בימקאָ נישט געבליבן בלאָזן אויפן האָרן, נאָר ער איז אַוועק צום נייעם לעבן. אין יאָר 1905, ווען ער איז אינגאַנצן אַלט געווען 15 יאָר, ווערט ער אַרעסטירט פאַר פּאָליטישער טעטיקייט און ער זיצט אָפּ זעקס חדשים אין דער קעלצער טורמע. אין יאָר 1909 האָט ער פאַרעפנטלעכט זיין ערשטע זאַך אין לאָדזשער „טאָגעבלאַט". אין זעלבן יאָר האָט ער געמוזט אַנטלויפן און ער האָט געלעבט אַ שטיקל צייט אַלס פּאָליטישער עמיגראַנט אין קראָקע. און אין יאָר 1912 האָט ער איז „אייגענעם פאַרלאַג" אַרויסגעגעבן זיין דערציילונג „די עבירה". אויך דאָ איז פאַראַן פּוילישער פּייזאַזש, אָבער עס איז אויך פאַראַן אַ מעלאָדראַמאַטישער אינהאַלט, אַ געשיכטע מיט אַ יידישן טאַטן, וואָס ווערט דורך אַ שוידערלעכן טעות דער מאַן פון זיינער אַ טאָכטער. בימקאָ דער פּייזאַזשן־מאָלער און דער דראַמאַטיקער מיט נייגונגען צו אויסערגעוויינלעכע טעמעס, וואָס זענען אין אַלטן גריכנלאַנד געווען שטאָף פאַר גורל־טראַגעדיעס און אין אונדזער צייט זענען זיי געוואָרן שטאָף פאַר מעלאָדראַמעס, האָט זיך באַוויזן אין זיין ערשטלינג ביכל מיט נישט גאָר זי־כערע טריט.

דאָס ערשטע רייפע ווערק זיינס איז געווען „רעקרוטן", וואָס איז צום ערשטן מאָל דערשינען אין יאָר 1916, אָבער אָנגעשריבן געוואָרן איז דאָס פריער. דאָס איז אַ בוך פון אַריבער הונדערט פופציק זייטן, וואָס שילדערט אַ יידיש שטעטל אין דער האַרבסט־צייט, ווען מען שטייט צום פּריזיוו. כאָטש דער מחבר שילדערט אַ טיפּיש פּויליש־יידיש שטעטל, ווען בעסאַראַבישע, רוסישע און ליטווישע יידן דאָ דערקענען זייערע שטעטלעך. דאָס איז אַ באַווייז, אַז ס'איז אינגאַנצן תחום המושב געווען איין יידיש לעבן. די פּלאַסטישקייט פון אָט דעם ווערק האָט אַ גלייכן צו זיך ביי ווייסנבערגן און ביי אָפּאַטאָשון. אַלץ איז דאָ בולט און דאָס לעבן פּולסירט און בריט. פאַראַן ביי די יאַטן אי הפקרות, אי אַ טראָפּן מענטשלעכקייט. זיי האָבן גאָרנישט מורא, אויסער פאַר דער עגלה אין בית־מדרש הויף. ווען בערילע שפּאַנט זיך ביינאַכט איין אין דער עגלה און ער באַווייזט זיך צו זיי אין שול־הויף, ווען זיי גייען תהילים זאָגן, ווייזט זיך זיי אויס נישט אַנדערש, אַז די עגלה איז געקומען נאָך זיי און דאָס

דם פאַרגייט זיי. און ווען בערילע פּרווט זיי איינרעדן, אַז ס׳איז גאָרנישט, האַלטן זיי אַלע זיך ביים זייעריקן, אַז מיט אַזעלכע זאַכן שפּאַסט מען נישט, ווייל „היינט איז דאָס מער נישט ווי אַ געלעכטער און מאָרגן קען דאָס זיין אויף דער רעכט אמת״... און ווען זיי זיצן שוין דערנאָך אין בית־המדרש און זאָגן תהילים, אויף וויפל זיי קענען, ווייזט זיי נאָך אַלץ אויס, אַז די עגלה האָט אַ מיטה, פון וועלכן עס שטרעקט זיך אַרויס אַ ריזיקער בר מנן און זיי לאָזן אַראָפּ די קעפּ און פאַלן אַוועק מיט זיי איבער די טישן ווי געהרגעטע.

מיט די „רעקרוטן״ איז דער קעלצער עטלעכע און צוואַנציק יאָריקער בחור אַריין אין אונדזער ליטעראַטור מיט אַלע אייגנשאַפטן פון אַ פּול־בלוטיקן שריפטשטעלער. אָבער איידער נאָך ער האָט אַרויסגעגעבן די „רעקרוטן״, האָט אַ יידיש טעאַטער אין לאָדזש אויפגעפירט זיין דראַמע „אויפן ברעג ווייסל״. די דאָזיקע דראַמע פאַרמאָגט נישט די גאַנצקייט וואָס זיין פּראָזע־ווערק „רעקרוטן״, אָבער ס׳איז אין איר פאַראַן די טראַגעדיע פון דעם פּוילישן יידנטום, וואָס האָט דערפילט די בייטש פון באַי־קאָט און דערהערט דאָס געשריי „דאָ פּאַלעסטיני״. אָנגעוויעט איז די דאָזיקע דראַמע פון דער „סוואָי דאָ סוועגאָ״ פּראָפּאַגאַנדע. און געוויזן האָט דער מחבר ווי אַזוי עס ווערט אויסגעריסן אַ הונדערט־יאָריק פאַר־וואָרצלט יידיש לעבן. צוריק מיט קנאַפּע פערציק יאָר האָט ביי בימקאָן אַ העלד פאַראויסגעזאָגט, אַז אין פּוילן וועלן נישט בלייבן קיין יידן, אַלץ איינס ווי אין שפּאַניע... אין דערציילונגען רעדט יעדער העלד ב׳מקאָס מיט זיין ריכטיקער שפּראַך. אין זיין ערשטלינג־דראַמע רעדן אַלע העלדן דעם מחברס שפּראַך. אין אַלע זיינע ערשטע דראַמאַטישע פּרוּוון האָט בימקאָ געמאַכט דעם טעות פון וועלן אַרויסברענגען זיינע געדאַנקען, אָנ־שטאָט צו לאָזן, אַז דאָס לעבן אַליין זאָל דאָס טון.

פ. בימקאָ האָט איבערגעלעבט אין פּוילן די גאַנצע עפּאָכע פון ערשטן וועלט־קריג, די גאַנצע תקופה פון דער דייטשער אָקופּאַציע מיט איר קאָרופּציע, וואָס האָט מוראדיק צערודערט עקאָנאָמיש און מאָראַליש דאָס יידישע לעבן. און ער האָט יענע צייט באַשריבן אין אַ גאַנצער ריי גרע־סערע און קלענערע דערציילונגען, אין וועלכע עס קומט זייער אָפט צום אויסדרוק דער אויפברויז פון די פּאָליאַקן קעגן יידן און דאָס דערשפּירן פון די יידן, אַז די פּוילישע ערד איז פאַר זיי אַ תהום, ביז דעמאָלט האָבן זיי זי געהאַלטן פאַר אייגענע. אָט אָ דער מאָטיוו איז פאַראַן אויך ביי

שלום אַש אין פאַרשידענע דראַמעס, אָבער ביי בימקאָן איז ער ליטע־ראַריש נישט געצוימט, נאָר די רעאַליטעט אַליין און דער ווי געשריי אי־רער. ער האָט געוויזן די אידיליע צווישן די צווי פעלקער, וואָס האָבן גע־לעבט אויף דער פוילישער ערד, די פריינטשאַפט, וואָס האָט די צווי אַזוי פאַרשידנאַרטיקע מענטשן פאַראייניקט. דער ייד האָט זיין קאָפּ אַריינגע־לייגט אין תורה און אין האַנדל, דער פויער האָט דעם גאַנצן קאָפּ אַריינ־געלייגט אין פּאַשען חזרים און איינער דעם צווייטן האָט געשיקט אַ ברכה. דער ייד האָט געזען אין בלויען הימל איבער דעם לאַנד — אַ גאָלדענעם דעק־טוך און אין דער ערד אַ ווילע מוטער. אָבער אַ גיפטיקער שפּין האָט זיך געשטעלט איבער דעם פאָדעם, וואָס האָט ביידע פאַראייניקט און דער פאָדעם האָט זיך אָנגעהויבן איבעררייסן. דער פויער האָט גענומען פרעגן: „פאַרוואָס ער, דער ייד האָט זיך דאָ פאַרקליבן אין לאַנד פון זיינע אבות און ער עסט דאָס ברויט, וואָס זיין אָקעראייזן ברענגט אַרויס פון דער ערד״.

דעם יידישן מיסחר אין דער עפּאָכע פון דער דייטשער אָקופּאַציע האָט בימקאָ נישט געשילדערט אַזוי פאַרצווייפלט ווי פריער עוזר וואַרשאַוו־סקי און דערנאָך שימעון האָראָנטשיק. ער האָט געוויזן די דעמאָלטיקע רעאַליטעט: בשעת דעם ערשטן וועלט־קריג האָבן די רוסן געהרגעט יידן און דער דייטש האָט זיי געראַטעוועט. רעטראָספּעקטיוו דערקלערט זיך איצטער בימקאָ פאַרוואָס די יידן זענען נישט אַנטלאָפן בשעת דעם צווייטן וועלט־קריג פאַר דעם דייטש — זיי האָבן געדענקט דעם דייטש פון דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג און זיי האָבן געמיינט, אַז ער איז דער זעל־בער... און עס ווערט געוויזן מענטשלעך פאַרוואָס מ׳האָט זיך גענומען צו שמוגל. ס׳איז געווען די איינציקע רעטונג־מעגלעכקייט פון הונגער־טויט.

עס וועט זיין אַ דאַנקבאַרע אַרבעט דורכצושטודירן בימקאָס דערציי־לונגען וועגן דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג און זיי פאַרגלייכן מיט עוזר וואַרשאַווסקיס „שמוגליאַרעס״. בעת ביים ערשטן קומען די יידן אַרויס די שולדיקע, זענען זיי ביי בימקאָן קרבנות. אין דער סקיצע „אין די ערשטע טעג״ דערציילט ער:

„די מילחמה האָט צוגערויבט ווי אַ גנב — דאָס טראָפּעלע מלאכה. און די וואַרשטאַטן האָבן גלייך אַרויסגעוואָרפן דאָס ביסל בעלי־מלאכות אויף דער גאַס. אַז מען ברויך מער נישט די אַרבעט, אויף וועלכע כפּרות ברויך מען זיי צו האָבן?״

אַט אַ די פּאָר שורות פאַרדעקן שוין דערנאָך אויף אַלע שמוגל־מעשים פון די יידן, וואָס האָבן געשוועבט צווישן צוויי מעגלעכקייטן: שטאַרבן פאַר הונגער, אָדער איינגיין אויף אַלץ. און דאָס דאָזיקע מענטשלעכע ליכט פעלט ביי וואַרשאַווסקין און האַראַנטשיקן און זייערע ווערק זענען דערפאַר איינזייטיק, זיי ווייזן די נעגאַטיווע טאַטן און נישט די טרויעריקע סיבות, וואָס טרייבן צו זיי.

ביי בימקאָן איז פאַראַן נאָך עפּעס, וואָס ביי וואַרשאַווסקין און האַראַנ־טשיקן איז נישטאָ — יידישער הומאָר. ביי די ערשטע זענען די יידן נאָר געלט־גייציק, ביי בימקאָן זענען זיי פאַנטאַסטן. אין דער סקיצע „וואָס מילחמה איז”, זענען מיר צוויי שכנים, האַנדלט איינער און וואַנדלט און ער בלייבט סוף־כל־סוף אָן גאָרנישט און דער צווייטער האָט פּופּצן זעקלעך מעל און ער פאַרקויפט זיי נישט און ער האָט וואָס צו עסן. דער ייד, וואָס גלייבט נישט, אַז מען קען לעבן אָן האַנדל און וואַנדל איז מיט זיין גאַנצער טראַגישקייט — קאָמיש. און ביי אַנדערע ווערט ער פאַרגעשטעלט ווי אַ פאַרברעכער. ביי בימקאָן איז פאַראַן הומאָר פון גאָר הויכער קוואַ־ליטעט. זיין מעשה „פעפער” איז אַ מנחם מענדלדיקע און זי וואָלט ביי שלום עליכמען אויך געווען פון די שענסטע פּערל. אַ ייד מיטן נאָמען אהרון שלמה, אַ נישטיק מענטשעלע אין פרידנס צייט, לאָזט אַרויס אַ קלאַנג, אַז ער האָט פעפער. און נישט עפּעס אַ ביסל פעפער, נאָר גאַנצע צען זעקלעך. און עס ווערט אַ בהלה אין שטעטל און די וועלט גייט דאָרט כאַדאָראָם און גנבים קערן וועלטן און זוכן אַלץ דעם פעפער און זיי ליידיקן דערוויל אויס די הייזער און שלמה אהרון בלייבט זיך ווייטער קאַלטבלוטיק, גלייך נישט אים מיינט מען, ביז וואַנען גנבים רייסן זיך אַריין צו זיין ווייב אין שטוב און זיי וואַרענען איר, אַז אויב עס וועט נישט זיין קיין פעפער, וועט נישט זיין קיין מאַן. און זי זאָגט זיי: „און איר גלייבט, אַז ער האָט צען זעקלעך פעפער? און איין זעקל האָט ער? און אפילו אַ פונט, אַ פאָר לויט האָט ער?”. זי פאַרשטייט נישט ווי אַזוי ביי אַ שטאָט האָט געקענט אַוועקגענומען ווערן דער שכל און זיך לאָזן פירן אין באָד אַריין און זי פרעגט צי דערפאַר קומט איר צו בלייבן אַן אלמנה און די קינדער יתומים... „פעפער” גרענעצט מיט דוויד פּינסקיס „דער אוצר” און שלום עליכמס „גאָלדגרעבער”, אָבער ליטעראַרישער איינפאַל איז פאַראַן ביי בימקאָן מער ווי ביי די צוויי דערמאָנטע ווערק. און על פי רוב האָט מען דאָך טאַקע פאַרקויפט זאַכן, וואָס מ'האָט געהאַט אין דער פאַנטאַזיע.

זייער ווייניק גוטן און מער ווי אַ סך שלעכטן (אין מאָראַלישן זין) טאָר און אַ מאָל ווערט דער יידישער שמוגל ביי בימקאָן פאַרוואַנדלט ממש אין מסירות נפש. יידן גייען אין פייער אַריין צו ראַטעווען ווייב און קינדער פון הונגער. אין דער דערציילונג „איבער וואָס מישטיינס געזאָגט" ווייזט אונדז בימקאָ אַ ייד מיטן נאָמען עליע בער, וואָס לאָזט זיך ממיתן פון די זשאַנדאַרן און ער פאָרט דאָך פאַרקויפן אַ ביסל גרויפן. ער זאָגט:

„אַז כ'וויל פון דעם גאַנצן פאָרן און רייטן נישט מער ווי אַ שטיקל ברויט פאַר מיין ווייב מיט די קינדער. און דאָס מוז איך אַרויסהאַקן — מ'זאָל מיר אפילו טרייבערן די אָדערן".

דאָס איז דאָך אַ שמוגלער — אַ קדוש...

***

פ. בימקאָ האָט געשילדערט אין די דערציילונגען פון יענער צייט נישט נאָר די ירידה פון מענטשן בעת דעם קריג, נאָר אויך די שוידער־לעכקייט פון קריג. ער האָט געשילדערט ווי אַזוי דער קריג רייסט אַרויס גאַנצע מישפּחות פון זייערע נעסטן און געוויזן די מוראדיקע ליידן פון די דאָזיקע, וואָס לויפן אָן אַ זין, נישט וויסנדיק, אַז עס איז פאַראַן ערגעץ אַ פּלאַץ, ווו עס איז בעסער. אין אָט אָ די דערציילונגען איז דער טאָן צום מיינסטן אַ לירישער און אייניקע פון זיי וואָלטן געקענט זיין פּאָעמעס. און נישט שטענדיק איז בולט דער יידישער מאָמענט אין אָט די ליידן, כאָטש די יידן האָבן געליטן מער פון אַלע, ווייל זיי זענען יידן. ער האָט אויך דאָ און דאָרט אַ נישט־יידן, וועלכער גייט אָפּ מיטן בלוט אין דעם אומזיניקן חורבן. אַ דערציילונג פון אויסערגעוויינלעכן ווערט, וואָס געהער אין אַלע פּרטים צו די קליינע נאָוועלען וועגן קריג, איז „זיין חטא", וואָס איז געדרוקט אין דעם ערשטן באַנד פון זיינע שריפטן, וואָס טראָגט דעם נאָמען: „טונקעלע געשטאַלטן". אין אָט דער דערציילונג ווערט געוויזן אַ תם מיטן נאָמען משה לופּע, וואָס ווערט דערצויגן ווי אַ בהמה און איז כסדר אַ שפּיל אין די הענט פון די בעלי־עגלות פון שטעטל, וועלכע פאַרוויילן זיך פון זיינע חכמות. דער דאָזיקער תם ווערט פאַרשלעפּט צווישן סאָלדאַטן, ווייל ער קען נעמען אַ פּאָר לייצעס אין דער האַנט אַריין און ער ווערט באַשולדיקט אין שפּיאָנאַזש און מען שטעלט אים פאַר דעם קריגס־געריכט. אויף אַלע פראַגן ענטפערט ער תמעוואַטע

און דאָס דאָזיקע דינט מיסתמא ווי אַ „באַווייז", אַז ער האָט מורא צו דערציילן דעם אמת. און ער פאַרשטייט די גאַנצע צייט נישט, וואָס מען וויל פון אים. ערשט ווען מען זאָגט אים, אַז מען וועט אים „געבן דאָס שטריקל", כאַפּט ער זיך עפּעס און שטויסט זיך אָן, אַז מיט אים האַלט שמאָל. און דער קאָפּ האָט זיך אים צעברענט, נישט געקענט שלאָפן, ער איז געוואָרן אויס מענטש און פון יעדער סקריפּ מיט דער טיר, וואָס ער הערשט פון דרויסן גיט אים אַ קלאַפּ אין האַרצן. איינער פון די אַרעסטאַנטן גיט אַ שפּיי אויף דער ערד און גיט אַ זאָג: „די כאַליערע וויסט. זיי זאָלן זיי אַזוי בלינד און פאַרנאַרט און אויף אַן אמת נישט וויסן, אַז זיי גייען אומברענגען אַ שטיק משוגענעם, אַ פאַרנאַרטן"... דער תירוץ איז, אַז אין דער איצטיקער צייט (און נישט נאָר אין דער איצטיקער) ריכטן זיך אַלע משוגעים און פאַרנאַרטע אויס אַ וויסטן סוף.

אַ צייט שפּעטער האָט דוד בערגלסאָן אָנגעשריבן אַ דערציילונג פון זעלבן מין אויף דער פאַרקערטער זייט. „איינעמס אַ וועג" הייסט בערגלסאָנס זאַך און זי ווייזט אויך אַ תם, וואָס קריגט אַ מיסיע פון דער רעוואָלוציע, וועלכע ער באַגרייפט מיט דעם אינסטינקט און ער פירט זי דורך און ער ווערט דערלייזט. דער אומקום פון בימקאָס תם איז אַ סך איבערצייגנדיקער ווי די דערלייזונג פון בערגלסאָנס. ביי בימקאָן איז נישט פאַראַן בערגלסאָנס פּערלדיקייט, אָבער עס איז פאַראַן אַזאַ עכטקייט, אַז מיר פילן די וואַרעמקייט פון בלוט. ביי בערגלסאָנען איז פאַראַן אַ טענדענץ, ביי בימקאָן — נאַטור.

אין יענער צייט האָט פ. ב. אָנגעשריבן אַ מיסטעריע, וואָס האָט ביי אים פריער געהייסן „די געשיכטע פון אַ קריג" און שפּעטער איז זי דערשינען אין אַ בוך, א"נ: „פראָך". די דאָזיקע מיסטעריע איז געשריבן אין פערזן, אויף דעם שטייגער פון פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק". דער אינהאַלט פון דער מיסטעריע זענען די יידישע ליידן בעת דעם קריג און זייער זין. די אַריבער 500 זייטן פון אָט דעם ווערק זענען צום מייגסטן פאַרנומען מיט דיספּוטן צווישן דעם שטן, וואָס מאַכט די אַלע מילחמות, ביכדי צו אָפּקערן די יידן פון זייער אמונה און דעם רב, וואָס שטייט פעסט פאַר זיין אמונה. די דאָזיקע דיסקוסיעס דערמאָנען איבערהויפּט אין די דיסקוסיעס צווישן איובן און זיינע חברים. אָנשטאָט איין איוב, דיסקוסירט דער רב אין נאָמען פון גאַנצן איוב־פאָלק. דער ווערט

פון דער דאָזיקער מיסטעריע איז בשעתו נישט געווען קיין גרויסער, אָבער דער פּאַרמעסט אויף איר האָט עדות געזאָגט אויף דער אַרבעט־זאַמקייט פון יונגן מחבר. ווען בימקאָ האָט זי פאַרענדיקט איז ער אַלט געווען אַ יאָר 28. איצטער, ווען מיר לייענען רעטראָספּעקטיוו דאָס ווערק „פּראָך”, מערקן מיר, אַז דאָס דאָזיקע, וואָס דער שטן זאָגט דאָרט, אַז עס וועט געשען, איז געשען בעת דעם צווייטן וועלט־קריג און אַז די רייד פון שטן זענען פּאַר אונדזער צייט גאַנץ מילדע; אין אונדזער צייט האָבן גלויביקע גערעדט שאַרפער. אין יענער צייט האָט דער רב געזאָגט:

טאַקע די ישובים פאַרלוירן
אין דער מהומה,
אָבער נישט אונטערגייען
וועט דורכדעם די יידישע אומה.

און ער האָט נישט אויפגעהערט רעדן וועגן גיין אַנטקעגן משיחן און אים פאַלן צו די פיס און אים זאָגן, אַז מען וועט שעכטן און שיסן און זיי וועלן נישט אויפהערן גיין. היינט מאַכן דעם שטנס רייד נישט קיין איינדרוק פון כפירה, ווען ער זאָגט, אַז אויך דורות פריער זענען די יידן אַרומלויפן זוכן משיחן

אויף דער שאַרף פון דער שווערד
און ס'האָט זיי איינגעשלונגען די ערד.

דאָס גרויסע ווערק בימקאָס וועגן דער עפּאָכע פון מוראדיקער ירידה בעת דעם ערשטן וועלט־קריג איז זיין דראַמע „מויערן”, וואָס ער האָט אָנגעשריבן שפּעטער מיט אַ פּאָר יאָר, אָבער זי פּאַסט זיך אינהאַלטלעך אַריין צו דער דאָזיקער תקופה, וועלכע מיר באַהאַנדלען. דאָס איז בימ־קאָס עקיוואַלענט צו עוזר וואַרשאַווסקיס „שמוגליאַרס” און שימעון האָ־ראָנטשיקס „פאַרפלאָנטערטע וועגן”. אויסערלעך איז די דאָזיקע דראַמע געשריבן פּונקט אַזוי רעאַליסטיש ווי די צוויי דערמאָנטע ווערק פון די כראָניקער פון יענער עפּאָכע, אָבער אין תוך איז „מויערן” פּאָרט נישט קיין דורכאויס רעאַליסטישע פּיעסע און ס'איז אין איר פאַראַן אי סימ־באָליזם, אי אַ גראָטעסק, וואָס שטעלן דעם גאַנצן יידישן טראַגיזם אויף דעם שפּיץ פון אַ שאַרף־טרויעריקן שמייכל. ביי שימעון האָראָנטשיק און עוזר וואַרשאַווסקי האָבן מיר אַ הפקר מאַסע, וואָס האָט זיך לייכט גע־

לאָזט מיטרייסן פון דער הפקרות פון דער צייט און איז אַריין אין אַן אַזאַרט שפּיל פון הפקר פאַר הפקר. ווער מיר ווייב, וואָס מיר טאָכטער, ווער מיר יידישקייט, מענטשלעכקייט, מאָראַל — הפקר. ביי בימקאָן זענען פאַראַן אָט די אַלע עלעמענטן, אָבער עס איז ערגעץ דאָך פאַראַן אחריות און חשבון, און דערפאַר איז פאַראַן אַ גרויסע טראַגיק.

דער הויפּט־העלד פון „מויערן" איז אַ ייד פון די טיפסטע טיפע־נישן פון דער אָרעמקייט, קאָפּל עקיבא הייסט ער, און ער איז אַ גאַרבער מיט אַ מיטעלער פאַמיליע — אַ ווייב, צוויי זין און צוויי טעכטער. קאָפּל עקיבא אַרבעט אויסערגעוויינלעך שווער און ער קען נישט אַרויסשלעפּן פון זיין האָרעוואַניע קיין באַשיידן עסן צו זעט. ער איז אָרנטלעך ביז נאַרישקייט. ער איז אַזוי לעמעשקעוואַטע, אַז מען רופט אים לעקיש בער. זיין יינגער טעכטערל מילקע, וואָס איז פול מיט לעבן און איר שיין לייב איז באַדעקט מיט שמאַטעס, חברט זיך מיט שקצים, מאַכט חוזק פון אים און רופט אים „טאַטע־שמאַטע" און נאָך ערגערס. און זיין זון מאַטעס העלפט אַרויס דער שטוב מיט — גניבות. די צוגעשלאָגענע פרוי זיינע, טויבע, האַלט מיט דעם אָרנטלעכן האָרעפּאַשניק און זי שרעקט זיך פאַר זיין לעבן.

און אָט געשעט דער מקימי מעפר דל, מאשפות ירים אביון. אָט אָ דער קאָפּל עקיבא ווערט אַ גביר אַן אדיר. עס איז די צייט פון דער דייטשער אָקופּאַציע און די דערמאָנטע יינגערע טאָכטער, די דאָזיקע, וואָס האָט פריער געלאַכט פון איר טאַטן, ווערט די געליבטע פון דייטשן גענעראַל און העלפט דורכדעם אַרויסנעמען איר פאָטער פון מיסט און אים מאַכן פאַר אַ גביר. מילקע ווערט, וואָס זי ווערט, נישט מיט קיין גרינג האַרץ. זי זאָגט, אַז פון יעדער באַזוך אירן ביים אַלטן בעל־עבירהניק, ברענגט זי דעם טאַטן נאָך אַ הויז און זיך — אַ לאָך אין האַרצן. מיט אָט דעם זאָג אַליין, וואָס שטראָמט אַרויס פון אירע טיפסטע טיפענישן, קאַטשעט מילקע אַראָפּ פון זיך אַ גרויסן טייל פון איר זינדי־קייט. זי זינדיקט נישט פאַר זיך אַליין.

צו דער מדרגה פון אַ העלד וואַקסט אויס דער פּראָסטער קאָפּל עקי־בא, דער געוועזענער לעקיש בער. ער בלייבט נישט דער זעלבער עמכניק, ווי עס בלייבט שלום עליכמס שימעלע סאָראָקער, ווען ער מאַכט דאָס גרויסע געווינס, נאָר ער וויל אָפּרייבן יעדן זכר פון דעם אַמאָליקן גאַר־בער. ער שינדט די הויטן פון זיינע הענט און ליידט ווייטיק, ביכדי

צו אָפּווישן דעם גאַרבער און ער וואָלט מי יודע וואָס געגעבן, אַז זיינע הענט זאָלן נישט זיין אַזוי האָרעפּאַשנע גרויס. ער קריגט אַ משוגעת פון אויסאיידלען זיך. און די זעלבע ייִנגערע טאָכטער, וואָס האָט פריער געלאַכט פון אים, ווערט איצטער זיין בעסטער פריינט און העלפט אים זיך אויסאיידלען, כאָטש זי מוז גיין פאַר אים אין דער עקלהאַפטער שליחות. און אויך קאָפּל עקיבא קריגט פאַראַנטפערונג פאַר דער זינד פון זיין טאָכטער. ער רעדט אַזוי לאַנג מיט הנאה וועגן איר „סעקס אַפּיל״ (ער רופט דאָס נאַטירלעך נישט אָן ביי אָט דעם נאָמען), ביז וואַנען ער מאַכט דערפון אַ שטאָלץ און ער הייסט איר טוען טובות דער וועלט. אָרעמעלייט, שלימזלדיקע שמוגליאַרעס און קאַליקעס סוחרים קו־מען צו איר און דער פאָטער שיקט זי אַלץ מער און מער צום גענעראַל. און ווען זי ווערט זיך קעגן דעם, מישט זיך דער ברודער אַריין און פון זייערע רייד קומט אויס, אַז זי איז אַ שליח ציבור, עס שיקט זי גאַנץ קהל, דער יידישער און דער גויאישער. ווען זי וואָלט אויפגעהערט גייז, וואָלטן דער רב און דער גלח להבדיל פאַרלאַנגט ביי איר זי זאָל גיין...

אויב מילקע טוט אירע זינד פאַר איר טאַטן און פאַר איר מישפּחה, טוט דער פאָטער אַלצדינג צו נעמען גאַנץ קהל פאַר אַ שותף צו דער זינד, צו וועלכער ער טרייבט זיין טאָכטער. ער איז דער פּראָסטער פון די פּראָסטסטע יידן, אָבער אַליין נעמען אויף זיך די אחריות פאַר זיינע מוראדיקע מעשים האָט ער דאָך קיין מוט נישט. און ער קריגט אַ פאַר־ענטפערונג פאַר זיך אַליין אין דעם, וואָס ער צווינגט די טאָכטער צו טון טובות דער וועלט. אמת, ער קריגט אַ גרויס פאַרמעגן און אַ גרויסע מאַכט און קהל קריגט גראָשנס, אָבער — שותפים (מיינט ער) ווערן אַלע.

און דאָ קומט דער גראָטעסק שפּיל. דער געוועזענער לעקיש בער קריגט מאַניע פון גרויסקייט. ער וויל נישט אַנדערש ווי קריגן פאַר זיין עלטערער טאָכטער עטל, די פּאַסיווע אין גאַנצן שפּיל, דעם ד״ר עפּנער, וואָס קומט אַרויס פון מיוחסים, פאַר אַ מאַן. און ער באַווייזט דאָס! ער איז דאָך אויפן זאָטל. און ער קריגט לשון. ער פאַרזיכערט זיין מחותנתטע, אַז איר זון וועט ערשט איצטער ווערן גרויס, פריער האָט ער געהאַט נאָר די אָפּגעריבענע אותיות אויף זיין טאַטנס מצבה. און וואָס מער ער שטייגט אין פאַרמעגן און אין כבוד, שטייגט זיין חוצפּה און זיין שפּראַך. זיין טאָכטער ווערט דורך זיין מויל אַן אסתר המלכה. און ער האַלט זי אין איין יאָגן צו טון מצוות פאַר יתומים. דער זנות ווערט געהייליקט. די

עבירה ווערט אַ קייט פון מיצוות. דער פינצטערער שפּיל הייבט אָן ווערן אסתר־המלכה, אָדער „גאָלדענע רויזע״־שפּיל און די גאַנצע זאַך הייבט אָן ווערן אַ מגילת־פּוילן.

און דער אַפּעטיט קומט מיטן עסן. האָבנדיק שוין איין אײדעם אַ דאָקטאָר, וויל דער געוועזענער לעקיש בער נישט אַנדערש ווי אַ צווייטן אײדעם אַ רבין. די מויער פון מאָדערנעם יחוס האָט ער איינגענומען, וויל ער איינעמען אויך די מויער פון הייליקן יחוס. ער וויל פאַר זיין „צנועה״ מילקע נישט קיין אַנדערן ווי דעם זון פון זאַקליקאָווער רבינס זון, וואָס האָט אַ יחוס בריוו ביז דוד המלך... ער איז פאַראָרעמט דער רבי, זיינע חסידים זענען פאַראָרעמט און קאָפּל עקיבא חוצפהט. ער זעט צו זיין רעכטער האַנט דעם אײדעם דעם רבין און ביי דער לינקער דעם אײדעם דעם דאָקטאָר, עולם־הבא און עולם־הזה — ביידע וועלטן זענען זיינע. און פאַרשטייט זיך, אַז ער הייסט אַלץ זיין טאָכטער טון יידן טובות. די שטילע פּרוי פון געוועזענעם לעקיש בער און דער יינגערער און שטילער זון וועלוול, זענען די איינציקע, וואָס האָבן מורא, אַז ער וועט מוזן אויסברעכן דאָס אַלץ, וואָס ער שלינגט איין.

אָט אין דעם פאַרמעסטן זיך אויך אויף דעם רבינס זון, איז פאַראַן דער גראָטעסק פון דעם שוידערלעכן שפּיל. דאָס איז נישט נאָר שיכרות פון גרויסקייט — מאַניע און פון יאָגן זיך נאָך יחוס, נאָר אַ ווילן אַריינ־נעמען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק אין דעם ווילדן ווירוואַר. קאָפּל עקיבא ווערט ממש משוגע. ער איז גרייט אויפבויען צוריק די גאַנצע שטאָט, אויסלייזן אַלע פון אָרעמקייט און אויפבויען אַ שול, וואָס זאָל „זיין אַזוי הויך, ווי להבדיל דער גויאישער קלויסטער״. און ווען עס האַלט שוין ביים שפּיץ, קומט דער פאַל אַראָפּ. ווען מילקע ווערט אַ כלה פאַר דעם רביישן זון, גייט זי דאָך שוין מער נישט צום גענעראַל, זי דאַרף דאָך ווערן אַ רביצין, גיט דער גענעראַל נישט קיין דערלויבעניש צו בויען. דער גענעראַל צעטרייבט דעם גאַנצן המון, וואָס קלייבט זיך שוין צו טריאומפירן.

אַלצדינג פאַלט — קאָפּל עקיבא ווערט צוריק דאָס דאָזיקע, וואָס ער איז — לעקיש בער. אָבער לשון האָט ער געקראָגן. ער האָט טענות צום רבונו של עולם, וואָס ער האָט אַזוי חוזק געמאַכט פון אים. מען פילט, אַז דאָ רעדט שוין נישט ער אַליין, נאָר דער מחבר זאָגט אים אונטער. ער זאָגט, אַז ווען ער האָט געהאַלטן ביים העכסטן זכות, זיך

אויסצומישן מיט דעם בלוט פון דעם צדיק און פון אים זאָל אַרויסקו־מען אַן אַנדער גזע, האָט אים גאָט „גלייך אַ נעם געטון פאַרן קאַרק מיט אַ פּאָר אייזערנע הענט: כאַפּ נישט, לעקיש בער, ס׳קען דיר נאָך פאַר־שאַדטן״. אָבער ווען אונדזער העלד פרעגט דעם רבונו של עולם פאַרוואָס ער האָט אים אַרויסגענומען פון זיין לאָך און אים אַזוי אויפגעהויבן און איצטער אַזוי נידעריק אַראָפּגעוואָרפן, איז דאָס שוין יאָ זיינע רייד און זיינע געדאַנקען!

די דראַמע ענדיקט זיך נישט מיט אָט דעם פאַלן. אַזוי וואָלט זיך געענדיקט אַ גריכישע טראַגעדיע, אָבער נישט קיין יידישע. דאָ קומט אַן אַנדער עפּילאָג. עס איז געווען גרייט אַ גרויסע סעודה לכבוד דעם אויפבויען פון דער שטאָט, מאַכט זיך קאָפּל עקיבא האָרץ און ער הייסט, אַז די סעודה זאָל פאַרקומען לכבוד דער טאָכטער, וואָס „האָט אויפ־געהאַלטן אַ שטאָט מיט יידן, זיך געלאָזט אַוועק(אום)ברענגען פאַר יידי־שע קינדער, אָפּגעראַטעוועט אַזוי פיל לעבנס״. איר וועט זיך דאָ גוט אַריינטראַכטן, וועט איר זען, אַז לעקיש בער דערלעבט דאָ אַ נקמה אין גאָט אַליין... און דער עולם לאָזט זיך מיטרייסן און פראַוועט די סעודה. דער גענעראַל מיינט דאָך, אפנים, אַלץ, אַז דאָס איז לכבוד מילקעס חתונה מיטן רבין, שיסט ער אויף די מויערן פון דער יידישער געגנט און מילקע רופט אויס: „כ׳גיי צו אים... זיך שטעלן פאַרן (פאַר אים) נאַ־קעט... ס׳צעקאָכטע בלוט אינעם (אין אים) איינשטילן״... זי ווערט דאָ אי אסתר המלכה, אי יהודית, אי די גאָלדענע רויזע...

„מויערן״ איז זיכער דאָס גרעסטע ווערק, וואָס בימקאָ האָט אָנגע־שריבן און איז אויסער יעדן ספק איינע פון די דריי־פיר גרעסטע דראַ־מעס אין יידיש. יעדער יידישער היסטאָריקער, וואָס וועט שרייבן וועגן אָט דער עפּאָכע, וועט מוזן זיך באַנוצן מיט אָט דעם ווערק. דובנאָוו ציטירט ביי יעדער תקופה די וויכטיקסטע ליטעראַרישע ווערק אירע און דער נייער דובנאָוו וועט ביים באַהאַנדלען די שמוגל־עפּאָכע בעת דעם ערשטן וועלט־קריג, מוזן ציטירן בימקאָס „מויערן״.

און עס וועט בלייבן נישט קיין כבוד פאַר דער יידישער בינע, וואָס זי האָט קיינמאָל דאָס דאָזיקע ווערק, וואָס איז שוין אַלט דריי צענדליק יאָר, נישט אויפגעפירט. און די „הבימה״, וואָס האָט נישט לאַנג אויפ־געפירט די פּיעסע פון ח. הזז, וואָס „פאַרברענט דעם גלות״, וואָלט גע־מעגט האָבן מוט און שטעלן „מויערן״ צו וויזן מיט וואָס פאַר אַ מאָראַ־

לישן מסירות נפש יידן אין גלות האָבן דערהאַלטן דעם גוף און די נשמה פון יידישן פאָלק. און ווי אַזוי דער יחיד האָט זינדיקנדיק געטון אַלצדינג צו דערלייזן זיך פון די זינד...

דאָס דאָזיקע, וואָס פ. בימקאָ האָט געוואָלט דערגרייכן מיט זיין מיסטעריע „פראָך", האָט ער דערגרייכט מיט דער אויסערלעך רעאַליס־טישער פּיעסע „מויערן": כאָטש דאָ פיגורירט נישט קיין שטן און קיין שום אַנדער סימבאָלישע פיגור, איז דאָ געוויזן געוואָרן, אַז יעדער קריג איז געוועזן אַ סכנה־שפּיל פאַר דעם יידישן פאָלק אומצוקומען פיזיש און מאָראַליש.

איך בין פאַרלאָפן דעם וועג. פאַר „מויערן" האָט בימקאָ אָנגעשריבן פיר פּיעסן — „גנבים", „דעמבעס", „ווינטן" און „פאַרוועלקטע בלעטער". די ערשטע צוויי פון אָט די פּיעסן האָבן געזען די שיין פון דער בינע און מיט גאַנץ באַדייטנדיקן דערפאָלג. מיט זיין דראַמע „גנבים", וואָס האָט נישט דעם גרויסן פאַרנעם פון „מויערן" און איז אַן עקזאָטישע פּיעסע פון אַ לאָקאַלן ווערט, האָט ער אָפּגעהאַלטן אַ גרויסן ניצחון. דריי טעאַטערס האָבן די פּיעסע אויפגעפירט כימעט אין איין און דער זעלבער צייט. די „ווילנער" האָבן זי אויפגעפירט אין וואַרשע, די „פרייע יידישע פאָלקסבינע" אין ווין און מאָריס שוואַרצס קונסט טעאַטער אין ניו־יאָרק. אַזאַ אַ ניצחון האַלט נישט צו־אָפּט אָפּ אַ שרייבער, וואָס האַלט ביים סוף פון די צוואַנציקער יאָרן. בימקאָ האָט פאַרענדיקט „גנבים", ווען ער איז אַלט געוועזן 29 יאָר.

אוודאי האָט געהאַט אַ חלק אין דערפאָלג די עקזאָטישקייט פון דער טעמע. אונטערוועלט־פּיעסן האָבן שטענדיק שאַנסן פאַר דערפאָלג. עס איז אָבער כדאי צו וויסן, אַז בימקאָ האָט לחלוטין נישט געזינדיקט און ער האָט זיין וועלטל געשילדערט אָרנטלעך און ער האָט נישט אין זינען געהאַט די גוים און ער האָט נישט אַריינגעשלעפּט דעם יידישן גאָט און נישט געבראַכט קיין ספר־תורה און ער האָט ביכלל נישט גע־שלאָגן אויף יידישקייט. און אויב איינער פון דער חברה, נחמן כשר, איז אַ פרומער, איז דאָס געוויזן געוואָרן נישט צוליב אויפבלאָזן אַ פּראָבלעם און מאַכן עקזאָטיש, נאָר צוליב דער רעאַליטעט. גנבים זענען ביכלל אָבערגלויבעריש, איז איינער פון זיי אויך פרום.

פ. ב. האָט אויך אין פּראָזע געשילדערט יידישע אונטערוועלטניקעס. און קיינמאָל איז אין אָט די שילדערונגען נישט פאַראַן קיין שאָקירנדיקס.

איך האָב שוין געזאָגט: ביי בימקאָן איז דאָס יידישע לעבן אין פּוילן געווען נישט קיין גלות נאָר אַ — לעבן, איז אין אָט דעם לעבן געווען אויך אַן אונטערוועלט. אין זיין דערציילונג „די קללה" שילדערט בימקאָ יידישע גזלנים. דער גזלן שמעון איז דער צווייטער דור, אָדער אפשר גאָר דער דריטער פון זיין „פּאַך". און דער מחבר שילדערט אים נישט ווי איינעם, וואָס טוט שלעכטס רשעים און גוטס אָרעמעלייט, נאָר ווי אַ פּשוטן, פינצטערן גזלן. ווען ער האָט געדאַרפט געבוירן ווערן, איז געוואָרן אַ שטורעם, וואָס האָט אויסגעריסן דעם גאַנצן וואַלד נאָענט און פאַרלייגט די שטוב, אין וועלכער די מאַמע איז מיט אים געגאַנגען צו קינד און מען האָט נישט געקאָנט ברענגען קיין באָבע. ווען שמעונס ווייב גייט צו קינד, ווערט אַ שטורעם־רעגן און ער לויפט מיט זיינע „אָדלערס" ברענגען די באָבע און ער ברענגט זי און זי נעמט דאָס קינד און מאַמע און קינד לעבן ביידע. און ווען מען לויפט אים אָנזאָגן די בשורה, ליגט ער אויסגעשטרעקט אויף דער ערד. אָנשטרענגונג און שרעק ברענגען כסדר טויט אויף די גזלנים. פאַראַן אין דער „קללה" עפּעס פון אַ פאָלקס־מעשה, אָדער אויך אינדיווידועל־דיכטערישע קראַפט. אויך אין דער דערציילונג „דער פלעק" ווערן מיר אַריינגעפירט אין אַזאַ פינצטערן הויז, וווּ צוויי מיידלעך קאָנען נישט זען די ליכטיקע שיין. בימקאָס אונ־טערוועלט־שילדערונגען זענען אין די גרענעצן פון נאָרמאַליטעט.

און דאָס זעלבע איז אויך צו זאָגן וועגן „גנבים". איך געדענק אָט די פּיעסע פון די פאָרשטעלונגען, וואָס איך האָב געזען אין ווין און בוקאַרעשט, פריער ביי דער פרייער פאָלקסבינע און דערנאָך ביי די ווילנער. די עקזאָטיק איז דאָרט געווען שטאַרקער פון דער דראַמע, אָבער ביידע אינאיינעם האָבן זיך צונויפגעגאָסן און זענען פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פאַרכאַפּנדיקן ספּעקטאַקל. דער אינהאַלט דרייט זיך אַרום דעם, וואָס דער „שליאַמגייער" (ביינאַכט־גנב) שלמה שבר האָט אַ יונג און לעבעדיק ווייבל מירקע, וועלכע איז גרייט אויף אַלץ, בעת ער אַליין איז אַ שבר און נישט קיין געניגנדיקער מאַן און ער איז דערפאַר חושד, אַז זיין ווייב איז אים נישט געטריי. זיין חשד ווערט נאָך שטאַרקער, ווען זיין ווייבל ווערט געלעגן און האָט אַ קינד. ער הערט זי נישט אויף צו פּייניקן, אַז ער זאָל איר זאָגן פון וועמען דאָס קינד איז. מען האָט געזאָגט און געשריבן, אַז דאָס פּראָבלעם דערמאָנט אין סטרינדבערגס „פאָטער", אָבער עס איז נישט ריכטיק. ביי סטרינדבערגס העלד איז דאָס

אַן אומנאַטירלעך פּראָבלעם, אַ רעזולטאַט פון אַ קראַנקן געדאַנק, בעת דאָ איז די דראַמע אַ רעאַלע, ווייל זי איז אַ קאָנסעקווענץ פון אַ שוואַכן און קראַנקן גוף. שבר ווייסט דאָך, אַז ער איז נישט געגוג מאַן. עס איז די טראַגעדיע פון דעם שוואַכן אין אַ וועלט, אין וועלכער מען ווערט באַלוינט פאַר כוח — דער וואָס קאָן „בעסער" און ברוטאַלער גנבענען, ווערט בעסער באַצאָלט. זאָגט טאַקע לעפּאַק שברן, אַז אין דער גנבישער וועלט ווערט קיין אייגנטום נישט רעספּעקטירט און אויב ער וויל אַ ווייב נאָר פאַר זיך אַליין, דאַרף ער „באַסטירן" (וואַרשיינלעך רעזיגנירן) אָדער פון ווייב, אָדער פון פאַך.

פאַראַן אין בימקאָס „גנבים" אַ געוויסע סענטימענטאַלע באַציאונג צו די העלדן, וואָס דערמאָנט אין די גנבימישע פאָלקס־לידער, וואָס זע־נען געשאַפן געוואָרן, אָדער פון די גנבים אַליין, אָדער פון זייערע גאָענטע. מיר ליגט נאָך אין טעם אַ קורצער מאָנאָלאָג פון דער „כוח־גייער" (אַ ביינאַכט־גנב, וואָס נוצט אַמאָל אַ קינזשאַל אויך) לעפּאַק, אין וועלכער עס רעדט זיך וועגן גורל פון דעם גנב, וואָס קאָן אַ רגע נישט שלאָפן רואיק, גיט אַ שאָרך, דאַרף ער שוין לויפן און שפּרינגען איבער דעכער. דער קאָפּ ווערט אים כסדר צעשפּאָלטן, צי מען וועט נישט קומען אים אָנטון קייטן. און דער מישפּט, וואָס קאָן קומען... פאַר זיינע עטלעכע און דרייסיק יאָר האָט ער זיך שוין אָריינגעפּלאָנטערט אין מער „משא מתנס", וויפל האָר אין קאָפּ ער האָט.

אין ווין און אין בוקאַרעשט איז די פאָרשטעלונג פון „גנבים" גע־וועזן אַ סענסאַציע. נישט־יידישע טעאַטער־קריטיקער האָבן די פאָרשטע־לונג באַזונגען, ווייל זיי האָבן אין איר דערפילט מענטשלעכע עכטקייט. שברן האָט געשפּילט פּאָול באַראַטאָוו, וועלכער איז מיסתמא געווען דער בעסטער „פּאָטער" אויף דער יידישער בינע, כאָטש דאָס יידיש לשון האָט ביי אים געקלונגען גויאיש. איך דערלויב זיך דאָ צו ברענגען אַ שטעל פון מיינע אַ רעצענזיע וועגן „גנבים" אין דער אָנפירונג פון דער „פריייער פאָלקסבינע", וואָס איך האָב פאַרעפנטלעכט אין בוקאַרעשט אין יאָר 1922. איך האָב געשריבן:

„און ווי אַנדערש באַראַטאָוו האָט געשפּילט דעם ריטמייסטער, וואָס פּייניקט זיך אויס אַ פּראָבלעם און ווי אַנדערש ער האָט געשפּילט דעם גנב שבר, וואָס ווייסט, אַז ער איז אַ שוואַכער מאַן

און וויל זיך דווקא איינרעדן דאָס פּאַרקערטע און ווער ער וואָלט אַרויסגעשלעפּט אַ ליגן ביי זיין ווייב, אַז דאָס קינד איז זיינס, וואָלט ער זיך באַרואיקט. דער ריטמייסטער וויל אויספּייניקן אין אמת, וואָס איז אפשר אַ ליגן, שבר וויל אויספּייניקן אַ ליגן פּאַר אַן אמת. וואָס „שטאַרקער" באַראַטאָווס שבר האָט געשאָלטן, אַלץ מער איז אַרויסגעקומען זיין שוואַכקייט. הירשל מזיק האָט געשפּילט יצחק דייטש, וואָס איז געווען דער זיסטער זינגער אין יידישן טעאַטער און אַ גאַנץ פיינער רעזשיסאָר. ער איז דווקא נישט געווען קיין שיינער, אָבער ער האָט פּאָרט אויסגעזען ווי אַ שיינער גנב און ער האָט געקאָנט אַ זינג טון אַזוי, אַז ביי אַ ווייבל זאָל זיך פאַרדרייען דער קאָפּ. באַראַטאָוו און דייטש זענען געוואָרן אַ ספינקס און אַ כימערע און זיי האָבן געשאַפן דעם קאָנפליקט פון הילפלאָזער אומ־באַוועגלעכקייט און גליקלעכער באַוועגלעכקייט. שימחה נאַטאַן, אַ געוועזענער סופלאָר, וואָס איז געוואָרן אַ גלענצנדיקער כאַראַקטער שוישפּילער, האָט געשפּילט כשרען און ער האָט צוגעגעבן אַ גע־וויסן — יידישן חן דער פאָרשטעלונג".

נאָך מער וויפל עס איז געווען רעאַליזירונג אין „גנבים", איז גע־ווען צוזאָג פון אַ נייעם יידישן דראַמאַטורג.

דאָ אייגנטלעך וואָלט געקאָנט פאַרענדיקט ווערן פּ. בימקאָס אייראָ־פּעאישע תקופה. אין יאָר 1921 איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע און ער געפינט זיך דאָרט עד היום. אָבער קיין נאָרד־אַמעריקע איז בימקאָ געקומען מיט נאָך דריי פּיעסן וואָס ער האָט געהאַט אָנגעשריבן אין פוילן. און איינע פון זיי איז אויפגעפירט געוואָרן מיט אַ סך דערפאָלג. „דעמבעס" הייסט די דאָזיקע פּיעסע. די סביבה איז דאָ אַ דאָרפיש־יידישע. בימקאָ כאַפּט זיך שטענדיק אָן אָדער אין אַ עקזאָטישער, אָדער אין אַ דאָרפישער סביבה, מיסתמא, ווייל אין זיי איז דער שפּיל פון די אינסטינקטן אָן אָפענער און אים האָט כסדר געצויגן צו ווייזן אָט דעם שפּיל.

אין „דעמבעס" קומט פאָר אַ קאַמף צווישן אַ טאַטן און אַ זון איבער אַ מויד. די פרוי פון דעם יידישן גוטבאַזיצער ישראל שטאַרבט און דער פאָטער וואַרפט אַן אויג אויף דער דינסט מויד ראַשעל און דער זון ראובעלע וואַרפט אויך אַן אויג אויף איר און זי פילט זיך ווי צווישן

צוויי וועלף, וואָס ווילן זי ביידע צעטראָגן. לעאָ פינקלשטיין ווייזט אָן, אַז ביי בימקאָן איז פאַראַן די השפעה פון ריימאָנטס „פויערים". ער דערמאָנט אויך, אַז אין גאָרדינס „ווילדן מענטשן" איז פאַראַן אַנדיי־טונגען אויף אַזאַ טעמע. ער דערמאָנט נישט, אַז אין פרצעס איינאַקטער „עס ברענט" קומט אויך פאָר דאָס זעלבע. אין דער דראַמע „די תאווה אונטער די אולם ביימער" פון גרויסן אַמעריקאַנישן דראַמאַטורג יודזשין אָניל קומט אויך פאָר אַ קאַמף צווישן אַ טאַטן מיט אַ זון איבער אַ פרוי. און מאָריס שוואַרץ, וואָס האָט די דאָזיקע פיעסע אויפגעפירט ביי זיך אין טעאַטער, האָט מיר פאַרזיכערט, אַז אָניל האָט ביי אים געזען „דעמ־בעס" איידער ער האָט געשריבן „די תאווה אונטער די אולם־ביימער" און ער איז זיכער אָנגערעגט געוואָרן פון בימקאָס פיעסע צו שרייבן זיין ווערק. פאַרשטייט זיך, אַז דאָ קאָן קיין רעדע נישט זיין וועגן קיין פּלאַגיאַט. אין יעדן פון די דערמאָנטע ווערק איז פאַראַן אַן אייגענע סביבה און אייגענע מענטשן. און ביי בימקאָן איז שוין גאָר פאַראַן אַן אייגענע סביבה און אייגענע מענטשן. די דינסט־מויד ראַשעל, וואָס באַ־שליסט זיך חתונה האָבן מיט דעם פאָטער צוליב זיין פאַרמעגן און צוליב די רייכע קליידער פון זיין ערשטן ווייב, איז נישט גליקלעך. איר פעלט דער עיקר אין לעבן — די ליבע און די פשוטע תאווה־זעטיקייט. און די קליידער פון דער פאַרשטאָרבענער פאַרגייערין אירער, וואָס האָבן זי פריער אַזוי שטאַרק געגרייצט, שרעקן זי און פאַראומערן איר נאָך מער דאָס לעבן. און כאָטש זי איז אַ דאָרפישע מויד און זי רעדט מער ווי אַ שיקסע איידער אַ יידיש מיידל, איז זי פאָרט אַ יידישע טאָכטער. דעם מאַן אירן, וואָס האָט זי געקויפט מיט זיין פאַרמעגן, וויל זי קיין פרוי נישט זיין און זי באַרימט זיך, אַז זי וועט דאָס נישט זיין און אַז ער וועט ביי איר „האָבן אַ פייג", אָבער אָפּנאַרן אים מיט דעם זון האָט זי דאָך מורא, ווייל זי וויל פאָרט בלייבן אַן ערלעך יידיש מיידל. דער געראַנגל צווישן אינסטינקט און פליכט קומט ביי די דאָזיקע פרימיטי־ווע מענטשן אַרויס ווי אַ קאַמף צווישן יידישקייט און גויאישקייט. און אין אַ גרויסער מאָס זיגט די יידישקייט. דער זעלבער זון, וואָס זאָגט, אַז ער וואָלט געקאָנט הרגענען דעם טאַטן, דערשרעקט זיך, ווען דער פאָטער קריגט אַן אַטאַקע און ער בעט זיך ביי אים ער זאָל נישט שטאַרבן. דאָס רעדן אין דער פיעסע איז גויאיש, דאָס האַנדלען — יידיש!

„דעמבעס" פאַרמאָגט אַזאַ זיכערקייט אין געבוי, אַזאַ אייגנאַרטיקייט אין דעם געמיש פון גויאיש־יידישער שפּראַך, אַזעלכע שאַרף־געמאָלענע טיפּן און אַזאַ כסדרדיקע פאַרכאַפּנדיקע האַנדלונג, אַז זי געהער לויט איר גאַנצקייט צו די בעסטע רעאַליסטישע דראַמאַטישע שאַפונגען אין יידיש. זי האָט נישט ווייניקער טעאַטראַלישקייט ווי גאָרדינס אַ פּיעסע און זי האָט רעאַל און קינסטלעריש אויסגעהאַלטענע העלדן און זי איז אַ גאַנצער בנין מיט אַן אָנהייב, אַ קלימאַקס און אַ סוף, וואָס איז קיין סוף נישט, ווייל ביי יידן דערגייט מען נישט ביז צום עקסטרעם. ביי יידן וועט נישט דער טאַטע דערהרגענען דעם זון און נישט דער זון דעם טאַטן. און אויב ביי גאָרדינען איז דער „שחיטה" הרגעט יאָ אסתרקע צלאל ראַפּאַפּאָרטן, איז דאָס טאַקע מער גויאיש ווי יידיש און עס איז טאַקע מער אָסטראָווסקיס ווי גאָרדינס. בימקאָ האָט פון דער פאַרגוי־אישט־דאָרפישער סביבה אַרויסגעוויקלט אַ יידישע זיטן־דראַמע.

ווייניקער יידישע גאַנצקייט איז פאַראַן אין זיינע צוויי שוואַכערע דראַמען פון יענער עפּאָכע, „ווינטן" און „פאַרוועלקטע בלעטער", כאָטש זיי האָבן ביידע קאָנפליקטן פון יידיש־גויאיש. אין „ווינטן" ווערט אַ יידי־שע פרוי פאַרגוואַלדיקט בשעת מילחמה פון אַ רוס. דער מאַן, וואָס קומט צוריק פון פראָנט, דערוויסט זיך און ער איז זיין פרוי מוחל, אָבער זי אַליין פילט זיך געפאַלן און קאָן איר געפאַלנקייט נישט אַריבער־טראָגן און זי באַגייט זעלבסטמאָרד. דאָס דאָזיקע איז נישט יידיש! יידן קוקן אַנדערש אויף זייערע שענדער און פילן, אַז געפאַלן זענען נישט זיי, נאָר די שענדער. אין „פאַרוועלקטע בלעטער" איז אַ חסידישע טאָכ־טער פאַרליבט אין אַ שייגעץ און, ווי דער שטייגער איז, אין אַ שיינעם און אַ געזונטן און זי ווערט געצוווּנגען חתונה צו האָבן פאַר אַ יידישן יונגערמאַן, וואָס איז אַ בלייכער, אַ שוואַכער, אַן אויסגעווייקטער. (זענען טאַקע אַלע שקצים געזונט און שיין און אַלע יידישע בחורים אַזוי שוואַך? ביי קאָברינען אין „דאָרפס־יונג" איז פאַרקערט: דאָרט איז די שיקסע די קראַסאַוויצע און דאָס יידישע מיידל איז די אידיאָטקע...) דאָס חסי־דישע מיידל ווערט געצוווּנגען חתונה צו האָבן פאַר דעם יידישן בחור, ווייל איר פאָטער איז אין אַ נויט. און זי קאָן נישט גליקלעך זיין מיט איר יידישן מאַן, כאָטש זי גלייבט אויך נישט אין דער ליבע פון קריסט־לעכן בחור, זי ווייסט, אַז זי איז ביי אים איינע אין דער ריי און — זי באַגייט זעלבסטמאָרד. כימעט אַלע ייד־גוי דראַמעס זענען אָוועקגע־

שטעלט אויף אַ פֿאַלשן באָדן. נישט די גויאישע שיינקייט און חכמה און יידישע מילדקייט און טיפּשות זענען געווען די סיבות פֿון די דאָזיקע דראַמעס...

אָבער פֿאַכמענישקייט פֿון אַ דראַמאַטיקער איז פֿאַראַן אויך אין אָט די צוויי שוואַכע פּיעסן. „ווינטן" האָט אַ טעמע, וואָס איז אין אַן אַנדער פֿאָרעם און דורך אַן אַנדער סביבה געקומען צום אויסדרוק אין אַנסקיס „טאָג און נאַכט". דאָס כאַפּט זיך צו אַזאַ טעמע, זאָגט עדות, אַז בימקאָ איז אַ דראַמאַטיקער פֿון דער נאַטור.

און מ׳קאָן זאָגן מיטן פֿולן מויל, אַז אין „גנבים", „דעמבעס" און אין געוויסע שטעלן פֿון „ווינטן" און „פֿאַרוועלקטע בלעטער" איז פּ. בימקאָ שוין געווען פּונקט אַזוי רייף אַלס דראַמאַטיקער, ווי רייף ער איז געווען אין „רעקרוטן", „פּעפּער", „אַ מעשה מיט אַ קאָזאַק און זאַק האָבער", אַלס דערציילער. שוין אָפּגערעדט, אַז מיט „מויערן" האָט ער אַלס דראַמאַטיקער געגרייכט מער ווי רייפֿקייט.

מיט אָט דעם באַגאַזש איז בימקאָ אָנגעקומען אין עלטער פֿון 31 יאָר קיין צפֿון־אַמעריקע. און עס איז געווען נאַטירלעך, אַז ער זאָל זיך נישט לייכט אַמעריקאַניזירן. ער האָט מיט זיך געבראַכט אַן אָנגעלאָדנקייט מיט אַ דור־דורותדיקן לעבן, וואָס קאָן קלעקן אויף מער ווי איין מענטשלעך לעבן. און ער האָט אין נאָרד־אַמעריקע אַ לאַנגע צייט ווייטער געשריבן דערציילונגען פֿון יידישן לעבן אין פּוילן. אַ מאָל, האָט ער אויך אַ שילדער געטון ניו־יאָרקישע בילדער, אָבער די מענטשן פֿון אָט די בילדער האָבן על פּי רוב געשטאַמט פֿון פּוילן. און ער האָט אין די דאָזיקע בילדער און סקיצן דאָ און דאָרט אַ שיין געטון מיט זיין עכטקייט, מיט זיין קערנדיקער, אָנגעזעטיקטער, כאָטש נישט שטענדיק קלאָרער שפּראַך, מיט זיין פּאָעטישקייט און מיט זיינע פֿיינע פּסיכאָלאָגישע באַאָבאַכטונגען. אָבער זיין האַרץ איז אויף ווייטער פֿאַרבליבן ביי די פּוילישע יידן.

און ער האָט, וואַרשיינלעך, שוין זייענדיק אין אַמעריקע, אָנגעשריבן אַ דראַמע, וואָס פֿאַרנעמט אַן אויבנאָן פּלאַץ צווישן זיינע דראַמאַטישע שאַפֿונגען און איז נאָך „מויערן" די שטאַרקסטע און ווירקנדיקסטע, הגם זי איז אָנגעשריבן נישט אַזוי קאָנצענטרירט, ווי די לעצטע און זי האָט איבעריקייטן און האָט אפֿילו אַ מין קאָמיקער, וואָס איז דורכאויס נישט בויטיק. וואַרשיינלעך האָט דער מחבר דאָס דאָזיקע געטון, ווייל אים

איז נישט געראָטן אַרויפצוברענגען „מויערן" אויף דער בינע און ער האָט געמיינט, אַז דער זכות פון קאָמיקער וועט איםביישטיין צו גרייכן מיט זיין נייער פּיעסע אין דעם נישט צוגעזאָגטן לאַנד פון יידישן טע־אַטער. די דאָזיקע פּיעסע הייסט „מאַרכביינער".

פאַראַן ביי בימקאָן אַ נייגונג אַרויסצוברענגען דעם צוזאַמענשטויס פון בלוטן געמיש. אָבער דער דאָזיקער געמיש קומט ביי אים נישט צווישן ייד און גוי, נאָר דווקא צווישן ייד און ייד — צווישן חץ־דרגישן און זינדיקן ייד און יחוסדיקן און הייליקן ייד. עס פעלט אַ קליינינקייט, אַז ס'זאָל קומען צו אַזאַ געמיש אין „מויערן", ווען פאַר דעם פּרייז פון גאָלד וויל קאָפּל עקיבא קויפן אַ רבין פאַר זיין זינדיקער טאָכטער. אין „מאַרכביינער" געשעט דאָס דאָזיקע, וואָס אין „מויערן" האָט נישט געקאָנט געשען. דאָ ווערט געוויזן ווי אַזוי אַן אומגעזעטיקטע נואפניצע פון דער יידישער אונטערוועלט איז מאַנס אַ שוואַכן רבין און זי האָט פון אים אַ קינד. זי הייסט „פאַרברענטע הדס", איז די פרוי פון אַ יידישן מעסערשטעכער, מיטן נאָמען מאַרכביין, וואָס איז פאַרמישפּט אויף דריי צענדליק יאָר תפיסה. איר שווער איז אַן אויסגעדינטער ניקאָלייעווסקער סאָלדאַט און זי רעדט צו אים אָפן וועגן איר סעקסועלער אומגעזעטיקייט. זי איז נישט קיין לילית, וואָס איז געשיקט פון אשמדאי צו אומברענגען צדיקים, זי איז פשוט אַ זנות־זולל וסובאניצע. און אין אַ שלאָקס רעגן פאַרבלאָנדזשעט צו דער שלאַגבאַן ווו איר שווער אַרבעט, דער צלאָפּער רבי אַן אויסגעוויקטער און די פאַרברענטע הדס איז אים מאַנס, זי פאַרצוקט אים ממש ווי אַ חיה און זי האָט פון אים אַ ייִנגעלע. איין זונדל האָט זי פון דעם מאַן דעם מעסערשטעכער. דער רבי קריגט זיין עונש באַלד — ער ווערט גאָר גיך פאַרשניטן. און אין אַכצן יאָר אַרום קריגט די שטאָט די שטראָף. עס הענגט איבער איר אַ קללה. פריער קומען גזלנים און צעראַבעוועט דאָס ביסל יידישע האָב און גוטס און וואַרפן אַ פּחד אויף דער גאַנצער שטאָט און שטעלן אָפּ דעם מיסחר. דערנאָך קומען מייז. דער רבי זאָגט, אַז אַ בלינדער זעט, אַז די מייז שטאַמען פון דעם זעלבן מקור, וואָס די גזלנים. אַז מען וועט אויסראָטן ביידע, וועט קומען אַ נייע מכה. פאַרוואָס קומט אַ שטראָף דער גאַנצער שטאָט, אַז איין פרוי האָט געזינדיקט? עס קומט אויס צו פרעגן: „אישה אחת תחטא ועל כל העדה תקצוף?" קומט אַ תירוץ דורך דעם מויל פון שניידערל (אין דער פּיעסע פיגורירן אַ סך בעלי־מלאכה), אַז ווען א ספר־

תורה ווערט צעריסן, פאַלט די זינד נישט בלויז אויף דעם, וואָס צערייסט זי, נאָר אויף דעם גאַנצן אָרט. די דאָזיקע נישט גערעכטיקייט איז שכיח נישט נאָר ביי יידן. אַ פאַרשוועכטע הייליקייט ברענגט אַ שטראָף אויף אַלעו!

דערוויל וואַקסן די צוויי מאַרכביינער, איינער האָט זיין פּאָטערס פייזשן כוח און דער צווייטער זיין פּאָטערס פיזישע שוואַכקייט און גייס־טיקע גבורה. דעם ערשטן רופט מען דער יונגער מאַרכביין און דעם צווייטן — דער שוואַכער מאַרכביין. און דער רבי ר׳ הילל דערקענט ברוח הקודש, אַז דער שוואַכער איז דער גילגול פון אַ גרויסער נשמה און ער ציט אים אַריין אין בית־המדרש און ער ווערט אַ גדול בישראל. דער זעלבער רבי זאָגט אויך אָן, אַז מאַרכביין וועט ברענגען די גאולה פאַר דער שטאָט, איז די שאלה: וועלכער? דער גיבור אין גוף, צי דער גיבור אין גייסט? און סוף כל סוף דערוויסט מען זיך דעם אָפּשטאַם פון שוואַכן מאַרכביין. די פאַרברענטע הדס ווערט אַנגעשיכורט און נכנס יין, יצא סוד, דער יונגער מאַרכביין איז זיך נוקם אין די גזלנים און די גויים גרייטן זיך דערוויל נוקם צו זיין אין די יידן. דער רבי אָבער ווייסט שוין, אַז די ישועה וועט ברענגען דער שוואַכער. דער יונגער אַליין שרעקט זיך אויך פאַר דעם שוואַכן און ער שיקט אים אונטער אַ שוואַר־צע מויד, זי זאָל אים פאַרפירן. די דאָזיקע מויד איז שוין יאָ אַ לילית. זי האָט וואַרשיינלעך ליב דעם שטאַרקן אין גוף, אָבער זי פירט אויס זיין שליחות. און דעם טאַטנס צד שטאַרקט זיך איבער דער מאַמעס צד אין שוואַכן און ער באַזיגט די מויד דעם יצר־הרע און דער יונגער ברודער פאַלט אין שלאַכט מיט די גזלנים. דער המון וויל אומברענגען די זינדיקע מאַמע, אָבער מען טאָר דאָס נישט טון, ווייל זי האָט טאַקע פאַרלאָשן דאָס ליכט פון צלאָפער רבין, אָבער זי האָט דאָס צוריק אָנגעצונדן דורכדעם, וואָס זי האָט געבוירן זיין זון. מען פּראַוועט אָפּ אבילות נאָך דעם יונגן מאַרכביין און נאָך דעם גאַנצן דור מאַרכביינער און דער שוואַכער באַהערשט די לאַגע. ער דערקלערט די גויים, אַז די פיזישע יידישע מאַכט, פון וועלכער זיי האָבן געליטן, איז געפאַלן און איצטער האָבן זיי אַן אַנדער יידישע גבורה קעגן זיך, אַ גייסטיקע, אַזאַ, וואָס מ׳קאָן נישט שלאָגן...

בימקאָ ווייזט דאָ, אַז דער גייסטיקער כוח איז ביי יידן שטאַרקער ווי דער פיזישער. צוויי מאָל האָט דער גייסט דאָ באַזיגט דעם גוף. דער

שוואַכער מאַרכבֿיין האָט אין זיך אַליין באַזיגט דער מאַמעס אומגעזעטיקטע גופֿניות מיטן כוח פֿון טאַטנס רוחניות און ער האָט באַזיגט דעם שטאַרקן ברודער מיט דעם כוח פֿון זיין גייסט.

דער זעלבער בימקאָ, וואָס האָט אין „רעקרוטן" געוויזן, אַז אין פּוילן איז פֿאַראַן אַ געזונט יידיש לעבן בגוף, אַזאַ ווי דאָס פּוילישס און אַז דאָס יידישע לעבן אין פּוילן איז נישט קיין גלות, האָט דערנאָך דערזען, אַז דער יידישער גייסט האָט אין זיך די יידישע אייביקייט, נישט דער יידישער גוף. וואַרשיינלעך איז אין דעם געווען די ווירקונג פֿון דעם „אויסגעלייזטן" פּוילן, וואָס האָט גענומען באַצאָלן די יידן, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין אַלע באַפֿרייאונגס־קאַמפֿן פֿון פּוילן, מיט שטיינער פֿאַר ברויט. ווען בימקאָ האָט דערזען ווי די פּאָליאַקן קריגן די מאַכט פֿון מלוכה, האָט ער געזוכט אָנשפּאַר פֿאַר יידן אין דעם „לא בכוח ולא בחייל".

פּ. בימקאָ איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון פּוילן מיט מער גלויבן אין יידישן גייסט, ווי אין יידישן גוף. אין דעם צענטן באַנד פֿון זיינע „געקליבענע שריפֿטן", וואָס הייסט „קעלץ" און וואָס באַשרייבט דעם מחברס געבוירן שטאָט, וועלכע איז געווען אַ מקום מוכן לפּורעניות באַלד נאָך דעם ערשטן וועלט־קריג און איז דאָס געוואָרן אויך נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג (דער קעלצער פּאָגראָם פֿון דער נאָך־היטלער־מפּלה האָט אייגנטלעך אַ סוף געמאַכט צו יעדער אילוזיע פֿון קאָנען אויסבויען אַ ניי יידיש לעבן אין פּוילן), אין אָט דעם בוך איז פֿאַראַן אַ קליין זאַכעלע, וואָס הייסט „ביטחון", ווערט דאָרט געשילדערט ווי עס שלעפּט זיך אויף דעם שליאַך אַ גאַנץ אויסגעוואָרצלט יידיש שטעטל און פֿאָרנט גייט אַן אַלטער ייד, וואָס איז פֿול מיט אמונה, אַז מען וועט נאָך בעזרת השם אָנקומען און אונטן גייט אַ יונגער ייד, וואָס איז בלויז מידקייט... אָט אָ די איבערצייגונג האָט בימקאָ מיטגענומען קיין אַמעריקע — ביטחון האָבן די אַלטע, פֿעסטקייט איז פֿאַראַן אין יידישן גייסט. און ער האָט געהאָפֿט זיך, אומקערן קיין פּוילן, ווו זיין נשמה איז געבליבן.

„איך גיי אַוועק — שרייבט ער אין דערמאָנטן בוך — נאָר מיין האַרץ בלייבט אַלץ מיט איר (מיט דער שטאָט קעלץ) — ווו מיין גוטע מאַמע האָט מיך אויסגעוויגט".

ער האָט מורא געהאַט, אַז ווען ער וועט צוריקקומען, וועט ער נישט קאָנען גיין, ווייל די פֿיס וועלן זיך אים ברעכן. אַז עס וועט אינגאַנצן

נישט זיין וווהין צו קומען, האָט ער דאָך נישט געטראַכט, כאָטש ער האָט יאָ פאָראויסגעזען, אַז פוילן וועט בלייבן אָן יידן. ער האָט מיסתמא גע־מיינט, אַז וויבאַלד געזיגט האָט דער שוואַכער מאַרכביין, דער יידישער גייסט, וועט מען די יידן פאַרט לאָזן לעבן. ער דערציילט אין זעלבן בוך „קעלץ״ „די לעגענדע פון דעם קרושניקער רבס באָרד״, אַז נאָך דעם ווי די רוסן האָבן דעם רבין אומגעבראַכט, איז „די באָרד זיינע אַרומ־געגאַנגען איבער די רוסישע פּאָזיציעס און געשראָקן די זעלנער״.

ווער ווייסט, צי די הונדערטער טויזנטער בערד פון די אומגעבראַכ־טע פוילישע יידן שוועבן נישט היינט איבער די הייזער פון די פוילישע מערדער און שרעקן זיי... די פּאָליאַקן האָבן פאַרנומען די הייזער פון די יידן, וואָס זיי אַליין האָבן געהאָלפן הרגענען.

***

30 יאָר געפינט זיך בימקאָ אין די פאַראייניקטע שטאַטן. ווען מען זאָל רעכענען, אַז זיין ליטעראַרישע טעטיקייט הייבט זיך אָן פריער ווי אין 1909, ווען עס איז דערשינען זיין ערשטע זאַך אין לאָדזשער „טאַ־געבלאַט״, קאָן מען אַלץ נישט באַהויפּטן אַז זיין ליטעראַרישע טעטיקייט אין פוילן האָט געדויערט מער ווי פופצן יאָר. אין אַמעריקע ווידער איז ער ביז איצט געווען ליטעראַריש טעטיק צוויי מאָל אַזוי פיל צייט וויפל ער איז געווען אין פוילן. די דערגרייכונגען אָבער זענען, ליידער, ליידער, אַ סך קלענער ווי די דערגרייכונגען אין פוילן. ווער איז אין דעם שולדיק? איז שולדיק נאָר די נישט־גינסטיקע סביבה פאַר דעם יידישן שרייבער אין אַמעריקע? איז אין דעם שולדיק נאָר דער פאַקט, וואָס דער יידישער שרייבער האָט געמוזט (און מוז עד היום) טון אַנדערע אַרבעטן, ביכדי צו האָבן פרנסה? איז דאָך בימקאָ אין דעם פרט נישט קיין אויסנאַם. מיט אַלע יידישע שרייבער איז דאָך געשען דאָס זעלבע: זיי האָבן אַלע געמוזט אַרבעטן אין שאַפּן, ביוראָען, קראָמען, צייטונג־שטענדערס, אָדער אין בעסטן פאַל איז צייטונגען, וואָס דאָס דאָזיקע איז אויך נישט דער בעסטער פאַל. בימקאָ האָט אַ לאַנגע צייט געאַר־בעט אין אַ „שאַפּ״ און דאָס דאָזיקע האָט אים געגעבן אַ מעגלעכקייט צו דערקענען דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע.

מען דאַרף דענקען, אַז בימקאָ איז לויט דעם גייסט נישט קיין

אַמעריקאַנישער שרייבער. ער איז נישט קיין שרייבער פון אַ לעבן, וואָס האַלט אין ווערן, נאָר ער איז אַ שרייבער פון אַ לעבן, וואָס איז פאַראַן און האָט בולטע קאָנטורן. ער האָט שרייבעריש שווער איינגע־נומען אַמעריקע. ער האָט שווער זיך אַריינגעלעבט אין אַ לעבן, וואָס האָט נישט קיין גלויבן אין קיין מאָרגן. ער האָט שווער געכאַפּט אפילו דאָס דאָזיקע לעבן, וואָס האָט קוים די ערד און גאָרנישט דעם הימל און נישט די טיפקייט פון דער ערד. כאָטש מען האַלט אין איין פאָרשטעלן בימקאָן אַלס ווייסנבערגס אַ תלמיד, האָט ער פונדעסטוועגן שטענ־דיק געזוכט דעם יידישן זין פון לעבן און דעם עיקר פון יידישן גייסט. אין זיין שרייבן איז פאַראַן אַ סך מער גייסט־זוכענישן, ווי בלויז ערד. אפילו אין „רעקרוטן", וואָס איז יאָ געשריבן נאַטוראַליסטיש ווייסנבער־גיש, איז פאַראַן יידישקייט און איבערהויפּט יידישער יושר און יידישע אחדות. און בימקאָ קאָן דאָך נישט רעדוצירט ווערן צו „רעקרוטן". „פּראָך", „מויערן" און „מאַרכביינער" זענען דאָך ווייטערע און העכערע עטאַפּן אין זיין שאַפן. און דעם גייסט האָט ער אַ לאַנגע צייט אין אַמע־ריקע נישט געפונען. ווען בימקאָ וואָלט געשילדערט אַ שטאַרקן מאַן, וואָס האָט פאַרלוירןביידע פיס אין פוילן, וואָלט די באַציאונג צו אים נישט אַרויסגעקומען אַזאַ מערדעריש־אומברחמנותדיקע, ווי זי איז אין אַמעריקע. (אין דער דערציילונג „דער געוועזענער"). עס וואָלט ערגעץ אויך געווען אַ פונק יושר.

די ערשטע צייט האָט בימקאָ געשריבן אַזעלכע בילדלעך פון דעם אַמעריקאַנער לעבן, וואָס האָבן געהאַט גאַנץ ווייניק זון, שאָטן און לופט אַרום זיך און זיי האָבן געמאַכט דעם איינדרוק פון מאָמענט פאָטאָגראַ־פיעס און פון רייזע איינדרוקן. עס האָט גענומען אַ גאַנץ היפּשע צייט, ביז וואַנען ער האָט זיך אַזוי אַריינגעלעבט אין דער נייער וועלט, אַז ער האָט געקענט מאָלן בילדער, נישט נאָר אַראָפּנעמען פאָטאָגראַפיעס. און אויך דעמאָלט האָט ער זיך אַרויסגעהאָלפן דורכדעם, וואָס ער האָט געשילדערט אַזעלכע מענטשן, וועלכע ער האָט געקענט פון דער היים אַרויס. ער האָט גענוצט דעם זעלבן מעטאָד, וואָס שלום אַש אין זיין „אָנקל מאָזעס", כאָטש ער האָט געזען מיט די אייגענע אויגן און גערעדט מיט דעם אייגענעם קול. און ערשט האָט ער אין די דאָזיקע דערציילונ־גען נאָר געהאַט סאַטירע און קריטיק אויף די אָרטיקע זיטן און איבער־הויפּט אויף די „יוניעס" (סינדיקאַטן) און זייערע פירער. און בימקאָ

איז פון דער נאַטור אַ פּאָעט און אַ פּסיכאָלאָג. און אויב דאָ און דאָרט האָט ער געפּרוווט אַ כאַפּ טון אַ פּסיכאָלאָגישן שטריך, פון זיינעם אַ העלד, איז ער געווען אַזאַ נעגאַטיוועך, אַז ער האָט זיך געקאָנט דער־שרעקן פאַר אים ווייל ער האָט אין דער אַלטער היים שטענדיק געזוכט און אָפּט געפונען אויך דאָס פּאָזיטיווע. און דעם פּאָעטישן טאָן האָט ער אין זיינע אַמעריקאַנער שריפטן אינגאַנצן נישט געקאָנט אָנשלאָגן.

און פונדעסטוועגן איז שוין פאַראַן אַ גאַנצע ריי שאַפונגען פון דעם דורכאויסיקן אַמעריקאַנישן יידישן לעבן פון פּ. בימקאָ, וואָס זענען ווערט באַטראַכט צו ווערן, אָבער די אויפגאַבע פון אָט דעם עסיי איז דאָך געווען בעיקר אַריינצוזינגען בימקאָן אין דער פּויליש־יידישער לי־טעראַטור. און דערצו האָב איך נאָך נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו לייענען אַלע אַמעריקאַנער פּראָזע און דראַמאַטישע זאַכן פון בימקאָן, ווייל זיי האָבן צו מיר נישט געגרייכט און זיי האָבן ביכלל נישט גע־גרייכט קיין אָרגאַנטינע אין קיין גענוגנדיקער מאָס. וואָלט דאָ שוין אפשר געווען צייט צו שטעלן אַ פּינטל, אָבער איך געפין פאַר נייטיק צוצוגעבן אַהער דאָס דאָזיקע פּויליש־יידישע, וואָס אונדזער שרייבער האָט געזען און געוויזן אין אַמעריקע.

לעאָ פינקלשטיין האָט אומצייליקע מאָל אָנגעוויזן, אַז אין בימקאָס שריפטן פון דער אַלטער היים איז נישט פאַראַן דער סאָציאַלער קאָנפליקט און דער קלאַסן קאַמף. און דאָס איז אין אַ גרויסער מאָס אמת. אין אַמע־ריקע האָט בימקאָ יאָ געזען (און געוויזן אין זיינע שריפטן) דעם קלאַסן־קאַמף, אָדער ריכטיקער: די קלאַסן־קאַמפן. עס קעמפן דאָרט נישט נאָר אַרבעטער מיט באַלעבאַטים, נאָר אויך אַרבעטער מיט „יוניאָנס" (סינ־דיקאַטן) און זייערע פירער, וואָס באַזאָרגן מער זיך אַליין, ווי די אַרבע־טער. און עס קעמפן אויך אַרבעטער מיט אַרבעטער. אינטעליגענטע און באַוווסטזיניקע אַרבעטער קעמפן מיט פּראָסטע און אומבאַוווסטזיניקע. און די לעצטע זענען אין דער ריזיקער מערהייט און זיי זענען מוראדיק ציניש. פאַר זיי איז יעדער באַוווסטזיניקער אַרבעטער אַ קאַרל מאַרקס. און די עכט־סאָציאַליסטישע אַרבעטער ווערן פאַרוואַנדלט אין נאַרישע און הילפלאָזע מאָראַל־פּרעדיקער.

לויט בימקאָן קומט אויס, אַז די פּוילישע יידן האָבן אין אַמעריקע דורכצומאַכן אַ צווייטע עמיגראַציע. אַזוי לאַנג זיי אַרבעטן נאָך אין דעם היימישן וויליאַמסבורג, אָדער ביכלל אין דער איסט סאַיד, לעבן זיי

נאָך און אַרבעטן ווי אין פּוילן און זייער באַלעבאָס איז נאָך אַן אייגענער און זיי זענען נאָך מער יידעלעך, ווי אַרבעטער. אין דער דערציילונג מיט דעם סוגערירנדיקן נאָמען „דער שאַפּ, עליע רבילע און די יידעלעך זיינע" ווערט געשילדערט ווי דער באַלעבאָבס עליע רבילע איז נישט צו־פרידן מיט דעם צעקראָכענעם טעמפּאָ, מיט וועלכן זיינע יידעלעך אַר־בעטן, נאָך דעם, וואָס ער האָלט דעם שאַפּ אין אַן אַלטער חורבה, אַ שטאַל, אין וויליאַמסבורג גאַנצע צוואַנציק יאָר און ער ווערט רייך פון זיי. עליע וויל, אַז זיין שאַפּ זאָל ווערן אַמעריקאַניש און ער פירט אים אַרי־בער ווייטער און שטעלט אַנידער אַ פרעמדן „פאָרמאַן" (משגיח, אין אַרגענטינע הייסט עס „קאַפּאַטאַס") און יענער באַזייטיקט שוין די על־טערע. צו עליען טענהן זיי נאָך על פּי יידישקייט, על פּי יושר, זיי פרעגן אים, צי ער איז נישט עלטער געוואָרן. זיי פרעגן אים אויך, צי אין וויליאַמסבורג מאַכט ער נישט גענוג געלט און צי ער וויל זיי זאָלן זיך יינגער מאַכן דורך קאָסמעטיק... מיט אָט דער דערציילונג האָבן נישט נאָר די „יידעלעך" פון עליע רבילעס „שטאַל" געמאַכט די נייע עמי־גראַציע, נאָר בימקאָ אַליין האָט זי געמאַכט. און ער האָט זי געמאַכט אויך שפּראַכלעך. ער האָט אַריינגענומען אין זיין לשון די נויטיקע צאָל אַמעריקאַניזמען, אָן וועלכער אַ רעאַליסטישער שרייבער קאָן זיך נישט בשום אופן נישט באַגיין.

און ווען זיינע „יידעלעך" געפינען זיך שוין טאַקע אין אַמעריקע, שילדערט דער שרייבער אַ לאַנגע צייט נאָר דעם שאַפּ מיט אַלע זיינע רשעותן און אומגערעכטיקייטן, צו וועלכע עס העלפט סיי די „יוניע" און סיי די אַרבעטער אַליין. ער שרייבט טענדענציעז קעגן ביידע. אין דער דערציילונג „די יוניע, דער באָס און די אַרבעטער — ווי פון איין שטיק", ווייזט ער ווי אַ „באָס" פירט אַריבער זיין שאַפּ אין אַ צווייטן שטאָט, וווּ ער קריגט שיקסעס פאַר אַ דריטל פּרייז און ווען די אָפּגע־זאָגטע אַרבעטער ווענדן זיך צו דער „מאַמע" דער יוניע, אַז זי זאָל העלפן זיי רעדן זיי צו טויבע אויערן. און עס ווייזט זיך אַרויס, אַז די „יוניע"־פירער האָבן די אַרבעטער פאַרראַטן, ווייל זיי האָבן אַן אָפּמאַך מיט דעם „באָס", ער זאָל צווינגען די „שיקסעס" אַריינגיין אין דער „יוניע" און באַרייכערן די קאַסע פון סינדיקאַט (דאָרט צאָלט מען אַ גרויסן אָפּצאָל פאַר דעם ווערן אַ מיטגליד).

און אין דעם מאַנאָלאָג „קאַרל מאַרקס פון דער אַנדערער זייט", ווייזט

ער די רשעות פון די אַרבעטער צו זייערן אַ קאָלעגע, וואָס פאַרלירט די אַרבעט־פעאיקייט. דער באַלעבאָס לייגט פאָר מען זאָל דעם אומגליק־לעכן אַרבעטער, וואָס האָט אַ פאַמיליע, וועלכער עס דראָט הונגער, צאָלן אַ האַלבן געהאַלט, איין טייל וועט ער צאָלן און איין טייל זאָלן זיי אַלע צאָלן. עס נעמט זיך אָן קליין געלט אויף זייער חלק. דער איינציקער אינטעליגענטער אַרבעטער, וואָס שטיצט דעם דאָזיקן פאָר־שלאָג ווערט פאַרשריען אַלס אַ „לא יוצלח אַ קוני לעמל אַ קאַרל מאַרקס״... די אַרבעטער דערלאָזן בשום אופן נישט אַרויפלייגן אַ שטייער אויף זיך און זיי זאָגן דאָס איז אַזאַ שפּראַך, וואָס דעקט מוראדיק אויף זייער גראָבקייט.

די שטענדיקע אָנגעצויגנקייט און דער שווערער דרייפאַכיקער קלאַסן־קאַמף צווישן אַרבעטער, באַלעבאָס און „יוניע״ ווערט אַמאָל אַ ביסל נאָכגעלאָזט מיט דער הילף פון הומאָר. אין דער דערציילונג „דער טאַטע, דעם טאַטנס קינדער און די יוניע־שאַפּ״ שטעלט דער שרייבער אַנידער דעם טאַטן פון די באַלעבאַטים צווישן די באַלעבאַטים און די אַרבעטער. דער טאַטע איז אַ שניידער זייט דורות און אים ציט צו אַר־בעט און אַרבעטער און די אַרבעטער נוצן דאָס אויס און ווען מען שפּילט זיך אין „פעטשעלעך״, אַ שפּיל, ביי וועלכן איינער שטעלט זיך מיט דעם פּנים אַראָפּ, האַלט די האַנט פון הינטן און ווען מען דערלאַנגט אים אַ פּאַטש, דאַרף ער טרעפן ווער עס איז, פּיצקעט מען אים אַריין וויפל נאָר מען קאָן און זיי מאַכן שוין, אַז ער זאָל נישט טרעפן. עמיצער שיקט זאָגן די זין, אַז אויב זיי וועלן נישט אַכטונג געבן אויף דעם טאַטן, וועט מען אים דאַרפן צורעכט מאַכן אַ פּאָר הענט, אָדער ער וועט וואָכן־לאַנג נישט קאָנען זיצן. אַזוי לאַנג די קינדער האָבן געהאַט אַן אַלטמאָדישן שאַפּ, האָט דער אַלטער געאַרבעט, אָבער זייט זיי האָבן איינגעפירט אַ מאָדערנעם שאַפּ לאָזט אים די „יוניאָן״ נישט אַרבעטן. און די אַרבעטער זענען צופרידן און זיי האָבן הנאה, וואָס זיי קאָנען חוזק מאַכן פון דעם טאַטן פון די באַלעבאַטים. פאַראַן דאָ עפּעס פון דעם הומאָר, וואָס בימקאָ האָט געהאַט אין אַזעלכע דערציילונגען וועגן דער אַלטער היים, ווי „פעפער״, „דער קאָזאַק״ און „דער זאַק האָבער״.

פ. בימקאָ האָט אָנגעשריבן אַ גרעסערע נאָוועלע פון אַמעריקאַנער לעבן מיט דעם נאָמען „איסט סאַיד״.

(איסט סאַיד מיינט: מיזרח־זייט. אַלע ניו־יאָרקער גאַסן זענען צעטיילט אויף אַן איסט — מיזרח און וועסט — מערב־זייט. אויף ענגליש הייסט אַ האַלב ניו־יאָרק „איסט סאַיד" דעם נידעריקן טייל פון דער מיזרח־זייט וואָס געפינט זיך נאָענט צום „איסט ריווער" — מיזרח־טייך, וואָס איז אַמאָל געווען אַ יידישע געגנט און היינט זענען שוין דאָרטן פאַראַן מער סלאַוון, איטאַליענער און נעגער ווי יידן, רופט מען אין ענגליש „די לאָוער, איסט סייד" — די נידעריקע מיזרח־זייט. די יידן רופן זי „איסט סייד". די צוויי גרויסע יידישע בלעטער „פאָרווערטס" און „טאָג" און אייניקע יידישע טעאַטערס געפינען זיך אין דער „נידעריקער מיזרח־זייט", ווו קיין יידן זענען שוין נישטאָ).

דאָס איז די איינציקע גרעסערע דערציילונג, וואָס ער האָט אָנגעשריבן פון נאָך „רעקרוטן" און לויט דער קאָנסטרוקציע דערמאָנט זי טאָקע אין „רעקרוטן", זי האָט אַ סך מער באַשרייבונג, ווי אַן אויסגעשפּראָכענעם אינהאַלט. פאַראַן אין אָט דער דערציילונג אַ סך בייזע סאַטירע, אָבער דער לייכטער הומאָר פון „רעקרוטן" פעלט, ווייל דאָ איז נישט פאַראַן די דאָזיקע מענטשלעכקייט, וואָס איז געווען אין פוילן. דאָ לעבט מען צוליב דעם פּרעס און אַ גרויסער טייל פון „איסט סאַיד" דרייט זיך אַרום פּרעסן. פאַראַן צוויי קראַנקע, מיסטער פלעכט און מיסטער פלאָכט, וואָס ליידן אויף דעם מאָגן און זייער גרעסטע טראַגעדיע איז דאָס נישט קאָנען פּרעסן. זיי דאַרפן ביידע אָפּעראַציעס און זיי באַשליסן זיך נישט, אָבער ווען מיסטער פלעכט באַשליסט זיך דאָך און ער קומט אַרויס אַ געזונטער און מיסטער פלאָכט זעט ווי ער עסט אַ ביפשטעק, לויפט ער זיך אויך אָפּערירן, כאָטש ער האָט אַ מער קאָמפּליצירטע קראַנקהייט און ער דאַרף אַ שווערערע אָפּעראַציע. און ער שטאַרבט און פאַר דעם טויט זעט ער אַ וויזיע פון פּרעסן — ער זעט געבאַקענע קאַלב־ברוסט, אַ מעליקע קאַרטאָפליע, שוואַרצן רעטעך, גראַשיצע, רומענישע קאַרנאַצלעך... און די דערציילונג ענדיקט זיך מיט אַ מין „וויזיע" אין אַ רומענישע קרעטשמע, ווו עס טרעפן זיך מיסטער פלעכט און מיסטער פליכט (מיסטער פלאָכט איז דאָך שוין געשטאָרבן). דער דריילינג מיט די ענלעכע נעמען איז אַן אַמעריקאַנישער וואַריאַנט פון גאָגאָלס באָבטשינסקי און דאָבטשינסקי און שלום עליכמס

די מייערס און די שנייערס. אין אַמעריקע איז פֿאַראַן אַזוי פיל פּנימ־לאָזיקייט, אַז צוויי כּימעט אַלץ איינע נעמען איז נישט גענוג. און דער ערשטער רעדט זיך אַראָפּ פון האַרצן און ער טיילט אויס הילף אין זיין פֿאַנטאַזיע צו אַלע אָרעמע קרובים אין רומעניע. (בימקאָ שילדערט אין דער איסט סאַיד, נאַטירלעך, נישט נאָר פוילישע יידן). ער איז, מאָלט אייך, אַליין אַן אָרעמאַן, דער דאָזיקער מיסטער פלעכט, אָבער ער רעדט גלייך ווי ער וואָלט געווען אַ גביר. איין קרוב האָט אַ קראַנקן זון, „שיקט" אים פלעכט אַ גאַנצן הונדערטער, ער זאָל פֿאָרן קיין ווין אים אַריינשטעלן פרישע לונגען. דער ווין צענעמט אים און ער ווערט וואָס אַמאָל מילדער. ער איז גרייט צו העלפן דער מאַמעס פעטער חתונה מאַכן די טאָכטער. און דער פעטער אַליין איז קראַנק אויף אַ פוס. הייסט ער אים מאַכן די בעסטע קוליע, אָדער גאָר צוויי קוליעס, איינע אויף אין דער וואָכן, איינע אויף שבת. און דער מיסטער פליכט האָט דערווייל געהאַלטן אין איין פרעסן און ער האָט זיך אַזוי איבערגעפרעסן, אַז אויף מאָרגן האָט מען אים געפונען אַ טויטן אין בעט.

אין „רעקרוטן" ווערט געשילדערט א צעהוליעכץ פון יונגע פּראָסטע יאַטן, וואָס שטייען צום פּריזיוו, לאָדן זיך אויס פון פארצווייפלונג און וויזן זיך דאָך אַרויס מענטשלעך און יידיש. זיי פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד, זיי דערלאָזן נישט, אז מען זאָל באַוועלען אַן אָרימען קרעמער, זיי גייען אפילו תהילים זאָגן. אין „איסט סאַיד" איז פֿאַראַן אָרימקייט אין עקאָנאָמיק און אין גייסט, א צוכאַפּעכץ צום פּרעס און אַן עקסצעס פון גוטסקייט אין דער שיכורער פֿאַנטאַזיע. מיסתמא איז דאָרט דאָך געווען אַ גייסטיק לעבן, אָבער אפנים, אַז נישט גענוג בולט, אַז בימקאָ, וואָס איז אַ געמיש פון יאָ און נישט רעאַליסט, זאָל עס דערזען. גייסטיקייט דאַרף זיין רייף און האָבן אויסגערונדיקטע פֿאָרמען, אז בימקאָ זאָל דאָס זען און וויזן.

די דערציילונג, וואָס איז אַ מין עפּילאָג צו בימקאָס ווערק וועגן פוילן, הייסט „דאָ און דאָרטן". זי איז געדרוקט געווען אין זיבעטן באַנד „זאמלביכער", וואָס י. אָפּאַטאָשו און ה. לייוויק גיבן אַרויס. אויף דעם סמך פון אָט דער דערציילונג האָט לעאָ פינקלשטיין אַ נאָמען געגעבן זיין בוך וועגן בימקאָן „דאָרטן און דאָ". אין אָט דער דערציילונג איז דער „דאָ" — אמעריקע, פֿאַראַן מער ווי דער „דאָרט" — פוילן. אין אַלע ווערק פון בימקאָן פאַרנעמט דעם אויבן־אָן דער פוילישער „דאָרט". א

טרויעריקער און ביז פארצווייפלונג האַרצרייסנדיקער לעצטער אַקאָרד איז אָט די דערציילונג, וואָס איז לערך אַזוי גרויס ווי „רעקרוטן", אָדער „איסט סאַיד".

אין אָנהויב איז די „דאָ און דאָרטן", דאַכט זיך, אָפּטימיסטיש. דאָס בחורל שימחה בינעם, וואָס רייסט זיך אָפּ פון דער היים און פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, האָט דאָרט חתונה און דאָס ווייב דערלאָזט שוין נישט, אַז ער זאָל אַריבערברענגען אַהער די מאַמע, נאָך דעם, וואָס דער טאטע איז געשטאָרבן. דערצו וויל די מישפחה פון דאָרט נישט זי זאָל קומען. בלייבט אַ צעריסן יידיש הויז, אָבער נישט קיין איינגעפאַלנס חלילה. דאָרט זיינען פּאַראַן ביימער, ווייל די ערד איז דאָרט אַ פעטערע, דאָ איז די ערד (פון יידישקייט) אַ מאָגערע, „זיינען אנשטאָט ביימער פּאַראַן ביימעלעך". במחשבה אָבער איז פּאַראַן איין יידישע וועלט. „דער גאָט פון די יידן — פּארטייטשט עס בימקאָ — איז אומעטום, נישט ווי למשל דער פּוילישער — בלויז אין פּוילן, דער האָלענדישער אין האָלאַנד, דער טערקישער אין טערקיי וכדומה". דעם העלדס ווייב ווערט אין אַמעריקע אויך מיט דער צייט אַ יידענע און זי וואַקסט דווקא אַ דארינקע, אַ קליינינקע און זי זעט עפּעס נישט אויס, ווי אַ פרוי, וואָס וועט ווייטער ציען דאָס לעבן.

און ווען עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מילחמה און די קינדער הערן, אַז די יידן אין אייראָפּע זיינען אויף דעם פייער און אין דער גרעסטער סכנה, ווייזן די עלטערן די ערשטע צייט אַרויס אומרו, זיי ווערן עפּעס איבערגעשראָקן, זיי גייען אין שול אַריין, ווערן יידישלעכער. די יוגנט איז מער ממשותדיק גרייט אויף קרבנות. טעמעלע וואָלט געוואָלט ווערן אַ מאַקאַבעער. ער וואָלט געוואָלט זיין אַ ייד דורך און דורך, אָבער דער טאטע האָט אים דערצו נישט צוגעגרייט. און ער גייט אוועק אין מילחמה אַריין. די עלטערן באַרואיקן זיך. גאנץ גיך וועגן „דאָרטן". זייער איינציקע זאָרג זיינען די קינדער, וואָרום אין פּרנסה גייט גוט. די שולן הייבן ווידער אָן פוסטעווען.

דער דראַמאַטיקער בימקאָ האָט זיך דאָ אויסגעטראַכט אַ פיגור, וואָס האָט אין זיך מאָנומענטאַלעס און טעאַטראַלישעס און וועט בלייבן ווי אַ קליין שטיקל פאַרענטפערונג פאַר דער פאַרברעכערישער גלייכגילטיקייט לגבי חורבן אייראָפּע מיצד די יידן פון אַלע אַמעריקעס. דאָס איז דער באַרשטן־ייד, וואָס וווינט אַנטקעגן שימחה־בינעמען. ער איז אַ גע־

ווינלעכער קרעמער, וואָס „קאַטעוועט די ווייבער מיט די באַרשטן" און די מילחמה רופט ביי אים אַרויס אַ מוט, וואָס גרעניצט מיט משוגעת. ער טענהט, אַז דער איצטיקער (דער צווייטער וועלט־קריג) איז אַ יידי־שער און אַז אַמעריקע פירט אים, ביכדי דער יידישער קיום זאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן. ווען אַלע הערן שוין אויף צו גיין אין שול אַריין, בלייבט דער באַרשטן־ייד אין גאַנצן אין שול. און ער טוט זיך אָן אַ לאַנגע קאַפּאָטע, אַ קליין היטעלע, אַן אַרבע כנפות, פאַרלאָזט זיך אַ באָרד, ביכדי אינגאַנצן אויסצוזען ווי אַ פוילישער ייד און צו דער־מאָנען אין דעם, וואָס עס קומט פאָר דאָרט.

סעמעלע פאַלט אין דער מילחמה. ער בלייבט אַ גאָלדן שטערנדל אויף אייביק. און דאָס קליינע דראָבנע מיידעלע איז שוין מער ווי אַ טעכטערל אַ בת־יחידה, זי איז דאָס איינע אויג אין קאָפּ. און זי הייבט זיך אָן עפּעס צו מענטשלען. זי ווערט גרעסער, אָבער עס באַווייזן זיך הניכע, בלאָנדע יונגען מיט פלאַקסענע קעפּ און דער פאָטער טרעפט זי סוף כל סוף ביי איינעם אַזאַ יונג אויף די קני. און זי דערקלערט באַלד, אַז ער איז „איינער", וואָס מ„האָט ליב"... דער פאָטער שרייט אויס: „דו, אַ יידיש קינד, וואָלף בריזעווערס איניקל... צו דייך זיידן אויפן קבר קומען יידן לייגן קוויטלעך... און ער? אַ יונג פון דאַקאָטע... פון ערגעץ אַ בלאָטע..." מיטן גאַנצן כוח פרוווט ער אָפּרייסן די טאָכטער פון דעם בחור מיט דעם פלאַקסענעם קאָפּ; מיטן כוח פון די זיידעס און עלטער זיידעס פרוווט ער ראַטעווען דאָס לעצטע איניקל פון דעם יידישן פאָלק:

„דאָרט איז שוין אפשר מער קיינער נישטאָ. און דו ביסט די איינ־ציקע פון אונדזער גזע. גייסטו אָפּשניידן מיט זיך דעם זעלצטן זכר פון אונדז, אַז ס'זאָל גאָר קיינער נישט זיין? קיינער מער נישט זיין?"

און ער ווערט ווי מטורף. ער גלייבט זיך נישט, אַז פון דעם גאַנצן אַרום, פון דאָרטן און דאָ, זאָל שוין קיינער נישט האָבן געבליבן און אַלע זענען אין איין נאַכט אָפּגעשווענקט געוואָרן פון דער ערד... עס קען נישט זיין, אויך זיין שלמהלע לעבט... און ער דערזעט אַנטקעגן דעם באַרשטן־ייד זיצן צעשויבערט, דאָס היטעלע פאַררוקט אויפן שפּיץ קאָפּ, די שיטערע באָרד איבער אַן אָפענעם ספר גליט. די אותיות גליען, גלייך זיי וואָלטן אַרויסגעריסן געוואָרן אין שטיין פון אַלטע מצבות. גלייך ווי ער וואָלט געפילט, אַז ער איז דער איינציקער ייד אין אָט דער טראַכט,

וואָס איז געבליבן פון דעם ים יידן אין פוילן. ער וואַרפט זיך און ציטערט פון די חרוב געוואָרענע יידישע שטעט און אַלע גלידער ביי אים ווייגען און יאָמערן:

על זאת תאבל הארץ.

פון „רעקרוטן", וואָס האָבן געוויזן אַ גאַנץ יידיש לעבן מיט פולער פיזישער גבורה, ווען יידישע בחורים האָבן געשניטן פאַסן פון כוליגאַנישע שקצים און געוואָרפן אויף זיי אַן אימה, דורך דעם „שוואַכן" מאַרכביין, וואָס האָט באַרואיקט די פאָליאַקן, אַז די פיזישע יידישע גבורה ווערט אָפּגעווישט און עס בלייבט נאָר די גבורה פון יידישן גייסט, ביז אַ לעצטן פון שבט פוילישע יידן, וואָס וויל ראַטעווען די יידישע צורה, ערגעץ אין ניו־יאָרק, און אַן איינציקע טאָכטער, וואָס וויל אַוועקגיין... דאָס איז דער וועג פון דעם פוילישן יידישן שרייבער, איינעם פון די סאַמע פוילישסטע נאָך ווייסנבערגן, אַשן, אָפּאַטאָשון. דאָס איז דער וועג נישט נאָר פון שרייבער פישל בימקאָ, נאָר טאַקע דעם וועג פון פוילישן יידנטום. און אויב ס'איז נישט ביי אַלע אַזוי, איז עס ביי איינציקע און אין דעם איז אויך פאַראַן גענוג אומגליק און חורבן. און פון פ. בימקאָס „דאָ און דאָרטן" איז אַויף העלפט קינות און אויף העלפט — אַ וואָרענונג.

ש. מיללער — דער רעאַליסטישער דערציילער

פאָרוואָרט

דער ערשטער באַנד דערציילונגען פון ש. מיללער איז דערשינען אין יאָר 1921. פינף יאָר שפּעטער איז דערשינען דער צווייטער באַנד א. נ. „בלעטער פאַלן". אַרויסגערופן אויפמערקזאַמקייט און אינטערעס צו זיך האָט אָט דער שרייבער אין יאָר 1933, ווען עס איז דערשינען דער דריטער באַנד זיינער א. נ. „די שמאָלע גרוב" און אין יאָר 1935, ווען עס איז דערשינען דער פערטער באַנד „אַ בליאַסק אויף טאָג". אין משך פון די 16 יאָר צווישן 1935 און 1951 זענען דערשינען נאָך פינף ביכער פון ש. מיללער — „מאָטיוון (1940), „רויט און שוואַרץ" (1945), „דור הפלגה" (1946), „שטויב" (1949) און „דור המדבר" (1951).

אָנגעהויבן שרייבן האָט ש. מיללער אין יאָר 1917. שרייבט ער שוין אַ קיימאָ לן פון 35 יאָר. און ער האָט שוין אויף זיין „קאָנטאָ" ניין ביכער גרעסערע און קלענערע דערציילונגען און צוויי ראָמאַנען („דור הפלגה" און „דור המדבר" הייסן זיינע צוויי ראָמאַנען.ביידע פּאַרמעסטן זיך אויף דורות). דער 25 יאָריקער און 30 יאָריקער יובילייִ זיינער זענען ביידע אַריבער כימעט נישט באַמערקט. און דאָך קען מען נישט זאָגן, אַז אים פעלט אָנערקענונג. כימעט אַלע ביכער האָבן געקראָגן פּאָזיטיווע אָפּהאַנד־לונגען און ער גילט פּאַקטיש אַלס דער אָנערקענטסטער יונגער שריפט־שטעלער. ער איז אין די אָנהויב פּופּציקער, אָבער ביי אונדז איז מען אין אָט דעם עלטער, גאָט זיי דאַנק, אַ יונגער. אויף ווי ווייט ש. מיללער איז

אָנערקענט, וועט עדות זאָגן אָט דער פֿאַקט: ווען איך האָב אין האַרבסט 1939 געהאַט אַ לענגערן שמועס מיט ד״ר חיים זשיטלאָווסקי, איז מיר אויסגעקומען צו רעדן אויך וועגן דער יידישער ליטעראַטור און זש. האָט גערעדט מיט גלויבן אין אונדזער ליטעראַטור און וועגן איר נאָכוווקס. איך האָב געפֿרעגט אויף נעמען פֿון יונגע, וואָס אימפּאָנירן אים, האָט ער אָנגערופֿן איין נאָמען: ש. מיללער. און ח. זש. האָט דאָך געהאַט אַ פֿילאָזאָפֿישן צוגאַנג צו ליטעראַטור און אַ שרייבער האָט אים אימפּאָנירט, ווען ער האָט אין אַזאַ אָדער אַנדער מאָס געהאַט אַן אייגענע פֿילאָזאָפֿיע. הייסט עס, אַז אין 1939 האָט שוין ש. מיללער געהאַט אַזוי פֿיל אייגנאַרטיקייט, אַז ער האָט אַרויסגערופֿן אינטערעס ביי אַ יידישן ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס האָט אין דער ליטעראַטור געזוכט אַ סינטעטישן געדאַנק. און דאָך פֿעלט עד היום אַ סאָלידערע אָפּהאַנדלונג וועגן דעם מחבר פֿון „שמאָלץ גרוב״ און „דור הפּלגה״ און אפֿילו אַן אַרומנעמענדיקער עסיי וועגן אים פֿעלט אויך. דער איינציקער פּרווו אַזאַ איז געמאַכט געוואָרן פֿון ח. ש. קאַזשדאַן און ער איז געשריבן געוואָרן וואַרעם און מיט באַציאונג, אָבער דער קריטיקער האָט צו בולט באַטאָנט, אַז זיין באַציאונג צום מחבר שטאַמט אויך פֿון דעם, וואָס ער וויזט אים אויס צו זיין נאָענט צו אים אידעאיש (בונדיסטיש). איז דאָס דאָזיקע גאַנץ מענטשלעך, אָבער די אָביעקטיווע „שורה״ איז דאָס אַ ביסל מקלקל. די אַבסאָלוט־פּאָזיטיווע און וואַרעמע באַציאונג פֿון מחבר פֿון אונדזער עסיי צו ש. מיללערן שטאַמט פֿון דער דורכאויסיקער איבערצייגונג, אַז מיר האָבן פֿאַר זיך אַ שרייבער, וואָס האָט אָנגעפֿילט אַ שייער (נוצנדיק פּרצס אַן אויסדרוק) און אויסן זענען מיר צו געבן דעם שליסל צו דעם דאָזיקן שייער. ש. מיללער אַליין האַלט זיך נישט פֿאַר קיין בונדיסט. ער איז אַ יידישער סאָציאַליסט, אָבער אָן קיין שום נייגונג צו אַ פּאַרטיי, אָבער עפּעס איז דאָך פֿאַראַן אין אים, וואָס מאַכט דעם איינדרוק, אַז ער נאָענט צום בונד.

ליידער זענען די ערשטע צוויי ביכער פֿון ש. מיללערן צו מיר נישט דערגאַנגען. דער מחבר האָט זיי מיר נישט געשיקט — ער האָט נאָך נישט געוווסט פֿון מיר, ווי איך האָב נישט געוווסט פֿון אים — און איך האָב זיי נישט געקענט געפֿינען. און דאָס דאָזיקע איז אַ גרויסער בלויז. אַ שרייבער דערקענט מען אין זיינע אָנהייבן, פּונקט ווי מען דערקענט אַ קינד אין זיינע ערשטע נייגונגען. און דערצו איז מיללער אַ זייער אַרבעטזאַמער און ער שטייט קיינמאָל נישט אויף קיין פּלאַץ. אין דריטן

בוך, אין „די שמאָלץ גרוב״ (ביי אונדז אין בעסאַראַביע האָט מען גע־זאָגט „דער גרוב״) האָבן מיר שוין פאַר זיך אַ גאַנצע קינסטלערישע פּערזענלעכקייט. דאָך איז דאָס בעסטע בוך זיינס — דאָס לעצטע בוך דערציילונגען — „שטויב״ און זיין צווייטער ראָמאַן, וואָס איז דערווייל דאָס לעצטע בוך זיינס, „דור המדבר״, גרענעצט מיט דעם. פאַראַן אין אָט דעם בוך ממש לייבן־גבורה און ערטערווייז אויך שאגת ארי. און דאָס דאָזיקע מאַכט מיר דענקען, אַז די ערשטע צוויי בענד מיללערס זענען אַ וויכטיקער עטאַפּ אין זיין שאַפן, וועלכן מען דאַרף נישט פאַרשוויגן. ש. מיללער איז איינער פון די באַוווסטזיניקסטע שרייבער ביי אונדז. ער ווייסט כסדר, וואָס ער שרייבט, וווהין זיין שרייבן פירט און ווי אַזוי ער שרייבט. אין אַ פּאָלע־מישן אַרטיקל אין „צוקונפט״ איז דער מחבר פון „אַ בליאַסק אויף טאָג״ צוריק מיט אַ פּאָר יאָר אַרויסגעטראָטן קעגן י. באַשעוויסעס מבטל זיין דעם רעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער ליטעראַטור און ש. מיללער האָט זיין טענע פאַרטיידיקט ווי אַ געלערנטער און באַוווסטזיניקער שריי־בער, וואָס דער רעאַליזם און דער נאַטוראַליזם זענען פאַר אים נישט קיין צופעליקע פאָרם, נאָר די איינציקע מעגלעכקייט צו געבן די ריכטיקע קינסטלערישע געשטאַלטונג דעם. ער האַלט נישט, אַז אָט די פאָרעם מוז זיין די איינציקע אין אונדזער ליטעראַטור, ער האַלט אָבער, אַז קיין שום ליטעראַטור קען און טאָר זיך נישט באַגיין אָן רעאַליזם, אפילו, ווען ער ווייזט, אַז ס׳איז פאַר אים „דור המדבר״ און קיין אויסגעלייזטער דור קומט נישט.

און רעדן מיר שוין וועגן מיללערס באַוווסטזיניקן צוגאַנג צו זיין שרייבן, וועל איך דאָ דערמאָנען, אַז ער איז אויך זייער באַוווסטזיניק אויף די איינפלוסן, וואָס האָבן אים באַווירקט. און ווען איך האָב אין מיין אָפּהאַנדלונג וועגן זיין „שמאָלץ גרוב״ אָנגעוויזן, אַז עס איז פאַראַן ביי אים די השפעה פון בערגלסאָנען, האָט ער מיר פּערזענלעך געשריבן, אַז ער איז איבערהויפּט באַאיינפלוסט פון לאַמעד שאַפּיראָ. בערגלסאָן איז אַ קלוגיטשקער, שאַפּיראָ איז אַ קלוגער. צי בערגלסאָן איז נאָר אַ קלוגיטשקער אַלס שרייבער און לאַמעד שאַפּיראָ נאָר אַ קלוגער, איז נאָך אַ פראַגע. עס פעלט נישט אויך ביים לעצטן דאָס קליגערן זיך און ביים ערשטן די גליַיכע חכמה, אָבער מיללערס זיך איינשטעלן דווקא פאַר דער השפעה פון איינעם און נישט פון קיין צווייטן, איז זייער כאַראַקטע־ריסטיש. ער דערשיינט דירך אָט דעם איינשטעלן זיך מיט דעם פולן באַ־

ווּוסטזיין. ער ווייסט ווער עס באַאיינפלוסט אים. אוודאי האָט דאָ געשפּילט אַ ראָלע אויך דער פּערזענלעכער מאָמענט: מיללער איז יאָרן־לאַנג געווען פּערזענלעך נאָענט צו שאַפּיראָן, וואָס האָט די לעצטע יאָרן דאָך אויך געוווינט אין דער זוניקער קאַליפאָרניע. אין זיין צוואה ל. ש. דערמאָנט ש. מ. ווי דעם דורכפירער פון זיין לעצטן פאַרלאַנג. (ווען איך וואָלט זיך אָפּגעגיבן מיט קבלה, וואָלט איך אָנגעוויזן אויף דעם מאָדנעם צופאַל, וואָס דער ערשטער האָט געהייסן לאַמעד שין און דער צווייטער שין מעם).

אָבער אין סאַמע לעצטן בוך פון מיללערן, דערפילט שוין יעדער, אַז לאַמעד שאַפּיראָ איז אין אַ גרויסער מאָס געווען זיין לערער. מיללערס „סטאקאטאָ", זיין אָפּהאַקן זאַצן און זיי לאָזן נישט־פאַרענדיקט און דאָך פאַרענדיקט און זיי צוגעבן אַ געוויסן ריטם, איז דער מאַניר פון מחבר פון „קוש" און „צלם".

איז האַלטן מיר איצטער ביים אָנהויב פון מיללערס רייפקייט. מיר הייבן אָן פון דער מיט, אַזוי ווי אַ מעלאָדיע הייבט זיך אַמאָל אָן אין דער מיט, אָדער ווי אַ ליד הייבט זיך אָן נאָך דריי שטערנדלעך. ביי אליעזר שטיינבאַרג הייבט זיך אָן אַ ליד מיט אָט די ווערטער:

...פון דער נאַכט א טאָג טוט קומען...

די שמאַלץ גרוב

מיללער זעט נישט קיין צופיל טאָג פון יידישן לעבן אין אַמעריקע. פאַר אים, עס הייסט פאַר זיינע העלדן, איז אַמעריקע אַ נאַכט פון תאווה און זינד. אַמעריקע איז פאַר זיי אַ שמאַלץ־גרוב און זיי קריכן אין גרוב אַריין נאָך שמאַלץ און גאָלד. אייניקע ווילן דאָס געלט, ביכדי צו קענען הנאה האָבן, אַנדערע האָבן תאוודיק הנאה פון דעם געלט אַליין. אַ סך פון זיי פרעסן, נואפן, איינער, וואָס זאָל ווערן עפּעס העכערס, איז אַן אויסנאַם.

דער העלד פון דער דערציילונג „גאָלד" הייסט מיסטער געווירץ. ער איז אַ מאַן אין די פערציקער און ער האָט הנאה, וואָס ער האָט אַן אייגן ווייב און ער דאַרף אין דער פרי זיך נישט אַרויסגנבענען פון שטוב. אָבער עס פאַרדריסט אים באַלד אין דער פרי, וואָס זי שטייט נישט אויף גלייך מיט אים און גרייט אים נישט צו קיין פרישטיק. און **צוועלף** מינוט

צו זיבן וועקט ער זי אויף. ווען זי פּרוווט זיין אַ ביסל ראָמאַנטיש און אים נישט לאָזן גיין דעם ערשטן טאָג נאָך דער חתונה אין געשעפט אַריין, לאָזט ער זיך נישט פאַרהאַלטן און זאָגט:

— געשעפט איז געשעפט...

נישט ביי אַלע רינט אויס דאָס שמאַלץ. לייזער פּיוווישעוויטש גינז־בורג, וואָס הייסט אין אַמעריקע לעסלי עף גיינזבאָראַ (אין דער דערציי־לונג „אויפן לייטער") באָדט זיך אין שמאַלץ און פרעסט און זויפט און באַלעקט זיך און נואַפט און האָט כבוד אויך.

און לייבוש סקאָראָכאָד דער סטאָליער, (אין דער דערציילונג „אָז ישיר"), וואָס וויל נישט צוליב טון זיין באַלעבאָס און ער וויל נישט זינגען „יענקי דודל", נאָר דווקא אַ יידיש לידל, אָדער „דובינושקאַ", ווערט מיט דער צייט אַ „יוניע"־פירער, ווייל ער וויל נישט אַרבעטן, חברט זיך מיט גרויסע לייט און פאַרקויפט די אַרבעטער און דערנאָך ווערט ער אַ רייכער מאַן, הייסט שוין נישט קאַלינסקי, נאָר מיסטער קאָלין, זאָגט אָפּ זיין סעקרעטאַרשע, ווייל זי האָט אים געהערט אין אַ טרויעריקן מאָמענט זינגען אַ יידיש לידל און ער בייט שוין דערנאָך אַלעמאָל די סעקרעטאַר־שעס ווייל זיי עסן זיך אים צו און דער גאַנצער לעבנס־אינהאַלט זיינער איז דער שמאַלץ־גרוב...

און דער געוועזענער רוסישער סטודענט דוד לייבאָוויטש, ווייל אויך נישט אַרבעטן, ער וויל דווקא זיין אַ רעדנער אַ פירער און אַז עס געלינגט אים נישט, ווערט ער אַ פאַרזיכערונגס אַגענט, אַ דרייער אַ שווינדלער און ער וואַלגערט זיך מיט פרויען און גיט רק נאָך דעם אַפּעטיט און ער הערט נישט אויף צו האָבן קיין אַפּעטיט...

אַן איידעלערן מענטשן טרעפט מען זייער זעלטן אין „שמאַלץ־גרוב". און טרעפט מען אַזאַ איינעם, איז ער אַן אויסנאַם, אָט אַ שטייגער ווי דער אַמעריקאַנער „באָי" לואיס, דער זון פון דעם יידן ברוך גוזיקאָוו, (אין דער דערציילונג „אין טאַטנס פוסטריט"), דער טאַטע איז געקראָכן אין שמאַלץ־גרוב, געהאַנדלט, עקספּלואַטירט, געוואָרן רייך, איין זון, מאָ־ריס, איז געגאַנגען אין דעם זעלבן וועג, וואָס דער פאָטער, דער צווייטער אָבער, לואיס, איז אַן אַנדער מין מענטש, און דורך אַ צופאַל גייט ער איינגאַנצן אַוועק צו אַן אַנדער לעבן. ער זעט, ווי „באָיעס" טשעפּען זיך צום הויקער כייקל הורוויץ און וואַרפן זיך מיט אים, ווי מיט אַ פּילקע, זיי שפּילן מיט אים אַ פאַרטיע פוטבאָל. לואיסן פאַרדריסט עס און ער

נעמט זיך אָן פאַר אים, אָבער ער האָסט דעם הויקער, ווייל ער לאָזט זיך באַליידיקן און ער ווערט זיך נישט פּיזיש און דער הויקער ציט פּאַוואָליע אַריין כייקלען צו זיך און ער לערנט אים, אַז דער עיקר איז נישט דער פּיזישער שטאָלץ נאָר דער גייסט און מאַכט אים פאַר אַ באַ־ ווסטזיניקן מענטשן.

עס איז מערקווירדיק, וואָס דעם גייסט ברענגט דווקא אַ פּיזישער קריפּל. אָט ווי אונדזער שרייבער שילדערט כייקל הורוויצן, ווען ער לערנט לואיסן:

„נישט דער האַרבאַטער הורוויץ האָט גערעדט, נאָר עפּעס אַ פאַרשטאַנד, פאַרקערפּערט אין אָט דער באַשעפעניש. און די באַ־ שעפעניש איז אַזאַ שאַרפע, שפּיציקע״.

און איר האָט נישט דעם איינדרוק, אַז אָט דאָס איז צוגעטראַכט, עס איז נאָר דורכגעטראַכט. ביכדי איינער זאָל ווערן אַ גייסט־מענטש אין אַמעריקע, דאַרף ער פּיזיש זיין אַ שטיקל קריפּל, אומזיסט גייט ער נישט אַראָפּ פון „דרך הישר״ פון פּיזישע תענוגים. און אונדזער מחבר שיל־ דערט דורכאויס אַמעריקע. מען זאָגט, אַז אַמעריקע הייבט זיך אָן דאָרט וווּ ניו־יאָרק ענדיקט זיך, מיללערס דערציילונגען שפּיגלען כימעט אַלע אָפּ נישט דאָס יידישע לעבן פון ניו־יאָרק, נאָר פון יענער זייט ניו־יאָרק. דאָ איז דאָס לעבן רעאַל, נאַטוראַליסטיש און שיר — נישט חיהש און דער מחבר שילדערט עס רוי און נאַטוראַליסטיש. זיינע העלדן רעדן וועגן אַלץ מיט דער זעלבער בהמישקייט. עס הערט אויף דער חילוק צווישן עסן און סעקס און אָפּט ווערן זיי פאַרגליכן איינס צום אַנדערן. איינער אַ פאַרשווין זאָגט: „נישטאָ אַ בעסערע זאַך ווי אַ גוטער קאָטלעט און ליקער. ליקער איז גוט נאָכן עסן, עס העלפט פאַרדייען. און אַ גוטער קאָט־ לעט איז ווי אַ גוט ווייב. נישט קיין אייגן ווייב. כ׳האָב חלילה גאָרנישט אויסצוזעצן קעגן מיין אייגן ווייב. אַן אייגן ווייב איז ווי אַלט געבאַקן ברויט, גוט פאַרן מאָגן, אָבער נישט געשמאַק״. און ווען מיללער שילדערט אַ טאַנץ, זאָגט ער: „יעדע באַוועגונג האָט געשריען: זכר און נקבה, נקבה און זכר און די פּנימער זענען געבליבן קאַלט. קאַלטער ניאוף בפרהסיה״. און קוקט איין ייד אויף דעם צווייטן יידנס ווייב, בויערן זיינע בליקן און זיי „שניידן אויף דאָס שוואַרצע סאַמעטענע קלייד, אָט שטייט זי שוין אין אַ קורץ אונטערקליידל, אין אונטערהויזן, די זאָקנבענדלעך אַראָפּ־

הענגענדיק, אַ נאַקעטע אין בעט, וואַלגערנדיק זיך מיט איר מאַן״. דער מותר האדם מן־הבהמה, דער געדאַנק, איז אויך בהמהש...

דער איינציקער מענטש, וואָס איז נישט הויל און פּוסט און איז נישט קיין קריפּל, איז אריה־לייב אין דער דערציילונג „דער טערק״. ער איז אַ מענטש מיט האַרץ און נשמה, אַן אַרבעטער, וואָס לייענט שעקספּירן און שוועבט אין העכערע וועלטן, אין עמפּינדלעך און אומרואיק, פאַר־לירט אַלע מאָל די אַרבעט און דעם אינטערעס פאַרן לעבן. זיין ווייב סאָניאַ האָט ער ליב און דאָך קען ער מער נישט זיין מיט איר און לאָזט איר אַ בריוול, אין וועלכן ער שרייבט, אַז „לאַנגווייליקייט ווערט צווישן מאַן און ווייב נישט צעטיילט אויף אינצווייען, נאָר ווערט געכפּלט, לאַנג־ווייליקייט אין קוואַדראַט, נישט דיין שולד, מיינע, איך אַנטלויף נישט פון דיר, נאָר פון זיך״. ער מאַכט דורך אַ שטיק אַדיסייע, קריגט אַן אַנדער ווייב, וואָס הייסט בת־שבע, אָבער ער בלייבט ביים זעלבן אומרו, ער זאָגט, אַז ס׳איז אַלצאיינס בת־שבע, צי סאָניאַ און ער קערט זיך אום צום קינד... די גאַנצע זאַך איז איידעלער, שמעקט נישט מיט ברוטאַלן נאַטוראַליזם, אָבער דער רעזולטאַט איז דער זעלבער.

ש. מיללערס העלדן שטאַרבן נישט, נאָר זיי קומען אום אינאיינעם מיט זייער גאַנצן געביין. די צוויי זאַכן, „דער טערק״ און „דער פּייער טאַנץ״ זאָגן עדות, אַז דאָס פּגרן און אומקומען איז ביי מיללערן נישט אַ רעזולטאַט פון אָביעקטיווער באַאָבאַכטונג, נאָר ס׳איז זיין סוביעקטיווע פילאָזאָפיע און פּאָעזיע...

ס׳איז אַזאַ פילאָזאָפיע, וואָס לערנט, אַז קיינער בלייבט נישט מיטן גליק, דעם שמאַלץ. ביי די מערסטע רינט אויס דאָס שמאַלץ. עס בלייבט אַ טרויעריקער נאָך־טעם פון וועלן אַ סך, געניסן אַ סך און בלייבן מיט גאָרנישט. זיכער איז דאָ די פּאָעם נישט דורכאויס בערגלסאָניש און זי איז אַ געמיש פון ווייסנבערגס רואיקייט און לאַמעד שאַפּיראָס טעמפּע־ראַמענט. דער „הכל הבל״ און „נאָך אַלעמען״ שטאַמען פון אַן אַנדער מקור. דער סך־הכל מוז זיין אַ טרויעריקער, ווייל דער גאַנצער פאַרלאַנג ביי אַלע העלדן איז בלויז פיזישע תאווה, אפילו כבוד־זוכעריי איז דאָרט אַ זעלטנקייט און שוין אַ שטיקל מדרגה...

י. י. טרונק האָט אין זיין בוך „אידעאַליזם און נאַטוראַליזם אין דער יידישער ליטעראַטור״ אונטערגעפירט אַ סך־הכל פון אונדזער נאַ־טוראַליסטישער ליטעראַטור מיט ווייסנבערג אַלס רבין און עוזר וואַר־

שאַווסקי און שימעון האַראָנטשיק אַלס תלמידים. ער האָט אָנגעוויזן, אַז נישט נאָר האָט די נאַטוראַליסטישע ליטעראַטור אונדזערע דערפירט דאָס יידישע מאַסן לעבן ביז צום תהום, נאָר זי האָט זיך אַליין דערפירט צום תהום, נאָך וואַרשאַווסקיס שמוגליאַרס איז שוין מאָראַליש נישטאָ וווהין צו גיין.

ש. מיללער האָט אייגנטלעך געטון מיט די נאָרד־אַמעריקאַנער יידן דאָס זעלבע, וואָס ווייסנבערג, וואַרשאַווסקי און האַראָנטשיק האָבן געטון מיט די פּוילישע יידן, ער האָט זיי געוויזן ביים סאַמע לעצטן שטאַפּל פאַרן תהום. ער האָט דאָס געוויזן נישט אַזוי בייז, ווי די דערמאָנטע, מיט אַ ביסל מער געמיט און צומאָל מיט אָביעקטיוויטעט, אָבער עס איז פאָרט אַרויסגעקומען אַ גרוב, פון וועלכן דאָס שמאַלץ איז אַרויסגערונען. ש. מ. איז אַ באַוווסטזיניקער נאַטוראַליסט און ער האָלט, אַז עמיצער דאַרף ווייזן דאָס לעבן אַזוי ווי ס'איז.

און וואַרשיינלעך האָט ער זיך פאַר אָט דעם אַ ביסל דערשראָקן און ער האָט זיין בליק געווענדט אויף צוריק, צו דער אַלטער היים זיינער. דאָס האָט ער געטון אין זיין בוך „אַ בליאַסק אויף טאָג״.

אַ בליאַסק אויף טאָג

נישט נאָר די סביבה האָט ש. מיללער געביטן אין „אַ בליאַסק אויף טאָג״, נאָר אויך דעם טאָן און דעם גאַנצן אופן פון זיין שילדערן מענטשן. אויך דאָ זענען די העלדן זיינע נישט קיין ערשטע, נאָר לעצטע, אויך דאָ קומען זיי נישט אויף, נאָר זיי קומען אום, אָבער ער ווייזט זיי מיט אַ מאָראַלישן און מענטשלעכן אינהאַלט. ער שינדט זיי נישט אָפּ און באַשפּייט זיי נישט, אַזוי ווי ער האָט געטון אין „שמאַלץ־גרוב״, נאָר ער דעקט אויף אי זייערע שוואַכקייטן, אי זייערע תהום אַזוי ווי עפּעס גע־פּגרטע בהמות, נאָר זיי גייען אַוועק און לאָזן נאָך זיך עפּעס. די מאָראַל זייערע פאַלט און דערפאַר פאַלן זיי אויך פיזיש, אָבער מאָראַליש פאַלן זיי נישט.

דער פּראָסטער נאַטוראַליזם פון ווייסנבערג־וואַרשאַווסקי־האַראָנטשיק איז אין „בליאַסק אויף טאָג״ אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. געבליבן איז דער דינער און סאַרקאַסטישער שאַפּירא־הומאָר, דער שמייכל, וואָס דערהאַלט

דאָס גלייכגעוויכט אין דער באַציאונג פון קינסטלער צו זיינע העלדן. אפילו, ווען ער ווייזט איינעם פון זיי שטאַרק אומגערעכט, בייזערט ער זיך נישט אויף אים, ווייל ער פאַרשטייט אים. דער שטאָלצער יורד דוד משגיח, וואָס האָט אַמאָל געהייסן דוד שאַפּיראָ און איז געווען אַ גביר און וואָס איז היינט אַ נאָמן ביי יענעם, איז אַן אלמן, ער האָט אויף דער וועלט נישט קיינעם חוץ איין שטיקל טאָכטער נעכאַמקע, לאָזט ער איר ניט חתונה האָבן. קיין שום שידוך געפעלט אים ניט, אַזוי זאָגט ער, אָבער באמת וויל ער איר נישט לאָזן חתונה האָבן, ווייל ער וויל נישט בלייבן אַליין און צוליב זיין עגאָאיזם צעברעכט ער איר לעבן. אַזאַ יידן וואָלט מען געקענט ווייזן סאַטיריש און מיאוס, ש. מיללער ווייזט אים אָביעק־טיוו, ער שעלט אים נישט, פונקט ווי שלום עליכם שעלט נישט זיין מנחם מענדלען למאי ער לאָזט איבער אויף הפקר ווייב און קינדער און יאָגט זיך נאָך נעכטיקע טעג און חלומות.

דער בערגלסאָנישער טאָן פילט זיך אין אַ „בליאַסק אויף טאָג" אַזוי שטאַרק, אַז מאַמענטנווייז האָבן מיר די עמפּינדונג, אַז מיר לייענען אַ שטאַרק אייגנאַרטיקן וואַריאַנט פון „אַרום וואָקזאַל". עס איז דעם מחברס און דאָך איז עס אויך וואַריאַנט. איך נעם דעם ערשטן בעסטן שטעל און איך ציטיר:

„דאָס האָט מען גערעדט וועגן נעכאַמקען, וועלכער איז נאָר וואָס פאַרבייגעגאַנגען. נעכאַמקעס פּנים איז טאַקע געווען קליין. די הויט אַ שיטערע, אַ ווייכע מיט אַ געלבלעכן גלאַנציקן אָפּשיין, האָט דערמאָנט אין נישט קלאָרן בוימל. בלויז די געדיכטע, ווייכע, העל־בלאָנדע הערלעך האָבן ווי אַ דינער מאָך פאַרטושירט דעם געל־בלעכן גלאַנץ און וואו־נישט־ווו אַ בוגרות פּרישטשיקל מיט אַ ראָ־זעווען פּיסקל האָט צוגעגעבן קאָליר. דאָס איז געווען אַ רויט, ווייך פּילצן היטעלע מיט קליינע ראַנדן און עס איז געזעסן אַזוי באַקוועם אויף איר קאָפּ, אַז ס'האָט אַזוי האַרמאָנירט מיט אירע קאַשטאַנאָווע האָר, מאַנדל־ברוינע אויגן, איר לייכטן געוועטעטענעם ענגלישן מאַנטל, אַז היטל, מאַנטל און נעכאַמקע זענען ווי געבוירן און אויסגעוואַקסן אינאיינעם, כאָטש היטעלע און מאַנטל זענען געווען שפּאָגל־ניי".

איך האָב נישט ספּעציעל אויסגעזוכט אַ בערגלסאָנישן שטעל און דאָך וועט דאָ יעדער לייענער פילן דעם מחבר פון „אַרום וואַקזאַל", זיין

שטילע, מוזיקאַלישע און קאָנדענסירטע שפּראַך און זיין קליגערישקייט.

אָבער עס וואָלט געווען מער ווי אַן עוולה צו בלייבן נאָר ביי דער אַנווייזונג אויף דעם וואַריאַנטישן. דער מחבר איז אויך טיף אייגנאַרטיק און ער כאַפּט אָן די שטורמישע רעוואָלוציאָנערע צייט ממש ביי די הער־נער. מען דאַרף האָבן כוח צו קענען אַריין אין שטורעם, אים דורכגיין, זיך אַרויסראַטעווען פון אים און ווייזן אין זיינע פאַרשידנסטע ניו־אַנסן און בלייבן אָביעקטיוו קינסטלעריש און נישט פעלשן דעם אמת און דאָך נישט פאַרלייקענען דעם אייגענעם ווילן...

אַ „בליאַסק אויף טאָג" באַשטייט פון דריי דערציילונגען. די ערשטע טראָגט טאַקע דעם נאָמען פון בוך, די צווייטע הייסט „טשאַד" און די דריטע „דאָס רעדל דרייט זיך". די ערשטע צוויי זענען פאַקטיש איין דערציילונג און ס'איז אַבסאָלוט נישט פאַרשטענדלעך למאי דער מחבר האָט זיי געגעבן צוויי באַזונדערע נעמען, בעת די צווייטע הייבט זיך אָן פונקט דאָרט, וווּ די ערשטע ענדיקט זיך און אַ לייענער וואָלט זי נישט פאַרשטאַנען געגנוי, ווען ער לייענט נישט פריער די ערשטע. די הויפּט־העלדן זענען דאָ, ווי געזאָגט, דער יורד דוד שאַפּיראָ, וועלכן מען רופט היינט דוד משגיח און זיין טאָכטער נחמה. דוד שאַפּיראָ איז אַ מין גדליה הורוויץ (פון בערגלסאָנס „נאָך אַלעמען"), אָבער אַ מענטש מיט מערער כאַראַקטער. אַ ביסל דערמאָנט ער אויך אין דוד שאַפּיראָ פון שלום עליכמס „שווער צו זיין אַ ייד", ווי יענער שטאַמט ער פון די אמתע סלאַ־וויטער שאַפּיראָס און ער שטאָלצירט דערמיט, אָבער ער איז נישט אַזאַ פלאַפּלער ווי יענער, ביי מיללערס שאַפּיראָ איז דאָס שפּיץ בערדל „אַ שטאָלן בלאַט־שלעסל אויפן שווייגנדיקן מויל". צוליב דעם פאָטערס פעסטן כאַראַקטער פאַרלירט די טאָכטער נחמה אינגאַנצן איר אייגענעם ווילן און זי ליידט און שוויגט. דוד שאַפּיראָ איז אַ משגיח אין דער געהילץ־זעגעריי פון די ראַפּאָפּאָרטס, אָבער נאָך מער איז ער דער משגיח איבער זיין טאָכטער און ער לאָזט איר נישט חתונה האָבן, ער זאָגט אָפּ אַלע שידוכים. פאַראַן אין שטעטל אַ בחור אַ פּראָוויזאָר מוני, איינערלעך אַ ליידיקער, דערצו געזעלשאַפטלעך אַ פאַקטאָר, אַ גאַנצער מאַכער און אים פעלט נאָר אַ ביסל געלט צו ווערן אַן אַפּטייקער. נחמה, וואָס איז שוין אַריבער די דרייסיק, וויל חתונה האָבן און זי באַגעגנט זיך מיט מונין. אַ שדכן דערשמעקט און קומט פאָרלייגן דוודן דעם שידוך און דער משגיח עפנט דאָס פאַרשלאָסענע מויל און ענטפערט קורץ און שאַרף.

— איך האַנדל נישט מיט קיין ריצנאייל.

עס איז האַרט פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע און ווען עס אָרדנט זיך איין אין שטעטל אַ „סאָוונאַרכאָז״, ווערט דאָרט מוני די ערשטע צייט דער גאַנצער מאַכער און ער רעכנט זיך שטילערהייט אָפּ מיט דווידן, ער פירט אים איבער פון זיין גרויסער שטוב אין אַ פויעריש שטיבל און צעפלעטשט אים דערמיט אינגאַנצן. דווד גיט אויס דאָס לעצטע און ער הייבט אָן ליידן הונגער; נחמקע איז געצוואונגע צו גיין בעטן אַרבעט ביי מונין און ער זאָגט איר, אַז זי איז געקומען צו שפּעט. דאָך געפינט ער פאַר איר אַ שטיקל פּאָסטן אין אַ לייען־שטיבל און נחמקע הייבט אָן אַרבעטן צווישן „פּראָסטע״ אַרבעטער, אייניקע פון זיי זענען אַמאָל געווען משרתים ביי איר טאַטן, היינט זענען זיי די באַלעבאַטים. צווישן די דאָזיקע איז פאַראַן אַ שייגעץ פּראָקאָפּ, וואָס פלעגט אַמאָל פירן דווידן אין וואַלד, אים שטעלן דעם סאַמאָוואַר. אַ בחור אַ ביינערדיקער מיט אַ גלאַט געשוירענעם קאָפּ, ער זעט אויס ווי אַ טעלעגראַפן סלופּ מיט צוויי סוקעס ביי די זייטן — צוויי אויערן. איבער איין אויג איז די וויע געפלעקט גרוי, אויף איין אויג האָט ער כמו ווי אַ בעלמע און דווקא מיט אָט אַ דעם אויג קוקט ער אויף יענעם, נישט מיטן געזונטן אויג. פּראָקאָפּ איז פון תמיד אָן געווען אַן ערלעכער, דווד פלעגט אים געטרויען אַרבעטן, וועלכע ער וואָלט נישט געטרויט אַן אַנדער „עשו״. אָט אַ דער פּראָקאָפּ ווערט — נחמקעס געליבטער. נישט ער ווערט, נאָר נחמקע מאַכט אים. אין לייען־שטיבל קומט פאָר אַ הוליאַנקע, אַ שייגעץ טשעפּעט זיך צו נחמקען און פּראָקאָפּ באַפרייט זי פון אים. ער גיט איר דערנאָך אַ ביסל משקה און זי טרינקט פאַר איר רעטער. ער באַגלייט איר אַהיים און זי שלעפּט אים אַריין צו זיך. אינדערפרי דערזעט דווד אַרויסגיין פּראָקאָפּן פון זיין טאָכטער און ער גלויבט נישט זיינע אויגן. ער לויפט אַריין צו נחמקען מיט דעם זעלבן אימפּעט ווי אַמאָל, ווען ער האָט איר נישט געלאָזט גיין מיט מונין און פרעגט איר, וואָס פּראָקאָפּ האָט דאָ געזוכט און געדאַרפט און זי איז שוין אַן אַנדערע, זי קריגט מוט און חוצפה און ענטפערט דעם פאָטער, אַז פּראָקאָפּ האָט זי געדאַרפט. „מיך״ — זאָגט זי אים — „מיך האָט ער געדאַרפט״, דער פאָטער פרעגט זי, צי זי האָט שוין נישט געקענט געפינען קיין יידן און ער פרעגט איר אויף איר פּראָוויזאָר. זי ענטפערט אים סאַרקאַסטיש „האַנדלסט שוין מיט ריצנאייל?״ זיין מויל קרימט זיך אויס און ער לאָזט אַרויס „ווערטער, ווי צעבראָכענע שערבלעך גלאָז״ —

„מיין טאָכטער האַנדלט מיט חזיר״. און די טאָכטער, וואָס איז שוין אַלט דריי און דרייסיק יאָר רעדט זיך צום ערשטן מאָל אַראָפּ פון האַרצן און זאָגט דעם פאָטער, אַז ער האָט געהאַנדלט מיט זיין טאָכטער, ער האָט געזוכט אַ גוטן מיסחר, וואָס זאָל זיך לוינען פאַר דווד משגיח, פאַר דעם שאַפּיראָ פון די שאַפּיראָס. זי זאָגט אים ווערטער, וועלכע דער מחבר האָט אויסגעטראַכט און איר אַריינגעלייגט אין מויל אַריין, אָבער גוט און קלוג אויסגעטראַכט. „איצט — זאָגט זי — איז אויס דווד משגיח! הערסט? אויס, אוי! איך אַליין... איך״... עמיצער אַנדערש האָט געקראָגן די השגחה איבער דעם לעבן. ס׳איז, דאַכט זיך, אַן אַלטע טעמע, אָבער אַ נייע סביבה. אַזוי רעכנט זיך אָפּ נישט מיט דעם כוח פון געלט, נאָר מיטן כוח פון דער רעוואָלוציע. אין די נייע סביבה היט אַ נייע מאָראַל: דעם פאָטערס קאַפּריזנענען אין זיין „האַנדלען״ — פּירט אין תהום אַריין.

אָט דערמיט ענדיקט זיך די דערציילונג „אַ בליאַסק אויף טאָג״ און זי ווערט פאָרגעזעצט אין דער צווייטער דערציילונג, וואָס הייסט „טשאַד״. נעכאַמקע האָט געהאַט מוט צו טון דעם ערשטן שריט, אָבער נישט דעם צווייטן. זי האָט זיך איבערגעגעבן פראָקאָפּן, אָבער גיין מיט אים ווינען אין דער שטאָט ווו איר פאָטער לעבט, האָט זי קיין מוט נישט. זי וויל, אַז ער זאָל אַוועק מיט איר אין אַ צווייטער שטאָט און פּראָקאָפּ, וואָס האָט מילקען ליב אַ ביסל קנעכטיש, וואָס האָט פאַר איר אָפּשיי, וויל דאָך נישט אַוועקפאָרן. ער איז דאָ נוצלעך, מ׳דאַרף אים דאָ האָבן, פאַרוואָס זאָל ער אַוועקפאָרן. פעסטעט זי זיך און זאָגט, אַז ער האָט זי נישט ליב און ס׳העלפּט נישט. זיין כאַראַקטער איז פעסט. ער וויל נישט מקריב זיין דאָס לעבן צוליב אָבערגלויבן. זי אָבער איז מקריב איר יונג לעבן צו דעם פאָטערס אָפּגעלעבטן לעבן, זי איז שוואַנגער און זי מאַכט זיך אַן אַבאָרט. די באַדינגונגען זענען שווערע, די בויטיקע מעדיקאַמענטן זענען נישטאָ און זי שטאַרבט פון אַבאָרט. נעבן דעם טאָכטערס טויטן קערפּער ווערט דער פאַרשלאָסענער אַריסטאָקראַטישער עקשן צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן ווייך און מענטימענטאַל און ער נעמט לייענען איוב מיט געפיל און מיט צאָרן, דרינגט אַריין אין תוך פון יעדן וואָרט און ער שרייט אויס: „אַ ליגן, ס׳אַ ליגן, נישטאָ קיין ענטפער, נישטאָ, גאָרנישטאָ״...

דווידס לעבן איז נאָך נישט געענדיקט. עס קומט די צייט פון נעפּ, אַלע סוחרים כאַפּן זיך צום האַנדל, דווד וויל זיך נישט נעמען צו קיין

מיסחר, ער האַנדלט נישט — זאָגט ער — מיט קיין גנבה. און פּראָקאָפּ, וואָס פילט צו אים פון תמיד דרך ארץ און אַ טרויעריקע דאַנקבאַרקייט פאַר נעכאַמקען, מאַכט אים פאַר משגיח איבער דעם וואַלד און איבערן זאַוואָד; דורך די ליידן לייטערט זיך דער אַלטער און שיינט אויף, ער אַרבעט ווי אַ ספּעץ, אָרנטלעך און געטריי, אָבער עס רוקט זיך אונטער מוני און צעברעכט אים. מוני איז גיך געוואָרן אויס קנאַקער. די רעוואָלוציע שאַצט נישט גענוג אָפּ זיינע „גרויסע פאַרדינסטן‟, מען גיט אים אַ נישטיקן פּאָסטן און ער איז נישט צופרידן, אים ציט אין דער וועלט אַריין, ער ספּעקולירט, זוכט צו שאַפן געלט אויף צו קענען אַנטלויפן און ער מאַכט אַ גרויסן שווינדל און ער ציט אַריין דעם אַלטן דוד אין שווינדל דורך אַ בילבול, ער שטעלט אונטער איינעם צו פעלשן זיין התימה און איז זיך אַזוי אַרום נוקם אין אים פאַר אַמאָל. דוד ווערט אַרעסטירט. פּראָקאָפּ דערפילט, אַז ס׳איז אַ בילבול און ער העלפט אויפדעקן דעם שווינדל, דוד ווערט סוף־כל־סוף באַפרייט, אָבער ער קערט זיך אום אַ געבראָכענער און זיין סוף דערנענטערט זיך. דוד שטאַרבט ווי אַ מאַרטירער און ווי אַ קרבן פון זיין אַמאָליקן עגאָאיזם. ער שטאַרבט מיט דעם זעלבן טויט וואָס זיין טאָכטער. דער מעלאָדראַמאַטישער עלעמענט באַווייזט זיך דאָ צום ערשטן מאָל ביי מיללערן.

און כאָטש די טאָכטער און דער פאָטער קומען דאָ ביידע אום, בלייבט נישט קיין פּוסטקייט און עס פילט זיך, אַז פאָראויס איז נישט קיין תהום. עס ווערט טרויעריק פון ביידנס פאַלן, אָבער דער טרויער איז אַ שעפעריישער. עס פילט זיך, אַז ס׳איז געפאַלן אַ וועלט, אָבער ס׳איז דאָ, וואָס צו ירשענען ביי איר: אוודאי דאַרף מען נישט ירשענען דעם פאַנאַטיזם ביי איר, אָבער די כאַראַקטער־פעסטקייט, דאָס מענטשלעכע מיטפילן קען מען ירשענען. דוד און נעכאַמקע זענען געשטאָרבן אָבער נישט געפּגרט, זיי זענען געפאַלן שיער נישט ווי העלדן און געלאָזט אַ שיין נאָך זיך. דוד וואָס ווערט ביים אָנהייב פאָרגעשטעלט מאָראַליש נישט שיין, ווערט געלייטערט אין קאַמף און רעהאַביליטירט.

פאַראַן, פאַרשטייט זיך, נאָך מענטשן אין די צוויי דערציילונגען, פאַראַן די יידישע סוחרים, וואָס זענען נישט קיין דוודס און זענען גרייט צו האַנדלען אויך מיט גנבה, פאַראַן די פּליאַווע, וואָס די רעוואָלוציע האָט אַרויפגעבראַכט, דער רעוואָלוציאָנערער שווינדלער מוני איז שיר נישט סימבאָליש אין אָט דעם פּרט.

עס איז אָבער אויך פֿאַראַן דער זאָמען פֿון אַ נייעם מענטש אין די פּערזאָנען פֿון די פּראָקאָפּס, ליאָוועס א״אַ. די לעצטע זעט מען קוים, קוים, טאַקע נישט מער ווי אַ בליאַסק פֿון זיי, אָבער דער בליאַסק האָט דעמאָלט צוגעזאָגט... מיללער האָט געוויזן דברים כהוויתן. קיין פּאַראויס־זאָגער איז ער, דער רעאַליסט־נאַטוראַליסט — נישט.

„אַ בליאַסק אויף טאָג״ און „טשאַד״ זענען פֿון די בעסטע דערציילונגען, וואָס זענען געשריבן געוואָרן וועגן יידישן שטעטל אין אָנהויב פֿון דער רעוואָלוציע. דאָס זענען מער ווי צוויי דערציילונגען, ס׳איז כימעט אַ ראָמאַן און וואָלט געקענט זיין אַ גרויסע דראַמע. די נויטיקע פּערזאָנען, דער גרויסער קאָנפֿליקט און דער שטאַרקער דראַמאַטישער שטאָף איז דאָ. און אַ דיאַלאָג קען מיללער שרייבן אויסערגעוויינלעך. ער איז נישט שטרענג רעאַליסטיש אין זיינע דיאַלאָגן, ער העלפֿט צו זיינע העלדן, אָבער נאָר מיט ווערטער, נישט מיט געדאַנקען. ער העלפֿט די העלדן קאָנצענטרירן די געדאַנקען זייערע, אָבער ער פֿעלשט זיי נישט. אין אַ פּאָר ערטער ווערן די דיאַלאָגן סימבאָליש. די פּאָר שמועסן צווישן נעכאַמקען און פּראָקאָפּן, פּראָקאָפּן און ליאָוועןן, דעם סאָוויעטישן אויספֿאָרשונג־ריכטער (אַ רבניש איינִיקל און זיין מלמד). די אַלע דיאַלאָגן בעטן זיך ממש אויף דער בינע. מיר שיינט, אַז ש. מיללער דאַרף אַ פּרווו טון זיין כוח פֿאַרן טעאַטער. ער האָט דערפֿאַר פֿעסטקייט, אימפּעט, קראַפֿט און דעם דיאַלאָג, וואָס דערהייבט זיך צו סימבאָל.

די דריטע און לעצטע דערציילונג פֿון בוך „אַ בליאַסק אויף טאָג״ טראָגט דעם נישט איבעריק געלונגענעם נאָמען „דאָס רעדל דרייט זיך״. אייגנטלעך וואָלט די דאָזיקע דערציילונג געוועזן אַ סך מער באַרעכטיקט צו דעם נאָמען „אַ בליאַסק אויף טאָג״, ווי די ערשטע. אין דער ערשטער ווערט געשילדערט נישט „אַ בליאַסק אויף טאָג״, נאָר דער סוף פֿון דער נאַכט, בעת אין „דאָס רעדל דרייט זיך״ איז פֿאַראַן באמת אַן אָנהויב פֿון אַ ניי לעבן. כימעט נישטאָ קיין איינצלנע העלדן אין דער דאָזיקער דערציילונג. עס איז דאָ אַ מאַסע און אפֿילו דער פּירער אבנר, וואָס האָט די אויסערלעכקייט פֿון אַ העלד, אַ ברייטפּלייציקער, אַ ריז ממש און אַ פּעסט־כאַראַקטערדיקער, מאַכט אויך נישט דעם איינדרוק פֿון קיין איינצלנעם, נאָר פֿון איינעם פֿון אַ סך.

די האַנדלונג דרייט זיך אַרום אַ פֿאָרצעליי פֿאַבריק. אַמאָל, פֿאַר דער מילחמה, האָט זי געהערט צו אַ באַלעבאָס, וואָס האָט געהייסן זוס־

מאַן, אין דער צייט פון דער מילחמה איז זי חרוב געוואָרן און ס׳איז געבליבן פון איר נאָר אַ הויכער קוימען, „ברוין פון אונטן, פאַרשוואַרצט פון אויבן“. אַמאָל פאַר דער מילחמה, האָבן די פאַבריק־אַרבעטער, אונטער דעם אימפּולס פון אייניקע סטודענטן, געמאַכט אַ שטרייק — „מיר מאַכן שבת“, האָט ווידער וועווערקע, איינער פון די פירער דערקלערט — און מ׳האָט די בונטאָווטשיקעס אַרעסטירט און אַוועקגעפירט אין קרייזשטאָט אַריין און ס׳האָט נישט געהאָלפן דאָס, וואָס די ווייבער האָבן שבת נישט געלאָזט אַרויסנעמען די ספרים פון ארון קודש, מ׳האָט די בונטאָווטשיקעס געפייניקט און פאַרשיקט.

די מילחמה איז אַריבער, אויך דער בירגער־קריג איז פאַרביי און זוואָנעץ איז טויט, נישטאָ קיין פאַבריק, נישטאָ קיין אַרבעט. די אַמאָליקע בונטאָווטשיקעס זענען שוין אין דער היים, זיי זענען טאַקע פאַרבליבן אויף שטענדיק באַוווסטזיניקע מענטשן, אָבער עלטערע, עס פעלט זיי יוגנטלעכער ברען. דער נייער דור איז נאָך צו־יונג, ער היצט זיך נאָך דערווייל און פלאַמט. און אָט קערט זיך אום דער ייִנגסטער פון די דעמאָלטיקע בונטאָווטשיקעס אבנר לאַבונעץ. ער האָט דורכגעמאַכט פאַרשיקונג, מילחמה, בירגער־קריג, געווען פאַרוווּנדעט מיט קוילן, געשטאָכן מיט אַ מעסער, אָבער ער איז אַ ריז און ער טראָגט ער אַריבער. ער איז אַ רעוואָלוציאָנער מיט סטאַזש און ער האָט שוין בילדונג אויך. ער איז אַ סטודענט אין אַרבפאַק (אַרבעטער פאַקולטעט). ער קערט זיך אום אַהיים אַ קוק צו טון אויף זיין געבורט־שטעטל, זיך טרעפן מיט אַלטע חברים. זיין אַלטער פריינט ווידער באַוועגט אים, אַז ער זאָל בלייבן און העלפן אויפבויען די פאַבריק, ער וויל נישט בלייבן און בלייבט דאָך.

די פאַבריק ווערט מיט שווערע מי פאַרענדיקט, ס׳איז אַ יום־טוב און מ׳גייט צו דער אַרבעט. און די אַרבעט גייט אַוועק נישט תמיד גוט. פאַראַן אַ סך בראַק, ווייל אַ סך פוילענצערן. אייניקע קענען נישט גענוג אַרבעטן, זיי זענען שוין אַלט, אַנדערע ווילן נישט. עס הייבט זיך אָן די פּראַגע ייִד־גוי. איינער אַ טיפּ פון אַ וויסגוואַרדייער, אַלעקסאַנדער בראַגינסקי, וואָס האָט זיך אַריינגעחנפעט אין די רעוואָלוציאָנערע רייען אַטאַקירט זיינעם אַ ייִדישן חבר ביי דער אַרבעט.

אויף אַן עפנטלעך געריכט דערקלערט אַלעקסאַנדער, אַז ער האָט געשלאָגן פישלען אי ווייל ער האָט געאַרבעט צופּיל, אי ווייל ער איז אַ זשיד. אבנר דערקלערט די זאַך קלאָר: ס׳איז אַ צווייענדיקער פאַל,

אַ פאַל פון כוליגאַנסטווע און אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז אַ מאַסקע פון סאַבאָטאַזש און קאָנטררעוואָלוציע. דער נאַציאָנאַלער האָס דינט פאַר אַ מאַסקע...

אָט אַזוי מאַכט די פאַבריק דורך שווערע צייטן, האָט דערפאָלגן און דורכפאַלן און פונקט ווי די גאַנצע רעוואָלוציע שטרענגט זי זיך אָן צו שאַפן נייע מענטשן. עס פעלן פירער. אַז אבנר האַלט ביי אַוועקפאָרן, געפינט ער נישט וועמען צו לאָזן אַלס שטעלפאַרטרעטער. וויגדער איז נישט קיין מיטגליד אין דער פאַרטיי און ער האָט נישט קיין מוט צו ווערן. ער איז טאַקע אַן אַלטער בונטאָווטשיק, אָבער זיין ווייב, וואָס איז נישט קיין פרומע, בענטשט ליכט און ער קען עס איר נישט פאַרווערן, ער האָט יסורים, וואָס די טאָכטער שטערט דער מאַמען. וויגדער דער־ציילט אבנרן, אַז נאָך זיין טאַטן שטעלט ער נישט קיין יאָרצייט־ליכט, ער גלייבט נישט אין דעם, אָבער צום יאָרצייט פון די געפאַלענע חברים שטעלט ער ליכט און זאָגט קדיש, כאָטש ער פאַרשטייט נישט די ווער־טער, ער טראַכט נישט פון גאָט און פון יענער וועלט, ער וויל זיך נאָר אויסוויינען...

„אייער פאַרטיי איז, ווי זאָל איך דיר זאָגן, שוין אַ ביסעלע צו פרום, צו... מאָנאַסטיריש, פון אַלץ זאָג זיך אָפּ. און דאָס איז נישט אַזוי גרינג. אייך, יונגע, איז גרינגער, איר דאַרפט זיך בלויז אָפּ־זאָגן פון דעם, וואָס איר האָט געירשנט, פון ירושה קען מען ווי עס איז זיך אָפּזאָגן. ביי מיר, ביי דער עלטער, איז דאָ נישט נאָר ירושה, אויך דאָ געוווינהייטן פון אַ לעבן לאַנג. פון ביידע זיך אָפּזאָגן, אַלץ אַרויסרייסן איז אַ ביסל צו שווער".

די דערציילונג ענדיקט זיך ביי מיללערן זייער אינטערעסאַנט. דער פירער אבנר קומט אָן אין פאַבריק בעת אַ געשלעג צווישן די אַרבעטער צוליב עפּעס אַ קאַריקאַטור און ער כאַפּט אָן איינעם אַן אַרבעטער און ער דערלאַנגט אים אַ פאַטש. עס קומט צו אַן עפנטלעכן מישפט און דער פירער הייסט זיך אַליין מישפטן פאַר כוליגאַניזם. דער אַרבעטער, וועלכן ער האָט איצטער אַ פאַטש געטון איז .דער זון פון דעם געוועזענעם פאַ־בריק־דירעקטאָר, מען רופט אים דער „בענאַק". מיט דעם היינטיקן פאַטש האָט ער אויסגעקוועטשט דעם אייטער פון אַן אַלטער מכה און אַרויס־

געריסן זיין אַמאָל. איצטער איז ער גרייט צו געבן דעם אַמאָליקן בענאָקל די האַנט און אים זאָגן:

„קומט מיט אונדז צוזאַמען בויען די וועלט, דעם נייעם מענטשן די נייע פאַבריקן, אַ נייע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אָרדענונג האָבן מיר שוין באַוויזן צו שאַפן, מיר דאַרפן אָבער אויך שאַפן אַ נייעם מענטשן, דאַרפן זיך אַליין איבעראַרבעטן".

„דאָס רעדל דרייט זיך" איז אַ מיניאַטור בילד פונעם גאַנצן גאַנג פון דער רעוואָלוציע. דורך איין שטעטל האָט ש. מיללער געוויזן גאַנץ ראַטנפאַרבאַנד פון צוריק מיט 26—28 יאָר.

ער האָט געוויזן דעם בליאַסק פון יענעם טאָג, אויף וועלכן אַלע האָבן אַרויסגעקוקט און וואָס איז ליידער, ליידער נישט אויפגעגאַנגען.דער בלאָטער איז נישט געווען אויסגעקוועטשט.

מאַטיוון

אין אַ גאַנצע ריי זאַכן, וואָס זענען האַלב און גאַנץ סימבאָליש, אייניקע פון זיי זענען אינגאַנצן לעגענדן, האָט ש. מיללער געמאַכט אַן אָפּנייג פון זיין רעאַליסטישן וועג. פאַראַן צווישן זיי פּסיכאָלאָגישע עטיודן און סקיצן, ברוטאַלע שילדערונגען פון נאַצישע רשעותן, מיזרח־חכמה, אַ פּרווו פון אַ משה רבונו־לעגענדע־כאַראַקטעריסטיק, און אַ מוזיקאַלישע לעגענדע. עס פאַראייניקט זיי אַלע דער טאָן און די פאָרם. די פאָרם איז פון פּאָעזיע אין פּראָזע. פאַראַן אין אַלץ מוזיק. אָבער עס איז נישט די זיסלעכע פּאָעזיע אין פּראָזע, נאָר דווקא זייער ביטערע און האַרבע פּאָעזיע. ערטערווייז גרייכט די ברוטאַליטעט ביז צו דער העכסטער מרדגה. „אונטערן בייטש" געהער צו די מאַקסימאַלסטע שילדערונגען פון נאַצישן סאַדיזם. גלייכן איז פאַראַן נאָר אין מרדכי שטריגלערס מאַידאַנעק־זיכרונות. מיללער האָט אין דעם פּרט מער ווי אַלע יידישע שריפטשטעלער געטראָפן אין פּינטל אַריין. און דער טאָן איז אַזאַ, וואָס אונדזער שרייבער האָט אים שוין געהאַט אין די פריערדיקע ווערק. דער סטאַקאַטאָ טאָן. מען הערט אַ קלאַפּן פון אַ האַגל אויף דעכער.

די דאָזיקע אַנדערשדיקע זאַכן האָט ש. מיללער צונויפגענומען אין איין באַנד אַריין און ער האָט זיי געגעבן דעם אַבסטראַקטן נאָמען „מאַ־

טיוון״. און ער האָט אין 1939 באַקומען פאַר דעם די ייקוף־פּרעמיע. (אין יענעם יאָר האָט דער יידישער קולטור־פאַרבאַנד געגעבן זעקס פּרע־מיעס פאַר די זעקס בעסטע יידישע ביכער און „מאָטיוון״ איז געווען צווישן די זוכה בגורלס).

צום נאָענטסטן צו מיללערס שטייגער איז די אָפּטיילונג „פאַרן שפּיגל״. דאָ איז לעגענדאַריש פאַרנעפּלט נאָר די פאָרם, אָבער דער אינ־האַלט איז אַ רעאַלער. די גרעסטע זאַך אין דער אָפּטיילונג, וואָס הייסט „אַליין״, איז אַ שילדערונג פון איינעם אַ מענטשן מיטן נאָמען בנימין באַרדאַס, וואָס גייט אַרויס פון שפּיטאָל, קומט אַריין אין לעבן, ווערט רייך, האָט צוויי מאָל חתונה און הענגט כסדר צווישן הימל און ערד און אַנטלויפט שטענדיק פון דער פרוי, פון דער געזעלשאַפט, פון לעבן און פון זיך אַליין. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז דער נאָמען פון העלד איז אויך אַ סימבאָלישער. באַרדאַס מיינט וואַרשיינלעך בר־דעת און דער מחבר וויל זאָגן, אַז פאַר אַ בר־דעת איז נישטאָ קיין פּלאַץ אין רעאַלן לעבן. און טאַקע דערפאַר איז דאָס לעבן דאָ אַזוי געשילדערט אירראַעאַל און כאַאָטיש. דער הויפּט־געדאַנק ווערט דאָ אויסגעדריקט אין אָט דעם שטעל:

> „שטיל — מ׳הערט דעם אייגענעם אָטעם און דאָס ליכט פון עלעקטרישן לאָמפּ שרייט שטילערהייט: וואָס שווייגסטו! אויסגעלאָשן דער לאָמפּ, ליגן צוויי מענטשן, מאַן און ווייב אין די בעטן און די פינצטערניש, די שטילקייט שיפּעט צו די שלאָפלאָזע: פיינט! פיינט! שונאים! האָס! פאַרהאַסט און מיאוס דער צווייטער מענטש אין יעדער בעט״.

אויך די אַנדערע צוויי זאַכן אין דער דאָזיקער אָפּטיילונג האָבן אין סאַמע תוך אַ רעאַלן אינהאַלט. „די בלינדע וואַנט״ איז אַ פּסיכאָלאָ־גישע סקיצע פון אַ יונגן מענטשן, וואָס דערזעט דאָס גאַנצע לעבן פאַר זיך ווי אַ פינצטערע וואַנט און ער ווערט משוגע. און „פון פייער און פלאַם״ איז אַ געשיכטע וועגן אַ מאָלער, וואָס שטעלט איין זיין לעבן, ביכדי צו ראַטעווען פון פייער דאָס בילד, וואָס ער האָט געמאַכט פון דער חווה אין וועלכער ער איז פאַרליבט און ער קומט אַרויס מיט אַ פאַרברענט פּנים. זיין צוקאַליעטשעטקייט פירט צו דעם, אַז חווה זאָל זיך באַציען אַנדערש צו אים און זי זאָל קריגן אַן אַנדער מאַן און ער זאָל אויס אייפערזוכט וואַרפן אין פייער אַריין דאָס זעלבע בילד, פאַר וועלכן ער

האָט זיך נישט־לאַנג אַליין געוואָרפֿן אין פֿייער אַריין. אין די לעצטע צוויי זאַכן איז דאָס אירדעאַלע נאָך שטאַרקער ווי אין דער ערשטער זאַך. אין „פֿון פֿייער און פֿלאַם" ווערט פֿאַר דעם מאָלער דווד זיין ריוואַל זשאַק אַ מאַריאָנעטקע פֿון אַ פֿילם. אין שווערן און פֿינצטערן אָטעם פֿילט זיך דאָ לעאָניד אַנדרייעווס השפּעה און אין טאָן איז פֿאַראַן לאַמעד שאַפּיראָס סאַרקאַזם.

קאָשמאַרער, פֿינצטערער אָטעם איז פֿאַראַן אין די צוויי זאַכן פֿון דער צווייטער אָפּטיילונג („נסיונות") וועגן נאַצישן סאַדיזם, וואָס הייסן „אונטערן בייטש" און „אַש". איבערהויפּט איז מוראדיק די ערשטע זאַך. וואָס שילדערט ווי אַזוי נאַצים פּייניקן דעם דייטש־יידישן שריפֿטשטעלער לעאָן לעווענטאַל, צווינגענדיק אים צו „שרייבן" מיט דעם געשלעכט־אָרגאַן און אַנוועגנדיק קעגן אים די „ראַפֿינירטסטע" פּייניקונגען, ביכדי צו אַרויסבאַקומען פֿון אים סודות. דאָס איז אַ טײַוולישע סימפֿאָניע פֿון סאַדיזם. מען האָט דעם שריפֿטשטעלער אַזוי לאַנג געפּייניקט מיט קעלט אויף דעם פֿראָסט, ביז וואַנען ער איז געווען גרייט זיך צו וואַרעמען זיינע הענט ביי דעם דאָזיקן שייטערהויפֿן, אויף וועלכן מען איז אים גע־גאַנגען פֿאַרברענען. „מאַניקור" (שטעכן אונטער די נעגל מיט שפּיזן) און שמיץ זענען פֿון די געוויינלעכע פּייניקונגען. פֿאַראַן דאָ ממש אַ פֿאַר־מעסט צווישן דעם יידנס ווידערשטאַנד־קראַפֿט און דער רשעות פֿון די נאַצים. אויב עס וועט אַמאָל דערשיינען אַן אַנטאָלאָגיע פֿון ליטעראַטור וועגן נאַצישן סאַדיזם, וועט מיללערס „אונטערן בייטש" מוזן פֿאַרנעמען אַן אויבן־אָן פּלאַץ אין איר.

צוליב דעם, וואָס אין אָט דער אָפּטיילונג האָט זיך אונדזער מחבר צוגערירט צו די שווערע נסיונות, וועלכע דער מענטש מוזביישטיין, איז ער געקומען אויך צו נסיונות פֿון גרויסן מענטשן און ער האָט געגרייכט נישט נאָר ביז צום קולאַקישן הינדוער אַכמעד הוסיין, וואָס באַליידיקט גראָב אַלע איידעלע מענטשן און באַזונדער דעם הייליקן נאראדא (אַ גייסט־לעכער אַ פּרוש) און יענער שטייט ביי אַלע נסיונות און גיט אים נישט איבער דער מאַכט און היט זיך צו אויסגעבן דער מאַכט זיין נאָמען שוין ווען ער איז טויט, נאָר ער גרייכט צו די נסיונות פֿון — משה רבנו אַליין, וועלכער ווערט געפּרוווט אין פֿייער און אין וואַסער און האַלט אוים. ברענגענדיק צום פֿולן אויסדרוק די מענטשלעכע ברוטאַליטעט, ברענגט

מיללער צום אויסדרוק אויך דעם פולן ניצחון פון דעם דערהויבענעם אין מענטשן.

עכט נישט־יידיש מיזרחדיק איז די פּאָעמע „דער פייערטאַנץ״, וואָס שילדערט דעם קריג פון דעם איידעלן אינדיאַנער פיישי גאהדיק, וועל־כער פירט אַ קאַמף מיט דער ציוויליזאַציע, וואָס רייסט זיך אַריין צו אים און צעשטערט אים די האַרמאָניע פון זיין פרימיטיוו לעבן דורך די שלעכטע ריחות פון גאַזאָלין. דער דאָזיקער אינדיאַנער האָט אַ קינד מיט אַ ווייסער פרוי און דאָס קינד לערנט אין שול אינאיינעם מיט ווייסע קינדער און זיי דערגייען אים די יאָרן. דאָס קינד שעמט זיך מיט דעם אייגענעם פאָטער און דער שטאָלצער פאָטער ליידט דערפון און ער צינדט אונטער זיך אינאיינעם מיט זיין פאַרמעגן און מיט זיין קינד און ער וויל, אַז דער אינדיאַנישער דיכטער זאָל דעם „פייערטאַנץ״ זיינעם באַזינגען. דער אינדיאַנער האַלט, אַז דאָס אָפּמעקן דעם אייגענעם זכר איז די העכסטע שטאָלצע מענטשלעכע טאַט. יידן האָבן אַנדערש גע־דענקט.

ש. מיללער האָט אין דעם בוך „מאָטיוון״ זיך אַריינגעלאָזט אין עקזאָטיק. אין דער דריטער אָפּטיילונג פון דעם דאָזיקן בוך, וואָס הייסט „חלום און וואָר״ האָט ער צוויי זאַכן, וואָס האָבן אַ שייכות מיט מיזרח און זיי זענען, לויט דעם אינהאַלט לעגענדאַריש און זיי ווילן דינען ווי משלים צום גאַנצן מענטשלעכן לעבן. „דער שאָך איז מאַט״ איז אַ לע־גענדע, וואָס האָט אין צענטער אַ משל, דער דאָזיקער משל פאַרגלייכט דאָס פאָלק צו אַ פערד און דעם הערשער צו אַ רייטער און וויזן אָן, אַז ווען דאָס „פערד״ ווערט בלינד, קען דער רייטער דאָס שוין נישט פירן און „די שטימע פון גאָט״ איז אויך אַ לערע וועגן דעם וועג, וואָס אַ מושל דאַרף אויסקלייבן און אויף דעם גליטש, וואָס דראָעט דעם הערשער, ווען ער גיט נאָך דעם פאָלק זאַכן, וואָס ער טאָר נישט נאָכגעבן און ער גיט נישט נאָך זאַכן, וואָס ער וואָלט יאָ געדאַרפט נאָכגעבן. דינע אַנאַטאָל פראַנסישע איראָניע פאַרמאָגט דאָס מעשהלע „גאָטס פנים״, אין וועלכן עס ווערט געשילדערט ווי אַזוי דער כהן גדול דערזעט פליגן אין קדשי קדשים און דאָס האַרץ שטעלט זיך אָפּ אין אים און דער כהן, וואָס גרייט זיך פאַרנעמען זיין פלאַץ, רופט אויס, אַז ער האָט געגרייט דאָס העכסטע, ער האָט געזען גאָטס פנים און ער איז געשטאָרבן, ווייל אַ מענטש קען נישט זען גאָט און בלייבן לעבן...

רויט און שוואַרץ

אין זעקסטן בוך, „רויט און שוואַרץ" איז מיללער ווידער רעאַליסט, וואָס איז כּימעט אַ נאַטוראַליסט. אין דער ערשטער דערציילונג פון בוך, וואָס איז די גרעסטע אין קוואַנטיטעט און וועלכע דער מחבר האַלט פאַר דער וויכטיקסטער, שילדערט ער דעם פּאַרטיזאַנען קאַמף אין צייט פון קריג. פאַראַן דאָ דער ברענענדיקער האַס צום נאַצי און דער פעסטער ווילן צו קעמפן ביז אין סאַמע לעצט און דער שטאַרקסטער גלויבן אין זיג. די דערציילונג ענדיקט זיך טאַקע מיטן אויסרוף: „צום פראָנט! צום זיג!" ש. מיללער בלייבט כּסדר דער שרייבער, וועמען עס אינטערעסירט דער מענטש און זיין דראַנג צום לעבן און זיין גרייטקייט צו שטאַרבן פאַר דעם לעבן. ש. מיללער דערלויבט זיינע העלדן צו זיין סענטימענטאַל אויך. ניסן, דער הויפּט־העלד פון אָט דער דערציילונג, דער העלדישער קעמפער, נעמט אַריין זיין מאַמען אין זיין קאַמף. ער סימולירט, אַז זי איז קראַנק און ער לייגט זי אַריין אין בעט, בּיכדי צו האָבן אַ מאָ־טיוו צו קענען בלייבן אויפן אָרט און דורכפירן אַ שליחות. ער האָט זיין מאַמען ליב, אָבער זי איז פאַר אים אַ טייל פון דעם גאַנצן לעבן, פאַר וועלכן ער קעמפט און ער שטאַרבט. ניסן האָט נישט געוווסט, אַז דערמיט, וואָס ער לייגט אַוועק זיין מאַמען קראַנק, שטעלט ער איין איר לעבן, אָבער מען קען נישט וויסן, צי ווען ער וואָלט דאָס געוווסט, וואָלט ער דאָס נישט געטון. ווען דער דייטש, וואָס קומט נאָך ניסענען, פרעגט אים פאַרוואָס ער איז אויפן פלאַץ און נישט אין דער אַרמיי, ווייזט אים ניסן אָן אויף דער מוטער, וואָס ליגט קראַנק און דער דייטש, וואָס איז חושד, אַז דאָס איז אַן אָנשטעל, זאָגט עכט־אַריש סאַדיסטיש, אַז דאָס קען מען פאַרריכטן און ער שיסט אויף דער עלטערער פרוי... פון ניסענען אַנטלויפט ממש דאָס לעבן, אָבער עס קומט דאָך צוריק צו אים און ער בעט ביים דייטש אַ דערלויבעניש צו אַ קוש טון די מוטער פאַר דעם אַוועקגיין און ווען יענער דערלויבט דאָס אים, ציט ער פון קישן אַרויס דעם רעוואָלווער און דער נאַצי אינאיינעם מיט זיין אוקראַינישן העלפער ליגן שוין אין בלוט. און אין זיין וויטערדיקן קאַמף איז שוין שטענדיק פאַראַן אויך דער ווייטיק פון דער דערמאָר־דעטער מאַמע.

עס ווערט נישט איין מאָל באַטאָנט אין משך פון דער קרעפּטיקער דערציילונג, אַז ס׳איז אַ קאַמף פון אָדער רויט, אָדער טויט, פּאַר לעבן! ניסן זאָגט: „ס׳איז אָדער גיין מיט פּריצן, אָדער אויף פּריצן, ס׳איז רויט אָדער טויט, קיין אַנדער אויסוועג איז נישטאָ״. און דאָך איז אין דער גאַנצער דערציילונג מער פאַראַן די שילדערונג פון עצם קאַמף, ווי די שינאה, וואָס האָט געפירט צום קאַמף. פאַראַן בערגלסאָנישע „נייטראַלי־טעט״ אין איניקע ערטער (מיללער איז פּאַרט באַאיינפלוסט פונעם מחבר פון „באָך אַלעמען״, כאָטש ער וויל דאָס נישט צוגעבן!) און עס זענען פאַראַן שטעלן וואָס דערמאָנען דורכאויס אין „מדת הדין״ און דאָס דאָזיקע ווערט צומאָל פיינלעך, ווייל דער קריג פון 1939—1945 איז דאָך געווען אַן אַנדערער ווי דער ערשטער וועלט־קריג...

אַ געוויסע פאַרגיטיקונג איז פאַראַן אין דער דערציילונג „תכריכים״, וואָס שילדערט אַ שניידער פון דער לאָדזשער פאָרשטאָט באַלוט, אַן עכטן יידישן שניידער, וואָס לעבט אונטער די נאַציס און מוז נייען פאַר זיי און ווען ער נייט איבער אַ מונדיר פון אַ דערהרגעטן נאַצי פאַר אַ לעבע־דיקן, טרייסט ער זיך, אַז ער נייט תכריכים פאַר „זיי״. פאַראַן אַ שטילער, פאַרנאַכטיקער טרויער אין דער דאָזיקער האַרציקער דערציילונג און עס שיינט אין אירע טונקעלע ווינקלען אַ פונק פון האָפענונג.

די דערציילונג „על נהרות האָדסאָן״ איז די איינציקע, וואָס גיט צו דערפילן דעם מחברס נאָענטקייט, אָדער אייגנקייט צום „בונד״. דער סאָ־ציאַליסט, ברוך, וואָס האַלט זיך אין באַשליסן צו אַנטלויפן פון פוילן, ווייסט נישט, צי ער מעג. ער דערמאָנט זיך, אַז לעניך איז אַנטלאָפן קיין פינלאַנד און ער פרעגט זיך: פון ווען אָן איז ער זיך סומך אויף לענינען? אין משך פון דער דערציילונג ווערט באַזונדערס געשילדערט דער מאָ־מענט פון אַרעסטירן אַלטערן און ערליכן. דער העלד פון דער דערציילונג זאָגט: „איצטער אַרעסטירן! אַרעסטירן ווערן? יאָ, פון די דייטשן, פּאָ־ליאַקן, אָבער אַרעסטירט ווערן פון... סאָציאַליסטן. איצטער אָ! פאַר־וואָס?״

אָבער מיללער בלייבט נישט כסדר טענדענציעז. ער ווייזט פון איין זייט דעם שווערן געראַנגל פון דעם יידיש־סאָציאַליסטישן פירער ברוך, ווען ער באַשליסט זיך צו אַנטלויפן און פון דער צווייטער זייט ווייזט ער די פוסטקייט פון דער סאָציאַליסטיש־יידישער סביבה אין ניו־יאָרק. דער געראַנגל פון ברוכן מיט זיך אַליין, ווערט אומגעהויער אינטערע־

סאַנט. ער, דער בונדיסט, מישט אויף דעם תנ״ך. אָט ברענגט ער אַ שטעל פון ירמיהו, וואָס זאָגט, אַז ווער עס וועט בלייבן אין שטאָט, וועט שטאַרבן פון דער שווערד, פון הונגער און פון דער פעסט און דער וואָס וועט אַרויסגיין צו די כשדים וועט בלייבן לעבן. און אָט געפינט ער אַ שטעל אין דעם זעלבן ספר, וואָס זאָגט: „אויב איר וועט בלייבן אין דעם דאָזיקן לאַנד, וועל איך אייך אויפבויען און נישט צעשטערן". און אָט געפינט ער אַ שטעל אין יחזקאל, וואָס זאָגט, אַז אויב דער וועכטער וואָס זעט די שווערד קומט און ער בלאָזט נישט אין שופר און ער וואָרנט נישט דאָס פאָלק און די שווערד קומט און נעמט צו אַ נפש, וועט גאָט מאָנען דאָס בלוט זיינס פון וועכטערס האַנט... נישטאָ קיין נייס און קיין נייע פּראָבלעמען אונטער דער זון! אַלץ איז אייביק!

ווען ברוך קריגט אין ניו־יאָרק אַ קבלת־פּנים און ער פּרוווט דאָרט ־עדן וועגן דעם, וואָס די העלדישע מאַסן זענען דאָרט געבליבן פעסט ביי דער איבערצייגונג, אַז זייער גאולה וועט קומען דורך אַ סאָציאַליסטי־שער וועלט, איז ער שוין אַ דורכגעפאַלענער. אין ניו־יאָרק, טוט מען אים צו וויסן, דאַרף מען רעדן אַנדערש. דער רעדאַקטאָר פון דער סאָציאַליס־טישער צייטונג נעמט צו אים רעדן רוסיש און ער זאָגט אים, אַז דער „נאַראָד" האָט דאָ נישט ליב צו זיין טרויעריק. ער גיט אים צוריק זיין אַרטיקל, ווייל עס איז צו טרויעריק אָנגעשריבן. ברוך פאַלט דורך סיי אַלס רעדנער און סיי אַלס שרייבער און ער פילט זיך אויסגעוואָרצלט און איבעריק און ער לאָזט זיך אַרונטער אין האָדסאָן און „אין דער ווייסל" „אין דער אייביקייט"... אָט דאָ איז דער טאָן אַ ליטעראַרישער, אָבער שוין נישט קיין רעאַלער. פאַראַן דאָ דאָס געשריי פון אַלע יידישע שריי־בער פון אונדזער צייט, דאָס געשריי וועגן דעם, אַז דאָרטן איז מען אומגעקומען און דאָ קומט מען נישט אויף!

אין אָט דער דערציילונג, וואָס איז, ווי געזאָגט, טיילווייז טענדענ־ציעז, גלאַנצט ש. מיללער מיט אַלע זיינע אייגנשאַפטן פון אַ רעאַליסט מיט אָפענע אויגן און אויערן, אַ שאַרפן חוש און מיט מוט צו אויפ־דעקן אַלץ און צו ווייזן דעם סאַמע וועג צום תהום. אין אָט דעם פּרט איז ביי מיללערן פאַראַן עפּעס פון ברוך גלאַזמאַנס ווייזן די טרויעריקע נאַקעטקייט, אָבער ביי מיללערן איז פאַראַן אויסער שכל און שאַרפקייט אויך אַ ברענענדיקער טעמפּעראַמענט, וואָס גלאַזמאַן האָט נישט פאַר־מאָגט.

אין די אַנדערע דערציילונגען זענען שוין נישט פאַראַן קיין די־רעקטע מאָטיוון פון אונדזער צייט, אָבער עס פילט זיך אין אונטערגרונט די היינטיקע צייט, וואָס ווייעט אָן די דאָזיקע שטימונג, און זי גיט צו פילן, אַז טויט איז פאַראַן מער ווי רויט. מיללער גייט אַמאָל אַוועק מיט זיין חכמה ווייט פון יענער זייט גרענעץ. אין דער מעשה „מיט אַ שמייכל" דערציילט ער, אַז דער טויט קומט צו איינעם אַ מענטש און יענער זעט אין אים גאָרנישט קיין שונא און דער טויט דערקלערט, אַז ער קומט קיינמאָל נישט צו שפּעט, ער לאָזט זיך הערן, ווי דער דונער לאָזט זיך הערן דעם פויער, אַז עס וועט זיין אַ רעגן. ער קומט אַמאָל צו שפּעט און מענטשן האָבן קיין געדולד נישט און זיי פאַרלויפן אים דעם וועג. און דער טויט איבערצייגט דעם בעל־דבר זיינעם און מען טרעפט אים דערנאָך אַ טויטן מיט אַ שמייכל אויפן פּנים.

זייער אינטערעסאַנט און אייגנאַרטיק און עכט־מיללעריש איז די דערציילונג „מאַן און ווייב". דאָ ווערט דערציילט, ווי אַ קראַנקער מאַן דערהערט אומגעריכט ווי זיין פרוי גיט אַ זאָג וועגן אים „הלוואי קראַ־פּירט ער!" און דאָס דאָזיקע רופט ביי אים אַרויס אַ מוראדיקן פאַרדרוס און אַ מוראדיקן דראַנג צום לעבן. ער הייסט זיך אַוועקפירן אין שפּיטאָל און ער לאָזט נישט צו די פרוי צו זיך און צום וווּנדער פון דאָקטאָר און דער קראַנקן־שוועסטער ווערט ער וואָס אַמאָל בעסער. און ווען ער פילט זיך שוין גאָר גוט, מעלדעט אים דער דאָקטאָר, אַז ער האָט באַקו־מען אַ טעלעפאָן־רוף פון זיין פרוי, וואָס ליגט קראַנק אין אַן אַנדער שפּיטאָל. זי האָט אַ טאָפּלטע לונגען־אָנצינדונג. ער לויפט צו דער פרוי און דאָרטן קוועטשט ער אויס דעם בלאָטער פון זיין ווייב און ער דער־ציילט איר, אַז ער האָט געהערט ווי זי האָט אים געשאָלטן, דאָך, זאָגט ער ווינטשט ער איר נישט דעם טויט, אָבער ער וויל אויך נישט שטאַרבן. און די פרוי צעשרייט זיך, אַז מען זאָל אים צונעמען פון איר, ווייל ער איז איר מלאך־המוות, און די פרוי דרייט זיך אַוועק פון אים און שטאַרבט און אויפן וועג צוריק אין שפּיטאָל שטאַרבט ער אויף די אָרעמס פון דער קראַנקן־שוועסטער. און די קראַנקן־שוועסטער דערפילט די צאַרטקייט פון אַ מאַן און זי באַשליסט זיך צו קריגן אַ מאַן און חתונה האָבן... טויט פאַרטאָפּלט זיך דאָ מיט טויט און רופט פונדעסטוועגן אַרויס לעבן!

פאַראַן דערציילונגען, וואָס זייער הויפּט־ציל איז אַ דינע איראָניע.

די דערציילונג „אהרנס שטעקן" וויזט ווי אַזוי אַ מאַן, וואָס ווערט בלינד, טראַכט זיך אויס נישט געשטויגענע שיינקייטן און אַ ווונד אויף אַ פּנים פון אַ פרוי איז פאַר אים אַ חן־גריבל. אין אַן אַנדער סקיצע ווערט געשילדערט ווי אַ כאַפּטע יוגנט איז אַרויס שפּאַצירן צום ווילסאָן באַרג (אין האָליוווד) און דער מאַן שלום שוואַרץ מוז נאָכגיין זיין באַגלייטעדין, וואָס קלעטערט אויף געפערלעכע ערטער און זיין באַגלייטערין פאַלט אַראָפּ אין אָפּגרונט און ער ראַטעוועט זיך קוים. אין עלטער פון פינף און דרייסיק יאָר ווערט ער ווייס ווי אויסגעוואַשן אין ווייסן פּודער, אָבער ער גייט ווייטער שפּאַצירן מיט פרויען און ער האָט שוין שטענדיק אַ פאַרטיק וואָרט פאַר זיי, אַז ער האָט „אַ יונג האַרץ און אַלטן קאָפּ". און ער גייט שוין מער נישט שפּאַצירן אין די בערג, ער גייט שפּאַצירן אין די גרינע טאָלן, אַמאָל מיט אַ בלאָנדער און אַמאָל מיט אַ ברונע־טער — דאָס האַרץ איז אים דאָך געבליבן יונג. און איר דערפילט, אַז שלום שוואַרץ איז ווייס געוואָרן נישט אַזוי אויס מורא פאַר דעם טויט פון זיין באַגלייטערין, ווי אויס מורא פאַר דעם אייגענעם לעבן...

אין דער פאָרם איז מיללער געוואָרן רייפער. אין „רויט און שוואַרץ" האָט ער נאָך מער אויסגעלערנט דעם סדר פון צימצום און ער איז אין אייניקע זאַכן דורכאויס סובלימירט, אָבער דער גרויסער אינהאַלט האָט נאָך נישט אויסגעפילט זיין ווונדערלעכע פאָרם. זיינע ווונדערלעכע כלים פינקלען, אָבער עס זענען נאָך פאַראַן אין זיי אויך פּוסטע ערטער. עס מאַכט דעם איינדרוק, אַז גרויסע פאָרם־ווירטואָזיטעט לעכצט נאָך אַ גרויסן אינהאַלט. דער מחבר איז רייף צו אָנשרייבן זיין גרויס ווערק.

„דור הפלגה"

דאָס זיבעטע בוך פון אונדזער מחבר, דער ערשטער ראָמאַן זיי־נער, וואָס הייסט „דור הפלגה", איז אין אַ געוויסער מאָס דער וועג צום מחברס גרויסן ווערק, אָבער דער סך־הכל דערפון איז אַ טרויעריקער. דאָס „רויטע" איז דאָ ווייניקער ווי דאָס „שוואַרצע". מיללער איז געטריי זיין רעאַליסטישער אָנשויאונג און ער האַלט, אַז מען דאַרף דאָס לעבן ווייזן אַזוי ווי עס איז, מעג עס אונדז נישט געפעלן. ער האַלט, אַז דער גלויבן דאַרף קומען פון לעבן צו דער ליטעראַטור און נישט פאַרקערט

און אויב דאָס לעבן סוגערירט נישט קיין גלויבן, איז דאָס טאַקע זייער טרויעריק, אָבער די אויפגאַבע פון בעלעטריסט איז נישט צו שאַפן אַזאַ גלויבן. אין דעם פּרט האַלט ער פּונקט דאָס פאַרקערטע פון דעם וואָס ב. ריווקין האָט געהאַלטן. ב. ריווקין האָט פון דער ליטעראַטור געוואָלט מאַכן אי אַ במקום־אמונה, אי אַ במקום־טעריטאָריע.

די דאָזיקע, וואָס האָבן געלערנט אין חדר, געדענקען גענוי דאָס דור הפלגה־בילד פון חומש. נמרוד האָט גענומען בויען אַ טורעם און געוואָלט גרייכן מיט אים ביז אין הימל און כביכול האָט זיך פאַר אים דערשראָקן און ער האָט אַראָפּגעשיקט זיינע לייט, אַז זיי זאָלן אָנאַרבעטן אַ צעשיידונג צווישן די טורעם־בויער און זיי האָבן באַוויזן צו שאַפן אַ דור הפלגה, אַזאַ צעריסענעם דור, וואָס איינער האָט דעם צווייטן נישט פאַרשטאַנען. ווער האָט פאַרוואַנדלט דאָס יידישע לעבן אין די פאַר־איייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע אין אַ דור הפלגה? מיר האָבן מורא, אַז נישט גאָט...

„דור הפלגה" ווייזט אַ יידישע אימיגראַנטן־פאַמיליע, וואָס באַשטייט פון עלטערן און פיר זין. יעדער פון די זין רעדט אַן אַנדער לשון און ער האָט אַן אַנדער שטרעבונג און ער מאַכט זיך אַן אַנדער לעבן. דאָ און דאָרט פאַראייניקן זיך צוויי ברידער, אָבער נישט אויף לאַנג. קיין טיף אינערלעכער באַציאונג איז צו די עלטערן נישט פאַראַן ביי קיינעם, אָבער ביי די אָרעמע איז פאָרט פאַראַן באַציאונג צו דער מוטער. דריי גייען אַוועק פון קבר און יעדער גייט אַוועק צו זיין אויטאָמאָביל און איר פילט, אַז אַלץ האָט זיך צווישן זיי געענדיקט...

די גאַנצע צייט וואָס דו לייענסט „דור הפלגה" דערמאָנסטו זיך אין שלום עליכמס „צעזייט און צעשפּרייט". דו פילסט, אַז „צעזייט און צע־שפּרייט" קער זיך עפּעס אָן פילאָלאָגיש מיט „דור הפלגה". צעזייט און צעשפּרייט איז אַ מילדערער און פאָלקסטימלעכערער און פלאַסטישערער אויסדרוק פאַר צעריסנקייט. אָבער בעת ביי שלום עליכמען איז פאַראַן הומאָר, וואָס מאַכט דאָס געפיל ליכטיקער, איז ביי מיללערן דער ערנסט כסדר אַ פינצטערער. ביי שלום עליכמען גיט נאָך די מאַמע אַ זאָג, אַז „קינדער פלאַפּלען", און כאָטש דער מאַן זאָגט איר באַלד, אַז זי איז אַ בהמה, פילט דער לייענער, אַז אינגאַנצן קיין בהמה איז זי נישט. אייניקע פון די קינדער וועלן אַזוי לאַנג פלאַפּלען, ביז וואַנען עס וועט זיי אי־בערגיין און זיי וועלן ווערן יידן און זיי וועלן בלייבן טיילן פון יידישן

לעבן. ביי מיללערן פלאַפּלט קיינער נישט, אַלע טוען ביי אים. דער דיאַלאָג און בכלל די געשפּרעכן פאַרנעמען ווייניק פּלאַץ און זיי זענען נישט דער עיקר. און די טאַטן זענען לײדער זייער איבערצייגנדיק. מען פילט אין זיי די פולע אויפלייזונג.

די גאַנצע האַנדלונג קומט פאָר אין דער נאָרד־אַמעריקאַנער שטאָט קליוולאַנד. אַהין איז אַמאָל אַוועקגעפאָרן אַ ייִד פון דעם אוקראַיִנישן שטעטל כּושטיווקע און דערנאָך זענען שוין אַלע כּושטיווקער געפאָרן אַהין. אָט אַזוי איז אויך געקומען דאָס פּאָרפּאָלק דוד און אסתר כּאַזאַנאָוויטש. דוד איז געווען אַ חזנס אַ זון, אַ ביסל אַן אויפגעקלערטער, אַ לייענער פון „המליץ״. אסתר איז אַ טאָכטער פון דעם גביר פּיניע עטיע דבורהס. זי איז נישט קיין שיינע און איז שוין נאָענט צו שלושים און מען פאַרשלייערט זי פאַר דוודן, וואָס איז נישט קיין גרויסער פאַרדינער. מען מאַכט אים אַ געשעפט, אָבער עס גייט אים אַוועק נישט גוט און ווען דאָס פּאָרפּאָלק האָט שוין קיין עין־הרע פיר זין, שיקט מען זיי אַוועק קיין אַמעריקע, קיין קליוולאַנד הייסט עס, אינאיינעם מיט אַלע קינדער.

דוד האָט באַלד דערפילט, אַז דאָ איז יעדער פאַר זיך און אַז ער וועט דאָ דאַרפן אַרבעטן שווער און ביי שווערע באַדינגונגען און ער האָט טאַקע באַלד גענומען אַ קויש מיט סחורה און זיך געלאָזט גיין איבער די הייזער, נישט קענענדיק קיין איין וואָרט ענגליש. און די פיר זין האָבן אויך באַלד אָנגעהויבן גיין זייערע באַזונדערע וועגן. שוין אין די קינדעריִשע קריגערייען אין זייערע האָט מען דערקענט יעדנס כאַראַקטער. גאָר קליין זענען זיי נישט געווען ביים אָנקומען אין נייעם לאַנד אַריין, דער ייִנגסטער, מלך, איז שוין אַלט געווען עלף יאָר. דער עלצטער, חיים, איז שוין באַלד ביים אָנהויב געווען אַ מאַן און ער האָט געהאַט בײַצושטייִן מענערישע נסיונות און זיין אַרבעט. קריגערייען זענען פאָרגעקומען צווישן די קלענסטע צוויי — שלום און מלך. דער מיזיניק האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן מיט זיין עגאָאיזם און קאַריעריזם. ער האָט געלערנט מיט זיין אַ ביסל עלטערן ברודער שלום אין איין שול. פאַרשטייט זיך, אַז שלום איז געגאַנגען אין אַ העכערן קלאַס און מלך האָט אים געזוכט איבערצויאָגן. נישט חלילה אויס ליבע צום לערנען, נאָר צוליב עגאָאיזם און קאַריעריזם. ער האָט געוואָלט ווייזן, אַז ער איז נישט קיין גרינגער און אַז ער קען בעסער ענגליש פון אַלע און אַז ער ווערט מער אַמעריקאַנער פון אַלע. אפילו דעם נאָמען האָט ער זיך באַלד געביטן —

ער האָט זיך אָנגערופן „לעראַי טשייס". ער האָט איבערגעזעצט דאָס וואָרט מלך אויף ענגליש, איז פון דעם געוואָרן לעראַי און כאַזאַנאָוויטש האָט ער פאַרקירצט און עס איז אַרויסגעקומען אויף ענגליש טשייס...

די האַנדלונג ווערט קאָנצענטרירט אַרום דריי פונקטן: דוד און אסתרס היים, חיימס און בערנאַרדס „שאַפ". די מערסטע קאָנפליקטן קו־מען פאָר אַרום בערנאַרדס שאַפ. דאָרט געפינען זיך דריי פון די פיר ברידער. בערנאַרד איז דער באַלעבאָס, מלך איז דער אַדוואָקאַט און שלום — דער בוכהאַלטער. שלום פאַרליבט זיך אין אַן אַרבעטער־מיידל פון זיין ברודערס וואַרשטאַט און ווען דער גאַנצער וואַרשטאַט גייט אַרויס אין שטרייק, גייט אויך שלום אַרויס אין שטרייק. אַ ברודער קעגן אַ ברודער שטייט אין בלוטיקן קאַמף און עס קומט צו אַ פּראָצעס, אין וועלכן שלום טרעט אַרויס קעגן בערנאַרדן, זיין עלטערן ברודער.

„דור הפלגה" איז נישט קיין ראָמאַן אין געוויינלעכן זין. עס איז נישט פאַראַן קיין צענטראַלער העלד.

דאָס צענטראַלסטע אין דער האַנדלונג איז דאָס הפלגישע, די צעריסנ־קייט צווישן די עלטערן און די קינדער און צווישן די קינדער אַליין. דאָס צענטראַלסטע אין דער האַנדלונג איז איבערהויפּט דאָס בהדרגהדי־קע זיך אויסליידיקן פון יידישן און מענטשלעכן אינהאַלט. בערנאַרדס שווער, דער רייכער און נישט אָץ להעשירדיקער באַרני קאַן, איז נאָך אַ מענטש, ער האָט נאָך געפילן. אַלץ באַציט זיך סענטימענטאַל צום אַלטן אַרבעטער איציע, ביי בערנאַרדן איז שוין קיין זכר נישט פאַראַן פון קיין מענטשלעכקייט.

חיים און שלום זענען זייער מענטשלעך. זיי ליידן און זיי גייען מיט די דאָזיקע, וואָס ליידן. חיים ווערט צעקלאַפּט, עטל ראַטעוועט זיך קוים, ווען זיי באַטייליקן זיך ביידע אין אַ סאָציאַליסטישער מאַניפעסטאַציע. שלום פאַרלירט זיין קאַריערע און זיין צוקונפט צוליב זיינע איבערציי־גונגען... אָבער עס ווערט אין ערגעץ נישט געשילדערט, אַז זייער לעבן זאָל אויך זיין יידיש. זייער סאָציאַליזם איז אַן אַבסטראַקטער, ער איז אַ גרייטקייט זיך מוסר נפש צו זיין פאַר גערעכטיקייט, אָבער נישט מער. נישטאָ קיין אָרגאַנישקייט אין זייער אידעאַליזם, נישטאָ קיין אייגענע חלומות אין קאַמף.

מיט שטילן און פיינעם מיטגעפיל איז ביי מיללערן געשילדערט דאָס לעבן פון דווידן און אסתרן. דווד אַרבעט זיך אַ ביסל אַרויף, אָנשטאָט

צו זיין אַ פּעדלער, קריגט ער אַ שטיקל קראַם, אָבער אים אינטערע־סירט דאָס מענטשלעכע און דאָס יידישע מער ווי די געשעפטן. ביי אים איז וויכטיקער צו רעדן מיט אַ מענטשן ווי צו פאַרקויפן. אסתר איז פּראַקטישער פון אים, אָבער בעצם איז זי אויך אַ יידישע טאָכטער, וואָס ווייסט אפשר נישט, וואָס זי וויל, אָבער זי וויל דאָך, אַז עס זאָל זיין אַנדערש ווי עס איז...

אַ רירנדיקער קלימאַט איז דער סדר ביי דוודן אין שטוב, צו וועלכן עס קומען זיך צענויף אַלע קינדער. אפילו דער ייִנגסטער זון לעראָי טשייס קומט מיט זיין אויסגעוויילטער, עס טרעפן זיך פיר ברי־דער אויף אַ סדר ביים פאָטער אין שטוב. צוויי זענען מיט די ווייבער, איינער איז מיט אַ כלה און צווישן אַלע ווייעט אַ פרעמדקייט. דער דור הפלגהדיקער סדר ווערט אויפגעריסן פון אַ טרויעריקער געשעעניש — דעם פאָטער ווערט נישט גוט. ער שעמט זיך און ער זאָגט, אַז ס׳איז גאָרנישט און הייסט די קינדער גיין עסן, אָבער די קינדער צעגייען זיך. לעראָי שרייט, אַז זיי זענען באַרבאַרן, וואָס זיי האָבן נישט קיין טעלעפאָן און ער גייט שיקן אַ דאָקטאָר. די כלה גייט אים נאָך. בערנאַרד באַ־שליסט אַוועקצוגיין באַלד נאָכדעם, ווי דער דאָקטאָר וועט האָבן אַוועק־געגאַנגען. שלום גייט אין אַפּטייק אַריין. בערנאַרד וויל אים צופירן מיט זיין אויטאָ, אָבער שלום האָט געזאָגט, אַז ער וועט גיין צופוס, ווייל עס איז נישט ווייט און געפילט האָט ער, אַז דער ברודער וויל זיך אַרויס־דרייען. און ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט ער שוין קיינעם נישט געטראָפן, בלויז די מוטער איז געזעסן ביים פאָטערס בעט. שלום האָט עפּעס געוואָלט העלפן דער מוטער, אָבער זי האָט געזאָגט, אַז זי וועט שוין טון אַליין און זי האָט דערפילט דעם זין פון וואָרט אַליין — „פיר זין און אַליין, אַליין. וואָלט כאָטש געווען אַ טאָכטער. אַליין. אַליין...“

און דיר דאַכט זיך, אַז נישט נאָר די מאַמע, נאָר דאָס גאַנצע יידישע לעבן זאָגט דאָ: „פיר זין און אַליין, אַליין“...

ש. מיללער האָט פאַר זיין „דור הפלגה“ באַקומען די לואיס לאַמעד פּרעמיע. קינסטלעריש האָט ער עס כשר פאַרדינט, כאָטש אידעאיש האָט ער דערפירט אַ גאַנץ לעבן ביז צום תהום.

שטויב

נישט אָן אַ קלאַפּ אין האַרצן, נעמסטו אין דער האַנט אַריין דאָס אַכטע בוך מיללערס, וואָס הייסט „שטויב". דאָס דאָזיקע סוגערירט נאָך מער טרויער, ווי „דור הפלגה". אין דור הפלגה קען זיין עמיצער, וואָס זאָל זיך צו ערגעץ דערפּירן, אָבער שטויב? און זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז אין דער פאָרם האָט דאָ מיללער געגרייכט צום אַפּאָגיי. זיין שרייבן איז אָנגעזעטיקט מיט בילד. פאַראַן אַ זעלטענע האַרמאָניע צווישן אינ־האַלט און וואָרט. אין יעדן שטעל פון די אַכט דערציילונגען אין בוך „שטויב" זאָגט דער ריטם דאָס זעלבע, וואָס די ווערטער. יעדע דערציי־לונג איז אַ קאָנסטרוקציע, וואָס שטייט פעסט און זיכער. נישט פאַראַן קיין סך אַזעלכע גאַנצע דערציילונגען היינט אין יידיש און אין אַנדערע שפּראַכן זענען אפשר פאַראַן נאָך ווייניקער. (אין דער גאַנצער שפּאַנישער ליטעראַטור פון לאַטיין־אַמעריקע און שפּאַניע דערשיינען היינט נישט קיין דערציילונגען, וואָס פאַרמאָגן אַזוי פיל מייסטערשאַפט, ווי די דער־ציילונגען פון „שטויב").

און טאָקע דערפאַר צווינגען זיי זיך צו פאַרטראַכטן וועגן דעם, צי רעאַליזם שפּיגלט אָפּ רעאַל דאָס יידישע לעבן...

אַכט דערציילונגען האָט דאָס אַכטע בוך פון אונדזער שרייבער און נאָר איינע איז נישט פון נאָרד־אַמעריקאַנער לעבן. לויט דעם אינהאַלט פאַסט די דאָזיקע דערציילונג, וואָס איז די לעצטע אין „שטויב" און וואָס הייסט „דער כלב לעבט" צום בוך „רויט און שוואַרץ". עס הייבט זיך אָן דערמיט, וואָס איינער אַ מענטשן מיטן נאָמען פרנס גיט איבער אַ גרוס קיין לאָס אַנדזשעלאָס צו זיין „בן... בור" (ער האָט מיט אים זיך באַהאַלטן אין איין גרוב פאַר די דייטשן) זשוכאָוויצקי, אָדער זשוקאָוו און ער הייסט אים זאָגן, אַז „דער כלב לעבט". דער דאָזיקער מענטש, דער דערציילער מו־טשעט זיך לאַנג אָן, ביז וואַנען ער קומט איבער דעם דאָזיקן זשוכאָוויצקי־זשוקאָוו און ווען ער זאָגט אים דאָס וואָרט „דער כלב לעבט", עפנט זיך ביי יענעם אַ קוואַל און ער דערציילט איינע פון די אָדיסייען, וואָס יידן האָבן איבערגעלעבט, באַהאַלטנדיק זיך פאַר דעם דייטש ביי אַן אוקראַינישן פויער. אינאיינעם מיט זשוכאָוויצקין האָט זיך באַהאַלטן אויך זיינער אַ פריינט, וואָס האָט געהאַט מיט זיך אַ מיידעלע, אַ טעכטערל

פון זיינעם אַ פּלימעניק, אַ יידיש מיידעלע מיט אַ פּאָר אייגעלעך... דאָס לשון נעמט אָפּ ביי זשוקאָוון, ווען ער הייבט אָן רעדן וועגן דעם. דאָס דאָזיקע מיידעלע איז אויסגעכאַפּט געוואָרן פון אַ הונט און פאַרשלעפּט געוואָרן צו די דייטשן... אין צענטער פון דער דערציילונג איז פאַראַן אַן אַנדער הונט, אַ גוטער און געטרייער הונט, אָבער — אַלץ אַ הונט. „טיגער״ הייסט דער דאָזיקער הונט און ער באַוואַכט די אויסבאַהאַלטענע יידן, ביז וואַנען די דייטשן שיסן אויף אים און דערשיסן אים נישט. דער באַלעבאָס איז געווען אַ שטיקל סאַניטאַר און ער פאַרבאַנדאַזשירט דעם הונט און ער ראַטעוועט אים ווי עס נישט איז. אַ הונט האָט מען גיכער געראַטעוועט ווי אַ מענטשן. דערנאָך זענען די אויסבאַהאַלטענע געווען אין וואַלד און איבערגעלעבט קאָשמאַרן און ווען מען איז אַרויס מיט גאַנצע ביינער, האָט מען געזאָגט „דער כלב לעבט״. און דאָס דאָזיקע וואָרט איז געבליבן ווי אַ פּאַראָל און ווי אַ לאָזונג. אויך שפּעטער, אין לאַגער אין פערנוואַלד, אַז מען האָט זיך געזען, האָט מען געזאָגט: „דער כלב לעבט״. דאָס דאָזיקע איז אַ טרויעריקער מאָטיוו פון אַן עפּאָכע, וואָס וועט קיינמאָל נישט פאַרגעסן ווערן און וועגן וועלכער עס וועט אפשר בלייבן אַ ווערטל — „דער כלב לעבט״. אַ געשיכטע ווי מענטשן האָבן זיך אַליין פאַרגליכן צו הינט...

אין אָט דעם מאָטיוו איז פאַראַן עפּעס ערגערס ווי שטויב. אָבער דער שטויב פון יידישן לעבן אין צפון־אַמעריקע, וואָס מיללער ווייזט, דערשיטערט אויך זייער שטאַרק. די דערציילונגען זענען אַלע פּעסטע אין דער קאָנסטרוקציע. קיין זאַוויסע שאָקלט זיך נישט אין זיי — נוצנדיק שלמה ביקלס אַן אויסדרוק וועגן אָפּאַטאָשוס אַ זאַך. זיי האָבן דעם ריטם פון פּאָעזיע און זיי זענען האַרטע פּראָזע. זיי האָבן נישט קיין ווייכקייט און קיין צעקראָכנקייט פון אַ געוויסער פּאָעזיע אין פּראָזע. זיי האָבן אין זיך עפּעס פון באַלזאַקן און פלאָבערן. זיי האָבן די וויסנשאַפטלעכע פּינקטלעכקייט פון אָט די צוויי גרויסע בעלעטריסטן. מען זעט, אַז דער מחבר אימפּראָוויזירט נישט. ער האָט שטודירט דאָס לעבן, וואָס ער שילדערט און ער קען דאָס דורך און דורך. און טאַקע דערפאַר ווערט דאָס האַרץ פול מיט טרויער פון פּוסטקייט, ווען מען לייגט אַוועק דאָס בוך.

די דערציילונגען „שטויב״ און „אין שפּאַן״ זענען אין אַ געוויסער מאָס וואַריאַנטן אויף איין טעמע. אַנדערש איז דער מענטש און זיין

סיטואַציע, דאָס לעבנלאָזע לעבן איז בייביידן דאָס זעלבע. אַ לעבן פון ביזנעס צוליב ביזנעס. לעבן איז פאַראַנען ביים עלטערן דור.

און אויב דער העלד פון דער דערציילונג „צען צו צוועלף", דער אַרבעטער יתום, וואָס איז אין אַ געוויסער מאָס אַ באַוווסטזיניקער און איז אַ מיטגליד אין אַרבעטער רינג, לעבט נישט אָן אַ זין, בלייבט ער דערפאַר טאַקע אַ פרעמדער זיין וייב און זיין טאָכטער און דאָס וייב לאָזן אים איבער און די טאָכטער רופט אים צו זיך, ווען איר מאַן ווערט געליימט און זי איז אַליין מיט אַ קליין קינד.

די רירנדיקסטע דערציילונג אין „שטויב" איז „אַן אייניקל". דער איינפאַל איז היפש מעלאָדראַמאַטיש, אָבער דאָס לעבן איז דאָ אַזוי רעאַל רוי, אַז פון פלייש רינט בלוט. עס איז אַ געשיכטע פון דעם פּאָר־פאָלק שמואל און לאה גאָלדפאַרב, וואָס האָבן געהאַט אַן איינציקן זון, וועלכער האָט געדינט אין דער אַרמיי, זיך באַטייליקט אין לופט־שלאַכטן און ער איז אַרויס גאַנץ און ווען ער האָט חתונה געהאַט און ער איז אַוועק מיט זיין ווייבל אין אַ האָניק־חודש־רייזע, האָט זיך דער אויטאָ איבערגעקערט און ער איז פאַרברענט געוואָרן. פאַלן אין מילחמה וואָלט געווען נאַטירלעכער, אָבער דאָס פאַרברענט ווערן באַלד נאָך דער חתונה, איז קינסטלעריש עכטער.

די גאַנצע זאַך איז געשריבן מיט קראַפט און מיט דינקייט און דאָרט ווו די האַנדלונג איז צום מיינסטן מעלאָדראַמאַטיש, איז דער טאָן אַ געצוימטער און אַן איבערצייגנדיקער. און די סביבה פון דער לאַנדס־מאַנשאַפט און דער באַל, ווו שמואל טרעפט די „וועמפ" גאָסי, איז גע־שילדערט מיט פיינעם הומאָר און די פשוטע רעאַליטעט וואַקסט אויס צו סימבאָל. און עס איז פאָרט עפּעס מער ווי אַ מעלאָדראַמע, ס'איז די געשיכטע פון די יידישע פאָרפאָלקן, וואָס האָבן איינציקע קינדער און דער גורל לויערט ווי אַ ביזע חיה און פאַרצוקט דאָס גאַנצע לעבן און מען איז געצוווּנגען צו באַגיין טרויריקייטן, וואָס גרענעצן מיט געמיינ־קייטן און זיך טרייסטן מיט אילוזיעס.

„דור המידבר"

דאָס נייַנטע בוך ש. מיללערס הייסט „דור המידבר". דאָס אַכטע האָט געהייסן „שטויב". ביידע נעמען סוגערירן נישט קיין צו־גרויסן

אָפּטימיזם. פון שטויב קאָן מען גאָרנישט אויסבויען און דער „דור המידבר" איז, ווי מיר אַלע געדענקען פון חומש, אויסגעשטאָרבן אין דער מידבר. דאָס זיבעטע בוך מיללערס, וואָס איז דערשינען אין יאָר 1946 און פאַר וועלכן ער האָט באַקומען די לואיס לאַמעד פּרעמיע, הייסט „דור הפלגה".

מען דאַרף אַ טראַכט טון, אַז צווישן זיבעטן און ניינטן בוך פון אונדזער שרייבער איז פאַראַן אַ גרויסע קרובהשאַפט. דער פאַקט, וואָס ביידנס נעמען האָבן דאָס וואָרט „דור", זאָגט עדות דערויף. אין ביידע ווערק האָט זיך דער שרייבער פאַרמאָסטן צו ווייזן אַ גאַנצן דור. און מען מוז באַלד צוגעבן, אַז וואָס שייך פּעסימיזם, ווייעט פון דעם מין מער פון לעצטן, ווי פון ערשטן. „דור הפלגה" מיינט: אַ דור, וואָס גייט נישט קיין גלייכן וועג, איינער ציט אין איין זייט, אַ צווייטער אין אַ צווייטער, אַ דריטער אין אַ דריטער אַא"וו. „דור המידבר" מיינט אַ דור, וואָס שטאַרבט. ווען מען גיט אָבער אַ טראַכט צוריק, איז פון דור הפלגה געבליבן נישט מער ווי אַ מעשה וועגן דעם, אַז גאָט האָט נישט דערלאָזט מען זאָל אים צופיל אַריינקוקן אין הימל אַריין און ער האָט צעשטערט דאָס בויען דעם בבל טורעם און ער האָט דעם דור צעטיילט און צעמישט. אָבער פון „דור המידבר" איז דאָך געבליבן אַ נייער דור, וואָס איז אַריינגעגאַנגען קיין ארץ ישראל און האָט אויסגעבויט אַ לאַנד און אַ פאָלק ווירקט, איז „דור המידבר" שוין לחלוטין נישט פּעסימיסטיש. דאָס איז גערעדט אין שייכות מיטן חומש, ביי מיללערן בלייבט מער נישט ווי אַ מעשה סיי וועגן דור הפלגה און סיי וועגן דור המידבר.

אין קוואַנטיטעט איז „דור המידבר" גרעסער פון „דור הפלגה" מיט גאַנצע צוויי הונדערט זייטן. דאָס זיבעטע בוך האָט אַריבער 330 זייטן און דאָס ערשט דערשינענע בוך האָט אַריבער 530 זייטן. אָבער אין אינהאַלט איז „דור הפלגה" מער קאָמפּליצירט און האָט אין זיך מער פון אַ ראָמאַן, ווי דאָס לעצטע בוך, וואָס איז געבויט ווי אַ דערציי־לונג. אַ ראָמאַן הייבט זיך אָן מיט אַ קלין אין דער מיט פון אַ קלאָץ און מיט אַ צוריקגעגאַנגען צו דער ערשטער העלפט ביכדי צו קאָנען גיין ווייטער. און „דור הפלגה" איז אַזוי געשריבן. „דור המידבר" איז געשריבן ווי אַ דערציילונג, אָדער גאָר ווי אַ ביאָגראַפיע פון איין מענטשן. עס הייבט זיך אָן מיט דעם... אָנהייב און עס גייט כסדר פאָראויס. און אויב דער מחבר גיט דאָך אַ שפּאַן צוריק איז דאָס, ווייל ער ווייזט אַלע

מאָל דעם העלד זיינעם ווי אַ קנויל און ער וויל כסדר ווייזן ווי אַלץ האָט זיך אויף אים אָנגעקנוילט.

און אפשר איז דער ריכטיקער נאָמען פאַר „דור המידבר“ אַן עפּאָ־פּעע. עס איז די עפּאָפּעע פון דעם דאָזיקן דור, וואָס איז פון דער ישיבה געגאַנגען צו דער גימנאַזיע און אוניווערזיטעט און האָט זיך אויף דעם וועג „פאַרטשעפּעט“ ביים סאָציאַליזם און דורכגעמאַכט דעם גאַנצן פּעריאָד פון ערב 1905 און גאַנץ 1905 מיט אַלע נאָכווייען און געהאָלפן אויספאָרמירן די צוויי צענטראַלע יידיש־סאָציאַליסטישע אידעאָלאָגיעס און איז אַוועק אין די פאַראייניקטע שטאַטן און — — —

דאָס בוך האָט איין צענטראַלן העלד. אַרום אים דרייט זיך אַלץ. ער איז דער אָנהייב, די מיט, דאָס הייבן זיך, דאָס פאַלן, דער קלימאַקס און דער סוף. דער מחבר ווערט נישט מיד צו שילדערן זיין העלד, וועלכן ער ווייזט — פון וויגל ביז אין קבר.

אברהם בן אברהם הייסט דער העלד ביים אָנהייב, ווען ער ליגט נאָך אין וויגל און זיין מאַמע, עטל די אלמנה פון דאָרף בערעזאָווקע, וואָלי־נער גוברניע, וויגט אים און וויגט אים און קאָן אים נישט איינשלעפן. זיין טאַטע איז געשטאָרבן נאָך איידער עס איז געווען דער ברית און מען האָט אים אַ נאָמען געגעבן נאָך אים און דערפאַר הייסט ער אברהם בן אברהם. (געוויינלעך הייסט ביי אונדז אַ גר אברהם בן אברהם און דער ראָמאַן פון העלד ווירקט פאַרפּירעריש. דער מחבר האָט דאָס גע־נענט אויסמיידן און זיין העלד געבן אַן אַנדער נאָמען) אָבער דער־נאָך הייסט ער שוין כסדר אברהם. דאָ און דאָרט, ווען עס איז בייטיק אָפּיציאַליטעט, ווערט דער העלד אָנגערופן אויך מיט דעם פאַמיליען־נאָמען עפראָס. עס מאַכט דעם איינדרוק אַז ער איז אויף דעם וועג צו ווערן אַן אברהם עפראָס, אָבער ער בלייבט דער היימישער אברהם.

אברהם וואַקסט אין אַ דאָרף מער צווישן גויים ווי צווישן יידן. זיין דערציער איז זיין מאַמעס טאַטע, דער אַכט און זעכציק יאָריקער יאַנקל דער האָרעבאַטער, וואָס איז זייער אַ קנאַפּער למדן און קען אים איבער־געבן נאָר זיינע יידישע געפילן. און דאָך וואַקסט אברהם גייסטיק אין אַ שטויגענדיקן טעמפּאָ. ווען מען ברענגט אַ מלמד אין דאָרף אַריין, איז ער באַלד דער בעסטער תלמיד. און ער פאַרמאָגט אַ שאַרפקייט און אַ שניידעוויקייט אין זיין וואָרט און אין זיין געדאַנק. צוליב דעם, וואָס ער לערנט צו גוט, וויל די גבירנטע מער נישט ברענגען קיין מלמד

בשותפות מיט זיך מאַמען און די קבצנים לייגן זיך אַליין צונויף און ברענגען אַ מלמד.

און עס גייט אַ וועג צו דער ישיבה און פון דער ישיבה צו קירפּיטש־ניקאָווס גראַמאַטיק, וואָס פאַרשאַפט גרויסעליידן דעם זיידן דעם פראָס־טאַק, וואָס האָט געהאָפט צו האָבן אַן אייניקל אַ רב. פון דער ישיבה פירט דער וועג צו דער גימנאַזיע דורך אַלערליי שוועריקייטן און איבער־לעבונגען. אויף אַ שטיק צייט ווערט אברהם אַ לערער אין אַ פּאָסעסיע און ער פאַרפירט זיין ערשטע ליבע מיט דעם שיינעם און זאַפטיקן פּריציש־יידישן מיידל רוסיא און ווען איר מוטער דערוויסט זיך, זאָגט זי אים אָפּ און דער ברודער דראָט אים מיט שלאָגן. און ער קומט קיין זשיטאָמיר צו זיין מאַמעס שוועסטער פראַדל און דאָרט פאַרליבט ער זיך אין זיין שוועסטערקינד אסתר און דאָרט ווערט ער אַ סאָציאַליסט און צו זיין פרייד טרעפט ער ביי די סאָציאַליסטן זיין אסתרן און עס מישט זיך ליבע מיט סאָציאַליזם. דער סאָציאַליסטישער וואָרטזאָגער לו־ריאָ, וואָס איז אברהמס לערער, אַנטדעקט אין תלמיד אַן אוצר פאַר די יידישע מאַסן, וואָס קענען נישט קיין רוסיש און ער גיט אים צו מאַכן. איבערזעצונגען פון רוסיש אויף יידיש און צו שרייבן פּראָקלאַמאַציעס.

און עס גייט דורך די גאַנצע פיבערדיקע צוגרייטונג צו דער רעוואָ־לוציע פון 1905 און די רעוואָלוציע אַליין און דער דורכפאַל און די פּאָ־גראָמען און דאָס אַרעסטירט ווערן און דאָס זיצן אין טורמע און די דיס־קוסיעס וועגן אַלע געשעענישן.

און אין דער זעלבער צייט פעלן נישט קיין פאַרשידענע איבערלע־בונגען. דער זיידע שטאַרבט, ווייל עס איז געקומען זיין צייט, אָבער אברהמס שוועסטער רחל שטאַרבט, ווייל זי שטאַמט פון אַ טובערקולאָז־קראַנקן טאַטן און ווייל זי לעבט אין נישט געהעריקע באַדינגונגען און זי אַרבעט שווער. די מוטער האָט חתונה געהאַט פאַר איר יוגנט־פריינט זיידל, וועלכן זי האָט פאַקטיש מער ליב געהאַט, ווי דעם ערשטן מאַן און זי האָט פון אים אַ מיידעלע, וועלכע זי גיט אַ נאָמען רחל. (מיר שיינט, אַז מען איז זיך נוהג נישט אַ נאָמען צו געבן אַ שוועסטער נאָך אַ שוועסטער); און אין דער צווישן צייט פאַלט אברהם אַראָפּ אין דאָרף אַריין צו זיין מאַמען און ער באַקענט זיך מיט זיי ניי שוועסטערל און ער קריגט זי ליב און ער גייט אַוועק פון זיין מאַמעס הויז מיט אַ בענקשאַפט און

גייט ווייטער צו זיין סאָציאַליסטישער אַרבעט. אויף רב לערנט ער נישט, אויף דאָקטאָר אויך נישט.

נאָך 1905 זיצט אונדזער העלד אַ פּאָר יאָר אין טורמע און ווען ער ווערט פון דאָרט באַפרייט, ווערט ער געשיקט צום פּריזיוו און דעמאָלט דעזערטירט ער זיך טיילוויז, אַז ער האָט אָנגעגריפענע לונגען — אַ ירושה פון זיין טאַטן און אַ רעזולטאַט פון זיין נישט נאָרמאַל לעבן און שלעכטער דערנערונג. ווען ער ווערט באַפרייט פון פּריזיוו, באַקומט אסתר אַ מעגלעכקייט צו פאָרן קיין אַמעריקע איינאיינעם מיט איר מאַמען און זי נעמט מיט אויך אברהמען, כאָטש די מאַמע איז קעגן. די עלטערע שוועסטער אסתרס, די דאָזיקע מיט וועלכע אברהם האָט געלערנט און וועלכער ער האָט נישט געקאָנט אַריינקלאַפּן דעם קלענסטן חשבון אין קאָפּ אַריין, האָט אין אַמעריקע חתונה געהאַט און איר מאַן האָט זיך דאָרט אַרויפגעאַרבעט און ער האָט איר געגעבן אַ מעגלעכקייט צו ברענגען איר מישפּחה.

און אין אַמעריקע הייבן זיך ערשט אָן די ליידן פון אונדזער העלד. דער שוואָגער איז אַ פּראָסטער און גראָבער נפש און ער וויל אברהמען מאַכן פאַר אַ „קאָסטימער פּעדלער״ (אין אַרגענטינע רופט מען דאָס „קווענטעניק״, עס איז אַ פּעדלער, וואָס פאַרקויפט אויף אויסצאָלן) און יענער לאָזט זיך נישט און ער גייט טון די שווערסטע אַרבעט און אסתר דאַרף אַרבעטן אין אַ פאַבריק. ער ווערט אַ מאַליאַר („פּיינטער״ הייסט עס אין אַמעריקע) און ער פאַרדינט קוים, קוים און די אַרבעט שאַדט אים. אַ דאָקטאָר, וואָס באַטראַכט אים, הייסט אים איבערלאָזן די אַרבעט. אסתר צווינגט אים ער זאָל איינגיין דינגען אַ זיסקייט קראָם (קענדי סטאָר), פון אייזקרעם און סאָדע וואַסער. ער האָט קיין ברירה נישט און וואַרפט זיך אונטער. די באַלעבאָסטע איז פּאַקטיש אסתר און ער איז דער משרת. און אין זייער לעבן מישט זיך אַריין אַ קליינער, פּיפּיקער „סאָציאַליסטישער״ דרייער חפץ, וואָס העלפט צעשטערן דעם אַזוי אויך צעשטערטן שלום בית און אברהם לאָזט איבער דאָס ווייב מיט דעם זיסקייט־קרעמל און ער גייט אַוועק און מוטשעט זיך אַ פּאָר יאָר אין דעטראָיט, קליוולאַנד און שיקאַגאָ. אין שיקאַגאָ טרעפט ער זיך מיט זיין פריינט בען, אַ פּראָסטאַקישער וווילטוערישער אַרבעטער, ביי וועלכן ער האָט אַ שטיק צייט געאַרבעט און וועלכער האָט געקראָגן אַ פאַרבקראָם פון זיין שווער און אים וואָלט מיט דער הילף פון אָט דעם יאָט

געווען גוט, אָבער ער ווערט ערנסט קראַנק און אַ דאָקטאָר הייסט אים פאָרן אין אַ סאַנאַטאָריע אַריין.

און אין דער סאַנאַטאָריע דערוויסט זיך אונדזער העלד וועגן דער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און ער פיבערט זי דורך און דאָס פיבערן ווירקט שלעכט אויף זיין געזונט. ער איז אָפּ אַכט חדשים און ער וויל אַוועקגיין, אָבער דער דאָקטאָר לאָזט אים נישט און ער גיט זיך חשבון, אַז ער איז קראַנק. און אין עלטער פון דרייסיק אָדער איין און דרייסיק יאָר שטאַרבט ער, זעענדיק אין דער פאַנטאַזיע די גאַנצע רעוואָלוציע.

דאָס איז די מעשה פון דעם בוך, דערציילט אין גאָר ברייטע שטריכן. ווי דער לייענער קאָן זיך חשבון געבן, איז אויסערלעך דאָ נישט פאַראַן קיין שום זאַך וואָס זאָל זיין ניי. דער העלד, וואָס איז אַוועק פון ישיבה צו דער גימנאַזיע און איז אויף דעם וועג געבליבן ביים סאָציאַליזם, איז אונדז אַ גוט־באַקאַנטער. די אַלע איבערלעבונגען און אַלע דיסקוסיעס פון פאַר 1905 זענען אוודאי נישט קיין נאָווינע פאַר יידישע און רוסישע לייענער. דער דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע, די פאָגראָמען, די דיסקוסיעס וועגן זיי — ביי וועמען זענען זיי נישטאָ? ביי אַשן, ביי קאָברינען... און דער גראָבער אָלרייטניק פון אַמעריקע און די גאַנצע סביבה פון קאָרומפּירטע יוניאָן פירער אין ניו־יאָרק און דער גוטמוטיקער בען און די סאַנאַטאָריע פון לונגען קראַנקע און די אַלע רוסיש ריידנדיקע דאָקטוירים, קאָרומפּירטע, אָדער מידע, אַלע זענען זיי נישט ניי.

און דאָך האָבן מיר פאַר זיך אַ לעבעדיק און פריש בילד וואָס פאַרכאַפּט אונדז און האַלט אונדז געשפּאַנט און עמאָציאָנירט אונדז און גיט אונדז אַלץ, וואָס אַ קונסטווערק קאָן געבן. ש. מיללער האָט באַוויזן צו נעמען געניצטן שטאָף און מאַכן פון אים נישט קיין איבערגעניצעוועטן, נאָר אַ נייעם אַנצוג.

פונקט ווי אַן אייגנאַרטיקער זינגער קאָן נעמען אַן אַריע, וואָס הונדערטער זינגער האָבן געזונגען פאַר אים און זי מאַכן ניי, פונקט אַזוי קאָן אַן אייגנאַרטיקער שרייבער נעמען אַן עפּאָכע און אַ לעבן, וואָס איז שוין צענדליקער מאָל באַשריבן געוואָרן און זי מאַכן ניי. מיללער האָט נישט געגעבן קיין נייע אויסטייטשונג דער באַשריבענער עפּאָכע, ער איז איבערהויפּט נישט קיין שרייבער, וואָס זוכט צו סוגערירן אידעען. ער האָט געזונגען אַן אַלט ליד מיט אַן אייגן קול און מיט אַן אייגענעם אופן. און מען דאַרף דענקען, אַז דאָס לעבן, וואָס ער שילדערט, איז

אויך אַן אייגנס, די העלדן און דער העלד קלייבן אַרויס מער ווי היימיש. דער מחבר קען זיי צו גוט. מען פילט, אַז מען האָט צו טון מיט אַן אויטאָביאָגראַפיע. און מען האָט טאַקע ביים לייענען דעם רייץ פון אַן אויטאָביאָגראַפיע. מיללער ברענגט אַ שילדערונג פון דעם ווי אַזוי אברהם האָט געלייענט שעקספּירן:

„אַ גוטער טרינקער טרינקט וויין לכתחילה מיט די אויגן, האָט הנאה פון דער מראה, נאָכדעם מיטן נאָז, זאַפּט איין דעם אַראָמאַט, דאַן נעמט ער צו די ליפּן, פּאַרזוכט, און ערשט נאָכדעם טרינקט ער, האַלט דעם וויין אין מויל, וואַרעמט דעם וויין, באָדט די באַקן, צערטלט די צונג, גלעט דעם גומען, שווענקט דעם שלונג און, ווען אַרונטערגעשלונגען, הערט ער זיך ערשט איין צום טעם, דעם נאָכדעם. אָט אַזוי האָט אברהם געלייענט שעקספּירן“.

דאָס דאָזיקע, וואָס ש. מיללער דערציילט וועגן דעם הויפּט־העלד פון זיין „דור המידבר“, איז אַ זייער ריכטיקע לעקציע ווי אַזוי צו לייענען דעם גרעסטן דראַמאַטורג, ווייל אויב מען וועט אים אַזוי נישט לייענען, וועט ער מאַכן דעם איינדרוק פון אַ מעשה־שרייבער. און כאָטש איך וויל לחלוטין נישט פאַרגלייכן מיללערן צו שעקספּירן, וויל איך אָבער יאָ זאָגן: אַז אויב מען וועט מיללערס ניי ווערק נישט לייענען אַזוי, אַז מען זאָל פריער זען די מראה דערפון, דערנאָך שפּירן דעם אַראָמאַט און דערנאָך ערשט דערפילן דעם טעם און דעם נאָכטעם, וועט נישט דערפילן דאָס ווערק און ער וועט זאָגן, אַז ס׳איז אַן אַלטע מעשה. וואָרום וויפל שרייבער האָבן שוין נישט דערציילט די געשיכטע פון אַ ישיבה בחור, וואָס האָט גענומען לערנען קירפּיטשניקאָווס גראַמאַטיק, איז געוואָרן אַן אפּיקורס, האָט געוואָלט לערנען אויף דאָקטאָר, איז געוואָרן אַ סאָציאַליסט, האָט זיך פאַרפלאָנטערט אין אַ ליבע, איז אַוועק קיין אַמעריקע, האָט דאָרט געוואָלט גיין קעגן שטראָם און ער איז געבראָכן געוואָרן. ווען מען קוקט אָבער פּאַוואָליע אויף דעם ווערק, אויף די באַזונדערע מענטשן פון ווערק, אויף דער סביבה, אויף דעם גאַנג פון לעבן און מען שפּירט זיך אַריין אין זייער אַראָמאַט, דערפילט מען, אַז סיי די מראה און סיי דער אַראָמאַט זענען אייגנאַרטיק. האָסט זיי ערגעץ אַנדערש נישט געזען און נישט געשפּירט.

ביים סאַמע אָנהייב פון ווערק פאַרליבסטו זיך אין העלדס זיידן יאַנקל דער האָרעבאַטער. אַ דאָרפישער זקן אַן עם הארץ, וואָס בענקט

נאָך אײדלקײט, ײדישקײט, תורה, פילט אַ טעם אין תהילים, אויך װען ער פאַרשטײט נישט קײן אײן װאָרט, װײל ער דערשפּירט דעם זין. אונדזער אַן אַלטער באַקאַנטער פון אַ סך שרײבער און איבערהױפּט פון הירשבײנען, אָבער מיללער באַזינגט אים מיט זײן קול. אָט װי ער גיט זיך אַ שרײב װעגן אים:

„דאָס בײזע זיבעציק יאָריקע קינד, יאַנקל דער האָרעבאַטער, האָט אויף דער עלטער געפונען זײן באַליבטן חבר, אויף װעמען ער האָט קײן שטויבעלע נישט געלאָזט פאַלן. אברהמעלע (זײן אײ־ניקל, — י. ב.) ער זאָל נאָר נישט װאַקסן אין דאָרף, נישט בלײבן אַ בלינדער... װי ער. עך, אַ שאָד, װאָס מען װעט אים שױן באַלד רופן... װען דער, װאָס לעבט אײביק, זאָל אים שענקען דאָס לעבן, די פּאָר יאָר, װאָס אים איז באַשערט זאָל ער זײן אין שטאָט, מחנך זײן דאָס אײניקל, דאַן, ריבונו של עולם, נאָר נישט קײן לאַנגע „קימפּעט“... „קלײדער האָט ער שױן, אין פרעמדע תכריכים נישט שטאַרבן“...

ש. מיללער איז אויך אין „דור המידבר“ אַ הונדערט פּראָצענטיקער רעאַליסט, װאָס גרענעצט מיט נאַטוראַליזם. ער גיט אײניקע העלדן מיט דער גאַנצער פּראָסטער פּראָזע זײערער און מיט די גראָבסטע װערטער, װאָס „אונטערװישן“ איז צװישן זײ דאָס אײדלסטע און דאָס סאַלאָן מעסיקסטע. ער איז אַ קעגנער פון סימבאָליזם. און װי מיר װײסן, פון ביכלל געדאַנקלעכער ליטעראַטור. און דער ראָמאַן מיט דעם סימבאָלישן נאָמען (דור המידבר איז דאָך געװאָרן נישט נאָר אַ פיגוראַטיװער, נאָר אויך אַ סימבאָלישער אויסדרוק) איז אויך נאָר אַ רעאַליסטישער. דער העלד שטאַרבט אין מידבר נישט װײל ער איז גײסטיק נישט בכוח צו באַזיגן אַלע שטרויכלונגען אויף דעם װעג, נאָר װײל ער איז פון גע־בוירן אָן אַ פיזיש־פאַראורטײלטער. ער האָט די לונגען־קראַנקהײט בירושה פון זײן טאַטן און ער שטאַרבט אײדער ער האָט רעכט געלעבט, װײל ער האָט געפּירט אַ צו שװערן קאַמף פאַר זײנע כוחות. עס איז אַזש נישט קלאָר פאַרװאָס מיללער האָט זײן ראָמאַן געגעבן דעם סימבאָ־לישן נאָמען. ער האָט דאָך מיסתמא נישט געװאָלט זאָגן, אַז די לונגען־קראַנקהײט איז די סיבה פון דער דור־המידבריקײט פון העלד און פון זײן שטאַרבן אין מידבר און נישט קאָנען גרײכן אין צוגעזאָגטן לאַנד.

אָבער אין זיין רעאַליזם, וואָס איז נאָך דערצו אָפּט נישט נאָר אַ קלוגער (נאָך שאַפּיראָן און בערגלסאָגען איז מיללער, צו לענגערע יאָר אים, מיסתמא דער קליגסטער שרייבער אין שרייבן. אין לעבן זענען געווען קליגערע יידישע שרייבער, ווי ביידע דערמאָנטע), נאָר אויך אַזאַ איינער, וואָס חכמהט זיך, אין זיין קלוגן און אויך געחכמהטן רעאַליזם איז פאַראַן פּאָעזיע. בפועל ממש פּאָעזיע. גיסט אַ לייען אַ שטעל און דיר ווייזט זיך אויס, אַז דו לייענסט אַ ליד אין פּראָזע. און דאָ פירט דיך דער געדאַנק אַ קלער צו טון, אַז דער סאַמע ערשטער רבי מיללערס איז געווען — טורגעניעוו... די גאַנצע באַשרייבונג פון זיידן איז אייגנטלעך אַ ליד אין פּראָזע.

און אַז מען וויל גיין ווייטער איז דער גאַנצער אברהם, דאָס אייניקל פון יאַנקל דעם האָרעבאַטן, אייגנטלעך אויך אַ געזאַנג. ווען מען נעמט אים אַנאַליזירן, ווייסט מען אייגנטלעך נישט וואָס ער איז און וואָס ער וויל. אַ גאַנץ לעבן שלאָגט ער זיך מיט ווינט־מילן און מיט לעבעדיקע מענטשן און ער פאַרשאַפט ליידן די מיינסטע אייגענע מענטשן. ער פאַר־שאַפט ווייטיק זיין זיידן, זיין מאַמען, זיין מומען אאַ״וו. און ריין לאָגיש איז ער דאָך אַ סך מאָל אַזוי נישט גערעכט. דער שוואָגער זיינער מאָריס פייזער איז טאַקע אַ גראָבער יונג, אָבער לגבי אברהמלען האַנדלט ער דאָך נישט שלעכט. ער לייגט אים אויס איין מאָל געלט און אַ צווייט מאָל און אַ דריט מאָל. און וואָס אַזוינס וויל אברהם פאַר דעם פרייז פון די ליידן, וואָס ער פאַרשאַפט זיינע אָרומיקע און זיך אַליין (מער פון אַלע זיך אַליין)? ער איז דאָך אפילו אין זיין סאָציאַליזם נישט זיכער...

פאַראַן אַ שטעל אין בוך אין וועלכן דער מחבר שילדערט די חברים און נאָענטע פון הויפּט־העלד, וואָס געהערן לויט זייער טעמפּעראַמענט און זייער אויסזען צו פאַרשידענע ריכטונגען. דער הויפּט־ציל איז איינער: איינפירן אַ שכלדיקע וועלט, אַ וועלט פון יושר און גערעכטיקייט, אָבער ווי אַזוי דאָס איינפירן? וועגן דעם זענען פאַראַן פאַרשידענע ריכטונגען, וואָס קריגן זיך און רייסן זיך צווישן זיך, ווי חסידים, וואָס דינען אַלע צו איין גאָט, אָבער אין פאַרשידענע שטיבלעך. בלינאָוו, אַ טיפּישער עס ער (סאָציאַל־רעוואָלוציאָנער), ד״ר בינשטאָק איז אַ ייד אַ ליבעראַל, נעבאַמקעס איז אַ יידישער ליבעראַל. (אַ ליבעראַל, באַמערקט ער זייער קלוג, איז אַ מענטש, וואָס וויל מען זאָל פאַר אים מאַכן אַ רעוואָלוציע, ער איז אפילו גרייט צו באַצאָלן דערפאַר. אין צאַרישן רוסלאַנד זענען

געווען אַ סך אַזעלכע ליבעראַלן — י. ב.) חבר דוד איז אַ געבראָטענער סאָציאַל־דעמאָקראַט, אַ בונדיסט מיט ביינער. און וואָס איז אברהם אַליין? ער איז אַ סאָציאַליסט, אָבער ווען דער סאָציאַליזם פאַרשאַפט צו שטאַרקע ליידן, דערשרעקט ער זיך פאַר אים, כאָטש ער אַליין פאַרשאַפט כסדר ליידן.

פאַרוואָס האָט אברהם זיך אַזוי לייכט נאָכגעגעבן און ער איז געפאָרן קיין אַמעריקע, נישט זייענדיק צוגעגרייט צו גאָרנישט? פאַרוואָס איז ער געגאַנגען שלעפן שטיינער און זאַמד און זיך צעהרגענען און צעבלוטיקן און אויסגעלאַכט ווערן פון די דאָזיקע, וואָס זענען געבוירן צו זיין טרעגער און וואָס פאַר אַ צוקונפט האָט ער געוואָלט געבן דער אסתרן, וואָס האָט אין אים דערוועקט אַ געזאַנג און אַ ווילן צו לעבן און קאַמף? וואָס פאַר אַ פּלאַן האָט ער געהאַט פאַר זיין לעבן און וווהין האָט ער דאָס געוואָלט פירן און וווהין האָט ער געוואָלט פירן אסתרס לעבן?

ווען מען אַנאַליזירט ריכטיק אברהמלען, זעט מען, אַז ער איז קיינמאָל נישט גערעכט און דער מחבר ווייזט אים דאָך שטענדיק ווי דעם גערעכטן. ער טוט דאָס, ווייל ער האָט דערפילט אַ געזאַנג אין אים. ערגעץ האָט אים דער ווילן זיינער געוואָלט פירן און דאָס דאָזיקע איז גענוג פאַר מיללערן, אַז ער זאָל אים כסדר ווייזן שיין. און דו ווערסט אַלץ מער און מער איבערצייגט, אַז אברהם אפרת איז אַ שטיק פּראָטאָטיפּ פון מיללערן אַליין און דער שרייבער ברענגט אַרויס זיין געזאַנג דורך אים. זיך אַליין זעט אַ נאַטוראַליסט אויך נאָר גערעכט... ער זעט אין אים איידלקייט און געשמאַק און דאָס איז פאַר אים די גערעכטיקייט. ער מאַכט אים נישט ווי קיין קינסטלער און מען דערפילט אין אים דעם קאַפּריזנעם קינסטלער.

און נישט נאָר אברהמלען און זיין זיידן ווייזט מיללער זינגעווודיק. ער ווייזט זיין לערער פון רוסיש און סאָציאַליזם, דעם רוסיפיצירטן יידישן אינטעליגענט לוריאַ אויך ווי אַ געזאַנג. ער איז אַ סאָציאַליסט, וואָס פּאַסט זיך נישט אַריין אין קיין שום „קעסטעלע" און ער געהער נישט צו קיין שום ריכטונג. ער איז דאָס אַבסטראַקטע געזאַנג פון סאָציאַליסטישן מענטשן, פון דעם, וואָס בענקט נאָך אַ פרייער וועלט און גערעכטן לעבן. און דער מאַליער בען, דער פּראָסטער, גראָבער פאָלקס־מענטש, וואָס קען נישט רעדן אַנדערש ווי אָנרופן אַלע זאַכן ביי די פולע נעמען און וואָס גייט מיט זיינע געדאַנקען נישט ווייט אַוועק און דער אינסטינקט

האַלט אים אויך נישט הויך און נישט ווייט, ער איז די אויפריכטיקייט אַליין און כאָטש ער איז אויך כיטרע, ווען ער האָט דאָס נייטיק, איז ער פאָרט די אָרנטלעכקייט און דעם העלדס איינציקער חבר אין אַמע־ריקע. דאָס דאָזיקע מיינט צו זאָגן, אַז אין אַמעריקע קאָן זיין אַן אמתדי־קער פריינט נאָר אַ גאָר פּראָסטער נפש, אַלע נישט פּראָסטע לעבן נאָר פאַר זיך...

און אָט ווי דער העלד איז נישט קלאָר, ווייזט אים דער מחבר כסדר איינהייטלעך אין זיין גאַנצקייט און אין זיין צעשפּאָלטנקייט. האָט איר געזען אַמאָל ווי קינדער נעמען אַ קליין שטיקל שניי און פירן דאָס און עס ווערט אַלץ גרעסער און גרעסער, ביז וואַנען עס ווערט אַ גרויי־סער קיילעך? אָט אַזוי ווייזט מיללער זיין העלד. ער פירט אים דורך דעם לעבן און עס קלעפּט זיך אַלע מאָל צו אים צו נאָך עפּעס און נאָך עפּעס, אָבער ער קערט זיך אַלע מאָל אום אויף צוריק און ער ווייזט די אַלע טיילן, די גוטע און די שלעכטע, די פריידיקע און די טרויערי־קע, די געזונטע און קראַנקע, פון וועלכע ער איז צונויפגעשטעלט.

פאַראַן אַ גאַנצקייט אין דעם ווערק און עס זענען דאָך פאַראַן איי־ניקע שטעלן, וואָס וואָלטן געקאָנט זיין באַזונדערע דערציילונגען. ווען אברהם קומט אַהיים אין דאָרף צו זיין מאַמען און ער טרעפט זי ווידער אַ חתונה געהאַטע און זי האָט ווידער אַ קליין מיידעלע, דערפילט ער צו איר אַ זעלטענע פאַרליבטקייט און עס קומט אַרויס אַ געזאַנג פון ברודער־שוועסטער ליבע. (צו דער עלטערער שוועסטער האָט אברהם געפילט אַזאַ ליבע ערשט ווען זי איז שוין געווען קראַנק און זי האָט געהאַלטן ביים שטאַרבן) דאַכט זיך נאָר אַ האַלבע שוועסטער, נאָר פון איין מאַמען, אָבער נישט פון איין טאַטן און דאָך אַ זעלטענע פאַרליבט־קייט. איז אָט דאָס געזאַנג אַ פּאָעמע, וואָס ווערט אַריינגעפלאָכטן אין אינהאַלט און וואָלט געקאָנט זיין אַ באַזונדער זאַך. אויך דער פּראָסטער, מיטן אינסטינקט געזונטער און אויף די לונגען קראַנקער בעסאַראַבער ווילער יונג פייוויש, מיט וועלכן אברהם טרעפט זיך און באַפריינדעט זיך אין דער סאַנאַטאָריע און ווענענס לעבן געזאַנג איז באמת אַ שטורמישע פּאָעמע, וואָלט געקאָנט זיין אַ באַזונדער זאַך. ביכלל אָבער, ווי געזאָגט, איז די זאַך געבויט פעסט און גאַנץ און זי שטייט אויף די פיס און גרייכט ביז דעם קאָפּ.

קאָן זיין, אַז מיללער האָט געוואָלט ווייזן, אַז דער גאַנצער דור,

וואָס איז פֿאַר 1905 אַוועק פֿון אַלטן יידישן לעבן צום סאָציאַליזם, איז אַ דור המידבר, וואָס איז אומגעקומען, נישט זעענדיק דאָס צוגעזאָגטע לאַנד, אָבער דאָס דאָזיקע האָט ער נישט באַוויזן צו ווייזן, ווייל זיין העלד קומט אום נישט אין קאַמף, נאָר אויס אַ פּאַטאַלער ירושה־קראַנק־הייט. עס איז פֿאַראַן אין בוך דאָס טרויעריקע געזאַנג פֿון אַט דעם דור, אָבער נישט טאַקע דער אומקום. פֿאַראַן איז דאָס געזאַנג פֿון אַ יחיד, וואָס האָט יאָ און נישט געוווסט, וואָס ער האָט געוואָלט און ער האָט נישט געהאַט קיין פֿיזישן כוח צו קעמפֿן אַ גאַנץ לעבן און ער איז געפֿאַלן כימעט ביים אָנהייב פֿון קאַמף און געלאָזט נאָך זיך אַ ליד פֿון בענקשאַפֿט. וועגן דור המידבר האָט מען דערציילט מער שלעכטס, ווי גוטס, מיללער האָט וועגן זיין דור המידבר דערציילט אויך גוטס, ער האָט וועגן אים געזונגען לידער און דערציילט מעשיות... און מען האָט אים אָפּט ריכטיק פֿאַרשריען ווי פֿאַר נאָר אַ בייזן שרייבער. בייז־קייט און מילדקייט, שינאה און ליבע — גייען דאָ געפּאָרט ווי עשיו מיט יעקבן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האָב אַ נייגונג אין עסייען וועגן שרייבער, וואָס איך קען פּער־זענלעך, אַריינמישן אַ ביסל פּערזענלעכן פּאָרטרעט. וועגן ש. מיללערן קען איך דאָס דאָזיקע באַווייזן קוים־קוים. איך בין געווען אין קאַליפֿאָר־ניע אין יאָר 1945 אַ זייער קורצע צייט און געזען האָב איך אים אַ פּאָר מאָל. ער איז געווען איינער פֿון די דריי יידישע שרייבער, וואָס איך האָב דורכאויס געוואָלט זען. איינער פֿון די אַנדערע צוויי לעבט שוין ליידער נישט — למד שאַפּיראָ — און איינער האָט שוין געפֿייערט זיין 75יאָריקן יובילײ — ה. רויזנבלאַט — צו לאַנגע יאָר אים. מיללער האָט מיך באַשטעלט אין דער גרויסער לאָס אַנדזשעלעסער ביבליאָטעק, אין דער אָפּטיילונג פֿון פֿרעמדע שפּראַכן. מיר האָבן זיך קיינמאָל נישט געזען און מיר האָבן זיך דערקענט. איך האָב אים דערקענט, כאָטש ער איז אויסערלעך פֿאַר מיר געווען אַ געוויסע אַנטוישונג מיט זיין פֿיזישער אויסערלעכקייט. זיין פּנים איז פֿון אַ קינסטלער, אָבער זיין קערפּער איז עפּעס ווי פֿון אַן אַנדער קינסטלער. דער מחבר פֿון „שמאַלץ גרוב" און „אַ בליאַסק אויף טאָג" האָט זיך מיר פֿאַרגעשטעלט ווי אַ בחור אַ גבור. פֿאַראַן אָן אַ שיר פֿיזישע גבורה אין מיללערס שרייבן. נישט נאָר זע־

נען אַ סך פון די באַשריבענע מענטשן געזונט, נאָר דאָס שילדערן זיי איז געזונט. זיין ראָמאַן „דור המידבר", וואָס איז אויטאָביאָגראַפיש און וועמענס העלד אברהם איז עפראָס, דעם מחבר אַלטער עגא, איז אַ פיזי־שער חלוש, איז דאָך דעמאָלט נאָך נישט געהאַט דערשינען.

איך ווייס אפילו, אַז שוואַכע האָבן אַ נייגונג צו באַשרייבן שטאַרקע, איך ווייס דערצו, אַז די דאָזיקע, וואָס פאָרן קיין קאַליפאָרניע, זענען שוואַך אין געזונט. מיללער אַליין דערציילט, אַז קיין קאַליפאָרניע קומט מען אָדער מיט צוויי פרויען, אָדער מיט איין לונג. און דאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ש. מיללער דאַרף זיין אַ בחור אַ גבר און איך האָב דערזען אַ קליינינקן, אַ דאַרינקן, אַ שוואַרצינקן, מיט ברענענדיקע אויגן און איך האָב באַלד באַמערקט, אַז ער איז גאָרנישט אַזוי קליין ווי ער ווייזט אויס. ער ווייזט אויס אַזוי קליין, ווייל ער איז שטאַרק דאַר. געוויינלעך זעען דאַרע אויס שלאַנק און געשטרעקט, אָבער אַמאָל מאַכט זיך, אַז ווען מען איז צו־דאַר, זעט מען אויס קלענער ווי מען איז...

אָט אָ דער פּרט האָט מיך צום איבעריקן איבערצייגט, אַז ש. מיללער איז אַ קרעפטיקער טאַלאַנט און אַז עס איז נישט און יאָ פאַראַן אַ שייכות צווישן דעם פיזישן כוח פון אַ שרייבער און צווישן דעם כוח פון זיין טאַלאַנט. עס איז נישט פאַראַן קיין שייכות, ווייל מען קען זיין שוואַך און שרייבן מיט גבורה, און עס איז דאָך פאַראַן אַ שייכות, ווייל מען פילט אין שרייבן די גבורה.

נישט צופעליק האָט מיך מיללער באַשטעלט אין דער ביבליאָטעק און נישט צוליב פּאָזע. די ביבליאָטעק איז זיין צווייטע היים און אפשר טאָקע די ערשטע. דאָס צימערל וואָס ער באַוווינט אינאיינעם מיט זיין געטרייער חברטע, איז פאַר אים אַ סך ווייניקער היים ווי די ביבליאָטעק, וווּ ער ליגט איבער גאַנצע טעג. ער לייענט ביז היינט רוסיש. ער כאַפּט אויך אַ לייען אין אַנדערע שפּראַכן און שוין אוודאי אין ענגליש. אָבער ער לייענט ענגליש אַזוי, אַז ער זאָל האָבן אין די פיס, נוצנדיק לייוויקס אַן אויסדרוק, לייכטקייט פון אַ גר.

מען האָט געמיינט, אַז מיללער איז אַ פאַרוואָרפענער, פּראָווינציע־לער יונגער שרייבער, וואָס האָט אַ סך טאַלאַנט, אָבער ווי אַ סך טאַלאַנ־טירטע שרייבער, ווייניק וויסן; און ער איז אַנדערש: ער איז אַ קולטור־מענטש אין פולסטן זין פון וואָרט. און עס איז מאָדנע: — אַ יונגער שריי־בער, אַ רעאַליסט, ערטערווייז בפירוש אַ נאַטוראַליסט. און אַ געלערנ־

טער מאַן. און ביידע — דער קרעפּטיקער טאַלאַנט און די געלערנטקייט — גייען אַריין אין דעם שוואַכן קערפּערל... ווען מיללער וואָלט נישט געהאַט אַזעלכע יידישע אויגן, וואָלט מען געקענט מיינען פון זיין אויסערלעכקייט, אַז ער איז אַ פראַנצויזישער דיכטער פון אַכצנטן יאָרהונדערט. זיין געלערנטקייט האָט מיר אים אויך פאָרגעשטעלט גבורהדיק, כאָטש מ׳האָט ביי אונדז געזאָגט: „התורה מתשת כחה של אדם״. איי די לאַטיינישע אַקסיאָמע זאָגט „אַ געזונטער גייסט אין אַ געזונטן קערפּער״? פאַסירט אַמאָל, אַז דער גייסט איז אַזוי געזונט, אַז ער עסט אויף דעם קערפּער. שפּינאָזע יוכיח, שפּינאָזע באַווייזט דאָס! און אַ ביסל ענלעך צו שפּינאָזען איז טאַקע ש. מיללער.

און כאָטש דער גייסט איז ביי מיללערן אַזאַ שטאַרקער און דער קערפּער אַזאַ שוואַכער, איז אין זיין געדאַנק פאַראַן געמיש פון קערפּערלעכער און גייסטיקער גבורה. זיין וואָרט איז קיינמאָל נישט גייסטיק נאַקעט, נאָר ס׳איז שטענדיק פּיזיש באַקליידט. ער איז אַ געלערנטער רעאַליסט! ער איז אַ רעאַליסט, וואָס דערהויבט זיך פון צייט צו צייט צו סימבאָליזם.

ש. מיללערן קומט אַ פּלאַץ אין דער יידישער ביבליאָטעק. אַן אויבנאָן פּלאַץ צווישן די דאָזיקע געציילטע שרייבער, וואָס האָבן געשילדערט אָרגאַניש און פון אינעווייניק אַרויס דאָס יידישע לעבן אין רוסלאַנד בעתביידע רעוואָלוציעס און דאָס יידישע לעבן פון די פאַראייניקטע שטאַטן. צי דער גאַנג זיינער, דער גאַנג פון רעאַליסטיש שילדערן דאָס יידישע לעבן איז אַ ריכטיקער, איז אַ פּראַגע. אַזאַ שטייגער שילדערן קען אַמאָל ווייזן אַ גול דאָרט, ווו עס זענען פריער פאַראַן ציפערן. עס קען אַמאָל שוין זיין זייער ווייניק קערפּער און גייסט זאָל זיין לדורות. שטעלן מיר מיללערן אַריין אי ווי איינעם פון די וויכטיקסטע נאָרד־אַמעריקאַנער יידישער שרייבער, אי ווי אַ פּראָבלעם פון דער יידישער פּראָזע.

ביכער פון זעלבן מחבר

נאָך דער פאָרשטעלונג — (גראָטעסקן און בילדער פון יידישן לעבן), 173 זייטן, בוענאָס איירעס, 1926.

הערשעלע אָסטראָפּאָליער — טראַגיקאָמעדיע אין 3 אַקטן), 41 זייטן, בוע־נאָס איירעס, 1928 (אויספאַרקויפט)

פוןביידע זייטן ים — נאָוועלן, גראָטעסקן און בילדער), 156 זייטן, בוענאָס איירעס, 1929.

בעסאַראַביע — (לעגענדעס, מעשהס און בילדער), 125 זייטן, בוענאָס איירעס, 1929.

משה לייב האַלפּערן — (אַ קליין קרענצל אויפן קבר פון אַ גרויסן דיכ־טער), 56 זייטן, בוענאָס איירעס, 1932.

פּאָרטרעטן פון יידישע שרייבער — 277 זייטן, וואַרשע, 1932 (אויספאַרקויפט)

דראַמען — (ר' בער ליעווער, צווישן רעוואָלוציאָנערן, הערשעלע אָסטראָ־פּאָליער), 186 זייטן, בוענאָס איירעס, 1932.

די לעבנס־געשיכטע פון אַ יידישן זשורנאַליסט — (מעמואַרן)
ערשטער באַנד: 398 זייטן; בוענאָס איירעס, 1942
צווייטער באַנד: 414 זייטן; בוענאָס איירעס, 1942
דריטער באַנד: 444 זייטן; בוענאָס איירעס, 1942
(אַלע אויספאַרקויפט)

מיר ווילן לעבן — (ראָמאַן אין פיר טיילן), 521 זייטן, בוענאָס איירעס, 1944. (אויספאַרקויפט)

בראשית פון מדינת ישראל — (רעפּאָרטאַזשן), אין צוויי בענד, 536 זייטן, בוענאָס איירעס, 1948. (אויספאַרקויפט)

מאַמע יידיש — (עסייען און לעקציעס), 275 זייטן, בוענאָס איירעס, 1949.

Este libro se terminó de imprimir el día 25 de Marzo del año 1952, en los Talleres Gráficos Zlotopioro Hnos., de la calle Gascón 1231, en Buenos Aires (República Argentina)